STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09398

VELTGESHIKHTE FUN URALTER TSAYTEN BIZ HAYNTIGEN TOG

Y. G. Fogt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

אילוסטרירט.

צעהנטער באנד: די נייעסטע צייט.

ניו יאָרק:

היברו פאבלישינג קאמפאני.

.1918

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

אינהאַלט־פערצייכניס
פון צעהנטען באַנד.

די געשיכטע פון דייטשלאַנד (1815—1848).

די רעאַקציאָנערע ענטוויקלונג פון דער דייטשער פּאָליטיק . 1

קאָטצעבוע ז. 5. מעטטערניך און די „הייליגע אַלליאַנץ" ז. 9. די גע־
היימע געזעלשאַפטען ז. 13. זיד־דייטשע קאָנסטיטוציאָן ז. 15.
האַמבאַכער פעסט ז. 17. פערפאָלגונג פון די בורשענשאַפטען ז. 19.
דער צאָל־פעראיין ז. 21. די זיבען געטטינגער פּראָפעסאָרען ז. 25.
רעאַקציאָן אין עסטרייך ז. 27. די ליטעראַטור ז. 29. פּאָליטישע דיכ-
טונג ז. 31. פרייליגראַטה ז. 33. פריעדריך ווילהעלם דער 4טער ז. 33.
רעליגיעזע שטרייטיגקייטען ז. 37. דער פּרייסישער בויער ז. 41
די אַרבייטער ז. 45.

די רעוואָלוציאָן פון יאָהר 1848 48

ווירקונג פון דער פּאַריזער פעברואַר־רעוואָלוציאָן ז. 53. בעוועגונג
אין באַדען ז. 55. אויפשטאַנד אין וויען ז. 59. אויפרעגונג אין בער-
לין ז. 64. דער 16טער מערץ ז. 65. זיג פון דער רעוואָלוציאָן ז. 71.
דער פאָר־פּאַרלאַמענט ז. 73. נידערלאַגע פון דער רעפּובליקאַנישער רע-
וואָלוציאָן ז. 77. די לאַגע אין עסטרייך ז. 83. וויענער באַריקאַדען־
קאַמף ז. 89. די פּרייסישע קאָנסטיטוציאָן ז. 99. די זיד־דייטשע
מאַי־רעוואָלוציאָן ז. 102. די פאָלקס־פערזאַמלונג אין אָפפענבורג ז.
103. דער קאַמף אין באַדען ז. 105. די רעוואָלוציאָן אין דעם קיר-
כען־שטאַאַט ז. 107. די רעוואָלוציאָן אין אונגאַרן ז. 109.

די העכערע גייסטיגע קולטור־ענטוויקלונג זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

זייט

פילאָזאָפיע 115

עמאַנועל קאַנט ז. 115. פיכטער ז. 117. העגעל ז. 118. שאָפּענ־האַוער ז. 118.

די וויסענשאַפטען 120

געאָלאָגיע ז. 120. אַסטראָנאָמיע ז. 121. כעמיע ז. 123. דאַרווין ז. 126. פּאָליטישע עקאָנאָמיע ז. 127. אַדאַם סמיטה ז. 127. ריקאַרדאָ ז. 129.

די ליטעראַטור און קונסט 131

אין פראַנקרייך ז. 131. אין נאָרוועגען ז. 135. אין דייטשלאַנד ז. 136. אין איטאַליען ז. 136. אין שפּאַניען ז. 137. אין ענגלאַנד ז. 138. אין נאָרד־אַמעריקאַ ז. 142. אין רוסלאַנד ז. 143. מוזיק ז. 144. מאַלעריי ז. 146. סקולפּטור ז. 150. די וויסענשאַפטען און די קלאַסען פון דער געזעלשאַפט ז. 151.

די נייעסטע אידישע געשיכטע.

איינלייטונג.

די אידען ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן 152

דאָהם'ס בוך וועגען אידען ז. 153. פּרייסען ז. 154. עסטרייך ז. 157. פראַנקרייך ז. 158. נידערלאַנד, ענגלאַנד, שווייץ און סקאַנדינאַוויען ז. 161. פּוילען ז. 163. אידען אויסערהאַלב איראָפּאַ ז. 165.

דער גאַנג פון דער נייעסטער אידישער געשיכטע 166

אַסימילאַציאָן און נאַציאָנאַליזם ז. 167.

עפּאָכע פון דער ערסטער עמאַנציפּאַציאָן. (1789—1815).

די עמאַנציפּאַציאָן פון אידען אין פראַנקרייך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן אין דער אימפּעריע 168

אידישע פראַגע פאַר דער פאָלקס־פערזאַמלונג ז. 169. די אידישע דע־פּוטאַציאָן ז. 175. געפאַהר פון פּאָגראָמען אין עלזאַס ז. 177. נאַפּאָ־

זייט

לעאָן און די אידען ז. 180. דער סנהדרין ז. 185. דער שענדליכער דעקרעט ז. 187.

די עמאַנציפּאַציאָן פון אידען אין אַנדערע לענדער פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט 189
אין האָללאַנד ז. 189. איטאַליען ז. 192. אין דער שווייץ ז. 194.

די עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד 196
דוד פריעדלענדער ז. 197. די שמד־עפּידעמיע ז. 200. הענריעטטע הערץ ז. 200. רחל לעווין ז. 202. געזעץ פון גלייכע רעכטען פון אידען אין פּרייסען ז. 204. אַסמילאַציאָן ז. 207. אידען אין מעקלענבורג ז. 209. אין באַדען 210. נייע ליטעראַטור ז. 210.

די אידען אין עסטרייך 211
אַלגעמיינע פּאָליטיק ז. 211. די „טאָלערירטע אידען" ז. 213. הערץ האָמבערג ז. 215. קולטור־צושטאַנד ז. 217.

די אידען אין פּוילען אין דער צייט פון דער לעצטער צוטיילונג 218
בוטרימאָוויטש ז. 219. אידישע שתדלנים פאַר'ן פּוילישען קעניג ז. 221. בערעק יאָסעלעוויטש ז. 222.

דער נייער אידישער צענטער אין רוסלאַנד 225
דער אידישער תחום ז. 225. אונטער פּאַוועל דעם 1טען ז. 226. די געזעצען וועגען אידען פון יאָהר 1804 ז. 229. אָפּשאַפונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע ז. 231. עקאָנאָמישער צושטאַנד ז. 235. שפּאַלטונג צווישען חסידים און מתנגדים ז. 237.

די עפּאָכע פון דער ערסטער רעאַקציאָן (1848—1815).

דער קאַמף פיר גלייכע רעכטען אין דייטשלאַנד 241
די אידען־פראַגע אין ווינער קאָנגרעס ז. 241. פראַנקפורטער שטרייט ז. 245. רעאַקציאָן אין פּרייסען ז. 247. גבריאל ריססער ז. 248. די לאַנדטאַגען און די אידען ז. 251. אידען אין באַדען ז. 255. אין קורהעססען ז. 256. אין ווירטעמבערג ז. 256. אין זאַקסען ז. 257. אין מעקלענבורג־שווערין ז. 258.

זייט

די רעליגיעזע רעפאָרמע אין דייטשען יודענטום 259

דער „טעמפעל־קאַמף ז. 259. בעגרינדער פון דער רעפאָרמאַציאָן ז. 260. אברהם גייגער ז. 261. זכריה פראַנקעל ז. 263. שמואל האָלדהיים ז. 263. לודוויג פיליפּסאָן ז. 264. רעפאָרמע אין די תפלות ז. 265. חכמת ישראל ז. 267. לעאָפּאָלד צונץ ז. 267—269. י. מ. יאָסט ז. 270. בערנע ז. 271. היינע ז. 273.

בירגערליכע רעכטלאָזיגקייט און דער קולטור־קאַמף אין עסט־רייך 275

די „טאָלעריטע" אין וויען ז. 275. דאָס סיסטעם פון דריקען די אידען אין בעהמען, מעהרען און גאַליציען ז. 278. אידען אין אונגאַרן און די איטאַליענישע פּראָווינצען ז. 279. רעפאָרמע פון יודענטום אין עסטרייך־אונגאַרן ז. 281. ר' יצחק נח מאַננהיימער ז. 281. מיכל זאַכס ז. 282. מחלוקות צווישען אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמיסטען ז. 283. אויפלעבונג פון דער ליטעראַטור ז. 283. שלום הכהן ז. 284. ר' שלמה ליב ראַפּאַפּאָרט (שי"ר) ז. 284. נחמן קראָכמאַל ז. 285. שמואל דוד לוצאַטטאָ (שד"ל) ז. 285.

די אונטערדריקונג פון די אידען אין רוסלאַנד 286

אונטער אלכסנדר דעם 1טען ז. 287. מאַסרעגלען פון ניקאָלאַי דעם 1טען ז. 289. רעקרוטשינע און קאַנטאָניסטען ז. 292. רוסישע געזעצע וועגען אידען פון 1835 ז. 296. קאַזיאָנע בילדונג און אָפּשאַפונג פון קהל ז. 299. ליליענטהאַל ז. 301. ספּעציעלע אידישע שטייערן ז. 303. איינטיילונג פון אידען אין קלאַסען ז. 305. משה מאָנטעפיאָרע אין רוסלאַנד ז. 306. בלוט־בלבולים ז. 307. וועליזשער בלוט־בלבול ז. 309. מוסרים ז. 313. אידען־פראַגע אין פּוילען ז. 314. אַסימילאַציאָן ז. 317. אָנטהל פון אידען אין פּוילישען אויפשטאַנד ז. 319. דער אָנפאַנג פון השכלה ז. 320. ר' מנשה איליער ז. 321. יצחק בער לעווינזאָהן ז. 325. מרדכי אהרן גינצבורג ז. 328. אברהם בער לעבענזאָהן ז. 328. ווילנער משכילים ז. 329.

קליינע אידישע צענטערן אין אייראָפּאַ און אויסער אייראָפּאַ 330

פראַנקרייך ז. 330. יאָזעף סאַלוואַדאָר ז. 333. אַדאָלף פראַנק ז. 335. שלמה מונק ז. 335. איטאַליען ז. 337. עמאַנציפּאַציאָן אין ענגלאַנד

זייט

ז. 340. בנימין דיזראַעלי (ביקאָנספיעלד) ז. 343. אידען אין אַמע-ריקאַ ז. 344. מרדכי עמנואל נח ז. 344. דער בלוט־בלבול פון דמשק ז. 347. דער בלוט־בלבול פון רהאָדאָס ז. 349. קרעמיע און מאָנטע-פיאָרע פאַר'ן הערשער פון עגיפּטען ז. 350—351.

די געשיכטע פון פראַנקרייך.

די פּרעזידענטשאַפט פון לואיס נאַפּאָלעאָן 354

אונטערדריקענדע געזעצע ז. 359. דער 2טער דעצעמבער ז. 363. נאַ-פּאָלעאָן דער 3טער ז. 366.

נאַפּאָלעאָן דער 3טער אַלס קייזער און די אויסווערטיגע מלחמות 367

דער קרימער קריג ז. 367. אבד־על־קאַדער ז. 373. אַריינמישונג אין איטאַליען ז. 377. גאַריבאַלדי ז. 379. די איינהייט פון איטאַליען ז. 385. די פראַנצויזען אין מעקסיקאָ ז. 389.

די געשיכטע פון ענגלאַנד פון 1848 ביז צו דער נייעסטער צייט.

די אינערע אַנגעלעגענהייטען 393

קריסטליכער סאָציאַליזם ז. 393. אַרבייטער־געזעלשאַפטען ז. 397. אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַססאָציאַציאָן ז. 398. ענגלישער סאָצי-אַליזם ז. 399. דיזראַעלי (לאָרד ביקאָנספיעלד) ז. 402. גלאַדסטאָן ז. 403. רעפאָרמעס פון פּאַרלאַמענט ז. 405. געהיימער בונד פון אירלענ-דער ז. 407.

די אויסלענדישע פּאָליטיק פון ענגלאַנד 408

אויפשטאַנד אין אינדיען ז. 409. פערשווערונג אין יאַמאַיקאַ ז. 411. קריג אין סודאַן (עגיפּטען) ז. 412.

די געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקאַ.

די שקלאַפּעריי ז. 414. שטרייטיגקייט צווישען נאָרד און זיד ז. 419. פּרעזידענט אַבראַהאַם לינקאָלן ז. 421. מלחמה פון די זידליכע שטאַא-טען מיט די נאָרדליכע ז. 423. דזשעפערסאָן דעיווים ז. 422. גענעראַל

גראַנט ז. 433. פּרעזידענטען הייעז, גאַרפיעלד, אַרטהור ז. 434. פּרעזי-
דענט קליוולאַנד ז. 435. „לינטש-געריכט" ז. 436. פּעהיגקייט פון אַמע-
ריקאַנער ז. 437. נאַטירליכע רייכטימער פון די פעראייניגטע שטאַ-
טען ז. 439. אַרבייטער-בעוועגונג ז. 445. הענרי דזשאָרדז ז. 447.
סאָציאַליסטישע אַרבייטער-פּאַרטיי ז. 448. שפּאַלטונג פון דיזער פּאַר-
טיי ז. 448. לאַגע פון די אַרבייטער ז. 449.

די געשיכטע פון דייטשלאַנד

(1848—1815).

א. די רעאקציאָנערע ענטוויקלונג פון דער דייטשער פּאָליטיק.

עס איז ווירקליך צו בעוואונדערן די לעבענס־קראַפט פון פראַנצויזישען פּאָלק, זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע. אמת, אויך אין דער געשיכטע פון דיזען וואונדערבארען פּאָלק זיינען געווען צייטען פון שטילשטאַנד און זאָגאר פון ריקשריט. אויך דאָ איז געמאַכט געוואָרען א פערזוך צו בינדען אַ פרייעס פּאָלק און געבען איהם אַן אַבסאָלוטען הערשער. אָבער דאָס פּאָלק האָט זיך ניט געלאָזען לאַנג פערבלייבען אין אַן ענגען קנעכטישען צושטאַנד. אמאָל איז די בורזשואזיע און אַן אנדערען מאָל זיינען די פּראָלעטאַריער ארוים פון געדולד און האָבען צוריסען די קייטען, וואָס דער אַבסאָלוטיזם האָט אויף זיי אָנגעטאָן, און האָבען זיך פערשאַפט פרייהייט און אַ בעסערע פערפאַסונג.

אָבער ווי גאַנץ אַנדערש איז עס אין דייטשלאַנד! דאָס דייטשע פּאָלק איז בעגייסטערט געוואָרען מיט דער פערשפּרעכונג פון אַ פרייער קאָנסטיטוציאָן, און מיט דיזער בעגייסטערונג איז עס אריינגעצויגען געוואָרען אין אַ פרייהייטס־קריג. אָבער דאָס פערגאָסענע בלוט פון פּאָלק האָט פערשאַפט פרייהייט נאָר צו די פירסטען. דאָס פּאָלק איז בערויבט געוואָרען פון די פרוכט פון זיינע אָפּפער. זאָגאר די בורזשואזיע האָט ניט בעקומען קיין פערפאַסונג, וואָס זאָל דינען איהרע אינטערעסען. דער פעאָדאַליזם האָט ווייטער געהערשט. און דאָך האָט זיך דאָס פּאָלק ניט ערהויבען געגען דער רעגירונג, וועלכע האָט אַזוי שענדליך געבראָכען דאָס וואָרט, וואָס זי האָט געגעבען דעם פּאָלק. עס האָט ניט געבויט קיין באַריקאַדען אום צו שטירצען דעם טראָן, עס האָט נאָר אויסגעדריקט אין געשרייען זיין אָהנמעכטיגען צאָרן. עס האָט געמוזט קומען אַ שטופּ פון אוי-

סען, פון פראַנקרייך, אום עס זאָל זיך ערהויבען געגען דער רעגירונג. און אויך דאָן — מיט וואָס פיר אַ שוואַכער, טעמפּער ענערגיע דער אויפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרען! דאָס יאָהר 1848, וועלכעס איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דאָס שטורם־יאָהר", מיט זיין גרויסען ערפאָלג, דעם פּאַרלאַמענט אין פראַנקפורט, איז אַ מין קאַריקאַטורע אין פערגלייך מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אין דער יוני־שלאַכט. ניט מיט זייער אייגענער קראַפט האָבען די דייטשען ערוואָרבען דאָס ביסעל פרייהייט, נאָר זיי האָבען עס ערהאַלטען פון דער רעגירונג, ווייל די פעאָדאַל־הערן האָבען מורא געהאַט פאַר דער זיגענדער קראַפט פון די פראַנצויזישע אידעען. די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען מיט זייער בלוט אויסגעקעמפט אַ פּאַסענדע קאָנסטיטוציאָן פיר די בורזשואַזיע, האָבען אויך פיר דאָס דייטשע פאָלק פערשאַפט די גיטער פון דעם מאָדערנעם פּאָליטישען לעבען.

דעם 26טען סעפּטעמבער 1815 האָבען די 3 הערשער: אַלכסנדר דער 1טער פון רוסלאַנד, פראַנץ פון עסטרייך און פריעדריך ווילהעלם דער 3טער פון פּרייסען, געשלאָסען אין פּאַריז אַ מערקווירדיגע פעראייניגונג אונטער דעם נאָמען „די הייליגע אַלליאַנץ" (דער הייליגער בונד). דער רעליגיעזער אַלכסנדר איז אומגעגאַנגען מיט אַ פּלאַן דורכצופיהרען און איינאָרדנען אַ רעליגיעזע קריסטליכע וועלט־אָרדנונג, און ער האָט געגלויבט, דאָס ער איז דערצו ערוועהלט געוואָרען פון גאָט זעלבסט. דיזער הערשער האָט מיט זיין געפיהל־שווערמעריי פערפאַסט דעם גרונד־פּלאַן פון דיזען הייליגען בונד. לויט דיזען פּלאַן זיינען די אַלע אייראָפּעאישע לענדער איין גרויסע פאַמיליע, די קריסטליכע ברודער־ליבע איז דאָס העכסטע געזעץ פיר פירסטען און פעלקער. די פעלקער האָבען באַלד מיט גרוים שרעק זיך דערוואוסט, וואָס זיי קענען ערוואַרטען פון דיזען „הייליגען" בונד. דאָס איז געוועזען אַן אינסטרומענט פיר מעטטערניך, דעם עסטרייכישען מיניסטער, צו זיכערן די אינטערעסען און די רוהע פון די אייראָפּעאישע פירסטען און דערשטיקען יעדען וואונש און יעדע בעוועגונג פון די פעלקער צו ערווערבען פיר זיך אַ זעלבשטענדיגעם פרייעס לעבען. די „הייליגע אַלליאַנץ" איז געוואָרען אַ נידערטרעכטיגע פּאָליציי־אַנשטאַלט, מיט דער הייליגער אַלליאַנץ האָט זיך אָנגעפאַנגען די צייט פון דער ערגסטער רעאַקציאָן. דאָס איז געווען אַ מאַסקע, אונטער וועלכער עס איז געווען לייכט צו דערשטיקען די פּערזענליכע פרייהייט און זיכערהייט פון דער אייראָפּעאישער מענשהייט.

דער דייטשער בונדעסטאַג איז געווען אַן אינסטיטוציאָן אָהן מאַכט. באַלד נאָך דעם, ווי דער פאַריזער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען, האָט ענגלאַנד איבערשוועמט דעם דייטשען מאַרק מיט איהרע פאַבריקאַנטען, און האָט דערדריקט יעדע אינלענדישע קאָנקורענץ. זעהר פיעלע דייטשע האַנדעלס־פירמעס האָבען באַנקראָטירט. די דייטשע פאַבריקאַנטען האָבען זיך געווענדט צו דער אַלליאַנץ וועגען שוץ, אָבער אומזיסט, זיי האָבען

מעטטערניך.

ניט געהאַט קיין ערפאָלג, וואָרום דער בונד איז בעשאַפען געוואָרען מיט דעם צוועק נאָר צו פערשאַפען די פירסטען שוץ, אום זיי זאָלען קענען אונגעשטערט אָנהאַלטען זייער אַבסאָלוטיזם, אָבער ניט צו זיכערן די אינטערעסען פון די בירגער. דער בונד האָט אויך גאָרניט געקענט טאָן אום אָפּצושאַפען דעם צאָל־טאַריף צווישען די איינצעלנע שטאַאַטען, וואָס איז געווען אַזוי נעטיג צו טאָן אין די יאָהרען 1816 און 1817, ווען די ערנטע

אין אייניגע לענדער איז געווען זעהר שלעכט און אין אייניגע ערטער איז געווען א שרעקליכער הונגער. דער דייטשער בונדעסטאַג איז געווען אַזוי ווייט אַהנמעכטיג, דאַס ער איז ניט געווען אין שטאַנד צו טאָן עטוואַס גע-גען האָללאַנד, וועלכע האָט פערשפּאַרט די רהיין=מינדונג און האָט גע-שטערט דעם דייטששען פרייען האנדעל, וועהרענד דער וויענער פרידען האָט אויסדריקליך בעשטימט, דאַס דער רהיין זאָל זיין פריי פיר דעם דיי-טשען האנדעל ביז אין ים אריין.

דער רעזולטאַט פון דער בעגייסטערונג פון דעם פרייהייטס=קריג איז געווען, דאַס די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דייטשלאַנד האָבען שטאַרק געליטען, און אין אויסלאַנד איז דאַס דייטשע בירגערטום געוואָרען א גע-גענשטאַנד פון שאַנדע און שפּאָט. מען האָט געהאָפּט און מען האָט גע-טרוימט, אַז דאַס דייטשע קייזערדייך וועט מאַכען נייע רעפאָרמעס און וועט צולאָזען דאַס פאָלק אַנטייל צו נעהמען אין דער געזעצגעבונג און אין דער רעגירונג, אָבער פון די אַלע האָפנונגען איז גאָרניט געוואָרען. אַנ-שטאָט צו בילדען איין גרויסע מעכטיגע מדינה איז דייטשלאַנד געבליבען, ווי פריהער, צוברעקעלט אויף קליינינקע מלוכה'לאַך, וועלכע האָבען גע-דריקט איינע די אַנדערע מיט זייערע צאָל=טאַריפען, און האָבען געשאַדט איינע די אַנדערע אין האנדעל און אינדוסטריע מיט זייערע פערשיידענע מינצען, מיט זייערע אָפּגאַבען או. אַז. וו. און וואָס אַנבעטרעפט דעם אַנטייל פון פאָלק אין דער רעגירונג, וואָס דער 13טער ארטיקעל פון דעם טראַקטאַט פון הייליגען בונד האָט פערשפּראָכען, האָבען די פערטרעטער פון דער רעאַקציאָנערער ריכטונג זיך באַלד געגעבען אַלע מיה דאַס צו פער-הינדערן ווי ווייט זיי האָבען געקענט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די בירגער פון דייטשלאַנד האָבען באַלד פערלאָרען דעם גאַנצען מוט. נאָר די יוגענד, די סטודענטען, האָבען נאָך געהאַט אין זיך דעם פייער, וואָס האָט בעגייסטערט דאַס פאָלק אין די צייטען פון דעם פרייהייטס=קריג. זיי האָבען געבילדעט בור-שענשאַפטען (פעראיינען), וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו פער-ברייטערן און ענטוויקלען דעם אידעאַל פון פעראייניגען דייטשלאַנד. די פאַרבען פון די פאָהנען פון דיזע בורשענשאַפטען זיינען געווען: שוואַרץ, רויט און גאָלד. זייער אָרגאַניזאַציאָן איז געווען א דעמאָקראַטישע. דיזע בורשענשאַפטען זיינען באַלד געוואָרען א גרויסע מאַכט אין די אוניווערזי-טעטען, איבערהויפּט אין ברעסלוי, קעניגסבערג, ערלאַנגען, און מעהר ווי אין אַלע אין דער אוניווערזיטעט פון יענא.

אום צו פערגרעסערן און פערשטארקערן די מאכט פון דיזע בורשענ־שאַפטען האָט ד ר. י א ה ן (זעה ווייטער) געמאַכט א רייזע איבער אַלע דייטשע אוניווערזיטעטען מיט דעם פּלאַן צו פערבינדען אַלע סטודענ־טען־פעראיינען. די אידעע איז אַלעמען געפעלען געוואָרען, און אין יאָהר 1817 איז דיזע פעראייניגונג געוואָרען א פאקט. אין וואַרטבורג האָבען זיך די סטודענטען פערזאמעלט אין דעם געדענק־טאָג פון לייפּציגער זיג און האָבען מיט פאקלען אין די הענט זיך בעגעבען אויף דעם וואַרטבערג, אום היר, נאָך דעם מנהג פון די לעצטע יאָהרען, אַנצוצינדען דעם אָקטאָ־בער־פייער. ווען די פלאַמען האָבען שטארק אויפגעפלאַקערט האָט א סטו־דענט פון דער אוניווערזיטעט אין יענא, מיט'ן נאָמען ק א ר ל מ א ס ס־מ א נ ן, געהאַלטען א דורענדע רעדע, וועלכע ער האָט געענדיגט אריינ־ווארפענדיג אין פייער א מאַסע רעאַקציאָנערע שריפטען.

מיט דיזער טאַט האָבען די בורשענשאַפטען צוגעצויגען צו זיך דעם האַס פון דער רעגירונג. דער קעניגליכער פּרייסישער פּאָליציי־מיניסטער האָט צוגעשיקט צום גרויס־הערצאָג פון ווייטאַר אַן אנקלאַגע אויף די „פערוויילדעטע פּראָפעסאָרען און פערפיהרטע סטודענטען". די אויפרע־גונג פון די רעגירונגען איז געוועזען אַזוי גרויס, דאָס וויען און בערלין האָ־בען געפונען פיר נעטיג צו שיקען נאָך ווייטאַר צום גרויס־הערצאָג 2 ספּע־ציעלע בעפולמעכטיגטע, אום צו ערפאַהרען אויף'ן אָרט וועגען דער לאַגע. אין יאָהר 1818, ווען דער קאָנגרעס פון די גרויס־מעכטען האָט זיך פער־זאמעלט אין אַאכען, האָט א רוסישער שטאַאטס־ראַט, אונטעררייכטעט פון ק אָ ט צ ע ב ו ע, וועלכער איז געשטאַנען אין דעם דינסט פון צאַר, דער־לאַנגט צום קאָנגרעס א דענקשריפט, אין וועלכער די דייטשע אוניווערזי־טעטען ווערען בעשולדיגט, דאָס זיי זיינען נעסטען פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. צוזאַמען מיט דעם האָט דיזע דענקשריפט געפאָדערט פון גרויס־הערצאָג פון ווייטאַר, אַז ער זאָל אונטערדריקען די פרייהייט פון דער פּרעס. דער הערצאָג האָט געמוזט נאָכגעבען. ל ו ד ע ן, דער רעדאַקטאָר פון דעם אָפּאָזיציאָנס־בלאַט „נעמעזיס", איז געוועזען געצוואונגען אויפצו־געבען זיין בלאַט; דער פּראָפעסאָר א ק ע ן איז ענטזאגט געוואָרען פון זיין שטעלע דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויפגעבען זיין בלאַט „איזיס".

אָבער די רעאַקציאָן האָט דערגרייכט דעם געגענטייל פון דעם, וואָס זי האָט געוואָלט. די בורשענשאַפטען זיינען געוואָרען נאָך מעהר ראַדיקאַל. זיי האָבען פערטיידיגט דעם פּאָליטישען מאָרד, וואָס א סטודענט איז בע־

גאַנגען; זיי האָבען זאָגאַר פערטיידיגט געמיינע פערברעכענס פון זייערע קאָלעגען, ווי גנבה און פאַלש שווערען. צו דיזע ראַדיקאַלען האָט געהערט אויך דער סטודענט קאַרל זאַנד פון יענא. דיזער האָט בעשלאָסען צו ערמאָרדען דעם פערהאַסטען קאָטצעבוע מיט דעם צוועק צו זעהן, אויב דאָס דייטשע פאָלק איז אין שטאַנד מסכים צו זיין אויף אַ פּאָליטישען מאָרד און בענוצען זיך מיט איהם ווען מען האָט עס נעטיג. דעם 23טען מערץ 1819 האָט ער זיין בעשלוס דורכגעפיהרט אין מאַננהיים. ער האָט דעם בעצאָהלטען אַגענט פון צאַר אייניגע מאָל אריינגעשטאָכען אַ מעסער אין ברוסט מיט די ווערטער: „דאָס איז דיין לוין, דו פעררעטער פון פאָטערלאַנד”. נאָכדעם האָט ער מיט דעם זעלבען מעסער אויך זיך זעלבסט געמאַכט אַ טיפע וואונד. מען האָט איהם פעראורטיילט און הינגעריכטעט דעם 20טען מאַי 1820 נעבען מאַננהיים.

זאַנד'ס הינריכטונג האָט געהאַט אַ גרויסע אונערוואַרטעטע ווירקונג אויף די בירגער. דאָס פאָלק איז געוואָרען שרעקליך ערביטערט געגען דער רעגירונג און בעזונדערס געגען דער רעאַקציאָן, און מען האָט איבעראַל געטרויערט אויף זאַנד'ס טויט. פיעלע בירגער פון מאַננהיים האָבען פערלאָזען די שטאָדט מאַננהיים אום ניט בייצוואוינען די הינריכטונג פון זאַנד'ן. מען האָט געקליבען פון עשאַפאָט שטיקלאַך און מען האָט זיי פערהייליגט ווי רעליקוויען (הייליגע אַנטיקען). עס זיינען דאַמאָלס פערקויפט געוואָרען מאַסען רינגען און מעדאַליאָנען מיט זאַנד'ס בילד. זעהר פיעלע טרערען זיינען פערגאָסען געוואָרען אויף זאַנד'ס טויט. די לאָנקע, וועלכער זאַנד איז הינגעריכטעט געוואָרען, האָט דאָס פאָלק געגעבען אַ נאָמען „די היממעלפאַהרטס-וויעזע”.

קאָטצעבוע'ס טויט האָט געגעבען דער רעאַקציאָן אַ תירוץ צו פערשטאַרקען איהר ארבייט און נאָך מעהר אונטערצודריקען דאָס פאָלק. די רעאַקציאָנערען האָבען בעשלאָסען אָנצופאַנגען אַ רעגעלמעסיגען פעלדצוג געגען די זעלבשטענדיגקייט פון פאָלק און געגען דעם פערלאַנג פון פאָלק צו נעהמען אָנטייל אין דער רעגירונג. צוויי קלאַסען האָבען פיעל געהאָלפען צו פיהרען דיזען קאַמף: די בעאַמטע און די אַריסטאָקראַטען. „די גרעסטע פיינד פון אַ קאָנסטיטוציאָן”, האָט געשריבען שטיין צו אַרנדט'ן, „זיינען די בעאַמטע. דיזע ווינשען פאָרטצוזעצען זייער געהיימע שרייבעריי, זיי דענקען, דאָס דורך אַ רעפּרעזענטאַטיווע קאָנסטיטוציאָן וועלען זיי האָבען אַן אמת'ע פעראַנטוואָרטליכקייט אָנשטאָט דער יעצטיגער לפנים'דיגער פעראַנטוואָרטליכקייט צו אויבערע בעאַמטע, וועלכע זיינען

ווייט פון זיי". נאָך שאַרפער זיינען געווען די אַריסטאָקראַטען געגען וועלכער עס איז רעפאָרמע. אין פיעלע דייטשע הויפען האָבען זיך געבילדעט קאַמאַריללאַס, ד. ה. קרייזען פו אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען בעהערשט די פירסטען און די מיניסטאָרען און האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו ווירקען געגען דעם צייטגייסט. דאָס איז געווען אַ מין געהיימע מיט־רעגירונג, וועלכע האָט געזאָגט די גרעסטע דעה אין אַלע וויכטיגע פראַגען.

דעם ערסטען אָנגריף האָבען די רעאַקציאָנערען געמאַכט אויף די מענער, וועלכע זיינען געווען די הויפט־אַגיטאַטאָרען פון די בעפרייאונגס־קריגען. אין מערץ 1819 זיינען געשלאָסען געוואָרען אַלע טורן־פלעצער (ד. ה. ערטער, וואו פיעלע פון פאָלק פלעגען זיך איבען אין גימנאַסטיק). די נאַכט פון 13 יולי איז דער טורן־פאָטער יאַהן אַרעסטירט געוואָרען. ער איז דאַמאָלס געזעסען ביים טויטען־בעט פון זיי קינד. מען האָט איהם פריהער געבראַכט נאָך שפאַנדאַו, ווי אַ פערברעכער, און דאַן נאָך קיסטרין. דאָרט האָט מען איהם געשמידט אין קייטען. מען האָט איהם בעשולדיגט אין הויך־פעררעט, אָבער אויף'ן פראָצעס האָט זיך בעוויזען זיין אונשולד און דאָס געריכט האָט איהם פרייגעשפראָכען, און האָט איהם זאָגאַר געגעבען דאָס רעכט צו פאָדערן שאַדענערזאַץ פיר די אומזיסטע ליידען, וואָס ער האָט געליטען פון דעם אונגערעכטען אַרעסט. אָבער דער פרייסישער קעניג האָט ניט געאַכטעט אויף דעם בעשלוס פון געריכט און ער האָט געאָרדענט, דאָס דר. יאַהן'ען זאָל ניט זיין ערלויבט צו וואוינען אין בערלין אין אַן אומקרייז פון 10 מייל, און אין יעדער אַנדערער שטאָדט, אין וועלכער עס געפינט זיך אַן אוניווערזיטעט אָדער אַ גימנאַזיום, און זאָל שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער פאָליציי. אויב ער וועט דיזע פאָדערונגען ערפילען פינקטליך זאָל ער ווייטער בעקומען זיין פענסיאָן פון 1,000 טהאַלער אַ יאָהר (אַלס טורן־לעהרער). דאָס איז געווען דער שאַדענערזאַץ, וואָס ער האָט בעקומען פיר די צייט פון 5 יאָהר, וואָס ער איז געווען פערשפאַרט אומזיסט אין געפענגניס.

די נעכסטע אָפפער פון דער רעאַקציאָן זיינען געווען די פראָפעסאָרען קאַרל און גאָטטליעב וועלקער און ערנסט מאָריטץ אַרנדט. אין יולי 1819 איז אין נאַכט־צייט אַריינגעקומען אַ קאָמיסיאָן מיט אייניגע זשאַנדאַרם־אָפיצערען אין די וואוינונגען פון דיזע 3 פראָפעסאָרען און מען האָט קאָנפיסקירט זייערע פאַפירען. די קאָמיסיאָן האָט פון דיזע פאַפירען פאַבריצירט אַ פאַלשע בעשולדיגונג געגען זיי דורך דעם, וואָס זי האָט פיעלעס דורכגעלאָזען און פיעלעס צוגעגעבען צו זייער

אינהאַלט. דיזע פאַלשע בעשולדיגונג האָט מען פערעפענטליכט אין דער אָפיציעלער „פרייסישער שטאַאטסצייטונג” אונטער דעם טיטעל „אַקטענ-מעססיגע נאַכריכטען איבער רעוואָלוציאָנאֶרע אומטריעבע (אינטריגעס) אין דייטשלאַנד”. אַלס בעווייז פון דיזער בעשולדיגונג האָט געדינט אַ בריף, וואָס פּראָפעסאָר קאַרל וועלקער, וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר אין היידעלבערג, אַלזאָ אין אַ לאַנד, וואָס איז רעגירט געוואָרען פון פאָלקס-פערטרעטער, האָט געשריבען צו זיינעם אַ ברודער. אין דיזען בריף האָט ער געשריבען: „איך שטרעב איבערהויפּט צו פּראַקטישער אַרבייט פיר דאָס פאָלק און די קאָנסטיטוציאָן, אָבער איך שעץ אויך זעהר הויך דעם ווערט פון ווירקען אויף די יוגענד; אַזוי ווי אין דייטשלאַנד ענטוויקעלט זיך אַלעס זעהר לאַנגזאַם, מוז מען רעכנען איבערהויפּט אויף דעם קינפטיגען דור”.

אין די פּאַפּירען פון פּראָפעסאָר אַרנדט האָט מען געפונען אַ צעטעל, וועלכער האָט אין זיך ענטהאַלטען אַן אָנמערקונג צו אַ טעקסט, וואָס האָט געפעהלט. אונטער אַנדערעס איז דאָ געשטאַנען: „דער קאַמף, וואָס מוז זיין, איז דאָך בעסער איידער די פרייוויליגע אונטעריאָכונג”. „אַ פּאָאָר היגריכטונגען און אַלעס וועט זיך ווידער צושטרייען”. „דיזער פּרייז (גע-וועהר 10 טהאַלער, פּיסטאָל 5 טהאַלער) איז צו הויך”. דיזע אַלע זאַצען זיינען אין גרונד געווען נאָר אָנמערקונגען פון קעניג פון פּרייסען פריעדריך ווילהעלם דעם 3טען אין אַ לאַנדשטורם-פּלאַן, וואָס דער מאַיאָר פון קלאַו-זעוויטץ האָט צוגעשטעלט צום קעניג אין יאָהר 1810. אַרנדט האָט דיזע נאָר אָפּגעקאָפּירט צו אַ געוויסען צוועק, און צוליב דעם האָט מען איהם בעשולדיגט, דאָס ער רייצט די יוגענד צו מאָרדען רעגירונגס-בעאַמטע.

זעקס קאָמיסיאָנען איינע נאָך דער אַנדערער זיינען בעשטימט גע-וואָרען פון דער רעגירונג אום צוזאַמענצושטעלען אַ בעשולדיגונג געגען די פּראָפעסאָרען, אָבער זיי האָבען ניט געפונען קיין מאַטעריאַל, אויף וואָס צו בויען די געווינשטע בעשולדיגונג. די אָנגעקלאָגטע האָבען געפאָדערט, דאָס דער פּראָצעס זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַ געריכט פון געשוואָ-רענע, ווי די רהיינישע געזעצען פאָדערן עס. אָבער עס האָט זיי קיין זאַך ניט געהאָלפען. זייער טענה, דאָס מען קען זיי ניט בעשולדיגען פיר טאַ-טען, וואָס זיי האָבען בעגאַנגען איידער זיי זיינען אַריינגעטרעטען אין פּריי-סישען דינסט, האָט מען ניט אָנגענומען. די בעפעהלען פון קעניגליכען קאַבינעט האָבען ניט געקוקט אויף קיין געזעץ. דריי יאָהר האָט געדויערט די אונטערזוכונג, מען האָט אָבער ניט געפונען געגען זיי קיין שלעכטעס.

די פּראָפעסאָרען האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי געריכטליך ריין־שפּרע־כען און מען זאָל צוריקשטעלען זייער עהרע, ווייל זי איז בעשמוצט געוואָרען אומזיסט, אָהן אַ שום גרונד; אָבער מען האָט זיי גאָרניט געענטפערט אויף דיזע פאָדערונגען. דער קעניגליכער קאַבינעט האָט געגעבען אַ בע־פעהל צום מיניסטער פון בילדונג און צו דער פּאָליציי, דאָס זיי זאָלען אַרונטערזעצען אַזעלכע גייסטליכע, לעהרער און פּראָפעסאָרען, וועלכע זייּ־נען אָנגעשמעקט מיט די אידעען פון דער נייער צייט, וועלכע ווילען זיך מישען אין פּאָליטישע זאַכען.

ווי יעדע רעאַקציאָן האָט די עפּאָכע נאָך די פרייהייטס־קריגען אַרויס־גערופען העסליכע מסירות. דיזען מאָל האָט דיזע עקעלדיגע פרוכט אָנ־געהויבען וואַקסען אויך אונטער די פּאָרנעהמע און דעם אַדעל. עס איז געוואָרען געפעהרליך צו שרייבען אי אַ בריף וועלכע עס איז געהיימניס, ווייל די רעגירונג האָט געעפענט אַלע בריף און איבערגעלעזען איידער מען האָט זיי איבערגעשיקט צום אַדרעסאַט. זאָגאַר אַזעלכע געלעהרטע ווי שטיין, הומבאָלדט און ניעבוהר האָבען זיך בע־קלאָגט, דאָס זיי האָבען מורא מיטצוטיילען איינער דעם אַנדערען זייערע געדאַנקען, ווייל זיי האָבען געהאַט זיכערע בעווייזען, דאָס מען האָט גע־עפענט זייערע בריף און דעפּעשען. די פּרעסע איז האַרט בעשטראָפט גע־וואָרען פיר יעדען אַרטיקעל, אין וועלכען די הערשענדע ריכטונג איז אָנ־געגריפען געוואָרען. צוליב אַן איינציגען ווערק, וואָס איז ערשינען אין דעם פערלאַג פון בראָקקהויז, איז כמעט פערבאָטען געוואָרען זיין גאַנצער פערלאַג. גאָררעס האָט געשריבען אַ ווערק „דייטשלאַנד אונד דיע רעוואָלוציאָן“, אין וועלכען ער האָט בעוויזען, ווי געפעהרליך עס איז צו מאַכען אַ גוואַלדזאַמע רעוואָלוציאָן. אָבער דער טאָן פון דיזען ווערק איז געווען צו פריימוטיג, און צוליב דעם אַליין איז ער געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון דייטשלאַנד.

דער עסטרייכישער רעאַקציאָנערער שטאַאטסמאַן מעטטערניך האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע קראַפט צו דערשטיקען אין דייטשלאַנד דעם פרייען גייסט און דעם וואונש צו מאַכען אין דער רעגירונג רעפאָרמען אין מאָדערנעם זין. אויף דעם קאָנגרעס אין אַאכען האָט ער בעוואויגען די „היי־ליגע אַלליאַנץ“ אָנצונעהמען דעם גרונדזאַץ, דאָס די גרויסמעכטען זאָלען זיין בערעכטיגט אַריינצומישען זיך אין דער פּאָליטיק פון אַנדערע לענדער, ווען זיי וועלען עס געפינען נעטיג פיר די „וויעדערבעלעבונג פון די רע־ליגיעזע און מאָראַלישע געפיהלען“. דערמיט האָט מעטטערניך געמאַכט

די „הייליגע אַלליאַנץ" פיר אַן אַפּאַראַט, אַן אינסטרומענט, דורכצופיהרען
די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק נאָך דעם וואונש פון די גרויסמעכטען.

דער פּרייסישער קעניג מיט זיינע פעאָדאַלע געזינונגען האָט **זיך** אין
גאַנצען געפונען אונטער דעם איינפלוס פון מעטטערניך'ן. דיזער האָט
פאַר איהם פאַרגעשטעלט שרעקענס-בילדער. ער האָט איהם פאַרגעשטעלט,
דאָס עס עקסיסטירען געהיימע פערשווערונגען געגען איהם אין דער פּריי-
סישער רעגירונג, און מיט דיזער פערשווערונג איז שוין פערגיפטעט אַ
גרויסער טייל פון די בעאַמטע און נאָך מעהר פון דער אַרמעע. מעטטער-
ניך האָט איהם ערקלערט, דאָס ווען ער וועט נאָכגעבען די פאָדערונג איינ-
צופיהרען אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציאָן, וועט באַלד אויסברעכען אַ
רעוואָלוציאָן. אין יאָהר 1818 האָט ער צוגעשיקט צום פּרייסישען קאַבי-
נעט אין בערלין צוויי דענקשריפטען, אין וועלכע ער האָט בעוויזען, אַז
פיר פּרייסען זיינען נאָר גוט פּראָווינציאַל-שטאַנדען מיט דעם רעכט פון
ביטע, פון קלאַגע און פערטיילונג פון שטייער, אָבער דורכאויס
ניט דאָס רעכט אַנטייל צו נעהמען אין געזעצגעבונג און בעשטייערונג, און
ווען דער קעניג וויל דורכאויס האַלטען זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען
זיינע אונטערטאַנען, צו געבען זיי אַ נייע פערפאַסונג, זאָל ער בערופען צו
3 דעלעגאַטען פון יעדער פּראָווינץ, און דיזע דעלעגאַטען פון די 7 פּריי-
סישע פּראָווינצען, וועלכע וועלען זיין אין צאָהל 21, וועלען בילדען די
פאָלקס-פערזאַמלונג. דערביי האָט מעטטערניך געוואָרנט דעם פּרייסישען
קעניג, דאָס ער זאָל בעטראַכטען די פּראָפעסאָרען פון די אוניווערזיטעטען
אַלס אָנפיהרער פון רעוואָלוציאָנערען, אויף די בורשענשאַפט זאָל ער קוקען
ווי אויף אַ גרויסע געפאַהר פיר דאָס לאַנד, און די פּרעס זאָל ער האַלטען
אין צוואַנגען, ווייל זי איז אַ שטענדיגע געפאַהר פיר די עפענטליכע אָרדנונג.

מיט דיזע דענקשריפטען האָט מעטטערניך דערגרייכט זיין צוועק. דער
קעניג פריעדריך ווילהעלם דער 3טער האָט פערשפּראָכען פריהער צו רע-
גולירען די אינערע און פינאַנציעלע פערהעלטניסען פון לאַנד, און נאָכדעם
צו ערוועהלען 21 דעלעגאַטען פון די פּראָווינצען, וועלכע זאָלען בילדען די
פאָלקס-פערטרעטערשאַפט. אום צו מאַכען די רעאַקציאָן נאָך שטאַרקער
האָט מעטטערניך צוזאַמען מיט דעם פּרייסישען קעניג צוזאַמענגערופען נאָך
קאַרלסבאַד פון די גרעסטע 10 דייטשע שטאַאַטען פערטרעטער,
וועלכע זאָלען זיי העלפען צו מאַכען זיכער דעם זיג פון דער רעאַקציאָן. די
קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד האָט געדויערט פון 6טען ביז דעם 31טען אוי-
גוסט. מען האָט בעשטימט אַ צענטראַל-קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל אונטער-

זוכען און אכטונג געבען אויף יעדע דעמאַגאָגישע בעוועגונג (ד. ה. א בע-וועגונג אין דעמאָקראַטישען זין), זי זאָל האָבען אַ שאַרפע אויג אויף די אוניווערזיטעטען או שולען, אָפּנעהמען די פרייהייט פון דער פּרעס פיר ביכער פון וועניגער ווי 20 בויגען. מיט דיזע פעראָרדנונגען האָט מען דער-שטיקט דאָס פרייע וואָרט אין דער פּרעס און דעם פרייען גייסט אין די או-



פריעדריך ווילהעלם דער 3טער.

ניווערזיטעטען. מען האָט דערמיט געגרינדעט אַ פּאָליציי-אינסטיטוט, וועלכער האָט געאַרבייט איינשטימיג אין גאַנץ דייטשלאַנד; אונטער די-זען אינסטיטוט זיינען געווען אונטערוואָרפען אַלע רעגירונגס-אַנשטאַלטען אין דייטשלאַנד, און ער האָט ענטוויקעלט די פּעסט פון שפּיאָנסטוואָ און מסירות.

די קאַרלסבאַדער קאָנפערענץ האַט איבעראַל געמאַכט אַ גרויסען רושם. זאָגאַר דער פרייהערר פ אָ ן ש ט י י ן, װעלכער איז ניט געװען איינפער-שטאַנען מיט דער לעהרע פון די אוניװערזיטעטען און אַקאַדעמיעס, איז געװען שטאַרק געגען דער אויפזיכט און דעם דרוק, װאָס מען האַט אַרויפגעלעגט אויף די אוניװערזיטעטען. פיעלע פּראָטעסטען האָבען זיך אויפגעהויבען געגען דיזער דרוק=פּאָליטיק, און זאָגאַר די יעניגע רעגירונגען, װאָס זיינען פריהער צוגעשטאַנען צו דיזע בעשלוסען, האָבען נאָכדעם חרטה געקראָגען אויף די גאַנצע געשיכטע. אין מאַננהיים און אין נירנבערג האָבען זיך געגריינדעט געזעלשאַפטען, װאָס זייער ציל איז געװען צו קויפען לאַנד אין אַמעריקאַ און צו העלפען דאָרט איינצוריכטען זיך די יעניגע, װעלכע האָבען געליטען פון די רעזולטאַטען פון די בעשלוסען פון קאַרלסבאַדער קאָנפערענץ.

אין יאָהר 1819 איז די צענטראַלע אונטערזוכונגס=קאָמיסיאָן צוזאַמענ-געקומען אין מאַינץ. איהר פולמאַכט איז געװען אונבעגרענעצט, און די קאָ-מיסיאָן האָט װירקליך געמאַכט אַ געברויך פון איהר פולמאַכט. זי האָט מיט אַלערליי מיטלען געפּאָרשט און אויסגעפונען יעדע שפּור, יעדען פער-זוך צו מאַכען װעלכען עס איז אויפשטאַנד אָדער װעלכע עס איז בעװעגונג געגען דער רעאַקציאָן. איבעראַל אין דייטשלאַנד זיינען די פּאָליציי און די געריכטס=הייזער געװען בעשעפטיגט אויפצוזוכען די געהיימע פעראיינען, װאָס האָבען געדענקט עטװאָס אונטערצונעהמען געגען דער רעאַקציאָן. עס איז געברויכט געװאָרען דער גרעסטער שאַרפזין אום צו בעװייזען דעם צו-זאַמענהאַנג צװישען זאַכען, װעלכע לויט דער צייט, װען זיי זיינען געשע-הען, און די ערטער, װאו זיי זיינען פאָרגעקומען, האָבען גאָרניט געקענט האָבען קיין שייכות איינע מיט די אַנדערע. מען האָט זיי דאָך צוזאַמענ-געקניפּט אום צו בויען דערויף בעשולדיגונגען. די צענטראַל=קאָמיסיאָן האָט געבושעװעט שרעקליך. אפילו מענער װי שטיין, בליכער, שלייערמאַ-כער און פיכטע זיינען בעשולדיגט געװאָרען, דאָס זיי סימפּאַטיזירען מיט די רעװאָלוציאָנערען און העלפען זיי. מען האָט געבראַכט אַלס רעװאָלוציאָ-נערען אויף די בויערן, װעלכע האָבען געשריבען ביטשריפטען צו זייערע לאַנדס=העררען צו געבען זיי אַזעלכע זאַכען, װאָס דאָס געזעץ האָט שוין לאַנג בעשטימט, אַז די העררען זאָלען זיי געבען.

די מאַינצער קאָמיסיאָן האָט טריאומפירט, װען איהר איז געלונגען צו ענטדעקען איינינגע געהיימע געזעלשאַפטען. אָבער דער קאָמיסיאָן איז נאָר געלונגען צו געפינען אין די דאָקומענטען פון דיזע געהיימע געזעלשאַפטען איינינגע פרייע אידעען און געדאַנקען װעגען דער טעטיגקייט פו די עקסים-

טירענדע רעגירונגען, נאר זי האט ניט געהאט קיין בעוויזען, דאס די־זע געהיימע געזעלשאפטען האבען אונטערגענומען צו טאן עטוואס געגען די רעגירונגען אין דער פראקטיק. דאך האט מען פיעלע פערזאנען פון דיזע געהיימע געזעלשאפטען געבראכט פאר'ן געריכט מיט דער האפנונג, דאס די ריכטער וועלען דאך בעשולדיגען אייניגע פון זיי אין הויך־פער־ראט. די ריכטער האבען ווירקליך צוליב געטאן דער רעגירונג. זיי האבען אויסגעזוכט זעהר אלטע, פערשימעלטע געזעצען פון די צייטען פון קארל דעם 5טען און פון יאהר 1356 אום צו בעשולדיגען די אנגעקלאגטע, אבער זיי איז קוים געלונגען צו פעראורטיילען 72 פערזאנען. פון דיזע זיינען אייניגע בעשטראפט געווארען פיר זייערע פרייע גערדאנקען מיט גע־פענגנים אין פעסטונג פון 2 ביז 15 יאהר, און אייניגע צו שווערער אר־בייט אין צוכטהייזער ביז 6 יאהר. צווישען די פעראורטיילטע האבען זיך געפונען: דער ראדיקאלער פילאזאף און שריפטשטעלער ארנאלד רוגע, דער פאעט וויליעלם האוף, דער טהעאלאג און ביבעל־קריטיקער וויסליצענוס, דער געשיכטע־לעהרער קארל האזע און אנדערע.

בערויבט פון פרעס־פרייהייט, אהן א פארלאמענטארישען לעבען, אי־בערוואכט פון דער פאליציי אויף דעם העסליכסטען אופן און אראפגעדריקט אין א צושטאנד פון פאליטישער אונטעטיגקייט, האבען די דייטשען גע־ווענדט זייער אינטערעס צו די פאליטישע פאסירונגען אין אנדערע לענ־דער. זיי זיינען בעגייסטערט געווארען פיר די פרייהייט־שטרעבונגען פון די זיד־אמעריקאנישע שטאאטען און בעזונדערס פיר די בעפרייאונג פון גריכענלאנד. די רעגירונגען פון דייטשלאנד האבען געארבייט מיט אלע קרעפטען צו דערשטיקען דיזען אינטערעס, אבער זיי האבען גארניט גע־קענט טאן געגען דעם. דער באיערישער קרוין־פרינץ, וועלכער איז שפע־טער געווארען קעניג פון באיערן אונטער'ן נאמען לודוויג דער 1טער, איז אפען ארויס אלס א פריינד פון גריכענלאנד, און האט אליין געזאמעלט וואלונטירען צו שטרייטען פיר די בעפרייאונג פון גריכענלאנד פון דעם טערקישען יאך.

נאך מעהר ווירקונג האבען געהאט אויף דייטשלאנד די פאליטישע בעוועגונגען אין פראנקרייך. דאס דייטשע פאלק האט מיט גרויס אינטע־רעס נאכגעפארשט צו וויסען, וואס עס טוט זיך אין פראנקרייך, און וואס פיר א פרוכט די בעוועגונג וועט ברייגגען דעם פראנצויזישען פאלק, און ווען עס איז שוין אנגעקומען די ידיעה וועגען דער יולי־רעוואלוציאן, איז

דאָס דייטשע בירגערטום געוואָרען אַזוי אונרוהיג, דאָס די רעגירונגען האָבען אָנגעהויבען מורא צו האָבען, דאָס די דייטשע לענדער, וואָס גרענצען זיך מיט פראַנקרייך, וועלען אָנהויבען מאַכען אויפשטאַנדען און רעוואָלוציאָנען. דעריבער האָט פּרייסען געשיקט דריי אַרמעע-קאָרפּוסען נאָך דעם רהיין. און באמת האָבען זיך אין פערשיידענע ערטער געמאַכט אויפשטאַנדען. אין אַאַכען האָבען די אַרבייטער צושטערט צוויי פאַבריקען, אין בערלין זיינען צוזאַמענגעלאָפען די שניידער-יונגען, אין ברעסלוי האָבען די קריסטליכע בעלי מלאכות אָנגעגריפען די אידען או. אז. וו., אָבער דיזע אַלע אויפשטאַנדען זיינען געווען זעהר אָהנמעכטיג און זיינען גלייך אין אָנפאַנג דערשטיקט געוואָרען. דער וויכטיגער היסטאָרישער פאַקט, דאָס אין דריי טעג האָבען די פאַריזער בירגער געשטירצט אַן אוראַלטע קעניגליכע דינאַסטיע, איז אויף די דייטשען פאָריבערגעגאַנגען אָהן ווירקונג. דיזער אַקט האָט אָבער אָנגעצונדען אין דעם ווייטען אָסט ביי די ברעגען פון ווייכסעל אין אַ העלע פלאַם דעם פונק פון פרייהייטס-ליבע, וועלכע האָט דאָרט לאַנג געגליהט אונטער אַש.

דער איינציגער רעזולטאַט פון דער קלעגליכער האַלטונג פון דעם דייטשען בירגערטום איז געווען, דאָס די רעאַקציאָן איז געוואָרען ענערגישער, שטאַרקער. דער בונדעסטאַג האָט פערבאָטען צו ווענדען זיך מיט ביטשריפטען צו די רעגירונגען, ווייל דאָס שוואַכט אָפּ די אויטאָריטעט פון דער רעגירונג און גיט דעם פאָלק די מעגליכקייט צו טאָן אונגעזעצליכע זאַכען. די פרייהייט פון דער פּרעס איז נאָך מעהר בעשרענקט געוואָרען ווי פריהער. די בעסטע בלעטער פון די ליבעראַלען זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען. די גרעסטע און בעסטע פרייהייטס-ליבהאָבער האָבען זיך פון מורא ענטזאַגט פון דער טענדענץ פון יענע פרייהייטס-בלעטער.

אָבער אין זיד-דייטשלאַנד האָט די פראַנצויזישע יולי-רעוואָלוציאָן געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און דאָס פּאָליטישע לעבען איז געוואָרען ריהרעוודיגער. אין געגענזאַץ צו די נאָרדליכע שטאַאַטען האָבען די רעגירונגען דאָ וועניגסטענס געמאַכט אַ בערזוך דורכצופיהרען די פערשפּראָכענע רעפאָרמען. אין באַיערן האָט דער קעניג מאַקסימיליאַן אין 1814 געזעצט אַ קאָמיסיאָן אום אויסצואַרבייטען אַ פערפאַסונג, און אין יאָהר 1818 האָט ער די פערפאַסונג פּראָקלאַמירט. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע פערפאַסונג איז געווען ניט מעהר ווי אַ קאַריקאַטורע פון אַ קאָנסטיטוציאָן. די פאָלקס-פערטרעטער זיינען ניט ערוועהלט געוואָרען דירעקט פון פאָלק; יעדער וואַהל-קרייז האָט צוגעשטעלט צום קעניג 3 קאַנדידאַטען, און פון

דיזע האָט דער קעניג ערוועהלט די, וועלכע זיינען איהם געווען געפעלען. אָבער עס איז דאָך וועניגסטענס געווען אַן אָנפאַנג פון אַ קאָנסטיטוציאָן. און אין יאָהר 1825, ווען לודוויג דער 1טער איז אַרויף אויף דעם טראָן פון באַיערן, איז די פּאָליטיק ווירקליך געוואָרען פיעל פרייער. די בעשרענקונגען, וועלכע די ,רעס האָט געליטען פון די קאַרלסבאַדער פערארדנונגען, האָבען אין גאַנצען אויפגעהערט. באַיערן איז געוואָרען די האָפנונג און דער שטאָלץ פון די דייטשע ליבעראַלען, בעזונדערס ווייל דער קעניג האָט געמאַכט די הויפּטשטאָדט מינכען אַלס מיטעלפּונקט פון קונסט און וויסענשאַפט.

וואָס אָנבעטרעפט קונסט און וויסענשאַפט איז לודוויג דער 1טער געווען בערייט אויף אַלע אָפּפער, אום צו שטיצען זיי און פערברייטען. ער האָט אויסגעגעבען פיר דיזע מעהר געלט זאָגאר וויפיעל דער שטאַאַט איז געווען אין שטאַנד. ער האָט געלאָזען אויפשטעלען אַ רייהע פון גרויסאַרטיגע געביידעס, ווי צ. ב. די וואַלהאַללאַ, די פּינאַקאָטהעק או. אַז. וו., און נעבען דער בוי-קונסט האָט ער בעגייסטערט די סקולפּטור און מעטאַל-גיסעריי. ער האָט איינגעלאַדען די בעסטע און בעריהמטעסטע פּראָפעסאָרען אין די אוניווערזיטעט פון מינכען און דערמיט האָט ער איהר פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען. אויך אין דער אַקאַדעמיע פון די וויסענשאַפטען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען ענדערונגען, וועלכע האָבען אַריינגעגאָסען אין דעם אַלטען קערפּער אַ נייעם לעבען.

אין דער זעלבער צייט ווי באַיערן האָט אויך באַדען בעקומען איהר קאָנסטיטוציאָן. אָבער די לעצטע איז געווען פיעל ליבעראַלער פון דער באַיערישער, איבערהויפּט וואָס אָנבעטרעפט די וואהל-געזעצען. דער פּאַרלאַמענט איז בעשטאַנען פון צוויי קאַמערן. די ערסטע קאַמער איז בעשטאַנען פון אַדעל און קלעריקאַלען, און די אַנדערע פון די אַנדערע שטאַנדען פון פאָלק. עהנליך צו דיזער פערפאַסונג איז געווען די קאָנסטיטוציאָן, וואָס דער גרויס-הערצאָג קאַרל אויגוסט פון זאַקסען-ווייםאַר האָט געגעבען צו זיין לאַנד אין יאָהר 1816, ווי אויך די ווירטעמבערגער קאָנסטיטוציאָן. די ווירטעמבערגער האָבען לאַנג געקעמפט מיט דער רעגירונג ביז זיי האָבען אין 1819 בעקומען וואָס זיי האָבען פערלאַנגט. בעמערקונגסווערט אין דיזער קאָנסטיטוציאָן איז, דאָס זי איז געמאַכט געוואָרען אין דער פאָרמע פון אַ געזעצליכען קאָנטראַקט צווישען דעם פאָלק און דער קרוין.

ווי מיר האָבען עס שוין פריהער בעמערקט איז דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע לעבען פון דער זיד-דייטשער בעפעלקערונג געוואָרען אונטער דעם איינפלוס

פון דער פראַנצויזישער יולי־רעוואָלוציאָן פיעל נייער און מעהר טעטיג און זעלבשטענדיג. בעזונדערס איז עס געווען צו בעמערקען אין באַדען. די וואַהלען זיינען געווען אין אַ זעהר ליבעראַלען זין, און דעריבער האָבען דיביידע מיניסטאָרען, וועלכע זיינען געווען שטאַרקע רעאַקציאָנערען, געמוזט רעזיגנירען. אין דער טראָן־רעדע פון יאָהר 1831 האָט דער קעניג אויסגע- רעכענט אַ גאַנצע רייהע פון צייטמעסיגע רעפאָרמעס, וועלכע ער האָט פאָרגעשלאָגען דעם פּאַרלאַמענט אונטערצונעהמען און דורכצופיהרען. עס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען געזעצען וועגען אָרדנונג אין דער געמיינדע לויט דעם גייסט און די פאָדערונגען פון דער צייט; די געריכטס־אָרדנונג האָט איינגעפיהרט מינדליכע פערהאַנדלונגען און עפענטליכקייט אין ציוויל־ פּראָצעסען. אַ נייעס געזעץ וועגען עהרע־בעליידיגונג האָט אָפּגעשאַפט דעם אונטערשייד צווישען דעם מיליטער־שטאַנד און ציוויל־שטאַנד, וועל- כער האָט פריהער עקסיסטירט. אויך דער פּאַרלאַמענט האָט געמאַכט זעהר וויכטיגע פאָרשלאַגען פון רעפאָרמעס און פערבעסערונגען. די רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט די צענזור זאָגאַר פיר ווערק, וואָס ענטהאַלטען ווענעגער פון 20 בויגען. מיט איין וואָרט: דער לאַנדעסטאַג פון באַדען פון יאָהר 1831 איז געווען אַ זעהר גלענצענדער ביישפּיל פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער פערפאַסונג אין אַ קליינעם דייטשען שטאַאַט.

ווענעגער גליקליך איז געווען דער באַיערישער לאַנדטאַג. זינט דער יולי־רעוואָלוציאָן האָט זיך אייראָפּאַ ניט געקענט בערוהיגען. דער גייסט פון רעוואָלוציאָן האָט אויפגעפלאַקערט אין פערשיידענע לענדער. די פּאָ- ליאַקען האָבען געקעמפט פיר זייער פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט ווי פער- צווייפעלטע. אין איטאַליען זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציאָנען זאָגאַר אין דער טעריטאָריע, וואו דער פּאַפּסט האָט געהערשט. אין פּאָרטוגאַל האָבען געקעמפט צווישען זיך מיט פערביטערונג צוויי פּאַרטייען: די קאָנסטיטו- ציאָנעלע און די קאָנסערוואַטיווע, וועלכע איז געווען מיט לייב און זעעלע פיר דעם אַבסאָלוטיזם. איבעראַל האָבען זיך די געמיטער געהיצט און האָ- בען זיך ניט געקענט בערוהיגען.

די ליבעראַלען פון באַדען האָבען געפונען פיר ניצליך צו פייערן אין דיזער צייט אַ גרויסען יום טוב פון אַלע פרייזיניגע אויף די חורבות פון האַמבאַך. דער פעסט איז געווען אַן אונגעוועהנליכער, ווייל די רעגי- רונג האָט איהם פריהער פערבאָטען און נאָכדעם ווידער ערלויבט. אַ צוג פון 30,000 מענשען האָבען דעם 27טען מאַי 1832 זיך געלאָזען געהן פון ניישטאַדט צו דער שלאָס־רואינע פון האַמבאַך. שוואַרץ־רויט־גאָלדענע

פאָהנען האָבען געוועהט אין דעם צוג, און אויסער דיזע זיינען אויך געווען די דריי־פאַרביגע פראַנצויזישע פאָהנען און פאָהנען פון פוילען, ווייל אין דיזען צוג האָבען אָנטייל גענומען אויך פראַנצויזישע רעפובליקאַנער און פוילישע עמיגראַנטען.

דער הויפט־אָנפיהרער און די גאַנצע זעעלע פון דיזען צוג איז געווען זיעבענפפייפפער, וועלכער האָט געהאַלטען די ערעפנונגס־רעדע שטעהענדיג אויף דעם העכסטען אָרט פון דיזער רואינע. נאָך איהם האָט געהאַלטען אַ רעדע ווירטה, וועלכער האָט געשילדערט די פינסטערע נאַכט, וואָס הערשט נאָך אין לאַנד צוליב דער טיראַניי פון די פירסטען און דער אַריסטאָקראַטיע. אַ פּאָליאַק האָט געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט אַלע פעלקער צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. עס איז ענדליך בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטען און אַ פאָנד צו אונטערשטיצען די ליבעראַלע פּרעס.

דיזער פעסט האָט געפונען אַ גרויסען אָפּקלאַנג אין זיד־דייטשלאַנד. יעדע געגענד האָט געוואָלט האָבען זיין פּריוואַט־פעסט, און איבעראַל האָבען ראַדיקאַלען געפייערט דיזען פעסט. דער בונדעסטאַג האָט זיך דערשראָקען. מען האָט געשיקט דעם פירסט ווערדע מיט טרופּען נאָך דער רהיינפּפאַלץ אום צו שאַפען רוה. מען האָט פערהאַפטעט די הויפט־אָנפיהרער ווירטה, זיבענפפייפפער און איינינע אַנדערע. מען האָט פערבאָטען צו טראָגען „אונגעזעצליכע צייכענס“ און צו מאַכען פערזאַמלונגען. די צייטונגען זיינען געוואָרען שטאַרק אונטערדריקט, און די באַדישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען אָפּצושאַפען איהרע ליבעראַלע פּרעס־געזעצען. די פרייבורגער פּראָפעסאָרען ראָטטעק און וועלקער, די פיהרער פון די ליבעראַלען פון באַדען, האָט מען ענטזאָגט פון זייערע שטעלעס און די אוניווערזיטעט האָט מען געשלאָסען. און אום אָפּצונעהמען פון די איינצעלנע שטאַאטען פון דייטשלאַנד די מעגליכקייט צו געבען קאָנסטיטוציאָנען צו זייערע בעפעלקערונגען, האָט דער בונדעסטאַג אַרויסגעגעבען דעם 28טען יוני 1832 אַ בעפעהל, לויט וועלכען די אינערליכע געזעצגעבונג פון יעדען איינצעלנעם שטאַאט איז געוואָרען אונטערוואָרפען אונטער'ן בונד.

דער בונדעסטאַג האָט אַלזאָ דערשטיקט דעם פרעהליכען מוט, וואָס האָט זיך ערוועקט אין פאָלק אין די פריהלינגס־מאָנאַטען. אָבער די ראַדיקאַלען האָבען ניט פערלאָרען זייער האָפנונג, דאָס עס וועט זיי נאָך געלינגען צו מאַכען אַ גוואַלדיגע איבערקעהרענים. איינינע געהיימע געזעל-

שאַפטען, וועלכע האָבען געהאַט זייער צענטער אין פראַנקפורט, האָבען בעשלאָסען צו שטירצען די טיראַניי מיט וואַפען אין די הענט. דיזע גע-היימע געזעלשאַפטען זיינען געווען אונטערשטיצט פון דער אַלגעמיינער בורשענשאַפט, און זיי האָבען נאָך גערעכענט, דאָס אויך דאָס מיליטער וועט זיי שטיצען. זיי האָבען זיך אָבער באַלד איבערצייגט, דאָס זיי זיינען אין דיזער האָפנונג אויף די מיליטער געווען אין טעות. דאָך האָבען זיי בע-שלאָסען אין פראַנקפורט אַרויסצוגעהן אָפען. דעם אָבענד פון 3טען אַפּריל 1833 אום 10 אוהר זיינען זיי אַרויס אין אַ מאַרש: איין אָפּטיילונג איז אַרויס אונטער דער פיהרונג פון ר א ו ש ע נ פ ל א ט ט געגען דער פראַנק-פורטער הויפּט־וואַך, די אַנדערע אָפּטיילונג איז אַרויס געגען דער קאָנסטאַב-לער־וואַך. ווייל דיביידע וואַכען זיינען בעפאַלען געוואָרען אונערוואַרטעט, זיינען זיי גיך בעזיגט געוואָרען. באַלד נאָכדעם האָבען אייניגע געזאָלט קלינגען שטורם אויף דעם קירכען־טורם. אָבער איידער דאָס איז נאָך גע-שעהען איז שוין געוואָרען אַן ענדע פון דעם גאַנצען אויפשטאַנד. דער פראַנקפורטער באַטאַליאָן איז אַרויס פון די קאַזאַרמעס און האָט בעזיגט די הויפּט־וואַך און באַלד אויך די קאָנסטאַבלער־וואַך. עס זיינען געפאַלען אין דיזען געפעכט אייניגע פערזאָן פון ביידע זייטען, אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און די פערשוואָרענע האָבען געמוזט צוריקטרעטען. אונגע-פעהר אַ העלפט פון זיי איז געלונגען צו רעטען זיך, די אַנדערע העלפט איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דער פּאָליציי.

דיזע אונגעלונגענע רעוואָלוציאָן האָט געבראַכט אויף דייטשלאַנד נייע רעאַקציאָנס־פערפאָלגונגען. די ערסטע זאַך איז געווען, דאָס 1,800 פער-זאָנען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אָבער ווייל די געשוואָרענע ריכטער האָבען ניט געפונען גענוג גרונד צו פעראורטיילען די אָנגעקלאָגטע און האָ-בען פיעלע פון זיי בעפרייט, האָט די רעגירונג אומגעביטען פיעלע פון די ריכטער צו זיכערן די פעראורטיילונג פון די אָנגעקלאָגטע. אויסער דעם האָט דער בונדעסטאַג אין פראַנקפורט אַריינגעזעצט אַ צענטראַל־געריכט, וועלכעס האָט געהאַט די מאַכט אומצואוואַרפען די בעשלוסען פון אַלע גע-ריכטס־הייזער, און אָהן זיין בעשטעטיגונג האָט קיין פריישפּרעכונג ניט געהאַט קיין קראַפט. יעצט איז ווירטה, וועלכער איז פון די געשוואָרענע ריכטער אין לאַנדאו פריינעשפּראָכען געוואָרען, פעראורטיילט געוואָרען צו שווערער אַרבייט אויף פיעלע יאָהרען אין אַ צוכטהויז; ו י י ד י ג, וועל-כער איז שוין איינמאָל בעפרייט געוואָרען פון געפענגניס, ווייל ער איז גע-פונען געוואָרען אונשולדיג, איז ווידער אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין גע-

פענגניס, וואו ער האָט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב דער ברוטאַלער בע-האַנדלונג פון די אונטערזוכונגס-ריכטער און די בעאַמטע פון געפענגניס. פראָפעסאָר יאָרדאַן איז ענטזאַגט געוואָרען פון זיין שטעלע און איז אויף אייניגע יאָהר געווען פערשלאָסען אין אַ פעסטונג. פיעלע יונגע לייט פון די בורשענשאַפטען זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט נאָר צוליב פאַלשע מסירות, און זיי זיינען דאַן בעגנאַדיגט געוואָרען צו לעבענסלענגלי-כער געפענגניס. נאָך לאַנגע יאָהרען פון געפענגניס זיינען זיי ענדליך ארויסגעלאָזען געוואָרען פריי, אָבער זייער לעבענס-קראַפט איז געווען גע-בראָכען.

די פראַנקפורטער רעוואָלוציאָן איז מעטטערניך׳ן זעהר צוניץ געקומען אום צו בעגייען און פערשטאַרקען די מאַכט פון דער „הייליגער אַלליאַנץ״. דעם 3טען יאַנואַר 1834 האָט זיך אין וויען אָנגעפאַנגען די קאָנפערענץ פון די דריי מעכטען. דיזע קאָנפערענץ האָט געדויערט פינף מאָנאַטען און האָט ענדליך אונטערגעשריבען דעם שלום-פּראָטאָקאָל. דאָס איז געווען אַ גוט אויסגעדאַכטעס סיסטעם פיר די אונטערדריקונג פון יעדער פרייער בע-וועגונג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס מיטגלידער פון וועלכער עס איז בורשענשאַפט זאָלען ניט נאָר אויסגעוויזען ווערען, נאָר אויך קיינמאָל און אין קיין אָרט אין דייטשען בונד ניט צוגעלאָזען ווערען צו קיין ציוויל-דינסט, צו קיין קירכען-אַמט, צו קיין שול-אַמט און צו קיין פּראָפעסיאָן. פערפאַסונגען, וועלכע שטימען ניט מיט דעם גייסט פון דעם הייליגען בונד, מוזען בעשרענקט אָדער אין גאַנצען בעזייטיגט ווערען, עס מעג קאָסטען וואָס עס וויל.

מען האָט פון דייטשען פאָלק צוגענומען אַלע רעכטען; מען האָט עס בעהאַנדעלט ווי אַ ראָטע פון לייט, וואָס מען קען חושד זיין אויף דאָס ערגסטע. בעזונדערס איז פערשאַרפט געוואָרען די אויפזיכט פון דער פּאַס-פּאָרט-פּאָליציי און פרעמדען-פּאָליציי. די סטודענטען זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען ווי שול-אינגלאַך, בעזונדערס ווען זיי האָבען געררייזט פון איין אָרט צום אַנדערען. יעדער רייזענדער האָט זיך געמוזט בעזאָרגען מיט אַ פּאַס-פּאָרט זאָגאַר ווען ער האָט בעדאַרפט אָפּפאָהרען ניט ווייט פון זיין היים אויף אַ קורצע צייט. דיזען פּאַספּאָרט האָט ער געמוזט וויזירען (מעלדען) אין דער אָרטס-פּאָליציי ווען ער האָט נאָר איבערגענעכטיגט אין דעם נייעם אָרט. די בעאַמטע האָבען אויף אַ האָאָר ניט געעהרט אין קיינעם זיין מענ-שען-ווירדע. ווען אימיצער איז בעגאַנגען דעם קלענסטען פערברעכען אָדער פעהלער געגען דער מאַיעסטעט, האָט ער געמוזט אויף די קני בעטען אום

פערצייאונגביים בילד פון זיין מאַיעסטעט. לודוויג דער 1טער האָט גע־הייסען שטעלען זיין בילד אין דער גאַנצער גרויס אין אַלע עפענטליכע ער־טער, אום די אונטערטאַנען זאָלען קניען פאַר איהם — אַ זעלבסט־פערגע־טערונג, וועלכע דערמאָהנט אָן די ערגסטע צייטען פון רוימישער הערשאַפט, נאָר איין גוטע זאַך האָט יענע צייט בעשאַפען, און דאָס איז דער דייטשער צאָל־פעראיין, וועלכער האָט געטאָן פיר די ווירקליכע פעראייניגונג פון דייטשלאַנד פיעל מעהר ווי אַלע פאָליטישע פעראָרדנונגען פון יענער צייט צוזאַמענגענומען. מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, דאָס זינט עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די בלאָקאַדע, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפען אין אייראָפּאַ, האָט ענגלאַנד איבערשוועמט גאַנץ דייטשלאַנד מיט איהרע וואַארען, די דייטשע אינדוסטריע האָט געהאַט אַ ביטערען און הארטען קאַמף מיט דער ענגלישער. פריהער אונטער דעם שוץ פון דער בלאָקאַדע, ווען מען האָט ניט געקענט אריינפיהרען אויסלענדישע וואַארע, האָט זיך אין דייטש־לאַנד פערברייטעט פאַבריקאַציאָן מעהר און מעהר. יעצט אָבער, ווען די בלאָקאַדע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז גאַנץ דייטשלאַנד געבליבען שוץ־לאָז געגען אויסלענדישער קאָנקורענץ. נאָך מעהר, די דייטשע קאַבינעטען האָבען נאָך דערצו געמאַכט אַלערליי בעגרענצונגען און שוועריגקייטען, וועלכע האָבען פיעל געשטערט צו דער ענטוויקלונג פון אינדוסטריע.

זאָגאַר דער האַנדעל מיט לעבענסמיטלען איז געווען אונטערוואָרפען אונטער פערשיידענע בעשרענקונגען. פיעלע פון די דייטשע רעגירונגען האָבען פערוועהרט אַרויסצופיהרען געטריידע פון זייערע לענדער נאָך אַנ־דערע לענדער פון זייער נאַכבאַרשאַפט, אום צו האַלטען נידריג דעם פרייז פון לעבענסמיטלען. אויך נאָך אויסלאַנד איז געשטערט געוואָרען דער אַרויספיהר פון ערד־פּראָדוקטען דורך קאָרן־אָפּצאָהלונגען און אַנדערע מאַס־רעגלען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס געטריידע איז שטאַרק געפאַלען אין פרייז, און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געפאַלען דער פרייז פון לאַנד־גיטער. אייניגע רעגירונגען האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל מאַ־כען דעם האַנדעל פיר געטריידע און קאַרטאָפעל פריי, אָבער זיי האָבען גאָר־ניט אויסגעפיהרט. עסטרייך האָט ערקלערט, דאָס עס איז נאָך צו פריה צו רעדען וועגען דעם, און דאָס האָט געמאַכט אַן ענדע צו אַלע ווינשען און פאָדערונגען.

די לאַגע פון דער דייטשער אינדוסטריע איז געוואָרען ערגער און ערגער. פיעלע פאַבריקען זיינען אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען, אַנדערע האָ־בען געמוזט פערקלענערן זייערע געשעפטען. די דייטשע מערק און איבער־

הויפּט די ירידים זיינען בעהערשט געוואָרען פון אויסלענדישע סוחרים. דייטשעס געלט איז אַרויס נאָך אויסלאַנד ניט ווענינער פון 150 מיליאָנען מאַרק יעדען יאָהר. ווייל די דייטשע קויפליט האָבען פון די רעגירונגען גאָרניט געקענט ערוואַרטען, האָבען זיי זיך זעלבסט גענומען צו פערבעסערן זייער לאַגע. אויף אַ יריד אין פראַנקפורט אַם מאַין האָבען די דייטשע פאַבריקאַנטען געגרינדעט אין יאָהר 1819 אַ פעראיין. דיזער פעראיין האָט מיט דער הילף פון פּראָפעסאָר פריעדריך ליסט פערפאַסט אַ ביטשריפט צום בונדעסטאַג, אין וועלכער עס איז מיט גרויס שאַרפזין ערקלערט געוואָרען די שלעכטע לאַגע פון דער אינדוסטריע און עס זיינען אָנגעוויזען געוואָרען די מיטלען, ווי די אינדוסטריע צו הייבען. מען האָט די ביטשריפט דערלאַנגט צום בונדעסטאַג, וועלכער האָט זי איבערגעגעבען צו אַ האַנדעלס־געזאַנדטען פון האַננאָווער. דאָס האָט בעדייטעט, דאָס די ביטשריפט איז ענטזאַגט, האַננאָווער איז געווען פערבונדען מיט ענגלאַנד, און זי וואָלט ניט שטימען פיר מיטלען, וועלכע זיינען געגען ענגלאַנד.

נאָר פּרייסען האָט גענומען שריט צו פערבעסערן דעם האַנדעל און די אינדוסטריע אין לאַנד. שוין אין יאָהר 1816 האָט פּרייסען אָפּגעשאַפט אַלע אָפּצאָהלונגען, וועלכע האָבען עקסיסטירט אין לאַנד און צווישען די פערשיידענע פּראָווינצען. מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט פּרייסען אָפּגעשאַפט דעם אַקציז, מיט וועלכען עס זיינען געווען בעלאַסטעט 2,775 אַרטיקלען. אין בעצוג פון האַנדעל מיט אַנדערע שטאַאַטען איז געלעגט געוואָרען דער פּרינציפּ פון האַנדעלס־פרייהייט. די ערלייכטערונגען, וועלכע אַנדערע לענדער מאַכען דעם פּרייסישען האַנדעל, זאָל פּרייסען ערווידערן מיט ערלייכטערונגען פון איהר זייט און בעשרענקונגען פיר פּרייסען אין האַנדעל זאָל פּרייסען ענטפערן מיט בעשרענקונגען. אַלע פערבאָטען וועגען אַרויספיהר און אַריינפיהר פון וואַארען זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען. די צאָל בײַם אַריינפיהר זאָל זיין אַ זעהר מעסיגע.

אין דער צאָל־פראַגע האָט דער דייטשער בונדעסטאַג ניט געפונען קיין מיטעל צו שאַפען פעראייניגונג צווישען פערשיידענע שטאַאַטען. און דעריבער האָבען זיך איינינע שטאַאַטען בעזונדער פעראייניגט אין דיזער זאַך און האָבען געשלאָסען האַנדעלס־פערטראַגען. אין יאָהר 1828 איז געשלאָסען געוואָרען אַ האַנדעלס־פערטראַג צווישען באַיערן און ווירטעמבערג. אויך איינינע שטאַאַטען אין מיטעל־דייטשלאַנד האָבען זיך פעראייניגט אום צו שיצען זיך געגען דעם איבערגעוויכט, וואָס פּרייסען האָט געוואונען אויף דעם געביט פון האַנדעל. די שטאַאַטען, וועלכע האָבען געהערט צו דיזען פער-

באַנד, זיינען געווען: זאַקסען, האַננאָווער, העססען, ברוינשווייג, נאַססאַו, אָלדענבורג און די פריי-שטעדט ברעמען און פראַנקפורט. דער הויפּט-צוועק פון דיזען פערבאַנד איז געווען צו שאַדען דעם האַנדעל פון פּרייסען. אום אָפּצושוואַכען דיזע שטרעבונג האָט זיך פּרייסען פעראייניגט אין בע-טרעף פון צאָל-טאַריף מיט די זיד-דייטשע שטאַאַטען, און האָט אָפּגעשאַפט דעם צאָל פון אַלע פּראָדוקטען פון נאַטור און קונסט, האָט אַראָפּגעזעצט דעם צאָל פיר פּראָדוקטען פון אינדוסטריע און האָט בעשטימט יעהרליכע קאָנפערענצען פיר וויטערע אויסגלייכונג פון די צאָל-סיסטעמען פוןביידע זייטען.

דיזער האַנדעלס-פערטראַג צווישען פּרייסען און די זיד-שטאַאַטען האָט אָנגעמאַכט גרויס שרעק אין די שטאַאַטען פון מיטעל-דייטשען האַנדעלס-פעראיין. זיי האָבען זיך געפונען געצוואונגען צוצושטעהן צום פערבאַנד פון פּרייסען און די זידליכע שטאַאַטען. מען האָט אָנגעפאַנגען צו פער-האַנדלען וועגען דעם פּראָיעקט; די פערהאַנדלונגען האָבען געדויערט לאַנג, אָבער ענדליך האָט מען זיך פערגליכען אין קורהעססען, זאַקסען, און די טהירינגיש-זאַקסישע לענדער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם פעראיין פון פּרייסען מיט די זידליכע שטאַאַטען. דעם 31טען אָקטאָבער 1833 זיינען די פערטראַגען אונטערגעשריבען געוואָרען; אָנשטאָט דעם פּרייסיש-קור-העססישען צאָל-פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען אַ פּרייסיש-דייטשער. די לענדער, וואָס זיינען אַריין אין דיזען פעראיין, האָבען פערנומען אַ שטח פון 7,719 קוואַדראַט-מייל מיט אַ בעפעלקערונג פון 23 מיליאָן מענשען. מיט איינינע יאָהר שפּעטער זיינען צו דיזען פעראיין אויך צוגעשטאַנען: באַדען, נאַססאַו און פראַנקפורט, אַזוי דאָס דער געביט פון צאָל-פעראיין האָט זיך פערגרעסערט ביז 8,245 קוואַדראַט-מייל.

מיט דעם 1טען יאַנואַר 1834 זיינען אַריין אין קראַפט די בעשטימונ-גען פון צאָל-פעראיין. אין דער נאַכט צו ניי-יאָהר איז שוין געשטאַנען פאַר די אַלטע צאָל-הייזער אַ מאַסע פול-געלאָדענע פראַכט-וועגען. ווי נאָר עס האָט געשלאָגען די מיטנאַכט-שטונדע (12) האָט מען געעפענט די שלאַג-בוימער (ראָגאַטקעס) און מען האָט דורכגעלאָזען די וועגען. מאַסען פון פאָלק זיינען דערביי געשטאַנען און האָבען בעגריסט דעם פאַקט מיט גרויס פרייד. אַלעס איז געוואָרען פריי פון יעדען צאָל, אויסער איינינע קאָלאָניאַל-וואַארען.

„דער צאָל-פעראיין“, זאָגט ביעדערמאַנן זעהר ריכטיג, „ווי ער איז אַריין אין קראַפט אין יאָהר 1834, איז געווען אַ זעהר וויכטיגע פאַסירונג. ווער

האַט עס געהאַלטען פיר מעגליך, דאַס דייטשלאַנד, וואָס איז געווען אין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער הינזיכט צוברעקעלט אויף שטיקלאַך, זאָל זיך פעראייניגען אין איין שטאַרקען האַנדעלס-קערפּער, און זאָל פערשאַפען פיר איהרע 28 מיליאָנען איינוואוינער אונבעשרענקטע פרייהייט (פון האַנדעל)?"

דער נאַציאָנאַלער איינהייטס-געדאַנק, וועלכער איז זינט דער רעאַקציאָן פון 1819 אַזוי גוט ווי פערשוואונדען, האָט יעצט דורך דעם צאָל-פעראיין ווידער אויפגעלעבט, און האָט ערסט געקראָגען די ריכטיגע, בעשטימטע פאָרמע, וועהרענד פריהער — אין די חלומות פון דער בורשענשאַפט און אין די לידער פון די דיכטער — האָט דיזער געדאַנק געהאַט בלויז אַן אונבעשטימטע, דונקעלע פאָרמע.

מענשען מיט אַ טיפען בליק האָבען אין דיזער עקאָנאָמישער איינהייט פאָרויסגעזעהען, דאָס עס מוז אויך קומען אַ פּאָליטישע איינהייט. אַ פּובליציסט האָט זיך דאַמאָלס אויסגעדריקט: „דער קייזער פון דייטשלאַנד איז יעצט דער דייטשער צאָל-פעראיין".

אין דעם זעלבען יאָהר, אין וועלכען עס איז געגרינדעט געוואָרען דער פּרייסיש-דייטשער צאָל-פעראיין, האָט זיך דייטשלאַנד אָנגעהויבען צו פעראייניגען דורך אַ נעץ פון אייזענבאַהנען. פריהער האָט די אייזענבאַהן פערנומען נאָר אַ קליינע שטרעקע: צווישען נירנבורג און פירטה. ווי דער צאָל-פעראיין האָט זיך געבילדעט איז דער בעריהמטער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם פון יענער צייט, פ ר י ע ד ר י ך ל י ס ט, אַרויס מיט אַ ווערק, אין וועלכען ער האָט פאָרגעלעגט אַ פּלאַן פון אייזענבאַהן-ליניעס און בעזונדערס פון אַ ליניע צווישען דרעזדען און לייפּציג. אין דיזען ווערק האָט ער בערעכענט, וואָס פיר אַ קאַפּיטאַל עס פאָדערט זיך פיר דיזע אונטערנעהמונג, און וואָס פיר פּראָפיטען מען זאָל דערפון ערוואַרטען. דער פּלאַן האָט געוואונען די אויפמערקזאַמקייט פון פיעלע קאַפּיטאַליסטען. עס האָט זיך באַלד געבילדעט אַ קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו בויען דיזע באַהן, און אין צייט פון 5 יאָהר איז פערטיג געוואָרען די אייזענבאַהן-ליניע, וועלכע האָט פעראייניגט 2 זעהר וויכטיגע זאַקסישע שטעדט: לייפּציג און דרעזדען. ליסט האָט דערפון פּערזענליך געהאַט ווייניג נוצען. פיר זיין אידעע און פיר די מיה, וואָס ער האָט געהאַט ביז ער האָט די אידעע דורכגעפיהרט אין פּראַקטיק, האָט ליסט בעקומען אַן אונבעדייטענדע סומע.

באַלד נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען בויען אין דייטשלאַנד אַ גאַנצע רייהע פון אייזענבאַהנען, הגם דאָס בויען איז געווען אָהן אַ סיסטעמאַטישען

פּלאַן. פיעל האָט געשטערט אין דיזער אונטערנעהמונג דער פאַקט, וואָס דייטשלאַנד איז געווען צוברעקעלעט אויף אַ סך קליינע מלוכה'לאַך. פיעלע הערשער האָבען אַרויסגעגעבען קאָנצעסיאָנען ניט לויט די בעדערפניסען פון זייערע מדינה'לאַך, נאָר זיי האָבען געהאַט אין אויסזיכט, דאָס דיזע אָדער יענע באַהן וועט האָבען אַ גוטע ווירקונג אויף זייער רעזידענץ, אַנדערע האָבען געהאַט אין זין נאָר זייערע אייגענע אינטערעסען. זעהר פיעלע פון דיזע באַהנען האָבען פערשלונגען אונגעהייערע סומעס געלט, ווייל זיי זיינען געווען דורכגעפיהרט דורך אוננאַטירליכע, זעהר ווייטע שטרעקעס. עס האָט זעהר אָפט געטראָפען, דאָס נאָך דעם, ווי אַ ליניע איז פערטיג געוואָרען, האָט מען זיך איבערצייגט, דאָס זי איז נוצלאָז, און מען איז געווען געצוואונגען צו בויען אַן אַנדערע אום צו פעראייניגען די זעלבע צוויי פּונקטען. פיעלע באַהנען זיינען געבויט געוואָרען מיט פערשיידענע ברייט צווישען די שינען (רעלסען), אַזוי דאָס די וואַגאָנען פון איין ליניע האָבען ניט געקענט לויפען אויף אַן אַנדער ליניע.

אָבער ניט אַכטענדיג אויף דיזע אַלע פעהלערן זיינען די אייזענבאַהנען געווען פיר דייטשלאַנד פון אַ גרויסער בעדייטונג. זיי האָבען בעוויזען אין דער פּראַקטיק וואָס פיר אַ גרויסער נוץ עס איז פיר דייטשלאַנד דער פרייער האַנדעל, וועלכען דער דייטשער צאָל-פעראיין האָט געשאַפען. דיזע אייזענבאַהנען זיינען געוואָרען די הויפּט-שטיצע פון נאַציאָנאַלען גדראַנק. ווען אַ רייזענדער איז דורכגעפאָהרען אין עטליכע שטונדען דריי, פיער קליינע מדינה'לאַך, האָט ער דאָך געוואוסט, דאָס ער געפינט זיך אויף'ן דייטשען באָדען. איין שטאַם איז בעקאַנט געוואָרען מיט דעם אַנדערען. עס האָט געמאַכט גיך פערשווינדען די פאָראורטיילען, וואָס די קליינע שטאַמען האָבען געפיהלט איינער צום אַנדערען, און דער גדראַנק, דאָס זיי אַלע זיינען איין דייטשעס פאָלק, האָט זיך ביי אַלעמען מעהר ענטוויקעלט.

אויך עסטרייך האָט אָנגעהויבען צו בויען זעהר פיעלע אייזענבאַהנען. מעטטערניך האָט געגלויבט, דאָס די אייזענבאַהנען זיינען פיעל וועניגער שעדליך צו זיין רעאַקציאָנערען סיסטעם, ווי די פרייע גדראַנקען פון אַ ליבעראַלען העלד. און דערום האָט ער די אייזענבאַהנען געלאָזען לויפען און שריפטשטעלער האָט ער געוואָרפען אין די געפענגניסען. ער האָט ניט פערשטאַנען, דאָס יעדע שינע (רעלסע) טרייבט זיין גאַנצעס סיסטעם פון רעאַקציאָן צום טיפען אָפּגרונד.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבען אין דייטשלאַנד איז שוין דערטרונקען געוואָרען אין אַ זומפּ. אָבער אונערוואַרטעט האָט

זיך געמאכט א צופאַל, וועלכער האָט ארויסגערופען א שטארקע בעוועגונג אין אַלע קרייזען, ניט נאָר צווישען די ליבעראַלען. דיזער צופאַל איז גע-וועז, די איבערקעהרענים אין האננאָווער. אין יאָהר 1837 איז ארויף אויף דעם האננאָווערישען טראָן ע ר נ ס ט א ו ג ו ס ט פ ו ן ק ו מ-ב ע ר ל א נ ד. זיין ערסטע ארבייט איז געווען צו פערניכטען די קאָנסטי-טוציאָן פון יאָהר 1833 און איינפיהרען צוריק די פערפאסונג פון יאָהר 1819. מען האָט בעפרייט אַלע בעאמטע פון דער שבועה, וואָס זיי האָבען געגעבען, צו זיין טריי דער קאָנסטיטוציאָן פון יאָהר 1833. דאָס פאָלק איז געוואָרען זעהר ערביטערט. זיבען געָטטינגער פּראָפעסאָרען האָבען ער-קלערט, דאָס זייער געוויסען ערלויבט זיי ניט צו ברעכען די שבועה, וואָס זיי האָבען געגעבען, צו זיין טריי דער דאָזיגער קאָנסטיטוציאָן. מיט די פּראָפעסאָרען האָבען אויך אַנדערע גרויסע מענער פון דייטשלאַנד פּראָטעס-טירט געגען דיזער גוואַלדטאַט, ווי צ. ב. די ברידער י א ק א ב און ו ו י ל-ה ע ל ם ג ר י מ ם, דער בעריהמטער פיזיקער ו ו י ל ה ע ל ם ו ו ע-ב ע ר, וועלכער האָט צוזאמען מיט ג א ו ס ענטדעקט די געזעצען פון ערד-מאַגנעטיזם, און האָט דערמיט פאָרבערייטעט די ערפינדונג פון דעם עלעקטרישען טעלעגראַף. מיט דיזע בעריהמטע מענער איז אויך געווען דער בעריהמטער געשיכטע-שרייבער ג ע ר ו ו י נ ו ס.

דער קעניג איז געוואָרען שרעקליך בייז אויף די פּראָפעסאָרען, וועלכע האָבען אויפגערייצט געגען איהם די עפענטליכע מיינונג, און ער האָט זיי ענטזאַגט פון זייערע שטעלעס. דריי פון דיזע פּראָפעסאָרען זיינען אין פערלויף פון דריי טעג ארויסגעשיקט געוואָרען פון לאַנד. ליידער האָבען די אַנדערע פּראָפעסאָרען געהאַנדעלט אַנדערס. דער רעקטאָר און די דעקאַנען זיינען געקומען צום קעניג און האָבען אויסגעדריקט זייער בעדויערן פיר די האַנדלונג פון זייערע קאָלעגען. אָבער אַלע אָנשטענדיגע מענשען האָבען אָנערקענט די העלדענמוטיגע האַנדלונג פון די זיבען פּראָפעסאָרען. נאָר דער פּרייסישער מיניסטער פון אינערן פ א ן ר א כ א ו ו האָט געריהמט דעם מוט פון קעניג קאַרל אוגוסט און געטאַדעלט די אַרט און ווייזע, ווי די זיבען פּראָפעסאָרען האָבען געהאַנדעלט אין דיזער פּאָליטישער פראַגע.

די בעפעלקערונג פון האננאָווער האָט זיך געווענדעט מיט א קלאַגע אויף די מעשים פון קעניג צום בונדעסטאַג. דיזער האָט געענטפערט, דאָס ער קען ניט זיין קיין ריכטער אין דיזער פראַגע. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די האננאָווערישע בעפעלקערונג האָט געמוזט אָננעהמען די פערפאַ-סונג, וואָס דער קעניג האָט זיי אָנגעבאָטען.

ערגער און טרויעריגער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער האָט די רעאַק-ציאָן געבושעוועט אין עסטרייך. אין די דייטשע פּראָווינצען האָט קוים עקסיסטירט אַ שאָטען פון אַ קאָנסטיטוציאָן. יעדען מאָל, ווען די אַזוי-גענאַנטע פּאָסטולאַטען-לאַנדטאַגען (פערזאַמלונגען פון די אַלטע שטאַנדען) האָבען זיך געעפענט, האָט מען זיי שטרענג אָנגעזאָגט, דאָס זיי זאָלען ניט ציינען קיין ווידערשטאַנד צו אַלע פאָדערונגען פון דער רעגירונג צו בעוויליגען די סומעס פיר די נעטיגע הוצאות פון לאַנד, און זיי זאָלען טאָן אַלעס וואָס די רעגירונג פאָדערט פון זיי. און דיזע לאַנדטאַגען האָבען ווירקליך

ווילהעלם וועבער.

אַזוי געטאָן, ווי מען האָט פון זיי געפאָדערט. די עסטרייכער זיינען אויך געוועזען צופרידען מיט דעם, וואָס די רעגירונג האָט זיי געגעבען. מען האָט גאָרניט געדענקט צו פאָדערן פון דער רעגירונג וועלכע עס איז קאָנסטיטוציאָן, וואָס זאָל געבען דעם פאָלק מעהר רעכטען און אַנטייל אין דער רעגירונג.

זאָגאַר דער העכסט-געבילדעטער טייל פון בירגערטום האָט זיך געפונען אונטער אַ שרעקליכען גייסטיגען דרוק און אַן עקלהאַפטען סיסטעם

פון שפּיאָנסטוואָ. די פּרעס־פּאָליציי, די צענזור און די שפּיאָנען האָבען דערשטיקט יעדע פרייע בעוועגונג. די פּאָליציי האָט נאָכגעשפּירט און שפּיאָנירט זאָגאַר געזעליגע פעראיינען און ליטעראַרישע קלובען. אפילו די אריסטאָקראַטען זיינען ניט געווען זיכער פון די געהיים־פּאָליציסטען, און וואָס די רעגירונג האָט צורוה געלאָזען, האָבען די גייסטליכע פערניכטעט. עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט, דאָס זאָגאַר די אריסטאָקראַטיע איז גע־וועזן שטאַרק אויפגעבראַכט געגען דער רעגירונג און געגען די גייסטליכע.

מיט אַ צעהן יאָהר פריהער ווי אין דייטשלאַנד האָט זיך ענטוויקעלט אין עסטרייך אַ פּאָליטישע פּאָעזיע. אַנאַסטאַזיוס גרין, וועמעס וואהרער נאָמען איז געווען גראַף אַנטאָן פאָן אויערסבערג, האָט שוין אין יאָהר 1831 ארויסגעגעבען אַ ווערק אונטער'ן טיטעל „שפּאַצירגענג פון אַ וויענער פּאָעט". אַ קליינע צייט שפּעטער זיינען ערשינען דיכטונגען פון ניקאָלאוס לענאו (באַראָן נימבש פאָן שטרעהלענאו). דיזע פערפאַסער דריקען אויס אַ פּאַטריאָטישען שמערץ איבער דעם דרוק, וואָס דאָס פּאָלק ליידט פון דער רעגירונג און פון די גייסטליכע. אָפטער דריקען זיי אויך אויס אַ גיפטיגען שפּאָט אויף דעם יאָמערליכען צושטאַנד.

אין די איבריגע לענדער פון דייטשען בונד האָט מען זיך אויך בע־שרענקט נאָר מיט זינגען פרייע לידער, אָבער מען האָט גאָרניט געטאָן. צום מעהרסטען פלעגט מען אויסגיסען דעם גאַנצען צאָרן און די געפיהלען אין לידער און געזענגע ביי אַ גלאָז ביר אָדער פונש. אין אַלגעמיין זיינען די לידער געווען דרייסט, אָבער זעהר קינדיש. אזוי צום ביישפּיל האָט איינער געזונגען:

פירסטען, גיט די גרויסע
פורפורמאַנטלען אָהער!
מיר וועלען דערפון מאַכען הויזען
פיר דאָס פריוויטס־מיליטער.

הויך קלוגע מיטגלידער פון בונדעסטאַג און די פּאָליציי זיינען געווען בלינד איינצוזעהן, דאָס אַזעלכע שוואַכע און אונפעהיגע פערזען זיינען ניט אין שטאַנד ארויסצורופען בעגייסטערונג אין די הערצער פון פּאָלק צו מאַ־כען אַ רעוואָלוציאָן, און זיי האָבען אָנגעהויבען פערפאָלגען די פּאָעטען, וועלכע האָבען זיי פערפאַסט.

מערקווירדיג איז, דאָס אין די דרייסיגער און פערציגער יאָהרען איז געווען אין דייטשלאַנד די איינציגע לעבהאַפטע בעוועגונג אַ רעליגיעזע.

זינט פּיאוס דער 8טער איז צוריק אַרויף אויף דעם פּאַפּסטליכען טראָן האָט די קאַטאָלישע קירכע אָנגעהויבען שטרעבען צו בעקומען צוריק איהרע פער־לאָרענע רעכטען און איהרע בעזיצטימער. עס איז אויפגעוואַקסען אַ נייער דור פון גייסטליכע, וועלכע האָבען עס געמאַכט פיר זייער לעבענס־אויפגאַבע דורכצופיהרען שטרענג אַלע רוימיש־קירכליכע געזעצען, און האָבען זיך ניט געשראָקען פאַר קיין קאַמף מיט דער וועלטליכער רעגירונג. דער קאַמף האָט פריהער פון אַלעם אויסגעבראָכען צוליב די געמישטע חתונות. דער בישאָף פון קעלן, דער פריי־הערר דראָסטע צו פישערינג, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען צו זיין אַמט אין יאָהר 1833, האָט פער־באָטען די גייסטליכע דורכצופיהרען די טרויאונגס־צערעמאָניע פון געמישטע חתונות, ווען עס איז ניט דערביי בעשטימט געוואָרען, דאָס די קינדער, וואָס וועלען געבאָרען ווערען פון דער פערבינדונג, זאָלען ערצויגען ווערען אין קאַטאָלישען גלויבען. ער האָט אויך פערפאָלגט אַלע אָנהענגער פון דער לעהרע פון פּראָפעסאָר הערמעס אין באָנן; די לעהרע, וועלכע דער פּאַפּסט האָט שטרענג פערבאָטען. די רעגירונג האָט געפאָדערט פון בישאָף, אַז ער זאָל צוריקרופען זיין פערבאָט וועגען געמישטע חתונות און ער זאָל אויפהערען צו פערפאָלגען די אָנהענגער פון דער הערמעס־לעהרע, און אויב ער וויל עס ניט טאָן זאָל ער רעזיגנירען פון זיין אַמט. ער האָט אָבער ניט געפאָלגט, וואָס די רעגירונג האָט פון איהם פערלאַנגט, און דער קעניג האָט געהייסען איהם אַרעסטירען און פערשליסען אין דער פעסטונג פון מינדען (20טען נאָוועמבער 1837).

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען שטורם צווישען די קאַטאָליקען, און זאָגאַר צווישען די ליבעראַלען. דער פּאַפּסט האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם און האָט בעצייכענט די האַנדלונג פון דער רעגירונג אַלס „סקאַנ־דאַלעזע פערלעצונג פון די הייליגע רעכטען פון דער קירכע". באַלד האָ־בען זיך וויעדערהאָלט די זעלבע פּאַסירונגען אין דעם בישאָפליכען קרייז פּאָזען. אויך דער ערץ־בישאָף פון דונין האָט פערבאָטען די גייסט־ליכע צו דערלאָזען געמישטע חתונות, ווען עס איז דערביי ניט בעשטימט געוואָרען, דאָס די קינדער, וואָס וועלען אַרויסקומען פון דער הייראַט, זאָ־לען ערצויגען ווערען אין דעם קאַטאָלישען גלויבען. די רעגירונג האָט עס פאָרגעבראַכט פאַר'ן געריכט, וועלכעס האָט פעראורטיילט דעם ערץ־בי־שאָף צו זעקס מאָנאַטען געפענגניס און אַרונטערגעזעצט צו ווערען פון זיין אַמט. די קאַטאָליקען זיינען נאָך מעהר אויפגערייצט געוואָרען געגען דער רעגירונג. אָבער דער קעניג האָט געשיקט זיין זוהן דעם קרוינפּרינץ, וועל־

כער איז געווען ביים פֿאָלק זעהר בעליבט, און דיזער האָט בערוהיגט די געמיטער.

באַלד נאָך דעם, ווי די רעליגיעזע אויפרעגונג איז געשטילט געוואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע לעבעדיגע בעוועגונג אין דער ליטעראַטור.

וועהרענד אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען געהערשט אין דער ליטעראַטור די ראָמאַנטיקער, איז דורך די בעפרייאונגס־מלחמות צו־געצויגען געוואָרען דער גייסט פון די דיכטער צו דער לעבעדיגער געגענ־ווערטיגער צייט. די גרויסע מאַכט, וואָס פּרייסען האָט בעקומען אין די לעצטע צייטען, האָט אַרויסגערופען די בעגייסטערטע קריגס־לידער פון אַ ר נ ד ט, ק אָ ר נ ע ר, ש ע נ ק ע נ ד אָ ר ף און ר י ק ק ע ר ט. נאָכדעם האָבען די בליקען פון דייטשען פֿאָלק זיך געווענדט אויף די אי־נערליכע צושטענדען פון לאַנד און אויף די איינהייט פון דייטשלאַנד, ווי אויך אויף זיינע געזעצליכע פרייהייטען. איהר ווידער־קול האָט דיזע צייט געפונען אין די דיכטונגען פון א ו ה ל אַ נ ד און ר י ק ק ע ר ט. דער לעצטער האָט געזאָגט מאַנכע גרויסע לייט ביטערע ווערטער און האָט זיך בעקלאָגט איבער דעם, וואָס מען גיט ניט די פעלקער קיין פרייהייט. אויך ג ר אַ ף פ אָ ן פּ ל אַ ט ע ן, דער קונסטרייכער ליטעראַרישער מייסטער, האָט געשאָסען מיט סאַטירישע פיילען.

אין דיזער צייט זיינען ערשינען צוויי דיכטער מיט אַן עכט מאָדערנעם גייסט, היינע און באָרנע. ה י י נ ר י ך ה י י נ ע איז געבאָרען געוואָרען פון אידישע עלטערן אין דיססעלדאָרף אין יאָהר 1799, דאָס הייסט אין דער צייט, ווען דייטשלאַנד האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס האָט זי בעדעקט מיט שמאַך און שאַנדע. אין היינע׳ס ווערק שפּיגעלט זיך אָפּ דער גאַנצער עלענד פון דייטשלאַנד אַזוי בולט, ווי ביי קיין אַנדערען שריפט־שטעלער. דעם ערסטען רוהם האָבען איהם פערשאַפט זיינע „רייזעבילדער" און דאָס „בוך דער לידער". מיט רעכט איז ער אָנערקענט געוואָרען אַלס איינער פון די ערסטע און גרעסטע ליריקער אין דער וועלט. די פּאַריזער יולי־רעוואָלוציאָן האָט איהם אַריינגעצויגען אין שטרודעל פון קאַמף. ער האָט פערלאָזען דייטשלאַנד און איז אַוועק נאָך פּאַריז. דאָרט האָט ער בעסער אָנגעהויבען צו פערשטעהן דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער געשריבען זיין בעריהמטעס ווערק „דייטשלאַנד, איין ווינטער־מאָרכען" (אַ ווינטער־מעשה), אין וועלכען ער מאַכט חוזק מיט זיין בלענדענדען, פינקעלדיגען גייסט פון אַלעס, וואָס טראָגט אויף זיך דעם דייטשען שטעמפּעל. אויך ל ו ד וו י ג ב אָ ר נ ע איז נאָך דער יולי־רעוואָלוציאָן אַוועק נאָך פּאַריז.

דיזער שריפטשטעלער האַט אין זיינע „פאַריזער בריעפע” אויסגעגאָסען אויף דייטשלאַנד זיין גאַנצען צאָרן.

אָן דיזע צוויי פּאָעטען האָט זיך אַנגעשלאָסען א גאַנצע רייהע פֿין אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געוועזען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען

היינריך היינע.

„דאָס יונגע דייטשלאַנד”. אָבער פון דיזער רייהע האָבען זיך אויסגעצייכענט נאָר צוויי, נעמליך: גוטצקאָוו און לאובע. די יונגע דייטשלאַנד איז אַרויסגעטרעטען מיט גרויס שטאָלץ און מיט גרויסע פּרעטענזיאָנען אין גאַנצען איבערצואַנדערסען די וועלט. יעדע צייליע פון דיזע

דיכטער דריקט אויס א קאָלאָסאַלען אונזין. איבערהויפּט האָבען זיי גע- פרעדיגט און פערטיידיגט מיט גרויס פייער די פרייע ליבע. דאָס שטאַרק- סטע האָט ארויסגעבראַכט גוטצקאָוו אין זיין ראָמאַן „וואַללי, די צווייפלע- רין". דער בונדעסטאַג האָט אָנערקענט די שילדערונגען פון די דיכטער פון דער „יונגער דייטשלאַנד" פיר „נייע סאָציאַלע אידעען", און האָט אָנ- ערקענט זייערע ווערק אַלס זעהר וויכטיג, אָבער זעהר שעדליך, און דעריבער האָט ער, דער לאַנדעסטאַג, אויפגעפאָדערט אין יאָהר 1836 אַלע רעגירונגען פון די דייטשע שטאַאַטען צו אונטערדריקען אַלע שריפטען פון „יונג-דייטש- לאַנד", נעמליך: היינע'ס, לאַובע'ס, גוטצקאָוו'ס, מונדט'ס און וויענבאַרג'ס. די פּרייסישע רעגירונג האָט פערבאָטען דעם גאַנצען פערלאַג פון האָפמאַנן און קאַמפּע אין האַמבורג, וואו עס זיינען ערשינען היינע'ס ווערק. עס האָט ניט לאַנג גענומען און עס האָט זיך בעוויזען דער ראַדיקאַלער ליבע- ראַליזם אין זיין ריכטיגער, וואהרער נאַטור. פיעלע פון די דיכטער זיינען געוואָרען בעלי תשובה און זיינען געוואָרען טעלערלעקער אין די הויפען. זיי האָבען אָבער מיט זייער שימפּען די רעוואָלוציאָן געבראַכט דער זאַך פון פריי-הייט פיעל מעהר נוצען אַלס מיט זייערע „יוגענד-עזעלייען" (יוגענד- נארישקייטען).

גאַנץ אַנדערש איז געוועזען די ווירקונג אין דער ליטעראַטור ווען עס איז ארויף אויף די סצענע די ראַדיקאַלע פילאָזאָפיע. דאַוויד שטראַוס אין זיין בוך „דאָס לעבען יעזו" האָט צוריסען דעם וואונדערבאַרען שלייער, מיט וועלכען די עוואַנגעליסטען האָבען איינגעוויקעלט די פּערזאָן פון יע- זוס, דעם גרינדער פון קריסטענטום. ער צייגט, דאָס יעזוס איז אַ מענש ווי אַלע אַנדערע, נאָר ער אונטערשיידעט זיך פון פיעלע אַנדערע מיט זיין הויכען גייסט און זיינע ריינע זיטען. אין דער זעלבער צייט האָט לודוויג פייערבאַך אונטערגענומען אַ קאַמף געגען יעדע פּאָזיטיווע רעליגיאָן. ברונאָ באַוער האָט אונטערגעוואָרפען דעם נייעם טעס- טאַמענט אונטער אַ גענויע קריטיק. דיזע אַלע שריפטען האָבען געהאַט אויף די בירגער-קלאַס אַ גרויסע ווירקונג. ליידער האָבען דיזע ווערק מיט זייער געלעהרטער שפּראַך און זייער טהעאָלאָגישער פאָרמע ניט געהאַט קיין גרויסען איינגאַנג ביי די ברייטע שיכטען פון די האַנטווערקער און אַרביי- טער, אום צו בעפרייען דיזע פון רעליגיעזע פּאַראורטיילען און מאַכען זיי צוגענגליך צו ליבעראַלע אידעען.

פיעל שטאַרקער איז געוועזען די פּאָליטישע דיכטונג, וועלכע האָט ווי אַ טראָמפּעטען-לאַרם זיך געלאָזט הערען איבער דייטשלאַנד. די „געדיכטע

איינעם לעבענדיגען" פון גע אָרג הערוועגה (1817—1875) האָט געפונען אַ בעגייסטערטען אָפּקלאַנג אין גאַנץ דייטשלאַנד. עס זיינען גע-ווען גאַנץ אַנדערע ווערטער, ווען ער האָט געזונגען:

„מיר האָבען לאַנג גענוג געליבט,

מיר ווילען ענדליך האַסען".

אָדער:

„רייסט אוים די קרייצען פון די ערדען,

אַלע זאָלען ווערען שווערדען".

זיבען אויפלאַגען האָבען זיינע געדיכטען דערלעבט איינע נאָך דער אַנדערער. זיין רוהם איז געוואָרען אין גאַנץ דייטשלאַנד אונגעהייער גרויס. אין יאָהר 1842 האָט הערוועגה אונטערגענומען אַ רייזע דורך דייטשלאַנד. דיזע רייזע איז געווען אַ וואהרער טריאומף-צוג. זאָגאַר דער קעניג פריעד-ריך ווילהעלם דער 4טער האָט איהם אויפגענומען און האָט איהם געזאָגט: „איך ליב אויך אַן אָפּאָזיציאָן, ווען זי איז פול מיט זין". דאָך ווען ער האָט זיך בעקלאָגט פאַר דעם קעניג אויף די פרייסישע פּאָליציי האָט מען איהם באַלד אַריבערגעשיקט איבער די גרענעץ מיט צוויי זשאַנדאַרען.

אָן הערוועגה האָט זיך אָנגעשלאָסען אַ גרופּע קאַמפּלוסטיגע דיכטער, וועלכע האָבען געוואָרפען זייערע פיילען געגען די רעאַקציאָן און געגען דאָס סיסטעם, וואָס מעטטערניך האָט געשאַפען. די וויכטיגסטע פון דיזע זיי-נען געווען: ערנסט פרוטץ האָפּמאַנן פון פאַללערסלעבען, מאָריטץ האַרט-מאַנן, פערדינאַנד פרייליגראַטה און גאָטטפריעד קינקעל. אַלע ווערק פון ערנסט פרוטץ (1810—1872) זיינען פול מיט בעגייסטערונג פון פרייהייטס-ליבע. די מעהרסטע זיינען פון פּאָליטישען אינהאַלט, און אי-בערהויפט זיין קאָמעדיע „פּאָליטישע וואָכטשטובע", וועלכע איז פול מיט שאַרפען וויץ און בייסענדע אַנדייטונגען אויף די דאַמאָלסדיגע צושטענדען און וויכטיגע פּערזאָנען. דערפאַר האָט מען אַרויסגעטריבען פרוטץ'ן פון יענאַ, און ער האָט זיך אין יאָהר 1846 בעזעצט אין בערלין. דאָרט האָט ער געהאַלטען פיעלע ליטעראַטור-געשיכטליכע פאָרלעזונגען אונטער פיעלע שטערונגען פון דער פּאָליציי.

אויגוסט האָפּמאַנן, געבאָרען אין פאַללערסלעבען 1798, געשטאָרבען 1874, איז געווען פּראָפעסאָר פון דער דייטשער שפּראַך און לי-טעראַטור אין ברעסלויער אוניווערזיטעט, און ער האָט זיך ערוואָרבען גרויסע פערדינסטען אין דער דייטשער פילאָלאָגיע דורך די אַרויסגאַבע און בעאַר-בייטונג פון אַלטע שפּראַך-דענקמעלער. אין די יאָהרען 1840 און 1841

האט ער ארויסגעגעבען זיינע „אונפאליטישע ליעדער", וועלכע האבען דורך זייער פריימוט און ליבעראלע געזינונגען געמאכט די רעגירונג אזוי אונ-צופרידען, דאס מען האט איהם ענטזאגט פון זיין פראפעסאר-שטעלע. יאה-רען-לאנג האט ער געוואנדערט איבער דייטשלאנד און האט אין ערגעץ ניט געפונען קיין שטיקעל מקום מנוחה, ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען צו בע-

פריעדריך ווילהעלם דער 4טער.

זעצען זיך אין וויימאר און וויעדער נעהמען זיך רוהיג צו זיין ליבלינגס-בע-שעפטיגונג, צו דעם שטודיום פון דער אלט-דייטשער שפראך.

פערדינאנד פרייליגראטה (1810—1876) איז פריהער געוועזען א געהילף אין א געשעפט. ער האט זיך אבער ענטזאגט פון זיין קויפמענישער קאריערע נאך דעם, ווי ער האט אנגעהויבען צו שרייבען לירישע געדיכטען, וועלכע זיינען אנערקענט געווארען פון מבינים פון וואה-

רער פּאָעזיע. ער האָט זיך דאַן געווידמעט צו דער דיכט־קונסט. ער איז געוועזן אַ מייסטער פון דער דייטשער שפּראַך און האָט געהאַט אַ גליהענדע פאַנטאַזיע. אַנפאַנגס האָט ער נאָר געשילדערט די פאַרבען־פּראַכט פון דער זידלענדישער נאַטור. דער קעניג פון פּרייסען האָט איהם בעשטימט אַ יעהרליכען געהאַלט אום צו האַלטען איהם דורך דעם פון וויטען פון זיינע פּאָליטישע חברים. אָבער ער האָט אין דיזער לאַגע לאַנג ניט געקענט בלייבען. ער האָט זיך ענטזאַגט פון דער שטיצע און איז געוואָרען זעלבשטענדיג, און האָט צוריק אַריינגעטרעטען אין דינסט אין אַ לאַנדאַנער הויז. ער איז אַריינגעפאַלען אין שטראָם פון דער צייט־בעוועגונג און האָט מיט גרויס פייער אויסגעדריקט זיינע דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע אידעאַלען. די רעגירונג האָט איהם דערפאַר אַרויסגעטריבען פון לאַנד. ער איז אַוועק אין די שווייץ. דאָרטען האָט מען איהם אויך פערפאָלגט און געיאָגט פון איין קאַנטאָן אין אַן אַנדערען. ער האָט פערגליכען זיין פערפאָלגונג מיט אַ שאַך־שפּיל, און ער האָט זיך געטרייסט מיט די ווערטער, דאָס „מאַט ווערען קען נאָר דער קעניג”.

אויף פּראַנץ דינגעלשטעדט (1814—1882) האָט געליטען פון דער רעאַקציאָן. איבערהויפּט האָט ער געליטען צוליב זיינע „ליעדער איינעס קאָסמאָפּאָליטישען נאַכטוואָכטערס”. ער האָט געהאַט אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, אָבער צוליב דיזע לידער איז ער אין **יאָהר** 1841 ענטזאַגט געוואָרען פון זיין שטעלע. ער האָט זיך אָבער שפּעטער געוואוסט אַזוי אויפצופיהרען, דאָס ער איז אין שטוטגאַרט ערנאַנט געוואָרען פון קעניג אַלס האָפראַט און ביבליאָטהעקאַר. איבער גאָטפריעד קינקעל האָבען מיר נאָך צו רעדען אין אַן אַנדער אָרט.

אין דער פּאָליטישער פּאָעזיע איז פערשוואונדען די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון דעם דייטשען בירגערטום. עס איז טרויריג צו זעהן, ווי דאָס דייטשע פאָלק האָט ניט פערשטאַנען צו נעהמען אַ ביישפּיל פון פראַנצויזישען און ענגלישען פאָלק צו שאַפען מאַכט־מיטלען צו בעקעמפען די רעאַקציאָן. די דייטשע פּאָעטען האָבען געהאָפט, אַז עס זאָל פון ערגעץ געשעהען אַן אונערוואַרטעטע קאַטאַסטראָפע, וועלכע וועט מאַכען אין דער רעגירונג גרויסע פּלוצלינגע איבערקעהרעניסען. אָבער ווער זאָל מאַכען דיזע קאַטאַסטראָפע און פון וואַנען זי זאָל קומען — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט און וועגען דעם ניט געטראַכט. זיי **האָבען** **זיך** רוהיג געוואַרט אויף די אונערוואַרטעטע קאַטאַסטראָפע, און דערווייל

האָט מען ארויפגערוקט די מיצקע איבער'ן געזיכט, אום מען זאָל ניט זעהען די טרויעריגע לאַגע פון דעם דייטשען פאָלק.

אין יאָהר 1840 איז געשטאָרבען אין פרייסען פריעדריך ווילהעלם דער 3טער. ער איז געוועזן אַ הייסער אָנהענגער פון מעטטערניך'ן אין זיין אי־נערליכער און אויסערליכער פאָליטיק. פרייסען האָט דורך דיזע פּאָליטיק ארויפגעצויגען אויף זיך אַ שרעקליכען האַס פון די בירגער. פריעדריך וויל־העלם איז געוועזן מיט לייב און זעעלע אַ סאָלדאַט און אַ ביוראָקראַט. דע־ריבער איז זיין הויפּט־זאָרג געוועזן צו האַלטען די רעגירונגס־מאַשין שטרענג נאָך דער פאָרשריפט און דער פאָדערונג פון דעם געזעץ. ווען ער איז געשטאָר־בען האָט זיך ביי פיעלע ערוועקט נייע האָפנונג. מען האָט גערעכענט, דאָס יעצט וועלען פאָרקומען גרויסע ענדערונגען אין לעבען פון דייטשען פאָלק, ווי דאָס איז אימער געוועהנליך ביי אַ נייער טראָן־בעשטייגונג. די פּערזאָן פון דעם נייעם הערשער האָט אויסגעוויזען צו בעקרעפטיגען דיזע האָפנונג. פריעדריך ווילהעלם דער 4טער איז געוועזן אַ מענש, וואָס האָט געהאַסט יעדען צוואַנג. ער איז אָבער געוועזן זעהר אייגענוויליג, און עס האָט איהם געפעהלט פעסטקייט און בעשטענדיגקייט. ער האָט גיך געביטען זיינע אַנזיכטען, און מען איז קיינמאָל ניט געוועזן זיכער מיט זיינער אַן ענטשיידונג.

די ערסטע האַנדלונגען פון דיזען נייעם הערשער האָבען געגעבען די ליבעראַלען גוטע האָפנונגען. זיי זיינען אַלע געוועזן מלא שמחה. פון די־זע האַנדלונגען האָט מען געקענט שליסען, דאָס דער נייער הערשער וויל גוט מאַכען דאָס אונרעכט, וואָס די פריהערדיגע הערשער האָבען בעגאַנ־גען געגען דעם פאָלק, מיט וועלכען ער וויל לעבען אין פרידען. דער לי־בעראַלער גענעראַל באָיען, וועלכער איז אין יאָהר 1820 ענטזאַגט גע־וואָרען פון זיין שטעלע פיר זיין ליבעראַליזם, איז יעצט פון דעם נייעם הער־שער צוריק אריינגעטרעטען אין שטאַאטס־ראַט. ארנדט האָט צוריקגעקראָ־גען זיין פּראָפעסאָר־שטעלע אין באָנן, און דער קעניג האָט צו איהם גע־שריבען, דאָס ער קען איהם און האָט צו איהם צוטרויען. יאָהן האָט בעקו־מען דעם אייזערנעם קרייץ. דעם 10טען אויגוסט האָט דער קעניג פריעד־ריך ווילהעלם דער 4טער ארויסגעגעבען אַן אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) פיר אַלע פּאָליטישע פערברעכער. באַלד נאָכדעם האָט ער אָפּגעשאַפט די קאָ־מיסיאָן, וועלכע איז געוועזן בעשטימט פון פריהער צו זוכען און פערפאָלגען די יעניגע, וואָס טראָגען זיך אום מיט דעמאָקראַטישע אידעען.

דיזע אַלע בעוויזען פון דעם קעניג'ס ליבעראַלע געזינונגען האָט גע-געבען מוט דעם לאַנדטאַג פון דער פּראָווינץ פּרייסען צו בעטען דעם קעניג, אַז ער זאָל זיי געבען די פערפאַסונג, וועלכע מען האָט זיי פערשפּראָכען דעם 22טען מאַי 1815. דער קעניג האָט זיי זעהר העפליך געענטפערט, דאָס ער זעהט אין דיזען פערלאַנג נאָר ריינע טרייע און גוטע געזינונגען און האָט זיי פערזיכערט, דאָס זיי קענען זיך דורכאויס פערלאָזען אויף זיינע „אבזיכטען איבער די אינסטיטוציאָנען פון די לאַנדטאַגען".

דאָס פאָלק האָט זיך באַלד איבערצייגט אין זיין אירטום. דעם 4טען אָקטאָבער האָט דער קעניג ערקלערט, אַז דאָס פאָלק האָט ניט ריכטיג פער-שטאַנען דעם ענטפער, וואָס ער האָט זיי געגעבען וועגען דער פערפאַסונג, וואָס זיי האָבען פון איהם פערלאַנגט. ביי דער צערעמאָניע פון דער קרוי-נונג אין בערלין האָבען זיך קלאָר ארויסגעצייגט די וואהרע געזינונגען פון קעניג. די דעפּוטירטע פון אדעל האָט דער קעניג דאמאָלס אויפגענומען אין ריטער=זאַל פון שלאָס, און די דעפּוטאַטען פון די בירגער און פון בוי-ערן=שטאַנד האָט ער געלאָזט וואַרטען דרויסען אין לוסטגאַרטען אונטער ווינט און רעגען.

אין יענער צייט זיינען ערשינען די בעריהמטע „פיער פראַגען איינעס אָסטפּרייססען", וועלכע האָבען אין אַ זעהר בעשטימטער פאָרמע פערלאַנגט אַ פאָלקס=פערטרעטונג. דיזע „פיער פראַגען" זיינען געווען געשריבען מיט אַ זעהר געזונטער לאָגיק און האָבען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. די פראַגען זיינען געווען: „וואָס האָבען די שטאַנדען (די פערשיידענע פאָלקס=קלאַסען) געוואונען? וואָס האָט זיי געגעבען דאָס רעכט (אויף זייער וואונש)? וואָס פיר אַ בעשייד (ענטפער) האָבען זיי געקראָגען? וואָס בלייבט זיי איבער צו טאָן?" בינדיג ענטפערט דער פערפאַסער אויף די לעצטע פראַגע: „זיי מוזען יעצט פאָדערן פון דער רעגירונג אַלס זייער רעכט, וואָס זיי האָבען ביז אהער געבעטען אַלס גנאַדע, אַלס חסד". דער פערפאַסער פון דיזער שריפט איז געווען יאָהאַן יאַקאָבי (1805—1877). די פיער פראַגען האָבען געמאַכט יאַקאָבי'ן אַ גרויסען נאָמען אין גאַנץ דייטשלאַנד; אָבער די רעגירונג האָט איהם שטאַרק פער-פאָלגט. מען האָט איהם בעשולדיגט אין הויך=פעררעט, אין מאַיעסטעט=בעליידיגונג און אין פערשפּאָטונג פון די געזעצען פון לאַנד. ווען דער פּראָקוראָר האָט איהם פאָרגעוואָרפען, דאָס ער געהערט צו דער געפעהר-ליכסטער אָפּאָזיציאָן, האָט יאַקאָבי געענטפערט: „איך געהער ווירקליך צו דער אָפּאָזיציאָן געגען אונרעכט און שקר". דעם 20טען אפּריל 1842 איז

יאַקאָבי פעראורטיילט געוואָרען צו 2½ יאָהר פעסטונג און צו פערלירען די נאַציאָנאַל־קאָקאַרדע. ער האָט אַפּעלירט צום אויבער־טריבונאַל און דיזער האָט איהם פריינעשפּראָכען. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און ער איז אַריין אין אַ נייעם קאַמף מיט דער רעגירונג.

אין דער ערסטער צייט פון זיין רעגירונג האָט פריעדריך ווילהעלם דער 4טער פיעל פערגרינגערט די צענזור אין פּרייסען. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט זי ווידער פערשאַרפט, ווייל די צייטונגען האָבען זיך בענוצט מיט דיזער פרייהייט און האָבען אָנגעהויבען צו קריטיקירען די רעגירונג. די רעגירונג האָט דאַמאָלס פערבאָטען זאָגאַר איבער־צודרוקען דעם בעשלוס פון מאַי פון יאָהר 1815. זי האָט זיך געשעמט, דאָס די פערשפּרעכונג, וואָס דער קעניג האָט דאַמאָלס געגעבען דעם פאָלק, זאָל אַזוי שענדליך און אָפען צוריקגעצויגען ווערען, און דעריבער האָט זי פערבאָטען דעם איבערדרוק. עס איז קיין שאָטען ניט געבליבען פון דעם רעכט, וואָס דאָס פאָלק האָט פריהער געהאַט אַרויסצוזאָגען פריי זיין מיינונג איבער די האַנדלונגען פון דער רעגירונג. דערפאַר האָט מען געשטיצט שטאַרק די רעליגיאָן. דערצו האָט פיעל געהאָלפען דער רעאַקציאָנערער מיניסטער א י כ ה א ר ן, ווייל די פרייערע בעוועגונגען און שטרעבונגען אין דער פּראָטעסטאַנטישער טהעאָלאָגישע זיינען געווען פיר די רעגירונג אַ שרעק. וואָס האָבען זיי געקענט ערוואַרטען, ווען די עלטערע גייסטליכע האָבען שטיצענדיג זיך אויף דער אויטאָריטעט פון קאַנט זיך געהאַלטען אָן ראַציאָנאַליזם (גלויבען פון פערנונפט), אָדער האָבען ווי שלייערמאַכער געמאַכט די רעליגיאָן פיר אַ זאַך פון געפיהל און געלעגט מעהר געוויכט אויף אַ גלויביגע אַנדאַכט (כוונה) ווי אויף די פאָרמאַלע אָרטהאָדאָקסיע? דער קעניג האָט פערלאַנגט, דאָס די פּרייסישע גייסטליכע זאָלען אָנערקענען אַ געוויסע קאָנפעסיאָן, און האָט דורכגעזעצט געגען דעם בעשלוס פון דעם גענעראַל־סינאָד, דאָס די יעניגע, וואָס וועלען ניט אָנערקענען די קאָנפעסיאָן־שריפטען, וועלען מוזען אַרויסטרעטען פון דער פּרייסישער פּראָטעסטאַנטישער קירכע.

דאַגעגען האָט דער קאַטאָליציזם בעקומען פון דעם קעניג דעם גאַנצען צוטרוי און אָנערקענונג. דער קאַטאָליציזם האָט ערהאַלטען אַזוי פיעל פרייהייט, ווי ער האָט זי שוין ניט געהאַט זינט די צייטען פון מיטעלאַלטער. די בישאָפען, וועלכע זיינען געזעסען אין די גֶעפענגניסען זינט דער צייט פון פריעדריך ווילהעלם דעם 3טען, זיינען אַלע באַלד בעפרייט געוואָרען. דער קעניג האָט ערלויבט די קירכען־פירסטען צו אָנערקענען די

פּאַפּסטליכע מאַכט און הערשאַפט איבער זיי, און האָט ערלויבט די קאַטאָליקען צו ערציהען זייערע קינדער אונטער דער פיהרונג פון זייערע גייסטליכע. דער פּאַפּסט גרעגאָר דער 16טער האָט זיך אויסגעדריקט מיט צופרידענהייט, דאָס זיין אויטאָריטעט איז פיעל שטאַרקער אין דער פּראָטעסטאַנטישער פּרייסען אַלס אין דער קאַטאָלישער עסטרייך און באַיערן.

דער שטרענג־קירכליכער גייסט האָט געהערשט. זיין קאַמף איז געווען איבערהויפּט געגען דער גאָטלאָזער פילאָזאָפיע, וועלכע איז אַרויסגערופען געוואָרען פון קאַנט׳ס קריטיק פון ריינעם פערשטאַנד. אין יאָהר 1844 האָט קעניגסבערג געפייערט דעם 300־יעהריגען יובילעאום זינט איהר אוניווערזיטעט עקסיסטירט, און אַלע אויפגעקלערטע קרייזען האָבען גענומען אַ שטאַרקען אָנטייל אין דיזען יום טוב, מיט וועלכען דער נאָמען קאַנט איז געווען ענג פערבונדען. דאַמאָלס האָבען אויך די קאַטאָליקען געפייערט אַ יום טוב, וועלכער האָט דורך זיין אַבערגלויבען דערמאָהנט אָן די פינסטערע צייטען פון מיטעלאַלטער. דער בישאָף אַ ר נ אָ ל ד י פון טריער האָט דעם 18טען אויגוסט 1844 געלאָזען אויסשטעלען דעם אַזוי־גענאַנטען הייליגען ראָק, כלומר׳סט יעזוס׳עס בגד, וואָס איז ניט גענעהט פון מענשליכע הענט. דיזע אויסשטעלונג פון דעם הייליגען ראָק האָט דיזען מאָל געהאַט פיעל מעהר ערפאָלג ווי אין דעם יאָהר 1810. איבער אַ מיליאָן מענשען זיינען געקומען זעהן דיזע רעליקוויע (הייליגען אַנטיק). אויך פון דער קאַטאָלישער פראַנקרייך זיינען געקומען פיעלע גלויביגע, ווייל דאַמאָלס איז נאָך דאָרט ניט געווען קיין אויסשטעלונג פון אַ קאָנקורענץ־ראָק ווי אין 1891 אין אַרזשענטאַיל (אַ שטאָדט אין פראַנקרייך).

די אויסשטעלונג פון דעם ראָק און די בעריכטען פון די פיעלע וואונדער, וואָס זיינען כלומר׳סט געשעהען אין טריער, זיינען געווען אַן אָפענער שפּאָט אויף די אַנשויאונגען פון יענער צייט און די ליבעראַלען זיינען אַרויס געגען דיזען שווינדעל מיט זייערע וואַפען פון קריטיק און פון שפּאָט. די באָננער פּראָפעסאָרען זיבעל און גילדעמייסטער זיינען אַרויס מיט אַ שריפט, אין וועלכער זיי האָבען בעוויזען מיט אותות ומופתים דעם פאַלש פון דעם ראָק, אָבער עס האָט גאָרניט געווירקט. נאָר איין קליינעס העפט וועגען דעם ראָק, געשריבען פון י אָ ה אַ נ נ ע ס ר אָ נ ג ע, האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, ווייל עס איז געשריבען געוואָרען זעהר פּאָפּולער. עס איז געווען אַן אָפענער בריף „געגען דעם געצענפעסט אין טריער צו דעם בישאָף, אַלס דעם טעטצעל פון 19טען יאָהרהונדערט״. דיזעס ווערקעל, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון דעם אַרויסגעטריבענעם קאַטאָלישען

גייסטליכען ראַנגע, איז שטאַרק און גיך פערשפּרייט געוואָרען אין פיעלע קאַטאָלישע לענדער. זיין בילד איז געווען אַרויסגעשטעלט אין פיעלע שוי־פענסטער. דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַזוי פיעל מוט, דאָס ער האָט זיך אַליין גערעכענט פיר אַ צווייטען לוטהער, און האָט געגרינדעט דייטש־קאַטאָלישע געמיינדעס, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט פון פּאַפּסט. אָבער די־זע געמיינדעס האָבען ניט לאַנג עקסיסטירט. אין יאָהר 1848 איז פון זיי כמעט קיין זכר ניט געבליבען.

הגם די צענזור איז געווען זעהר שטרענג האָט דאָס פאָלק דאָך געפו־נען מיטלען און וועגען צו צייגען דער רעגירונג, דאָס עס איז שטאַרק אונ־צופרידען מיט דעם הערשענדען סיסטעם. די ליבעראַלע שטרעמונג איז גע־ווען אַזוי שטאַרק, דאָס דער קעניג האָט זיך געמוזט רעכנען דערמיט. דעם 3טען פעברואַר 1847 האָט ער בערופען די פּראָווינציאַל־שטאַנדען צו נעהמען אַנטייל אין דעם לאַנדטאַג, וואָס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אין בערלין. אָבער מען האָט זיי קיין זעלבשטענדיגקייט ניט געגעבען. זיי האָבען געהאַט צו זאָגען זייער מיינונג נאָר אין פראַגען וועגען אַנלייהען און שטייער, אָבער אין אַלע אַנדערע זאַכען האָט זייער שטימע ניט געהאַט קיין ווערט; זיי האָבען זאָגאַר ניט געהאַט דאָס רעכט צוזאַמענצוקומען אָהן דער ערלויבניס פון דער רעגירונג. די ליבעראַלען זיינען געווען שטאַרק אונצופרידען מיט אַזאַ מין לאַנדטאַג און האָבען ניט געוואָלט נעהמען אין איהם קיין אַנטייל.

אויך די ערעפנונגס־רעדע פון דעם קעניג האָט קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס פאָלק האָט ווייניג צו רעכנען אויף אַ ווירקליכע קאָנסטיטוציאָן. אין דיזער רעדע האָט ער ערקלערט, דאָס קיין מאַכט אין דער וועלט איז ניט אין שטאַנד צו צווינגען איהם צו ענדערן די בעציהונגען צווישען איהם און זיין פאָלק און גרינדען זיי אויף קאָנסטיטוציאָנעלע פּרינציפּען. דערמיט איז בעשטימט געוואָרען דער שיקזאַל פון לאַנדטאַג. די אָפּאָזיציאָן האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו פאָדערן די רעגעלמעסיגע צוזאַמענרופונג פון דעם לאַנדטאַג, מיטווירקונג אין דער געזעצגעבונג און אַנטייל אין דער פינאַנץ־פערוואַלטונג. די שפּאַלטונג צווישען קעניג און לאַנדטאַג איז געוואָרען אונפערמיידליך. דעם 26טען יוני 1837 האָט דער קעניג אין גאַנצען אָפּ־געשאַפט די פערזאַמלונג פון לאַנדטאַג און האָט זי געשלאָסען אויף אימער. דאָס איז געווען אַ זעהר געוואַגטער שריט.

היר געפינען מיר פיר נעטיג צו וואַרפען אַ בליק איבער די קלאַסען־פערהעלטניסען פון דייטשלאַנד, איבערהויפּט פון פּרייסען. דערביי ווע־

לען מיר מוזען עטוואָס דערמאָהנען פון דער פריהערדיגער געשיכטע פון די האָהענצאָללערן (די פּרייסישע קעניגליכע פאַמיליע). די גרעסטע צאָהל פון דער בעפעלקערונג איז בעשטאַנען פון בויערן. זאָגאַר אין יאָהר 1861 איז געוועזן די צאָהל פון די בויערן אין פּרייסען 12 מיליאָן מיט 800 טויזענד, וועהרענד אין די שטעדט האָבען געוואוינט נאָר 5,600,000 פּערזאָן. די לאַגע פון די בויערן איז געוועזן אַ זעהר געדריקטע, כמעט אונערטרעגליך. ווען עס איז אָנגעקומען אין פּרייסען די ידיעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און איהר פערניכטונג פון די אַלטע פעאָדאַל-רעכטען, האָבען זיך די פּרייסישע יונקערס שטאַרק דערשראָקען. זייער געוויסען האָט זיי אָנגעהויבען צו נאָגען אויף זייער בעהאַנדלען און זייער דריקען די אָרימע בויערן. אָבער דיזער זעעלען-צושטאַנד פון די פּרייסישע יונקערס האָט ניט לאַנג געדויערט, און אַלעס איז געבליבען ביים אַלטען.

אָבער דער קריג מיט נאַפּאָלעאָן'ען האָט פון זיי גענומען ראַכע. די שלאַכט ביי יענאַ האָט צוקלאַפּט דעם פּרייסישען שטאַאַט אויף שטיקער. נאַפּאָלעאָן האָט פערטריבען די פּרייסישע רעגירונג ביז איבער דער רוסישער גרענעץ. דער פּרייסישער בויער האָט ניט געהאַט קיין אורזאַך צו טרויערן איבער דער מפּלה, וואָס דאָס לאַנד האָט געליטען אין דעם שטרייט מיט נאַפּאָלעאָן'ען; אין געגענטייל, די שלאַכט ביי יענאַ האָט פערשאַפט דעם פּרייסישען בויער דאָס זעלבע, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט פערשאַפט די פראַנצויזישע לייבאייגענע דעם 4טען אויגוסט 1789. די רעגירונג און די יונקערס האָבען דאַמאָלס קלאָר געזעהען, דאָס די פרייע בויערן, וועלכע האָבען יעצט אייגענעם גרונד-בעזיץ, לאָזען זיך ניט בעזיגען פון די פּרייסישע לייבאייגענע בויערן, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענטום און וועלכע פלעגען זעהר אָפט ארויסגעיאָגט ווערען פון זייערע וואוינונגען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין פרייען פעלד. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דעם 9טען אָקטאָבער 1807 האָט די רעגירונג ארויסגעגעבען אַן עדיקט (אוקאַז), וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די לייבאייגענשאַפט. אָבער דער עדיקט איז נאָר געבליבען אויף'ן פּאַפּיר, אין דער פּראַקטיק איז אַלעס געבליבען ביים אַלטען. נאָר ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קריג צווישען נאַפּאָלעאָן'ען און רוסלאַנד, און מען האָט זיך דערמאָהנט, דאָס מען וועט ווידער מוזען האָבען דעם בויער — ערסט דאַן האָט די פּרייסישע רעגירונג געראַטען אין יאָהר 1811 די גרונד-בעזיצער און די בויערן, אַז זיי זאָלען זיך אין צייט פון 2 יאָהר אויסגלייכען און געפינען מיטלען, ווי אַזוי די בויערן זאָלען ווערען פרייע מענשען מיט גרונד-אייגענטום און די הערען

זאָלען אויך זיין צופרידען. אָבער אויב זיי וועלען זיך אין די צוויי יאָהר ניט פערגלייכען וועט אַ קעניגליכע קאָמיסיאָן צווינגען ביידע צדדים צו ענ-דיגען די זאַך. דער בויער האָט געדאַרפט אָפּטרעטען אַ דריטעל פון דעם גרונד, וואָס ער בעזיצט, און דערפאַר האָט ער געדאַרפט די איבריגע צוויי דריטעל בעקומען פריי אַלס זיין אייגענטום. אָבער אויך דיזער פּראָיעקט, וועלכער איז געווען פיר די הערען אַזוי גינסטיג, איז נאָר געבליבען אויף'ן פּאַפּיר. די הערען האָבען דאָס אויך ניט געוואָלט נאָכגעבען.

דאָס פאָלק האָט אָבער ניט פערלאָרען די האָפנונג אויף בעסערע צייטען, ווען עס וועט ענדליך דאָך בעפרייט ווערען פון דעם יאָך פון די הערען און צוגעלאָזען ווערען צו נעהמען אַנטייל אין דער רעגירונג, און דעריבער האָט עס מוטיג געקעמפּפט פיר די בעפרייאונג פון זיינע פירסטען. אָבער נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק האָט געזיגט, איז עס באַלד געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס עס האָט געטאַנצט אויף אַ פרעמדער חתונה. עס האָט מיט זיין בלוט בעפרייט די פירסטען און איז אַליין געבליבען פערשקלאַפט ביי די פירסטען ווי פריהער. די אַלע שענע הבטחות, וואָס די פירסטען האָבען זיי געגעבען פאַר דעם קריג, האָבען זיי באַלד פערגעסען, ווי נאָר זיי זיינען צוריק אַרויף אויף'ן פערד. עס איז נאָך ניט אַוועק אַ יאָהר נאָך דעם זיג ביי וואַטערלאָאָ, און די רעגירונג האָט געגעבען דער בויערן-פראַגע אַן אַנדער ווענדונג. דער יאָך פון די הערען גוטס-בעזיצער איז נאָר אַ ביסעל פערגרינגערט געוואָרען, אָבער ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען, ווי מען האָט פערשפּראָכען דעם פאָלק פאַר דעם קריג.

אין דיזען צושטאַנד איז געבליבען די בויערן-פראַגע אין פּרייסען ביז דעם יאָהר 1845. דאַמאָלס האָט זיך די פראַגע אָנגעהויבען צו לעזען. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס די בויערן זאָלען ווערען פריי פון יעדען דינסט צו זייערע הערען, און די ערד, וואָס זיי האָבען בעאַרבייט, זאָל ווערען זייער אייגענטום נאָך דעם, ווי זיי וועלען בעצאָהלען 25 מאָל דעם פּרייז, וואָס די ערד קען אַריינברייינגען רענט אין אַ יאָהר. דיזע אויסצאָה-לונג מוז געמאַכט ווערען אין סומעס ניט ווייניגער פון 100 טהאַלער מיט איין מאָל. פיר די בויערן, וואָס זיינען געזעסען אויף די רעגירונגס-גיטער, איז די סומע פון אויסצאָהלען בעשטימט געוואָרען נאָר 20 מאָל פון דעם בעטראַג פון רענט.

אָבער אין דער פּראַקטיק האָט זיך בעוויזען, דאָס די בעפרייאונג פון די בויערן פון דעם יאָך פון זייערע הערען, איז גאָר געווען אַ קוועלע פון שרעקליכען עלענד און אונערהערטע רויבערייען פון דער זייט פון די רי-

טער און די בעאמטע. מען האט די בויערן געגעבען וועניגער גרונד אלס זיי האט געקומט לויט דעם, וויפיעל זיי האבען פריהער בעארבייט. מען האט זיי איינגעטיילט די ערגסטע ערד, און די בעסטע האט מען צוגעטיילט צו די הערען. דער בויער האט געוואלט קלאגען אויף דיזעס אונרעכט, אבער ער האט ניט געהאט דערצו די נעטיגע מיטלען. איינינע בויערן האבען זיך יע געקלאגט אויף דיזע אונרעכטען, אבער עס האט צו גארניט געפיהרט. זיי זיינען נאר רואינירט געווארען פון די לאנגע פראצעסען.

פון 1816 ביז 1848 האבען זיך געפונען אין פרייסען 70,582 בויערשע איינענטימער מיט א גרונד־בעזיץ פון 5,158,827 מארגען אייגענעם לאנד.

ערגער פון אלע קליינע לייט פון דער לאנד־בעפעלקערונג איז עס געווען די וועבער־ארבייטער אין שלעזיען. זיי האבען געהאט זעהר פיעל צו ליידען אונטער דער אויפקומענדער גרויס־אינדוסטריע. דאס שפינען מיט'ן האנט האט שוין מעהר ניט געהאט קיין ווערט. מען האט בערעכענט, דאס א פאבריק, וואס האט בעשעפטיגט נאר 100 וועבער, האט צוגענומען דאס ברויט פון 100,000 האנט־וועבער, וועלכע זיינען איינפאך אויסגעגאנגען פון הונגער. אן אויגען־צייגע בעשרייבט דאס לעבען פון א האנט־וועבער אין יענער צייט מיט פאלגענדע ווערטער: „אין א דונקלען אונגעזונדען צימער שטעהט בלויז א וועב־שטוהל, אן אלטע צובראכענע בעטעל, פול מיט שמאטעס, א הינקעדיגער טיש, א באנק און א פוס־בענקעלע. דאס צימער איז אזוי ענג, דאס די קינדער מוזען זיך דרעהען ווי ווערים און עס בלייבט קוים גענוג ארט פיר די נעטיגע בעוועגונג ביי דער ארבייט. אין פערגלייך מיט אזא צימער איז דער פיה־שטאהל פון א לאנד־גוט געווען א פראכט־זאל". דיזע הויז־וועבער האבען קוים פערדינט 120 מארק א יאהר. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאס אין יאהר 1843 האט געהערשט צווישען דיזע וועבער א שרעקליכער הונגער.

די פאבריקאנטען פון זייער זייט האבען געמוזט ארונטערשניידען די פרייזען אום אויסצוהאלטען די ענגלישע קאנקורענץ. און עס פערשטעהט זיך, דאס זיי האבען פיעל ארונטערגעשניטען דעם ארבייטס־לוין. אויסער דעם האבען זיי געצאהלט די ארבייטער זייער געהאלט ניט אין באארעם געלט, נאר אין לעבענסמיטלען, און ווי מען האט געקענט ערווארטען — מיט הויכע פרייזען און דערצו נאך פון ערגסטען סארט. דיזער שרעקליכער עלענד האט געפיהרט אין יאהר 1844 צו א גרויסען אויסברוך אין די גרויסע שלעזישע וועבער־דערפער פעטערסוואלדאו און לאנגענביעלאו. דעם ערסטען שטויס צום אויסברוך האבען געגעבען איינינע

פרעבע ווערטער פון די אונטערנעהמער. אזוי צום ביישפיל, ווען מען האָט פאָרגעשטעלט איין פאבריקאנט די עלענדע לאגע פון די וועבער־ארבייטער, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „מען וועט נאָך ברייננגען דערצו, דאָס די וועבער וועלען זיין געצוואונגען צו מאכען א שטיק לייוועגט פיר א קוואָרק (א קליין קעזעל)". אן אנדער פאבריקאנט האָט מיט שפּאָט געזאָגט צו זיין ארבייטער, וועלכער האָט זיך פאר איהם בעקלאָגט, דאָס ער קען פיר קיין פאל ניט דורכקומען מיט זיין געהאלט, אז ער זאָל פּרובירען עסען גראָז, ווען זיין לוין איז איהם ניט גענוג אויף ברויט. דאָס האָט אויפגערייצט די ארבייטער נאָך מעהר ווי זייער עלענדע לאגע. צו יענער צייט איז ערשינען אלס פלוג־שריפט א ליד מיט'ן טיטעל „דאָס בלוטגעריכט צו פּעטערסוואלדאו", וועלכעס האָט געשילדערט די עלענדע לאגע פון די וועבער אין יענעם דאָרף, און האָט אויפגעפלאקערט דעם האַס פון די ארבייטער צו זייערע ארבייט־געבער.

די ארבייטער האָבען געזונגען דיזעס ליד אונטער די פענסטער פון די פאבריקאנטען אין פּעטערסוואלדאו און זיי האָבען עס אויך אָנגעקלעפּט אויף די ווענט פון די פאבריקען. דיזע דעמאָנסטראציאָן איז געוואָרען פיעל ערנסטער נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען אריינמישען די פּאָליציי. ווען די פּאָליציי האָט ארעסטירט אן ארבייטער, זיינען זיינע קאמעראדען בעפאלען די פאבריק און האָבען צובראָכען אלע מאשינען. עס איז געוואָרען צווישען די ארבייטער א שרעקליכע בעוועגונג, די צאָהל פון די ערבייטערטע ארבייטער איז געוואקסען פון שטונדע צו שטונדע און עס איז געוואָרען א גרויסער אויפשטאנד. ענדליך האָט די רעגירונג ארויסגערופען מיליטער פון שווידניטץ. עס איז געוואָרען א שרעקליכער קאמף צווישען דעם מיליטער און די ארבייטער, און ערסט נאָך דעם, ווי עס איז אָנגעקומען מעהר מיליטער, איז עס געלונגען הערצושטעלען „רוה" מיט בליי און פּולווער. ווי געוועהנליך האָבען זיך נאָכדעם אָנגעהויבען פערפאָלגונגען, ארעסטען און שטרענגע בעשטראָפונגען, געגען וועלכע די ארבייטער האָבען גאָרניט געקענט טאָן און האָבען געדולדיג ערטראָגען זייער עלענד אלס א שטראָף פון גאָט. די בירגער האָבען גראטולירט די פאבריקאנטען מיט זייער זיג. וואָס האָט עס זיי געקימערט, דאָס אין דעם קאמף צווישען מיליטער און די אויסגעהונגערטע וועבער זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע סצענעס? דאָס צום ביישפּיל א סאָלדאט האָט געפונען צווישען די דערשאָסענע זיין אייגענעם ברודער?

פיעלע פון די בויערן, וואָס זיינען ניט געווען צופרידען מיט די רע-פאָרמעס אין גרונד־בעזיץ, האָבען זיך ענטזאָגט צו בעאַרבייטען די פעלדער. די רעגירונג האָט וועגען דעם גאָרניט געטאָן. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דאָס יאָהר 1896 איז געווען אַ הונגער־יאָהר און אין דעם נעכס-טען יאָהר 1847 איז אויסגעבראָכען אין דער אונגליקליכער שלעזיען אַ הונ-גער־טיפוס. ערסט דאַן האָט זיך די רעגירונג גענומען פערשאַפען דעם אָרי-מען פאָלק ביליגעס ברויט און אַרבייט. ליידער איז עס שוין געווען צו שפּעט. דאָס פאָלק האָט ניט געהאַט קיין מיטלען צו קויפען זאָגאַר ביליגעס ברויט. עס איז אויך געווען צו פיעל אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אום עס זאָל קענען אויספיהרען וועלכע עס איז אַרבייט. דער טי-פוס האָט צוגענומען טויזענדער קרבנות. עס פערשטעהט זיך, דאָס די פּעסט האָט דאַן אויך ניט געשאָנעוועט קיין רייכע לייט; עס זיינען געווען געגענדען, וואו עס איז אויסגעשטאָרבען אַ צוועלפטעל פון דער גאַנצער בע-פעלקערונג. דאָס איז געווען דער שרעקליכער רעזולטאַט פון דער זינדיגער גלייכגילטיגקייט פון די רייכע פאַבריקאַנטען צום עלענד פון די הונגעריגע אַרבייטער.

דער פּראָלעטאַריאַט איז דאַמאָלס געווען ווייניג אויסגעברייטעט אין דייטשלאַנד. עס האָט נאָר עקסיסטירט אין די גרויסע שטעדט, וואו די אינ-דוסטריע איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט. די אַרבייטער זיינען דאַן געווען היבש געלערנט און פלעגען ווערען זעלבשטענדיגע האַנטווערקער, און דארום האָבען אַרבייטער און בעלי מלאכות געהאַט איינע און די זעלבע אינטע-רעסען. די סטאַטיסטיק פון יענער צייט צייגט, דאָס דאַמאָלס האָבען זיך געפונען אין דייטשלאַנד 78,000 פאַבריקען, אין וועלכע עס האָבען געאַר-בייט 550,000 פּערזאָן, און 457,365 מייסטערס, וועלכע האָבען געהאַט 384,783 געזעלען צוזאַמען מיט לעהר־יונגען. די אַרבייטער, און איבער-הויפּט די בעלי מלאכות, האָבען געהאַט אויסצושטעהן פיעלע פערפאָלגונגען פון אַ ברוטאַלער פּאָליציי, וועלכע האָט פון זיי געשונדען די הויט ביים אַרויסגעבען זיי פּאַספּאָרטען אָדער וואַנדער־ביכער, ווייל זיי, די אַרבייטער, פלעגען אין יענע צייטען זעהר פיעל וואַנדערן פון איין אָרט אין אַן אַנ-דערען אום צו געפינען פיר זיך אַרבייט.

דיזע אַרבייטער האָבען זיך אָנגעהערט אויף זייערע רייזען סאָציאַליס-טישע אידעען, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהערשט אין פראַנקרייך, און האָ-בען וועגען דעם פערפאַסט לידער, וועלכע האָבען פיר די רעגירונג גע-

שיינט צו זיין זעהר געפעהרליכע, הגם אין גרונד זיינען זיי נאָר געווען קינ־דישע פלאַפּלעריי. אזוי צ. ב. ווערט אין איין ליד געזונגען ווי פאָלגט:

ווען די פירסטען פרעגען:
וואו איז אבשלום?
קענט איהר זיי זאָגען:
זעהט, ער הענגט שוין!
ניט אויף אַ בוים,
ניט אויף אַ שטריק,
נאָר אויף דעם טרוים
פון אַ רעפּובליק.

מען האָט אַ רייזענדען אַרבייטער געפרעגט, מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך, האָט ער אויף'ן פערהער געענטפערט, דאָס זיין פּראָפעסיאָן איז: אַ פירסטען־מערדער. דאָס איז אָבער באמת נאָר געווען קינדישע בעריהמעריי.

די בעלי מלאכות זיינען נאָך דאַמאָלס געווען שטאַרקע אָנהענגער פון דעם צעך־אינסטיטוט. הגם נאָך דעם אויפשטאַנד פון יענאַ איז דער צעך־אינסטיטוט אָפּגעשאַפט געוואָרען, און יעדער האָט געקענט ווערען אַ בעל מלאכה ניט געהערענדיג צו אַ צעך, אָבער די גוטס־בעזיצער האָבען זיך בע־נוצט מיט דיזער פריידהייט אום אויסצוזויגען פון דעם בעל מלאכה דעם לעצ־טען טראָפּען בלוט. וואָרום כל זמן דער צעך־אינסטיטוט האָט עקסיסטירט, האָט יעדער בעל מלאכה אין דאָרף געמוזט צאָהלען דעם גוטס־בעזיצער אַ געוויסע יעהרליכע אָפּצאָהלונג. דערפאַר האָט דער גוטס־בעזיצער ניט דער־לאָזען קיין קאָנקורענט אין דיזער אַרבייט אין דעם זעלבען דאָרף. אָבער אויך דאַן, ווען דער צעך־אינסטיטוט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען און דער גוטס־בעזיצער האָט שוין ניט געקענט בעשיצען זיין דאָרף־אַרבייטער, זיי־נען די פריהערדיגע אָפּגאַבען דאָך פערבליבען. דער גוטס־בעזיצער האָט גע'טענה'ט, דאָס די אָפּגאַבען זיינען ניט פיר וועלכען עס איז שוץ, נאָר פיר דעם באָדען, אויף וועלכען דער דאָרף־בעל־מלאכה זיצט. אין דער זעל־בער צייט האָט דער גוטס־בעזיצער אַליין זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט אינדוסטריע, מיט אַרבייט; ער האָט אַליין אָנגעהויבען צו בויען וואַסער־מיהלען און ווינט־מיהלען, שפּעטער אויך דאַמפּ־מיהלען; ער איז געוואָרען אַ קאָנקורענט צום דאָרף־מיהלנער און האָט איהם רואינירט. דער גוטס־בעזיצער האָט דאָך קיינעם ניט בעדאַרפט צאָהלען קיין אָפּ־גאַבען, און דערמיט אַליין האָט ער געקענט זיין אַ געפעהרליכער קאָנקו־רענט צום דאָרף־מיהלנער. און ווי מיט דעם מיהלנער, אזוי איז עס

אויך געווען מיט אנדערע דאָרף־אַרבייטער. די שטאָדטישע בעלי מלאכות זיינען שוין אין דיזער הינזיכט געווען אין אַ בעסערער לאַגע. אָבער זיי זיינען אויך געווען שטאַרק געדריקט פון דעם קאָנקורענץ פון די פאַבריקאַנטען. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די קליינע פאַבריקאַנטען זיינען געווען געגנער פון געווערב־פרייהייט און אָנהענגער פון דער צעך־אינסטיטוציאָן.

גאַנץ עהנליך זיינען געווען די פערהעלטניסען צווישען די קלאַסען פון דער דאַמאָלסדיגער געזעלשאַפט אויך אין די קלענערע דייטשע שטאַאַטען און אין עסטרייך. אויך היר, אין עסטרייך, זיינען פאָרגעקומען אין יאָהר 1844 אונרוהען צווישען די וועבער ווי אין שלעזיען. אויסער וואָס די אַרבייט זעלבסט האָט זיך דאָרט זעהר שלעכט בעצאָהלט, איז דער עלענד פון די וועבער געוואָרען נאָך פיעל גרעסער פון דעם דרוק פון די צו־גרויסע אָפּגאַבען. די מאַשינען האָבען אַרונטערגעשניטען דעם לוין־פרייז, האָבען פערלענגערט די אַרבייטס־צייט און האָבען געמאַכט, דאָס פיעלע אַרבייטער זיינען געבליבען אָהן ברויט. די אַרבייטער אין די קרייזען פון לייטגעריטץ און פראַג האָבען זיך צוזאַמענגענומען און האָבען צושטערט פיעלע פאַבריקען און פערניכטעט די מאַשינען, אָבער דאָס האָט צו גאָרניט געפיהרט. די פראַגער בירגער האָבען זיך בעוואָפענט, ווען זיי האָבען דערזעהען, דאָס די מאַסע הונגעריגע פראָלעטאַריער קומען אָן. די פּאָליציי האָט אויף זיי געשאָסען און זיי האָבען געמוזט צולויפען. פיעלע זיינען ענטלאָפען אין די ריזען־בערג, וואו זיי זיינען צושטאָרבען פון הונגער־טיפוס.

אין דעם עקאָנאָמישען קריזיס פון די יאָהרען 1845 און 1846 האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אין וויען אַן אונגעהייערע מאַסע פון פּראָלעטאַריער. די פאָרשטעדט זיינען געווען פול מיט הונגעריגע און אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענשען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דיזע מאַסע איז אויך געווען זעהר פערדאָרבען זיטליך. די „פריוואַטליגע אַרבייטס־אנשטאַלט" האָט זעהר ווייניג געהאָלפען צו פערבעסערן די מאַטעריעלע און זיטליכע לאַגע פון די הונגעריגע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען געווען שטאַרק ערביטערט געגען דער רעגירונג, ווייל זי האָט זיי בעהאַנדעלט ווי שקלאַפען, ווי אויך געגען די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען זיי געוויסענלאָז עקספּלואַטירט, און געגען דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיי בעטראַכט און בעהאַנדעלט אַלס אויסוואורפען, און האָט זיי ניט צוגעלאָזען צו געניסען פון די גיטער, וועלכע זיי, די פּראָלעטאַריער, האָבען בעשאַפען.



די אוניווערזיטעט אין בערלין.

די גאַנצע געזעל-
שאַפט אין עסטרייך און
פּרייסען איז געווען גע-
גען די אַרבייטער ; די
האַנטווערקער, די בורזשו-
אַזיע, די פעאָדאַלע אַריס-
טאָקראַטיע — אַלע זיינען
געווען געגען זיי. די לי-
בעראַלע בורזשואַזיע האָט
זיך געשטעלט אָן דער
שפּיץ פון דער בעוועגונג
פון 1848, אָבער אין דעם
ריכטיגען קאַמף האָבען
זיי ניט גענומען קיין אָנ-
טייל. זיי האָבען געהיט
זייערע ביינער. זיי האָבען
געוואָלט שאַרען פייער
מיט פרעמדע הענט, מיט
די הענט פון די אַרביי-
טער. נאָר די יוגענד, די
סטודענטען פון די אוני-
ווערזיטעטען, איבערהויפּט
אין בערלין און וויען, האָ-
בען זיך אַריינגעוואָרפען
אין דער בעוועגונג מיט
גרויס ענטהוזיאַזם. די
פּראָלעטאַריער האָבען אויך
ניט געקוקט אויף קיין זאַך
און האָבען זיך מיט
מסירות נפש געוואָרפען
אין שלאַכט ביי די באַרי-
קאַדען. זיי האָבען זיך אי-
בערגעגעבען צו דער בע-
וועגונג מיט לייב און זעע-

לע, און ווי אַלע מאָל האָבען זיי אויך דיזען מאָל גאָרניט געגאָסען פון דעם זיג. זיי האָבען געאָפּפערט זייער פלייש און בלוט נאָר אום צו בע-שיצען דאָס בירגערטום. די בורזשואַזיע האָט בעשווינדעלט די אַרביי-טער. באַלד נאָך דעם, ווי זי האָט מיט דעם לעיען פון די אַרבייטער געוואו-נען דעם זיג, האָט זי געשלאָסען פרידען מיט דער רעגירונג און האָט זיך צוזאַמען גענומען מאַכען „אָרדנונג" אום צו בעשיצען דאָס אייגענטום און האָט געטאָן אַלעס אום צוריקצוּוואַרפען די פּראָלעטאַריער אין זיי-ער פריהערדיגען עלענד און צו פערשטאַרקען איהר אייגענע קלאַסען-הערשאַפט. די בורזשואַזיע האָט אָבער געהאַט אַ גרויסען טעות. פּריי-סען און עסטרייך זיינען ניט פראַנקרייך. אין די דייטשע לענדער האָט נאָך געהערשט מיט גרויס מאַכט די בעאַמטען-וועלט מיט דעם פעאָדאַל-אַדעל. ווי באַלד די בורזשואַזיע האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון די פּראָלע-טאַריער און האָט געהאָלפען צו דערשטיקען זיי, האָט זיך די רעאַקציאָן אויך גענומען דריקען די בורזשואַזיע. מען האָט פון איהר צוריק צוגענומען אַלעס, וואָס זי האָט געוואונען אין דעם קאַמף. דאָס איז געווען אַ פער-דינטע שטראָף פון די ליבעראַלען, וועלכע האָבען נאָר געברויכט די אַרביי-טער אַלס באַריקאַדען-קעמפער, און נאָך דעם זיג האָבען זיי אין גאַנצען פערלאָזען די עלענדע.

ב. די רעוואָלוציאָן פון יאָהר 1848.

די רעוואָלוציאָן פון דעם יאָהר 1848 האָט מען געפיהלט אין דער לופט אַ צייט פריהער, ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל מיט אַלע רעוואָ-לוציאָנען, וועלכע ברעכען ניט אויס פּלוצלינג, נאָר נאָך דעם ווי עס קלייבט זיך אָן אונצופרידענהייט אין פאָלק. מעהר פון אַלעס האָט ער-ביטערט די ליבעראַלען דער ברוטאַלער דרוק פון דער צענזור, וועלכע האָט דערשטיקט אין דער פרעס יעדען געדאַנק פון אַ קאָנסטיטוציאָנע-לער פערפאַסונג, און האָט געמאַכט שווייגען יעדען רעדנער, וואָס האָט געוואָלט זאָגען אַ וואָרט צו גונסטען פון אַ פאָלקס-רעגירונג. אָבער די ליבעראַלען האָבען געפונען אַן אַנדער מיטעל, ווי צו פערברייטען דעם געדאַנק פון פרייהייט אין פאָלק. מען האָט געדרוקט בראָשורען אין דער שווייץ און מען האָט זיי פערברייטעט אין דייטשלאַנד. אין דיזע בראָשורען האָט מען געמאַכט דאָס פאָלק אויפמערקזאַם אויף דעם טיראַנישען דרוק פון דער רעגירונג און מען האָט עס גערייצט צו אַן אויפשטאַנד. אָבער די ליבעראַלען האָבען זיך ניט געלאָזט בענוגענען מיט אַגיטאַציאָן געגען דער

רעגירונג אַליין, זיי האָבען אויך אָנגעוויזען אויף די גייסטליכע, אויף די אַריסטאָקראַטען און ביוראָקראַטען אַלס אויף די הויפּט־קוועלע פון אַלע ליידען פון פאָלק. דעריבער האָט די בורזשואַזיע צוגעזעהען רוהיג, ווען די האַנטווערקער זיינען אָפען אַרויס געגען דער פּאָליציי און האָבען פּראָטעסטירט געגען טויער־געלט, ברויט־טאַקסע, געגען דעם פערבאָט צו רויכען, און עהנליכע ליבע זאַכען פון יענער צייט.

דער יקרות אויף לעבענסמיטלען, וואָס האָט געהערשט אין יאָהר 1846, האָט נאָך פערגרעסערט די אונצופרידענהייט פון די אָרימע קלאַסען, ווייל דורך דעם איז דער עלענד געשטיגען זעהר הויך. אין פיעלע ערטער זיינען פון פערצווייפלונג פאָרגעקומען אונרוהען. די לעבענסמיטלען האָבען דערגרייכט אַן אונערהערטען פרייז טיילס צוליב די רויבערישע ספּעקולאַציאָנען פון די הענדלער. אין אַפּריל 1847 זיינען ערביטערטע אָרימע פרויען און מענער בעפאַלען קלייטען פון פלייש, ברויט און אַנדערע שפּייזען און האָבען זיי בערויבט. עס האָבען זיך אַריינגעמישט די פּאָליציי און מיליטער, מען האָט די מאַסע געשלאָגען און מען האָט זיי פערטריבען; 300 פערזאָן, צווישען זיי 17 פרויען, זיינען אַרעסטירט געוואָרען און 100 פון זיי זיינען פעראורטיילט געוואָרען.

די בעוועגונג פון פאָלק האָט געגעבען מוט די קאַמערן פון די זיד־דייטשע שטאַאַטען צו בילדען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן. די רעדנער פון די רעגירונגס־פיינד, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויסגעצייכענט העקקער, וועלקער און וויטצשטיין, זיינען געוואָרען זעהר פּאָפּולער אין גאַנץ דייטשלאַנד. אַלס זייער פּראָגראַם האָבען זיי פאָרמולירט פאָלגענדע „פאָדערונג פון פאָלק":

„אָפּזאָגען זיך פון די בעשלוסען פון קאַרלסבאַד, פראַנקפורט און וויען, פּרעס־פרייהייט, רעליגיאָנס־פרייהייט און לעהר־פרייהייט; דאָס מיליטער זאָל שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן; שוץ פון פערזענליכער פרייהייט געגען דער פּאָליציי; פערטרעטונג פון דער נאַציאָן ביים דייטשען בונד; פאָלקסטימליכע מיליטער־אָרגאַניזאַציאָן; געגערעכטע שטייערן; בילדונג צוגענגליך פיר יעדען פון פאָלק; געשוואָרענע ריכטער פון פאָלק (דזשורי); פאָלקסטימליכע פערוואַלטונג פון שטאַאַט; אויסגלייכונג פון מיספערשטענדניסען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט און אָפּשאַפונג פון אַלע פּריווילעגיעס".

דאָס איז געוועזען די ערסטע פּראָגראַם, וואָס די דייטשע ליבעראַלען און די בירגער־דעמאָקראַטיע האָבען אויפגעשטעלט. דיזע פּראָגראַם האָט אי-

בעראַל אויפגעוועקט גרויס ענטהוזיאַזם. עס פערשטעהט זיך, דאָס די רע-גירונג פון באַדען האָט אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די בעשאַפער פון דיזער פּראָגראַם און האָט זיי צוגעצויגען צום געריכט. אויך דער דייטשער בונד האָט זיך גענומען צו הינדערן דיזע בעוועגונג. ער האָט זיך גענומען צו טאָן עטוואָס געגען דער שווייץ, וואו עס איז געווען דער הויפּט-נעסט פון דער רעוואָלוציאָן; דאָרט איז געווען דער צענטער פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ. ווי ווייט די אַלע דייטשע שטאַאַטען זיינען געווען געטראָפען פון דיזער בעווע-גונג איז ליכט צו זעהן פון דער טראָן-רעדע, וועלכע ווילהעלם, דער קעניג פון ווירטעמבערג, האָט געהאַלטען דעם 22טען יאַנואַר 1848 ביי דער ערעפנונג פון דער שטאַאַטס-פערזאַמלונג. אין דיזער רעדע ערקלערט דער קעניג, דאָס די שווייץ איז די קוועלע פון אונרוהען און בירגער-קריג אין פיעלע דייטשע שטאַאַטען; דאָרט פערזאַמלען זיך דייטשע פערברעכער, פער-פאַסען רעוואָלוציאָנערע שריפטען און מיט דער הילף פון פעראיינען, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט אין דייטשלאַנד, פערברייטערן זיי רעוואָלוציאָנערע אידעען אין דייטשלאַנד און רעגען אויף די אונצופרידענע צו אַן אַלגעמיי-נעם אויפשטאַנד. און דער קעניג ווענדט זיך צו די טרייע שטאַנדען, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיץ פון פאָלק און בעט זיי, אַז זיי זאָלען אָראָפּפיהרען דאָס פאָלק פון דיזע געפעהרליכען צושטאַנד און בערוהיגען די גייסטער. דער קעניג שליסט זיין טראָן-רעדע מיט פאָלגענדע ווערטער: „איך לעג אייך פאַר די לאַגע אָפען ווי זי איז. ווען די ווירקונגען פון דרויסען זאָלען ווערען שטאַרקער, וועט איהר זעהן, דאָס איך וועל יעצט — נאָך כמעט 32-יעה-ריגער רעגירונג — מיט פעסטען מוט אַרויסטרעטען געגען די שטערער פון אונזער אינערליכער רוה, ווי איך בין אַמאָל אַרויסגעטרעטען געגען די אוי-סערליכע פיינד פון אונזער פאַטערלאַנד, מיט דער זעלבער פעסטקייט און ענטשלאָסענהייט און פּרינציפּען".

די דייטשע שטאַאַטען האָבע ווירקליך געהאַט גענוג גרונד צו שרעקען זיך. אין איטאַליען האָט זיך שוין דער פייער פון דער רעוואָלוציאָן אָנגע-צונדען. דער פּאַפּסט פּיאוס דער 9טער און דער קעניג קאַרל אַל-בערט פון סאַרדיניען האָבען שוין אין יאָהר 1847 געגעבען זייער צושטימונג איינצופיהרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונגס-פאָרמע. דער קעניג פערדינאַנד דער 2טער פון סיציליען האָט ניט גע-וואָלט נאָכגעבען די פאָדערונג פון פאָלק, און האָט זיך געהאַלטען פעסט אָן מעטטערניך'ס סיסטעם פון רעאַקציאָן. דער רעזולטאַט פון דיזע עקשנות איז געווען, דאָס דעם 12טען יאַנואַר 1848 האָט אויסגעבראָכען אין פּאַ-

לערמאָ אַן אויפשטאַנד. די שטאָדט פּאַלערמאָ איז פירכטערליך באָמבאַרדירט געוואָרען, אָבער זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. אויך אין אַנדערע ערטער פון דיזער שענער אינזעל האָבען אויסגעבראָכען רע-וואָלוציאָנען און דאָס פֿאָלק האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער דער רעגירונג. אָבער נאָך דעם, ווי עס איז געוואָרען אַן אויפשטאַנד אין נעאַפּעל,

קאַרל אַלבערט פון סאַרדיניען.

האָט פערדינאַנד אויך געמוזט נאָכגעבען. ער האָט געגעבען זיין הסכמה צו אַ נייער פערפאַסונג, מיט דער האָפנונג, דאָס מיט דער צייט וועט איהם געלינגען אָפּצושאַפען די קאָנסטיטוציאָן און צוריק איינפיהרען דאָס אַלטע סיסטעם. דער זיג פון די סיציליאַנער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף גאַנץ איטאַליען. כמעט איבעראַל זיינען געגעבען געוואָרען נייע פער-

פאַסונגען. זאַגאַר אין די פּראָווינצען, וואָס האָבען געהערט צו עסטרייך, האָט זיך פערשפּרייט די רעוואָלוציאָן.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך זי׳ באַיערן אויפגעפלאַקערט געוואָרען. דער צאָרן פון פאָלק איז צוערסט געווען געריכטעט געגען דער פערהאַסטער מעטרעסע פון קעניג, די שענע שפּאַנישע טענצערין לאָלא מאָנטעז. צוליב איהר האָט דאָס קלעריקאַלע מיניסטעריום געמוזט רעזיגנירען, און זיין פּלאַץ האָט פערנומען אַ ליבעראַלעס מיניסטעריום. דאָס נייע מיניסטעריום, וועלכע איז געווען בעוואוסט אַלס דאָס לאָלאַ־מיניסטעריום, האָט זיך געלאָזט פיהרען פּאַר׳ן נאָז, וואוהין דיזע שטאָלצע פרוי האָט געוואָלט. זי האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ קריג צווישען סטודענטען; אין דיזען קריג האָט די געגען־פּאַרטיי זי שטאַרק בעליידיגט, און די מעטרעסע האָט מיט צאָרן געזאָגט: „איך וועל די אוניווערזיטעט אין גאַנצען שליסען, איך וויל זי מעהר ניט האָבען״. און ווירקליך איז די אוניווערזיטעט געשלאָסען געוואָרען דעם 9טען פעברואַר לויט דעם בעשלוס פון דעם מיניסטעריום, וועלכער איז געגעבען געוואָרען נאָך דעם בעפעהל פון קעניג.

די קלעריקאַלען האָבען דאַן אָנגעהויבען צו העצען און האָבען אויפגערייצט גאַנץ באַיערן. מיט דעם שליסען פון דער אוניווערזיטעט זיינען די סטודענטען אוועק פון מינכען און דאָס פאָלק האָט פערלאָרען פיעל איינקונפט. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט פאַר דעם קעניגליכען שלאָס און האָט געפאָדערט פון קעניג, אז ער זאָל צוריק עפנען די אוניווערזיטעט. די סטודענטען זיינען געקומען בעוואפענט. דאָס מיליטער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: אויב עס זאָל שיסען אויף דאָס פאָלק און די סטודענטען אָדער ניט. דער קעניג האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט הערען פון נאָכגעבען. אָבער ענדליך האָט ער איינגעשטימט צו עפנען צוריק די אוניווערזיטעט. נאָכדעם איז די פאָלקס־מאַסע אוועק צו דער וואוינונג פון דער טענצערין. איהר גליק איז געווען, וואָס דער קעניג זעלבסט האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין איהר הויז, און צוליב דעם קעניג איז זיך די מאַסע צוגאַנגען. דער קעניג האָט אָבער דערפאַר געמוזט פון איהר הערען געגנוג גראָבהייטען.

דיזע „רעוואָלוציאָן״ איז געווען די איינציגע אין דייטשלאַנד פאַר דער איבערקעהרענים אין פראַנקרייך. און באמת האָט געפעהלט די דייטשען דער מוט צו אונטערנעהמען אַן ערנסטען אויפשטאַנד. פּלוצלינג איז אָנגעקומען פון פּאַריז די נאַכריכט, דאָס לואיס פיליפּ איז געשטירצט געוואָרען.

ווי א בליץ־שטראהל איז דורכגעלאָפען דאָס עקסטרא־בלאַט פון דער קאָל־נישער צייטונג איבער גאַנץ דייטשלאַנד מיט די נייעס:

„רעוואָלוציאָן אין פאַריז!

די רעפּובליק פּראָקלאַמירט!"

„דער טאָג פון פאָרגעסטערן איז א טאָג פון גרויס וויכטיגקייט פיר מיליאָנען מענשען. דער אויפשטאַנד האָט אָנגענומען אין פאַריז דעם 24טען פעברואר אַן אונערוואַרטעטע ווענדונג. עס האָט אויסגעבראָכען א רעוואָ־לוציאָן. דער קאַמף איז געווען געריכטעט געגען דאָס קעניגטום. אַלס רע־זולטאַט פון פאַסירונגען, איבער וועלכע מיר האָבען נאָך ניט קיין נאַכריכ־טען, איז צוריקגעוויזען געוואָרען אַלעס, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט נאָכגעבען, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די רעפּובליק!"

דיזע ידיעה האָט געמאַכט אין דייטשלאַנד א גרויסען איינדרוק. ווען פריהער האָט די יולי־רעוואָלוציאָן פון פראַנקרייך געהאַט א גרויסע וויר־קונג אין אייראָפּאַ און האָט איבעראַל געשאַפען א בעוועגונג געגען די עק־סיסטירענדע רעגירונגען, האָט יעצט די פראַנצויזישע פעברואר־רעוואָלוציאָן געהאַט א פיעל שטאַרקערען איינפלוס, ווייל יעצט האָט אין אַלע אייראָ־פּאַישע לענדער געהערשט אונצופרידענהייט מיט זייערע רעגירונגען און מיט זייער רעאַקציאָן. פיר די בורזשואַזיע איז די פראַנצויזישע רעוואָלו־ציאָן געווען א מין ערלעזונג, א גאולה פון דעם רעאַקציאָנערען דרוק פון דער צייט. אין גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך געהערט דער געשריי פון יובעל און פרייד. איבעראַל זיינען צוזאַמענגעלאָפען גרויסע מאַסען מענשען פול מיט אויפרעגונג און נייגירדע. מען האָט פשוט פערשלונגען די צייטונגען, די רעדאַקציאָנען זיינען אימער געווען בעלאַגערט אום צו הערען די נייעסטע ידיעות. מען האָט דער בערזע ניט געגעבען קיין רוה. א גרויסע ווירקונג האָט געהאַט די נייעס, דאָס אויך ראָטהשילד האָט אַנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן. דאָס איז געווען דער בעסטער בעוויז, ווי וויט ערנסט די רעוואָלוציאָן איז געווען. די רעגירונגען האָבען געוואָלט איינרעדען די דייטשען, דאָס די רעוואָלוציאָן איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס די פראַנ־צויזען האָבען געוואָלט בעפאַלען דייטשלאַנד און עס בערויבען, אָבער דאָס פאָלק האָט דיזען נאַרישען ליגען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. די דייטשע מאַסען האָבען, אין געגענטייל, בעטראַכט די פאַריזער באַרי־קאַדען־קעמפּפער אַלס זייערע בעפרייער פון דעם דרוק פון די טיראַנישע, דעספּאָטישע פירסטען.

פריהער ווי איבעראַל האָט אויסגעבראָכען אַ שטאַרקע בעוועגונג ביים רהיין. אין באַדען, וואו מען האָט נאָך ניט פערגעסען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט באַלד געמאַכט אַן אויפשטאַנד די ליבעראַלע בורזשואַזיע. מען האָט אָנגעהויבען צו שיקען דרינגענדע אַדרעסען צו דעם פערזאַמעלטען לאַנדטאַג. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס שטורם געפאָדערט רעפאָרמעס, ווי פרעס-פרייהייט, רעפאָרמעס אין געריכטס-פּראָצעסען, געשוואָרענע ריכטער פון פאָלק (דזשורי), פאָלקס-בעוואַפנונג (מיליץ) מיט פרייער וואהל פון פיהרער, רעליגיאָנס-פרייהייט, דאָס רעכט צו גרינדען פעראיינען און מאַכען פערזאַמלונגען, אַלגעמיינעס שטימרעכט, ליבעראַלע און פאָלקס-פריינדליכע מיניסטאָרען, — פאָדערונגען, וועלכע זיינען ניט אַרויסגעגאַנגען פון די ראַהמען פון קאָנסטיטוציאָנעלע פערפאַסונגען.

דעם 27טען פעברואַר האָט שטאַטגעפונען אין מאַננהיים אַ גרויסע מאַסען-פערזאַמלונג, וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקען רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער. ווען זייערע „שטורם-פעטיציאָנען" האָבען ערהאַלטען פון דער רעגירונג בלויז פערשפּרעכונגען, איז דעם 1טען מערץ צוזאַמענגעקומען אַ גרויסע מאַסע מענשען אין קאַרלסרוהע, און איבעראַל האָט מען געהערט דעם געשריי: „לעבען זאָל די רעפּובליק!" ערמונטערט פון דיזער פאָלקס-בעוועגונג האָט די קאַמער אָנגענומען די אָפּפענבורגער פּראָגראַם, און האָט נאָך אויסער דעם געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון אַלע פריווילעגיעס פיר די העכערע קלאַסען, און אויסגעפונען מיטלען, ווי אויסצוגלייכען די מיספערשטענדניסען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. דער הערצאָג האָט ענטזאָגט דריי פון די רעאַקציאָנערע מיניסטאָרען און די רעגירונג האָט פערשפּראָכען אַרויסצוגעבען אין גיכען געזעצען לויט די פאָדערונגען און בעשלוסען פון דער קאַמער.

דער ביישפּיל פון באַדען האָט אויך געווירקט אויף ווירטעמבערג און אַנדערע זיד-דייטשע שטאַאַטען. אין ווירטעמבערג האָט זיך דאָס בירגערטום מיט דער קליינער אָבער ענערגישער ליבעראַל-דעמאָקראַטישער קאַמער-אָפּאָזיציאָן, מיט **אוהלאַנד**, **פפיצער**, **שאָטט**, **טאַפעל**, **ראָמער**, אויפגעהויבען אין אַ שטורם געגען דער רעגירונג. אויך היר האָט דער קעניג געמוזט ענטלאַסען דאָס רעאַקציאָנערע מיניסטעריום און האָט איינגעלאַדען דריי „מערץ-מענער" אין זיין קאַבינעט. זאָגאַר די שוואַבישע אַריסטאָקראַטיע האָט בעשלאָסען נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון דער צייט; ווייל היר האָבען די בויערן, ווי אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, זיך גענומען רויבען די שלעסער פון זייערע העררען

און די ריטער־גיטער אין אַלגעמיין. זיי האָבען בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון די גוטס־בעזיצער פיר דאָס פערגאָסענע בלוט פון זייערע אורעלטערן און פיר די אַלע ליידען, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען פון דער טיראַנישער בעהאַנדלונג פון דיזע פּאַראַזיטען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען. די פעאָדאַל־העררען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר דיזער בעוועגונג פון די בויערן און פאַר זייער ראַכע־דורסט. ווען דער בויער האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, דאַן האָט אימער געציטערט די הויט אויף די העררען. און אויך יעצט האָבען זיי זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען בעשלאָסען באַלד אַרונטערצולאָזען די רענט פון 25 פּראָצענט אויף 12 ביז 16 פּראָצענט. זיי זיינען עס געווען געצוואונגען צו טאָן, ווייל פיעלע שלעסער זיינען שוין געפּלינדערט געוואָרען און אַלע צינז־ביכער זיינען פערברענט געוואָרען. לייי־דער האָט דער בויער באַלד פערגעסען, ועמען ער האָט צו פערדאַנקען וואָס ער איז בעפרייט געוואָרען פון די פעאָדאַל־לאַסטען, און האָט ווידער גע־האָלפען דער רעאַקציאָן צו טאָן איהרע גוואַלדטאַטען.

אויך אין באַיערן איז די בעוועגונג געווען זעהר שטאַרק. מען האָט נאָך היר ניט פערגעסען דעם לאָלאַ־סקאַנדאַל און עס איז שוין פּלוצלינג אָנגעקומען די נאַכריכט פון פּאַריזער פעברואַר־רעוואָלוציאָן. אָבער לודוויג האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די ליבעראַלען, ניט אַכטענ־דיג דערויף, וואָס דאָס פאָלק אין מינכען האָט זיך בעוואַפענט, האָט צו־שטערט דעם אַרסענאַל און געבויט באַריקאַדען. ווען דאָס פאָלק האָט דער־הערט, דאָס לאָלאַ איז ווידער געווען אין מינכען, איז עס אָפען אַרויס אין שטרייט. מען האָט געשטורמט די פּאָליציי־געביידע און מען האָט צורי־סען וויכטיגע אַקטען און דאָקומענטען. דער קעניג האָט נאָך אַלץ ניט גע־וואָלט נאָכגעבען; דאַן האָט די קירכליך־רעאַקציאָנערע פּאַרטיי אָנגעהוי־בען צו פאָדערן פון קעניג, אז ער זאָל אָפּדאַנקען פון טראָן. ווען לודוויג דער 1טער האָט דערזעהען, דאָס אַלע פּאַרטייען האָבען איהם פערלאָזען, האָט ער דעם 20טען מערץ 1848 זיך ענטזאַגט פון טראָן צו גונסטען פון זיין זוהן מאַקסימיליאַן דעם 2טען. מען האָט געבילדעט אַ נייעס מיניסטעריום פון מערץ־ליבעראַלען און מען האָט נאָכגעגעבען איי־ניגע פאָדערונגען פון פאָלק, און דאָס פאָלק האָט זיך בערוהיגט און האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע ביר־טעפּלאָך שטאָלץ מיט דעם, דאָס עס איז איהם געלונגען צו שטירצען דעם קעניג און צו האָבען אויסגעקעמפט „ביר־גערליכע פרייהייט“.

אויך אין קורהעססען האָט די רעגירונג געמוזט נאָכגעבען. דאָס לאַנד האָט זיך ענדליך אַרומגעזעהען אין וואָס פיר אַ קלעגליכען צושטאַנד עס לעבט, ווי עס ווערט שלעכט בעהאַנדעלט און בעשימפּט פון דער פּאָליציי. אין האַנאַו איז די גאַנצע בעפעלקערונג אַרויס אויף אַ קאַמף מיט וואַפען. אין קאַססעל האָבען 20,000 מענשען בעלאַגערט דעם שלאָס. דער רעזול-טאַט דערפון איז געווען, דאָס די רעגירונג האָט נאָכגעגעבען און מען האָט געבילדעט אַ מערץ-מיניסטעריום. דאָס זיגרייכע פאָלק האָט ניט פערגאָסען קיין בלוט, נאָר עס האָט זיך בענוגענט דערמיט, וואָס עס האָט אויס ראַכע געשפּילט איינינע פערהאַסטע בעאַמטע אַ קאַצען-מוזיק, און האָט צוגענומען פון דער פּאָליציי די שמיים-מאַשין, וועלכע האָט זיך גערופען „וואָלף“, און האָט זי פערניכטעט.

זאַקסען איז שוין געווען פון לאַנג אָן אַן אָרט פון רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און ראַדיקאַלע פּאַרטייען. לייפּציג האָט זיך די ערסטע אַרויס-געשטעלט. דאָ האָט מען פערפאַסט אַן אַדרעס צום קעניג. די פערפאַסער פון דעם אַדרעס זיינען געווען ב י ע ד ע ר מ אַ נ ן און ר אָ ב ע ר ט ב ל ו ם. דיזער לעצטער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ דעמאָקראַ-טיש-קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי. אויך די שטאָדט-דעפּוטאַטען האָבען גע-געבען זייער צושטימונג צו דיזען אַדרעס. דעם 2טען מערץ אום 9 אוהר אין אָבענד איז אָנגעקומען פון דרעזדען דער ענטפער אויף דעם אַדרעס. עס האָט זיך פערזאַמעלט אַן אונגעהייערע מאַסע פון פאָלק צו הערען די תשובה. ביעדערמאַנן איז אַרויס אויף'ן באַלקאָן פון ראַטהויז און האָט גע-זאָגט: „דער קעניג האָט אונז זעהר פריינדליך אויפגענומען. ער איז גע-ווען געריהרט ביז טרערען הערענדיג דעם אַדרעס, וואָס מיר האָבען איהם פאָרגעלעזען. ער האָט אונז געגעבען אַן ענטפער געשריבען מיט זיין איי-גענער האַנט. די שפּורען פון זיין ענטפער אויף'ן פּאַפּיר לאָזען ניט צו צו קיין טעות“. נאָך דיזער ריהרענדער הקדמה קומט עטוואָס ווענינער ריה-רענדעס: דער קעניג האָט דעם פערלאַנג פון פאָלק אין גאַנצען צוריקגעווי-זען, און די שטאָדט-דעפּוטאַטען האָט ער געמאַכט אַ פאָרוואורף פיר זייער אָנטייל אין דיזען אַדרעס.

דאָס פאָלק איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט. די מאַסען האָבען זיך באַלד געלאָזען געהן צו דער וואוינונג פון ב ר אָ ק ק ה ו י ז, אַ דעפּו-טאַט פון לאַנדטאַג. זיי האָבען איהם פריהער אָפּגעשפּילט אַ קאַצען-מוזיק און נאָכדעם האָבען זיי אויסגעשלאָגען זיינע פענסטער. אום צו רעטען זיך פון דעם צאָרן פון פאָלק האָט ער זיך גלייך ערקלערט פיר פרעס-פרייהייט

און האָט פערשפּראָכען צו שטימען אין דער צוקונפט געגען די רעאַקציאָנערע מיניסטאָרען. נאָכדעם האָט דאָס פאָלק בעשלאָסען צו בעוואפנען זיך און געהן נאָך דרעזדען און צווינגען דעם קעניג נאָכצוגעבען. צו דער בעוועגונג אין לײפּציג האָבען זיך אָנגעשלאָסען פיעלע אַנדערע שטעדט. דער קעניג האָט דאַמאַלס נאָכגעדענקט וואָס צו טאָן, זעהענדיג דאָס די זאַך איז געוואָרען זעהר ערנסט, ווײל אויך אין דרעזדען האָט זיך דאָס פאָלק אָנגעהויבען צו פערזאַמלען אין גרויסע מאַסען. דער קעניג האָט נאָכגעגעבען. דאָס אַלטע מיניסטעריום איז ענטלאַסען געוואָרען און עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ נײעס פון די מערץ־מענער.

דאָס אַלעס האָט צוגעגעבען פיעל מוט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אין דײטשלאַנד, און זי האָט בעשלאָסען פאָרטצוזעצען דעם וועג פון רעוואָלוציאָן. זי האָט בעשלאָסען צו פערווירקליכען די דורכפיהרונג פון איהרע פאָדערונגען מיט אײגענע הענט און ניט ערווארטען, דאָס די רעגירונגען זאָלען עס טאָן. לײדער האָט דעם דײטשען בירגערטום געפעהלט די פעהיגקײט דערצו.

דעם 5טען מערץ זײנען צוזאַמענגעקומען אין הײדעלבערג 51 מענער פון זיד־וועסטליכען טײל פון דײטשלאַנד. דיזע זײנען געווען די בליטהע פון די ליבעראַלען. דיזע פערזאַמלונג האָט אַרויסגעגעבען אַ פּראָקלאַמאַציאָן צום דײטשען פאָלק, אין וועלכער זי האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל זײן אָהן אָפּלײג אַ צוזאַמענפאָהר פון דעלעגאַטען פון אַלע דײטשע לענדער, וועלכע דעלעגאַטען זאָלען ערוועהלט ווערען נאָך דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג, אום צו „בעזײטיגען די נעכסטע אינערליכע און אויסערליכע געפאַהרען פון פאָטערלאַנד, ווי אויך צו ענטוויקלען די קראַפט און בליהונג פון דעם דײטשען נאַציאָנאַל־לעבען". דורכצופיהרען די בעשלוסען פון דיזער נאַציאָנאַל־פערטרעטונג איז געזעצט געוואָרען אַ קאָמיסיאָן. דאָס איז געווען דער אַזוי־גענאַנטער „זיבענער־אויסשוסס" (קאָמיסיאָן פון זיבען). דיזער האָט דעם 12טען מערץ אויסגעשיקט אַן אײנלאַדונג צו אַלע פריהערע און יעצטיגע מיטגלידער פון די שטאַנדען און געזעצגעבענדע פערזאַמלונגען אין אַלע דײטשע לענדער צו פערזאַמלען זיך דעם 30טען מערץ אין פראַנקפורט אום צו בעראַטען זיך איבער די גרונדלאַגען פון די נײע אָרדנונגען אין דײטשלאַנד. דיזע בעשלוסען זײנען אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס פרײד.

אין עסטרײך האָט מעטטערניך זעלבסט געמאַכט אַ וועג פיר די רעוואָלוציאָן. וועהרענד ער האָט געשפּילט מיט אײן נאַציאָן געגען דער צווײ-

טער, אום צו האַלטען זיי אַלע אין שאַך, האָט ער פערשפּראָכען די אונגאַרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פערפאַסונג און האָט דורך דעם געהויבען זייער זעלבסט־געפיהל. עס איז ניט צו בעשרייבען, וואָס פיר אַ בעגייסטערונג עס האָט אַרויסגערופען אין אונגאַרן די ידיעה וועגען דעם אויסברוך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציאָן. מיט אַ גלענצענדער רעדע האָט דעם 3טען מערץ זיך ערהויבען דער אונגאַרישער פּאַטריאָט קאָססוטה (קאָשוט) פאַר די פערטרעטער פון די שטאַנדען, וועלכע זיינען גראַדע געווען פער־זאַמעלט אין פּרעססבורג.

„מיר קייקלען דעם שטיין פון סיזיפוס״ *), האָט דיזער גרעסטער רעד־נער פון זיין צייט אָנגעהויבען זיין רעדע, „מיין זעעלע איז שרעקליך גע־שמערצט דערפון, וואָס מיר אַרבייטען און בעוועגען זיך ניט ווייטער. מיין הארץ בלוטעט מיר צו זעהן, ווי פיעלע טרייע טאַלאַנטען בעמיהען זיך און טוען אַרבייט, וועלכע ברייננט ניט קיין נוצען. אַ שווע־רער פלוך דריקט אונז. דער ווינט, וואָס בלאָזט אויף אונז פון דעם וויע־נער רעגירונגס־סיסטעם, פערצעהרט אונז; ער פערדאַרבט אונזערע נערווען און פערניכטעט אונזער גייסט״. נאָך דעם געהט אַ שאַרפע קריטיק איבער מעטטערניך׳ס רעגירונגס־סיסטעם. צו ענדע האָט קאָססוטה אויסגערופען: „פיר אַ געליבטע דינאַסטיע קען אַ פאָלק פערגיסען זיין בלוט, אָפּפערן זיין לעבען, אָבער פיר די פּאָליטיק פון אַ רעגירונגס־סיסטעם, וואָס דריקט דאָס פאָלק, וועט זיך אפילו אַ שפּערלינג ניט אָפּפערן... איך בין פעסט אי־בערצייגט, דאָס די צוקונפט פון אונזער דינאַסטיע איז געבונדען אָן די פער־ברידערונג פון די פערשיידענע פעלקער פון דער מאָנאַרכיע, און דיזע פער־ברידערונג קען נאָר פערווירקליכט ווערען דורך דעם צעמענט פון אַ קאָנסטי־טוציאָן. די ביוראָקראַטיע און דאָס מיליטער זיינען אַ זעהר שלעכטער בינד־מיטעל״.

די פערזאַמלונג אין פּרעססבורג איז בעגייסטערט געוואָרען פון קאָס־סוטה׳ס רעדע. זיינע פאָרשלאַגען זיינען גלייך איינשטימיג אָנגענומען גע־וואָרען מען האָט בעשלאָסען צו שיקען צום קייזער אַ דעפּוטאַציאָן, מיט׳ן פערלאַנג, אַז דער קייזער זאָל געבען די אונגאַרען אַן עכטע קאָנסטיטוציאָן

*) דאָס איז אַ מיטהאָלאָגישע פּערזאָן, וואָס איז אויף יענער וועלט פעראור־טיילט געוואָרען אייביג אַרויפצוקייקלען אַ גרויסען שטיין אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג, פון וועלכען ער קייקעלט זיך אומער אַראָפּ צוריק.

מיט אַ בעזונדער מיניסטעריום פון אונגאַרישע לייט, און דיזעס מיניס־טעריום זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך נאָר צום אונגאַרישען פאָלק.

אויך וויען האָט אָנגעהויבען צו ווערען אונרוהיג, הגם די בעפעלקערונג האָט געדולדיג איבערגעטראָגען אַלערליי דריקונגען פון דער רעאַקציאָן און האָט געגען דעם זאָגאַר ניט פראָטעסטירט. אין די פאָרשטעדט האָט גע־הערשט אַ שרעקליכער עלענד צווישען די מאַסען. דאָס בירגערטום האָט

קאָססוטה.

איינינגע מאָל געשיקט צום קייזער אַדרעסען, וועלכע האָבען אויך אויף איהם געמאַכט אַ געוויסען איינדרוק. אָבער קיין וויכטיגער רעזולטאַט איז דערפון ניט געווען. אָבער ערנסט איז די בעוועגונג געוואָרען דאַן, ווען עס האָבען אָנגעהויבען צו נעהמען אָנטייל אין איהר די סטודענטען. דיזע האָבען דאַמאָלס בעזעסען פיעל מוט און די פעהיגקייט צו אָפּפערן זיך פיר אַ גוטע

זאַך. זיי זיינען דאַמאָלס געווען אידעאַליסטען אין פולען זין פון דעם וואָרט. ליידער האָט זיי דאַמאָלס געפעהלט פּאָליטישע ערפאַהרונג. דעם 12טען מערץ האָבען זיך 2,000 סטודענטען פערזאַמעלט אין אוניווערזיטעט־זאַל און האָבען פערפאַסט און אוועקגעשיקט צום קייזער אַן אדרעס, וועלכער האָט ענטהאַלטען אין זיך די בעקאַנטע פאָדערונגען פון פאָלק.

דעם נעכסטען טאָג האָבען זיך די פערשיידענע שטאַנדען (פאָלקס־קלאַסען) פערזאַמעלט אין שטאַנדען־הויז. אהין איז אויך געקומען אַ גרויסע מאַסע סטודענטען. די פערזאַמלונג האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דאַן איז אַ יונגער אַרצט מיט'ן נאָמען פ י ש ה אָ ף ארויף אויף דעם דאַך פון ברונען, וואָס איז געווען אין הויף פון דעם שטאַנדען־הויז, און האָט אויסגעשריען: „לעבען זאָל די פרייהייט!“ דיזער אויסגעשריי האָט אַריינגעבלאָזען אין דער פערזאַמלונג לעבען און בעגייסטערונג. פון פערשיידענע זייטען האָבען זיך אָנגעהויבען הערען אויסגעשרייען: „פּרעס־פרייהייט!“ „קאָנסטיטוציאָן!“ „מיניסטאַרען־פעראַנטוואָרטליכקייט!“ דאַן איז אַן אַנדער סטודענט אַרויף אויף דעם ברונען־דאַך און האָט פאָרגעלעזען פאַר דער פערזאַמלונג די רעדע, וואָס קאָססוטה האָט געהאַלטען דעם 3טען מערץ. יעדער זאַץ פון דיזער רעדע האָט אַלץ העכער געהויבען די בעגייסטערונג. מען האָט באַלד אָנגעהויב'ן שרייען: „פאָרט מיט מעטטערניך!“ „פאָלקס־בעוואָפנונג!“ די שטאַנדען האָבען געלאָזען אַרונטערפּלאַטערן אַ בלאַט, אין וועלכען זיי האָבען געפאָדערט פון קייזער, אַז ער זאָל בערופען קאָמיסיאָנען פון די שטאַנדען פון אַלע פּראָווינצען און פערעפענטליכען דעם בודזשעט (הוצאה און הכנסה פון שטאַאַט). עס האָט געקלונגען ווי אַ שפּאָט אויף קאָססוטה'ס רעדע, וועלכע איז דאָ פאָרגעלעזען געוואָרען. די שטאַנדען האָבען פערלאָרען דעם צוטרויען פון דער מאַסע; דאָס האָט בעוויזען דער צורוף פון אַלע מיילער: „מעהר ניט ווי דאָס? צום טייוועל מיט די שטאַנדען! צורייסט די שמאַטע! קאָנסטיטוציאָן!“

פיעלע בירגער האָבען זיך אַריינגעריסען אין דאָס הויז פון די שטאַנדען, און דערשראָקענע זיינען די מיטגלידער צולאָפען און זיינען אוועק צום קייזער בעטען איהם נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון פאָלק. דערווייל אָבער זיינען אָנגעקומען טרופּען אונטער דער קאָמאַנדע פון ערץ־הערצאָג אַלברעכט אום צו צוטרייבען דאָס פאָלק פון שטאַנדען־הויז. ווען דאָס פאָלק האָט דערזעהען דאָס מיליטער איז עס אַרויס פון געדולד און האָט אָנגעהויבען צו צושטערען די מעבעל פון שטאַנדען־הויז און האָט געוואָרפען די שטיקער אויף די סאָלדאַטען. אויך אויף'ן הערצאָג האָט מען געוואָרפען שטיקער

מעבעל. דאמאָלס האָבען די סאָלדאטען מיט איין מאָל אויסגעשאָסען אין דער מאַסע. די בירגער זיינען באַלד צולאָפען. פינף פון זיי זיינען געבלי-בען טויט אויף'ן אָרט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען שרייען „ראַכע!" מען האָט געפּרובּט מאַכען באַריקאַדען. אין פערשיידענע פּונקטען האָט זיך דאָס פאָלק געשלאָגען מיט די סאָלדאטען. די אויפרעגונג איז געוועזען אונ-געוועהנליך. נאָך מיטטאָג האָט מען דערהערט דעם גענעראַל-מאַרש אין די גאַסען. די בירגער-גווארדיע איז צוזאַמענגעקומען און האָט געשיקט צום קייזער דעלעגאַטען צו פאָדערן, אַז ער זאָל צוריקרופען די סאָלדאטען. דער-ווייל האָבען זיך אויך די סטודענטען בעוואָפענט.

אין דער צייט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די גאַסען דער קאַמף צווישען פאָלק און מיליטער, און דאָס פאָלק האָט געזוכט צו נעהמען ראַכע, האָט געהערשט אין קייזערליכען שלאָס אַ שרעקליכע אויפרעגונג. דער קייזער פערדינאַנד האָט קיינעם ניט צוגעלאָזען צו זיך און האָט זיך פער-שלאָסען אין אַ צימער מיט איינעם פון זיינע בעדינטע. אָבער די קאַמאַ-רילליאַ פון די פירסטען און ראַטגעבער האָט אויפגענומען די דעפּוטאַציאָנען. ווען דיזע האָבען זיך בעקלאָגט, דאָס די סאָלדאטען האָבען געשאָסען אויף'ן פאָלק, האָט זיי דער ערץ-הערצאָג אַלברעכט געזאָגט, דאָס ווען די בירגער וועלען זיך ערלויבען מאַכען דעם קלענסטען אויפשטאַנד, וועט מען אָהן צערעמאָניעס שיסען אויף זיי. די דעפּוטירטע האָבען זיך באַלד איבער-צייגט, דאָס זיי וועלען מיט גוטען גאָרניט מאַכען, און זיי זיינען אַוועק צוריק אָהן אַ שום ערפאָלג. באַלד נאָך דיזער דעפּוטאַציאָן איז אָנגעקומען אַן אַנדערע מיט אַ קלאַגע, דאָס די סאָלדאטען שיסען פון פערבאָרגענע ער-טער אויף אונשולדיגע מענשען. דער ערץ-הערצאָג האָט פערזיכערט דער דעפּוטאַציאָן, דאָס ער וועט די זאַך אונטערזוכען. איינער פון די דעפּו-טאַטען האָט דערויף בעמערקט, דאָס זיי זיינען מיט דיזען ענטפער ניט צופרידען. דער הערצאָג האָט מיט צאָרן אָנגעשריען אויף דיזען דעפּוטאַט: „האַלטען זי מויל!" אָבער יענער האָט איהם אונערשראָקען געענטפערט: „קייזערליכע האָהייט, גראָב זיין איז ניט קיין קונסט". אין הויף גופא האָט זיך געביטען די שטימונג און דער הערצאָג האָט געהערט שטירמישע ווער-טער אַפילו פון די הויף-לאַקייען. ווען די הויפּלייט האָבען דערהערט דעם גערויש פון די געוועהר, האָבען זיי זיך דערשראָקען. איין דעפּוטירטער האָט אויסגערופען: „היר וועט עס באַלד זיין ווי אין די טואילעריען (דער קעניגליכער שלאָס אין פראַנקרייך): צו שפּעט!" מען האָט זיך באַלד אי-בערצייגט, דאָס מען מוז מעטטערניך'ן משלח זיין. איין מיטגליד פון די

שטאַנדען האָט אויסגעשריען: „מעטטערניך מוז אָפּדאַנקען!" די גאַנצע פערזאַמלונג האָט געפאָדערט, אַז מעטטערניך זאָל קומען.

מעטטערניך האָט זיך באַלד בעוויזען און האָט געזאָגט צו דער פערזאַמלונג: „איהר האָט ערקלערט, דאָס נאָר מיין אָפּדאַנקען קען צוריק שאַפען רוה אין לאַנד. איך טו דאָס מיט פרייד. איך ווינש גליק דער נייער רעגירונג און ווינש עסטרייך גליק". איינער פון די דעפּוטאַטען האָט געזאָגט אויס העפליכקייט: „דורכלויכט, מיר האָבען גאָרניט געגען אייער פּערזאָן, אָבער אַלעם געגען אייער סיסטעם. מיר דאַנקען אייך פיר אייער רעזיגנירען. לעבען זאָל קייזער פערדינאַנד!" מעטטערניך איז באַלד אַרויס פון זאַל דורך אַ הינטער-טיר. אויף דעם אַנדערען טאָג האָט ער דערהערט, דאָס זיין ווילאַ (לאַנד-הויז) איז אין גאַנצען צושטערט געוואָרען פון פאָלק און ער איז באַלד אַנטלאָפען נאָך לאָנדאָן.

איינער פון די דעפּוטאַטען מיט'ן נאָמען שערצער איז באַלד פון דער פערזאַמלונג אוועקגעלאָפען צום בורג-פּלאַץ, איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ גאַז-קאַנדעלאַבער און האָט אויסגערופען מיט אַ דונער-שטימע צו די געדיכטע פאָלקס-מאַסען: „מעטטערניך איז געשטירצט, ער איז אוועק!" אַ יובעל-געשריי האָט מיט איין מאָל אויסגעפּלאַצט און איז געגאַנגען פון גאַס צו גאַס. די שטאָדט האָט געמאַכט אַן אילומינאַציאָן און די סטודענטען האָבען נאָך אין דער זעלבער נאַכט גענומען די וואַפען. זיי זיינען מיט דעם ביזהעריגען רעזולטאַט ניט געווען צופרידען.

די בירגער זיינען געווען צופרידען מיט מעטטערניך'ס שטורץ און האָבען נאָר פערלאַנגט איינינגע ליבעראַלע ענדערונגען אין דער רעגירונג, אָבער ניט מעהר; זיי האָבען ניט געפאָדערט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס. די פּראָלעטאַריער אָבער זיינען ניט געווען צופרידען מיט דעם שטורץ פון מעטטערניך אליין און האָבען געפאָדערט גרינדליכע ענדערונגען. ווען די אַרבייטער אין די פאָרשטעדט האָבען דערהערט וועגען דער רעוואָלוציאָן אין וויען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו געהן נאָך וויען אין גרויסע מאַסען. די בירגער אָבער האָבען זיי ניט אַריינגעלאָזען אין שטאָדט, ווייל זיי האָבען פאַר זיי מורא געהאַט. די אַרבייטער זיינען ערביטערט צוריקגעגאַנגען אין די פאָרשטעדט. זיי האָבען זיך אָבער גענומען נוקם זיין אָן די בירגער. זיי האָבען פערברענט איינינגע פאַבריקען און האָבען פערניכטעט די מאַשינען. זיי האָבען אויפגעריסען די גאַז-רעהרען און האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען פייער. זיי האָבען אויך פערניכטעט מיט פייער דאָס צאָל-הויז און

נאָך איינינע רעגירונגס-געביידעס. איין פערהאַסטען רעגירונגס-בעאַמטען האָבען זיי אַריינגעוואָרפען אין פייער און ער איז פערברענט געוואָרען.

די רעגירונג האָט געזוכט אָפּצוהאַלטען די בעוועגונג. די הויף-בע-אַמטע האָבען גע'פועל'ט ביים קייזער, דאָס ער זאָל בעשטימען דעם פעלד-מאַרשאַל פירסט ווינדישגראַטץ אַלס דיקטאַטאָר. אָבער נאָך איינינע שטונדען האָט מען דיזען בעפעהל צוריקגערופען. דעם 15טען מאַי איז אַרויס אַ מאַניפעסט מיט דער פערשפּרעכונג פון „פּרעס-פרייהייט, אַ נאַציאָנאַל-גוואַרדיע מיט פריי-ערוועהלטע פיהרער, אַ פערזאַמלונג פון פאָלקס-דעפּוטאַטען פון אַלע שטאַנדען און פון אַלע פּראָווינצען אין גיכס-טער צייט, מיט פערשטאַרקטער פערטרעטונג פון דעם בירגער-שטאַנד, אום צו פעראייניגען זיך מיט'ן קייזער איבער די פערשפּראָכענע קאָנסטיטוציאָן פון פאָטערלאַנד". די וויענער זיינען געוואָרען אויסער זיך פון פרייד און האָבען וויעדער אילומינירט די שטאָדט.

די וויענער רעוואָלוציאָן האָט געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד אין אוי-בער-איטאַליען. די עסטרייכישע רעאַקציאָן האָט שרעקליך געדריקט לאָמ-באַרדיע. ווען דאָס פאָלק איז אַרויס פון געדולד און האָט אָנגעהויבען צו קעמפען פיר זיין פרייהייט האָט מעטטערניך ערקלערט דאָס לאָמבאַרדיש-וועניציאַנישע קעניגרייך אין בעלאַגערונגס-צושטאַנד (22טען פעברואַר). דער אַלטער פעלדמאַרשאַל ראַדעטצקי איז בעשטימט געוואָרען אַלס מיליטערישער דיקטאַטאָר. די לאָמבאַרדיער האָבען געבעטען, אַז מען זאָל דיזען בעפעהל צוריקרופען. אָבער זייער ביטע איז צוריקגעוויזען געוואָרען. מען האָט בעהאַנדעלט די בעפעלקערונג מיט דער גרעסטער פעראַכטונג. ווען מען האָט דערהערט אין לאָמבאַרדיע פון דעם ערפאָלג פון דער וויע-נער רעוואָלוציאָן און דאָס דער קייזער האָט נאָכגעגעבען, האָבען זיך דאָרט אויך אָנגעפאַנגען אונרוהען. די מאַילענדער זיינען בעפאַלען די סאָלדא-טען. ראַדעטצקי האָט געהייסען שיסען. דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקער גאַסען-קאַמף. מען האָט געשאָסען פון אַלע פענסטער, פון אַלע דעכער, פון קעלערן, מען האָט געוואָרפען פון וואַנען מען האָט געקענט שטיינער, שטיקער האָלץ, אייזען, און מען האָט געטויט און פערוואונדעט זעהר פיעלע סאָלדאַטען. פון אַנדערע ערטער האָט מען אויף זיי געגאָסען הייסע קאָכעדיגע אויל. עס זיינען געפאַלען פיעלע אָפּפער פוןביידע זיי-טען. איינינע גאַסען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין טייכען בלוט. דעם 19טען מערץ זיינען די סאָלדאַטען געווען זעהר אָפּגעמאַטערט און ראַדעטצ-קי האָט געפונען פיר נעטיג צוריקציהען זיך מיט די סאָלדאַטען פון שטאָדט,

און ער האָט זיך בעזעצט אין דעם קאַסטעל (שלאָס). באַלד אָבער האָט זיך גאַנץ לאָמבאַרדיע אויפגעהויבען, און דאַן איז ראַדעטצקי געוועזען געצוואונגען אָפּצוטרעטען ווייטער און איז אַריבער דעם טייך מינטשיאָ. ער איז געווען פול מיט ראַכע פיר זיינע נידערלאַגען. אויך פון קרעמאָנאַ און ברעשיאַ זיינען די עסטרייכישע טרופען פערטריבען געוואָרען, און ווענעציאַ האָט איינגעריכטעט ביי זיך אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. די הערצאָגען פון מאָדענאַ און פּאַרמאַ האָבען געמוזט ענטלויפען. מען האָט אָנגענומען אַ פּלאַן, דאָס פון אַלע פּראָווינצען אין אויבער־איטאַליען, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען געגען עסטרייך, זאָל מען בילדען איין גרויסעס קאָנסטיטוציאָנעלעס קעניגרייך. דער פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען, אָבער צום אונגליק איז דער קעניג פון אויבער־איטאַליען געוואָרען קאַרל אַלבּרעכט פון סאַרדיניען. די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט נעטיג זיינע וואַפען, און ער איז געווען גענוג שלוי צו ערוועהלט ווערען מיט דער הילף פון דער בעוועגונג אַלס קעניג פון אויבער־איטאַליען.

יעצט, ווען די רעוואָלוציאָן האָט זיך פערשפּרייט אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אויבער־איטאַליען, האָט זיך אויך פּרייסען אָנגעהויבען בעוועגען. עס איז געווען שווער צו ערוואַרטען, דאָס אין פּרייסען, אין דיזען מיליטער־שטאַאַט, וואו דאָס פאָלק איז געווען שרעקליך געדריקט פון דער ביוראָקראַטיע, דאָס היר זאָל זיך מאַכען אַ בעוועגונג פון אייגענער איניציאַטיווע. עס האָט נאָך געהערשט עטוואָס לעבען ביי די איינוואוינער אין דער רהיין־פּראָווינץ, וועלכע האָבען זיך בעטראַכט אַלס „מוז־פּרייסען" (ד. ה. אַלס פּרייסען געגען זייער ווילען) און וועלכע האָבען בעהאַלטען די ליבע ערוואַרונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, ווייל זי האָט זיי געבראַכט אַ מאָדערנע פראַנצויזישע געזעצגעבונג. אויך אין בערלין האָט די נאַכריכט פון פּאַריז און פון זיד־דייטשלאַנד געמאַכט אַ טיפען איינדרוק. עס זיינען געהאַלטען געוואָרען פערזאַמלונגען אין טיער־גאַרטען, וואו מען האָט פערהאַנדעלט די פאָדערונגען פון פאָלק. דעם 17טען מערץ האָט מען בעשלאָסען צו שיקען צום קעניג אַן אַדרעס, אין וועלכען עס זיינען געשטעלט געוואָרען די בעקאַנטע פאָדערונגען. די פּאָליציי האָט אָבער ניט דערלאָזען איבערצובריינגען דעם אַדרעס צום קעניג. אָבער דער אינהאַלט פון דעם אַדרעס איז דעם קעניג געווען בעקאַנט און ער האָט אויף איהם געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. ער האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ גרינדליכע רעפאָרמע אין דער פּרייסישער געזעצגעבונג וואָס אָנבעטרעפט פּרעס־פרייהייט.

באַלד אין די ערסטע טעג פון דער בעוועגונג האָבען די אַרבייטער אָנ־טייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד. די אַרבייטער זיינען געוועזן אַ לאַנגע צייט אָהן אַרבייט, ווייל עס איז ניט געווען קיין געשעפט. די אויסגעמאָ־גערטע, הונגעריגע געזיכטער פון די פּראָלעטאַריער האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די בירגער. זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס די הונגעריגע מאַסע וועט זיין געצוואונגען צו רויבען, און זיי האָבען דעריבער געפאָדערט אַ שוץ־וואַך. דעם 13טען מערץ האָבען זיך די אַרבייטער פערזאַמעלט אין טיער־גאַרטען און האָבען בעשלאָסען שיקען צום קעניג אַן אַדרעס, אין וועלכען עס האָט געהייסען, אַז דאָס פאָלק ווערט אונטערדריקט פון קאַפּיטאַליסטען און וואוכערער און דער קעניג זאָל דעריבער איינפיהרען אַן אַרבייטס־מי־ניסטעריום, „אום אייגענטום און לעבען ניט צו לאָזען אויף הפקר צו פער־וויסטונגען, און צו פערבעסערן דעם גורל פון די אַרבייטער". די קליין־ביר־גערליכע פּרעס איז דאַן אַרויס געגען זיי מיט אַ בלבול, דאָס זיי, די אַרביי־טער, ווילען איינפיהרען קאָמוניזם, און דאָס זייער אַדרעס איז נאָר אַ פערזוך אויפצוהייבען די אַרבייטענדע קלאַסען.

די אויפרעגונג האָט געשטיגען פון טאָג צו טאָג. די פאָלקס־פערזאַמ־לונגען האָבען אָנגענומען אַ מעהר און מעהר שטירמישען כאַראַקטער. עס זיינען פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענשטויסען צווישען דעם בעוואָפענטען פאָלק און דעם מיליטער. אין פערשיידענע ערטער האָט מען אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדען. איבעראַל אין די גאַסען זיינען געגאַנגען מיליטערישע פּאַטרולען. אין איינִיגע ערטער האָט מען אָנגעגריפען קאַנאָנען; דעם אַר־סענאַל און דעם שלאָס האָט מען בעזעצט מיט טרופּען. אויף יעדען טריט האָט מען בעמערקט איינגעהאַלטענע ערביטערונג צווישען דעם פאָלק און מיליטער. די 15טען מערץ האָט מען שוין געפונען אין איינִיגע גאַסען טויטע און פערוואונדעטע. אַ שוץ־קאָמיסיאָן פון בירגער און סטודענטען מיט ווייסע שטעקענס און מיט ווייסע בענדער אַרום די אָרמס האָט אָנגעווענדעט אַלע מיה צו בערוהיגען דאָס פאָלק. אָבער זייער מיה איז געווען אָהן ער־פאָלג. מען האָט זיי פערלאַכט אַלס „לייכענביטטער" (פערבעטער אויף לוויות). דעם 16טען מערץ האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק אויף דעם אָפּערא־פּלאַץ, און דאָס מיליטער האָט געשאָסען אויף די מאַסע אום פערנאַנדערצוטרייבען זי. צוויי פערזאָן זיינען פון דער שי־סעריי געפאַלען טויט און פיעלע זיינען פערוואונדעט געוואָרען. דאָס פאָלק האָט זיך געמוזט פערנאַנדערגעהן, אָבער מיט גרויס ערביטערונג

און ראַכע־געפיהל. עס איז קלאָר געווען צו זעהן, דאָס אין גיכען וועט פּאַרקומען אַן ערנסטער צוזאַמענשטוים צווישען פאָלק און מיליטער.

דער 17טער מערץ איז נאָך רוהיג פאַריבערגעגאַנגען. עס זיינען גע־פאַלען פון די צוזאַמענשטויסען נאָר אַן ערך פון 18 פּערזאָן, אָבער די ער־ביטערונג איז געוואַקסען מיט יעדער שטונדע. אויך דער בערלינער בירגער, וועלכער איז אימער געווען אַזוי רוהיג, האָט יעצט געברענט פון כעס און פון ראַכע־געפיהל. עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע בירגער און האָט בעשלאָסען צו שיקען צום קעניג אַן אַדרעס. דעם 18טען מערץ איז אָנגעקומען צום קעניג אַ דעפּוטאַציאָן פון דער רהיין־פּראָווינץ. דער קעניג האָט אויפגענומען די דעפּוטאַציאָן זעהר גנעדיג. אין שלאָס האָט שוין געהערשט אַ פריידליכע שטימונג. דיזער דעפּוטאַציאָן האָט מען פער־שפּראָכען, דאָס מען וועט ערפילען זייערע ווינשען. די גאַנצע שטאָדט איז געוואָרען מלא שמחה. די פרייד איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען דער קעניג איז אַרויס אויף׳ן באַלקאָן, און דער בירגער־מייסטער נ א ו נ י ן האָט מיט אַ מעכטיגער שטימע אָנגעזאָגט דעם פאָלק, דאָס דער קעניג גיט נאָך דעם פאָלק אַלעס, און דאָס ער איז בערייט צו געבען דעם פאָלק אַ קאָנסטיטוציאָן מיט די פרייזיניגסטע פּרינציפּען. דאָס פאָלק האָט גע־וויינט פון שמחה.

אָבער 2 אוהר נאָך מיטטאָג האָט זיך די גאַנצע לאַגע געענדערט. אַן אָפּטיילונג פון דער פּאָטסדאַמער גוואַרדיע האָט בעוואַכט דעם שלאָס. דאָס איז געווען דער זעלבער רעגימענט, וועלכער האָט געשאָסען אויף׳ן פאָלק אויף דעם אָפּערא־פּלאַץ. דער צאָרן פון פאָלק האָט אויפגעפלאַקערט. מען האָט איבעראַל געשריין: „פאָרט מיט דעם מיליטער! דאָס מיליטער צו־ריק!" אַ גרויסע מאַסע מענשען האָט זיך געלאָזען צום שלאָס. באַלד איז אָנגעקומען אַ שוואַדראָן דראַגונער און האָט אָנגעהויבען פערנאַנדערטרייבען די מאַסע. די סאָלדאַטען זיינען אַריינגעפאָהרען אין דער מאַסע פון פאָלק און עס האָבען זיך באַלד דערהערט צוויי שאָסען און צוויי פּערזאָן זיינען געפאַלען אויף׳ן אָרט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „מען האָט אונז אָפּגענאַרט! זיי שיסען אויף די בירגער! וואָפען! ראַכע!" דאָס פאָלק האָט אין איילענים אָפּגעטרעטען אין די ביילִיגענדע גאַסען און האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוואָפנען און אויפשטעלען באַריקאַדען. עס זיינען אין אַ קורצער ווייַלע געשאַפען געוואָרען הויכע באַריקאַדען, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז די דעכער. מען האָט געבראַכט יעדע זאַך, וואָס עס איז געקומען צום האַנט: פעסער, דראָזשקעס און פיעלע אַנדערע זאַכען —

אַלעם איז געווען גוט אויף צו מאַכען באַריקאַדען. מען האָט אויפגעריסען די ברוק־שטיינער, מען האָט צוגראָבען די גאַסען אום די קאַוואַלעריע זאָל זיך ניט קענען בעוועגען פריי; אויף די דעכער זיינען געווען אַנגעגרייט גרויסע קערב מיט שטיינער צו וואַרפען אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטען. אַלס וואַפען האָט מען בענוצט: העק, שפּיזען, קאָסעס, מעסערם. מיט דיזע אַלע געוועהר איז דאָס אויפגערעגטע פאָלק ארויף אויף די באַריקאַדען. אויך די סטודענטען האָבען זיך אַנגעשלאָסען אַן פאָלק. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער גרעסטער טייל פון די באַריקאַדען־קעמפער איז בעשטאַנען פון ארבייטער. זיי האָבען פערגאָסען זייער בלוט אום צו פערשאַפען פריי־הייט דער בורזשואַזיע. אַזוי איז עס געווען אימער און איבעראַל, און נאָכ־דעם האָבען דיזע, די בירגער, ניט געלאָזען די ארבייטער געניסען פון דעם זיג.

דער קעניג האָט געזוכט צו בערוהיגען דאָס אויפגערעגטע פאָלק, אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט. ער האָט געהייסען צוויי מענער אַראָפּטראָ־גען צוויי גרויסע שטיקער לייוועגט, אויף וועלכע עס איז געווען מיט גרויסע ווערטער אַנגעשריבען: „עס איז אַ מיספערשטענדניס, דער קעניג וויל דאָס בעסטע!” דאָס האָט אָבער דאָס פאָלק ניט צוריקגעהאַלטען פון קאַמף; עס האָט פערלאָרען דעם צוטרויען צום קעניג. דער לאַרם פון דער שטורם־גלאָק און דער דונער פון די ביקסען האָבען איבערגעשריען די שטימע פון שלום און פערמיטלונג.

צווישען דריי און פיער אַ זייגער נאָך מיטטאָג האָט דאָס מיליטער אַנגעהויבען אַנצוגרייפען דאָס פאָלק. מען האָט אַנגעהויבען צו שטורמען די באַריקאַדען. דאָס פאָלק האָט געשאָסען פון אַלע הייזער. אָבער די סאָלדאַטען האָבען גיך געמאַכט אַן ענדע צו די באַריקאַדען און האָבען אַנגע־הויבען אַריינצודרינגען אין די הייזער, פון וואַנען מען האָט אויף זיי געשאָ־סען. פיעלע פון די קעמפער פון פאָלק האָט מען געפאַנגען און אַריינגע־וואָרפען אין געפענגניס.

דעם אויבער־בעפעהל איבער די טרופען, וואָס האָבען זיך געפונען אין בערלין, האָט ערהאַלטען דער גענעראַל פאָן פריטטוויטץ, אַ זעהר ברוטאַלער מאַן. ער האָט געהאַט 12,000 מאַן אינפאַנטעריע, דריי פּאָלקען קאַוואַלעריע און אַ גרויסע מאַסע קאַנאָנען. אויך די לייב־גוואַרדיע איז געווען אונטער זיין קאָמאַנדע. אום 5 אוהר האָט פריטטוויטץ אַנגע־הויבען זיין אַנגריף אין דער קעניגשטראַססע, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט באַריקאַדען. ער האָט אַנגעהויבען צו שיסען מיט האַרמאַטען אויף די

באַריקאַדען, אָבער ער האָט קיין גרויסען ערפאָלג ניט געהאַט. ער האָט גע-מוזט יעדע איינציגע באַריקאַדע נעהמען בעזונדער. פון די דעכער איז גע-פאַלען אַ האַגעל פון שטיינער און פיעלע אַנדערע שווערע זאַכען. פון אַלע פענסטער האָט מען געשאָסען אויף די סאָלדאַטען. יעדעס הויז האָט גע-מוזט בעזונדער געשטורמט ווערען. דאָס מיליטער איז געווען זעהר ערבי-טערט און האָט פערניכטעט אַלעס, וואָס עס איז נאָר געווען בעוואַפענט מיט וואָס עס איז. אום זיבען אוהר אין אָבענד איז די קעניגשטראַססע אָפּגעריייניגט געוואָרען פון די רעוואָלוציאָנערען און איז געוואָרען בעהערשט פון די סאָלדאַטען.

דאָס פאָלק האָט ווייטער געשיקט צום קעניג אַ רייהע פון דעפּוטאַ-ציאָנען אום צו געפינען אַ מיטעל צו פרידען. אָבער עס איז דערפון גאָר-ניט געוואָרען. אין הויף האָט געהערשט אַ קריגערישע שטימונג. שפּעטער אין דער נאַכט איז דער קאַמף געוואָרען שטאַרקער. די צאָהל באַריקאַדען איז פערגרעסערט געוואָרען, ווייל עס האָט זיך געהערט, דאָס עס קומט אָן אין שטאָדט נאָך מיליטער. איבערהויפּט איז דער קאַמף געווען זעהר העפ-טיג ביים קאָלנישען ראַטהויז. אויך די אַרטילעריע מיט איהרע קאַרטעטשען האָבען עס ניט געקענט נעהמען: די פערטיידיגער האָבען העלדענמוטיג אויסגעהאַלטען די אַלע שטורמען או פייערען. ענדליך אָבער האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל עס איז זיי אָנגעקומען פון הינטען אַ גרויסע אָפּטיילונג פרישעס מיליטער, וועלכעס האָט מיט זיי געשטריטען מיט גרויס פייער דריי שטונדען צייט.

נאָך וועניגער ערפאָלג האָט דאָס מיליטער געהאַט אויף דעם האַוזפאָיג-טיי=פּלאַץ. פון דאַנען האָבען זיי זיך געמוזט צוריקציהען צום זשאַנדאַר-מען=מאַרק. אויך אויף דעם אַלעקסאַנדער=פּלאַץ האָבען די רעוואָלוציאָ-נערען געשטריטען מיט גרויס מוט און דאָס מיליטער האָט זיי פון דאָרט נים געקענט פערטרייבען. און אַזוי איז עס אויך געווען אין פיעלע אַנ-דערע פונקטען. אָנפאַנגס האָבען די סאָלדאַטען געהאַט אַ ערפאָלג, אָבער דאָס פאָלק האָט אימער אויפגעבויט נייע באַריקאַדען און די סאָלדאַטען זיינען ענדליך מיד געוואָרען.

דעם נעכסטען זונטאַג האָט די רעגירונג איבערטראַנספּאָרטירט אַלע געפאַנגענע פון די קעלערן אין די שלעסער נאָך שפּאַנדאַו. זיי זיינען גע-ווען צוזאַמענגעבונדען פּאָרווייז, די הענט אויף דעם רוקען געשמידט אין קייטען, און אַזוי זיינען זיי געטריבען געוואָרען אין וועג און געווען גע-צוואונגען צו געהן וואוהין מען האָט זיי געטריבען דורך לעפ, וואָס די

סאָלדאַטען האָבען זיי געגעבען מיט די קאָלבען פון די ביקסען און מיט די שווערדען. די רעאַקציאָנערע בעפעלקערונג פון שאַרלאָטטענבורג און שפּאַנדאַו האָט געמאַכט פון די געפאַנגענע חוזק, הגם עס האָבען זיך צווישען זיי געפונען אויך זעהר פיעלע אַלטע לייט.

די שטורם-גלאָקען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו שטורמען און האָבען געגעבען צו וויסען, אַז דאָס פאָלק איז ענטשלאָסען אויף דעם גרעסטען ווידערשטאַנד און וועט פיר קיין פאַל ניט נאָכגעבען דער רעגירונג. דער קעניג האָט אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן: „צו מיינע ליבע בערלינער!", אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג. און ווי האָט עס געקענט זיין אַנדערס, ווען דער קעניג האָט אין דיזער פּראָקלאַמאַציאָן בעהויפּטעט, דאָס די בערלינער זיינען געטריבען געוואָרען צום אויפשטאַנד „פון אַ ראָטע מעהרסטענס פרעמדע באַנדיטען"? אויף דעם אַלעקסאַנדער-פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער שטרייט. דאָס פאָלק האָט געשיקט צום קעניג אַ נייע דעפּוטאַציאָן, וועלכע האָט איהם פערזיכערט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז הינטער און אויף די באַריקאַדען, און דאָס די פאָדערונגען קומען פון פאָלק און ניט פון באַנדיטען, פרעמדע העצער, און אַז דאָס פאָלק איז זאָגאַר ענטשלאָסען צו בעגעבען זיך באַלד צום שלאָס און בעשטורמען איהם. דאָס האָט געווירקט. דעם פריהמאָרגען פון 19טען מערץ איז אַרויס פון שלאָס אַ בעפעהל, דאָס די טרופּען זאָלען זיך צוריקציהען פון שטאָדט. די באַריקאַדען-קעמפער האָבען געזיגט. ווען דער קעניג וואָלט ניט נאָכגעגעבען, וואָלטען די טרופּען געהאַט אַ נידערלאַגע פון פאָלק. דאָס האָט דאָס מיליטער זעלבסט גוט פערשטאַנען.

אין דער צייט, ווען די סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעצויגען פון בערלין, האָט די מאַסע אַריינגעבראַכט די קערפּערס פון די געפאַלענע באַריקאַדען-קעמפער אויף דעם הויף פון שלאָס, וואו מען האָט זיי צולעגט און מען האָט זיי בעפּוצט מיט בלומען-קראַנצען. צווישען די הרוגים האָבען זיך געפונען אויך פרויען. עס האָבען זיך דערביי אָפּגעשפּילט שרעקליכע סצענעס. עס האָבען זיך געהערט געוויינען און יאָמערגעשרייען פון אייגענע און פערוואַנדטע, וועלכע האָבען צוריסען די הערצער פון די אָנוועזענדע. מען האָט געהערט אַזעלכע געשרייען ווי דיזע: „פאָטער פון פינף קליינע קינדער!" „אָהן בעגנאַדיגונג נידערגעשאָסען, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אונטערגעגעבען!" „מיין איינציגער זוהן!" או. אז. וו. אין מיטען פון דיזע סצענעס האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען מיט שטורם אַרויסרופען דעם קעניג. דער לאַרם פון דעם רוף צום קעניג האָט לאַנג גע-

דויערט. ענדליך האָט זיך פריעדריך ווילהעלם בעוויזען אויף דער גאַ-לעריע. ער איז געווען בלאַס ווי לייוועגט. די קעניגין איז איהם געשטאַנען ביים זייט. דאָס פאָלק איז באַלד שטיל געוואָרען. דאַן האָט אימיצער אויסגעשריען: „נעהמט אַרונטער דעם הוט!” דער קעניג האָט באַלד אַרונ-טערגענומען זיין הוט, און די מאַסע האָט געטאָן דאָס זעלבע. איינער האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען דאָס קירכען-ליד „יעזוס איז מיין פערטרויען!” און דאָס פאָלק האָט נאָכגעזונגען דאָס ליד. דאָס איז געווען אַ טויטען-פּאַראַד. נאָכדעם איז דער קעניג מיט זיין פרוי צוריק אריין אין פּאַלאַץ. אָבער פרידריך ווילהעלם דער 4טער האָט קיינמאָל ניט מוחל געווען די בער-לינער דיזען „טויטען-פּאַראַד”.

דער קעניג האָט איינגעשטימט און ערלויבט דעם פאָלק צו בעוואַפנען זיך. אום 6 אוהר אָבענדס איז שוין געשטאַנען אַרום דעם שלאָס די ערסטע אַפּטיילונג פון דער שלאָס-וואַך פון דער בירגער-מיליץ. דאָס פאָלק איז געווען אויסער זיך פון פרייד. אין אָבענד איז גאַנץ בערלין געווען אונגע-וועהנליך אילומינירט. אזא אילומינאַציאָן האָט נאָך דאָס פאָלק קיינמאָל ניט געזעהען. אָבער דאָס פאָלק האָט ניט בענוצט זיין זיג אום צו נעהמען ראַכע פון זיינע פיינד. נאָר געגען צוויי פּערזאָן איז די מאַסע געווען שטאַרק ערביטערט: געגען אַ הויף-ליפעראַנט און געגען אַן אויסגעדינטען מאַיאָר, וועלכע האָבען גידינט אַלס שפּיאָנען פיר די רעגירונג און האָבען געבראַכט פיעל שאָדען די באַריקאַדען-קעמפער. דאָס פאָלק האָט צושטערט זייערע הייזער און פערברענט. דעם 20טען מערץ האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק אַרום דעם שלאָס פון פּרינץ ווילהעלם פון פּריי-סען מיט דעם צוועק צו צושטערען דיזען שלאָס. מען האָט דעם שלאָס נע-רעטעט דערמיט, וואָס מען האָט אויף איהם אָנגעשריבען: „נאַציאָנאַל-אייגענטום”. דער פּרינץ זעלבסט איז אויגענבליקליך ענטלאָפען נאָך ענג-לאַנד אום צו רעטען זיין לעבען פון דעם צאָרן פון פאָלק.

אום ווידער צו בערוהיגען די בעפעלקערונג און מאַכען זי פרידליך געשטימט, האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען דעם 20טען מערץ אַן אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) פיר אַלע פּאָליטישע פערברעכער. די מאַאַביטער געפענג-ניס האָט זיך געעפענט און אַלע פעראורטיילטע פיר פּאָליטישע פערברע-כענס זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען פריי. דעם זעלבען טאָג האָט מען בע-שטימט נייע מיניסטאָרען. באַלד האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, דאָס דער פּרינץ פון פּרייסען געהט מיט אַ פּאָטסדאַמער רעגימענט אום צו בעלאַגערן בערלין. דאָס האָט ווידער אויפגערעגט דאָס פאָלק. דער קעניג האָט

געפונען פיר נעטיג צו איבערציינגען דאָס פאָלק, דאָס ער מיינט ערנסט מיט דעם פרידען מיט׳ן פאָלק. ער האָט דעם 21טען מערץ געאָרדענט א צוג דורך די גאסען פון בערלין, בעגלייטעט פון גענעראלען, מיניסטאָרען און בירגער. דער צוג האָט געפיהרט מיט זיך א גרויסע פאָהן פון די דריי פאָלקס־קאָלירען: שווארץ, רויט און גאָלד, און דער קעניג האָט אויך גע־האַט ארום זיין אָרם א באנד מיט די זעלבע דריי קאָלירען. עס איז געווען א זעהר אונאנגענעהמע ראָלע פיר דעם הערשער צו בעפוצען זיך מיט די זעלבע פארבען, געגען וועלכע ער האָט דעם 18טען מערץ געהייסען זיינע טרופען שיסען.

ווען דער צוג איז געקימען צו דער הויפּט־וואך פון ארסענאל, וואו די בירגער זיינען שוין געווען בעוואפענט, האָט דער קעניג געזאָגט: „איך בין ניט אין שטאנד אויסצודריקען אין ווערטער, ווי וויט דאנקבאר איך בין אייך, גלויבט עס מיר". אן אונגעהייערער יובעל־געשריי האָט אויסגע־בראָכען פון פאָלק, ווען עס האָט דערהערט פון קעניג דיזע ווערטער. אָבער דערביי האָט איין ארבייטער הויך אויסגעשריען: „גלויבט עס ניט!" אין אוניווערזיטעט האָט דער קעניג געזאָגט צו די בעוואפענטע סטודענטען: „איך טראָג פארבען, וועלכע זיינען ניט מיינע, איך וויל ניט דערמיט קיין קרוין, ניט צוציהען צו זיך קיין הערשאפט, איך וויל נאָר דייטשלאנד׳ס פרייהייט, דייטשלאנד׳ס איינהייט און אָרדנונג". אין קאָלנישען ראטהויז, אין דעם זעלבען אָרט, וואו עס האָט געבושעוועט דער קאמף ארום די גרויסע באריקאדען, האָט ער געזאָגט צו די שטאָדט־לייט: „איך ווייס גוט, דאָס איך בין ניט שטארק דורך די וואפען פון מיינע סאָלדאטען, ניט דורך מיין אָנגעפילטע קאסע, נאָר דורך די הערצער פון מיין טרייען פאָלק. איך האָף, דאָס איהר וועט מיר שענקען דיזע הערצער און דיזע טרייהייט!"

אַלעס האָט געשוואומען אין גליק און פרייד, די אַלגעמיינע שמחה האָט געשטיגען העכער און העכער, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי עס זיינען ערשינען אייניגע נייע פּראָקלאמאציאָנען, וועלכע האָבען פערשפּראָכען לי־בעראלע געזעצען און איינריכטונגען.

דעם 22טען מערץ זיינען בעערדיגט געוואָרען די געפאלענע באריקא־דען־קעמפער. די גאנצע שטאָדט האָט זיך אָנגעטאָן אין טרויער. אויף אַלע הייזער האָבען געפלאטערט שווארצע פאָהנען. 183 טרונעס בעדעקט מיט בלומען זיינען געווען אין דעם צוג. זעהר פיעלע קאָרפּאָראציאָנען האָ־בען אָנטייל גענומען אין דיזער לויה; אן אונגעהייערע מאסע האָט צוגע־זעהען די סצענע; אויף דעם באלקאָן פון קעניגליכען שלאָס זיינען געשטא־

נען 2 גרויסע טרויער־פאָהנען, און אין דער צייט, ווען דער צוג איז פאַר־בייגעגאַנגען דעם קעניגליכען שלאָס, זיינען דער קעניג און די מיניסטאָ־רען געשטאַנען אויף'ן באַלקאָן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. גייסטליכע פון פער־שיידענע סעקטעס האָבען געהאַלטען טרויער־רעדעס, און די נאַציאָנאַל־גוואַר־דיע האָט דריי מאָל אויסגעשאָסען פון אַלע ביקסען. אַ לאַנגע צייט איז דאָס פאָלק געגאַנגען אויף די קברים פון דיזע אָפּפער ווי אויף קברים פון היילינגע. היינט ווילען די ליבעראַלען גאַרניט וויסען פון זייערע פאַרקעמ־פער, נאָר די אַרבייטער פייערן נאָך יעצט דעם אָנדענקען פון די מערץ־העלדען. זיי בעפּוצען נאָך היינט דיזע קברים מיט בלומען אין דעם 18טען מערץ.

אין אמת זיינען די אָפּפער פון 18טען מערץ געווען פיעל מעהר פון 183. מיט איינינע טעג שפּעטער זיינען געשטאָרבען פון די פערוואונדעטע נאָך 47 פּערזאָן. דעם 24טען מערץ זיינען בעערדיגט געוואָרען די געפאַ־לענע סאָלדאַטען. די געפאַלענע מיליטאַריסטען זיינען געווען 3 אָפיצערען און 17 איינפאַכע סאָלדאַטען. פערוואונדעטע זיינען פו זיי געווען: 14 אָפיצערען, 14 אונטער־אָפיצערען און 226 סאָלדאַטען. דאָס איז געווען דער בעריכט פון די מיליטער־בעאַמטע. אָבער דאָס פאָלק האָט דיזען בע־ריכט ניט געגלויבט; מען האָט געגלויבט, דאָס די צאָהל איז מיט אַבזיכט פערגרעסערט געוואָרען.

די שמחה איז אַ ביסעל פערביטערט געוואָרען פון אַן אַרטיקעל, וועל־כין דער דעמאָקראַטישער רעדאַקטאָר יוליוס האָט אָפּגעדרוקט אין דער „צייטונגסהאַללע". ער האָט געשריבען אין דיזען אַרטיקעל: „די וואהר־הייט איז, דאָס אויך ביי אונז, אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך און ווי אין ענגלאַנד, עקסיסטירט שוין אַ פאָלשטענדיגער ברוך צווישען דער בירגער־קלאַס און דער אַרבייטער־קלאַס. דער קריג, וואָס געהט יעצט אָן, איז ניט צווישען קעניגטום און רעפּובליק, נאָר צווישען די בעזיצענדע און די, וועלכע ווילען זיך פערשאַפען בעזיץ דורך זייער אַרבייט. אונזערע בירגער פיהלען עס שוין זעהר גוט, און דעריבער ווילען זיי שוין יעצט, נאָך דעם ערסטען טאָג פון אונזער רעוואָלוציאָן, מיט אַלע קרעפטען ציהען צוריק". דער אַר־טיקעל פערלאַנגט וויטער „אַ מיניסטעריום צו אונטערזוכען און צו רעגו־לירען די אַרבייטס־פערהעלטניסען". דיזעס וועט ערסט זיין אַ שריט צו בערוהיגען די פּראָלעטאַריער. „זאָלען אָבער די בירגער זיך ניט איינרעדען,

דאָס די אַרבייטער וועלען זיך לאָזען פּערוויגען און איינשלעפּערן. דאָס וועט דער הונגער ניט דערלאָזען. קיין רוה, קיין רוה, ביז מיר וועלען ערווערבען עטוואָס טיכטיגעס צו פערבעסערן אונזער מאַטעריעלע לאַגע".

די בירגער זיינען געוואָרען אויסער זיך פון צאָרן. זיי האָבען אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען ווי צו שיטען זאַמד אין די אויגען און ווייזען די אַרבייטער, דאָס דער רעדאַקטאָר איז אַ ליגנער, דאָס זיי מיינען די טובה פון די אַרבייטער ווי זייער אייגענע. מען האָט דעם רעדאַקטאָר געשימפּט. די בערזע האָט ערקלערט, דאָס די אינטערעסען פון די אַרבייטער און די בירגער זיינען גראַדע די זעלבע, און די פּרעסע האָט געטאַדעלט יוליוס'ן אַלס אַ רוה־שטערער. דאָס איז געווען דער ערסטער געברויך פון דער נייער פּרעס־פרייהייט.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איז די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק געווען געווענדעט אויף דעם פאַר־פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט זיך פערזאַמעלט אין פראַנקפורט דעם 31טען מערץ. די פערזאַמעלטע זיינען אמת געווען פּריוואַט־פּערזאָנען, אָבער די עפענטליכע מיינונג האָט זיי שטאַרק אונטערגעשטיצט. די דעפּוטירטע זיינען לײדער געווען צו שוואַכע ליבעראַלען, וועלכע זיינען געווען פון דער מיינונג, דאָס די רעוואָלוציאָן איז צו ווייט געגאַנגען. זיי האָבען געציטערט פאַר דעם געדאַנק, דאָס זיי האָבען אַ רעוואָלוציאָנערע שליחות, און זיי האָבען דאָס אונטערגענומען, ווייל זיי האָבען געהאָפט, דאָס דורך דעם וועלען זיי הינדערן די אַרבייטער צו בעקומען די איבערמאַכט. מעהר פון אַלעמען האָבען געשטערט דעם עסק די פּראָפעסאָרען, וועלכע זיינען געווען אין דיזער פערזאַמלונג אין אַ זעהר גרויסער צאָהל, און זיי זיינען געווען אַ זעהר אונגליקליכער עלעמענט אין דער פערזאַמלונג. מיט זייערע פּוסטע איבערגעשפּיצטע רעדעס האָבען זיי איבערגעפיהרט די טייערע צייט און זיי האָבען געגעבען אַ זעהר קלעגליכען כאַראַקטער דער דייטשער בעוועגונג פון יאָהר 1848.

די זיצונגען פון דעם פאַר־פּאַרלאַמענט זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דער פּאַולוס־קירכע. דעם 31טען מערץ פאָרמיטטאָג האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פערהאַנדלונגען. די רעפּובליקאַנער האָבען דורך זייער פאָרשטעהער **גוסטאַוו פאָן סטרוּבע** געפאָדערט אָן עכטע דעמאָקראַטישע רעגירונג, די אָפּשאַפונג פון שטענדיגען מיליטער, אָפּשאַפונג פון פּריווילעגיעס פון קלויסטערס, אָפּזונדערונג פון קירכע און שטאַאט,

אַ האַבעאַס=קאָרפּוס אַקט, *) בעזייטיגונג פון דעם נויט=צושטאַנד פון די אַרבייטער, אָפּשאַפונג פון דער מאָנאַרכיע און גרינדונג פון אַ פריי=ערוועהלטען פּאַרלאַמענט מיט אַ פריי פון פאָלק ערוועהלטען פּרעזידענט, אַלע איינציגע שטאַאַטען פון דייטשלאַנד פעראייניגט אין אַ פעדעראַטיווער בונד=פערפאַסונג נאָך דעם מוסטער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד=אַמעריקאַ.

ביי דער פערזאַמלונג האָבען זיך די האָאָר געשטעלט קאַפּויר הערענדיג אַזוי אָפען צו פאָדערן אַ דייטשע רעפּובליק. מען האָט אָנגעהויבען צו האַלטען רעדעס איינע נאָך דער אַנדערער, אין זאַל האָבען זיך געהערט די ווערטער „פרייהייט“, „פאָלק“, „רעכט“, אָבער פון סטרובע'ס אַנטראַג האָט קיינער ניט געוואָלט וויסען. ענדליך האָט מען בעשלאָסען איבערצוגעבען די פערהאַנדלונג פון דעם פּלאַן פון דער פערפאַסונג צו דער נאַציאָנאַל=פערזאַמלונג, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען בערופען צו ווערען. דעם נעכסטען טאָג האָט העקקער פאָרגעשלאָגען, דאָס דער פאָר=פּאַרלאַמענט זאָל ניט פערנאַנדערגעהן, נאָר ער זאָל פאָרטזעצען זיינע זיצונגען ביז עס וועט זיך צוזאַמענקומען די קאָנסטיטוציאָנעלע פערזאַמלונג, און דערוויילע זאָל דער פּאַרלאַמענט לייטען די בעוועגונג. דער פּלאַן איז אָפּגעוויזען געוואָרען, מען האָט געציטערט איהם אָנצונעהמען. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו ערוועהלען אַ קאָמיטע פון 50 פּערזאָן, וועלכע זאָלען קומען אין פערבינדונג מיט דעם בונדעסטאַג און זאָלען דעם זעלבען העלפען מיט ראַט און טאַט צו זיכערן די אינטערעסען פון פאָלק. אויך אוהלאַנד האָט איינגעשטימט אויף דיזען פּלאַן. אַלע אין דער פערזאַמלונג האָבען ניט געוואַגט צו פערלאַנגען עטוואָס וויכטיגעס, יעדער שריט איז געמאַכט געוואָרען מיט גרויס פורכט און פאָרזיכטיגקייט. דער פאָר=פּאַרלאַמענט האָט מורא געהאַט צו פאָדערן פאָלקס=בעוואַפנונג, הגם פיעלע רעגירונגען האָבען עס שוין לאַנג נאָכגעגעבען זייערע בירגער.

אָבער דאָס שענסטע בילד האָבען פאָרגעשטעלט די פערהאַנדלונגען פון דער אַרבייטער=פראַגע. דער מערץ=מיניסטער ראָמער פון שטוטט-

*) אַזוי ווערט אָנגערופען אַ פערהאַפטונגס=געזעץ, נאָך וועלכען אַן אַרעסטירטער מוז פערהערט ווערען אין 24 שטונדען, און ווען ער קען ניט בעשולדיגט ווערען אין אַ קאַפּיטאַל=פערברעכען, דאַרף ער נאָך דיזער צייט אַרויסגעלאָזען ווערען אויף גאַראַנטיע אָדער ערבות. דיזעס געזעץ איז אַיינגעפיהרט אין ענגלאַנד זינט 1679 און הייבט זיך אָן מיט די צוויי לאַטיינישע ווערטער „העבעאַס קאָרפּוס“, וועלכע בעדייטען: האָב דיין קערפּער, נעמליך פריי.

גאַרט האָט געזאָגט ביי דער בעשפּרעכונג פון דיזער פראַגע: „מיינע הער-רען! איך בין זיכער, דאָס איהר סימפּאַטיזירט מיט דיזע לייט. איך בעט צו בעצייגען דיזעם מיט אייער אויפהויבען זיך פון די ערטער!" די פער-זאַמעלטע האָבען עס גערן געטהאָן, און דערמיט האָט מען געלעזט די אַרביי-טער-פראַגע. די אַרבייטער האָבען זיך טאַקע געמעגט פרייען!

דעם 4טען אַפּריל איז ערוועהלט געוואָרען דאָס קאָמיטע פון 50 פער-זאָן, ווי עס איז פריהער בעשלאָסען געוואָרען. פון די ראַדיקאַלען זיינען ערוועהלט געוואָרען אין דעם קאָמיטע י א ק א ב י און ב ל ו ם. דיזעס קאָמיטע האָט זיך גערעכענט דעם גאַנצען מאָנאַט אַפּריל פיר די העכסטע אויטאָריטעט פון דייטשען פאָלק. דאָס קאָמיטע האָט ווירקליך פערדינט דיזע בעדייטונג, וויל עס האָט זיך בעמיהט איבעראַל צו פערמיטלען און אָנ-צוהאַלטען אָרדנונג. דער בונדעסטאַג האָט געגען איהם ניט געהאַט קיין ווערט, ער איז נאָר געווען זיין שאָטענבילד. זאָגאַר די רעגירונגען האָבען עס אָנערקענט און זיינע בעשלוסען זיינען געווען אָנגענומען ווי די בע-שלוסען פון פאָר-פּאַרלאַמענט. דעם 1טען מאַי האָט בעדאַרפט שטאַטפינ-דען אין פראַנקפורט א פערזאַמלונג פון דעלעגאַטען פון גאַנץ דייטשלאַנד, וועלכע האָבען בעדאַרפט בעשטימען, וואָס פיר א פּאָליטישע געשטאַלט דייטשלאַנד זאָל האָבען. פיר די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג האָבען בעדאַרפט ערוועהלט ווערען צו איין דעלעגאַט פון יעדע 50,000 זעעלען. דער פאָר-פּאַרלאַמענט האָט ניט בעשטימט ווי עס זאָלען געמאַכט ווערען די וואַה-לען פון די דעלעגאַטען צו דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג: דירעקט אָדער אינדירעקט, און ער האָט דאָס איבערגעלאָזען צום ווילען פון יעדער איינ-ציגער רעגירונג.

די ראַדיקאַלען האָבען ניט געוואוסט און ניט פערשטאַנען די ריכטיגע לאַגע אין דייטשלאַנד. זיי האָבען גערעכענט, דאָס די דייטשע נאַציאָן וואַרט נאָר אויף א צייכען, און דאַן וועלען זיך אַלע מיט איין מאָל אויפ-הויבען צו פאָדערן א רעפּובליק. זיי האָבען בעשלאָסען צו רופען צו די וואָ-פען דאָס דעמאָקראַטישע פאָלק פון באַדען. זיי זיינען ביי זיך געוואָרען נאָך פעסטער אין דעם בעשלוס, ווען דער דעלעגאַט פ י ק ק ל ע ר פון אָנג-היים איז צו זיי צוגעשטאַנען און ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, דאָס א גרויסע מאַסע דייטשע אַרבייטער פון פראַנקרייך און פון דער שווייץ וועלען קומען צו הילף. העקקער איז באַלד פול מיט האָפנונג אוועק נאָך קאָנ-סטאַנץ. די בעפעלקערונג האָט איהם דאָרט בעגעגענט מיט גרויס פרייד. אָבער די בעגייסטערונג האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. ווען ער איז אוועק

פון קאָנסטאַנץ אום צו געהן מיט בעוואָפּענטער מאַכט געגען קאַרלסרוהע, האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן איהם נאָר 57 פּערזאָן. „וואו זיינען די קאָנ־סטאַנצער מיט זייערע קאַנאָנען?" האָט מען איהם מיט פּערוואונדערונג געפרעגט. און זאָגאר שפּעטער, ווען די צאָהל פון די בעוואָפּענטע איז גע־געוואָרען גרעסער, איז די בעוועגונג פון די רעפּובליקאַנער געווען אָהן א פּלאַן און אָהן א ציל.

דעם 19טען אַפּריל איז העקקער געקומען אין קאַנדערן. דאָ האָ־בען זיך די רעוואָלוציאָנערען דערוואוסט, דאָס אין שלינגען געפינט זיך יעצט דער גענעראַל פריעדריך פון גאַגערן מיט 2,400 מאַן. העקקער האָט בעשלאָסען צו פעראייניגען זיך מיט א גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער פיהרערשאַפט פון זיעגעל. אָבער ווען ער האָט דעם 20טען אַפּריל פערלאָזען קאַנדערן, האָבען די טרופּען פערלאָזען שלינ־גען און ער האָט זיך ניט געקענט פעראייניגען מיט זיעגעל'ן. דער קאַמף איז געווען אונפערמיידליך. די רעפּובליקאַנער האָבען זיך צושטעלט אין א גוטער אָרדנונג הינטער א בריק. פאָן גאַגערן האָט געוואָלט פערמיידען בלוט־פערגיסונג און האָט אָנגעהויבען אונטערהאַנדלען מיט העקקער'ן וועגען פרידען. אָבער די אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרניט. הגם די קעניגליכע טרופּען זיינען געווען פיעל שטאַרקער פון די רעפּובלי־קאַנער אונטער העקקער, האָט דיזער ניט געוואָלט ענטזאַגען זיך פון זיין אונטערנעהמונג. די קעניגליכע באַטאַליאָנען זיינען לאַנגזאַם צוגעקומען נעהענטער צו די רעוואָלוציאָנערען. עס האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען דער קאַמף, אין וועלכען דער גענעראַל איז געפאַלען דער ערסטער. דער קאַמף האָט ניט לאַנג געדויערט און ביידע קעמפענדע צדדים זיינען צוגאַנגען אָהן א זיג. עס זיינען אין גאַנצען געפאַלען פון ביידע זייטען א 12 מענשען. אָבער די פאָלגען פון דיזען קליינעם קאַמף זיינען געווען זעהר בעדייטענד. העקקער'ס מחנה איז זיך צוגאַנגען, און העקקער האָט לאַנג געוואַנדערט אין די וועלדער, ביז ער איז ענדליך אריבער אין די שווייץ און איז דאָרט פער־בליבען אויף אימער.

אויך די אונטערנעהמונג פון סטרוּבע און זיעגעל איינצונעהמען די שטאָדט פרייבורג, וואו עס האָט זיך געפונען א מעכטיגע רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, איז ניט געלונגען. די קעניגליכע טרופּען האָבען געצוואונגען די שטאָדט זיך אונטערצוגעבען, און די רעוואָלוציאָנערען מיט די רעפּובליקאַ־נער זיינען צולאָפען וואוהין זיי האָבען געקענט, און די יעניגע, וואָס האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו ענטלויפען, זיינען אריינגעפאַלען אין די הענט

פון די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיי זעהר שלעכט בעהאַנדעלט. אויך די לעגיאָן פון דייטשע אַרבייטער, אונטער דער פיהרונג פון ה ע ר ו ו ע ג ה, איז געשלאָגען און צושטרייט געוואָרען פון די סאָלדאַטען. הערוועגה זעלבסט האָט זיך געמוזט פערקליידען און ענטלויפען.

אַזוי איז געווען די דייטשע רעפּובליקאַנישע רעוואָלוציאָן. וועהמוט און שפּאָט זיינען די איינציגע געפיהלען, וואָס מען האָט פיר זי געהאַט. דאָס פאָלק האָט בעוויזען, דאָס עס האָט מיט דער רעוואָלוציאָן גאָרניט געהאַט צו טאָן, און האָט איבערגעלאָזען אַלע וויכטיגע פראַגען צו דעם פּאַרלאַמענט, וואָס דאַרף זיך אין גיכען עפנען, ער זאָל זיי לעזען. דאָס פּאַטערלאַנד איז געווען געראַטעט פון אַנאַרכיע. דער פּאַרלאַמענט איז געווען אין שטאַנד אָפּצושאַפען דעם לעצטען רעסט פון דעם פעאָדאַל-סיסטעם און שאַפען פיר דייטשלאַנד אַ נייע געשטאַלט.

אין בערלין האָט זיך דאַן דאָס ליבעראַלע בירגערטום געצייגט אין זיין גאַנצער יאָמערליכקייט. די שרעקעדיגע האָבען בלויז פערלאַנגט, דאָס מען זאָל צוריקרופען דאָס מיליטער. וועגען פערבעסערן די טרויעריגע לאַגע פון די אַרבייטער איז גאָר קיין רייד ניט געווען. די נייע פאָלקס-בעוואַפנונג האָט געהאַט נאָך אַן ערגערען סוף. עס האָבען בעקומען גע-וועהר נאָר בעלי מלאכות, סטודענטען און בעאַמטע. אָבער דיזע אַלע קלאַסען האָבען געשטרעבט ניט צו לאָזען די פּראָלעטאַריער אויפהויבען אַ קאָפּ, ווייל זיי האָבען זעהר מורא געהאַט פאַר אַ גרויסער בעוואָפענטער מאַכט פון אַרבייטסלאָזע מענשען. די רעגירונג זעלבסט האָט געמוזט זוכען בעשעפטיגונג פיר די אַרבייטסלאָזע מאַסען.

אויף דעם ערסטען מאַי זיינען בעשטימט געוואָרען די וואַהלען פיר דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, אויך פיר דעם פּרייסישען לאַנדטאַג. די בע-וועגונג איז געווען אַ זעהר שטאַרקע, די אויפרעגונג פון פאָלק איז געווען אונ-געוועהנליך. פיעל לאַרם האָט פערשאַפט די פראַגע וועגען ענדערן די סאָ-ציאַלע לאַגע און די פראַגע וועגען וואַהל-רעכט. די אַרבייטער האָבען דאַן צום ערסטען מאָל אַריינגעטרעטען אין דאָס עפענטליכע לעבען. זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציאָן אין דעם גרין-דאָנערסטאַג. די בירגער האָבען געהאַט גרויס אַנגסט פון דיזער דעמאָנסטראַציאָן. זיי האָבען עס בעטראַכט אַלס אַ רעוואָלוציאָן פון די בעזיצלאָזע. זאָגאַר די אָנהענגער פון אַ קאָנסטיטוציאָן און די דעמאָקראַטען האָבען אָפּגעראַטען די אַרבייטער פון דיזער אונטערנעהמונג. אין דעם פריהמאָרגען פון גרין-דאָ-

נערסטאַג איז בערלין געווען פול מיט בעוואפּענטע. די גאַנצע בירגערליכע בעוואפּענטע מאַנשאַפט איז געווען אויף די פיס און האָט פערנומען פער־שיידענע בריקען, עפענטליכע פּלעצער און געביידעס. אַרבייטער האָבען זיך געפונען ניט פיעל. וואהרשיינליך האָט דאָס קאָמיטע פון די אַרבייטער בעקאַנט געמאַכט, דאָס די דעמאָנסטראַציאָן וועט ניט שטאַטפינדען, און זי האָט געאָרדענט אַ פאָלקס־פערזאַמלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען ניט מעהר ווי 1,500 פּערזאָן. אָבער די בעוואפּענטע בירגער זיינען געווען שטאַרק בייז אויך אויף דיזע פאָלקס־פערזאַמלונג און מען האָט זיי זעהר שלעכט בעהאַנדעלט און בעליידיגט. איינער פון דיזע בעוואפּענטע בירגער האָט זיך ערלויבט צו מאַכען חוזק פון די אונגליקליכע אַרבייטער מיט דיזע ווערטער: „יעצט, הינטישע נשמות, וועט איהר שוין געהן אַהיים און אַר־בייטען!"

אזוי איז שוין צוגעגרייט געוואָרען די רעאַקציאָן און איז אַריינגע־פיהרט געוואָרען פון די ליבעראַלע בירגער אין דער צייט, ווען די שמחה פון דער נייער פרייהייט האָט נאָך אָנגעפילט די הערצער פון דעם אָרימען פאָלק. מען האָט שוין אויך ערוועהלט דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, אַלזאָ איז שוין גאָרניט געווען פאַר וואָס מורא צו האָבען. פערהעלטניסמעסיג וועניגע שטימען האָבען געוואָרנט געגען דעם צו גרויסען פערטרויען פון פאָלק צו דיזען צושטאַנד.

דעם 18טען מאַי איז ערעפענט געוואָרען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין פראַנקפורט. דיזע פערזאַמלונג האָט ניט געקענט שטאַטפינדען דעם 1טען מאַי, ווי עס איז בעשטימט געוואָרען, ווייל אין איינינע שטאַאַטען פון דייטשען בונד איז מען נאָך ניט געווען פערטיג מיט די וואהלען פון די דעפּוטאַטען צום פּאַרלאַמענט. אין דעם האָבען די רעגירונגען אייגענט־ליך ניט געהאַט קיין שולד, זיי האָבען זאָגאַר געצאָהלט די ערוועהלטע דע־פּוטאַטען דעם בעשטימטען געהאַלט איידער דער פּאַרלאַמענט האָט זיך גע־עפענט. עס שיינט, דאָס דיזעס איז נאָך געווען דער איינפלוס פון דער רע־וואָלוציאָנערער בעוועגונג. ווען אַלע דעפּוטאַטען זיינען שוין געווען פערזאַ־מעלט אין פראַנקפורט, זיינען זיי געגאַנגען דעם 18טען מאַי מיט גרויס פרייד און גרויסע האָפנונגען אין די קירכע פון סט. פּאַול אום צו ווערען דאָרט איינגעשוואָרען. די צאָהל פון די דעפּוטאַטען האָט דערגרייכט ביז 600. דאָס פאָלק, איבערהויפט דאָס בירגערטום, האָט מיט גרויס רעספּעקט און זאָגאַר מיט גרויס שטאָלץ געקוקט אויף דיזע ערוועהלטע דעפּוטאַטען אַלס אויף די געבילדעטסטע און ערפאַהרענסטע מענער פון פאָלק. אָבער

פון דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט איז דער גאַנצער פּאַרלאַמענט געווען אַ געמיש פון פּראָגרעסיווע און ריקשטענדיגע עלעמענטען. אמת, די אָנהענגער פון אַ קאָנסטיטוציאָן זיינען געווען די מעהרהייט, אָבער זיי זיינען געווען צו קורצזיכטיג צו פערשטעהן, דאָס די ראַדיקאַלען קענען פיר זיי זיין אַ גרויסע שטיצע, און האָבען זיי דערוויטערט פון זיך, און דאָס האָט געפיהרט מיט דער צייט דערצו, דאָס די אָפּאָזיציאָן האָט בעקומען אין פּאַרלאַמענט די אויבערמאַכט.

דעם 31טען מאַי איז ערוועהלט געוואָרען פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען צענטער היינריך פאָן גאַגערן אַלס פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג, און ראָבערט בלום, דער קאַנדידאַט אויף דיזע שטעלע פון דער לינקער פּאַרטיי, איז דורכגעפאַלען. דערפון האָט מען געקענט פאָרויסזעהן, וואָס פיר אַ ריכטונג די פערזאַמלונג וועט אָננעהמען. דאָס האָט מען גלייך דערזעהען, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט ניט געוואָלט צייגען קיין הילף די מאַינצער אין דער צייט, ווען דער קאָמאַנדאַנט פון דער פעסטונג האָט גערדראָהעט צו בעשיסען די פעסטונג, ווען די בירגער־מיליץ וועלען איהם ניט איבערגעבען זייערע וואַפען. עס האָבען זיך אפילו געפונען אייניגע, וואָס האָבען פּאָרגעשלאָגען, דאָס די בעוואַפענטע בירגער פון גאַנץ דייטשלאַנד זאָלען זיך פעראייניגען אום מיט אַלגעמיינע קרעפטען דורכצופיהרען די בעשלוסען פון פּאַרלאַמענט, אָבער עס האָט געפעהלט די ענערגיע דורכצופיהרען דיזען פּלאַן אין פּראַקטיק. עס האָט אויסגעוויזען צו שטאַרק רעוואָלוציאָנער, און דערפאַר האָבען זיי שטאַרק מורא געהאַט.

די פראַנקפורטער פּאַרלאַמענטאַריער האָבען בעשלאָסען צו שאַפען אַ צענטראַל־מאַכט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס זיי שאַפען אַ מאַכט, וועלכע וועט זיי שטערען דורכצופיהרען זייערע פּלענער. דעם 17טען יוני האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגעהויבען צו ערהאַנדלען וועגען פערשיידענע פּאָרשלאַגען. איבער 200 רעדנער האָבען זיך פערשריבען צו דיסקוטירען די פּאָרשלאַגען. אָבער דאָס איז נאָך אַלעמען געווען ניט מעהר ווי אַ מין וואַסער־שטויסען, וואָס האָט געדויערט פולע 8 טעג. ענדליך איז די פּראָוויזאָרישע (צייטווייליגע) צענטראַל־מאַכט בעשלאָסען געוואָרען מיט 403 געגען 135 שטימען. דיזע זאָל אויסגעאיבט ווערען פון אַ רעגענט, וועלכער זאָל האָבען די מאַכט אין אַלע אַנגעלעגענהייטען, וואָס זיינען נוגע די זיכערהייט און דעם וואוילשטאַנד פון דייטשען בונד־שטאַאַט, און איבערצונעהמען די אויבער־לייטונג פון דער גאַנצער בעוואַפענטער מאַכט. דערמיט האָט דער פּאַרלאַמענט פערלאָרען זיין גאַנצע מאַכט. דער רעסט פון זיין

מאַכט איז פון איהם אויך צוגענומען געוואָרען. דער אונפעראַנטוואָרטליכער רעגענט האָט יעצט איבערגענומען די מאַכט, וועלכע די לינקע האָבען געוואָלט איבערגעבען דעם עקזעקוטיוו=קאָמיטע.

דעם 29טען יוני איז דער ערץ=הערצאָג יאָהאַן פון עסטרייך ערוועהלט געוואָרען אלס רעגענט. ער איז געווען ביים פאָלק זעהר פאָפולער, ווייל ער האָט ניט שטארק געהאַלטען פון יחוס און האָט געהייראַט אַן איינפאַכעס מיידעל, אַ פאָסטמייסטער'ס אַ טאָכטער. די בירגער זיינען געוועזען אויסער זיך פון פרייד. מען האָט איהם פראָקלאַמירט אלס אַ מאַן, וועלכער וועט ברייננגען דייטשלאַנד די ערוואַרטעטע אָרדנונג און רוה. דעם 11טען יולי איז דער ערץ=הערצאָג אריין מיט גרויס פאַראַד אין פראַנקפורט און איז באַלד אַריינגעטראָטען אין אַמט. דאַן איז דער בונדעסטאַג אויפגעלעזט געוואָרען. יאָהאַן האָט אָבער גלייך פון אָנפאַנג אָנגעהויבען צו שטערען אַלע שטרעבונגען פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער ארבייט.

דער פאָר=פאַרלאַמענט האָט געראַטען דעם פאַרלאַמענט ארויסצושיקען דעם דייטשען פאָלק פראָקלאַמאַציאָנען אום בעקאַנט צו מאַכען איהם מיט זיינע גרונד=רעכטען. דער פראַנקפורטער פאַרלאַמענט האָט דיזען פאָרשלאַג אָנגענומען. אָבער ער האָט זיך ניט געאיילט ארויסצושיקען די בעקאַנטמאַכונג פון די גרונד=רעכטען ביז די זאַך וועט ניט בעאורטיילט ווערען עפענטליך אין די צייטונגען. דאָס גאַנצע יאָהר 1848 איז אוועקגעגאַנגען אין בעראַטונגען און פערהאַנדלונגען. וועגען די ערסטע צוויי ווערטער: „יעדער דייטשע", מיט וועלכע די פראָקלאַמאַציאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט מען דיסקוטירט און דעבאַטירט איינינע שטונדען. די פערזאַמלונג האָט אימער מעהר און מעהר פערלאָרען איהר אָנזעהען ביים פאָלק. אַלע האָבען געזעהען, דאָס פון דיזען פאַרלאַמענט קען מען גאָרניט ערוואַרטען.

אין דיזער צייט האָבען די דייטשע גרענעץ=לענדער פיעל געליטען פון אונרוהען און מלחמות. די מערץ=רעוואָלוציאָן האָט בעטראָכט די ליבעראלען אַן דער שפּיץ פון דער רעגירונג. דיזע האָבען געשטרעבט צו פעראייניגען שלעזוויג מיט דענעמאַרק. אָבער אין הערצאָגטום שלעזוויג האָט זיך געבילדעט אַ פּראָוויזאָרישע לאַנד=רעגירונג, צו וועלכער די טרופּען זיינען אויך צוגעשטאַנען. אָנפאַנגס זיינען די שלעזוויגער געשלאָגען געוואָרען פון די דענער, אָבער באַלד זיינען די פּרייסען אונטער גענעראַל וורַאַנגעל זיי געקומען צו הילף, און מיט דיזער הילף איז זיי געלונגען צו פערטרייבען די דענער פון פעסטען לאַנד. אָבער פּרייסען האָט דאַמאָלס ניט געהאַט קיין פלאָטע, און די דענער האָבען זעהר פיעל געשאַדט דעם פּרייסישען האַנ

דעל. דער פּאַרלאַמענט האָט געמאַכט אַן אויפרוף, אַז מען זאָל שיקען געלט צו גרינדען אַ פלאָטע, אָבער דאָס פאָלק האָט ניט פערשטאַנען די נעטיגקייט דערפון, און מען האָט אין גאַנצען קוים צוזאַמענגעקליבען 200,000 גולדען. דאָס איז ניט געווען גענוג צו בויען זאָגאר אַן איינציגעם קאַנאָנען־שיף.

דאָס האָט ענדליך געצוואונגען פּרייסען אָנצופאַנגען דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען מיט דענעמאַרק. דעם 26טען אויגוסט איז צושטאַנד געקו־מען אַ וואַפען־שטילשטאַנד, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען אין מ אַ ל־מ אָ ע. די מלחמה איז דערוויל אונטערבראָכען געוואָרען אויף 7 חדשים. די אַלע אָרדנונגען, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט געמאַכט אין שלעז־וויג, זיינען דערוויל צוריקגערופען געוואָרען, און זיינען ערקלערט געוואָרען פיר אונגילטיג. דיזע בעדינגונגען פון וואַפען־שטילשטאַנד זיינען פאָרגע־בראַכט געוואָרען פאַר דעם פּאַרלאַמענט, אַז ער זאָל זיי גוטהייסען. אָבער דאָס האָט ארויסגערופען אַ גרויסען שטורם. הגם דאָס רייך־מיניסטעריום האָט געגעבען צו ערקלערען, אַז דאָס וועט פיהרען צו אַ ברוך מיט פּרייסען, האָט דאָך דער פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט געשטימט געגען דיזען וואַפען־שטילשטאַנד. מיט 11 טעג שפּעטער האָט דער פּאַרלאַמענט געענדערט זיין מיינונג און דעם 16טען סעפּטעמבער האָט דער פּאַרלאַמענט געשטימט פיר דעם וואַפען־שטילשטאַנד. נאָכדעם האָבען אַלע פערלאָרען יעדען רע־ספּעקט צום רייכס־פּאַרלאַמענט פון פראַנקפורט. עס האָט געהייסען, דאָס דער רייכס־פּאַרלאַמענט פון דייטשען בונד האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונ־טער פּרייסען און האָט אָנערקענט איהר מאַכט איבער זיך.

אויך אין דער פּוילישער פראַגע איז דער פּאַרלאַמענט געווען רעאַק־ציאָנער. אין דער פּרייסישער פּראָווינץ פּאָזען האָבען זיך די פּאָליאַקען ער־קלערט זעלבשטענדיג און אָפּהענגיג, און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. עס איז פאָרגעקומען אַ באַרבאַרישער קאַמף און דער אויפשטאַנד איז דער־שטיקט געוואָרען. דער פּאַרלאַמענט אין פראַנקפורט האָט אָנערקענט פיר רעכט די האַנדלונג פון פּרייסען געגען פּוילען. אין יענער צייט האָבען אויך די איטאַליענער געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען עסטרייך און האָבען זיך ערקלערט זעלבשטענדיג, אָבער די עסטרייכער האָבען זיי בעזיגט און האָ־בען זיי אונטערוואָרפען. אין דיזען קאַמף האָט דיזער פּאַרלאַמענט זיך גע־שטעלט אויף דער זייט פון עסטרייך. עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אין פּאַרלאַמענט, אַז מען זאָל בעגנאַדיגען די, וואָס האָבען אָנטייל גענומען אין דעם צוג פון העקקער און הערוועגה, און דער פּאַרלאַמענט האָט עס פער־וואָרפען. נאָר 90 שטימען זיינען געווען דאַפיר, די איבריגע זיינען אַלע

געוועזן דאַגעגען. דערפאַר האָבען זיי אָפּגעגעבען פיעל צייט אויף צו בע־ראַטען זיך וועגען די גרונד־רעכטען, הגם אין דיזע צייטען, ווי אוהלאַנד זאָגט ריכטיג, האָבען וואָכען בעדייטעט יאָהרהונדערטער. עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס פון אַלע זייטען האָט מען געמאַכט חוזק פון דיזער פער־זאַמלונג. אין דער „רייכסטאַגסצייטונג", וועלכע ראָבערט בלום האָט אַרויס־געגעבען, זיינען אין דיזען צייט ערשינען פאָלגענדע שפּאָט־ווערטער אויף דעם פּאַרלאַמענט:

פינף און זיבציג ביוראָקראַטען —
שענע ווערטער, קיינע טאַטען!
פינף און זיבציג אַריסטאָקראַטען —
פאַטערלאַנד, דו ביסט פעררעטען!
פינף און זיבציג פּראָפעסאָרען —
פאַטערלאַנד, דו ביסט פערלאָרען!

אין דעם טאָג, ווען דער פּאַרלאַמענט אין פראַנקפורט האָט בעשטעטיגט דעם וואַפען־שטילשטאַנד, האָט אין פראַנקפורט געהערשט אַזאַ שרעקליכע אויפרעגונג צווישען די מאַסען, דאָס די ראַדיקאַלען האָבען געגלויבט, אַז עס וועט אויסברעכען אַ שטרייט צווישען די מאַסען און דער רעגירונג. דעם 17טען סעפּטעמבער האָט שטאַטגעפונען אַ גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונג, וועל־כע האָט ערקלערט די דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט אַלס פעררעטער פון דער פאָלקס־פרייהייט. אייניגע דעפּוטאַטען זיינען אָנגעגריפען געוואָרען, דער רייכס־מיניסטער העקשער איז געוועזן געצוואונגען צו ענטלויפען, דער טורן־פאָטער (בעאַמטער איבער גימנאַסטישע איבונגען) יאָהן האָט זיך בעהאַלטען אויף'ן בוידים. דער סענאַט האָט אַרויסגעפאָדערט טרופּען צו בערוהיגען דאָס פאָלק. דער פּאַרלאַמענט האָט געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס ער האָט זיך געמוזט שיצען געגען דעם כעס פון פאָלק. דאָס זיינען געוועזן די טאַטען פון פּאַרלאַמענט, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען פון פאָלק צו שיצען זיין פרייהייט. דעם 18טען סעפּטעמבער האָבען די ראַדיקאַלען, איבערהויפּט די אַרבייטער, אויפגעבויט באַריקאַדען, אָבער דערביי זיינען אייניגע פון זיי געפאַלען. אין די אַלטע ענגע שטאָדט־טיילען איז געוועזן דער ווידערשטאַנד פון פאָלק אַ זעהר שטאַרקער. אין אָבענד זיינען אָנגעקומען אויך קאַנאָנען. דאָס האָט געצוואונגען די קעמפּפער פיר־פרייהייט אונטערצוגעבען זיך נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך פערטיידיגט ווי העלדען. עס זיינען געפאַלען פון פאָלק 37 טויטע, פיעלע זיינען געפאַנגען געוואָרען. די מעהרצאָהל אָבער האָט זיך גערעטעט מיט דער הילף פון פרויען.

אין דער צייט, וואס אין שטאדט איז פארגעקומען דער קאמף, האבען צוויי פרייסישע דעפוטאטען: גענעראל פאן אוערסוואלד און פירסט ליכנאווסקי, געשפאצירט רייטענדיג אויף זייערע פערד איבער דעם פריעדבערגער שאסע. מען האט זיי דערקענט און מען האט זיי אנגעפאנגען צו פערפאלגען. זיי זיינען אראפגעשפרונגען פון די פערד, ווייל דער וועג איז געווען צו ענג צו לויפען גיך מיט די פערד, און זיינען אריינגעלאפען אין א בויערן־הייזעל אום צו בעהאלטען זיך דארט פון די פערפאלגונגען פון פאלק. מען האט זיי אבער פון דארט ארויסגעקראגען און מען האט זיי ערמארדעט.

די רעאקציאן האט זיך מיט דיזען צופאל בענוצט מיט גרויס ערפאלג. דער רעגענט האט געארדענט, דאס פראנקפורט זאל זיין אונטער בעלאגערונגס־צושטאנד. די באריקאדען־קעמפער, וועלכע זיינען געפאלען אין קאמף, זיינען בעגראבען געווארען אין דער שטיל, דערפאר האט מען בעערדיגט די סאלדאטען מיט גרויס פאראד און צערעמאניע.

וואס אנבעטרעפט עסטרייך איז זי געווען אין א שרעקליכער לאגע. די איטאליענישע פראווינצען האבען זיך אפגעריסען, אונגארן האט זיך געמאכט זעלבשטענדיג, און אויך אין דייטשען טייל פון עסטרייך האט זיך די רעוואלוציאן פערברייטעט מעהר און מעהר. מעהר פון אלע אנדערע האט וויען פערשאפט דער רעגירונג צרות. אן דער שפיץ פון דער בעוועגונג זיינען דארט געשטאנען די סטודענטען, וועלכע האבען געהאט גרויסע שטיצע פון די ארבייטער אין די פארשטעדט. זיי האבען נאר בעדארפט לאזען שפילען דעם גענעראל־מארש און אלע ארבייטער פון די פארשטעדט האבען זיך גלייך פערזאמעלט. אויך אין וויען האט די רעגירונג געשאפען ארבייט פיר די ברויטלאזע ארבייטער אום זיי זאלען זיין רוהיג, אזוי ווי עס איז געווען דער פאל אין פאריז און אין בערלין. די רעגירונג האט זיי פערשאפט עפענטליכע ערד־ארבייט און האט אפגעשאפט יעדע אפצאהל אויף לעבענס־מיטלען. אויך די קאנטראקטארען האבען אליין געגעבען די ארבייטער בעסערען געהאלט און האבען פערקלענערט די צאהל פון ארבייט־שטונדען. מען האט אנגעהויבען בעטראכטען די ארבייטער אלס א קלאס מיט א זעהר בעדייטענדער מאכט. זיי האבען אבער ניט געוואוסט וואס זיי זאלען פאדערן פון דער געזעלשאפט. וועגען דעם האבען זיי זיך פאלשטענדיג פערלאזען אויף די סטודענטען, וועלכע זיי האבען אנערקענט אלס זייערע פיהרער.

דעם 25טען אפריל האט מען עפענטליך פערקינדעט די קאנסטיטוציאן, אויף וועלכער מען האט געלעגט אזוי פיעל האפנונג. דאס פאלק אבער האט

זיך געפונען שרעקליך געטוישט אין זיין האָפנונג. די קאָנסטיטוציאָן האָט געפאָדערט אַן ערסטע קאַמער פון לויטער אַריסטאָקראַטען און האָט געגעבען דעם קייזער צו פיעל אַבסאָלוטע מאַכט. די רעגירונג האָט זיך באַלד גענו־מען אָפּצושאַפען דאָס צענטראַל־קאָמיטע פון די סטודענטען און פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. די אויפרעגונג פון די סטודענטען און פון די אַרביי־טער איז געוועזען זעהר גרויס. דעם 15טען מאַי האָט זיך דאָס פאָלק אָנגע־הויבען צו פערזאַמלען אין אַזעלכע גרויסע מאַסען, אַז דאָס מיניסטעריום האָט געפונען פיר נעטיג צו אָנערקענען צוריק דאָס צענטראַל־קאָמיטע. דער קייזער האָט געלאָזט בעקאַנט מאַכען, דאָס די קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען, איז נאָר אַ פּראָיעקט, וועלכער דאַרף ערסט פער־האַנדעלט און דיסקוטירט ווערען פון דעם רייכסטאַג, וועלכער וועט ער־וועהלט ווערען דורך אַלגעמיינעם שטימרעכט, און אָהן דער צושטימונג פון דיזען רייכסטאַג האָט זי ניט דערווייל קיין געזעצליכע קראַפט.

די הויף־קאַמארילא האָט מורא געהאַט, דאָס דער קייזער וועט נאָך מעהר נאָכגעבען, און האָט דעריבער געמאַכט, דאָס דער קייזער מיט זיין פאַמיליע זאָל אָפּפאָהרען אויף אַ לאַנגע צייט נאָך איננסברוק. די הויף־לייט זיינען געוועזען שרעקליך אויפגעבראַכט געגען די „דיקטאַטור פון די סטודענטען" און געגען די „וואַקסענדע פערווילדערונג פון די אַרבייטער". אָבער די הויף־לייט האָבען אַליין ניט געוואוסט ווי ווייט זייער מאַכט איז גע־בראָכען. דעם 26טען מאַי האָבען זיך די סטודענטען פערזאַמעלט אום צו בעראַטען זיך וואָס צו טאָן. אויף דיזער פערזאַמלונג איז געוועזען אָנוועזענד אַ גרויסע מאַסע אַרבייטער. די בורזשואַזיע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר די אויסגעמאָגערטע געזיכטער פון די פּראָלעטאַריער. אין אַלע גאַסען האָט מען געהערט אויסגעשרייען: „באַריקאַדען! באַריקאַדען!" און אין דעם זעלבען טאָג זיינען אויפגעבויט געוואָרען 160 באַריקאַדען אין פערשיי־דענע ערטער. די רעגירונג איז געוועזען שטאַרק דערשראָקען. זי האָט ניט ערוואַרטעט אַזאַ שטאַרקען ווידערשטאַנד. זי האָט אָפּגעצויגען די טרופּען פון שטאָדט און האָט צוריקגערופען דעם בעפעהל אויפצולעזען די אַקאַדע־מישע לעגיאָן. עס איז בעשטימט געוואָרען אַ נייע קערפּערשאַפט, וואָס איז בעשטאַנען פון סטודענטען און בירגער, וועלכע זאָלען האָבען אין זייערע הענט די פיהרונג פון אַלע וויענער אַנגעלעגענהייטען. און הגם דיזע קער־פּערשאַפט האָט געהאַט די גאַנצע עפענטליכע מאַכט אין איהרע הענט, האָט זי זיך דאָך ניט בעטראַכט אַלס אַ נייע רעגירונג, ווייל דיזע קערפּערשאַפט

האָט אַלעס ערוואַרט פון דעם נייעם פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט בעדאַרפט אין גיכען צוזאַמענקומען.

די אונרוהען אין וויען האָבען ווי אַן עפּידעמיע אָנגעשטעקט דאָס גאַנצע לאַנד. אין פּראַג האָבען די סלאַווען צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס, וועלכער האָט בעשלאָסען צו פאָדערן פיר זיך זעלבשטענדיגקייט צוגלייך מיט די אונגאַרען. דער פּעאָדאַלער פירסט א ל פ ר ע ד ו ו י נ ד י ש ג ר אֶ ט ץ האָט געפונען פיר נעטיג אַרויסצורופען טרופּען, ער האָט אָבער דורך דעם זעהר ערביטערט די סלאַווען און זיי האָבען דעם 12טען יוני אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדען. אָבער צום גליק איז עס צו קיין גאַסען־קאַמף ניט געקומען. די סאָלדאַטען האָבען צושטערט די באַריקאַדען ניט פערגיסענדיג קיין טראָפּען בלוט.

דעם 24טען יוני האָט ווידער אויסגעבראָכען אין וויען אַ העפטיגער קאַמף צווישען דער בורזשואַזיע און די פּראָלעטאַריער. אַ טייל פון די אַרבייטער, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט ביי דער עפענטליכער אַרבייט, האָט בעקומען געצאָהלט פיר די פינגסטען־פייערטעג (שבועות), און אַנדערע האָבען ניט בעקומען. דיזע זיינען געווען שטאַרק אונצופרידען. די בירגער האָבען עס געפונען פיר אַ גינסטיגען מאָמענט איינצושרעקען די אַרבייטער. זיי האָבען אַרויסגעשיקט די גאַנצע נאַציאָנאַל־גוואַרדיע מיט קאַנאָנען געגען די אונצופרידענע אַרבייטער. די סטודענטען האָבען געוואָלט זיין פערמיטלער אום ניט צו דערלאָזען צו בלוט־פערגיסונג. זיי האָבען ערקלערט די אַרבייטער, ווי ווייט זיי זיינען שוואַך געגען דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, דאָס זיי קענען ניט רעכנען אויף קיין ערפאָלג און זיי וועלען פערגיסען זייער בלוט אומזיסט. די אַרבייטער זיינען געווען איינפערשטאַנען מיט דעם ראַט פון די סטודענטען און די בורזשואַזיע האָט געזיגט איבער די פּראָלעטאַריער אָהן וועלכער עס איז אָנשטרענגונג.

דיזער זיג האָט ערמונטערט די רעגירונג ווייטער צו דריקען די אַרבייטער, און מען האָט פערקלענערט די סומע פון טעגליכען לוין פון די אַרבייטער, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט ביי עפענטליכער אַרבייט. דאָס האָט געפיהרט צו אַ שטאַרקען צוזאַמענשטויס צווישען די אַרבייטער און דער רעגירונג. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט געשאָסען אויף די אַרבייטער, פון וועלכע פיעלע זיינען פערוואונדעט געוואָרען און איניגע זיינען געפאַלען טויט. די דעמאָקראַטען און די סטודענטען האָבען זיך גאָרניט געמישט. די שנאה צווישען די אַרבייטער און די אַרבייט־געבער איז געוואָרען זעהר שטאַרק. דאָס זיכערהייטס־קאָמיטע און דאָס סטודענטען־קאָמיטע זיינען



פערמיטלונגס־פערזוך אין דעם וויענער באַריקאַדען־קאַמף.

פון דער רעגירונג אויפגעלעזט געוואָרען. די אַקאַדעמישע לעגיאָן איז געווען צוזעעט און צושפּרייט צוליב דער וואַקאַציאָנס־צייט. די רעגירונג האָט זיך דערמיט בענוצט און האָט צושפּרייט די אַרבייטער אין פערשיידענע ערטער. די רעאַקציאָן האָט טריאומפירט.

דעם 10טען יולי איז צוזאַמענגעקומען אין עסטרייך דער ערסטער רייכסטאַג, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אום אויסצואַרבייטען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן (קאָנסטיטואירענדער רייכסטאַג). אַ פערטעל פון זיינע מיטגלידער זיינען געווען בויערן. דעם 26טען יולי האָט איינער פון די מיטגלידער פון רייכסטאַג, קודליך, געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס מען זאָל אָפּשאַפען די אונטערטעניגקייט פון די בויערן מיט אַלע פליכטען און רעכטען פון דעם בויערן־שטאַנד. די דעבאַטען וועגען דיזען פאָרשלאַג האָבען געדויערט אַ גאַנצען מאָנאַט. אָבער וועגען אַ פערפאַססונג (קאָנסטיטוציאָן) איז ניט געווען קיין רייד. דעם 7טען סעפּטעמבער האָבען די בויערן ענדליך ערהאַלטען פרייהייט און בירגער־רעכט.

באַלד נאָך דעם איז ערשינען אין רייכסטאַג אַ דעפּוטאַציאָן פון אונגאַרן, וועלכע האָט פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל אָנטייל נעהמען אין דעם קאַמף מיט דער רעגירונג, וואָס די אונגאַרען ווילען אונטערנעהמען. נאָך דער בעריהמטער רעדע, וואָס קאָססוטה האָט געהאַלטען דעם 3טען מערץ (זעה אויבען), האָבען די אונגאַרישע שטאַנדען געשיקט אַ גרויסע דעפּוטאַציאָן נאָך ווין און זיי האָבען אויסגעווירקט, דאָס מען האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו בילדען אין אונגאַרן אַן אייגענעם מיניסטעריום. באַלד נאָך דעם האָט דער אונגאַרישער רייכסטאַג ערקלערט אונגאַרן אַלס אַ זעלבשטענדיגעם קעניגרייך אונטער קייזער פערדינאַנד. אויך די פינאַנצען און די מיליטער־פערוואַלטונג זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו די אונגאַרען, ווי צו אַ זעלבשטענדיגען קעניגרייך. דער עסטרייכישער הויף האָט דיזעס אַלעס נאָכגעגעבען די אונגאַרען, ווייל די עסטרייכישע טרופּען זיינען געווען בעשעפטיגט אין איטאַליען צו אונטערדריקען דאָרט דעם אויפשטאַנד געגען עסטרייך אין די פּראָווינצען, וואו עסטרייך האָט געהערשט, און האָט דעריבער ניט געקענט אויפרייצען געגען זיך די אונגאַרען. אָבער נאָך דעם, ווי ראַדעטצקי האָט בעזיגט די איטאַליענער, האָט די לאַגע גענומען אַן אַנדער ווענדונג. יעצט האָט זיך די רעגירונג גענומען אין גאַנצען אָפּצושאַפען די זעלבשטענדיגקייט פון אונגאַרן. זי האָט איבער־אַ־ניים געפאָדערט די איינהייט פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע און זי האָט איבער־אַ־ניים געפאָדערט די איינהייטליכע העכסטע שטאַאַטס־רעגירונג. און דעריבער

איז געוואָרען אין בודאַפּעסט אַ גרויסע אויפרעגונג, וועלכע איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען דער קראָאַטישער באַן (פּאַן, הערר) י ע ל ל אַ ט ש י ט ש איז געקומען מיט אַן אַרמעע אויף דעם אונגארישען באָדען.

די לעצטע מעגליכקייט צו אַן אויסגלייך צווישען אונגאַרן און עסטרייך איז פערניכטעט געוואָרען, ווען די פּאָלקס־מאַסע האָט ערמאָרדעט דעם גראַף ל אַ מ ב ע ר ג, וועלכען דער קייזער האָט אַריינגעשיקט אין אונגאַרן אַלס קעניגליכען קאָמיסאַר. דעם 3טען אָקטאָבער האָט דער קייזער אויפגעלעזט דעם אונגאַרישען רייכסטאַג. דיזער האָט אָבער געענטפערט, דאָס דעם קייזער'ס מאַניפעסט האָט ניט פיר איהם קיין ווערט. דערמיט האָט דער רייכסטאַג ערקלערט דער רעגירונג קריג.

אויך אין וויען האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקע אויפרעגונג צוליב דער האַנדלונג פון דער רעגירונג מיט אונגאַרן. די וויענער האָבען געהאַט גרויס אינטערעס צו שטיצען אונגאַרן אין איהר קאַמף מיט דער רעגירונג, אום צו בעשיצען זיך זעלבסט געגען דער רעאַקציאָן. און הגם דער וויענער רייכסטאַג האָט ניט געצייגט צו אונגאַרן קיין סימפּאַטיע, האָט אָבער דאָס פּאָלק שטאַרק געהאַלטען מיט די אונגאַרען. ווען דער קריגס־מיניסטער ל אַ ט ו ר האָט געוואָלט שיקען אַלע טרופּען נאָך אונגאַרן, האָבען די וויענער געזוכט אַלע מיטלען עס צו הינדערן. דעם 6טען אָקטאָבער האָבען אַרבייטער און סטודענטען אויפגעריסען די רעלסען פון די אייזענבאַהנען אום די סאָלדאַטען זאָלען ניט האָבען די מעגליכקייט צו געהן נאָך אונגאַרן. אַן אונגעהייער גרויסע פאָלקס־מאַסע האָט אָנגעפילט די גאַסען; זי איז צוזאַמענגעלאָפען דערהערענדיג דעם גענעראַל־מאַרש. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, דאָס די גרענאַדירען זאָלען איבערגעהן צום פּאָלק, און די אַרבייטער זיינען שוין געווען בערייט אַריינצוכאַפּען די האַרמאַטען אין זייערע הענט. דאַמאָלס האָט דער גענעראַל ב ר ע ד י געהייסען שיסען. עס זיינען געפאַלען פיעלע אַרבייטער. אָבער באַלד האָבען די אַקאַדעמישע לעגיאָן און די בירגער־גוואַרדיע געענטפערט מיט אַ גרעסערען פייער. דער גענעראַל זעלבסט און פיעלע אָפיצערען זיינען געפאַלען. עס איז ענטשטאַנען אַ בלוטיגער קאַמף. דאָס מיליטער איז ענטלאָפען פון פּאָלק, וועלכעס האָט פערכאַפּט די קאַנאָנען. אונטער דעם קלאַנג פון די שטורם־גלאָקען זיינען אַיבעראַל ענטשטאַנען באַריקאַדען. דער אויפשטאַנד איז געוואַקסען מיט יעדער מינוט. די טרופּען האָבען באַלד איינגעזעהען, דאָס די מאַכט פון פּאָלק איז פיעל שטאַרקער פון זייערער. עס האָבען זיך געפונען איינפלוסרייכע מענער, וועלכע האָבען אַלעס אָנגעווענדט אום צו בערוהיגען דאָס פּאָלק,

אָבער זייער מיה איז געווען אומזיסט. דאָס פאָלק האָט זיך ניט געוואָלט בערוהיגען ביז די טרופּען וועלען פערלאָזען די שטאָדט. דער קאַמף האָט געדויערט א גאַנצע נאַכט.

דער צאָרן פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געליטען אין דיזען גאַ-סען־קאַמף שטאַרקע פערלוסטען, האָט זיך געריכטעט געגען דעם מיניסטער לאַטור. א גרויסע פאָלקס־מאַסע האָט געשטורמט דאָס קריגס־מיניסטעריום און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהר אַרויסגעבען דעם קריגס־מיניסטער. לאַטור האָט געוואָלט בערוהיגען די אויפגערעגטע מאַסע דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּדאַנקען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. ווען ער איז אַרויס אויף דעם הויף האָט איהם דאָס פאָלק ערמאָרדעט און זיין קערפּער שרעקליך צוקאַליעטשעט. צו ענדע האָט מען אויפגעהאַנגען זיין קערפּער אויף א גאַז־לאַנטערנע.

יעצט האָט די קאַמארילאַ (הויף־קליקע) זיך גענומען ערנסט צו דער רעאַקציאָן. ערסטענס האָט זי געאָרדענט, דאָס דער קייזער מיט'ן הויף זאָלען זיך איבערטראַנספּאָרטירען נאָך אָלמיטץ. דער גראַף א ו ע ר ס - פּ ע ר ג, דער קאָמאַנדאַנט פון וויען, האָט אויפגעזאַמעלט 10,000 מאַן אין דער פאָרשטאָדט וויעדען, און צו איהם איז צוגעשטאַנען די קראָאַ-טישע אַרמעע אונטער דעם גענעראַל יעללאַטשיטש. ענדליך האָט זיך מיט זיי אויך פעראייניגט ווינדישגראַטץ מיט די טרופּען, וואָס זיינען געשטאַ-נען אין די נאָרדליכע פּראָווינצען. די אַלע קרעפטען האָבען זיך געמאַכט איין אויפגאַבע: צו מאַכען אַן ענדע צו דער „אַנאַרכיע" אין וויען. דאָס איינציגע, וואָס די וויענער האָבען בעדאַרפט טאָן אין דיזען קריטישען מאָ-מענט, איז געווען צו בעשטימען א דיקטאַטאָר. זיי האָבען אָבער דיזעס ליידער ניט געטאָן, און האָבען עס איבערגעלאָזען צום מאַכטלאָזען רייכס-טאַג. דיזער האָט אַפּילו געשיקט אַן אויפרוף צו אַלע פעלקער פון עסט-רייך, אַז זיי זאָלען קומען העלפען וויען, ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט איינצולאַדען אונגאַרן. דיזע האָבען אויך ניט פערשטאַנען, דאָס די נידער-לאַגע פון וויען בעדייטעט אויך די נידערלאַגע פון אונגאַרן, און דאָס די מפּלה פון די מאַגיאַרען איז אויך די מפּלה פון די דייטשען, און זיינען גע-קומען צו שפּעט. זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַרשירען אויף וויען ערסט דעם 28טען אָקטאָבער.

דער קאַמף אין וויען האָט זיך אָנגעפאַנגען שוין מיט צוויי טעג פרי-הער. די פערטיידיגונג פון וויען האָט מען איבערגעגעבען צום פאָלקאָווניק בעם. די וויכטיגסטע פון דער וויענער פאָלקס־בעוואַפנונג זיינען געווען

די אַקאַדעמישע לעגיאָן און די מאָביל־גוואַרדיע. דיזע לעצטע איז בעשטאַנען פון לויטער ארבייטער. די בירגער און די בעלי מלאכות האָבען כמעט ניט גענומען אין קאַמף קיין אָנטייל. אין דיזען קאַמף האָבען זיך בעטייליגט אייניגע מיטגלידער פון פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, אונטער זיי ראָבערט בלום. דעם 26טען אָקטאָבער האָט זיך דער קאַמף צופלאַקערט אויף דער גאַנצער ליניע פון נוסדאָרף ביז סט. מאַרקס. די טרופּען האָבען בעגעגענט אַן אונערוואַרטעטען שטאַרקען ווידערשטאַנד און זיינען געוועזען געצוואונגען צוריקצוטרעטען. דעם 28טען אָקטאָבער האָט ווינדישגראַעטץ אָנגעהויבען בּאָמבאַרדירען די שטאָדט וויען מיט גרויס שטורם און פייער. אַ האָגעל פון קאַרטעטשען און באָמבעס האָט זיך געשאָטען איבער'ן שטאָדט. די פערטיידיגער האָבען געקעמפט מיט גרויס מוט און ניט פערלאָזען זייערע שטעלעס אויף די באַריקאַדען. ענדליך אָבער האָבען זיך די קייזערליכע טרופּען אַריינגעריסען אין שטאָדט און האָבען זי אונטערגעצונדען. די קייזערליכע טרופּען האָבען גערויבט און געבּרענט די פאָרשטעדט און פיעלע געפאַנגענע האָבען זיי דערשאָסען.

עס איז געוועזען אונמעגליך לענגער צו בעשיצען די שטאָדט. די בירגער זיינען געקומען אין פערצווייפלונג. נאָר די פּראָלעטאַריער און די איבערגעבּליבענע סאָלדאַטען האָבען נאָך ניט פערלאָרען דעם מוט. אין דער נאַכט פון 30טען אָקטאָבער האָבען די בירגער געשיקט צו ווינדישגראַעטץ אַ דעפּוטאַציאָן, מיט דעם פאָרשלאַג, דאָס די שטאָדט וועט זיך אונטערגעבען מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל בעגנאַדיגען אַלע קעמפער. ער האָט זיי מיט שפּאָט צוריקגעשיקט. דערווייל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, דאָס די אונגאַרען זיינען ניט ווייט פון וויען און האָבען שוין אָנגעגריפען די טרופּען פון די קראָאַטען אונטער יעללאַטשיטש. דיזע ידיעה האָט צוגעגעבען די וויענער פיעל מוט. די מאַסען האָבען זיך שוין מעהר ניט אינטערעסירט צו וויסען, וואָס פיר אַן ענטפער די דעפּוטאַציאָן האָט ערהאַלטען פון ווינדישגראַעטץ. די אונגאַרען אָבער זיינען צוריקגעטריבען געוואָרען. די וויענער האָבען דאַן געשיקט צו ווינדישגראַעטץ זאָגען, דאָס זיי פערלאַנגען, אַז ער זאָל אַריינמאַרשירען אין שטאָדט. ווינדישגראַעטץ האָט געפאָדערט, אַז דאָס פאָלק זאָל איבערגעבען די וואַפען. אָבער די רעוואָלוציאָנערען זיינען אויף דעם ניט איינגעגאַנגען.

דעם 31טען אָקטאָבער אום 3 אוהר נאָכמיטטאָג האָט ווינדישגראַעטץ איבער־אַ־נייס אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען וויען. דער שטורם איז געווען פיעל שטאַרקער פון דעם ערסטען. עס האָבען זיך אָנגעצונדען די

הויף־ביבליאָטהעק און דער טורם פון דער אוגוסטינער קירכע, אין די גאַסען האָבען געפּלאַצט הונדערטער באָמבעס. דער ווידערשטאַנד איז זעהר אָפּגע־שוואַכט געוואָרען. בּיסלאַכוויז זיינען די גאַסען און די ווענט פון די מויערן געוואָרען לעער פון פערטיידיגער, און 5 אוהר נאָכמיטטאָג האָבען זיך די קראָאַטען אריינגעריסען אין שטאָדט דורך דעם בורג־טויער, וועלכען זיי האָבען צושאָסען מיט זייערע באָמבעס. וויען איז בעזיגט געוואָרען.

ווינדישגראַטץ האָט דאַן פערניכטעט יעדע שפּור פון ווידערשטאַנד. ער האָט אויפגעלעזט אַלע אָרגאַניזאציאָנען, די אַקאַדעמישע לעגיאָן און די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע; ער האָט פערבאָטען אַלע פעראיינען, אַלע פערזאַמלונ־גען, און האָט געשטעלט די פּרעס אונטער צענזור.

ווינדישגראַטץ האָט בעהאַנדעלט די בעזיגטע שטאָדט וויען ווי אַ באַר־באַר. די קראָאַטען האָבען גערויבט, געמאָרדעט, געבערענט וויפיעל זייער הארץ האָט געגלוסט, זיי האָבען געשענדעט פיעלע פרויען און מיידלאך, און אי־בער טויזענד פערזאָן זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין די געפענגניסען. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען ראָבערט בלום. ער איז פעראורטיילט געוואָרען פון קריגס־געריכט צום טויט, הגם אַלס מיטגליד פון פראַנקפור־טער פּאַרלאַמענט האָבען זיי ניט געהאַט קיין רעכט צו פער׳משפט׳ן איהם צום טויט; אויסער דעם האָט ער מעהר ניט געטראָגען קיין וואַפען און האָט ניט גענומען קיין אַנטייל אין ווידערשטאַנד נאָך דעם, ווי דער געמיינדע־ראַט האָט אָפּגעמאַכט מיט ווינדישגראַטץ׳ן וועגען פרידען. דעם 9טען נאָ־ווועמבער האָט מען איהם אויפגעוועקט אום 5 אוהר אין דער פריה און מען האָט איהם פאָרגעלעזען זיין טויט־אורטייל. ער האָט אָנפאַנגס ניט געקענט גלויבען, דאָס אין אַ שטונדע שפּעטער זאָל דיזער אורטייל אויסגעפיהרט ווערען. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, דאָס עס מוז געשעהען, און ער האָט זיך בעגנוגט מיט דיזער שטונדע אום אָנצושרייבען אייניגע ריה־רענדע בריף צו זיין פרוי און צו זיינע פריינד. אום 6 אוהר איז געקומען צום געפענגניס אַ שטאַרקע טרופּען־מאַכט און האָט איהם אוועקגעפיהרט צום אָרט, וואו ער האָט בעדאַרפט הינגעריכטעט ווערען. ער האָט בעוויזען גרויס מוט. אָבער דאָך איז איהם אַראָפּגעפאַלען אַ טרער. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום אָפיצער, וואָס האָט איהם בעגלייט, און האָט געזאָגט: „דאָס וויינט ניט דער דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט בלום, נאָר דער מאַן און דער פּאָטער". ווען ער איז אָנגעקומען אויף דער בריגיטטענאַו האָט ער זיך זעלבּסט פערבונדען די אויגען און האָט געזאָגט: „איך שטאַרב פיר די פרייהייט. זאָל מיר דאָס פּאָטערלאַנד דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען". מען

האָט איהם גלייך אַריינגעשאָסען איינינע קוילען אין ברוסט און אין קאָפּ, און ער איז געפאַלען טויט.

אויך מעססענהאוער, דער אויבער־קאָמאַנדאַנט פון דער רע־וואָלוציאָנערער וויען, איז דערשאָסען געוואָרען. 24 טויט־אורטיילען זיינען דאַמאָלס אַרויסגעגעבען געוואָרען, אָבער ניט אַלע זיינען אויסגעפיהרט גע־וואָרען. וויען האָט שרעקליך טייער בעצאָהלט פיר דעם אויפשטאַנד. ביז 6,000 מאַן זיינען געפאַלען אין דער שלאַכט; די אַרמעע האָט פערלאָרען 56 אָפיצערען, 1,142 סאָלדאַטען און 70 פערד.

דער עסטרייכישער רייכסטאַג האָט זיך דאַן אַריבערגעטראָגען נאָך קרעמזיער, אום אָפּצוציהען איהם פון דעם דעמאָקראַטישען איינפלוס. עס האָט זיך באַלד געגרינדעט אַ נייעס מיניסטעריום פון שטרענג קאָנסער־וואַטיווע מענער, אונטער דער פיהרונג פון דעם פירסט שוואַרצענ־בערג. מען האָט קלאָר געזעהען, דאָס די רעגירונג וועט אין גאַנצען איג־נאָרירען די ליבעראַלע פערפאַסונג. דעם 2טען דעצעמבער 1848 האָט דער קייזער פערדינאַנד אָפּגעדאַנקט, לויט דער פאָדערונג פון דער קאַמאַרילא, און אויף׳ן טראָן איז אַרויף קייזער פראַנץ יאָזעף דער 1טער, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען ניט מעהר פון 18 יאָהר.

אויך אין בערלין איז דאַמאָלס געווען אַן אויפשטאַנד, אָבער דיזער איז געווען זעהר שוואַך אין פערגלייך מיט דעם אויפשטאַנד אין וויען. נאָך דער אַפּריל־דעמאָנסטראַציאָן האָבען זיך ווידערהאָלט אונרוהען אין מאַי, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. זיי האָבען ניט געקענט צווינ־גען דאָס רעאַקציאָנערע מיניסטעריום אָפּצודאַנקען און זיי האָבען אויך ניט געקענט פערהינדערן דעם צוריקקעהר פון פרינץ ווילהעלם. די איינ־ציגע האָפנונג איז געווען אויף די „פעראייניבאַרונגס־פערזאַמלונג". דעם 20טען מאַי האָט דיזע פערזאַמלונג שטאַטגעפונען. דער בערלינער לאַנד־טאַג איז בעשטאַנען פון 188 בעאַמטע, 40 גייסטליכע, 27 לעהרער, 68 בויערן און 20 האַנטווערקער. אָבער אַלעס צוזאַמען איז עס נאָך געווען אַ פערזאַמלונג פון אויסגעשפּראָכענע שטאַרקע רעאַקציאָנערען. דיזע פער־זאַמלונג האָט פערבראַכט איהר צייט אויף דעבאַטען וועגען ניט וויכטיגע געגענשטענדען, און מיט דער פערפאַסונגס־פראַגע האָט זי זיך גאָרניט בע־שעפטיגט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געפיהלט שענדליך בעטראָגען. די צייטונגען און פערזאַמלונגען האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזער האַל־טונג פון לאַנדטאַג, אויך פון די פּראָווינצען האָט מען געשיקט פּראָטעס־טען. די אויפרעגונג איז נאָך געוואַקסען מעהר, ווען דער פרינץ ווילהעלם

האַט זיך צוריקגעקעהרט אין בערלין. בעזונדערס איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל דעם 14טען יוני, ווען די רעגירונג האַט פערשפּאַרט דעם דורכגאַנג דורך די קעניגליכע שלאָס־הויפען מיט אייזערנע גראַטע־טירען. דאָס האָט שטאַרק אויפגערייצט דאָס פאָלק, וועלכעס האָט ביזהער געהאַט די מעגליכקייט פריי דורכצוגעהן דורך דיזע הויפען.

קייזער פראַנץ יאָזעף.

עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע מענשען פאַר דעם אַרסענאַל. דאָ איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס פון דער מאַסע מיט די סאָלדאַטען און דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. איינער פון דער מאַסע האָט אויסגעשאָסען אויף די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. דיזע האָט געענטפערט מיט אַ רעגען פון קוילען, פון וועלכע צוויי אַרבייטער זיינען געפאַלען טויט און צוויי זיינען שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען. נאָך דעם האָבען די סאָלדאַ-

טען אַנגעגריפען די מאַסע מיט זייערע באַיאָנעטען און האָבען זי צוטרי־בען. אָבער דאָס פערגאָסענע בלוט האָט דאָס פאָלק צורייצט אויף דאָס אייסערסטע. מען האָט איינגעטונקט טיכער אין דעם פערגאָסענעם בלוט און מען האָט זיי געטראָגען אויף שטאַנגען איבער די גאַסען. מען האָט אויך געפיהרט די טויטע קערפּערס איבער'ן שטאָדט און מען האָט אויפ־געפאָדערט דאָס פאָלק צו ראַכע. איינינע האָבען אין דער זעלבער צייט איינגעבראָכען די טיר פון אַרסענאַל און די פענסטער. אין פיעלע ערטער אין שטאָדט האָט מען אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדען. מען האָט אַרויס־געלאָזען אַ קלאַנג, דאָס דער קעניג איז ענטלאָפען און עס איז שוין פּראָ־קלאַמירט געוואָרען אַ רעפּובליק. די טרופּען האָבען זיך צוריקגעצויגען. דאָס פאָלק איז בעפאַלען דעם אַרסענאַל, האָט אַרויסגענומען זעהר פיעל געוועהר און האָט זיך בעוואפענט. דערווייל אָבער איז אָנגעקומען אַ באַ־טאַליאָן סאָלדאַטען מיט דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. דאָס פאָלק האָט זיך דערשראָקען, ווי באַלד עס האָט זיי דערזעהען, און איז ענטלאָפען. פיעלע זיינען געכאַפּט געוואָרען און זיינען געוועזען געצוואונגען אָפּצוגעבען דאָס גע־וועהר. אָבער קיין גוואַלדטאַטען זיינען כמעט ניט פאָרגעקומען. די גע־כאַפּטע פּראָלעטאַריער האָבען געכאַפּט עטליכע פּעטש פון די סאָלדאַטען און האָבען צוריקגעגעבען די וואַפען. דיזער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגע־הויבען מיט אַ קליינער בלוט־פערגיסונג און האָט זיך געענדיגט מיט פּעטש.

די רעאַקציאָן האָט געוואוסט ווי אויסצונוצען דיזען דורכפאַל פון דעם אויפשטאַנד. די רעגירונג האָט אַריינגעבראַכט אין שטאָדט נייע טרופּען מיט דעם אויסרייד, דאָס די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע איז ניט אין שטאַנד אויפ־צוהאַלטען די אָרדנונג. אַ טאָג נאָך דיזען אויפשטאַנד זיינען פאָרגעקומען אין לאַנדטאַג בעראַטונגען וועגען דער פערפאַסונג. מען האָט ערוועהלט אַ פערפאַסונגס־קאָמיסיאָן. דאָס אַלטע מיניסטעריום האָט געמוזט רעזיגני־רען און דער קעניג האָט געבילדעט אַ נייעס מיניסטעריום, אָן דער שפּיץ פון וועלכען ער האָט געשטעלט אויערסוואַלד. דאָס נייע מיניס־טעריום איז באַלד אַרויס מיט אַ גאַנצער רייהע פון נייע רעפאָרמעס פיר דאָס לאַנד, אונטער אַנדערע די אָפּשאַפונג פון די פעאָדאַל־לאַסטען, און נייע אָרדנונגען אין דער געמיינדע־פערוואַלטונג.

אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען, דאָס דער האַס פון קעניג צו די ליבעראַלען איז געוואָרען אימער שטאַרקער און שאַרפער. די קאַמאַריללאַ אין הויף האָט ווידער בעקומען די אויבערמאַכט. ביי דער געלעגענהייט פון אַ פעסט האָט זיך קלאָר אַרויסגעצייגט, ווי ווייט דער קע־

ניג פעראַכטעט די פאָרשטעהער פון פאָלק. א טייל פון די דעפּוטאַטען האָט געמוזט געהן צו פוס צום נייעם פּאַלאַץ, און ווען זיי זיינען שוין גע־קומען אַהין, האָבען די דינער זיי ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, די לאַקייען האָבען זיי ניט געוואָלט בעדינען און האָבען געקוקט אויף זיי מיט שפּאָט. ערסט 4 שטונדען נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַהין אָנגע־קומען, האָט מען זיי געגעבען מיט וואָס צו ערפרישען זיך.

די שפּאַנונג צווישען דעם מיניסטעריום און דער קאַמאַריללאַ אין הויף איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס די פיינדליכע בעציהונגען צווישען זיי זיי־נען באַלד אַרויס אָפען. ביז אַהער האָט זיך דאָס מיניסטעריום נאָך גע־קענט האַלטען, ווייל עס האָט געהאַט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. אָבער די גאַנצע לאַגע האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג באַלד נאָך דעם, ווי עס איז געמאַכט געוואָרען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג דער פאָרשלאַג, דאָס די אָפיצערען פון דער אַרמעע זאָלען זיין ווייט פון אַלע רעאַקציאָנערע שטרע־בונגען און זאָלען באמת העלפען און מיטווירקען צו פערווירקליכען די קאָנסטיטוציאָן. דאָס מיניסטעריום האָט ערקלערט, דאָס עס קען דיזען אויפטראַג ניט אויספיהרען. דאַן האָבען די לינקע געגעבען צו פערשטעהן דעם מיניסטעריום, דאָס אום דורכצופיהרען זייערע פאָדערונגען מוזען זיי זיך ווענדען צו דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. דאָס מיניסטעריום האָט רעזיג־נירט. די קאַמאַריללאַ איז דערפון געווען העכסט צופרידען. עס איז באַלד געקומען צו די טויערן פון בערלין דער גענעראַל וו ר אַ נ ג ע ל מיט 47,500 מאַן. ער האָט זיך דאַמאָלס צוריקגעקעהרט פון דעם קריג מיט שלעזוויג־האָלשטיין. אָן דער שפּיץ פון דעם נייעם מיניסטעריום איז גע־שטעלט געוואָרען דער גענעראַל פּ פ ו ע ל (**Pfuel**). דאָס איז אויך געווען אַ צייכען פון דער צייט.

די בעציהונגען צווישען דעם הויף און דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זיינען געוואָרען מעהר און מעהר פיינדליך. די קאַמאַריללאַ איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. דעם 12טען אָקטאָבער האָט מען זיך ווידער אָנ־געפאַנגען צו בעראַטען וועגען דער פערפאַסונג. דאָס ערסטע, וואָס די פער־זאַמלונג האָט געטאָן, איז געווען אויסצושטרייכען פון דער פערפאַסונג די ווערטער „פון גאָטעס גנאַדען". פון דיזען בעשלוס האָט זיך דער קעניג פערזענליך געפיהלט בעליידיגט. באַלד נאָכדעם האָט די פערזאַמלונג פער־לאַנגט אָפּצושאַפען דעם אַדעל. געגען דיזען פערלאַנג זיינען די יונקערס אַרויס מיט גרויס לאַרם, און עס וואָלט גלייך געקומען צו קלעפּ, ווען דער גרויסער אויפשטאַנד אין ווין וואָלט זיך דאַן ניט געענדיגט מיט אַ זיג.

אין מיטען פון מאָנאַט אָקטאָבער האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ קאַמף צווישען די אַרבייטער און די בורזשואַזיע. די קאָפּעניקער קאַנאַל־אַרבייטער האָבען צובראָכען אַ מאַשין, און צוליב דעם האָבען די בירגער אַרויסגעשיקט געגען זיי אַן אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. די אַרבייטער האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע צוריקציהען. די גוואַרדיע האָט אָנגעהויבען צו שיסען אויף די אַרבייטער, פון וועלכע צעהן זיינען גלייך געפאַלען טויט. דיזער פאַקט האָט צורייצט די אַרבייטער פון איבעראַל, און עס האָבען זיך פערזאַמעלט גרויסע מאַסען אום צו נעהמען ראַכע פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. מען האָט ווידער אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדען אין די גאַסען. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט זיי געפּרובט נעהמען, אָבער זיי האָבען ניט געקענט — די אַרבייטער האָבען זיי גוט פערטיידיגט. ערסט אין אָבענד האָבען די אַרבייטער פערלאָזען זייער פּאָזיציאָן נאָך דעם, ווי די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט צוריקגעטרעטען.

די רעוואָלוציאָן אין וויען האָט פערלאַנגט פון דער פּרייסישער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג שטיצע. די ראַדיקאַלען האָבען זיך באַלד אָפּגערופען און האָבען געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל זיי ווירקליך העלפען. מען האָט געפאָדערט פון שטאַאַטס־מיניסטעריום אָנצואווענדען אַלע מיטלען, וואָס שטעהען איהם צו געבאָט, צו שיצען די פרייהייט פון פאָלק. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע פאָדערונג איז פערוואָרפען געוואָרען, אָבער דאָס מיניסטעריום איז געווען געצוואונגען ווענינגסטענס אָנצונעהמען מיטלען צו שיצען די עקסיסטענץ פון דעם אַלגעמיינעם רייכסטאַג און הערצושטעלען דעם פרידען. דער רעזולטאַט פון דיזען בעשלוס איז געווען, דאָס פפיל האָט געמוזט רעזיגנירען, און גראַף ב ר אַ נ ד ע נ ב ו ר ג איז בעאויפטראַגט געוואָרען צו בילדען אַ נייעם מיניסטעריום.

אַ שרעק איז דורכגעגאַנגען דורך די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. מען האָט גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון גענעראַל בראַנדענבורג, וועלכער איז געווען אַן איבערגעגעבענער יונקער. באַלד האָט די רעגירונג געגעבען צו וויסען, דאָס זי וועט רופען טרופּען פון מיליטער נאָך בערלין, ווען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע וועט ניט טאָן איהר פליכט. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען צו שיקען צום קעניג אַן אַדרעס. אין דיזען אַדרעס האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג פּראָטעסטירט געגען דעם מיניסטעריום פון בראַנדענבורג און האָט געזאָגט, דאָס דיזעס מיניסטעריום וועט די אויפרעגונג „שטייגערן ביז צום אויסבּרוך" און וועט האָבען „אונענדליך טרויעריגע פאָלגען, וועלכע עראינערן אָן דעם שיקזאַל פון אַ נאַכבאַרשאַפטליכען שטאַאַט".

אין דיזען אדרעס האבען די מיטגלידער פון דער נאציאנאל־פערזאמלונג פערלאנגט, אז מען זאל בילדען א מיניסטעריום, וואס זאל זיין נאך דעם ווונש פון פאלק. אין אבענד איז א דעפוטאציאן אוועק צום קעניג מיט דעם אדרעס. דער קעניג האט אנפאנגס גארניט געוואלט אויפנעהמען די דעפוטאטען. ענדליך האט ער בעשלאסען זיי אויפצונעהמען, אבער ער איז געווען פינסטער און האט געשוויגען. נאך דעם, ווי ער האט איבערגעלעזען דעם אדרעס, האט ער געוואלט אוועקגעהן צוריק אין זיין שרייב־צימער. דאן איז ארויס דער דעפוטאט יאקאבי און האט געזאגט צום קעניג: „מיר זיינען געקומען צו אייער מאיעסטעט ניט נאר אום איבערצוגעבען אייך אן אדרעס, נאר אום בעקאנט צו מאכען אייך מיט דעם צושטאנד פון לאנד". דער קעניג האט דערויף ניט געענטפערט. „וויל אייער מאיעסטעט אונז אויסהערען?" האט יאקאבי ווייטער געפרעגט. „ניין" האט דער קעניג געענטפערט און איז אוועק פון דער דעפוטאציאן. דאן האט איהם יאקאבי געזאגט: „דאס איז דער אונגליק פון די קעניגען, דאס זיי ווילען ניט הערען די וואהרהייט!"

די נאציאנאל־פערזאמלונג איז געווען שטארק אויפגעבראכט אויף יאקאבי'ן פיר זיין בענעהמען זיך צום קעניג. דאגעגען האבען די דעמאקראטען איהם אויסגעדריקט אין א גרויסען פלאקאט א דאנק פון גאנצען פאטערלאנד. דעם 9טען נאוועמבער איז דאס נייע מיניסטעריום ערשינען אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג. צווישען די מיניסטארען איז אויך געווען דער פרייהערר פון מאנטייפעל. די רעגירונג האט געארדענט, דאס די פערזאמלונג זאל פארקומען אין בראנדענבורג אנשטאט בערלין, מיט דעם תירוץ, דאס אין בערלין בעלאגערן אימער פאלקס־מאסען די פערזאמלונג און שטערען די פרייהייט פון די בעשלוסען. די דעפוטאטען האבען פראטעסטירט געגען דיזע קירצונג פון זייער פרייהייט און זיי האבען בעשלאסען צו בלייבען אין זייער פריהערדיגען ארט און פארטזעצען זייערע בעראטונגען. דאס מיניסטעריום האט געפאדערט פון קאמאנדאנט רימפלער פון דער נאציאנאל־גווארדיע, אז ער זאל ארויסטרייבען פון זאל די דעפוטאטען און פערשליסען דאס געביידע. דער קאמאנדאנט האט זיך ענטזאגט אויסצופיהרען דיזען בעפעהל. דאס איז געווען א תירוץ פיר די רעגירונג ארויסצורופען דעם גענעראל וורא‍נגעל מיט זיינע טרופען.

דעם 10טען נאוועמבער אום 5 אוהר אין דער פריה האבען זיך די דעפוטאטען פערזאמעלט אין זייער ארט, אין טהעאטער. אהין איז רימפלער געקומען מיט אן אפטיילונג פון דער נאציאנאל־גווארדיע אום צו בעשיצען

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. נאָכמיטטאָג זיינען אָנגעקומען 20,000 סאָל־דאַטען און האָבען ארומגערינגעלט די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. רימפּלער איז געגאַנגען צו גענעראַל וורANGעל, וועלכער האָט איהם אויפגענומען מיט שטאָלץ. רימפּלער האָט איהם ערקלערט, דאָס דער שוץ פון די דעפּוטאַטען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איהם. ווראַנגעל האָט איהם מיט פרעכ־הייט ועענטפערט, דאָס ער ווייס ניט פון קיין נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ווייל דער קעניג האָט אָפּגעלייגט איהר זיצונג. די דעפּוטאַטען האָבען ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבען נאָר איבערגעלאָזען אַ פּראָטעסט און זיי־נען ארויס פון זאַל, און באַלד האָט ווראַנגעל פערנומען דעם זאַל. ווען די דעפּוטאַטען זיינען דעם אנדערען פריהמאָרגען ווידער געקומען צום זאַל, האָט מען זיי פּשוט ניט אריינגעלאָזען. אַזוי האָט דער קעניג צוטריבען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דאָס בירגערטום האָט געמוזט אָפּטרעטען דעם פּלאַץ צו דער רעאַקציאָן.

דעם אָבענד פון 12טען נאָוועמבער איז בערלין ערקלערט געוואָרען אין בעלאַגערונגס־צושטאַנד, און עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל אָפּנעהמען די וואַפּען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. מען האָט פערבאָטען אַלע פעראיינען און קלובס, מען האָט אונטערדריקט אַלע דע־מאָקראַטישע בלעטער, און מע האָט איינגעפיהרט אַ מיליטערישע דיקטאַטור. פון 13טען נאָוועמבער אָן האָט מען אָנגעהויבען בעזוכען אַלע הייזער אום אָפּצונעהמען איבעראַל די וואַפּען. דאָס פאָלק האָט פערלאָרען דעם גאַנצען מוט. די פרויען האָבען אַליין ארויסגעגעבען די וואַפּען, וואָס די מענער האָבען בעהאַלטען. איבערהויפּט זיינען די פרויען געווען זעהר אונצופרידען מיט דעם צושטאַנד פון דעם נייעם לעבען. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט אָפּגעצויגען פיעלע מענער פון זייער הויזליכער בעשעפטיגונג. זעהר פיעלע אָרענטליכע בירגער האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס הויז צוליב דער סאָלדאַ־טען־פליכט, אַנדערע האָבען געמוזט פערנאַכלעסיגען זייערע געשעפטען, דעריבער זיינען פיעלע פרויען געווען זעהר צופרידען, ווען די געשיכטע האָט זיך אומגעביטען און די מענער זיינען ווידער געבליבען צו הויז און האָבען ווידער אָנגעהויבען צו פיהרען אַ סאָלידעס לעבען.

די דעפּוטאַטען האָבען זיך נאָכדעם פערזאַמעלט אין פערשיידענע ער־טער. דעם 16טען נאָוועמבער האָבען זיי פערהאַנדעלט איבער די פראַגע פון שטייער־פערווייגערונג (וועגען ענטזאַגען זיך צו צאָהלען שטייער). פּלוצ־לינג איז אריין אין זאַל אַ מאַיאָר מיט פיער אָפיצערען און אַ פּיקעט (אָפּ־טיילונג פון טרופּען). דער פּרעזיצענדער פ אָ ן א ו נ ר ו ה האָט פאָר־

געשלאָגען דער פערזאַמלונג, אַז זי זאָל פערנאַנדערגעהן און ניט אַריין אין אַ קאַמף מיט די אָפיצערען. אָבער דער דעפּוטאַט וואַלדעק האָט אויסגעשריען: „נעהמט אייערע באַיאָנעטען און שטעכט אונז! ווער עס וועט פערלאָזען דעם זאַל, דער איז אַ פעררעטער פון לאַנד!" דער מאַיאָר האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן און איז אַרויס אויף איין אויגענבליק. אין דיזען מאָמענט האָט די פערזאַמלונג בעשלאָסען געגען דער שטייער, וואָס די רעגירונג האָט געפּלאַנט. ווען דער מאַיאָר איז אַריין צוריק אין זאַל, איז די פערזאַמלונג רוהיג אַרויס פון זאַל. די דעפּוטאַטען האָבען געדענקט, דאָס זיי האָבען דערמיט געוואונען אַ זיג איבער דער רעגירונג, וועהרענד זיי האָבען אין דער ווירקליכקייט געפּאַסט נאָר אַ נוצלאָזען פּאַפּירענעם בעשלוס.

די רעגירונג האָט זיך דערפאַר ניט געשראָקען און האָט אויפגעלעזט די פערזאַמלונג (5טען דעצעמבער) און האָט געשענקט דעם לאַנד אַ נייע קאָנסטיטוציאָן. דיזע קאָנסטיטוציאָן איז געווען פיעל ליבעראַלער ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען פון דער רעגירונג. זי האָט בעוויליגט פּרעס-פרייהייט און פרייהייט צו פערזאַמלען זיך, אַ פעראַנטוואָרטליכעם מיניסטעריום, אַלגעמיינעס שטימרעכט, און נאָך איינינע פאָדערונגען פון פאָלק אין דעם מערץ-אויפשטאַנד. אָבער די רעגירונג האָט עס ניט געמיינט באמת. דער קעניג האָט דעם „וויש" (שמאַטע), ווי ער האָט גערופען די פערפאַסונג, קיינמאָל ניט אונטערגעשריבען. אָבער דערווייל האָט זי בערוהיגט דאָס לאַנד. דאָס ליבעראַלע בירגערטום איז דערווייל געווען צופרידען און האָט זיך אונטערגעגעבען. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער פעהלער. דאָס פאָלק וואָלט געוויס געוואונען, ווען די בירגער וואָלטען געוועזען שטאַנדהאַפטער. וורוּנגעל וואָלט זיך געמוזט דערווייטערן מיט זיינע טרופּען פון בערלין.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1849 איז די רעאַקציאָן געווען איבעראַל די זיגערין. די אויסזיכט אויף אַ בעסערע צוקונפט איז כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען. דער פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט האָט זיך נאָך אימער אָפּגעגעבען מיט דער פערפאַסונג. ענדליך איז זי געווען כמעט פערטיג, עס האָט נאָך געפעהלט בלויז די ענטשיידונג וועגען דעם אויבערהויפּט פון דער רעגירונג. גאַגערן און זיינע גענאָסען האָבען בעטראַכט אַלס זייער העכסטען ציל אַ פּרייסישעס קייזערטום און די פראַנקפורטער שוואַצער האָבען געמיינט, דאָס זיי האָבען די מאַכט צו געבען אַ קרוין. וואָס דער פּרייסישער קעניג זעלבסט האָט געטראַכט וועגען דעם קייזערטום איז צו זעהן פון דעם

בריף, וואָס ער האָט געשריבען דעם 13טען דעצעמבער צו זיין פריינד בונזען. אין דיזען בריף האָט ער געזאָגט: „מיין טייערסטער בונזען, אייערע לעצטע בריף האָבען מיר בעוויזען, וואָס איך האָב שוין בעמערקט זייענדיג אין בריהל, דאָס אין זאַכען, וואָס בעטרעפען דייטשלאַנד, פערשטעהען מיר ניט איינע די אַנדערע, אָדער ריכטיגער, דאָס איהר קענט מיך ניט בעגרייפען. דאָס איז אַ שווערעס וואָרט, איך פיהל עס, אָבער דער פריינד מוז עס פון אַ פריינד אָננעהמען. איך פערשטעהע אייך און אייערע געדאַנקען, איהר אָבער פערשטעהט ניט מיינע, זאָנסט וואָלט איהר מיר אַזוי ניט שרייבען, ד. ה. איהר וואָלט דאָן די אַבסאָלוטע שטערונגען, וועלכע שטעהען צווישען מיר און דער קייזערליכער קרוין, ניט געגעבען קיין לייכטען נאָמען, וועלכען עס זאָל זיין לייכט צו בעזייטיגען.

איהר האָט געזאָגט (ווערטליך ווי הערר פאָן גאַגערן האָט מיר געזאָגט דעם 26טען און 27טען פאָריגען מאָנאַט): „איהר ווילט האָבען די צושטימונג פון די פירסטען; גוט און רעכט, דיזע זאָלט איהר האָבען!”

אָבער מיין טייערסטער פריינד, דאָ ליגט דער הונט בעגראָבען.

איך וויל ניט די צושטימונג פון די פירסטען צו דער וואהל, און ניט די קרוין. פערשטעהט איהר די בעטאָנטע ווערטער?

איך וויל דאָס אייך אַזוי קורץ און אַזוי קלאָר ווי מעגליך ערקלערען. די קרוין איז ערסטענס קיין קרוין. די קרוין, וועלכע אַ האָהענצאָללער דאַרף קריגען, ווען די אומשטענדען מאַכען עס מעגליך, איז קיינע, ווען זי איז געמאַכט פון אַ רעוואָלוציאָנערער פערזאַמלונג (ווי די שטראַסען=פלאַסטער=קרוין פון לודוויג פיליפּ), אפילו ווען די פערזאַמלונג איז איינגעזעצט מיט פירסטליכער צושטימונג, — נאָר אַ קרוין, וועלכע טראָגט דעם שטעמפּעל פון גאָט, וועלכע מאַכט דעם יעניגען, אויף וועמען זי ווערט ארויפגעזעצט, נאָך דער הייליגער זאַלבונג פיר קעניג „פון גאָטעס גנאַדען”, ווי זי האָט מעהר אַלס 34 פירסטען געמאַכט פיר דייטשע קעניגען פון גאָטעס גנאַדען און דעם לעצטען אימער צוגע'חבר'ט צו דער אַלטער רייהע. די קרוין, וועלכע די אָטטאָנען, די האָהענשטאַופען, די האַבסבורגער האָבען געטראָגען, קען נאַטירליך אַ האָהענצאָללער טראָגען; זי עהרט איהם זעהר הויך מיט אַ טויזענד=יעהריגען גלאַנץ. די אָבער, וועלכע איהר לײדער מיינט, פעראונעהרט זעהר פיעל מיט איהרען נבלה=געֿרוך פון דער רעוואָלוציאָן פון 1848, פון די נאַרישסטע, דומסטע, שלעכטעסטע, ווען אויך ניט די בייזעסטע פון דיזען יאָהרהונדערט. אַזאַ איינגעבילדעטען קראַנץ, געמאַכט פון שמוץ און לעהם, זאָל זיך לאָזען געבען אַ געזעצליכער קעניג פון

פּרייסען, וועלכער איז געבענשט צו טראָגען די עדעלסטע ווען אויך ניט די עלטעסטע קרוין. וועלכע איז פון קיינעם ניט גע'גנב'עט געוואָרען ?"

נאָך פיעלע רעדעס און פראַזען האָט דער פּאַרלאַמענט בעשלאָסען צו ערוועהלען אַן אויבערהויפּט איבער אַלע דייטשע פירסטען און צו געבען איהם דעם טיטעל „קייזער". די קליינע דייטשע שטאַאַטען זיינען אַלע געווען צופרידען איבערצוגעבען דיזען טיטעל צום פּרייסישען קעניג. עסטרייך אָבער האָט געגען דעם פּראָטעסטירט. זי האָט ניט געוואָלט זיין אונטער אַ צענטראַל־מאַכט פון אַן אַנדער דייטשען פירסט. זי האָט דיזע מאַכט זאָגאַר פערלאַנגט פיר זיך. דיזער פערלאַנג פון עסטרייך האָט זעהר שטאַרק ערביטערט דעם פּאַרלאַמענט, און דעם 23טען מערץ 1849 האָט ער בעשלאָסען צו ערהויבען דעם פּרייסישען קעניג פריעדריך ווילהעלם דעם 4טען צום קייזער פון דייטשלאַנד. עס איז געשיקט געוואָרען פון פּאַרלאַמענט אַ דעפּוטאַציאָן פון 32 מיטגלידער נאָך בערלין. דער קעניג האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד און האָט זיי אויסגעהערט, און צום ערשטוינען פון די דעפּוטאַטען האָט ער זיך ענטזאָגט פון דער קייזערליכער קרוין. די דעפּוטאַציאָן איז געווען פערשפּאָטעט פון אַלע זייטען: פון די יונקערס, פון די רעאַקציאָנערען, ווי אויך פון די דעמאָקראַטען.

נאָך דיזער מפּלה פון דעם פּאַרלאַמענט זיינען געקומען אויף די מיטגלידער נאָך איינעגע מפּלות איינע נאָך דער אַנדערער. די קעניגרייכען פון דייטשלאַנד האָבען זיך אַלע אויסגעשפּראָכען געגען דער אַלגעמיינער רייכס־פערפאַסונג און האָבען זאָגאַר אויפגעלעזט זייערע אייגענע קאַמערן, ווייל דיזע האָבען צוגעשטימט צו דער רייכס־פערפאַסונג. נאַר אין ווירטעמבערג איז דער קעניג געווען געצוואונגען די זעלבע אָנצוערקענען. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט די גאַנצע קלעגליכע לאַגע און אָהנמאַכט פון פּאַרלאַמענט. איינער פון די פראַזען־העלדען פון פּאַרלאַמענט האָט געמאַכט אַ לעבערליכען פּאָרשלאַג: מען זאָל די יעניגע פירסטען, וועלכע ווילען ניט אָנערקענען די רייכס־פערפאַסונג, ענטזאַגען פון זייערע טראָנען און צוטיילען זייערע לענדער צווישען די, וואָס האָבען יע אָנערקענט דיזע פערפאַסונג, און דאָס די צענטראַל־געוואַלט זאָל מיט איהר אייגענער מאַכט זעהן דורכצופיהרען די פאָדערונגען פון דער רייכס־פערפאַסונג. דיזער פראַזען־העלד האָט גאַר פערגעסען, דאָס די צענטראַל־געוואַלט האָט ניט זאָגאַר קיין שאָטען פון מאַכט, און איז ניט אין שטאַנד דאָס קלענסטע דורכצופיהרען מיט מאַכט.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס איז געקומען צו פיינדליכע בע־ציהונגען צווישען די רעגירונגען און דעם פראַנקפורטער פאַרלאַמענט. פער־שיידענע עלעמענטען פון פאָלק: ראַדיקאַלען, דעמאָקראַטען, רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסטען האָבען אַנגעהויבען פאָדערן, אַז עס זאָל דורכגעפיהרט ווערען די רייכס־פערפאַסונג. איבערהויפּט האָט עס געפאָדערט דאָס פאָלק אין זאַקסען; דאָרט איז עס זאָגאַר געקומען צו אַ בעוואָפענטען אויפשטאַנד. עס איז בעשטימט געוואָרען פיר דעם 3טען מאַי אַ פּאַראַד־צוג אין דרעזדען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע צו עהרע פון דער רייכס־פערפאַסונג. די רע־גירונג אָבער האָט דעם פּאַראַד־צוג פערבאָטען. דיזער פערבאָט האָט ארויס־גערופען אַן אויפרוהר: אייניגע זיינען געגאַנגען שטורמען דעם אַרסענאַל און די אַנדערע האָבען זיך געלאָזען צום שלאָס. עס זיינען באַלד אויפגע־בויט געוואָרען אין די גאַסען זעהר פיעלע באַריקאַדען. דער קעניג האָט גע־שיקט עסטאַפעטען נאָך פּרייסען צו בעטען הילף, און דעם 4טען מאַי איז דער קעניג ענטלאָפען נאָך דער פעסטונג קאָניגשטיין. דעם זעלבען טאָג האָט אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער קאַמף, אָבער די ביידע קעמפענדע זייטען האָבען באַלד איינגעשטימט אויף אַ וואַפען־שטילשטאַנד ביז דעם 6טען מאַי. אין דעם זעלבען טאָג נאָכמיטטאָג האָט זיך דער קאַמף אָנגעפאַנגען. די רעגירונג האָט בעקומען הילף פון פּרייסען. דער קאַמף איז געווען שרעק־ליך. די בירגער האָבען זיך פערטיידיגט מיט גרויס מוט אונטער דער פיה־רערשאַפט פון דעם בעריהמטען רוסישען סאָציאַליסט באַקונין. נאָך גרויסע פערלוסטען און נאָך פיעלע אַטאַקעס איז געלונגען די סאָלדאַטען צו נעהמען די באַריקאַדען. דעם 9טען מאַי אין דער פריה האָבען די רעוואָ־לוציאָנערען געמוזט צוריקטרעטען פון זייערע לעצטע פּאָזיציאָנען. די סאָל־דאַטען זיינען געווען זעהר ערביטערט. זיי האָבען געמאָרדעט רעכטס און לינקס, זאָגאַר ניט קיין בעוואָפענטע פּערזאָנען האָבען זיי נידערגעשלאָגען און זיי האָבען בעהאַנדעלט די געפאַנגענע זעהר ברוטאַל. בעזונדערס טי־ראַניש האָבען זיי בעהאַנדעלט די געפאַנגענע, וואָס מען האָט געבראַכט אין די פרויענקירכע. דיזע האָבען געהאַט אויסצושטעהן שרעקליכע שטונדען. פון די בירגער זיינען דאַמאָלס געפאַלען 178 פּערזאָן, וועלכע זיינען געווען מעהרסטענס אַרבייטער.

אין דער זעלבער צייט איז אויך ענטשטאַנען די בעקאַנטע זיד־דייטשע מאַי־רעוואָלוציאָן. די באַיערישע רעגירונג האָט זיך ערקלערט געגען דער רייכס־פערפאַסונג. דאָס האָט פעראורזאַכט גרויסע אונרוהען צווישען די בירגער פון דער פּפאַלץ. די פאָלקס־פערזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטען

געוואָרען דעם 1טען מאַי אין קייזערסלאוטערן, האָט בעשטימט אַלגעמיינע פאָלקס־בעוואַפנונג, ניט צאָהלען קיין שטייער און נעהמען אין בעשלאַג (לעגען אַן אַרעסט אויף) די עפענטליכע געלטען, וואָס די רעגירונג נעהמט אַריין. דעם 2טען מאַי איז איינגעריכטעט געוואָרען אַ פּראָוויזאָרישע רע-גירונג. אונטער דיזער רעגירונג האָבען זיך אונטערגעוואָרפען דאָס מילי-טער און די בעאַמטע פון לאַנד. אָבער דיזע רעגירונג איז געווען צו שוואַך דורכצופיהרען די זאַך פון דער רעוואָלוציאָן ביז צום ענדע, און די גאַנצע בעוועגונג וואָלט געווים באַלד איינגעשלאָפען, ווען עס וואָלט זיך ניט אין דער זעלבער צייט געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין באַדען.

דעם 12טען מאַי האָט זיך אַ גרויסע פאָלקס־מאַסע פערזאַמעלט אין אָפּפענבורג. דיזע פערזאַמלונג האָט אויסגעאַרבייט אַ ראַדיקאַלע פּראָגראַם, צו וועלכער די ליבעראַלע בורזשואַזיע פון די יאָהרען 1848 און 1849 האָט זיך געקענט ערהייבען. צו דיזער פערזאַמלונג איז געקומען אַ דעפּוטאַציאָן פון סאָלדאַטען פון ראַשטאַטט און האָט געמעלדעט, דאָס דער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד און האָט פערטריבען די רעאַק-ציאָנערע אָפיצערען צוזאַמען מיט דעם קאָמאַנדאַנט פון דער פעסטונג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פעראייניגען די קעניגליכע טרופּען מיט דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אונטער בעאַמטע, וואָס דאָס פאָלק וועט ערוועהלען, און צו ערוועהלען אַ קאָמיטע, וועלכעס זאָל דורכפיהרען די רייכס־פער-פאַסונג. דערביי איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו בעשיצען זיך געגען דעם גרויסען קאַפּיטאַל און צו גרינדען אַ פאָנד צו געבען פּענסיאָן יעדען בירגער, וואָס איז געוואָרען אונפעהיג צו אַרבייטען.

באַלד האָט דאָס גאַנצע מיליטער אין לאַנד געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אין קאַרלסרוהע האָט דער גאַרניזאָן פערטריבען די אָפיצערען, און דער גרויס־הערצאָג האָט געמוזט פערלאָזען די שטאָדט. די גאַנצע באַדישע אַרמעע איז אַריבער צו די דעמאָקראַטען, בלויז איין פאָלק רייטער איז געבליבען טריי דער רעגירונג. דער געמיינדע־ראַט פון קאַרלסרוהע האָט דעם 24טען מאַי איינגעלאַדען דאָס ערוועהלטע קאָמיטע אַריינצוציהען זיך אין קאַרלס-רוהע, וועלכע איז געווען די הויפּטשטאָדט פון באַדען. אָן דער שפּיץ פון דעם קאָמיטע איז געשטאַנען ב ר ע נ ט א נ אָ, א מאַן, וואָס איז געווען זעהר בעליבט ביים פאָלק. ער האָט אָבער פיעל געשאַדעט דער באַדישער רעוואָלוציאָן דורך דעם, וואָס ער איז געווען צו שוואַך געגען דער פאַלשער בורזשואַזיע און האָט אָפטמאָל צו ברוטאַל בעהאַנדעלט די דעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער.

די ראַדיקאַלען אין באַדען האָבען געקענט רעכנען אויף אַן ערפאָלג נאָר דאַן, ווען עס זאָל זיי געלונגען אויפוועקען דעם אויפשטאַנד אויך אין די בענאַכבאַרטע לענדער. דעריבער האָבען זיי באַלד געמאַכט אַ פערטראַג מיט דער פפאַלץ און האָבען געמאַכט אַ בעוועגונג צווישען די מאַסען אין העססען-דאַרמשטאַדט, נאַססאַו און ווירטעמבערג. אָבער די פּראָוויזאָ-רישע רעגירונג האַט ניט אויפגעטאָן עטוואָס וויכטיגעס. אין אָבער-לאַנדענבאַך איז פאָרגעקומען אַ פאָלקס-פערזאַמלונג. היר איז ער-מאָרדעט געוואָרען אַ דאַרמשטאַדטער בעאַמטער, און דיזער צופאַל האַט פערדאָרבען די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדאַ. אויך אין וואָרמס, מאַינץ, און אין דער פּראָווינץ שטאַרקענבורג האַט די רעוואָלוציאָן ניט געהאַט קיין אונ-טערשטיצונג.

עס איז געווען זעהר וויכטיג פיר די רעוואָלוציאָן אין באַדען, ווי אויך פיר די גאַנצע בעוועגונג אין דייטשלאַנד, אַז מען זאָל איינגעהמען פראַנק-פורט אַם מאַין. צו דיזען צוועק האַט זיגעל, דער קאָמאַנדיר פון די 30,000 מאַן פון די באַדישע טרופּען, זיך גענומען דורכצופיהרען דעם פּלאַן. דעם 30טען מאַי איז זיגעל אַריבער די גרענעץ פון העססען. ביי העפּ-פענהיים האַט ער געוואונען אַ שלאַכט געגען די העססען, אָבער ער האַט באַלד געמוזט צוריקציהען זיך, ווייל די רעאַקציאָנערע אָפיצערען האָ-בען ניט געוואָלט טאָן זייער פליכט.

אָבער זיגעל האַט זיין פּלאַן איינצונעהמען פראַנקפורט אַם מאַין ניט אויפגעגעבען. אַרום באַדען האַט זיך דערווייל פערזאַמעלט אַ גרויסע מי-ליטערישע מאַכט אום אונטערצודריקען די רעוואָלוציאָן. אויך די פראַנק-פורטער צענטראַל-געוואַלט האַט אַרויסגעשטעלט אַן אַרמעע פון 20,000 מאַן צו שטרייטען געגען די פערטיידיגער פון דער רייכס-פערפאַסונג. אויך מעק-לענבורגער, קורהעססען, באַיערן און פּרייסען זיינען געקומען צו העלפען די העססען. דעם 14טען יוני האָבען 8,000 פּרייסען אָנגעגריפען די רהיין-העססען ביי קירכהיימבאָלאַנדען און האָבען זיי צוריקגעטרי-בען, און האָבען ענדליך איינגענומען די גאַנצע פפאַלץ. אָבער די טרופּען פון באַדען האָבען געהאַט אַ גרויסאַרטיגען זיג איבער די קעניגליכע טרופּען.

זעהר שלעכט האַט געווירקט אויף די געמיטער פון די רעוואָלוציאָנערען די נאַכריכט, וואָס מען האַט ערהאַלטען אין יענער צייט פון פראַנקרייך, דאָס די באַרג-פּאַרטיי האַט געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע. אויך דער שיקזאַל פון די פפאַלצער האַט זיי ענטמוטיגט. דעם 21טען יוני איז פאָר-געקומען אַ שטרייט ביי וואַגהייזעל און פיליפּפּסבורג.

אָנפאַנגס איז דער זיג געווען אויף דער זייט פון די באַדענער. אָבער איין אָפיצער איז געווען פאַלש צו זיין פליכט און האָט געבראַכט די אַרמעע אין אַזא גרויסע פערווירונג, דאָס די באַדענער זיינען צוריקגעטרעטען אין גרויסער אונאָרדנונג נאָך היידעלבערג. דאַגעגען איז עס געלונגען אַן אַנדערער אָפּטיילונג פון די באַדענער טרופּען ביי ב ר ו כ ז א ל צוריקצוטרייבען די פּרייסען (23טען יוני).

דער אָנפיהרער פון די באַדענישע טרופּען, מ י ע ר אָ ס ל אַ ו ו ס ק י, האָט קאָנצענטרירט זיינע טרופּען ביי ראַשטאַטט. ער האָט געהאַט אונטער זיך 13,000 מאַן מיט 70 קאַנאָנען. דעם 29טען יוני איז אויסגעבראָכען אַ קאַמף אויף דער גאַנצער ליניע. די פּרייסען זיינען אפילו צוריקגעשטויסען געוואָרען, אָבער זיי האָבען געמאַכט אַן אומוועג און דעם 30טען אָקטאָבער האָבען זיי געצוואונגען די באַדענער צו פערלאָזען זייערע פּאָזיציאָנען און צוריקציהען זיך אין גרויסער אונאָרדנונג. דאַן איז די פעסטונג ראַשטאַטט בעלאַגערט געוואָרען. מען האָט געפּרובט נאָך איין מאָל אָרגאַניזירען דעם ווידערשטאַנד, אָבער עס איז געווען נוצלאָז. די רעוואָלוציאָן האָט פערלאָרען איהר קראַפט. די פעסטונג ראַשטאַטט האָט זיך געמוזט אונטערגעבען אויף גנאַדע אָדער אונגנאַדע. דעם 23טען יולי האָבען די פערטיידיגער איבערגעגעבען זייערע וואַפען צום זיגער. די געפאַנגענע זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין פייכטע קעלערן פון דער פעסטונג און מען האָט זיי לאַנג געפּייניגט מיט הונגער. באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס געריכט. 27 מאַן האָט מען דערשאָסען און 68 מאַן האָט מען פערשיקט צו שווערער אַרבייט גרעסטענטיילס אויף 10 יאָהר. אויך דער דיכטער ג אָ ט ט - פ ר י ע ד ק י נ ק ע ל איז פערשיקט געוואָרען אין צוכטהויז. אָבער דורך די בעמיהונגען פון זיין טרייער פרוי איז איהם געלונגען צו ענטלויפען (1850). אויסער דיזע שטראָפען האָט מען קאָנפיסקירט כמעט אַלעמען'ס פערמעגען. די רעגירונג האָט עס געטאָן אום צו דעקען דערמיט איהרע קריגס־קאָסטען, און זי האָט געמאַכט אַלע איינוואוינער פון דער פעסטונג פעראַנטוואָרטליך דערפאַר. טויזענדער זיינען געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס לאַנד. באַדען האָט פערלאָרען דעם בעסטען טייל פון דער בעפעלקערונג.

ווען די פּרייסען זיינען געגאַנגען נאָך זאַקסען, איז דער פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט אַרויס מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען דעם, ווייל ער האָט עס בעטראַכט אַלס אַ ברוך פון דעם רייכס־פרידען. אַלס ענטפער אויף דיזען פּראָטעסט האָט פּרייסען צוריקגערופען איהרע דעפּוטאַטען פון פּאַר-

לאַמענט, הגם זי האָט דערצו ניט געהאַט קיין רעכט. דער פּאַרלאַמענט האָט פּראָטעסטירט געגען דיזע בעליידיגונג. דאָך זיינען 65 מענער ארויס פון פּאַרלאַמענט. באַלד זיינען ארויס נאָך 22 מיטגלידער. די איבער-געבליבענע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָבען זיך איבערגעטראַנספּאָר-טירט נאָך שטוטטגאַרט; זיי האָבען אָבער דאָרט ניט געפונען די אויפנאַה-מע, וואָס זיי האָבען ערוואַרטעט. דאָך האָבען זיי דאָרט געגרינדעט אַ רייכס־רעגענטשאַפט. אָבער ווען דער פּאַרלאַמענט האָט געפאַסט איינינע ענערגישע בעשלוסען, האָט די ווירטעמבערגישע רעגירונג זיך געשטעלט געגען דעם און האָט ערקלערט, דאָס זי וויל מעהר ניט דולדען ניט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און ניט די רייכס־רעגענטשאַפט. דעם 13טען יוני האָבען די דעפּוטאַטען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זיך געלאָזען געהן מיט פּאַראַד אין זייער זיצונגס־לאָקאַל. דאָרט האָבען זיי געפונען מילי-טער, וועלכעס האָט זיי ניט אריינגעלאָזען אין לאָקאַל און האָט זיי ער-קלערט, דאָס היר איז מעהר ניט ערלויבט אָפּצוהאַלטען זיצונגען. דער פּרעזידענט האָט גענומען עטוואָס רעדען געגען דעם, אָבער דאָס מילי-טער האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין פּויק און קיינער האָט ניט גע-קענט הערען, וואָס ער האָט דאָרט גערעדט. די סאָלדאַטען האָבען פער-טריבען די דעפּוטאַטען. דאָס פּאָלק האָט זיי אפילו אָפּגעגעבען כבוד מיט פערשיידענע אויסגעשרייען פון עהרע, אָבער די שטוטטגאַרטער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע איז געשטאַנען פון וויטען און האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער גאַנצער סצענע. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט. דער גרעסטער טייל פון די דעפּוטאַטען האָט געמוזט אויס-וואַנדערן אין אַנדערע לענדער. איינינע זיינען פעראורטיילט געוואָרען צו האַרטע שטראָפען, צו לעבענסלענגליכער געפענגניס און אַנדערע זאָגאַר צו טויט־שטראָף, אָבער דיזע שטראָפען זיינען ניט אויסגעפיהרט געוואָרען, ווייל די פעראורטיילטע זיינען אַלע צולאָפען.

אין איטאַליען האָט די רעוואָלוציאָן אין אָנפאַנג פון יאָהר 1849 זיך שטאַרק צופלאַקערט. ווען ראַדעטצקי איז געקומען אין איטאַליען איז דער סאַרדינישער קעניג אַלבערט געשלאָגען געוואָרען. נאָך הייסע שלאַכטען ביי וויטשענצאַ, ביי קוסטאָצצאַ (25טען יולי 1848), גאָאיטאָ און וואַלטאַ איז דער אַלטער עסטרייכישער פעלדמאַר-שאַל ראַדעטצקי ווידער אַוועק נאָך לאָמבאַרדיע, און אָנפאַנג אויגוסט איז ער שוין געשטאַנען ביי מאַילאַנד. די שטאָדט האָט זיך געמוזט אונטערגע-בען, און קאַרל אַלבערט האָט זי געמוזט פערלאָזען. ער איז ענטלאָפען

ביי נאכט, ווייל ער האָט מורא געהאט, אז דאָס פאָלק וועט איהם שענדען און פערפלוכען אלס פעררעטער. אָבער דערמיט האָט זיך דער קריג מיט עסטרייך נאָך ניט געענדיגט, און די רעוואָלוציאָן איז נאָך ניט אונטער־דריקט געוואָרען.

דער פאַפסט פיאוס דער 9טער האָט גערעכענט, דאָס ער וועט געווינען די סימפאטיע פון די ליבעראלען, ווען ער וועט פערטרייבען די יעזואיטען פון לאַנד און וועט געבען דעם פאָלק א נייע פערפאַסונג. אָבער ער האָט געהאט א טעות. דער ערסטער מיניסטער ראָססי, א רעאַקציאָנער, איז דערשטאָכען געוואָרען, און דער פאַפסט האָט געמוזט ערוועהלען א נייעם מיניסטעריום פון ראדיקאלען אונטער דער פיהרונג פון מאַמיאַניס. ער האָט ענטוואפענט די שווייצער־גוואַרדיע, און אָנשטאָט איהר האָט ער גענומען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. דער פאַפסט זעלבסט איז דעם 24טען נאָוועמבער ענטלאָפען נאָך גאַעטאַ. דאָרט האָט ער געבילדעט זיין נייעם מיניסטערום און דאָרט האָט ער פראָטעסטירט געגען אלעס, וואָס עס האָט פאסירט אין רוים. דורך דעם אָבער האָט די רעפובליקאנישע פאַר־טיי געוואונען א פאָלשטענדיגען זיג. מען האָט צוזאַמענגערופען א נייע פאָלקס־פערזאמלונג, און דיזע האָט פראָקלאמירט א רעפובליק אין רוים און האָט בעשלאָסען צו פעראייניגען גאַנץ איטאליען אונטער א דעמאָקראַ־טיש־רעפובליקאנישע שטאַאטס־פאָרמע. דערווייל האָט מען צוזאמענגע־שטעלט א פראָוויזאָרישע רעגירונג, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דריי מענער. דיזע רעגירונג האָט אָנגעפאַנגען אָפּצונעהמען די קירכען־גיטער און צוטיילען זיי צווישען די אָרימע לייט (פעברואר 1849).

פון רוים האָט זיך די רעוואָלוציאָן פערשפרייט איבער אַנדערע שטאַא־טען פון איטאליען. פלאָרענץ איז באלד אָנערקענט געוואָרען אלס א רע־פובליק, און דורך די אונערמידליכע טעטיגקייט פון מאַצציני האָבען אויך סאַרדיניען און לאָמבאַרדיע בעשלאָסען צו פעראייניגען זיך מיט רוים. א קריג מיט עסטרייך איז געווען אונפערמיידליך. די פראָפּאַגאנדא פון די רעפובליקאנער האָט אָנגעיאָגט שרעק אויף קאַרל אלבערט, און ער האָט מורא געהאט, דאָס זיין לאַנד וועט זיך פעראייניגען מיט דער רוימישער רעפובליק. דיזע מורא האָט איהם געצוואונגען אויפצונעהמען זעלבסט דעם קאַמף מיט עסטרייך. און אזוי האָט זיך אָנגעהויבען אין מערץ 1849 א קריג צווישען סאַרדיניען און עסטרייך. א סאַרדינישע אַרמעע פון 80,000 מאַן איז אַריבער די לאָמבאַרדישע גרענעץ אום צו פערטרייבען די עסט־רייכער. אָבער דער קירכען־שטאַאט און טאָסקאַנא האָט געשיקט עסטרייך

צו הילף כמעט אזוי פיעלע סאָלדאַטען, ווי קאַרל אַלבערט האָט גע-שיקט. ראַדעטצקי איז אַרויס געגען עסטרייך'ס פיינד. דעם 23טען מערץ איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט ביי נאָוואַראַ. קאַרל אַלבערט האָט גע-האַט אַ פירכטערליכע נידערלאַגע. מיט פערצווייפלונג האָט ער זיך זעלבסט געוואָרפען אין אַ רעגען פון קוילען אום צו געפינען דעם טויט. דאַן האָט ער זיך ענטזאַגט פון דער קרוין און האָט זי געלאָזען פיר זיין זוהן וויק-טאָר עמאַנועל. מיט אייניגע מאָנאַטען שפעטער איז ער געשטאָר-בען. דער יונגער קעניג האָט באַלד געשלאָסען מיט ראַדעטצקי'ן אַ וואַפען-שטילשטאַנד, אום צו זיכערן זיך זיין טראָן.

אויך דער אויפשטאַנד אין ברעשיאַ און גענוא איז דערשטיקט געוואָרען. ברעשיאַ איז גענומען געוואָרען מיט גרויס שטורם דורך דעם עסטרייכישען גענעראַל האַינאַ. ער האָט בעהאַנדעלט די שטאָדט מיט שרעקליכער גרויזאַמקייט. נאָר אין רוים און אין ווענעציאַ האָבען די רעפּובליקאַנער געהאַט די אויבערהאַנד. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט קיין אויסזיכט אויסצוהאַלטען דעם ווידערשטאַנד. און ווי באַלד די בע-וועגונג צו פעראייניגען איטאַליען איז דורכגעפאַלען האָט די דעמאָקראַטיע מיט דער רעפּובליקאַנישער בעוועגונג אויך פערלאָרען פעסטען באָדען און האָט זיך געמוזט אונטערגעבען.

באַלד נאָך דעם, ווי עסטרייך האָט אונטערדריקט דעם איטאַליענישען אויפשטאַנד האָט זי זיך גענומען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד אין אונ-גאַרן. ווען פראַנץ יאָזעף האָט בעשטיגען דעם קייזער-טראָן האָט דער אונ-גאַרישער רייכסטאַג ערקלערט, דאָס ער וועט ניט אָנערקענען אַלע רעגי-רונגס-האַנדלונגען פון דעם נייעם הערשער וואָס אָנבעטרעפט אונגאַרן, כל זמן דער קייזער וועט ניט געקרוינט ווערען אין אונגאַרן און כל זמן ער וועט ניט שווערען, דאָס ער וועט היטען די קאָנסטיטוציאָן. דער קייזער פראַנץ יאָזעף אָבער האָט ניט געלעגט קיין געוויכט אויף דיזען פּראָטעסט פון די אונגאַרען, און האָט געגעבען אַלע לענדער פון עסטרייך איין פער-פאַסונג, וועלכע זאָל זיי אַלע פעראייניגען אין איין גרויסען רייך, אזוי דאָס די איינציגע לענדער זיינען נאָר געבליבען פערוואַלטונגס-בעצירקען. עס פערשטעהט זיך, דאָס אין דיזען פאַל איז קיין רייד ניט געווען וועגען אַ בעזונדערען מיניסטעריום פיר אונגאַרן. דאָס האָט געפיהרט צו אַ קאַמף אויף לעבען און טויט צווישען עסטרייך און אונגאַרן. עסטרייך האָט אָנגעהויבען צוגרייטען זיך צו אַ גרויסען שטרייט, און קאָססוטה האָט מיט

זיינע פייערדיגע רעדעס געשאַפען אַן אַרמעע פון 200,000 מאַן צו שטריי-
טען געגען עסטרייך.

דעם 15טען דעצעמבער 1848 האָט ווינדישגראַטץ אָנגעפאַנגען די
מלחמה מיט אונגארן און דעם 5טען יאַנואר איז ער אריין אין בודאפעסט
אָהן אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד פון דער אונגארישער זייט. ווינדישגראַטץ
האָט באַלד געגעבען צו פיהלען די אונגארען, וואָס זיי האָבען צו ערוואַרטען.

וויקטאָר עמאַנועל.

ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו הענגען יעדען, ווער עס וועט זיך בע-
ווייזען מיט וואַפען אין האַנט, און האָט געוואָרנט, דאָס די שטעדט, וואָס
וועלען זיך שטעלען געגען עסטרייך, וועלען פערניכטעט ווערען. פיעלע
פון די אונגארען זיינען פערהאַפטעט געוואָרען און געשטעלט געוואָרען פאַר
אַ קריגס-געריכט.

די אונגאַרען אָבער האָבען זיך אויפגעהויבען און האָבען אָנפאַנגס גע-האַט איבעראַל גרויס ערפאָלג. אין זיעבענבירגען האָט דער גענעראַל בעם געפיהרט דעם קריג געגען עסטרייך אַזוי גלענצענד, דאָס ער האָט ענדע מערץ פערטריבען פון דאָרט די עסטרייכער צוזאַמען מיט די רוסען. דעם 6טען אַפּריל האָט ווינדישגראַעץ געכאַפּט אַ שטאַרקע מפּלה פון דער הויפּט-אונגאַרישער אַרמעע ביי איזאַסעג און האָט זיך געמוזט צוריקציהען און בעשיצען זיך הינטער די מויערן פון פּעסט. די יונגע דונאַי-פעסטונג קאָמאָרן האָט געשלאָגען די אַרמעע פון עסטרייך אונטער גענעראַל וועלדען מיט אַזאַ שטאַרקער מאַכט, דאָס דער קאָמאַנדיר האָט בע-שלאָסען אונטערצונעהמען אַ רעגולערע בעלאַגערונג און צו צווינגען דורך הונגער די בעלאַגערטע אונטערצוגעבען זיך. דעם 24טען אַפּריל האָט דער אונגאַרישער קאָמאַנדיר פערטריבען די עסטרייכער פון פּעסט און האָט פער-נומען די פעסטונג, און אין אַ קורצער צייט האָט ער בעפרייט די פעסטונג קאָמאָרן פון דער בעלאַגערונג. די בעגייסטערונג און די פרייד פון די אונ-גאַרען איבער זייער זעלטענעם ערפאָלג איז ניט געווען צו בעשרייבען. דעם 14טען אַפּריל האָבען זיי בעשלאָסען, דאָס אונגאַרן זאָל ווערען אַן אונאָפּ-הענגיגעס רייך.

דער הויף האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די גענעראַלען זיינען געשלאָגען געוואָרען איינער נאָך דעם אַנדערען און ראַדעטצקי׳ן האָט מען ניט געקענט אָפּרופען פון איטאַליען. דאַמאַלס האָט דער הויף בעשלאָסען צו טאָן אַזעלכעס, וואָס קיינער וואָלט עס ניט געגלויבט. ער האָט געבעטען הילף פון רוסלאַנד און האָט זי געקראָגען. די אונגאַרען וואָלטען אָבער דאָך געוואונען דעם קאַמף, ווען זיי וואָלטען איינגענומען די הויפּטשטאָדט וויען, וואָס־עס איז פיר זיי ניט געווען זעהר שווער. דאָס איז געווען קאָססוטה׳ס פּלאַן. אָבער גאָרגעי, דער שטאָלצער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין בעפעהלען פון דעם בירגערליכען, ניט-מיליטערישען קאָססוטה און איז מיט דער אַרמעע אַוועק נאָך אָפען אַנשטאָט צו געהן אויף וויען. דערמיט האָט דער קאָמאַנדיר פערלאָרען דעם גינסטיגען מאָמענט. די איבערמענשליכע אַנשטרענגונג פון קאָססוטה אין דיזע טעג איז געווען אומזיסט.

גאָרגעי האָט ערָאבערט אָפען און דעם 21טען מאַי איז ער מיט דער אונגאַרישער רעגירונג אַריין אין דיזע שטאָדט מיט גרויס טריאומף. אָבער קאָססוטה האָט גוט פערשטאַנען, ווי געפעהרליך עס איז געוואָרען די לאַגע פון אונגאַרן דורך גאָרגעי. די עסטרייכער האָבען דאַן געהאַט צייט צו זאַמ-

לען נייע שטרייט־קרעפטען. אונטער האינאו זיינען געשטאַנען 80,000 מאַן עסטרייכער, און די רוסען זיינען געקומען צו הילף מיט אַן אַרמעע פון 140,000 מאַן. די רעגירונג האָט בעשלאָסען פאַרלויפיג ניט צו שטרייטען מיט די רוסען, נאָר אָנצוגרייפען די עסטרייכער און אָנווענדען אַלע קרעפ־טען צו עראָבערן וויען. אָבער יעצט האָבען אַלע אַרויסגעזעהען, ווי גערעכט קאָססוטהה איז געווען מיט זיין פּלאַן. גאָרגעי איז דעם 21טען יוני ביי פּ ע ר ע ד געשלאָגען געוואָרען און האָט פערלאָרען די פעסטונג ראאב. ער האָט דאַמאָלס געשריבען נאָך פּעסט, דאָס אַלעס איז פערלאָרען. יעצט האָט קאָססוטה אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צום גאַנצען אונגאַרישען פאָלק צו בע־וואפנען זיך אין מאַסען. די פאָדערונג איז געווען, דאָס ווי מען וועט דער־הערען די שטורם־גלאָק, זאָל זיך יעדער מאַן בעוואפנען און אַריינטרעטען אין די אַרמעע. גאָרגעי האָט ערהאַלטען דעם בעפעהל צוריקצוציהען זיך פון קאָמאָרן, ער האָט אָבער דיזען בעפעהל ניט געפאָלגט. ערסט נאָך דעם, ווי ער איז שטאַרק צוקלאַפּט געוואָרען אין אַ בלוטיגען שטרייט און איז פער־טריבען געוואָרען דורך די קאַנאָנען פון קאָמאָרן, האָט ער פערשטאַנען, ווי שלעכט ער האָט געהאַנדעלט מיט זיין עקשנות.

די אונגאַרישע רעגירונג האָט שוין יעצט אויפגעגעבען בודאַפּעסט אַלס פערלאָרען. דער רייכסטאַג איז צוזאַמען מיט קאָססוטה'ן אַנטלאָפען פון דאָרט נאָך ס ע ג ע ד י ן. גאָרגעי האָט דאַמאָלס מאַרשירט נאָך אָסט, אום צו פעראייניגען זיך מיט איניגע מיליטער־אַפּטיילונגען, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען. אָבער הגם גאָרגעי האָט אויף זיין וועג געהאַט איניגע נצחונות איבער די רוסען ביי ו ו א י ט צ ע ן, איז איהם דאָך ניט געלונגען צו פעראייניגען זיך מיט די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען גע־שטאַנען ביי סעגעדין. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די איינ־צעלנע אונגאַרישע קאָרפּוסען זיינען לייכט געשלאָגען געוואָרען. דעם 31טען יולי איז גענעראַל בעם אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען אין אַ שלאַכט ביי ש אָ ס ס ב ו ר ג און די אונגאַרישע זיד־אַרמעע איז דעם 23טען יולי שטאַרק צוקלאַפּט געוואָרען אין אַ שטרייט ביי מ אַ ס ס אַ ר י ן און האָט זיך גע־נומען געהן נאָך סעגעדין. די אונגאַרישע רעזערוו־אַרמעע איז נאָך פריהער, דעם 20טען יולי, פאָלשטענדיג בעזיגט געוואָרען.

גאָרגעי איז יעצט אוועק נאָך אַראַד, און דעמבינסקי האָט ערהאַלטען אַ בעפעהל, אַז ער זאָל אויך מאַרשירען אַהין. דיזער אָבער האָט זיך גע־וואָלט פריהער פעראייניגען מיט דער בעלאַגערונגס־אַרמעע פון טעמעסוואַר און נאָכדעם געהן נאָך אַראַד צו גאָרגעי. מיט דיזער פערצעגערונג האָט

זיך בענוצט דער עסטרייכישער גענעראל האינאו און האט געצוואונגען דעמ-בינסקי'ן צו אַ שטרייט. דיזער האט געוואוסט, דאס זיינע סאָלדאַטען זיי-נען ערמידעט און עס איז אונמעגליך יעצט צו שטרייטען, דעריבער האט ער געוואָלט אויסמיידען דעם קאמף. דעם 9טען אויגוסט האט ער געמוזט איבערגעבען די אויבער־קאָמאַנדע דעם גענעראל בעם. דיזער האט זיך גלייך געוואָרפען אין דעם קאמף, וועלכער האט פערזיגעלט דעם פאל פון אונגאַרן. די אונגאַרען האבען געהאט 50,000 מאן און 120 קאַנאָנען, און די עסטרייכער מיט די רוסען האבען געהאט 70,000 מאן און 150 קאַנאָנען. אָנפאַנגס האט בעם געהאט גרויס ערפאָלג און עס האט אויסגעוויזען, דאס ער וועט זיגען. עס האט אין מיטען אויסגעפעהלט אין דער אונגארישער אַרמעע אַמוניציאָן, ווייל מען האט זי אַוועקגעשיקט נאָך אַראַד, און דער-ווייל איז צוגעקומען צו עסטרייך'ס הילף דער פירסט ליכטענשטיין מיט אַן אַרמעע, און די אונגאַרען זיינען שטאַרק געשלאָגען געוואָרען און צולאָ-פען אויף אַלע זייטען.

נאָך דיזער נידערלאַגע איז געוועזן קאָססוטה'ס פּלאַן, אז מען זאָל צו-זאַמעננעהמען דעם רעסט פון דער אַרמעע נאָך אַראַד. גאָרגעי אָבער האט דעם פּלאַן ניט געוואָלט אָננעהמען און האט געאָרדענט, אז מען זאָל זיך צוריקציהען הינטער דעם מאַראָש (טייך). ער איז אָפען אַרויס מיט גרויס האס געגען קאָססוטה און האט איהם געצוואונגען, אז ער זאָל איהם בע-שטימען אַלס מיליטערישען דיקטאַטאָר. קאָססוטה האט באַלד איינגעזע-הען, דאס אַלעס איז פערלאָרען, און איז ענטלאָפען נאָך טערקיי.

גאָרגעי האט אַלס דיקטאַטאָר ניט געוואָלט שטרייטען. ער האט גע-שריבען צו די רוסען, דאס ער וועט זיי איבערגעבען די גאַנצע וואַפען פון זיין אַרמעע, אָבער נאָר צו זיי, די רוסען, אָהן אַ שום בעדינגונג. די סאָל-דאַטען האט גאָרגעי איינגערעדט, דאס ער גיט איבער אונגאַרן צו די רוסען, וועלכע וועלען זיך נאָכדעם שטעלען געגען עסטרייך. גאָרגעי האט דערמיט גערעטעט זיין פערזאָן פון טויט־שטראף, וועלכע ער האט כשר פערדינט. די איבריגע מיליטער־בעאַמטע זיינען ענטלאָפען איבער דעם טערקישען גרענעץ, ווייל זיי האבען געוואוסט, דאס אין אונגאַרן אָדער עסטרייך ער-וואַרטעט זיי נאָר דער טויט.

די אונגאַרען האבען זיך באַלד אַרומגעזעהען ווי מען האט זיי אָפּגע-נאַרט, ווען מען האט זיי געזאָגט, דאס אונגאַרן וועט יעצט קומען אונטער דעם שוץ פון רוסלאַנד. פּאַסקיעוויטש, דער רוסישער קאָמאַנדיר, האט זיי איבערגעגעבען צום עסטרייכישען קריגס־פיהרער האינאו, און דיזער האט

אָנגעהויבען צו נעהמען פון די בעזיגטע אונגאַרען שרעקליכע ראַכע. מען האָט געשטעלט גאַנץ אונגאַרן אין בעלאַגערונגס־צושטאַנד און איבעראַל האָט מען איינגעריכטעט קריגס־געריכטען. עס זיינען באַלד פול געוואָרען אַלע געפענגניסען, און עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פּראָצעסען. אַ גרויסע מאַסע מענשען זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט, און די רעגירונג האָט קאָנפיסקירט אַלע גיטער פון די פעראורטיילטע. עס האָט די זיגער פערדראָסען, וואָס פילע פון די בעריהמטע אונגאַרען האָבען זיך געראַטעט און זיינען אַנטלאָפען אין טערקיי. רוסלאַנד און עסטרייך האָבען געפאָדערט פון טערקיי, אַז זי זאָל אַרויסגעבען די אונגאַרען, וואָס האָבען געפונען ביי איהר שוץ. אייניגע האָבען אָנגענומען דעם איסלאַם אום צו ראַטען זיך פון די רוסען און עסטרייכער. אַבדול מעדשיד האָט געשטעלט די „קריסטליכע" מעכטען פיר זייער דורסט נאָך ראַכע. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען געשטיצט טערקיי אין דיזער פראַגע פון אויסליפערונג. די אַנטלאָפענע אונגאַרען זיינען געבראַכט געוואָרען אין אינערען פון טערקיי אום צו בעשיצען זיי געגען די פערפאָלגונגען פון דער רוסישער און עסטרייכישער זייט. קאָססוטה איז אַ צייט לאַנג געבליבען אין קליין־אַזיען. ענדליך האָט איהם אַן אַמעריקאַנישעס שיף געבראַכט אין אַמעריקאַ. ער איז שוין מעהר ניט געקומען צוריק אין אונגאַרן, הגם ער איז ביז ענדע פון זיין לעבען געבליבען דער הייסעסטער מאַגיאַר (אונגאַר).

די אונמעגליכקייט צו בעשטראָפען די יעניגע פון די אונגאַרישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך געראַטעט אין טערקיי, האָט נאָך מעהר צורייצט דעם געפיהל פון ראַכע אין דעם בלוטדורסטיגען האַינאַו, און ער האָט זיין גאַנצען צאָרן אויסגעגאָסען אויף די, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין זיינע הענט. אין פעסט איז פריהער פון אַלעמען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט גראַף לודוויג בעטטהיאַני. עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז מען זאָל איהם אויפהענגען דעם 6טען אָקטאָבער. זיין ווייב האָט איהם ביי נאַכט צוגעטראָגען אַ מעסער, מיט וועלכען ער האָט זיך פערוואונדעט זיין האַלז. מען האָט איהם ניט געקענט הענגען און מען האָט איהם דערשאָסען. האַינאַו איז געוועזען אויסער זיך פון כעס, וואָס דער גראַף איז ניט געהאַנגען געוואָרען. דעם זעלבען טאָג האָט מען אין אַראַד הינגעריכטעט 13 הויכע מיליטער־בעאַמטע פון די גרעסטע אונגאַרישע פאַמיליעס. 9 פון זיי האָט מען געהאַנגען אויף 9 פערשיידענע תּליות איינעם נאָך דעם אַנדערען, און די איבריגע 4 זיינען דערשאָסען געוואָרען. דאָס זיינען אַלע

געווען פון די, וועלכע האָבען זיך צוזאַמען מיט גאָרגעי איבערגעגעבען צו די רוסען.

דעם 10טען אָקטאָבער האָט מען אין פעסט געהאַנגען דעם מיניסטער טשאַני און דעם פרייהערר פון יעסענאַק. שפּעטער האָט מען אויך גע-האַנגען דעם פּרעזידענט פון דעם אונגאַרישען מאַגנאַטען=טאַפעל (אויבער=-הויז), זיגמונד פּערעניאי, דעם דעפּוטאַט סאַטשוואי, דעם פינאַנץ=ראַט טשערינוס, דעם פירסט וואָראָניעצקי, אויך גיראָן און אַבאַנקורט.

דאָס זיינען נאָר די בעקאַנטערע נעמען. אויסער דעם איז אין גאַנץ אונגאַרן פּאָרגעקומען אין יענער צייט אַ לאַנגע רייהע פון שטראָפען: פיעלע זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט, פיעלע זיינען געוואָרפען געוואָרען אין די געפענגניסען, זעהר פיעלע מענער און פרויען זיינען עפענטליך דער-שאָסען געוואָרען. אונגעהייערע פערמעגענס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען און איבער 50,000 אונגאַרען זיינען צוגענומען געוואָרען אין דער אַרמעע אַלס פּראָסטע סאָלדאַטען.

דער פאַל פון אונגאַרן איז געווען דער לעצטער אַקט פון דער גרוי-סער רעוואָלוציאָן=דראַמאַ פון דעם יאָהר 1848, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אייראָפּאַ. רוים און ווענעציאַ האָבען זיך שוין פריהער אונטערגעגעבען. איבעראַל, אויסער אין פראַנקרייך, האָט געזיגט די רעאַקציאָן. די אידעאַ-לען פון די דעמאָקראַטען זיינען אין קיין אָרט ניט פערווירקליכט געוואָרען. איבעראַל איז עס געקומען צו אַ שענדליכען קאָמפּראָמיס צווישען די אַלטע פעאָדאַל=מעכטען און דער מעכטיג=געוואָרענער בורזשואַזיע. דער אַלטער ליבעראַליזם איז אַריבער צו די אַרבייטער, וועלכע זיינען יעצט די ריכטיגע טרעגער פון דעמאָקראַטישע אידעאַלען. די אַרבייטער האָבען זיך יעצט געמאַכט די אויפגאַבע אָפּצושאַפען דעם רעסט פון דעם אַלטען פעאָדאַליזם, וועלכען די שוואַכמוטיגע, פייגע ליבעראַלען האָבען איבערגעלאָזען.

די העברע נייסטיגע קולטור-ענטוויקלונג זינט דער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

א. פילאזאפיע.

די פערנונפט־קריטיק פון דעם גרויסען פילאזאף פון דער נייעסטער צייט, עמאנועל קאנט, איז דער לעצטער און וויכטיג־סטער קאפיטעל אין דער גאנצער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער פילאזאפיע. קאנט איז געבארען געווארען אין קעניגסבערג דעם 22טען אפריל 1724 און איז געשטארבען דעם 12טען פעברואר 1804. ער איז איינער פון די גרעסטע דענקער פון אלע צייטען. ער איז געוועזען א גרויסער נאטור־פארשער און מאטהעמאטיקער. אבער זיין הויפט גרויסקייט בע־שטעהט אין זיינע פילאזאפישע אנזיכטען. מיר מוזען אבער דערביי בע־מערקען, דאס אין זיין קלאסישען ווערק „די אלגעמיינע נאטור־געשיכטע און טהעאריע פון הימעל" האט ער צום ערסטען מאל פערזוכט צו געבען א נאטירליכע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער וועלט, און האט דערמיט גע־געבען א גלענצענדען געגען־בילד צו אלע ביזהעריגע זאגעס וועגען דער בע־שאפונג פון דער וועלט. און הגם זיינע אנזיכטען אויף דיזען געביט פון פארשונג זיינען היינט אנערקענט פיר ניט ריכטיג פון שטאנדפונקט פון די לעצטע פארשונגען, איז דאך זיין פערדינסט אין דיזער זאך זעהר גרויס, אלס דער ערסטער, וואס האט געגרינדעט דיזען סארט פארשונג אויף א ווי־סענשאפטליכען באזיס.

מיר האבען היר צו בעטראכטען קאנט'ן הויפטזעכליך אלס פילאזאף. אלס אזעלכער האט ער געמאכט אן עפאכע און האט די גאנצע מאדערנע אנשויאונג אזוי פיעל בעאיינפלוסט, ווי קיינער פאר זיין צייט, אויסער אריסטאטעלעס'ן, האט עס ניט געטהאן. אין זיין אונשטערבליכען ווערק „קריטיק דער ריינען פערנונפט", וועלכעס איז ערשינען אין יאהר 1781,

האָט ער דער ערסטער אויפגענומען די פראַגע פון דער אַרט און ווייזע פון אונזער דענקען, און האָט בעוויזען מיט גרינדליכע בעווייזען, דאָס מיר דער-קענען זאַכען ניט ווי זיי זיינען ווירקליך, ד. ה. בלויז פון אונזער ערפאַהרונג. ער ערקלערט, דאָס די בעגריפען, די בילדער, וואָס מיר האָבען פון אַ געגענ-שטאַנד, זעצען זיך פיר אונז צוזאַמען פון צווייערליי טיילען: ערסטענס פון די אייגענשאַפטען פון דעם געגענשטאַנד זעלבסט און צווייטענס פון דער

עמאַנועל קאַנט.

אַרט, ווי אונזערע חושים נעהמען דיזע אייגענשאַפטען אויף. ווען צ. ב. די מענשען וואָלטען געבאָרען געוואָרען מיט אויגען, וועלכע וואָלטען געזע-הען אַלעס אין אַ בלאָען קאָליר, וואָלט אַלעס אין דער וועלט אונז אויסגע-וויזען נאָר בלוי. עס וואָלט אונז גאָר ניט איינגעפאַלען צו זוכען די אור-זאַך פון דיזער ערשיינונג אין אונזערע אויגען. אַזוי צ. ב. שרייבען מיר צו

צו אלע זאכען די אייגענשאפטען פון אָרט, צייט און אורזאך. דיזע איי־גענשאפטען געפינען זיך ניט אין די געגענשטענדען זעלבסט, אָבער מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען א זאך אָהן אַן אָרט, אָהן א צייט און אָהן אַן אורזאך פון וואַנען עס קומט ארויס, ווייל אונזערע אייגענע גייסטיגע בע־שאפענהייט צווינגט אונז דערצו. אַלזאָ קומט אויס, דאָס מיר ווייסען ניט און פערשטעהען ניט די זאכען זעלבסט ווי זיי זיינען, נאָר מיר פערשטעהען זיי ווי זיי ערשיינען פאַר אונז.

עס האָט לאַנג גענומען ביז קאַנט'ס לעהרע איז פערשטאַנען געוואָרען ווי עס געהערט צו זיין. די ערסטע אויפלאַגע פון זיין ווערק האָט זיך קיי־נער זאָגאָר ניט געגעבען די מיה צו קריטיקירען. אָבער דער סוף איז געווען, דאָס קאַנט האָט געהאַט אַן אונגעהייערע ווירקונג אויף די פילאָזאָפיע פון דער נייער צייט. אויך די נאַטור־וויסענשאַפט, איבערהויפּט די לעהרע פון דער עמפינדונג פון אונזערע חושים, האָט געקראָגען פון קאַנט'ן דעם ריכ־טיגען שטויס. קאַנט'ס פילאָזאָפיע איז אויף אַזוי פיעל געווען א טייל פון אונזער מאָדערנעם דענקען, דאָס ווער עס וויל פערשטעהן די גייסטיגע שטרעמונגען פון אונזער צייט מוז זיך בעקענען מיט איהר.

זעהר א גרויסען איינפלוס האָט געהאַט קאַנט'ס פילאָזאָפיע אויף פיכטע. יאָהאַן גאָטליעב פיכטע איז געבאָרען געוואָרען דעם 19טען מאי 1762 אין ראַממענאַו, אָבערלאַוזיטץ, און איז געשטאָרבען דעם 27טען יאַנואר 1814. פיכטע האָט זיך געמאַכט א גרויסען נאָמען איבערהויפּט דורך זיינע פּאָליטישע שריפטען, בעזונדערס דורך זיינע „רעדען אַן דיא דייטשע נאַציאָן". „לאָזט די פרייהייט אויף א געוויסע צייט פערשוואונדען ווערען פון אונזער וועלט; לאָמיר איהר געבען אַן אָרט אין די אינערע פון אונזערע געדאַנקען, ביז עס וועט ארום אונז אויסוואַקסען א נייע וועלט, וועלכע וועט האָבען די קראַפט פאַרצושטעלען דיזע געדאַנקען אויך אויי־סערליך", האָט ער ערקלערט אין זיינע רעדעס צום פאָלק. און דיזער ציל זאָל דערגרייכט ווערען דורך אַן ערציהונג, וועלכע זאָל פיהרען צו וואהרער זיטליכקייט און פרוכטבארער זעלבסטטעטיגקייט. אין פילאָזאָפישער בע־ציהונג בעהויפּט פיכטע, דאָס צו גרונד פון אונזערע אַנשויאונגען ליגט ניט קיין זאך, וואָס עקסיסטירט אויסער אונז, ווי קאַנט האָט נאָך בעהויפּטעט. די פיעלפאַכע ערשיינונגען פון דער ערפאַהרונג ווערען געשאַפען בלויז דורך אונזער גייסט.

זעהר מיסטיש (סודות'דיג) איז די פילאָזאָפיע פון פריעדריך ווילהעלם יאָזעף שעללינג (1775—1854). פיר איהם

איז נאַטור און גייסט איינס און דאָס זעלבע. נאָך מעהר האָט ענטוויקעלט דיזע אידעע געאָרג ווילהעלם פריעדריך העגעל (1770—1831). העגעל׳ס לעהרע איז זעהר ניט קלאָר צו פערשטעהן. פיר איהם זיינען די זאַכען ניט ערשיינונגען פיר זיך, ד. ה. אַזעלכעס, וואָס האָט דעם גרונד פון זיין עקסיסטענץ ניט אין זיך, נאָר אין דער אַלגעמיינער געטליכער אידעע. דער בעסטער בעוויז פיר די אונקלאָרהייט פון העגעל׳ס לעהרע איז, דאָס עס האָבען זיך צו איהר בעקענט אַלע פּאַרטיי־ריכטונגען, פון די קאָנסערוואַטיווסטע ביז צו די ראַדיקאַלסטע. העגעל מיט זיין אונקלאָרער, מיסטישער פילאָזאָפיע האָט געבראַכט דערצו, דאָס פיעלע האָבען זיך אין גאַנצען ענטזאַגט פון פילאָזאָפיע, און דער נאָמען „פילאָזאָף" איז געוואָרען אַ שפּאָט־וואָרט. די העגעלישע שולע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף קאַרל מאַרקס מיט זיין טהעאָריע, און דעריבער איז זיין ווערק „קאַפּיטאַל" פול מיט מיסטישע אונפערשטענדליכע שטעלען. די מעהרסטע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער האַלטען נאָך יעצט העגעל׳ס פילאָזאָפיע פיר אַ געגענשטאַנד, וואָס איז ווערט צו שטודירען.

זעהר נאָהענט צו קאַנט איז געווען דער בעריהמטער פילאָזאָף אַרטהור שאָפּענהאַוער (1788—1860). אויך ער האָט צוגעשריבען די בעגריפען פון צייט, אָרט און אורזאַך מעהר צום מענשליכען פערשטאַנד איידער צו די זאַכען זעלבסט. אין מאָראַלישער בעציהונג פאָדערט ער צו האָבען מיטלייד מיט דעם אונגליק, און צו טויטען דעם ווילען צום לעבען אין אונז זעלבסט. די וועלט איז ניט די בעסטע, נאָר די ערגסטע פון אַלע מעגליכע וועלטען, וועלכע האָבען געקענט בעשאַפען ווערען. שאָפּענהאַוער׳ס לעהרע האָט זיך בעריהרט מיט דער בודדהיסטישער אידעע פון דער „נירוואַנאַ", דעם גליקליכען סוף פון די הייליגע, וועלכע זיינען געריינינגט געוואָרען דורך גייסטיגע טויטונג.

פריעדריך ערנסט דניאל שלייערמאַכער (1768—1834) האָט געהאַט מעהר איינפלוס אויף די טהעאָלאָגיע ווי אויף די פילאָזאָפיע. אין די פופציגער יאָהרען האָט זיך צופלאַקערט אַ שטרייט וועגען מאַטעריאַליזם, אין וועלכען עס זיינען געווען שטאַרק פעראינטערעסירט די גרויסע מאַסען פון פובליקום. נאָך דעם, ווי די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון העגעל און שעללינג האָבען פערלאָרען דעם גאַנצען קרעדיט, זיינען קאַרל פאָגט, יאַקאָב מאָלעשאָטט און לודוויג ביכנער אַרויס אויף אַן אָפענעם קאַמף מיט דער טהעאָלאָגיע און דער פילאָזאָפיע. מען האָט אָפּגעפרישט און ווידער געפּרעדיגט דעם

אַלטען מאַטעריאַליזם פון דעם גריכישען פילאָזאָף דעמאָקריט, עס פער-שטעהט זיך, דורכגעלייטערט דורך די נייע נאַטורוויסענשאַפטען, און מיט א ראַדיקאַלער האַנט צוריסען אַלעס, וואָס די טהעאָלאָגען האָבען אויפגע-שפּונען איבער די אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע, איבער די וועלט-בע-שאַפונג און איבער דעם אוניווערזום. איבערהויפּט האָט דער מאַטעריאַליזם

אַרטהור שאָפּענהאַוער.

פון די פופציגער און זעכציגער יאָהרען געשפּילט א צושטערענדע ראָלע. דער מאַטעריאַליזם איז איבערהויפּט געוועזען אַ ריקשריט געגען די לעהרע פון קאַנט. יעצט איז דער שטראָם פון מאַטעריאַליזם פאָריבער; אין אונזער צעהנדליג יאָהרען האָט אין די וויכטיגסטע וויסענשאַפטליכע קרייזען וויע-דער געפונען פלאַץ אַ פילאָזאָפישע ריכטונג, וועלכע פערבינדט די וויסענ-

שאַפט מיט דער קאַנטישער פילאָזאָפיע, אָבער אין די קרייזען פון די ביר־גער־ און אַרבייטער־קלאַסען הערשט נאָך דער מאַטעריאַליזם פון די פופ־ציגער יאָהרען.

ב. די וויסענשאַפטען.

זעהר גרויסע פאָרטשריטען האָבען געמאַכט די וויסענשאַפטען. **די** שפּראַך־וויסענשאַפט האָט די ערסטע געלעהרטע די ענטוויקלונגס־געשיכטע מיט ערפאָלג. די ענגלישע געזעלשאַפטען אין אָסט־אינדיען האָבען גוט אויסגעשטודירט די אינדישע שפּראַך און ליטעראַטור. נאָך זיי האָבען די פראַנצויזישע געלעהרטע שעזי און בורנוף און דער דייטשער געלעהרטער פריעדריך שלעגעל געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער געבילדעטער וועלט אויף די אוראַלטע אוצרות פון אינדיען. פריעדריך שלעגעל האָט דער ערסטער אָנגעצייגט אויף די פערוואַנדטשאַפט פון דעם סאַנסקריט (אַלטע שפּראַך פון אינדיען) מיט פיעלע אַנדערע שפּראַכען, וואָס זיינען אונז בעקאַנט, און האָט דערביי געצייגט, וואָס פיר וויכטיגע ענטדעקונגען מען קען מאַכען דורך פערגלייכענדען שטודיום. פראַנץ באָפּפּ (1791—1867) האָט גענומען ערנסט אַרבייטען אין דיזער ריכטונג און האָט געמאַכט פיעלע ענטדעקונגען. אין יאָהר 1816 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בוך אונטער דעם טיטעל „דאָס קאָניוגאַציאָנס־סיסטעם דער סאַנסקריט־שפּראַכע, אין פערגלייכונג מיט יענעם דער גריכישען, לאַטיינישען, פּערסישען אונד גערמאַנישען שפּראַכען" (1816). אין דיזען בוך האָט ער צום ערסטען מאָל געגעבען אַ בעגריף פון די געזעצען, נאָך וועלכע אַ בעשטימטע שפּראַך איז געבויט געוואָרען און האָט זיך ענטוויקעלט.

פון באָפּפּ אָן האָט די שפּראַכוויסענשאַפט זיך זעהר שטאַרק ענטוויקעלט. דיזע ענטוויקלונג פון דער שפּראַך־קענטניס האָט פיעל געהאָלפען ריכטיג צו פערשטעהן די פּסיכאָלאָגיע פון פעלקער און זייער געשיכטע. מיט ספּעציעל גערמאַנישע שטודיען האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט גרויס ערפאָלג די ברידער גרימם.

אַ נייע וויסענשאַפט, וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען אין לעצטען יאָהר־הונדערט, איז די געאָלאָגיע. דער צוועק פון דיזער וויסענשאַפט איז צו ערפאָרשען די אורגעשיכטע פון דער ערד. אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהר־הונדערט האָבען זיך געפונען צוויי שולען, וועלכע האָבען וועגען דיזען געגענשטאַנד געהאַט צוויי פערשיידענע טהעאָריען. איין שולע האָט געלעהרט, דאָס די ערד האָט אימער געענדערט איהר פאָרמע דורך די מאַכט פון וואַ־

סער, און די אַנדערע, דאָס אין דער אומגעשטאַלטונג פון דער ערד האָט גע-
שפּילט די הויפּט=ראָלע פייער. אָבער דער ענגלישער געלעהרטער סער
טשאַרלס ליעלל (1797—1875) האָט דיזע מיינונגען אין גאַנצען
פערוואָרפען און האָט בעוויזען מיט אותות ומופתים, דאָס עס איז מיט דער
ערד ניט פאָרגעקומען קיין פּלוצליכע פערענדערונגען דורך אַ מבול און דורך
וואָלקאַנישע פייערן, נאָר זי האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט אין פערלויף
פון טויזענדער און טויזענדער יאָהרען, ווי זי ענטוויקעלט זיך היינט לויט
געוויסע אורזאַכען. דערמיט איז צום ערסטען מאָל בעזייטיגט געוואָרען די
לעהרע וועגען די צייט=פּעריאָדען פון דער בעשאַפונג און וועגען די גרויסע
ערד=אומגעשטאַלטונגען, און די געאָלאָגיע איז אַרויף אויף אַ נייעם וועג פון
ענטוויקלונג.

די פערבעסערונג פון דעם טעלעסקאָפּ האָט פיעל געהאָלפען צו דער ענט-
וויקלונג פון דער אַסטראָנאָמיע. אין דיזער הינזיכט האָט דער גע-
לעהרטער פראַונהאָפער זעהר פיעל אויפגעטאָן. ווילהעלם
הערשעל (1792—1871) איז געווען כמעט אַזאַ גרויסער אַסטראָנאָם ווי
ער. אין דער טהעאָרעטישער אַסטראָנאָמיע האָבען די פראַנצויזישע מאַטהע-
מאַטיקער אויפגעטאָן פיעל וויכטיגע נייעס. לאַגראַנזש (1736—1813)
האָט בעשאַפען די בעריהמטע וואַריאַציאָנס=רעכנונג און אַנאַליטישע מעכאַ-
ניק. פּיערר סימאָן לאַפּלאַס (1749—1827) האָט געגעבען דער
וועלט זיין בעריהמטעס ווערק „די הימלישע מעכאַניק", וועלכע האָט איהם
געשטעלט אויף איין שטופע מיט קופּערניק'ען און ניוטאָן'ען. לאַפּלאַס האָט
אויך זעהר פיעל געטאָן פיר די טהעאָריע פון די קאָמעטען. געשטיצט אויף
זיינע פּרינציפּען האָט האַללעי בעוויזען דורך געוויסע רעכנונגען, דאָס
די קאָמעטען געהערען צו אונזער זונען=סיסטעם.

איינע פון די ריהמליכסטע טאַטען פון אונזער צייט איז די ענטדעקונג
פון דעם פּלאַנעט נעפּטון. לעווערריער (1811—1877) האָט בערע-
כענט פון די שטערונגען, וואָס דער פּלאַנעט אוראַנוס האָט געליטען אויף זיין
וועג, דאָס עס מוז זיך געפינען נאָך אַ שטערן, פון וועלכען מיר האָבען נאָך
ביז יעצט ניט געוואוסט, און דיזער אונבעקאַנטער שטערן האָט עס פער-
שאַפט די שטערונגען אין דעם גאַנג פון דעם פּלאַנעט אוראַנוס. און דער
אַסטראָנאָם גאַללע אין בערלין האָט ווירקליך געפונען אין הימעל יענעם
אונבעקאַנטע שטערן, וועלכען מען האָט אַ נאָמען געגעבען נעפּטון. די
ענטדעקונג פון דער ספּעקטראַל=אַנאַליזע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען דורך
קירכהאָף און בונזען, האָט זעהר פיעל בייגעטראָגען צו דער בע-

רייבערונג פון די אַסטראָנאָמישע קענטניסען. דורך דיזע ענטדעקונג איז די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט געוואָרען אין שטאַנד אויסצוגעפינען און בע־שטימען דעם שטאָף, פון וועלכען זאָגאַר די וויטעסטע שטערן זיינען צוזאַ־מענגעשטעלט.

די פּאָרטשריטען פון דער אַסטראָנאָמיע זיינען ענג פערבונדען מיט די פּאָרטשריטען, וואָס די פיזיק און די מאַטהעמאַטיק האָבען געמאַכט אין דער זעלבער צייט. אויף דעם געביט פון דער פיזיק איז זעהר מערקווירדיג די לעהרע פון עלעקטריציטעט, וועלכע האָט געמאַכט ריזען־פּאָרטשריטען. אין יאָהר 1789 איז מיט אַ צופאַל ענטדעקט געוואָרען דער גאַלוואַניזם. אויף דיזען פונדאַמענט האָט וואָלטאַ (1745—1827) געבויט די ערסטע גאַל־וואַנישע זייל, און דורך דיזע זייל האָט ער געצייגט אַ שטענדיג פליסענדען עלעקטרישען שטראָם. אָהם האָט צום ערסטען מאָל בערעכענט די קראַפט פון די שטראָמען מיט זיין בעריהמטען געזעץ. אערשטעט און אַמ־פּער האָבען ענטדעקט די אָפּווייכונג פון אַ מאַגנעט־נאָדעל דורך אַן עלעק־טרישען שטראָם (די ווירקונג פון עלעקטריציטעט אויף דעם מאַגנעטיזם פון דער ערד), און פּאַראַדעי האָט ענטדעקט די אינדוקציאָן (ערצעגונג פון עלעקטרישע שטראָמען אין אַ געגענשטאַנד דורך די איינווירקונג פון אַן אַנדערען עלעקטרישען שטראָם). דערמיט זיינען געשאַפען געוואָרען די וויכ־טיגסטע גרונדלאַגען פון דער עלעקטריציטעט־לעהרע און דער באָדען איז גע־וואָרען פּאָרבערייטעט פיר אונזער וואונדערבאַר־ענטוויקעלטע עלעקטראָ־טעכניק.

אין טהעאָרעטישער בעציהונג איז דאָס וויכטיגסטע די ענטדעקונג פון דעם פּרינציפּ פון דער ערהאַלטונג פון דער קראַפט. לויט דיזען פּרינציפּ ווערט די קראַפט אָדער, ווי די פיזיקער רופען עס, די ענערגיע ניט פערלאָרען אין דער וועלט, נאָר זי געהט איבער פון איין געגענשטאַנד אין אַן אַנדערען אין פערשיידענע פאָרמעס. דיזער פּרינציפּ איז יעצט אָנערקענט געוואָרען פון אַלע פיזיקער און איז צום ערסטען מאָל אויסגעשפּראָכען געוואָרען פון ראָבערט מאַיער פון הייַלבראָנן אין 1840, און אונאָפּהענגיג פון איהם זיינען געקומען אויף דיזען געדאַנק אויך דזשאול אין ענגלאַנד און העלמהאָלטץ אין דייטשלאַנד.

די כעמיע האָט אויך געמאַכט אויסערגעוועהנליכע פּאָרטשריטען. זי האָט זיך ענטוויקעלט איבערראַשענדער ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען. די בעגרינדער פון דער נייער כעמיע זיינען: פּריעסטלעי, שעעלע און לאַוואָאזיער. דאַלטאָן און בערצעליוס האָ־

בען געשאַפען פיר דיזע וויסענשאַפט אַ טהעאָרעטישען פונדאַמענט דערמיט, וואָס זיי האָבען צוגעפּאַסט די אַלטע לעהרע פון דעמאָקריט וועגען די אַטאָמען צו דער מאָדערנער כעמיע. זעהר גרויסע פערדינסטען אין דיזער וויסענשאַפט האָבען זיך ערוואָרבען די געלעהרטע: מיטשערליך, הומפרי דעווי, פאַראַדעי און אַנדערע. פון די וויכטיגסטע פאָרשונגען אין דער כעמיע איז די אונטערזוכונג פון די אָרגאַנישע קערפּערם.

פיערר סימאָן לאַפּלאַס.

נאָך דיזע אונטערזוכונגען איז בעוויזען געוואָרען, דאָס עס איז ניטאָ קיין שייד־וואַנט, וואָס טיילט אָפּ לעבעדיגע זאַכען פון ניט־לעבעדיגע. דער גרעסטער ענטדעקער אין דער אָרגאַנישער כעמיע איז געוועזן ליעבליגג (1873—1803). דורך זיינע ענטדעקונגען אויף דעם געביט פון אַקערבוי־כעמיע אַליין האָט ער אויפגעטאָן פיר די מענשהייט מעהר ווי אַלע גרויסע שטאַאַטסמענער צוזאַמענגענומען.

די ארגאנישע כעמיע האט פיעל בערייכערט די פיזיאלאגיע, ד. ה. די לעהרע פון דעם לעבען פון לעבעדיגע בעשעפעניסען און זייערע אר־גאנען. יעצט האט מען אויך געקענט אנהויבען איבערטראגען די געזעצען פון דער טויטער וועלט (מינעראלען) אויף די לעבעדיגע וועלט. אין א קור־צער צייט זיינען די עקספערימענטען אין דער פיזיאלאגיע געבראכט געווא־רען צו א הויכער שטופע פון פאלקאמענהייט. יאהאננעס מיללער (1809—1858) איז געוועזן איינער פון די ערסטע, וואס האבען בעגרינדעט די נייע פיזיאלאגיע. אויף דעם וועג, וואס ער האט געמאכט, זיינען געגאנ־גען ווייטער די בעריהמטע פיזיאלאגען פון דער נייערער צייט לודוויג און דיובוא־רעימאנד. דיזער לעצטער האט געווידמעט זיין לעבען צו ערפארשען און ערקלערען די טעטיגקייט פון די מוסקעלן און די נערווען. פיר די לעהרע פון די עמפינדונגען (פיהלונגען) פון די חושים האט העלמ־האלטץ געמאכט אן עפאכע. א זעהר וויכטיגער צווייג פון דער פיזיא־לאגיע איז די עקספערימענטאלע פסיכאלאגיע, וועלכע אונטערזוכט אויך די גייסטיגע טעטיגקייט פון מענשען אונטער עקספערימענטען. דער בעגרינ־דער פון דיזען וויסענשאפטס־צווייג איז פעכנער. זיינע לעהרען זיינען ווייטער ענטוויקעלט געווארען פון וואונדט.

פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פיר אונזער נייעם בעגריף וועגען דער וועלט איז געוועזן די זאאלאגיע, אדער די לעהרע פון די טיערען (חיות). צו ענדע פון 18טען יאהרהונדערט האט מען זעהר זארגפעלטיג בע־ארבייט דעם רייכען אנגעזאמעלטען זאאלאגישען מאטעריאל דורך פערגליי־כענדע אנטאמיע, וועלכע איז פארבערייטעט געווארען דורך די פראנצוי־זישע געלעהרטע לאמארק, זשעאפפרוא סעינט הי־לעיר און קיוביער. דיזער לעצטער (1769—1832) האט צום ער־סטען מאל בענוצט צום איינטיילען די פערשיידענע חיות אין קלאסען ניט נאר דורך אויסערליכע צייכענס, נאר ער האט אויך צוגעצויגען די גאנצע אינערליכע ארגאניזאציאן. אויסער דעם האט ער געלעהרט, דאס די טיערען פון דעם נידריגסטען ביז צו דעם מענשען בילדען ניט אלע איין איינציגע שטייגענדע רייהע, נאר דאס די גאנצע טיערען־וועלט איז צוזאמענגעזעצט פון פערשיידענע טיפען (פארמעס). די פערשטיינערטע חיות, וועלכע מען געפינט אין דער ערד, האט קיוביער ריכטיג בעטראכט אלס רעסטען פון די טיערען פון א פריהערדיגער וועלט. גראדע ווי די פערשיידענע שיכטען פון דער ערד גיט אונז די מעגליכקייט צו אונטערשיידען פערשיידענע פעריאדען פון דער ערד־געשיכטע, אזוי לעהרען אונז די פערשטיינערונגען אויף די

פערשיידענע פעריאָדען פון די פלאַנצען און חיות פון אונזער ערד. יעדע וועלט־פעריאָדע האָט געהאַט איהרע בעזונדערע טיערען און פלאַנצען. די עלטעסטע פעריאָדען האָבען געהאַט טיערען און פלאַנצען וועניגער ענטוויקעלט פון די שפּעטיגערע, צו אונז נעהענטערע פעריאָדען. דער מענש איז ערשינען ערסט אין דער לעצטער פעריאָדע פון דער וועלט־ענטוויקלונג. דאָס ענדע פון יעדער פעריאָדע איז געקומען דורך אַ וועלט־איבערקעהרעניס, דורך אַ מבול אָדער דורך אַ וואולקאַנישען פייער. אויף דעם ניי־געשאַפּע-

קיובֿיער.

נעם באָדען איז ענטשטאַנען אַ נייע וועלט פון חיות מיט אונפערענדערליכע מינים.

געגען דיזער לעהרע פון קיובֿיער איז אַרויס לאַמאַרק (1744—1829). ער גלויבט, דאָס אויף דער ערד זיינען גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין פּלעטצליכע איבערקעהרעניסען פון פייער אָדער וואסער, נאָר דאָס אין אָנפאַנג האָט זיך פון אַ געוויסער אונבעקאַנטער אורזאַך געבילדעט פון די פערשיידענע מינעראַלען אַ זעהר איינפאַכע נידריגע לעבעדיגע בע-

שעפּנים. פון דיזער ערסטער איינפאַכער בריאה האָבען זיך לאַנגזאַם, אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען, געבילדעט מעהר און מעהר פאָלשטענדיגע בעשעפּניסען ביז עס איז געקומען צו דעם מענשען, דיזע העכסטער בעשעפּנים אין דער וועלט פון בעלי חיים. צווישען די אורזאַכען פון דער פערענדערונג און פערפאָלקאָמונג פון טיערען האָט לאַמאַרק בעטאָנט אויף די שטענדיגע בענוצונג אָדער ניט־בענוצונג פון אַן אָרגאַן.

אָבער קיוביער׳ס טהעאָריע איז געווען אין יענער צייט אַזוי ווייט פּאָפּולער, דאָס דיזע אַנזיכטען און מיינונגען פון לאַמאַרק האָבען זי ניט געקענט צוטרייסלען. ענדליך אָבער איז ערשינען דער ענגלענדער **טשארלז דארווין** (1809—1882) און האָט מיט זיינע גלענצענדע עקספּערימענטען בעוויזען די ריכטיגקייט פון לאַמאַרק׳ס טהעאָריע, נעמליך, דאָס עס האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט איין מין בעשעפּנים פון אַן אַנדערען, פון אַ נידריגען צו אַ העכערען, ביז עס איז געקומען צו דער שטופּע פון אַ מענשען. קיין וויסענשאַפטליכעס ווערק האָט ניט געמאַכט אַזאַ רושם אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט ווי דאַרווין׳ס בוך „איבער די ענטשטעהונג פון די אַרטען" (ווי אַזוי עס זיינען אַרויסגעקומען אין דער וועלט פערשיידענע מינים חיות און פלאַנצונגען), וועלכעס איז ערשינען אין יאָהר 1859. יעצט איז דיזע לעהרע אַזוי אָנגענומען אין דער וועלט, דאָס זי האָט ניט כמעט קיין איין געגנער.

הגם די טהעאָריע פון לאַמאַרק און דאַרווין איז איינע און די זעלבע, איז אָבער דאַרווין געגאַנגען אין דיזע פאָרשונג פיעל ווייטער און טיפער. ער האָט בעוויזען, דאָס עס הערשט אין דער נאַטור אַ שטענדיגער קאַמף פיר די עקסיסטענץ, און פון דיזען קאַמף קומען אַרויס די זיגער אימער די שטאַרקערע און די שוואַכערע געהען אונטער, און אין דעריין בעשטעהט דער גאַנצער סוד פון ענטוויקלונג און פּראָגרעס אין דער וועלט. לויט די געזעצען פון נאַטירליכער ירושה גיבען איבער די עלטערן פון יעדער שטאַרקערער בעשעפּנים זייערע גוטע אייגענשאַפטען צו זייערע נאָכפאָלגער, און מיט דיזען אופן ווערען געבאָרען אין דער וועלט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקערע און פאָלקאָמענערע בעשעפּניסען. און אַזוי בילדען זיך און קלייבען זיך ביסלאַכווייז אָן אונטערשיידען, און פון די פריהער גלייכע איינצעלנע בעשעפּניסען ווערען פערשיידענע מינים.

דאַרווין האָט געהאַט פיעלע געגנער צו זיין טהעאָריע. אָבער דורך די נייע לעהרע פון עמבריאָלאָגיע (די לעהרע, ווי דאָס איי אָדער די זאָמען ווערען ענטוויקעלט און בילדען אַ לעבעדיגעס וועזען), איז דאַרווין׳ס טהע-

אָריע פון דער ענטשטעהונג פון די פערשיידענע מינים אויף דער וועלט פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַזוי דאָס קיינער צווייפעלט שוין יעצט מעהר ניט אין איהר ריכטיגקייט. פריהער האָט מען געגלויבט, דאָס די לעבעדיגע בע־שעפנים איז שוין אין דעם איי אָדער אין דעם זאַמען פאָרגעבילדעט מיט אַלע אָרגאַנען (אברים) און אין מוטערלייב ענטוויקעלט עס זיך בלויז. ווען מען האָט אָבער פערגליכען די עמבריאָס פון פערשיידענע שטאַמען פון חיות האָט זיך אַרויסגעשטעלט, דאָס דער עמבריאָ ווידערהאָלט די ענטוויקלונג, וועלכע זיין מין האָט דורכגעמאַכט אין מיליאָנען יאָהרען. דאָס איז דאָס בעריהמטע „ביאָגענעטישע גרונד־געזעץ" (געזעץ פון לעבענס־ענטוויקלונג), וועלכעס איז ענטדעקט און בעגרינדעט געוואָרען פון **האֶקקעל**, דעם ערפאָלגרייכסטען בעגרינדער פון דאַרווין'ס טהעאָריע.

צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע האָט זיך אויך ענטוויקעלט די **פּאַטהאָלאָגיע**, אָדער די לעהרע פון קראַנקהייטען. צוערסט האָט זיך דיזע לעהרע ענטוויקעלט אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, דאַן אויך אין דייטשלאַנד. דייטשלאַנד האָט פיעל בייגע־טראָגען צום זיג פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, איבערהויפט **ווירכאָוו**, וועלכער האָט בעשאַפען די פּאַטהאָלאָגישע אַנאַטאָמיע. די ער־פאָלגען, וועלכע די **באַקטעריאָלאָגיע** (פאָרשונג איבער באַקטעריען אָדער באַצילען) האָט אויפצואווייזען, איבערהויפט דורך די פאָרשונגען פון **ראָבערט קאָך**, ווי אויך די פאָרטשריטען אין היגיענע (געזונדהייטס־לעהרע), האָבען אויפגעהויבען די מעדיצין זעהר הויך. מיט שטאָלץ קענען די דאָקטוירים פון היינט זיך ריהמען, דאָס זיי זיינען אין שטאַנד אָפּצו־האַלטען פערוויסטענדע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען אָדער וועניגסטענס צו בעשרענקען זיי אויף געוויסע ערטער און ניט לאָזען זיי פערשפּרייטען זיך ווייטער.

אויך די **פּאָליטישע עקאָנאָמיע** האָט געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען אין דיזער צייט. די עקאָנאָמישע צושטענדען פון אַ פאָלק זיינען ניט אין אַלע צייטען די זעלבע, ווייל זיי זיינען אָפּהענגיג פון צייט־ליכע אומשטענדען. דער ענגלישער געלעהרטער **אַדאַם סמיטה** (1723—1790) האָט געגעבען די טהעאָריע פיר עקאָנאָמישע צושטענדען פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער פעריאָדע. ער בעהויפּטעט, דאָס די אַר־בייט איז די הויפּט־קוועלע, פון וועלכער אַ פאָלק שעפּט אַלע זיינע לעבענס־בעדערפניסען. די אַרבייט ווערט פעהיג צו פּראָדוצירען מעהר, ווען זי ווערט געטיילט, און יעדער טייל ווערט בעאַרבייט פון אַ בעזונדער גרופּע

אַרבייטער. און דיזען פּרינציפּ האָט ער פעסטגעשטעלט מיט אַרגומענטען, וועלכע מען קען ניט אומוואַרפען. דער ווערט פון דער וואַארע, לויט סמיטה'ס טהעאָריע, ווערט געמאָסטען נאָך דער אַרבייט, וואָס איז געברויכט גע-וואָרען אויף צו מאַכען די וואַארע. „די אַרבייט", זאָגט ער, „איז די



טשאַרלז דאַרווין.

ווירקליכע מאָס, וועלכע בעשטימט דעם טויש=ווערט פון אַלע וואַארען". דער צוואוואַקס פון קאַפּיטאַל נעהמט זיך דערפון, וואָס איינער לעגט אריין אַ קאַפּיטאַל צו קויפען מאַטעריאַל און צו דינגען אַרבייטער מיט דעם צוועק און אויף די בעדינגונגען, דאָס אַ טייל פון דעם ווערט פון זייער אַרבייט

זאָל ער נעהמען פיר זיך. רענט ענשטעהט דאַן, ווען דער באָדען פון א לאַנד ווערט פּריוואַט־אייגענטום. „די גרונד־הערן, ווי אַלע מענשען", זאָגט ער, „ווילען שניידען דאָרט, וואו זיי האָבען גאָרניט געזעעט, און פערלאַנגען רענט זאָגאַר פיר דעם פריייוויליגען פּראָדוקט פון באָדען".

סמיטה לויבט זעהר דעם נייעם קאַפּיטאַליזם. ער האָט אין זיין צייט געזעהען נאָר די גוטע זייט פון דער נייער פּראָדוקציאָן. ווען ער וואָלט גע־קענט און געוואוסט אויך די שרעקליכע צרות פון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָלט ער געוויס ניט אַזוי געטאַדעלט די אַלטע איינריכטונגען און אָרדנונגען, וועל־כע האָבען דאָך פערשאַפּט דעם אַרבייטער שוץ אין פיעלע הינזיכטען. אין דער זעלבער צייט האָט אויפגעטרעטען דער סאָציאַליזם אַלס פּראָטעסט פון דער אַרבייטער־קלאַס געגען די עקספּלואַטאַציאָן פון קאַפּיטאַל און אַלס אויסדרוק פון דעם פערלאַנג פון די אַרבייטער פיר א בעסערע אָרדנונג. פון יענער צייט אָן האָט די סאָציאַלע פראַגע ניט אויפגעהערט צו פערנעהמען א וויכטיגען אָרט אין דעם עפענטליכען לעבען. דער ערסטער האָט אָנגע־הויבען צו בעהאַנדלען דיזע פראַגע אויף א ווירקזאַמע אַרט ט ה אָ מ אַ ס ראָ ב ע ר ט מ אַ ל ט ה ו ס (1766—1834). ער האָט מיט זיינע פאָרשונ־גען פעסטגעשטעלט א געזעץ, דאָס די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך אין א געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע, ד. ה., דאָס פון 2 מענשען ווערען וועניגסטענס 4, פון 4 — 8, פון 8 — 16 או. אז. וו., אָבער די נאַהרונגס־מיטלען פער־מעהרען זיך נאָר אין אַריטהמעטישער פּראָפּאָרציע, ד. ה., דאָס פון 2 מאָס זאַמען ווערען נאָר 3, פון 3 — 4 או. אז. וו. מיט אַנדערע ווערטער, די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך פיעל גיכער ווי די נאַהרונגס־מיטלען. אַלס רפואה צו דעם האָט מאַלטהוס געראַטען, דאָס די מענשהייט זאָל זעהן אָנ־ווענדען אַלע מיטלען צו האָבען וועניגער קינדער, ווען ניט וועט די מענש־הייט מיט דער צייט אויסשטאַרבען פון הונגער, אָדער עס וועלען פּאָרקומען גרויסע קאַמפּען וועגען לעבענסמיטלען.

צו דער שולע פון אדאַם סמיטה געהערט אויך ד אַ ו ו י ד ר י ק אַ ר־ד אָ (1772—1823). ער האָט פעסטגעשטעלט דאָס געזעץ, אַז די ריכטיגע אָפּשאַצונג פון פערשיידענע וואַרען ביים טוישען איין סאָרט אויף דעם אַנדערען קען און מוז זיין נאָר די מאָס פון אַרבייט, וואָס ווערט געברויכט צו פּראָדוצירען די אָדער יענע וואַרע. א גרויסע בעדייטונג האָט ערהאַל־טען ריקאַרדאָ'ס טהעאָריע וועגען רענט. דיזע דאַרף בערעכענט ווערען לויט דעם ריוח, וואָס דער פאַכטער קען ערוואַרטען פון זיין בעאַרבייטען דעם גרונד, נאָך דעם ווי אַלע הוצאות זיינען שוין געדעקט געוואָרען. ווען די

בעפעלקערונג ווערט פערמעהרט, דאַן ווערט אויך גענומען ערגערער באָדען, וועלכער פאָדערט מעהר הוצאות אויף פּראָדוצירען און דאָך ווערט ניט פּראָ-דוצירט אַזוי פיעל ווי פון אַ גוטען באָדען. די רענט מוז אַלזאָ גערעגעלט ווערען נאָר דורך די גרויס פון די הוצאות און דעם בעטראַג פון ריינעם ריוח. ריקאַרדאָ האָט ווייטער געלעהרט, דאַס דער פּרייז פון לוין־אַרבייט מוז בע-שטימט ווערען דורך דעם פּרייז פון די וואַארען, וועלכע זיינען נעטיג פיר דעם אונטערהאַלט פון אַרבייטער. דיזעס געזעץ איז בעוואוסט אַלס „דאַס אייזערנע לוין־געזעץ".

נאָך מאַלטהוס און ריקאַרדאָ זיינען אויפגעטרעטען איינינע וועניגער בעדייטענדע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען פערברייטעט און ערקלערט די טהעאָריען פון דיזע צוויי געלעהרטע. פון דיזע זיינען געווען מ׳קול-לאָק (1779—1864), נאַססאַו וויללּיאַם סעניאָר (1790—1864), ראָבערט טאָררענס (1780—1864), דזשאָהן סטיוּאַרט מילל (1806—1873) און נאָך אַנדערע. איבערהויפּט האָט מילל זיך פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען אין דער וויסענ-שאַפט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

עס איז זעהר נאַטירליך, דאָס די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט זיך צום ערסטען ענטוויקעלט אין ענגלאַנד, ווייל אין דיזען לאַנד האָט זיך אויך צו-ערסט ענטוויקעלט די קאַפּיטאַליסטישע אַרט פון פּראָדוקציאָן. אין אַלע אַנדערע לענדער איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויפגענומען געוואָרען פיעל שפּעטער, און דאָרט איז דיזע לעהרע אָנגענומען געוואָרען ווי עס האָבען זי דאַרגעשטעלט אַדאַם סמיטה און ריקאַרדאָ. איבערהויפּט האָבען די פראַנ-צויזישע שריפטשטעלער אין גאַנצען אָנגענומען דיזע לעהרען פון די ענג-לישע דענקער. אין דער דאַרשטעלונג פון דעם געגענשטאַנד האָט זיך קיי-נער ניט געקענט פערגלייכען מיט די פראַנצויזישע שריפטשטעלער, אָבער זיי האָבען קיין אָריגינעלעס ניט געשאַפען. די בעקאַנטעסטע נעמען אויף דיזען געביט זיינען: זשאַן באַפּטיסט סעי (1767—1832), סימאָנדע דע סיסמאָנדי (1773—1842), שאַרלעס דונאָיער (1786—1862) און פריעדריך באַסטיאַט (1801—1850). אויך דייטשלאַנד האָט זעהר פיעל נאַכגעהונקען, אָבער מען קען זאָגען, דאָס די דייטשע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען האָבען מעהר פּרע-טענזיע אויף אָריגינאַליטעט.

דייטשלאַנד איז די וויג פון דער היסטאָרישער שולע, וועלכע ערקלערט די גאַנצע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אַלס היסטאָרישע נויטווענדיג-

קייט. דער גרינדער פון דיזער היסטאָרישער שולע איז ווילהעלם ראָשער, אַ מאַן פון אונגעהייערער געלעהרזאַמקייט. צו דער היסטאָרישער שולע געהערען אויך הילדעבראַנד און קניעס. אין דער נייער צייט זיינען די הויפּט־פערטרעטער פון דיזער שולע: לויאָ ברענטאַנאָ, אַדאָלף. העלד, אַלבערט שאָפּפלע, גוסטאַוו שאָנבערג און אַדאָלף וואַגנער.

איבער די דייטשע סאָציאַליסטען, ווי אויך וועגען סאָציאַליסטען פון אַנדערע לענדער, וועלען מיר רעדען אין אַן אַנדער אָרט.

ג. די ליטעראַטור און קונסט.

אין דער צייט פון פראַנצויזישען קייזערטום איז פראַנקרייך געווען בעשעפטיגט מיט אונאויפהערליכע קריגען און עס איז איינפאַך ניט געבליבען קיין צייט פיר פּאָעזיע און שענע ליטעראַטור. די ווייניגע מיטעלמעסיגע טאַלאַנטען האָבען זיך געשטעלט אין דינסט פון קייזער. נאָר דער בעדייטענדסטער גייסט פון יענער צייט איז געשטאַנען אין לאַגער פון דער אָפּאָזיציאָן. דאָס איז געווען אַ פרוי לואיזע זשערמען דע סטאַעל (1817—1766). אין איהרע ראָמאַנען „דעלפינע" און „קאָרינע" האָט זי אַרויסגעוויזען אַ שאַרפען פערשטאַנד, אַ לעבעדיגען גייסט און אַן ענטהוזיאַסטישען געפיהל. אין אַ פיעל העכערען גראַד האָט זיך עס אַרויסגעוויזען אין איהר בוך „איבער דייטשלאַנד". אין דיזען בוך האָט זי אָנגעוויזען אויף די הויכע בעדייטונג פון דעם טיפען געמיט און פון דעם אידעאַלען געדאַנקען־שוואונג פון די בעסטע גייסטער פון דייטשלאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך אַזוי ווי אין דייטשלאַנד די ראָמאַנטישע שולע. דער הויפּט־פיהרער פון דיזער שולע איז געווען פראַנסואַ אויגוסט וויקאָמט דע שאַטאָבריאַנד (1848—1768), וועלכער האָט מיט זיין זאַנפטער מעלאַנכאָליע און רעליגיעזער עמפינדליכקייט געטראָפען דעם געשמאַק פון זיין צייט. נאָך שאַרפער האָט זיך בעוויזען דער קריסטליכער גייסט ביי אַלפאָנס דע לאַמאַרטין (1869—1790). לאַמאַרטין איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דער רעאַקציאָן; ער האָט זיך ניט אַריינגעלאָזען אין טיפע געדאַנקען און איז ניט געווען פעהיג פיר אַ וואַהרע בעגייסטערונג. אין זיינע ווערק זיינען פעראייניגט עלעגאַנטע פאָרמע און אונדייטליכקייט פון אינהאַלט.

מיר האָבען עס שוין פריהער בעטראַכט אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון פראַנקרייך, דאָס דער ווידערשטאַנד פון דעם ליבעראַלען בירגערטום צו דער רעגירונג פון די בורבאָנען איז געוואָרען שאַרף אויסגעדריקט אין די ווערק פון בעראַנזשער (1780—1857), וועלכער האָט פערשפּאָטעט אין זיינע פּאָליטישע לידער די בורבאָנען מיט אַלעס, וואָס איז מיט זיי גע-זוען פערבונדען. דער גרויסאַרטיגסטער דיכטער, וועלכען די מאָדערנע פראַנקרייך האָט ארויסגעגעבען, איז וויקטאָר הוגאָ (1802—1885). ער האָט פעראייניגט אין זיך מוט און פייער מיט אַ שטאַרקען קאַל-טען פערשטאַנד. זיין פּאָעטישער גייסט אין זיינע בילדער ווירקליך אונ-געוועהנליך, אָבער זיין וועלט־אַנשויאונג און וועלט־קענטניס זיינען זעהר ניט קלאָר. אויסער זיינע געדיכטען זיינען מעהר פון אַלע אַנדערע בעקאַנט זיינע ווערק: „קראָמוועלל“, „הערנאַני“ און „מאַריע טודאָר“ (דראַמען), און פון זיינע ראָמאַנען זיינען בעריהמט: „אונזער דאַמע פון פּאַריז“, „די אָרימע און די עלענדע“ און „די מעער־אַרבייטער“.

דער דיכטער אַלפרעד דע מוססעט (1810—1857) שטעלט פאָר אין זיינע דיכטונגען דעם זיטליכען באַנקראָט פון זיין צייט. שוין זיינע ערסטע שריפטען, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל, מאַכען אויף די לעזער אַן אָפּשטויסענדען איינדרוק, הגם זיי צייגען קלאָר ארויס זיינע אונגעוועהנליכע בעגאַבונגען. זיי דריקען אויס אי-בערזעטיגונג פון תאוות, אַ לעערעס הערץ און קראַנקהאַפטע, צופיל צורייצטע חושים. עס מערקט זיך שוין אין דיזע שריפטען יענער שוואַכמוטיגער וועלט־שמערץ, וועלכער האָט פערלאָרען דעם גלויבען אין יעדע העכערע שטימונג פון דעם מענשליכען הארצען. דאָס בעסטע ווערק פון דיזען דיכטער איז „ראָללאַ“ (1833). די פּאָעטישע שענהייטען אין דיזען ווערק זיינען זעהר אָפט ענטציקענד, אָבער דאָך איז דער איינדרוק ניט אַזעלכער, וואָס בע-פרידיגט דעם לעזער.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך ענטוויקעלט אַן אונגעהייערע אונ-טערהאַלטונגס־ליטעראַטור, פון וועלכער זעהר וועניג האָט אַ ווערט פיר די שפּעטערע דורות. זי האָט נאָר אַ ווערט פיר דעם שרייבער פון קולטור־גע-שיכטע, ווייל אין איהר שפּיגעלט זיך אָפּ די שטימונג פון דעם דאַמאָלדיגען בירגערטום. אין די ראָמאַנען, ווי אויך אין אַלע אַנדערע ווערק פון דיזען סאָרט, ווערען אָנגעגריפען און פערשפּאָטעט קעניגען, מיניסטאָרען און אַריסטאָקראַטען, און דער ליבעראַלער בירגער ווערט געלויבט. פון די שריי-בער פון דער אונטערהאַלטונגס־ליטעראַטור האָט זיך אויסגעצייכענט איי-

זשען סקריבע. דיזער שריפטשטעלער האָט איינגעפיהרט דאָס קאָנ־ווערזאַציאָנס־לוסטשפיל. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דער דראַמאַטישער קאָמפּאַניע־ארבייט. איבער 360 שטיק זיינען ארויס פון דער הויז „סקריבע און קאָמפּאַניע". אַן עהנליכען אָרט ווי סקריבע אין לוסט־שפּיל (קאָמעדיע) האָט פערנומען אַלעקסאַנדער דיומאַס דער עלטערער (1803—1870) אויף דעם געביט פון דעם ראָמאַן.



וויקטאָר הוגאָ.

אין אַ צייט פון 30 יאָהר האָט דיומאַס אָנגעשריבען אַ גאַנצע ביבליאָטהעק, און ווייל ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו איבערפעפערן זיינע ראָמאַנען אום אויפצורייצען די נערווען פון די לעזער, האָט ער געהאַט אַן ערפאָלג אין גאַנץ אייראָפּאַ.

אַן אויסערגעוועהנליך גייסטרייכע שריפטשטעלערין איז געווען זשאָרזשע סאַנד (1804—1876). איהרע ווערק זיינען זעהר פּאָעטיש

הויכבעדייטענד. אָבער מעהר פון אַלעם מאַכט איהרע ווערק אינטערעסאַנט איהר טענדענץ. זי איז שאַרף אַרויס געגען דעם געזעלשאַפטליכען צושטאַנד פון איהר צייט. מעהר פון אַלעם איז זי געווען געגען הייראַט, ווייל דיזע פערוואַנדעלט די פרוי אין אַ שקלאַפין און צווינגט זי צו לעבען אָהן ליבע אין אַ פערהאַסטען בונד מיט אַ מאַן. זעהר שאַרף פּסיכאָלאָגיש זיינען די ווערק פון האָנאָרע דע באַלזאַק (1799—1850). זיינע ווערק בעציינען די זיטליכע צופוילטקייט פון זיין צייט, וועלכע ער דעקט אָבער ניט אויף אין גאַנצען, ווי אַן אַרצט, נאָר ער בעדעקט זי מיט אַ פערפיהרע-רישען שלייער.

מיט אַלעקסאַנדער דיומאַס דעם איונגערען (1824—1895) האָט זיך אָנגעהויבען די הערשאַפט פון דער קאָמעדיע. זיינע דראַמאַס זיינען פול מיט עפענטליכע פרויען און עהע־ברוך. דער גייסט פון לייכטזין איז געווען איבעראַל הערשענד, ווייבער־טרייהייט און מענער־עהרע זיינען געווען פערשפּאָטעט; מען האָט איינפאַך חוזק געמאַכט פון דעם אָדער פון דער, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ געפיהל פון שעמע-דיגקייט.

פון דער ראָמאַנטישער שולע און איהר זיטען־שילדערונג האָט זיך ענטוויקעלט דער מאָדערנער רעאַליזם אָדער נאַטוראַליזם. דער ערסטער און גרעסטער פערטרעטער פון דיזע שולע איז געווען עמיל זאָלאַ (1840—1902). אין זיין ריזען־ווערק „די רוגאָן־מאַקקאַרט אַ נאַטירליכע און סאָציאַלע געשיכטע פון אַ פאַמיליע אונטער דעם צווייטען קייזערריך" שטעלט זאָלאַ פאָר, ווי אַ גרויסע פיעל־פערצווייגטע פאַמיליע איז געגאַנגען צו גרונד פון צופוילונג. עס איז אַ שרעקליכעס, זעהר עקעלהאַפטעס בילד, און עס איז נאָך ווידערליכער דערפאַר, ווייל עס איז געשילדערט מיט גרויס וואַהרהייט. אָבער ניט אַכטענדיג אויף די בערעכטיגונג אָדער ניט בערעכ-טיגונג פון די פּרינציפּען פון נאַטוראַליזם (רעאַליזם) מוז מען דאָך צוגעבען וועניגסטענס, דאָס פון פּאָעזיע איז אין זאָלאַ'ס ראָמאַנען ניט צו געפינען קיין שפּור. פון דער אַנדערער זייט דאַרפען מיר אָבער קיינמאָל ניט פער-געסען, דאָס זאָלאַ איז דער שעפּער פון „זשערמינאַל", ד. ה. פון דעם גרעס-טען, ווען ניט דעם איינציגען פּראָלעטאַרישען ראָמאַן. אַ דיכטער, וועלכער קען שילדערן די שרעקליכע ליידען פון די מינע־אַרבייטער מיט אַזאַ וואַהר-הייטס־ליבע און אַזאַ שטאַרקען גערעכטיגקייטס־געפיהל, פערדינט, אַז מען זאָל איהם קיינמאָל ניט פערגעסען.

דער איינפלוס פון זאָלאַ און די אַנדערע רעאַליסטען פון פראַנקרייך אויף זייער צייט איז געווען און איז נאָך אויך יעצט אונגעוועהנליך. אין אַלע לענדער האָט דער רעאַליזם געזיגט אין דער דיכטונג. און עס איז ווירקליך אויך קיין וואונדער ניט. דער רעאַליזם דריקט אויס אַ לעבהאַפ- טען פראָטעסט געגען די יעצטיגע צושטענדען אין סאָציאַלען לעבען און בעשעפטיגט זיך מיט די ברענענדע פראַגען פון דער נייער צייט. דער ער-

העגריק איבסען.

פאָלגרייכסטער און טיפסטער פון די ניט-פראַנצויזישע שריפטשטעלער איז דער נאָרוועגער הענריק איבסען (1828—1906). זיינע בעסטע דראַמאַס זיינען: „די געשפענסטער“ (שדים), „די שטיצען פון דער געזעל- שאַפט“, „דער פאָלקס-פיינד“, „נאָראַ“ און „די ווילדע ענטע“. זיין טיפער פיינער פסיכאָלאָגישער בליק און די טיפע קענטניס פון געזעלשאַפטליכען

לעבען זיינע אָנערקענט פון אַלעמען. אויך האָט איבסען מיט פיעל פיינערען טאַקט צוריקגעהאַלטען פון דער ביהנע צו־גראָבע סצענעס. ליידער פאַלט ער אריין אין זיינע שפּעטערע דראַמאַס אימער מעהר און מעהר אין סימ־באָליק, גריבלעריי און דונקעלהייט. זיינע כאַראַקטערען ווערען אַלע מאָל מעהר און מעהר שאַטענהאַפט. ניט אַזוי בעדייטענד ווי איבסען איז זיין לאַנדסמאַן ביאָרנסטיערנע ביאָרנסאָן (1832—1910). זיין דראַמאַ „פאַלליססעמענט" (באַנקראָט) ווערט פון דעסטוועגען זעהר פיעל געשפּילט אויף דער דייטשער ביהנע.

אויך אין דייטשלאַנד האָט דער רעאַליזם אַריינגעבראַכט אין דער דיכט־קונסט אַ נייעס לעבען, הגם פיעל שפּעטער, ווי אין אַלע אַנדערע לענ־דער. דער פרייהייטס־גייסט פון יאָהר 1848 איז דערשטיקט געוואָרען אין דער רעאַקציאָן, וועלכע האָט געפאָלגט נאָכדעם. און זאָגאַר דער נאַציאָ־נאַלער גייסט, וואָס האָט זיך ערוועקט אין פאָלק אין יאָהר 1870, האָט ארויסגעבראַכט ווענין דיכטונגען. די רעאַליסטישע פעריאָדע אין דייטש־לאַנד האָט זיך ערסט אָנגעפאַנגען אין די ערסטע נייינציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט. איבערהויפּט האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דיזער בעוועגונג צוויי נעמען, נעמליך: זודערמאַנן און גערהאַרט הויפּטמאַנן. דער ערסטער איז דער שעפער פון דער „היימאַט" און דער „עהרע", און דער אַנדערער האָט זיך ערוואָרבען זיין רוהם מיט זיין „פריעדענס־פעסט", „די איינזאַמע מענשען" און „די וועבער". דאָס לעצ־טע שטיק האָט געמאַכט זיין רייזע איבער דער גאַנצער געבילדעטער וועלט, און האָט איבעראַל געפונען דעם גרעסטען בייפאַל. עס איז די ערסטע ווירקליך רעוואָלוציאָנערע און פּראָלעטאַרישע דראַמאַ אין דער וועלט־לי־טעראַטור, און צייכענט זיך בעזונדערס אויס דערמיט, וואָס זי האָט ניט קיין בעזונדערען העלד, נאָר עס טרעטען אויף די וועבער אַלס אַ קלאַס.

אויך אין איטאַליען האָט זיך אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט געבילדעט אַ ראָמאַנטישע שולע. דער פיהרער פון דיזער שולע איז געוועזען גראַף אַלעססאַנדראָ מאַנצאָני. ער איז געוועזען זעהר רעליגיעז געשטימט, און זיינע רעליגיעזע הימנען זיינען זאָגאַר גאָטהע'ן שטאַרק געפעלען געוועזן. אויך אויף דעם געביט פון דער דראַמאַ האָט ער געהאַט גליק. אויך דער דראַמאַטורג גראַף סילוויאָ פעלליקאָ (1789—1854) איז ניט געוועזען אָהן טאַלאַנט. אין זיין בוך „מיין קערקער" (מיין געפענגנים) שילדערט ער די ליידען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצו־שטעהן דערפאַר, וואָס ער האָט געוואַגט צו זיין אַן איטאַליענער אונטער

דער הערשאַפט פון עסטרייך. אַ זעהר ערדעלער אָבער אונגליקליכער גייסט איז געווען גראַף דזשיאַקאָמי לעאָפּאַרדי (1798—1834). אין די ראָמאַנען פון יענער צייט האָט שטאַרק געהערשט דער גייסט פון אָפּאָזיציאָן, און זיי זיינען געוואָרען אַ קאַמף־מיטעל פיר אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע פּאַרטייען. אויך די סאַטירע האָט זיך אונגעוועהנליך ענטוויקעלט. דער וויכטיגסטער סאַטיריקער אין איטאַליען פון יענער צייט איז געווען דזשוסעפּפּע דזשוסטי (1809—1850). אַ אינגערער דזשאָסועּ קאַרדוטשי (1836—1907) האָט זיך פערשאַפט אַ נאָמען מיט זיין „הימנע צו דעם שטן". אויף דעם געביט פון דער טראַגעדיע בעהערשען נאָך עד היום די ביהנע די דראַמאַס פון פּיעטראָ קאָססאַ (1834—1881).

אין שפּאַניען האָט אויך די רעאַקציאָן שלעכט געווירקט אויף די ליטעראַטור. די שריפטשטעלער האָבען געמוזט זיין זעהר פאָרזיכטיג ניט אָנצוגרייפען די רעגירונג אָדער די קירכע. מיר וועלען היר ברייגנען נאָר איין ביישפּיל, ווי וויט די צענזור האָט געשטערט דער ליטעראַטור. אַ געוויסער גייסטליכער, דער פּאָטער קאַריללאָ, אַ רויהער מענש, איז געווען בעשטימט אַלס צענזאָר. ער האָט געוואָלט גלענצען אַלס ליבהאָבער פון דער שענער ליטעראַטור. בעזונדערס, האָט ער געזאָגט, שעצט ער טירבאָ דע מאָלינאַ. די ביהנען־דירעקטאָרען, וועלכע האָבען געקענט קאַריללאָ'ס פיינעם געשמאַק, האָבען איהם אָפט איינגעלאַדען צו באַנקעטען און מען פלעגט איהם דאַן געבען צו צענזורירען שטיקער פון אַלטע צייטען אַלס טהעמאַס, אום ער זאָל זיי דורכלאָזען דורך זיין צענזור, און ער פלעגט זיי ערלויבען צו שפּילען און האָט ווייניג געשטראָכען. אָבער אויך דאַן איז ער געווען שטרענג געגען געוויסע ווערטער. אַזוי צ. ב. האָט ער אימער געשטראָכען דאָס וואָרט „אָרים", ווייל דאָס איז אַ מין קלאַגע אָדער פּראָטעסט געגען דער רייכער קלאַס. אַזעלכע אויסדריקען ווי: „מיין ענגעל", „איך פערגעטער דיך" האָבען געמוזט אויסגעלאָזען ווערען; אפילו דאָס וואָרט „וויקטאָריאַ" איז געווען סקאַנדאַלעז, ווייל דאָס איז געווען פון דעם קלויסטער „דע לאַ וויקטאָריאַ".

פון די נייע דראַמאַטיקער איז זעהר ווייניג פאַראַן צו דערמאָהנען. דאָן מאַנועל ברעטאָן דעלאָס הערערעראָס (געב. 1800) האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס הומאָריסטישער כאַראַקטער־מאַלער. זעהר נאָהענט צו דער קלאַסישער ריכטונג איז געשטאַנען מאַרטינעז דע לאַ ראָסאַ (1789—1862). אָבער זייט דעם צווייטען צעהנדליג

יאָהרען פון דעם 19טען יאָהרהונדערט איז דער ראָמאַנטיזם געוואַקסען מעהר און מעהר אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער ליטעראַ-טור. אין קיין דיכטונג פון וועלכען עס איז אַנדער פאָלק דריקט זיך ניט אויס אַזוי פיעל שמערץ ווי אין דער דיכטונג פון שפּאַנישען פאָלק פון די-זער צייט, בעזונדערס ביי ד אָ ן ח אָ ס ע ד ע ע ס פּ ר אָ נ צ ע ד אַ (1842—1810). די זעלבע אינערליכע צוריסענקייט ווייזט זיך אויך ביי ד אָ ן ח אָ ס ע צ אָ ר ר י ל ל אַ (געב. 1817), זאָגאַר ווען ער שרייבט פון דער גלענצענדער צייט פון דער פערגאַנגענהייט. אין דער טענדענץ שטימט צאָררילאַ איין מיט דעם נייעם קאַטאָליציזם, וועלכער האָט געוואָלט איבער־אַ־נייס בעלעבען דעם אַבסאָלוטיזם פון דעם שטאַאַט און פון דער קירכע. איינע פון זיינע בעסטע דראַמאַס איז „דאָן חואַן טע-נאָריאָ“. זיין שפּראַך איז פאָלקאָמען שען.

נעבען צאָררילאַ איז ד אָ ן ר אַ מ אָ ן ד ע ק אָ מ פּ אָ אַ-מ אַ ר (געב. 1817) דער מאָדערנער ליבלינגס־דיכטער פון שפּאַניען. זיינע דיכטונגען זיינען געוועזען זעהר בעליבט און געשעצט ביי דער פאָרנעהמער וועלט. איבערהויפּט האָט איהם פערשאַפט גרויס עהרע זיינע אַ זעהר זעל-טענע אַלעגאָרישע דראַמאַ. אויסערגעוועהנליך רייך זיינען די שפּאַנישע ליריק און די ראָמאַנען. פון די ראָמאַנען־שרייבער צייכענט זיך אויס מעהר פון אַלע-מען ג ו ס ט אַ וו אָ אַ ד אָ ל פ אָ ב ע ק ק ו ע ר (1836—1870). זיין לעבען איז געוועזען אַ לאַנגע קייט פון אונגליק און ליידען.

די ענגלישע ראָמאַנען־שרייבעריי פון דער נייער צייט הויבט זיך אָן פון וו אָ ל ט ע ר ס ק אָ ט ט (1771—1832). די הויפּט־טהעמאַ פון זיינע דיכטונגען איז — פּאַטערלאַנדס־ליבע. די טראַדיציאָנען פון ענג-לאַנד און שאָטטלאַנד זיינען פיר איהם אַן אונערשעפּליכער שטאָף צו זיינע ראָמאַנען און דיכטונגען. ער איז דער שעפער פון די מאָדערנע געשיכטליכע ראָמאַנען. ער איז דער ערסטער, וואָס האָט בעשאַפען בילדער אויף דעם גרונד פון וואהרע היסטאָרישע פאַקטען. איבערהויפּט צייכענט ער זיך אויס מיט זיין הומאַנער פאָלקס־פריינדליכקייט, וועלכע וועהט אין אַלע זיינע ראָמאַנען. אין זיינע שפּעטערע ראָמאַנען געפינען זיך אמת פיעלע פעהלערן, אָבער זיי זיינען די פאָלגען פון דעם, וואָס ער האָט צופיעל גע-שריבען; אין דעם קריזיס פון דעם יאָהר 1825 האָט ער פערלאָרען אַ ריזיגע סומע געלט און ער איז געוועזען געצוואונגען צו שרייבען פיעל אום צו פער-בעסערן זיינע אומשטענדען.

אַ גרויסען רוהם האָט זיך ערוואָרבען דער דיכטער וויליאַם וואָרדסוואָרטה (1770—1850). וועניגע דיכטער פון 19טען יאָהר-הונדערט זיינען אַזוי פיעל געשעצט געוואָרען פון זיינע לאַנדסלייט ווי ער. מעהר פון אַלעם איז ער געווען גערימהט אַלס פילאָזאָפישער דיכטער, דאַן אויך אַלס רעליגיעזער, ווייל ער האָט אין זיינע דיכטונגען זעהר פיעל בע-טאָנט, דאָס דער מענש איז אָפּהענגיג פון אַ העכערער מאַכט, פאַר וועלכער ער איז פעראַנטוואָרטליך פיר זיינע מעשים. מעהר בעדייטענד פון וואָרדס-וואָרטה איז טעילאָר קאָלערידזש (1712—1834). ער צייכענט זיך אויס מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע, מיט זיין טיף פערשטעהן די סימבאָ-ליק פון דער נאַטור און מיט זיין מייסטערהאַפטער שפּראַך. אונגעוועהנליך איז די דיכטערישע קראַפט פון טהאָמאַס מור (1780—1852). זיי-נע איירישע מעלאָדיען זיינען פול מיט לוסט און שמערץ, שטאָלץ און טרויער.

אָבער פיעל העכער ערשיינט מור אין זיינע סאַטירען. אין דיזע גרייפט ער שטאַרק אָן דעם אַבסאָלוטיזם פון דעם ענגלישען שטאַאט און די עגאָאיסטישע ענגלישע אָרטהאָדאָקסישע קירכע.

זעהר נאָהענט צו מור איז געשטאַנען דזשאָרדזש נאָעל גאָרדאָן, לאָרד באַיראָן. וועגען זיין לעבענס-שיקזאַל האָ-בען מיר שוין פריהער דערצעהלט. זיין ערסטעס ווערק „טשאַילד האַראָלד'ס וואַנדערונג" האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש. זאָגאַר זיינע פיינד זיינען בעגייסטערט געוואָרען פון דיזען ווערק. באַלד נאָך דעם האָט געפאָלגט אַ רייהע פון גלענצענדע ווערק: „גיאור", „די כלה פון אבידאָס", „קאָר-סאַר" און „לאַראַ". נאָך זיין קורצער אָבער העכסט אונגליקליכער עהע, וועל-כע איז פיר איהם געווען אַ גיהנום, האָט ער מיט זיין צופּרעסענער שטימונג געדיכטעט „דעם געפאַנגענעם פון שיללאָן", „מאַנפרעד" און „דאָן זשואַן". אין דיזע אַלע ווערק שפּרעכט זיך אויס אַ ווילדע ליידענשאַפט, אַ שמערץ און אַ האַס צו דער וועלט, און אויף אַלעס רוהט אַ שמייכעל פון ביטערען שפּאָט. אין זיינע ווערק דריקט באַיראָן אויס זיין צוריסענהייט מיט דער וועלט, זיין וואַהנזיניגען דורסט נאָך ליבע און דערצו אַן אונגעוועהנליכע מענשען-פעראַכטונג. אין דיזער הינזיכט האָט ניט באַיראָן צו זיך קיין גליי-כען צווישען אַלע אַנדערע דיכטער. אָבער ניט אַכטענדיג אויף די ריזיגע קראַפט פון גייסט זיינען דאָך די כאַראַקטערען פון זיינע העלדען שוואַך און קראַפטלאָז, אַ געטרייעס בילד פון פאָעט זעלבסט. פיר די געשיכטע פון דער גייסטיגער בעוועגונג פון 19טען יאָהרהונדערט האָט קיין פאָעט

ניט דערגרייכט צו דער בעדייטונג, וואָס באַיראָן האָט דערגרייכט. זיין פּאָעזיע איז בעוואוסט אַלס די פערצווייפלונגס־פּאָעזיע, וועלכע איז נאָכגעאהמט געוואָרען אין זיין צייט אין אַלע לענדער.

פיעל מענליכער און קרעפטיגער אַלס באַיראָן איז פּ ע ר ס י ב י ש ש ה ע ש ע ל ל ע י (1792—1822). ער האָט געקעמפּפט מיט אַ ברענענדען צאָרן געגען די אונגערעכטיגקייטען פון דער געזעלשאַפט, די פאַלשקייט און דעם ליגען אין דעם הייראַטס־לעבען, די אַבערגלויבישע קנעכטשאַפט אונטער דער קירכע און די גערדיקטע לאַגע פון דער גרויסער מעהרהייט. אין שעללעי'ס דיכטונגען ליגט עפּעס אַן אידעאַלער צויבער, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך דעם גלויבען אין אַ צוקונפטיגען פּאַראַדיז, אַ גלויבען, דאָס די אונזיטליכע מאַכט מוז שטירצען. מען האָט מיט רעכט בעהויפּטעט, דאָס די עדעלע נאַטור פון דעם דיכטער, זיין ריינע בעגייסטערונג פיר דאָס גליק פון דער מענשהייט און מענשען־ליבע איז כמעט ניט צו געפינען ביי אַן אַנדערען אין אַזאַ גרויסער מאָס. זיין הויפּט־ווערק איז „די עמפּערונג פון איסלאַם".

איינער פון די וויכטיגסטע פערטרעטער פון דער אונטערהאַלטונגס־ליטעראַטור איז ע ד ו אַ ר ד ד ז ש אָ ר ד ז ש ק אַ ר ל ל י ט ט אָ ן ב ו ל ו ו ע ר (1803—1873). ער איז גלייך אין אָנפאַנג פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט געוואָרען דער ליבלינג־שריפטשטעלער פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אין זיינע ראָמאַנען, וועלכע זיינען זעהר צאָהלרייך, ענטהאַלט זיך זעהר פיעל רייכער גייסט און וויסין. ער האָט בעזעסען אַ זעלטענעם קינסטלערישעם געפיהל פיר פאָרמע, קראַפט פון שפּראַך און אַנשויאונגען פול מיט לעבען. דאָך איז אין זיינע בעריהמטע קולטור־געשיכטליכע ראָמאַנען, בעזונדערס אין דעם ראָמאַן „די לעצטע טעג פון פּאָמפּעאי", דאָס וויסען מעהר אין פאָרדערגרונד ווי די קינסטלערישע געשטאַלטען.

פיעל העכער שטעהט אַלס דיכטער ט ש אַ ר ל ס ד י ק ק ע נ ס, גענאַנט ב אָ ז (1812—1870). אין איהם האָט דער ענגלישער הומאָר געפונען אַ גרויסען פערטרעטער. ווי אַלע גרויסע הומאָריסטען האָט ער גרינדליך געוואוסט דעם ביטערען ערנסט פון לעבען. זינט ער איז געבאָרען געוואָרען האָט איהם פערפאָלגט די נויט. ער האָט געהאַט שווער צו קעמפּפען ביז ער האָט זיך ערוואָרבען זיין בילדונג. צוערסט איז ער געוואָרען אַ שרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט, נאָכדעם איז ער געוואָרען אַ רעפּאָרטער אין אַ צייטונג און שפּעטער איז ער געוואָרען רעדאַקטאָר. זיין ערסטע רעפּוטאַציאָן האָט ער געמאַכט דורך זיינע „סקיצען פון לאָנדאָן". דאָס בעסטע פון זיינע

ווערק איז „די פּיקוויקקיער", אין וועלכע ער שילדערט דאָס לעבען און טע-
טיגקייט פון ענגלישען פאָלק זעהר לעבעדיג און אַמוזאַנט. זיין הומאָר איז
אימער גוטמוטיג, נאָר זעלטען כאַפּט זיך ביי איהם אַרויס בייסענדע סאַ-
טירע. אנגענעהם ווירקט איבערהויפּט די וואַרימע סימפּאַטיע, וועלכע דער
פערפאַסער האָט פיר די אָרימע און אונטערדריקטע. וואַרימסטע מענשען-

טשאַרלס דיקקענס.

ליבע איז איינע פון די הויפּט-מעלות פון דיקקענס. איין פעהלער האָט
דיקקענס — ער איז צו ברייט אין דערצעהלען.

אויך וויליאַם מעיקפּיס טהעקקערעי (1811—1863) איז אַ ראָמאַנען-דיכטער פון ערסטער קלאַס. ביי זיין בעדייטענדען פערמעגען האָט ער געקענט לעבען נאָך זיינע נייגונגען און פאַרברייטען

זיך דורך רייזען און קינסטלערישע שטודיען פיר זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע. זיינע ראָמאַנען זיינען געשריבען געוואָרען מיט אַ זעהר שאַר־פער בעאָבאַכטונגס־גאַבע. איבערהויפּט שמייסט ער צבוע'יאַצטוואָ און לי־גען, וואָס האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען געזעלשאַפט. די נידערטרעכטיגע קריכעריי נאָך אויבען און די ברוטאַלע גאוה געגען אונטען, די געמיינע געלט־זוכט, די רעליגיעזע פאַלשקייט און די זיטליכע צופוילטקייט — דאָס זיינען די הויפּט־שטריכען פון דעם בילד, וואָס טהעקקערעי שטעלט אימער פאַר אונזערע אויגען.

צוזאַמען מיט דיזער רעאַליסטישער שולע אין דער ליטעראַטור האָט זיך אויך ערהויבען אַן אידעאַליסטישע שולע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם בעריהמטען שאָטטלענדער טהאָמאַס קאַרלאַיל (1795—1881). קאַרלאַיל איז געווען שטאַרק בעאיינפלוסט פון די דייטשע קלאַסיקער און איבערהויפּט האָט ער פערעהרט די וועלט־אַנשויאונג פון גאָטהע'ן. ער צייכענט זיך אָבער אויס געגען גאָטהע'ן מיט זיין ענערגישער שעצונג פון דעם ווערט פון אַרבייט. אין דער אַרבייט זעהט קאַרלאַיל די קראַפט, וואָס טרייבט די ענטוויקלונג פון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, און אימער פּרעדיגט ער דעם פּרינציפּ, דאָס נאָר אַ טעטיגער אַרבייטס־מענש איז אַ ווירדיגער מיטגליד אין דער מענשליכער געזעלשאַפט; ליידער האָט ער דעם פעהלער, דאָס ער איז אַ פערעהרער פון די העלדען פון דער מענש־הייט. פערעהרונג פון גרויסע לייט איז אַ הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון זיינע ווערק.

דער וויכטיגסטער דיכטער פון דעם אינגערען דור איז אַלפרעד טעננִיסאָן (1809—1892). ער איז געווען דער הויפּט־אַנפיהרער פון אינגערען דור, וועלכער האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דער אידעאַלער ריכ־טונג פון קאַרלאַיל און שעללעי. זעהר שטאַרק איז בעקאַנט זיין אידילישער עפּאָס „ענאָך אַרדען". טעננִיסאָן איז ניט קיין ריין לירישער און ניט קיין ריין עפּישער דיכטער, אָבער אין דער קונסט פון בעשרייבונג האָט ער ניט צו זיך קיין גלייכען. זיין גרונד־שטימונג איז וועהמוט.

נאָרד־אַמעריקאַ האָט ביז צום אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט ניט געהאַט קיין בעזונדערע ליטעראַטור אונאָפּהענגיג פון דער ענגלישער. וואַשינגטאָן אירווינג (1783—1859) איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט געגרינדעט אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנישע ליטעראַטור. אירווינג האָט צו פערדאַנקען זיין רוהם הויפּטזעכליך זיינע „סקיצען־ביכער" און „די ער־צעהלונגען פון אַ רייזענדען". אין ביידע ווערק זיינען פערבונדען הומאָר,

אירָאָניע און אונגעוועהנליכע ליבליכקייט. נאָך מעהר זיינען בעקאַנט די ווערק פון דזשעמס פעננימאָר קופּער (1789—1851). זיינע ווערק זיינען געוואָרען זעהר בעליבט ביי דער יוגענד פון דער גאַנ-צער וועלט. אין פּאָעזיע האָט נאָרד־אַמעריקאַ געקראָגען בירגער־רעכט אין דער וועלט־ליטעראַטור דורך איהרע דיכטער בראַיאַנט און לאָנגפעללאָו. וויליאַם קוללען בראַיאַנט (1794—1878) האָט זעהר קונסטפול געשילדערט די גרויסאַרטיגע נאַטור פון אַמעריקאַ. זיי-נע געדיכטען זיינען זעהר רייך מיט עכטער פּאָעזיע. הענרי וואָדסוואָרטה לאָנגפעללאָו (1807—1882) איז רייכער אין געדאַנקען און אין דיזער הינזיכט איבערטרעפט ער אַלע שריפטשטעלער פון נאָרד־אַמעריקאַ. אַ זעהר גרויסען איינפלוס האָט אויף איהם געהאַט גאָטהע, איבערהויפּט אויף זיין ליריק. זעהר פערשיידען פון לאָנגפעללאָו איז דער אַמעריקאַנישער פּאָעט עדגאַר אללאַן פּאָו (1809—1849), וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ לעבען פול מיט אירונגען און ליידען. ער האָט בעזעסען אַן אונגעוועהנליכע, ברענענדע פאַנטאַזיע און אַ זעלטענע גאַבע פון שילדערונג. אָבער דיזע אַלע מעלות האָט ער נאָר געקענט ארויס-ווייזען אין זיינע שווערמוטיגע לידער. דער בעריהמטעסטער פון אַלע מאָ-דערנע נאָרד־אַמעריקאַנישע ראָמאַנען־שרייבער איז פראַנסיס ברעט האַרט (1839—1902).

אויך אין רוסלאַנד האָט זיך ענטוויקעלט אין פערלויף פון 19טען יאָהר-הונדערט אַ בעדייטענדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. אייניגע פון די רוסישע ליטעראַרישע נעמען זיינען בעריהמט ביי אַלע פעלקער. איינער פון די ערסטע פון דיזע איז פּושקין (1799—1837). זיין הויפּט־ווערק איז „יעווגעני אָניעגין", אַ חבר פון באַיראָן'ס „דאָן זשואַן". אין דיזער דיכ-טונג שילדערט דער פּאָעט דעם זיטליכען צושטאַנד פון דער העכערער קלאַס פון רוסישען פאָלק. די פערדאָרבענהייט פון זיטען פון דיזער קלאַס איז דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם ווערק. דער צווייטער בעדייטענדער רוסישער פּאָעט איז מיכאַאיל לערמאָנטאָוו (1814—1841). ער איז דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון לאָרד באַיראָן. זיינע ווערק דריקען אויס דעם וועלט־שמערץ און ערמידונג פון אַלעס, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט. לערמאָנטאָוו איז געשטאָרבען זעהר יונג, ער איז אַלט געוועזען ביי זיין טויט נאָר 27 יאָהר. קרעפטיג און רעאַליסטיש איז געוועזען ניקאָלאַי גאָגאָל (1808—1852). זיין בעריהמטע קאָמעדיע „דער רעוויזאָר" שטעלט פאָר די רוסישע טשינאָווניקעס אין זעהר שווארצע פארבען. אָבער מעהר

פון אַלע אַנדערע דיכטער אין רוסלאַנד האָט ענטװיקעלט דעם רעאַליזם איװאַן סערגעיעװיטש טורגעניעװ (1818—1883). קײנער האָט ניט אַזױ געשטעלט צום שאַנד־קלאָץ די רוסישע קנוט־הערשאַפט װי ער. אין דער ראָמאַנען־דיכטונג, אין װעלכער עס ליגט די גאַנצע גרױס־קײט פון דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור, דאַרף מען פאַר אַלעמען דער־מאָהנט װערען פעאָדאָר דאָסטאָיעװסקי (1821—1881). זײנע ראָמאַנען, איבערהױפּט „ראַסקאָלניקאָװ", קענען זיך פערגלײכען אין פּסיכאָלאָגישער שאַרפקײט מיט די בעסטע װערק פון דער גאַנצער װעלט־ליטעראַטור. די לעצטע צײט האָט בעהערשט די רוסישע ליטעראַטור גראַף לעװ טאָלסטאָי (1828—1910). ער האָט אין זײנע װערק אונערשראָקען געקעמפּט געגען יעדען אונרעכט אין סאָציאַלען לעבען.

אין דער נײעסטער מוזיק־געשיכטע פערנעהמט דײטשלאַנד דעם ערסטען פּלאַץ. װי די סאָנאַטען פון בעעטהאָװען, אַזױ זײנען אױך די לידער־קאָמפּאָזיציאָנען פון פראַנץ שובערט (1797—1828) די פאָלקסאָמענהײט פון קלאַסישער טאָן־קונסט. אין די לידער־מעלאָדיען איז שובערט געװען אונערשעפּליך, און זײן זשעניע האָט מיט זײ געעפנעט פאַר דעם דײטשען פאָלק דעם לױטערסטען קװאַל פון קינסטלערישען גענוס. אין דער קאַמער־מוזיק און אין אָראַטאָריאָ האָט פעליקס מענדעל־סאָן באַרטהאָלדי (1809—1849) געשאַפען אונשטערבליכעס. ער בעהערשט נאָך אין הײנטיגער צײט די מוזיקאַלישע װעלט. זײנע הױפּט־װערק זײנען „פּאַולוס" און „עליאַס". מיט זײנע „לידער אָהן װערטער" איז ער זעהר נאָהענט צו שובערט'ן. די אָריגינעלסטע מוזיקאַלישע װערק פערפאַסט פון מענדעלסאָן'ען־זײנען: די מוזיק צום „זאָממערנאַכטס־טרױם" און די „װאַלפּורגיסנאַכט". צו די ראָמאַנטיקער אין דער מוזיק געהערט ראָבערט שומאַנן (1810—1856). װען שומאַנן דריקט אױס אַ פײנע װײכע שטימונג האָט ער ניט צו זיך קײן גלײכען. זײנע סימפאָניען געהערען צו די בעסטע פון דער נײער צײט. פון זײנע גרױסע װערק זײ־נען: „פּאַראַדיעז אונד פּערי", „מאַנפרעד" און „פאַוסט". אין שומאַנן'ס ריכטונג זײנען געגאַנגען: יאָהאַננעס בראַהמס (1833—1897), מאַקס ברוך (געב. 1838), אַנטאָן רובינשטײן (1829—1894) און פריעדריך שאָפּען (1810—1849).

אין פּױלען געגענזאַץ צו דער קלאַסישער מוזיק האָט זיך געבילדעט אַ שולע פון די נײ־ראָמאַנטיקער. אָן דער שפּיץ פון דיזע מוזיקער שטעהען העקטאָר בערליאָז (1803—1869) און פראַנץ ליסט

(1811—1886). אין דער אָפּערא האָט זיך די מוזיק צוערסט געשטיצט אויף גלוק. ערסט שפּעטער האָט ל ו א י ד ז ש י ק ע ר ו ב י נ י (1760—1842) זיך אָנגעשלאָסען אָן מאָצאַרט, מיט וועלכען ער איז געווען גלייך אין יעדער הינזיכט. א ו ב ע ר (1782—1871) איז דער שעפער פון דער מאָ-דערנער גלאַטער קאָנווערזאַציאָנס-אָפּעראַ. ר אָ ס ס י נ י (1792—1868) האָט געמאַכט אין דער מוזיק אַ נייע עפּאָכע. ער האָט ענטוויקעלט אַן אונ-געוועהנליכען רייכטום פון מעלאָדיען. סענטימענטאַלער פון ראָססיני איז ב ע ל ל י נ י (1801—1835). דער בעליבטעסטער צווישען די איינגסטע איטאַליענישע אָפּערא-קאָמפּאָניסטען איז ו ע ר ד י (1813—1901). אין דער נייעסטער צייט האָט זיין שטעלע פערנומען מ אַ ס ק אַ נ י (געב. 1863). אין דייטשלאַנד איז דער גרעסטער פערטרעטער פון דער ראָמאַנ-טישער אָפּערא ק אַ ר ל מ אַ ר י אַ פ אָ ן ו ע ב ע ר (1786—1826). זיין בעזינגען דאָס לעבען פון פאָלק איז ניט נאָכצואַהמען. זיין „פריישיטץ" און זיין „פּרעציאָזאַ" האָבען אריינגעדרונגען אין אַלע שיכטען פון פאָלק. דער נאָכפאָלגער פון וועבער איז ה י י נ ר י ך מ אַ ר ש נ ע ר (1795—1861). ד ז ש י אַ ק אָ מ אָ מ ע י ע ר ב ע ר (1791—1864) האָט פערשטאַנען אָנצוציהען אַלעמען דורך זיין גוט בערעכענטען עפעקט און דורך זיין אויסערגעוועהנליכער אינסטרומענטאַציאָנס-קונסט.

מיט ר י כ אַ ר ד ו ו אַ ג נ ע ר (1813—1883) האָט זיך אָנגעהויבען פיר די דייטשע אָפּערא אַ נייע פּעריאָדע. ער איז דער שעפער פון דער נאַ-ציאָנאַלער מוזיק-דראַמאַ. דער שטאָף פיר זיינע אָפּעראַס איז צום מעהר-סטען גענומען פון דייטשע פאָלק-זאַגען. זיין מוזיק איז זעהר גוט צוגע-פאַסט צום טעקסט. אום די מוזיק זאָל זיין אָנגענעהם אויך צו מענשען פון פאָלק, וואָס זיינען ניט געבילדעט מוזיקאַליש, האָט ער איינגעפיהרט וויע-דערהאָלטע מאָטיווען, וועלכע זיינען זעהר לייכט צו פערשטעהן און זיינען אינטערעסאַנט פיר געוועהנליכע ניט-מוזיקאַליש-געבילדעטע פערזאָנען. דער-ביי בעזיצט ער אַ וואונדערבאַרען רייכטום פון קלאַנג-עפעקטען. אַריען, דועטען און פינאַלען האָט ער אָפּגעשאַפט אין זיין מוזיק, ווייל די מוזיק איז ניט אַ צוועק פיר זיך אַליין, נאָר זי איז אַ מיטעל צו ווירקען אויף דעם מענ-שען'ס געפיהלען. אין היינטיגער צייט איז וואַגנער'ס מוזיק די הערשענדע ביים גרויסען פובליקום. עס געפינען זיך נאָך אפילו פון די אָנהענגער פון קלאַסישער מוזיק, וועלכע זיינען געגען וואַגנער'ס מוזיק, אָבער דאָס שטערט ניט, אַז זיינע בעריהמטע אָפּעראַס, ווי „טאַנהייזער", „לאָהענגרין" און „דער רינג פון די ניבעלונגען", זאָלען פאָרגעשטעלט ווערען אויף אַלע ביהנעס; זיי

זיינען זאָגאר געוואָרען א שולע פיר אַלע יונגע קאָמפּאָניסטען ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

אויך די מאַלער-קונסט האָט אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט גענומען אַן אַנדער ווענדונג. זי האָט זיך בעפרייט פון די רעגלען, וועלכע האָבען זי געהאַלטען אין צוואַנג. די פערטרעטער פון דער נייער

ריכאַרד וואַגנער.

ריכטונג אין איטאַליען זיינען געוועזען: פּעטראָ דאַ קאָרטאָנאַ, אַנדרעאַ סאַקקי און קאַרלאָ מאַראַטטי. אָבער געגען דיזער ריכטונג האָט באַלד אַריינגעטרעטען אַ צייט פון אוננאַטירליכקייט און איבערפלעכליגקייט. דאָס האָט געווירקט, אַז די ליבהאָבער פון וואַהרער

קונסט האָ־ען שטאַרקער אָנגעהויבען צו שטרעבען צו דער אַלטער קלאַסי־שער קונסט. צו דיזע האָט געהערט אין דייטשלאַנד דער זאַקסישער מאַלער ראַפאַעל מענגס (1728—1779). די הויפּט־פּערטרעטער פון דיזער קלאַסישער ריכטונג זיינען געווען: קאַרסטענס (1754—1798), פּערנאָוו (1763—1808) און קאָך (1768—1839).

געגען דער קלאַסישער שולע זיינען ארויס די ראָמאַנטיקער, וועלכע האָ־בען זיך געווידמעט צו קריסטליך־רעליגיעזע דאַרשטעלונגען נאָך דעם מוס־טער פון אַלט־איטאַליענישע און אַלט־דייטשע געמעלדען. זיי האָבען גע־לעבט אין רוים אין דער אַרט און וויזע, ווי עס לעבען די מאָנאַכען אין אַ מאָנאַסטיר, ווי ברידער פון איין פאַמיליע. אָן דער שפּיץ פון דיזער גע־נאָסענשאַפט איז געשטאַנען פריעדריך אָווערבעק (1789—1869). איינער פון די וויכטיגסטע ראָמאַנטיקער איז געווען פּעטער קאָרנעליוס (1783—1867). זיינע מייסטער־ווערק זיינען די געמעל־דעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין אויפטראַג פון קעניג לודוויג פון באַיערן. זיין סטיל איז עדעל און גרויסאַרטיג. זיינע פאָרמעס זיינען פול און שען. ווילהעלם שאַדאָוו (1789—1862) האָט געזאַמעלט אין דיססעל־דאָרף אַ רייהע פון שילער, וועלכע האָבען זיך געקענט פערגלייכען אין זייער היסטאָריען־מאַלעריי מיט קאָרנעליוס און זיין מינכענער שולע. פון זיינע דיססעלדאָרפער שילער זיינען מעהר בעקאַנט פיליפּ פייט (1793—1877) און שנאָרר פאָן קאַראָלספעלד (1794—1872). די־זער לעצטער האָט זיך בעזונדערס פערשאַפט גרויסע בעריהמטהייט דורך זיין אויל־געמעלדע „די האָכצייט צו קאַנאַא”, ווי אויך דורך זיינע פרעסקאָ־גע־מעלדען פון דעם ניבעלונגען־ליד.

דער איינפלוס פון קאָרנעליוס אויף די נייע קונסט איז געווען זעהר בעדייטענד. דיביידע קונסט־שולען אין מינכען און דיססעלדאָרף האָבען איהם צו פערדאַנקען, וואָס זיי האָבען געבליהט. פון דער מינכענער שולע צייכנען זיך בעזונדערס אויס גענעללי פון בערלין (1800—1868) און מאָריטץ שווינד (1804—1871). גענעללי איז געווען אַ מייסטער אין קלאַסישער שענהייט פון פאָרמעס. שווינד איז געווען איבערהויפּט בעשעפטיגט ביי דער אויספּוצונג פון די קעניגליכע געביידעס אין מינכען. אין רייכקייט פון פאַנטאַזיע און גייסט האָט ער צו זיך ניט געהאַט קיין גלייכען. אַלס לאַנדשאַפט־מאַלער האָט זיך בעריהמט געמאַכט פריעד־ריך פּרעללער (1804—1878).

אָבער דיזע אַלע נעמען זיינען געשטעלט געוואָרען אין שאַטען פון ווילהעלם קאולבאַך (1805—1874). קאולבאַך האָט גענומען די שטאָפען צו זיין מאַלעריי נאָר פון דער געשיכטע און פון דער פּאָעזיע, אָבער קיין זאַך ניט פון דער רעליגיאָן. די בעסטע פון זיינע ווערק זיינען: „די הוננען־שלאַכט", „די צושטערונג פון ירושלים" און די זעקס בילדער פון דער געשיכטע, וואָס געפינען זיך אין דעם בערלינער מוזעאום. זעהר פאָלקסטימליך זיינען זיינע בילדער, מיט וועלכע ער האָט אילוסטרירט גאָטהע'ס „ריינעקע פוקס". די לאַנדשאַפט־מאַלעריי האָט זיך ענטוויקעלט אונטער די הענט פון ראָטטמאַנן (1798—1850) און די ביידע פּריעס. פון די אינגסטע מאַלער־קינסטלער זיינען זעהר בעריהמט: פּילאָטי, דורך זיינע געשיכטליכע געמעלדען, לענבאַך דורך פּאָרטרעטען, דעפרעגגער דורך באַיערישע פאָלקס־סצענעס, גאַבריעל מאַקס און באָקקלין. דער לעצטער האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דורך די אָריגענעלע פאַרבען, וואָס ער האָט געגעבען זיינע משונה'דיגע שטאָפען. זעהר פיעל בעוואונדערט איז געווען דער מאַלער מאַקאַרט (1840—1884) דורך זיינע רייכע פאַרבען. אין בערלין האָבען זיך בעריהמט געמאַכט די קינסטלער אַדאָלף מענצעל און אַנטאָן פאָן ווערנער דורך זייערע בילדער פון פּרייסיש־דייטשע עראײנערונגען, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסען בייפאַל.

אויך אין אַנדערע לענדער האָט די מאַלער־קונסט אין 18טען און 19טען יאָהרהונדערט געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען. אין פראַנקרייך האָט זשאַקעס לואיס דאַוויד (1748—1825) אויפגעהויבען די פאָהן פון קלאַסיציזם, און די שולע, וואָס ער האָט געגרינדעט, האָט לאַנג עקסיסטירט און קיינער איז ניט אַרויס געגען איהר. די בעקאַנטעסטע אָנהענגער פון דיזער שולע זיינען: זשעראַרד (1770—1836), זשאַן גראָס (1771—1835) און רעניאָלט (1754—1829). פּרודהאָן דאַגעגען איז נאָכגעגאַנגען נאָך קאָררעדזשיאָ און האָט בעוויזען אַ נייע ריכטונג דורך די צאַרטהייט פון די קאָלאָרען און די ליכט־ווירקונג פון די פאַרבען.

איינער פון די בעריהמטעסטע פראַנצויזישע קינסטלער איז האָראַס ווערנעט (1789—1863), אַ מייסטערהאַפטער שטימונגס־מאַלער און קריגס־מאַלער. אייניגע פון זיינע בילדער פון דעם מיליטערישען לעבען האָבען בעגייסטערט דאָס פראַנצויזישע פאָלק. זעהר בעריהמט האָבען איהם געמאַכט זיינע געשיכטליכע בילדער, וועלכע געפינען זיך אין היסטאָרישען מוזעאום אין ווערסאַיל.

די פראַנצויזישע ראָמאַנטישע שולע, וועלכע האָט געגעבען אַ שטאַרקען שטויס דער קלאַסישער ריכטונג, האָט זיך אימער געהאַלטען ווייט פון אי־בערטרייבונגען. די נייגונגען פון די פראַנצויזען צו רעאַליסטישער דאַר־שטעלונג איז געווען זעהר שטאַרק. איבערהויפּט איז די ראָמאַנטישע ריכ־טונג געווען שטאַרק קוליטווירט אין פראַנקרייך, בעזונדערס דורך פּ א ו ל ד ע ל אַ ר אָ ש ע (1767—1856), ק ו ט י ו ר ע (1815—1879) און ד ע ל אַ ק ר ו אַ (1800—1864). אַ גרויסע בעריהמטהייט אין לאַנד־שאַפטס־מאַלעריי איז געווען אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ק אַ ל אַ מ ע (1810—1864). די בעסטע און גרויסאַרטיגסטע פון זיינע לאַנדשאַפטס־בילדער זיינען די אַלפּען־לאַנדשאַפטען. ד אָ ר ע (1833—1883) האָט זיך ערוואָרבען גרויסע בעריהמטהייט דורך זיינע אילוסטראַציאָנען צו דער ביבעל.

פראַנקרייך האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויך אויף די אויס־לענדישע קונסט. דאָס האָבען געוויזען די איטאַליענישע קינסטלער פּ י ע ט־ר אָ ב ע נ ו ו ע נ ו ט י, אַ פּ פּ י אַ נ י און ק אַ מ ו ט ש י נ י. אין בעלגיען האָט די גאַנצע קונסט־שולע אונטער דעם איינפלוס פון דעם פראַנצויזישען קינסטלער ד אַ ו י ד גענומען די קלאַסישע ריכטונג, פון וועלכער די בעריהמטעסטע אָנהענגער זיינען געווען: ב ר ע ע (1773—1839), פּ אָ ל י נ ק (1781—1839) און נ אַ ו ע ז (1787—1856). אָבער מיט דעם ענדע פון קלאַסיציזם זיינען די בעלגיער ווידער געגאַנגען אין די טריט פון זייערע אַלטע מייסטערס. ג אַ ל ל ע י ט (1810—1887), ב י ע פ ו ע (1808—1882) און ו ו אַ פּ פּ ע ר ס (1803—1874) האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צו אַ קרעפטיגען רעאַליזם.

דורכאויס זעלבשטענדיג איז געווען די ענטוויקלונג פון דער מאַלער־קונסט אין ענגלאַנד. די מאַלער אין ענגלאַנד האָבען זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט היסטאָרישע בילדער, און האָבען מעהרסטענס געשאַפען בילדער פון איינפאַכען לעבען, פּאָרטרעטען און לאַנדשאַפטען. די סצענעס פון פאָלקס־לעבען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען פון אַ י ס ט ל ע י ק און ד ע־ו ו י ד ו ו י ל ק י ע (1785—1841), זיינען די בעסטע און אָנציהענדסטע פון די קונסט־ווערק פון דער נייעסטער צייט. די לאַנדשאַפטען פון ט ו ר־נ ע ר (געשט. 1854) און די פּאָרטרעטען פון ל אָ ו ר ע נ ס (1769—1830) זיינען זעהר ליבליך. אין אַלגעמיין צייכנען זיך אויס די בילדער פון די ענגלישע קינסטלער דורך זייער פאַרבען־ווירקונג און דורך די גלענצענדע ליכט־עפעקטען.

די בילדהויער־קונסט (סקולפּטור) איז אין דער נייער צייט ווידער בעלעבט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען קינסטלער אַלבערט טהאָרוואַלדסען (1770—1844) פון קאָפּענהאַגען, וועלכער האָט דאָס אַלטערטום ווידער בעלעבט. מיט זיינע מייסטער־ווערק קען ער גע־שטעלט ווערען אין איין רייהע מיט די גרעסטע בילדהויער פון אַלטען גרי־כענלאַנד. זיינע פאָרבילדער, זיינע מוסטערן זיינען געווען די בילדער פון די גריכישע געטער און העלדען, אין זיי האָט ער געזוכט די געזעצען פון דער קלאַסישער סקולפּטור. ער האָט זיך אָבער באַלד אויך גענומען צו קירכליכער בילדהויעריי. די אַנדערע בילדהויער, ווי שאַדאָוו (1764—1850) פון בערלין, און לודוויג שוואַנטהאַלער (1802—1846) ווערען עטוואָס פערדונקעלט פון דעם גלאַנץ פון טהאָרוואַלדסען. אין דער נייער סקולפּטור שטעהט כריסטיאַן רויך (1777—1857) אין דער ערסטער רייהע. פון זיינע שילער איז דער בעריהמטעסטער ערנסט ריעטשעל (1804—1861).

אין פראַנקרייך האָט זיך די סקולפּטור באַלד בעפרייט פון דער הער־שאַפט פון דער אַנטיקער פאָרמע און האָט געשטרעבט מעהר צו לעבעדיגער ווירקליכקייט. דיזע ריכטונג איז געטריבען געוואָרען צו וויט פון דאַוויד (1793—1856). אַ שטאַרקער פערעהרער פון דאַרשטעלונג פון קערפּערליכער שענהייט איז געווען דער זשענעוואַ'ער קינסטלער זשאַמעס פּראַדיער (1792—1852).

אין דער אַרכיטעקטור פון דער נייער צייט האָט זיך אויסגע־צייכענט שינקעל (1781—1841). ער איז דער גרינדער פון דער נייער בערלינער בויקונסט.

ווען מיר וואַרפען אַ בליק אויף די פערברייטונג פון דער העכערער גייסטיגער קולטור, זעהען מיר אַ מערקווירדיגעס בילד. וואָס אָנבעטרעפט קונסט און ליטעראַטור, איז זי היינט ניט מעהר די מאָנאָפּאָל פון די הער־שענדע קלאַסען. זי דרינגט אימער אריין אין ווייטערע קרייזען און זי הייבט אָן צו ווערען דאָס אַלגעמייגע פערמעגען פון פאָלק. דאָס האָט מען אָבער ניט צו פערדאַנקען דער גרויסמוטיגקייט פון די בעזיצענדע קלאַסען, נאָר דאָס פאָלק איז דורך זיינע ערפינדונגען אַליין צוגעקומען צו דיזע גי־טער. גראַווירען אויף קופּער, שטאָהל און האָלץ, ליטאָגראַפיע און פאָטאָ־גראַפיע האָבען געקראָגען אַ הויכע אויסבילדונג, און די ווערק פון דער ביל־דענדער קונסט זיינען געוואָרען צוגענגליך אפילו דעם אָרימאַן. די קונסט פון אילוסטראַציאָנען בעהערשט היינט דעם ביכער־מאַרק, און ווען מען

נעהמט נאָך אין בעטראַכט די מוזעאומס און די בילדער־גאַלערעען, וועלכע יעדער איינער קען אָפען זעהן אין די גרעסערע שטעדט, מוז מען צוגעבען, דאָס היינט ווערט דער געפיהל פיר דאָס שענע זעהר פיעל אויפגעפּאַסט.

גאַנץ אַנדערס איז די זאַך מיט די וויסענשאַפטען. דאָ זיינען אַלע פאָרטשריטען און געווינסען נאָר צו נוצען פון ווענינע קלאַסען פון דער בע־פעלקערונג. „אויך די וויסענשאַפטען", זאָגט ווילהעלם עקקרוד זעהר ריכ־טיג, „וועלכע זיינען לויט די שען־קלינגענדע פראַזען פון ליבעראַלע העלדען דער טעמפעל פון דעמאָקראַטיע, טראָגען דעם שטעמפעל פון דער קלאַסען־קולטור. עס איז וואהר, דאָס מאַנכע אַלגעמיינע רעזולטאַטען זיינען גע־וואָרען דאָס אייגענטום פון אַלע קלאַסען פון פאָלק. ווען אַריסטאָטעל וואָלט היינט אויפשטעהן פון קבר, וואָלט ער, דער גרעסטער וויסענשאַפטליכער זשעניע פון דער אַלטער צייט, געווען אַן אונוויסענדער מענש ווי אַן איינ־פאַכער שול־יונג. ביז אין די לעצטע שיכטען פון פאָלק זיינען היינט איינ־געדרונגען וויכטיגע מעכאַנישע, פיזיקאַלישע, אַסטראָנאָמישע און מאַטהע־מאַטישע קענטניסען. אָבער דיזע אַלע קענטניסען זיינען נאָר ברעקלאַך, וואָס פאַלען אַראָפּ פון אַ צויבערהאַפט־רייכען טיש. אין פערגלייך מיט דעם, וואָס עס געניסען די פּריווילעגירטע קלאַסען, האָבען דיזע קענטניסען קיין שום בעדייטונג ניט, און אין דיזער בעציהונג איז דער אונטערשייד צווישען די איינצעלנע קלאַסען אַזוי גרויס ווי אין דער הינזיכט פון דער מאַטעריעלער קולטור.

די וויסענשאַפט איז געוואָרען די מאָנאָפּאָל פון די אוניווערזיטעטען. פון אַ דעמאָקראַטיע קען גאָר קיין רייד ניט זיין. דאָס העכערע בירגערטום האָט געלעגט זיין מעכטיגע האַנט אויך אויף דיזע אינסטיטוטען און וויים ווי צו בעהאַלטען די היר אויפגעקליבענע אוצרות פיר זיינע זיהן, סיי פיר זייערע קאַריערעס, סיי בלויז אין טהעאָרעטישע אינטערעסען. די וויסענ־שאַפט איז אַזוי וויית געוואָרען די מאָנאָפּאָל פון די אוניווערזיטעטען, דאָס מען קען זי היינט נאָר בעטראַכטען אַלס דאָס יעניגע, וואָס ווערט געלערנט אין די אוניווערזיטעטען. נאָר דאָס, וואָס ווערט בעקאַנט געמאַכט פון דעם עקספּערימענטיר־טיש, פון דער קאַטהעדראַ פון די הויך־שולען, טראָגט היינט דעם שטעמפּעל פון וויסענשאַפטליכקייט".

די נייעסטע אידישע געשיכטע.

איינלייטונג.

די אידען ערב דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן.

די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פון די אידען ערב דער פראנצויזי-
שער רעוואָלוציאָן איז געווען אין אַלע לענדער כמעט איינע און די
זעלבע. איבעראַל האָט מען פיר זיי געשאַפען ספּעציעלע געזעצען, וועלכע
האָבען זיי בערויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען. אין אַלע לענדער האָט מען
די אידען בעטראַכט ווי פרעמדע. מען האָט זיי ערלויבט זיך בעזעצען אין
בעשטימטע ערטער, זיך בעשעפטיגען מיט קליינינגקייטען, אום דאָס לעבען
צו ערהאַלטען, אָבער אונטער זעהר שווערע בעדינגונגען, וועלכע די גוטס-
בעזיצער אָדער די בעאַמטע האָבען דיקטירט. פיר דיזע שווערע בעדינגונגען
האָבען די אידען געמוזט בעצאָהלען שווערע ספּעציעלע שטייערן, וועלכע
האָבען געטראָגען דעם נאָמען „שוצגעלט", ד. ה. געלט פיר די בעשיצונגען
פון די אידען. אָבער דאָס „שוצגעלט" האָט זיי ניט בעשיצט פון אַלערליי
סאָרטען אונטערדריקונגען. דער איד האָט ניט געטאָרט ארויס פון דעם אָרט,
וואָס איז איהם בעשטימט געוואָרען צו וואוינען, ניט בעשעפטיגען זיך מיט
געוויסען סאָרטען ארבייט, די צאָהל פון חתונות פיר אידען איז געווען בע-
שרענקט, אום די צאָהל זייערע זאָל זיך ניט פערגרעסערן. איבערהויפּט
האָבען אַזעלכע געזעצען געהערשט אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

עס פערשטעהט זיך, דאָס אונטער אַזעלכע בעדינגונגען איז די עקאָ-
נאָמישע לאַגע פון די אידען געווען זעהר אַ טרויעריגע. עס איז געווען
ערלויבט דעם אידען צו האַנדלען נאָר מיט קליינינקייטען, קיין רעכטע אַר-
בייט האָט ער ניט געטאָרט טאָן. מען האָט זיי ערלויבט נאָר צו פערלייהען
געלט אויף פּראָצענט און צו זיין שענקערס, פערקויפען בראַנפען צו די בויערן
אין די דערפער. דיזעביידע בעשעפטיגונגען האָבען שרעקליך ערנידריגט
דעם אידען אין די אויגען פון די קריסטען.

אָבער אין דער קולטור פון די אידען האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען בעווייזען צוויי פערשיידענע בעוועגונגען: אין פוילען — די חסידות, וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען פון מענשען, וואָס זיינען ניט צופרידען געווען מיט די טרוקענע לומדות פון די רבנים, און האָבען געפאָדערט עטוואָס ערפרישענדעס פיר דאָס האַרץ, און אין דייטשלאַנד — די השכלה, פון וועלכער מענדעלסאָן איז געווען דער גרינדער. דיזע בעוועגונג האָט מיט דער צייט אָנגענומען צוויי פערשיידענע וועגען: איינער האָט געשטרעבט צו פערפיינערן דאָס יודענטום דורך פעראייניגונג מיט בילדונג, און דער צווייטער האָט געשטרעבט צו פערניכטען עס דורך רעפאָרמעס.

דער ערסטען שריט צו פערבעסערן די לאַגע פון די אידען אין דייטשלאַנד האָט געמאַכט דער קריסטליכער פובליציסט און בעאַמטער כריסטיאַן ווילהעלם דאָהם מיט זיין בוך אונטער'ן נאָמען „איבער די בירגערליכע פערבעסערונג דער יודען", בערלין 1781. אין דיזען בוך ערקלערט ער, דאָס געוויסע רעפאָרמעס אין דעם אידישען לאַגע וועלען ברייננגען נוצען ניט נאָר די אידען זעלבסט, נאָר אויך דעם דייטשען פאָלק, דער רעגירונג און דעם גאַנצען לאַנד. אין דיזען בוך שילדערט דאָהם די טרויעריגע לאַגע פון די אידען, די שרעקליכע ערנידריגונגען, וואָס זיי ליידען אויף יעדען טריט, די שווערע לאַסט פון שטייער, וואָס זיי מוזען צאָהלען פיר יעדען מיטגליד פון אַ פאַמיליע, זאָגאַר פיר אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס געבאָרען געוואָרען, ווי מענשען מיט שאַרפע קעפּ בענוצען זייער שאַרפזין נאָר פיר קליינע ניט וויכטיגע זאַכען, ווייל מען גיט זיי ניט די מעגליכקייט צו געברויכען זייער פערשטאַנד פיר וויכטיגע זאַכען. דער איד האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו פאָהרען פון איין שטאָדט אין אַן אַנדערע ביז ער האָט בעצאָהלט אַ געוויסע סומע געלט. ווען דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער און פילאָזאָף משה מענדעלסאָן האָט געוואָלט אַריין אין דרעזדען האָט ער געמוזט בעצאָהלען פיר זיין פערזאָן די זעלבע סומע, וויפיעל מען האָט בעדאַרפט בעצאָהלען פיר אַריינלאָזען אין שטאָדט אַ שטיק פיה. דאָס האָט געהייסען „יודענגעלייט" (דורכלאָז־שטייער פיר אידען).

אין זאַקסען האָבען אידען געמעגט וואוינען נאָר אין אַ בעשטימטער צאָהל, אָבער קיין סינאַגאָגע האָבען זיי ניט געטאָרט האָבען, זיי האָבען אויך ניט געטאָרט קויפען קיין הייזער און בעשעפטיגען זיך מיט וועלכער עס איז מלאכה אָדער האַנדעל אויסער מיט אַלטע קליידער. פיר דיזע רעכטען האָט דער פאַמיליען־פאָטער געמוזט צאָהלען שווערע שטייערן — 70

טהאלער א יאָהר פיר זיין פערזאָן, 30 טהאלער פיר זיין ווייב און 5 טהא-לער פיר יעדעס קינד. דער, וואָס האָט ניט געקענט בעצאָהלען דיזע שווערע שטייערן, איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד. כמעט דאָס זעלבע איז געווען מיט די אידען אין באַיערן. אין פראַנקפורט אם מאַין איז דער ג ע ט אָ אָדער די יודענגאַס געווען שרעקליך. ניט אומזיסט האָט דיזע גאַס געטראָגען דעם נאָמען „די נייע מצרים". אין דיזער גאַס האָבען געוואוינט איבער 500 אידישע פאַמיליעס, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אויך איינינע רייכע און געבילדעטע. דאָרט איז געבאָרען געוואָרען דער בעריהמטער קעמפער פיר פאָליטישע פרייהייט לודוויג בערנע (ליב ברוך). אויסער דעם געטאָ האָט קיין איד ניט געטאָרט געהן, נאָר מיט דער ערלויבנים פון די בעאַמטע פון שטאָדט. אין געוויסע גאַסען האָט אַ איד קיין מאָל ניט גע-טאָרט זיך בעווייזען. פון די 500 פאַמיליעס האָבען נאָר 12 מענשען געמעגט חתונה האָבען אין צייט פון אַ יאָהר. דעם גרונד, פאַרוואָס מען האָט ניט צוגעלאָזען אידען צו זיין בעלי מלאכות, האָט אָפען אַרויסגעזאָגט די רעגירונג פון באַדען — ווייל די אידען זיינען פעהיגער פון קריסטען און וועלען קאָנ-קורירען מיט זיי. אין דער זעלבער לאַגע זיינען אויך געווען די אידען אין האַמבורג. זייערע קינדער האָט מען ניט אַריינגענומען אין די פאָלקס-שולען.

פרייסען. ערגער ווי איבעראַל איז געווען די לאַגע פון די אידען אין פרייסען, אין דער צייט פון דער רעגירונג פון דעם פרייגעזאָנענעם געבילדע-טען קעניג פרידריך דעם 2טען (דעם גרויסען). דאָס גאַנצע אידישע לעבען איז געווען געבונדען ווי מיט אייזערנע קייטען. דער קאָדעקס פון געזעצען וועגען אידען, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין 1750, איז געווען אַ לאַנגע רייהע פון בעשרענקונגען און בעגרענצונגען, וועלכע האָבען געמאַכט זייער לעבען אונטערטרעגליך. אין יאָהר 1787 האָט אַ דעפּוטאַציאָן פון די אי-דישע געמיינדעס אין פרייסען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע צו פערגרינגערן זייער לאַגע. די פערשיידענע אָפּצאָהלונגען, בעקלאָגען זיך די אידען אין דיזער ביטשריפט, פעראָרימען זיי. די געמיינדע מוז צאָהלען יעהרליך 25 טויזענד טהאלער. אויסער דעם האָבען די אידען געמוזט צאָהלען „זילבערנעם אקציז" (קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס דאָס איז), פאַ-זשאַרנע אָפּצאָהל, שטעמפּעל אָפּצאָהל, וואהל-אָפּצאָהל, פיר דאָס רעכט צו ערוועהלען איין מאָל אין 3 יאָהר גבאים, חזנים, שמשים און פיעלע אַנדערע אָפּצאָהלען. פיר חתונה האָבען האָט אַ איד געמוזט בעצאָהלען פון 20 ביז 80 טהאלער, און פיר דעם חתונה-שיין בעזונדער 14 טהאלער. ווען

דער חתן אָדער די כלה זיינען געווען אינגער פון 25 יאָהר האָט מען בעדאַרפט צאָהלען פיר די ערלויבנים מיט 40 טהאַלער מעהר. פיר אַ ניי־געבאָרענעם קינד האָט מען געמוזט צאָהלען ביז 160 טהאַלער. פיר איבערפאָהרען אין אַנדערע שטעדט האָבען אידען בעדאַרפט צאָהלען גרויסע סומעס געלט, און זיי האָבען נאָך דערצו געליטען שרעקליכע ערנידריגונגען ביים אַריינפאָהרען אין די אַנדערע שטעדט. זעהר פיעל האָבען די אידען געליטען פון דער „פּאָרצעלייענער אָפּצאָהלונג“. ביי אַ חתונה, ביי קויפען אַ הויז און אַנדערע וויכטיגע צופעלען האָט אַ איד געמוזט פון דעם קעניגליכער פּאָרצעליי־פאַבריק קויפען פּאָרצעליי ביז דעם ווערט פון 300 טהאַלער און פערקויפען דאָס אין אויסלאַנד. אין אַ צייט פון איינינגע יאָהר האָבען אידען פערלאָרען פון דיזען מסחור איבער 100,000 טהאַלער. ווען איינער איז ניט אין שטאַנד געווען צו קויפען פּאָרצעליי, האָט מען פערקויפט זיין הויז אָדער אייגענטום אום צו בעצאָהלען די פּאָרצעליי־סומע. די פאַבריק איז געווען בעוואוסט איבעראַל מיט׳ן נאָמען: „יודען־פּאָרצעללאַן“.

וואָס פיר רעכטען האָט מען געגעבען דערפאַר די אידען? מיט ערדאַרבייט, מיט אַרענדע האָט אַ איד זיך ניט געטאָרט בעשעפטיגען. זאָגאַר אַ שפּייז־קראָם איז איהם ניט געווען ערלויבט צו עפנען. צו קיין האַנט־אַרבייט האָט מען איהם ניט צוגעלאָזען. מעהר ווי 2 קינדער האָט ער ניט געטאָרט האָבען; און ווען ער האָט יע געהאַט מעהר, האָט מען די איבריגע פון לאַנד אַרויסגעשיקט. דער איד איז געווען געצוואונגען צורייסען זיין פאַמיליע, צו־ברעקלען זיין קאַפּיטאַל צוליב אַזעלכע גזירות. ווען מיראַבאָ איז געווען אין 1786 אין בערלין האָט ער געזאָגט, דאָס פרידריך׳ס געזעצען וועגען אידען פּאַסען נאָר פיר אַ קאַניבאַל (מענשען־פרעסער).

דאָך האָבען דיזע אַלע בעשרענקונגען ניט געשטערט די אידען צו איבערגעבען זיך צו בילדונג, וועלכע איז געווען דער גייסט פון דער צייט. די בילדונג האָט זיי אַפילו קיין שום פּריווילעגיעם ניט געגעבען. זאָגאַר אַ פּערזאָן ווי מענדעלסאָן האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען אין בערלין. דאָס איז איהם ערלויבט געווען כל זמן ער איז געווען בוכהאַלטער אין אַ האַנדעלס־הויז. אָבער די פּרייסישע בירגער האָבען אויך די אידישע געבילדעטע פּעראַכטעט. ווען מענדעלסאָן איז געקומען אין קעניגסבערג (1777) צו בעקענען זיך מיט דעם בעריהמטען פילאָזאָף קאַנט און איז אַריין אין אוניווערזיטעט צו חערען זיין לעקציע, האָבען איהם די סטודענטען אויסגעפייפט מיט גרויס פעראַכטונג. מענדעלסאָן האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און איז פערבליבען ביז צו ענדע פון דער לעקציע. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו קאַנט׳ן

און דיזער האט איהם הערצליך געגריסט און ארומגענומען מיטביידע הענט, און איז מיט איהם געארמט ארויס פון אוניווערזיטעט. די סטודענטען האבען זיך פערוואונדערט אויף די עהרע, וואס דער גרעסטער פילאזאף אין דער וועלט האט געציינגט א נידריגען הארבאטען אידען מיט א שפּיציגען בערדעלע, און האבען אנגעהויבען קוקען אויף איהם מיט גרויס רעספּעקט.

אבער די בילדונג פון די אידען האט דאך געהאט א ווירקונג אויף די העכערע קלאס פון דער דייטשער געזעלשאפט. א גרויסע ענדערונג צווישען זיי האט געמאכט לעססינג'ס ווערק „נאטהאן דער ווייזע" (נתן דער חכם). מען האט זיך דערפון דערוואוסט, דאס צווישען אידען זיינען דא גרויסע דענקער און ליבעראלען. און דעריבער, ווען מען האט פארגעשטעלט אויף דער ביהנע שעקספּיר'ס דראמא „שאילאק", וועלכע שטעלט פאר א אידען מיט זעהר שווארצע פארבען, האט דער גרויסער שוישפּילער פון יענער צייט פ ל ע ק זיך געפונען געצוואונגען שוואכער מאכען דעם איינדרוק פון דער דראמא און האט ערקלערט, דאס די ביהנע שטעלט פאר די גוטע זייט ווי די שלעכטע פון אידען ווי פון קריסטען. דאס שטרעבען פון פריעדריך דעם גרויסען צו פערברייטערן אינדוסטריע אין פּרייסען האט געגעבען די מעגליכ־קייט אייניגע אידען צו ערווערבען רייכטום. די באנקירען אפרים, קאהן, מייער, איטציג האבען געשפּילט א גרויסע ראלע אין בערלין און האבען גע־שאפען בעריהמטע סאלאנען, פערזאמלונגס־זאלען, וואו די גרעסטע אריס־טאקראטיע האט געזוכט די בעקאנטשאפט און פריינדשאפט פון געבילדעטע אידען און זייערע שענע פרויען. איבערהויפּט איז בעריהמט געווארען דער סאלאן פון דער בעריהמטער אידישער שענהייט ה ע נ ר י ע ט ע ה ע ר ץ, די פרוי פון אידישען דאקטאר מ א ר ק ו ס ה ע ר ץ, מענדעלסאן'ס א תלמיד.

נאך דעם טויט פון פריעדריך דעם גרויסען איז ארויף אויף'ן פּרייסישען טראן פריעדריך ווילהעלם דער 2טער (1786). ער איז געווען בעוואוסט אלס א ליבעראלער גוטער מענש און די פארשטעהער פון דער אידישער געמיינדע אין בערלין האבען זיך געווענדעט צו איהם מיט א ביט־שריפט (6טען פעברואר, 1787). צו פערבעסערען די אידישע לאגע און אפּשאפען די שרעקליכע בע־שרענקונגען און די שווערע אפּצאהלונגען פון די אידען. דער קעניג האט בע־שטימט א קאמיסיאן, וואס זאל זיך בעשעפטיגען מיט דיזער פראגע. אבער צום בעדויערן האט די קאמיסיאן אויסגעארבייט אזעלכע דריקענדע רעגלען פיר אידען, דאס זיי זיינען געווען פיעל ערגער פון דעם „רעגלאמענט" פון פריעדריך דעם גרויסען. דאס איינציגע, וואס די קאמיסיאן האט געטאן

פיר אידען איז געווען, דאָס זי האָט אָפּגעשאַפּט דעם שענדליכען לייב־צאָל און די פּאַרצעליי־שטייער. דיזע נייע דריקענדע רעגלען זיינען ארויסגעגע־בען געוואָרען אין דעם יאָהר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן (1789).

עסטרייך. ניט פיעל בעסער ווי אין פּרייסען איז געווען די לאַגע פון אידען אין עסטרייך אין יענער צייט. דער קיסר יאָזעף דער 2טער האָט אויך געהאַלטען די אידען פיר אַ שעדליכען עלעמענט פיר דאָס לאַנד. ער האָט ניט ערלויבט די אידען וואוינען איבעראַל, זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט אויף עפענטליכען רעליגיאָנס־דינסט. ער האָט מבטל געווען די אידישע גע־ריכטס־הייזער, די רבנים זיינען געווען אונטערוואָרפען אין דיני גטין וקדושין אונטער די אַלגעמיינע געזעצען פון לאַנד, אָבער ער האָט זיי דאָך געגעבען מעהר רעכטען ווי דער קעניג־פילאָזאָף פריעדריך דער גרויסער פון פּרייסען. ער האָט זיי ערלויבט שטודירען אין אַלע רעגירונגס־שולען און אוניווערזיטעטען; עפנען פאַבריקען און האַנדלען איבעראַל, זאָגאַר אין די דערפער; אַ איד האָט געמעגט לערנען אַלייערליי מלאכות, אָבער דעם טיטעל מייסטער האָט ער ניט געקענט בעקומען; עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען די אַלטע געזע־צען, דאָס אידען מוזען טראָגען בעזונדערע קליידער, ניט גלייך מיט דער קריסטליכער געזעלשאַפט, ווי אויך די בעליידיגענדע שטייער פון אידישע אורחים. אָבער דערפאַר איז די צאָהל אידען, וואָס האָבען געמעגט וואוי־נען אין עסטרייך געווען בעשרענקט.

זעהר שטאַרק האָט אויפגעטרייסעלט די אידישע געמיינדען דער בע־פעהל, דאָס אידען זאָלען זיין פערפליכטעט צו דינען אין דער אַרמעע. אי־בערהויפּט האָט דאָ געשפּילט די ראָלע דער רעליגיעזער געפיהל פון די אי־דען, וועלכע האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס אַ סאָלדאַט קען ניט אָפּהיטען כשרות, שבת און יום טוב או. ד. גל. שרעקליך איז געווען די סצענע ביים ערסטען מאָל, ווען מען האָט גענומען אידישע רעקרוטען אין פּראַג און דער גרויסער רב פון יענער צייט, ר׳ יחזקאל לאַנדא, האָט געפיהרט די רעקרוטען צו דער שבועה. די גאַסען זיינען געווען פול מיט יללות פון אידען. דער רב האָט פאַר די רעקרוטען געהאַלטען אַ רעדע, פון וועלכער אַלע האָבען ביטער געוויינט און דער רב האָט גע׳חלש׳ט. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין עסטרייך איז געווען פיעל בעסער ווי אין דייטשלאַנד. די אידען האָבען דאָ פיעל פערברייטעט די אינדוסטריע. אין בעהמען האָבען זיך געפונען 15 אידישע פאַבריקען, און קריסטליכע 43. אויך די אידישע אויטאָנאָמיע האָט נאָך דאָ אין פיעלע הינזיכטען עקסיסטירט, ווערענד אין דייטשלאַנד איז פון איהר קיין זכר ניט געווען.

מעהר ווי איבעראל האבען די אידען אין גאליציען, וועלכע איז דאמאלס איבערגעגאנגען פון פוילען צו עסטרייך, געליטען פון די רע-פארמעס פון יאזעף דעם 2טען. די צאהל אידישע חתונות איז פיעל פערקלע-נערט געווארען. מען האט געמוזט נעהמען אן ערלויבנים פון דער רעגירונג, וועלכע האט געפאדערט פון חתן אן עקזאמען אין דייטש און א גרויסע סומע געלט. מען האט צוגענומען פון די אידען אין גאליציען דאס רעכט צו האל-טען שענקען און נעהמען אין ארענדע ערד, מיהלען או. ד. גל. דאס האט אפגענומען פון א דריטעל אידען די מעגליכקייט צו עקסיסטירען. דיזע בע-שרענקונגען האבען צוגענומען פון די אידען יעדען צוטרויען צו דער רעגירונג, וועלכע האט געשטרעבט געבען אידען בילדונג. די אידען האבען ניט גע-וואוסט, דאס דער קיסר וויל מיט זיינע רעפארמעס פערניכטען דעם אידי-שען נאציאנאל-געפיהל און פיעל פון זייער רעליגיאן. ער האט זיך זאגאר קלאר אויסגעדריקט אין א רעזאלוציאן פון 1788, דאס די אידען וואס ווילען בעקומען בירגער-רעכטען, מוזען זיך אפזאגען פון פיעלע פון זייערע רעליגיע-זע געוואוינהייטען. און ווירקליך האבען פיעלע אידען, וואס זיינען געווארען פריידענקער און שוואך און זייער רעליגיאן, בעקומען גרויסע פריווילעגיעס, זיינען געווארען זעהר רייך, און אייניגע זיינען זאגאר געווארען גע-אדעלט. א געאדעלטע אידישע פרוי, די באראנעסע פאנני ארנשטיין, האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער עסטרייכישער דיפלאמאטיע און דער קיסר יאזעף דער 2טער זעלבסט האט זי גוט געקענט און האט זי הויך געשעצט. די זעלבע בעשרענקונגען האבען עקסיסטירט פיר די אידען אין אונגארן. אויסנאהמען זיינען נאר געמאכט געווארען פיר די אידען, וואס האבען דורכ-געמאכט אן עקזאמען אין דעם קורס פון א נארמאל-שולע, און פיר די, וואס האבען געגאלט די בערד.

פראנקרייך. פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציאן האבען די אידען אין פראנקרייך געהאט וואוין-רעכט נאר אין אייניגע שטעדט פון עלזאס און לאטרינגען, און אויך היער זיינען פיר זיי בעשטימט געווען געוויסע קווארטאלען (געטאס). אין אוויניאן, וועלכע האט געהערט צום פאפסט, האבען נאך עקסיסטירט די אלטע ארדנונגען. די יעזואיטען פלעגען קומען אום שבת און יום טוב אין די אידישע שולען און האבען גע'-דרש'עט וועגען די הייליגקייט פון קריסטענטום און די פאלשקייט פון יודענ-טום. זעהר אפט פלעגען זיי כאפען א אידיש קינד און טויפען עס מיט געוואלד.

זאגאר וואו די אידען האבען געמעגט וואוינען איז זייער צאהל געווען בעשרענקט: אין מעטץ האבען געמעגט וואוינען ניט מעהר ווי 480 אידישע

פאַמיליען און אין נאַנטעס 180. פיר דאָס רעכט צו וואוינען אין די שמוציגע געטאָס האָבען די אידען געמוזט צאָהלען ניט וועניגער פון 20,000 ליווערס א יאָהר. אין שטראַסבורג האָבען די אידען געמעגט קומען נאָר אויף א קורצע צייט און פערבלייבען נאָר אין געוויסע פונקטען, אום די קריסטען זאָלען ניט קומען אין נעהענטערע בעציהונגען מיט זיי. און ווען א קריסט האָט זיך ערלויבט פערדינגען א צימער צו א אידען, האָט איהם די פּאָליציי בעשטראָפט מיט 150 ליווערס. זייענדיג בערויבט פון אַלע רעכטען האָבען אידען אין פראַנקרייך געמעגט נאָר פיהרען קליין-האַנדעל און פערלייהען געלט אויף פּראָצענט. פיעלע פון די קריסטען, וואָס האָבען געוואוסט, דאָס מיט א אידען מעג מען טאָן וואָס מען וויל, פלעגען נעהמען פון אידען געלט אויף פּראָצענטען און גאָרניט בעצאָהלען. דאָס האָט געצוואונגען די אידען צו נעהמען גרויסע פּראָצענטען, ווייל די ריזיקע איז געווען גרויס. דערפאַר האָבען די קריסטען נאָך מעהר פיינד געקראָגען די אידען. מען האָט די קריסטען ערלויבט צו מאכען פאַלשע דאָקומענטען, וועלכע האָבען געצייגט, דאָס די אידען האָבען שוין לאַנג אָפּגענומען דאָס געליהענע געלט פון זיי, און אזוי זיינען פיעלע אידען אין גאַנצען פעראָרימט געוואָרען.

אזוי איז דער איד געווען אין פראַנקרייך רעכטלאָז און פעראַכטעט. ווער עס האָט געוואָלט און געקענט האָט געזויגען דעם אידען'ס בלוט. ער האָט פיר אַלץ געמוזט צאָהלען: פיר וואוין-רעכט, פיר איבערציהען פון איין אָרט אויף אַן אַנדערען, פיר יעדע בעשעפטיגונג, פיר יעדען אָטעם-צוג, פיר יעדען שפּאַן ערד, וואו ער האָט געטראָטען. די גוטס-בעזיצער, וואָס האָבען ערלויבט א אידען צו וואוינען אויף זייער ערד, האָבען פון איהם דערפאַר אויסגעזויגען זיין לעצטען טראָפּען בלוט. אָבער די עלטערע קינדער האָבען ניט געהאַט דאָס רעכט צו וואוינען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן — זיי האָבען שוין געמוזט אויסוואַנדערן. אייניגע אידען פון עלזאַס האָבען זיך בעקלאָגט אויף דיזעס אונרעכט פון די גוטס-בעזיצער פאַר'ן העכסטען געריכט פון לאַנד, האָט מען זיי געענטפערט, דאָס עס איז פון זיי א חוצפה צו פערלאַנגען מען זאָל צווינגען אַן אַדעלמאַן צו לאָזען וואוינען א פעראַכטעטען אידען אויף זיין ערד; דער איד איז בעשאַפען געוואָרען צו זיין א פעראַכטעטער נע-ונד'ניק. און דער גוטס-בעזיצער האָט דאָס רעכט צו יעדער צייט איהם אַרויסיאָגען ווי א הונט.

אין יאָהר 1784 האָט דער קעניג לודוויג דער 16טער אַרויסגעגעבען נייע געזעצען וועגען די אידען אין עלזאַס אום צו פערבעסערן זייער לאַגע, אָבער אין גרונד גענומען איז זייער לאַגע זעהר וועניג געענדערט געוואָרען,

עם זיינען געבליבען די זעלבע בעשרענקונגען פון וואוין־רעכט און פון היי־ראט. דער רב, וואס האט געגעבען חופה וקדושין אהן דער ערלויבנים פון דער רעגירונג, איז בעשטראפט געוואָרען מיט 3,000 ליווּרעס אָדער איז פון לאנד ארויסגעטריבען געוואָרען.

די געדריקטע לאגע פון די אידען אין עלזאס האט זיי געטריבען פון לאנד און פיעלע האבען זיך בעזעצט אין פאריז. אבער ווייל זיי האבען דאָרט ניט געהאט קיין וואוין־רעכט האט מען זיי דאָרט פערפאָלגט; מען פלעגט דאָרט מאכען אויף זיי אבלאוועס ווי אויף די אידען אין קיעוו, מאָסקווא און פעטערסבורג אין דער צייט פון אלטען רעזשים און מען פלעגט זיי פער־שפּאַרען אין טורמע און נאכדעם ארויסשיקען.

דאָך האט זיך געפונען אין פאריז א אידישע קאָלאָניע פון 800 פערזאָן. זי איז בעשטאנען פון דרייכע ספרדים און אָרימע אשכנזים. אָן דער שפּיץ פון די ספרדים איז געשטאנען דער אידישער פילאנטראָפּ יעקב ראָד־ריגעס פּערייראַ, דער גרינדער פון דעם אינסטיטוט פיר טויב־שטומע. אויף איהם האט די רעגירונג ארויפגעלעגט די פליכט צו זעהן, דאָס צו דיזער געמיינדע זאָלען ניט צוקומען קיין אידען, וואס האבען ניט קיין דאָקומענט, וואס גיט זיין וואוין־רעכט. אבער דיזער פאָרשטעהער האט מעהר בעשיצט זיינע לאנדס לייט, ווי די דייטשע און פוילישע אידען. איינינגע יאָהר פאר דער רעוואָלוציאָן האט די רעגירונג געזעצט א קאָמיסיאָן וועגען אידען, אין וועלכע עם זיינען אנגענומען געוואָרען אידישע פאָרשטעהער: פון די ספרדים — פורטאדאָ, גראדים און אנד.; פון די אשכנזים — סערף־בער פון שטראסבורג און ישעיה בער בינג פון נאנסי. די אידישע פאָרשטעהער האבען געפאָדערט גלייכע בירגערליכע רעכטען, אבער די רעגירונג האט זיך נאָך ניט ענטשלאָסען אויף אזא ראדיקאלע רעפאָרמע.

איטאליען. צום ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט איז די לאגע פון אי־דען אין איטאליען געווען זעהר טרויעריג. אין 1775 האט דער פּאפּסט פּיאוס דער 6טער ארויסגעגעבען אן עדיקט וועגען די אידען אין דעם געטאָ. אין דיזען עדיקט האט ער צוזאמענגעשטעלט אלע אונמענשליכע פערפאָלגונגען, וואס זיינע אויסגעטראכט געוואָרען פון די גייסטליכע פיר די אידען אין דער צייט פון מיטעלאלטער. דער איד האט געמוזט טראָגען א געלע לאטע אויף זיינע קליידער, ער האט ניט געטאָרט ארויס פון דעם געטאָ צו אָטעמען פרישע לופט. קיין אידישער ספר האט זיך ניט געטאָרט געפינען אין א אי־דישען הויז אויסער א סדור און א תנ"ך. פיר ניט פאָלגען דיזע געזעצען איז

אַ איד בעשטראָפט געוואָרען מיט גרויסע סומעס געלט אָדער זאָגאָר מיט קאַטאָרגע. די אידען האָבען געמוזט הערען די דרשות פון די מיסיאָנערען, און די רבנים זיינע געווען פערפליכטעט צו ברייגנען אַ געוויסע צאָהל צוהע-ער פיר די דרשות.

די שוואַרצע מאָנאַכען האָבען אימער געהעצט די קאַטאָליקען צו מאַ-כען פּאָגראָמען אויף אידען אין דעם געטאָ פון רוים, וועלכער איז בעשטאַנען פון 7,000 נפשות. טויפען מיט גוואַלד אידישע קינדער איז געווען דער גרעסטער פערגניגען פיר די פאַנאַטישע גייסטליכע. אין 1787 האָט זיך אָן אָרימער איד געטויפט אין רוים או האָט געזאָגט די גייסטליכע, דאָס אין דעם געטאָ געפינען זיך צוויי יתומים, וואָס מען קען זיי טויפען. די אידען האָבען זיך דערוואוסט דערפון און האָבען בעהאַלטען די צוויי יתומים. די פּאָליציי האָט דערפאַר אַריינגעוואָרפען אין טורמע 66 אידישע קינדער און האָט שרעקליך געפייניגט די אידישע פאָרשטעהער. די אידען האָבען געמוזט איבערגעבען די צוויי יתומים און בעצאָהלען אַ גרויסע קאָנטריבוציאָן.

ניט פיעל בעסער איז געווען די לאַגע פון אידען אין אַנדערע ערטער פון איטאַליען. אַן אויסנאַהמע האָבען געמאַכט די פּאָרט־שטעדט ליוואָרנאָ און פלאָרענץ, וואו די רייכע אימפּאָרטירער און באַנקירען האָבען געהאַט אַ גרוי-סען איינפלוס אויף דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די שטעדט, און האָבען אויסגעווירקט מען זאָל ערוועהלען פון זיי מיטגלידער צום שטאָדט־ראַט און זיי געבען דאָס רעכט צו וואוינען אויסער דעם געטאָ.

נידערלאַנד, ענגלאַנד, שווייץ און סקאַנדינאַוויען. האָללאַנד, וועלכע האָט געגעבען צעהנדליגע טויזענדער אידען פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און דייטשלאַנד פולע רעליגיאָנס־פרייהייט, האָט זיי אָבער ניט געגעבען קיין פולעס בירגער־רעכט. אין די גרויסע שטעדט פון האָללאַנד האָבען זיך גע-פונען גרויסע אידישע געמיינדעס ספרדישע און אשכנזישע, וועלכע האָבען געפיהרט גרויסע געשעפטען און האָבען געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע אין זייער געמיינדע־לעבען. ביי אַלעם דעם האָט מען די אידען ניט אַריינגענו-מען אין קיין גילדע, זייערע קינדער האָט מען ניט צוגעלאָזען אין קיין שולע, הגם די אידען האָבען געצאָהלט שטייער צו אויסהאַלטען די שולען.

אויך די אידען אין ע נ ג ל אַ נ ד האָט מען נאָר געדולדעט, אָבער מען האָט זיי ניט געגעבען קיין גלייכע בירגער־רעכטען. אין לאָנדאָן און אין פיעלע אַנדערע שטעדט זיינען געווען אידישע געמיינדעס מיט אַ גע-וויסער אויטאָנאָמיע; זיי האָבען פריי געפיהרט גרויסע געשעפטען און האָ-בען זיך בעשעפטיגט מיט פערשיידענע אַרבייטען און אינדוסטריען, אָבער

זיי זיינען געווען אָפּגעשניטען פון עפענטליכען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. די הויפּט־שטערונג אין דעם איז געווען דער נוסח פון דער שבועה, וואָס יעדער בעאַמטער האָט געמוזט געבען ביים אריינטרעטען אין אַמט — דאָס ער שווערט „לויט דעם וואהרען גלויבען אין קריסטענטום". די הויפּט־שטערונג צו אידישער גלייכבערעכטיגונג איז געווען די רעליגיאָן. דעריבער האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבען געטויפט זייערע קינדער. איבערהויפּט האָבען זיך געפונען אַזעלכע צווישען די רייכע ספרדישע פאַמיליעס. די אידיש־דייטשע און פוילישע פאַמיליעס זיינען געווען ניט זעהר רייך און ווייטער פון דער ענגלישער אריסטאָקראַטיע, און דערפאַר איז דער נאַציאָנאַל־געפיהל געווען ביי זיי שטאַרקער.

אין דער שווייץ האָבען אידען ניט געהאט קיין וואוין־רעכט. זיי האָבען געהאט דאָרט בעשטימטע געטאָס, וואו זיי האָבען געמעגט פערבלייבען נאָר אַ געוויסע צייט. דאָס איז געווען נאָר אין צוויי שטעדט: אין ענדינגען און אין לענגנאו, וועלכע האָבען שפּעטער געבילדעט אַ טייל פון דעם קאַנטאָן אַארגאַו. זיי האָבען געמוזט אַלע 16 יאָהר שליסען אַ נייעם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג צו בלייבען וואוינען דאָרט. די בעדינגונגען, אויף וועלכע די אידען האָבען געמעגט פערבלייבען אין יענע שטעדט זיינען געווען: זיי זאָלען זיך ניט פערגרעסערן אין צאָהל; קיין חתונות ניט צולאָזען צווישען די אָרימע; אַ אידישע כלה פון דער פרעמד האָט געמוזט ברייננגען ניט ווייניגער פון 500 גולדען נדן. אַ איד האָט קיין רעכט ניט געהאט צו קויפען אַ הויז, ערד, וואוינען צוזאַמען מיט אַ קריסט אין איין הויז. אין גאַנצען האָבען זיך אין דער שווייץ געפונען נאָר 150 אידישע פאַמיליעס. דאָס איז געווען דער צושטאַנד פון אידען אין דער פרייער שווייץ זאָגאר אין די ערסטע יאָהרען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

אין דענעמאַרק האָבען אין יענער צייט געלעבט נאָר אונגעפעהר 3,000 אידען. אין דער הויפּטשטאָדט קאָפּענהאַגען האָט מען צוגעלאָזט נאָר רייכע אידישע האַנדעלסלייט און דאָס אויך מיט גרויסע שוועריגקייטען. פון געבען זיי דאָרט בירגער־רעכט איז קיין רייד ניט געווען זאָגאר אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

אין שוועדען האָט אַ איד ניט געקענט וואוינען סיידען ער האָט זיך געטויפט פיר אַ פּראָטעסטאַנט. אין 18טען יאָהרהונדערט האָט מען שוין דאָרט ערלויבט וואוינען אידישע סוחרים. זיי האָבען געמעגט האָבען שולען נאָר אין דריי שטעדט: אין סטאָקהאָלם, געטעבאָרג און נאָרקעפּינג. אַן אויסלענדישען אידען איז זעהר שווער געווען אריינצוקומען אין שוועדען. שפּו-

רען פון די אַלטע שוועדישע געזעצען זיינען ביז היינט נאָך פערבליבען אין פינלאַנד, וועלכע איז אמאָל געוועז אַ שוועדישע פּראָווינץ. דיזע געזעצען זיינען נאָך שטארקער געוואָרען זינט פינלאַנד איז אַרונטערגעגאַנגען אונטער רוסלאַנד, וועלכע איז ביז דער לעצטער צייט געוועזען די קוועלע פון אידישער רעכטלאָזיגקייט.

פוילען. אין יאָהר 1772 איז פאָרגעקומען די ערסטע צוטיילונג פון פוילען. רוסלאַנד האָט צוגענומען ביעלאָרוסיע; עסטרייך — גאַליציען, און פּרייסען — פּאָמעראַניען און אַ טייל פון דער פּראָווינץ פּאָזען. אין גאַליציען האָט דער קייזער יאָזעף דער 2טער אָנגעהויבען צו ארבייטען מיט זיינע רעפאָרמעס אונטער די אידען. פריעדריך דער 2טער איז זעהר אונ-צופרידען געוועזען מיט די פוילישע אידען פון זיינע פּראָווינצען, און רוס-לאַנד האָט איהרע אייגענע אידען אין מאַלאָראָסיע אויך שטארק געהאַסט. אין פוילען זעלבסט זיינען דאַמאָלס פערבליבען לערך 900,000 נפשות. די אידישע קינדער אין פוילען זיינען דאַמאָלס ערצויגען געוואָרען נאָר אין אידישער רע-ליגיאָן און איבערהויפּט אין תלמוד. די בעשעפטיגונגען זייערע זיינען געוועזען מסחור, מלאכות און אין אַ זעהר קליינער מאָס ערד־ארבייט. אַ צוועלפטעל פון אַלע אידען אין פוילען זיינען געוועזען לעדיג־געהער און אַ זעכציגטעל בעט-לער. זעהר אַ גרויסער טייל פון די אידען זיינען געוועזען שענקער, וועלכע האָבען פערקויפט בראַנפען אין די שטעדט און דערפער. אין די שענקען פון די דערפער פלעגען אריינקומען מעהרסטענס די פויערים, וועלכע זיינען געוועזען זעהר אָרים און געדריקט, אום דאָרט צו פערטרינקען זייערע צרות. די קריסטליכע בעפעלקערונג, איבערהויפּט די פּאָמיעשטשיקעס, האָט בעשולדיגט דעם אידי-שען שענקער אין דעם אונגליק פון פויער. דער פּאָריץ האָט בעהאַנדעלט זיין אידישען אַרענדאַר ערגער ווי אַ טיער. ווען דער אַרענדאַר האָט איהם ניט בעצאָהלט די רענט פיר דעם שענק אין צייט פלעגט דער פּאָריץ פערשפּאַרען דעם אידען געשמידט אין קייטען צוזאַמען מיט חזירים ביז אידען פון דער סביבה פלעגען קומען און איהם אויסלעזען פון חזיר־שטאַל. די אידען זיינען געטריבען געוואָרען צו דיזען שענדליכען געשעפט דורך נויט. די צעכען האָבען זיי ניט צוגעלאָזען צו ווערען בעלי מלאכות, די גילדעס האָבען זיי ניט צוגעלאָזען צום האַנדעל, און זיי זיינען דעריבער געוועזען געצוואונגען צו ווערען שענקער אין די דערפער. צוזאַמען מיט דעם האָט מען געהעכערט די שטייער פון יעדען נפש ביי אידען. אָנשטאָט 2 האָט אַ איד געמוזט צאָהלען 3 גולדען פיר יעדע פערזאָן אין זיין פאַמיליע, זאָגאַר פיר קליינע קינדער.

קיין געטאָ איז פיר די אידען אין פוילען ניט געווען, בלויז אין ווארשא האָבען זיי קיין רעכט ניט געהאַט צו וואוינען. אָבער אין דער צייט פון דער זיצונג פון סיים (פּאַרלאַמענט) האָט מען זיי יע ערלויבט צו האַנדלען און אַרבייטען אין ווארשא אום דורך זייער קאָנקורענץ צו מאַכען ביליגער דאָס לעבען. 2 וואָכען איידער דער סיים האָט זיך געעפענט האָט מען מיט טרומייטען געגעבען צו וויסען אין ווארשא, דאָס די אידען איז ערלויבט צו קומען אין שטאָדט פיר האַנדעל און אַרבייט. 2 וואָכען נאָך דעם סיים האָט מען ווידער געגעבען צו וויסען דורך טרומייטען, דאָס די אידען מוזען באַלד פערלאָזען ווארשא. די אידען אָבער האָבען געוואוסט וועמען אונטערצוקויפען און זיינען געבליבען וואוינען אין ווארשא אַ לענגערע צייט אין אַ געוויסער געגענד, וועלכע האָט געהאַט דעם נאָמען די „נייע ירושלים". די קריסטליכע בירגער האָבען ניט געדולדעט די אידישע קאָנקורענץ און האָבען אויסגעפיהרט, דאָס מען האָט זיי אַרויסגעטריבען פון זייער „נייער ירושלים" (22טען יאַנואַר 1775). די אידען האָבען ווידער געמוזט צופרידען זיין צו קומען אין ווארשא נאָר אויף אַ קורצע צייט, ווען דער סיים האָט זיך פערזאַמעלט. ענדע פון 1788 האָט זיך אָנגעהויבען אין ווארשא אַ זיצונג פון סיים, וועלכע האָט געדויערט פיער יאָהר. די אידען האָבען זיך בענוצט מיט דעם און זיינען פערבליבען אין ווארשא אויף אַ לאַנגע צייט. דאָס אָבער האָט געפיהרט צו אַ בלוטיגען צוזאַמענשטויס צווישען די אידען און קריסטען.

עס האָט זיך דערפיהלט אין פוילען אַ נויטווענדיגקייט צו רעפאָרמירען די אידישע לאַגע. צוויי פּראָיעקטען זיינען דאַמאָלס פאָרגעשלאָגען געוואָרען: איינער פון אַ נ ד ר ע י ז אַ מ אָ י ס ק י; לויט וועלכען מען זאָל די אידען צווינגען זיין אָפּגעזונדערט פון די קריסטען, ניט ערלויבען זיי צו וואוינען איבעראַל און ווי ווייט מעגליך צו בעשרענקען זייער לעבען. דער אַנדערער פּראָיעקט איז געווען פון אַן „אַנאָנימען בירגער"; דיזער האָט געפאָדערט מען זאָל די אידען צווינגען זיך צוזאַמענשמעלצען מיט'ן פוילישען פאָלק, — צווינגען זיי צו געברויכען נאָר די פוילישע שפּראַך, ניט צולאָזען צו זיי קיין אידישען אָדער העברעאישען ספר. דיזען פּראָיעקט האָט בוטרימאָוויטש פאָרגעלעגט פאַר דער קאָמיסיאָן פון סיים אין יאָהר 1790.

דאָס אינערע לעבען פון די אידען אין פוילען איז געווען זעהר ענליך צום קריסטליך פוילישען — איבעראַל מחלוקת. די שטיצע פון יודענטום, די מאַכט פון קהל, איז פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען צוליב דער מחלוקה צווישען די חסידים און מתנגדים, ווייל ביי די חסידים האָט דעם רב'ס וואָרט מעהר ראָלע געשפּילט ווי די פאָדערונג פון קהל. די רבנים זיינען געווען

אונטער'ן יאָך פון די רייכע, וועלכע האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין קהל'שע ענינים און האָבען גערדריקט די מיטעלע און אָרימע קלאַס. עס האָבען אָנגעהויבען פליהען מסירות פון די אַרבייטער אויף די אונרעכטען, וואָס דער קהל טוט זיי. די מינסקער בעלי מלאכות האָבען זיך בעקלאָגט צום סקאַרבאָווען טריבונאַל, דאָס דורך אַרעסטען און חרמות זויגט דער קהל אויס פון זיי דעם לעצטען טראָפּען בלוט. אין ווילנא האָט זיך 20 יאָהר געצויגען אַ מחלוקה צווישען די פּאַרטייען — די קהל'שע און דעם רב'ס (ר' ש מ ו א ל וו י ג ד אָ ר א ו ו י ט ש). דער פּראָצעס איז אָנגעקומען צום ווילנער וואָיעוואָדאַ ראַדזיווויל, און דיזער האָט דעם רב פון דער שטעלע ענטזאַגט (1785). אין יאָהר 1788 האָט אַ מסור שמעון וואָלפאָוויטש, וועלכער איז געווען אין תפיסה און אין חרם, בעוויזען דעם 4־יעהריגען סיים, דאָס עס איז נעטיג צו רעפאָרמירען דעם אידישען קהל און צונעהמען פון איהם די אויטאָנאָמיע. אַ שטראַהל פון בילדונג, וועלכע האָט זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען בעווייזען צווישען די דייטשע אידען, האָט אָפּגעשראָקעןביידע פּאַרטייען, די חסידים און די מתנגדים. דער נאָמען „בערלינער" איז געווען אַ בזיון. אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געלערנט עפּעס אויסער תלמוד אָדער קבלה איז געוואָרען פערפאָלגט און האָט געמוזט ענטלויפען נאָך דייטשלאַנד.

פון דער ערסטער חלוקה פון פּוילען זיינען אָנגעקומען אויף'ן חלק פון רוסלאַנד צוויי גובערניעס — מאָהליוועד און וויטעבסקער. די רוסישע רעגירונג האָט ערלויבט די אידען פון דיזע גובערניעס זיך בעשעפטיגען מיט האַנדעל און מלאכה, זי האָט זיי אָבער ניט אַריינגעלאָזען אין די רוסישע שטעדט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם גרויסען רוסישען געטאָ (די „טשערטאַ"). ביסלאַכוויַיז האָט מען אָנגעהויבען אָפּנעהמען פון די אידען אין דיזע צוויי גובערניעס די רעכטען, וואָס זיי האָבען געהאַט אונטער פּוילען. דאָס ערסטע האָט מען צוגענומען פון זיי דאָס רעכט צו האַלטען שענקען. טויזענדער פאַמיליעס זיינען צוגרונד געגאַנגען דערפון. די אידען האָבען זיך געווענדעט צום סענאַט מיט קלאַגען. און דיזער האָט אין 1786 אָפּגעשטעלט דיזען פערבאָט פון דער רעגירונג. דער אידישער קהל האָט אויך בעקומען אַן אַנדער פּנים— אָנשטאָט צו זיין אַן אָרגאַן פון אידישער אויטאָנאָמיע איז ער געוואָרען אַ האַלבער רעגירונגס־אָרגאַן.

אידען אויסערהאַלב אייראָפּאַ. אין יאָהר 1776 האָט אַמעריקאַ ארויסגעגעבען איהר פרייהייטס־ערקלערונג פאַר דער וועלט. דאָס ביסעל אידען, וואָס האָט זיך דאַמאָלס דאָרט געפונען, האָט גלייך בעקומען אַלע רעכ-

טען און פרייהייטען צוגלייך מיט אלע אנדערע בירגער פון לאנד. זיי האבען ניט געברויכט צו קעמפען פיר דיזע רעכטען.

די לאגע פון די אידען אין אזיען און אפריקא אונטער דער הערשאפט פון דער אטאמאנישער (טערקישער) אימפעריע איז געווען זעהר טרויעריג. זיי האבען זיך געצאפעלט צווישען צוויי פייערן — קריסטענטום און מאח-מעדאנערטום. די אידען אין קאנסטאנטינאפעל און סאלאניקי האבען אי-מער געמוזט שטרייטען פיר זייער עקסיסטענץ מיט די קריסטליכע סוחרים פון די גריכען און ארמעניער. אין די אזיאטישע און אפריקאנישע שטעדט האבען זיי געליטען אונטער דעם דרוק פון די פאנאטישע אראבער. די בע-אמטע דארט האבען פון זיי דעם לעצטען טראפען בלוט אויסגעזויגען. אין ארץ ישראל האבען געלעבט אייניגע טויזענד אידישע פאמיליעס, וועלכע האבען קיין זאך ניט געטאן און האבען זיך ערנעהרט פון חלוקה, פון דעם געלט, וואס זייערע ברידער אין אייראפא פלעגען זיי שיקען. זיי זיינען געזעסען אין ירושלים, חברון, צפת און טבריה. נארד-אפריקא, וואו אין מיטלאלטער האט געבליהט א הויכע קולטור, וואס די אידען און די אראבער האבען פערשפרייט, איז געווען בעדעקט מיט א דיקער פינסטערנים. קיין שטראהל פון ליכט האט אהין ניט געטארט אריינדרינגען.

ב. דער גאנג פון דער נייעסטער אידישער געשיכטע.

עמאנציפאציאן און רעאקציאן. צווישען די יאהרען 1789—1905, פון דער ערסטער פראנצויזישער רעוואלוציאן ביז דער ערסטער רוסישער רע-וואלוציאן, קומען פאר אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק צוויי רייהען ערשיינונגען: עמאנציפאציאן און רעאקציאן, אסימילאציאן און נאציאנאליזם. די עמאנציפאציאן פון אידען האט זיך אנגעהויבען אין פראנק-רייך אין 1789, אין אנדערע אייראפעאישע לענדער אין פערלויף פון 19טען יאהרהונדערט, אין רוסלאנד אבער הייבט זי זיך ערסט אן אין אנ-פאנג פון 20טען יאהרהונדערט. דאס פאליטישע לעבען פון די אידען פון דיזער פעריאדע קען איינגעטיילט ווערען אין 4 עפאכען: 1) די עפאכע פון דער פראנצויזישער עמאנציפאציאן (1789—1815), ווען אויך אנדערע אייראפעאישע רעגירונגען האבען אדער געגעבען אידען פולע פרייהייט אדער וועניגסטענס פערבעסערט זייער צו-שטאנד; 2) די עפאכע פון דער ערסטער רעאקציאן (1815—1848), ווען די פעלקער, אויסער פראנקרייך, האבען זיך גענומען אפנעהמען פון די אידען די פרייהייט, וואס מען האט זיי געגעבען;

3) די עפּאָכע פון דער צווייטער עמאַנציפּאַציאָן (1848—1881), ווען מען האָט די אידען צוריק אָנגעהויבען געבען רעכטען, און אויך רוסלאַנד האָט זיי געגעבען מעהר רעכטען; 4) די עפּאָכע פון דער צווייטער רעאַקציאָן (1881—1905), ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פערשפּרייט אין גאַנץ אייראָפּאַ, און רוסלאַנד האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע פּאָגראָמען אויף אידען. אין ענגער פערבינדונג מיט דעם אויסערליכען פּראָצעס פון עמאַנציפּאַציאָן און רעאַקציאָן געפינט זיך דער צווייפאַכער אינערליכער פּראָצעס — אַסימילאַציאָן און נאַציאָנאַליזם. אין דעם פערלויף פון זיין געשיכטע האָט זיך דאָס אידישע פאָלק געפונען אונטער דעם איינפלוס פון צוויי קרעפּטען, וועלכע האָבען געטריבען צו אַסימילירען זיך מיט אַנדערע פעלקער: איינע איז געווען אַ קולטורעלע און די אַנדערע אַ מאַטעריעלע. שוין אין די אַלטע צייטען האָט זיך אַ גרויסער טייל פון אידישען פאָלק געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער קולטור פון פעניציען, אשור און בבל; שפּעטער האָט זיי אָנגעצויגען די גריכישע און רוימישע קולטור, נאָך שפּעטער די אַראַבישע, אין די לעצטע צייטען די פראַנצויזישע און דייטשע (מענדעלסאָן). דיזע אָנציהונגס-קראַפט פון אַנדערע קולטורען האָט אָפּגעשוואַכט דעם נאַציאָנאַל-געפיהל אין אַ גרויסען טייל פון פאָלק. די איירָאפּעאישע רעגירונגען האָבען פיעל געהאָלפען צו מאַכען שטאַרקער די בעוועגונג פון אַסימילאַציאָן. זאָגאַר די ליבעראַלע רעגירונגען האָבען געהאַלטען, דאָס די אידען אַלס אַ נאַציאָן דאַרף מען ענטזאָגען אין אַלעס, און מען קען זיי נאָר געבען רעכטען אַלס מענשען, ווען זיי וועלען זיך אָפּזאָגען פון זייער נאַציאָנאַליטעט. דיזער צושטאַנד האָט געהערשט אין 18טען און אין דער ערסטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, ווען דער נאַציאָנאַל-געפיהל איז געווען איבעראַל זעהר שוואַך. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס די אידישע נאַציאָן האַלט ביים אונטערגעהן.

אָבער דער אַנטיסעמיטיזם און די רעאַקציאָן אין רוסלאַנד (1881—1905) האָט פערשטאַרקט אין די אידען פון רוסלאַנד און גאַליציען דעם נאַציאָנאַל-געפיהל. די פּאָגראָמען האָבען ענטוויקעלט אין אידישען פאָלק אין רוסלאַנד און פּוילען דעם הייסען וואונש צו ווערען פריי אַלס אַ נאַציאָן. עס איז אַרויסגעוואַקסען די ציוניסטישע בעוועגונג, וועלכע האָט פיעל אָפּגעשוואַכט די אַסימילאַטאָרישע בעוועגונג ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין דייטשלאַנד און אַנדערע איירָאפּעאישע לענדער. דיזע בעוועגונג איז זעהר בולט אַרויס אין אָנהויב פון 20טען יאָהרהונדערט.

עפּאָכע פון דער ערסטער עמאַנציפּאַציאָן

(1815 — 1789).

א. די עמאנציפּאציאָן פון אידען אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן אין דער אימפּעריע.

אין פריהלינג פון יאָהר 1789 האָבען זיך פערזאַמעלט אין פּאַריז די דעפּוטאַטען פון גאַנץ פראַנקרייך אום צו בעשפּרעכען דעם פּאָליטישען צושטאַנד פון לאַנד. די אידען האָבען קיין רעכט ניט געהאַט צו ערוועהלען דעפּוטאַטען צו דער פאָלקס־פערזאַמלונג. זיי האָבען אָבער אויסגעווירקט אַן ערלויבניס פון דער רעגירונג צוזאַמענצורופען די פאָרשטעהער פון די אידישע געמיינדעס אין עלזאַס, לאָטהרינגען און מעטץ, וועלכע זאָלען פאָרלעגען פאַר דער רעגירונג זייער וואונש. זיי האָבען געמוזט עפּעס טאָן, ווייל זיי האָבען זיך דערוואוסט, דאָס פיעלע דעפּוטאַטען האָבען בעקומען פון זייערע וועהלער אידען־פיינדליכע אינסטרוקציאָנען. די גייסטליכע און פיעלע פון אַדעל האָבען געפאָדערט מען זאָל מאַכען פיר אידען נייע בעשרענקונגען— ניט דערלאָזען אַלע אידען חתונה האָבען, ווייל די אידען ברייגען נאָר שאָדען דעם לאַנד. די אידישע פאָרשטעהער האָבען ניט געהאַט דעם מוט צו בעטען גלייכע רעכטען און האָבען נאָר געבעטען מען זאָל אַ ביסעל ערלייכטערן זייער שיקזאַל.

אין יולי פון 1789 האָבען זיך די אומשטענדען געענדערט. די אידען האָבען דערזעהען ווי די באַסטיליע איז צושמעטערט געוואָרען, דאָס פאָלק האָט געזיגט. די פּאָליציי האָט שוין מעהר ניט געטריבען אידען פון שטאָדט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען זיי דערהערט אַ טרויעריגע בשורה, דאָס אין עלזאַס האָבען די פּויערים, וועלכע האָבען גערויבט און געברענט די שלעסער פון די גוטס־בעזיצער, אויך געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידען. איבער 1,000 אידען זיינען אנטלאָפען פון עלזאַס.

דאמאָלס איז ארויסגעטראָטען צו בעשיצען די אידען דער אבבאט גרעגואר, א דעפּוטאט אין דער פאָלקס־פערזאמלונג, וועלכער האָט זיין גאנצעס לעבען געווידמעט צו דער אידישער בעפרייאונג. זיין רעדע אין דער פערזאמלונג האָט געמאכט א גרויסען רושם, אָבער מען האָט זיך ניט געקענט נעהמען צו לעזען די אידישע פראגע, ווייל אויף דער טאגעס־אָרדנונג איז געשטאנען די פראגע פון אָפּשאפען דאס אלטע פעאָדאל־סיס־טעם.

דעם 22טען אויגוסט האָט דער דעפּוטאט קאסטעללאן געמאכט א פאָרשלאג אין דער פערזאמלונג, דאס קיין מענש זאָל ניט פערפאָלגט ווערען צוליב זיין רעליגיאָן. מיראבאָ איז ארויס מיט א פייערדיגער רעדע געגען דעם פערלאנג פון אייניגע דעפּוטאטען, דאס די קאטוילישע רע־ליגיאָן זאָל זיין די הערשענדע. „דער העשערנדער פּרינציפּ אין לאנד דארף זיין" — האָט ער אויסגעשריען — „בלויז גערעכטיגקייט". נאָך מיראבאָ האָט גערעדט דער פּראָטעסטאנטישער פּאסטאָר ראבאָ סט. עטיען. „פיר די פראנצויזישע פּראָטעסטאנטען, פיר אלע ניט־קאטאָליקען" — האָט ער געזאָגט — „„פאָדער איך דאס, וואס איהר פערלאנגט פיר זיך: פריי־הייט, גלייכהייט! איך פאָדער עס אויף פיר יענעם פאָלק, וועלכעס איז אָפּגעריסען געוואָרען פון אזיען, וועלכעס בלאָנדזעט ארום און ווערט גע־טריבען און פערפאָלגט שוין 18 הונדערט יאָהר, וועלכעס וואָלט אָננעהמען אונזערע זיטען און מנהגים, ווען אונזער געזעצגעבונג וואָלט דיזעס פאָלק אריינגעפיהרט צווישען אונז. מיר טאָרען ניט בעשולדיגען דיזעס פאָלק זאָ־גאר פיר זיינע מאָראלישע פעהלערן, ווייל דיזע פעהלערן זיינען די פרוכט פון אונזער אייגענעם בארבאריזם, די פרוכט פון יענעם ערנידריגטען צו־שטאנד, צו וועלכען מיר האָבען עס פעראורטיילט". נאָך לאנגע דעבאטען איז אָנגענומען געוואָרען דער פּונקט, דאס קיינער טאָר ניט פערפאָלגט ווע־רען צוליב זיין גלויבען. ליידער זיינען אין דער פּראקטיק די אידען נאָך אלץ פערבליבען אין פיעלע הינזיכטען רעכטלאָז, אָבער דער פאקט, דאס אין פּארלאמענט האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אידישע גלייכבע־רעכטיגונג האָט זיי געגעבען מוט צו פאָדערן גלייכע רעכטען.

דער 26טען אויגוסט האָט די אידישע ספרדישע געמיינדע אריינגע־בראכט א ביטע אין דער נאציאָנאל־פערזאמלונג, דאס אין דעקרעטען ווע־גען אלגעמיינע פרייהייט זאָל אויסדריקליך דערמאָהנט ווערען, דאס אויך די אידען זיינען אין כלל. מיט אייניגע טעג שפּעטער איז אזא ביטע צו־געשיקט געוואָרען צו דער נאציאָנאל־פערזאמלונג פון די אידען פון עלזאס

און לאָטרינגען, ווייל זיי האָבען געהערט דאָס מען דענקט די אידען פּטר'ן מיט קליינע הנחות. מערקווירדיג איז, דאָס די ספרדישע געמיינדעס האָבען נאָר געבעטען אַלגעמיינע מענשליכע רעכטען, און די עלזאַס און לאָטרינגישע געמיינדעס האָבען אַ חוץ דעם אויך געבעטען אויטאָנאָמיע פיר דאָס אינערען לעבען פון די אידען — פיר זייער רעליגיאָן, זייערע רבנים א. ז. וו. דעם 3טען סעפּטעמבער זיינען אַלע אידישע ביטשריפטען פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דער גייסטליכער גרעגואר האָט געוואָלט אַרויסטרעטען צו בעשיצען די אידען. אָבער די פערזאַמלונג האָט די זאַך איבערגעגעבען צו אַ בעזונדערער קאָמיסיאָן.

דערווייל האָבען די פּאָגראָמען אויף אידען אין עלזאַס און לאָטרינגען ניט אויפגעהערט. דעם 28טען סעפּטעמבער זיינען די דעפּוטאַטען גרעגואר און קלערמאָנט־טאָננער אַרוים מיט פייערדיגע רעדעס און געפאָדערט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג מען זאָל אָפּלעגען אָן אַ זייט אַלע פערהאַנדלונגען און זיך בעשעפטיגען אויסשליסליך מיט דער אידען־פראַגע, ווייל יום כפור איז נאָהענט און דער המון אין עלזאַס און לאָטהרינגען פאַרבערייטעט זיך צו מאַכען אַ שחיטה אויף די אידען אין די שולען. די פערזאַמלונג האָט גלייך געפאָדערט פון די בעאַמטע אין יענע פּראָווינצען צו טאָן אַלעס מעגליכע צו בעשיצען די אידען, און האָט אויך געבעטען דעם קעניג וועגען דעם.

דעם 14טען אָקטאָבער אָבענדס איז געקומען אַ אידישע דעפּוטאַציאָן פאַר די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און גרעגואר האָט געבעטען מען זאָל זי באַלד אויפנעהמען. דער פאָרשטעהער פון דער דעפּוטאַציאָן ב ע ר ־ י צ ח ק ב ע ר ר האָט געהאַלטען פאַר דער פערזאַמלונג אַ קורצע אָבער זעהר ריהרענדע רעדע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די טרויעריגע לאַגע פון די אידען אין פראַנקרייך און האָט געבעטען גלייכע רעכטען פיר אידען. פיעלע פון דער פערזאַמלונג זיינען געוועזען געריהרט פון דער רעדע. דער פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג האָט פערשפּראָכען דער אידישער דעפּוטאַציאָן, דאָס די דעפּוטאַטען וועלען אַלעס מעגליכע טאָן צו ערפילען זייער פערלאַנג. אום צו צייגען עהרע דער דעפּוטאַציאָן האָט מען איהר ערלויבט צו פערבלייבען אין דער פערזאַמלונג ביז ענדע פון דער זיצונג.

דער ענטפער פון פּרעזידענט האָט געגעבען די אידען האָפנונג, דאָס אין גיכען וועלען זיי בעקומען גלייכע רעכטען מיט אַלע פראַנצויזישע בירגער. אָבער ליידער האָבען זיך באַלד די אידען איבערצייגט, דאָס די הילף איז נאָך ווייט פון זיי. די שווארצע פּאַרטיי פון די קלעריקאַלען און גוטס־

בעזיצער האָבען זיך געשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט ניט צו דערלאָזען געבען אידען גלייכע פּאָליטישע רעכטען.

דעם 21טען דעצעמבער 1789 האָט זיך די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג גע-נומען צו פערהאַנדלען די אידען־פראַגע. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שאַרפע דעבאַטען. עס איז אַרויסגעטרעטען געגען געבען אידען גלייכע בירגער־רעכטען דער דעפּוטאַט פון עלזאַס ר ע וו ב ע ל. ער איז געוועזען אַ שרעק-ליכער אידען־פיינד און האָט גע'טענה'עט, דאָס אידען זיינען ניט קיין בירגער און זיי פערדינען ניט קיין בירגער־רעכטען. די דעבאַטען האָבען זיך פערצוי-גען צו לאַנג און די פערזאַמלונג האָט געמוזט אָפּלעגען די פערהאַנדלונג פון דיזער פראַגע אויף דעם צווייטען טאָג. דעם 23טען דעצעמבער איז קלער-מאָנט־טאָננער אַרויס מיט אַ פייערדיגער רעדע צו בעשיצען די אידען. דער שוואַרצער קלעריקאַל א ב ב א ט מ אָ ר י האָט איהם געענטפערט, דאָס די אידען האָבען זיך קיין מאָל ניט גערעכענט פיר בירגער פון פראַנקרייך, נאָר זיי האָבען געלעבט אַלס אַ בעזונדער נאַציאָן מיט זייערע אייגענע געזע-צען, זיי האָבען זיך קיין מאָל ניט בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט, זאָגאַר אין די צייטען פון דוד און שלמה; זיי קענען זיך אויך ניט בעשעפטיגען מיט ערד־אַרבייט, ווייל אויסער שבתים האָבען זיי 56 ימים טובים אין יאָהר. די אידען האָבען איין עלזאַס פיר 12,000,000 פער'משכון'טע ערד, וועלכע די אָרימע קריסטען בעאַרבייטען מיט זייער שוויים אין דער צייט, ווען די אידען זיצען רוהיג און וועגען זייער גאָלד. ווען מען זאָל געבען אידען ביר-גער־רעכטען וועלען די אָרימע קריסטען זיי נאָך מעהר האַסען און פערפאָל-גען. „פיר די טובה פון די אידען זעלבסט" — האָט מאָרי געזאָגט — „דאַרף מען ניט רעדען וועגער דיזער פראַגע. אידען דאַרף מען ניט פערפאָלגען: זיי זיינען מענשען, אַלזאָ אונזערע ברידער. פערשאָלטען זאָל זיין דער, וואָס רעדט וועגען ניט דולדען זיי! קיינער דאַרף ניט פערפאָלגט ווערען צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען... מען זאָל זיי בעשיצען אַלס מענשען, אָבער ניט אַלס פראַנצויזען, ווייל זיי קענען קיין בירגער ניט זיין".

אויף'ן אַנדערען טאָג האָט די פּרעסע שאַרף קריטיקירט מאָרי'ס רעדע. אין אַ ברייטען אַרטיקעל וועגען דיזע פראַגע האָט דער „זשורנאַל דער פּאַ-ריז" בעמערקט: „מענשען דאַרפען ניט בעשיצט ווערען פון מענשען: אַזאַ שוץ שמעקט מיט טיראַניי. דער בעשיצער פון אַלע מענשען אָהן אונטערשייד דאַרף זיין דאָס געזעץ, אָבער דאָס געזעץ איז אַ גוואַלד־אַקט, ווען עס ווערט געמאַכט אָהן דעם אַנטייל פון די, פיר וועלכע עס ווערט געמאַכט".

אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט אויף דעם אַרגומענט פון מאָרי, דאָס די אידען זיינען אַ נאַציאָן און ניט קיין רעליגיעזע סעקטע. קיינער האָט ניט געענטפערט, דאָס דעריבער מוז מען געבען די אידען אויך נאַציאָנאַלע רעכ-טען. זאָגאַר די הייסע בעשיצער פון אידען האָבען געפאָדערט דאַמאָלס, דאָס די אידען זאָלען זיך ענטזאָגען פון זייער נאַציאָנאַליזם. אויך ראָבעספּיערר האָט געענטפערט די אידישע געגנער. „וועגען די אידען", זאָגט ראָבעס-פּיערר — „האָט מען אונז אָנדערצעהלט גוזמאות, וועלכע ווידערשפּרע-כען אָפט די געשיכטע. די פעהלערן פון די אידען קומען פון דעם צושטאַנד פון ערנידריגונג, אין וועלכען מיר האָבען זיי געבראַכט. זיי וועלען ווערען גוטע מענשען, ווען זיי וועלען זעהן, דאָס עס לוינט צו זיין גוט... איך דענק, דאָס מען טאָר ניט צונעהמען פון קיין איינעם פון דיזער קלאַס יענע הייליגע רעכטען, וועלכע געהערען צו זיי אַלס מענשען, דיזע פראַגע איז אַן אַלגעמיינע פראַגע, און זי דאַרף געלעזט ווערען לויט פּרינציפּ."

ראָבעספּיערר האָט אוועקגעשטעלט די אידישע פראַגע אויף דעם באָדען פון די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער דעקלעראַציאָן וועגען רעכטען. דאָס איז ניט געווען געפעלען די געגנער פון די אידען, צו וועלכע עס האָט אויך געהערט דער דעפּוטאַט ל אַ פ אַ ר, דער עפּיסקאָפּ פון נאַנסי. ער האָט אויך גערעדט וועגען דער פראַגע פון אידישער גלייכבערעכטיגונג. ער האָט זיין רעדע אַ ביסעל בעפּוצט מיט קריסטליכער ליבע. „די אידען — האָט ער גע-זאָגט — האָבען געליטען פיעלע אונרעכטען, וועלכע מען דאַרף ווידער גוט מאַכען. מען דאַרף אָפּשאַפען די געזעצען, וועלכע דער געזעצגעבער האָט געמאַכט פערגעסענדיג, דאָס אידען זיינען מענשען, און דערצו אונגליק-ליכע מענשען. מען דאַרף זיי געבען שוץ, זיכערהייט, פרייהייט. אָבער דאַרף מען דען אַריינלאָזען אין אַ הויז־געזינד אַ פאַמיליע, וועלכע איז איהר פרעמד, וועלכע ריכטעט שטענדיג איהרע בליקען צו איהר פאָטערלאַנד (ארץ ישראל), וועלכע שטרעבט אוועקצוואַרפען דאָס לאַנד, וואָס טראָגט איהר ?... צו זיין עהרליך, מוז מען זאָגען, דאָס די אידען האָבען גע-לייסטעט לאָטהרינגען גרויסע דינסטען, בעזונדערס דער שטאָדט נאַנסי; אָבער עס איז מאַנכמאָל דאָ אַ געצוואונגענע לאַגע; מיר איז פאָרגעשרי-בען (אַלס דעפּוטאַט) אויפצושטעהן געגען דעם פאָרשלאַג, וועלכער איז אייך געמאַכט געוואָרען (וועגען אָנערקענען אידען אַלס בירגער). די אינטערעסען פון די אידען זעלבסט פאָדערן דיזען פּראָטעסט. פיר דאָס פאָלק זיינען זיי אַ געגענשטאַנד פון שרעק; אין עלזאַס זיינען זיי אימער די קרבנות פון פאָלקס־בעוועגונגען. מיט פיער חדשים צוריק האָט מען אין נאַנסי געוואָלט

פלינדערן זייערע הייזער. איך בין געקומען אויף דעם אָרט פון דעם אויפ־שטאַנד און האָב געפרעגט: וואָס האָט איהר געגען די אידען? און זיי האָבען מיר ערקלערט, דאָס זיי קויפען אויס דאָס ברויט; אַנדערע האָ־בען זיך בעקלאָגט, דאָס זיי פערמעהערען זיך זעהר שטאַרק, קויפען אָפּ די שענסטע הייזער און ווע‍לען באַלד ווערען בעלי בתים פון דער גאַנצער שטאָדט. איינער פון די מיאַטעזשניקעס האָט צוגעלעגט: „יע, הערר בישאָף, ווען מיר ווע‍לען אייך פערלירען, וועלען מיר נאָך האָבען אַ אידען פיר אַ בישאָף: אַזוי געשיקט פערקאָפען זיי אַלעס”. דער דעקרעט, וואָס וועט אידען געבען בירגער־רעכט, קען אַרויסרופען גרויסע אונרוהען... איך שלאָג פאָר מען זאָל בילדען אַ קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל איבערזעהן די גאַנגע געזעצגעבונג וועגען אידען”.

דעם 24טען דעצעמבער האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען דעבאַטטען אין פּאַרלאַמענט וועגען דער אידען־פראַגע. הערצאָג ב ר אָ ל י האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג מען זאָל די פראַגע אָפּלעגען אויף אַן אַנדער צייט. צו דיזען פאָרשלאַג זיינען אַלע פּאַרטייען מרוצה געוואָרען, ווייל אפילו די אידען־פריינד האָבען איינגעזעהען, דאָס די יעצטיגע צייט איז ניט מסוגל צו לעזען דיזע פראַגע גינסטיג פיר אידען. אַזוי איז די אידען־פראַגע געבליבען הענגען, און די אידען האָבען דערווייל קיין ערלייכטערונג ניט בעקומען. זאָגאַר דאָס ביסעל עלעמענטאַרע רעכטען, וואָס אפילו זיי אידען־פיינד האָבען געפונען פיר רעכט און נעטיג זיי צו געבען, האָבען זיי אויך ניט בעקומען, און די אַלע דריקענדע געזעצען וועגען אידען זיינען געבליבען אין זייער קראַפט.

דיזער בעשלוס האָט די נאַציאָנאַלע אידען געמאַכט מוטלאָז. גאַנץ אַנ־דערס האָבען איהם אויפגענומען די ספרדישע אידען, וועלכע האָבען זיך ענטזאַגט פון זייער נאַציאָנאַליזם, און האָבען זיך פעררעכענט פיר פראַנצויזען, וואָס גלויבען אין תורת משה, און האָבען שוין פון פריהער געהאַט איינינגע רעכטען. פיר זיי איז עס געווען אונערוואַרטעט, וואָס מען האָט זיי אַריינגע־נומען אין כלל ישראל, און מען האָט פון זיי ניט געמאַכט קיין בעזונדערע געריכט, און זיי זיינען אַרויס מיט אַ שענדליכען אַקט. די אידען פון באָרדאָ זיינען (31טען דעצעמבער) אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען דעם בעשלוס פון דער פערזאַמלונג. אין דיזען פּראָטעסט ערקלערען זיי, דאָס זיי האָבען פאַקטיש שוין לאַנג געהאַט אַלע רעכטען אין פראַנקרייך, און זיי געפינען זיך בעליי־דיגט דאָס יעצט שטעלט מען זיי גלייך מיט אַנדערע אידען (פון דייטשלאַנד און פוילען). אין דעם פּראָטעסט רעדען זיי מיט פעראַכטונג פון די על־זאַס׳ער אידען, וועלכע פאָדערן אויטאָנאָמיע אין זייער געמיינדע־פיהרונג

אונטער בעזונדערע געזעצען, ניט גלייך מיט אַלע פראַנצויזען. זיי פער-אַכטען די אידען פיר אַזא פערלאַנג און פערזיכערן, דאָס זיי, די ספּרדישע אידען, האָבען קיין מאָל ניט זיך צוזאַמענגעמישט און ניט פעראייניגט מיט די אַנדערע קינדער פון יעקב.

די פּעטיציאָן (ביטשריפט) איז צושיקט געוואָרען צו אַלע דעפּוטאַטען, און פון איהר האָט מען זיך דערוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטען אידען: ספרדים, פּאַטריאָטען, וועלכע זיינען ווערט צו האָבען פולע רעכ-טען, און אשכנזים, פאַנאַטיקער, וועלכע זיינען עס ניט ווערט. די נאַציאָ-נאַל-פערזאַמלונג האָט די פּעטיציאָן איבערגעגעבען צום בישאָף טאַלעי-ראַן, ער זאָל מאַכען וועגען דעם אַ פאָרשלאָג. דער פאָרשלאַג איז ווירקליך אַריינגעבראַכט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט דעם 28טען יאַנואר 1790 און איז אָנגענומען געוואָרען. לויט דיזען פאָרשלאַג האָבען די ספּרדישע אידען בעקו-מען אין פראַנקרייך פולע בירגער-רעכטען. די אידען-פיינד האָבען אויפגע-הויבען אַ גוואַלד אין פּאַרלאַמענט, זיי האָבען גע'טענה'עט, אַז אַלע אידען זיינען גלייך און אַז מען גיט די ספּרדישע אידען פולעס בירגער-רעכט מוז מען אויך די אשכנזים עס געבען, און דאָס וועט געווים אַרויסרופען פּאָגראָ-מען אין עלזאַס. גרעגואר האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס די ספּרדישע אידען זאָלען באַלד בעקומען אַלע רעכטען, און וועגען די אשכנזים זאָל מען פערהאַנדלען אַן אַנדער מאָל, און דאַמאָלס וועט ער בעווייזען, דאָס אויך די אשכנזים פערדינען גלייכע רעכטען. נאָך פיעלע צאַנקערייען איז אָנגענו-מען געוואָרען גרעגואר'ס פאָרשלאַג מיט אַ מעהרהייט פון 373 געגען 225 שטימען.

דער דעקרעט פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג איז מיט איינינע טעג שפּעטער בעשטעטיגט געוואָרען פון קעניג, און די ספּרדישע אידען אין באָרדאָ זיינען געוואָרען מלא שמחה. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איז אין פּאַריז אַרויס אַ קלאַנג, דאָס אין באָרדאָ האָבען קריסטען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידען צוליב דעם דעקרעט. די קלעריקאַלע פּרעס האָט טריאומפירט. אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, דאָס די ידיעה איז געוועזען אַ פאַלשע. עס איז דאָרט געווען אַ שטיקעל דעמאָנסטראַציאָן פון עטליכע בויאַנעס, אָבער עס איז באַלד איינגעשטעלט געוואָרען, און די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט אויסגעדריקט צופרידענהייט מיט דעם דעקרעט.

דער פרייער גייסט פון דער צייט האָט געגעבען מוט די אשכנזים צו דערלאַנגען צום פּאַרלאַמענט אַ נייע פּעטיציאָן, אין וועלכער זיי האָבען

פּראָטעסטירט געגען אָפּלעגען די פערהאַנדלונג פון זייער גלייכבערעכטיגונג און האָבען פערלאַנגט די באַלדיגע בעשטימונג פון זייערע גלייכע רעכטען.

ווען מיר טראַגען די לאַסט פון אַלע בירגער, האָבען זיי געשריבען, האָבען מיר דאָס רעכט צו פאָדערען אַלעס, וואָס אַ בירגער מעג האָבען. די פּעטיציאָן איז געווען אונטערגעשריבען פון די בעסטע מענשען פון די אשכנזים : סערף־בעררד, בער־יצחק בערר, דוד זינצהיים, דער קינפטיגער פּרעזידענט פון נאַפּאָלעאָן׳ס סנהדרין, און פיעלע אַנדערע. אָבער דער פּאַרלאַמענט האָט ניט געענדערט זיין בעשלוס.

די אידען אין פּאַריז האָבען בעשלאָסען צו ווירקען אויף דער פאָלקס־פערזאַמלונג דורך די שטאָדט־פערזאַמלונג. אַ דעפּוטאַציאָן פון 50 פּערזאָן, צווישען זיי פיעלע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געדינט אין דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, איז געקומען צו דער קאָמונע, און דורך זייער אדוואָקאַט ג אָ ד אַ ר , אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, האָבען זיי געפאָדערט גלייכע רעכטען. גאָדאַר האָט אָנגעוויזען אויף די גרויסע פערדינסטען פון די אידען אין דער רעוואָלוציאָן, זייער אָנטייל אין איהר מיט נפשות און געלט. ער האָט בעוויזען, דאָס דער גרעסטער טייל פון פּאַריזער בירגער איז זעהר פריינדליך צו אידען.

די אידען האָבען בעקומען שטיצע אין זייער שטרעבונג פון די מיטגלי־דער פון דער קאָמונע פון דעם טייל פון פּאַריז, וואו זיי זיינען געווען די מעהרהייט פון די אידען אין פּאַריז. דיזע מיטגלידער האָבען געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צו דער שטאָדט־קאָמונע בעטען מען זאָל געבען אידען גלייבע רעכטען. אָן דער שפּיץ פון דיזער דעפּוטאַציאָן איז געשטאַנען דער פּראָקוראָר דע זשערוויל, וועלכער האָט געהאַלטען אַ זעהר ווארימע רעדע, אין וועל־כער ער האָט געצייגט די גרויסע פערדינסטען פון אידען אין דער רעוואָלו־ציאָן, זייער אָנטייל אין אַלע וויכטיגע געזעלשאַפטליכע אינטערעסען פון פּאַריז, זייער גרויסען אָנטייל אין אַלע צדקה־אנשטאַלטען, און האָט קלאָר געצייגט דאָס פּאַקטיש האָט די פראַנצויזישע געזעלשאַפט שוין לאַנג בע־וויזען, דאָס זיי בעטראַכטען די אידען אַלס נוצליכע בירגער און ברידער. ער האָט אין זיין רעדע בעוויזען, דאָס עס איז אַ גרויס אונרעכט, צו מאַ־כען אַן אונטערשייד צווישען די ספרדישע אידען און די אשכנזים, וועלכע האָבען אייגענטליך מעהר געליטען פערפאָלגונגען ווי זייערע ברידער די ספרדים.

די פאָדערונג פון דער אידישער דעפּוטאַציאָן האָט געהאַט אַן ערפאָלג. דעם זעלבען טאָג (30טען יאַנואַר) האָט די פּאַריזער קאָמונע בעהאַנדעלט די

אידען־פראַגע. א גרויסע ווירקונג האָט געמאַכט די רעדע פון דעם אַבבאַט ב ע ר ט אַ ל י אַ. אין זיין רעדע האָט ער קלאָר געמאַכט, דאָס די אידען פערדינען גלייכע רעכטען און דאָס פראַנקרייך מוז יעצט נאָכגעבען זייער פאָדערונג. אין זיין רעדע האָט ער געפאָדערט, דאָס די פּאַריזער קאָמונע זאָל פערלאַנגען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג באַלדיגע פערהאַנדלונג פון דער אידען־פראַגע.

די פּאַריזער קאָמונע האָט בעשלאָסען אָפען אָנערקענען די אידען אַלס בערעכטיגט צו בעקומען בירגער־רעכט, און דאָס די פּאַריזער געזעלשאַפט פערלאַנגט עס. צו דיזען צוועק האָט מען צושיקט צירקולאַרען צו אַלע אָפּ-טיילונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע און מען האָט געפאָדערט פון זיי צו געבען זייער הסכמה צו דיזער רעזאָלוציאָן. דער אַבבאַט האָט געענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: „לאָמיר דאַנקען דער רעוואָלוציאָן, וואָס זי האָט אונז געמאַכט אַלעמען פיר ברידער".

פון די 60 אָפּטיילונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע האָבען 53 געענטפערט פיר די אידישע גלייכבערעכטיגונג. עס איז געווען קלאָר, דאָס כמעט גאַנץ פּאַריז איז פיר געבען אידען פולע רעכטען. דעם 25טען פעברואַר איז גע-קומען א דעפּוטאַציאָן פון אַלע פּאַריזער אָפּטיילונגען פון דער קאָמונע און האָט איבערגעגעבען די רעזאָלוציאָן פון אידישער גלייכבערעכטיגונג צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דיזע איז געווען בערייט נאָכצוגעבען די פאָדערונ-גען פון דער פּאַריזער קאָמונע, אָבער האָט געפונען פיר נעטיג אָפּצולעגען די זאַך ביז נאָך די פערהאַנדלונגען פון וויכטיגע פראַגען וועגען אַלגעמיינע אינטערעסען.

דער וויטערער קאַמף וועגען דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן. די שונאי ישראל האָבען זיך פעסט גענומען צו אַגיטירען צווישען פאָלק געגען דער לעזונג פון דער אידען־פראַגע. ווען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט זיך ענדליך גענומען דעם 15טען אַפּריל 1790 צו פערהאַנדלען די אידען־פראַגע, איז אַרויס דער אידען־פיינדליכער דעפּוטאַט רעווּבעל מיט אַן ער-קלערונג, דאָס אין עלזאַס גרייט זיך די קריסטליכע בעפעלקערונג צו מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען, ווי באַלד די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג וועט זיי גע-בען פולע רעכטען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען דעבאַטען וועגען דעם; און מען האָט געוועז בעשלאָסען איבערגעבען דיזע פראַגע צום קאָנסטיטוציאָנס-קאָמיטע, אָבער אויף מאָרגען האָט מען ווידער אָנגעפאַנגען צו פערהאַנד-לען וועגען דעם אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

דערוויל האבען די שווארצע אין עלזאס געארבייט אויף אלע כלים ניט צו דערלאזען די אידישע גלייכבערעכטיגונג. מען האט געשריבען אין צייטונגען, פערברייטערט בראשורען. די רעאקציאנערע און קלעריקאלע פרעס האט געזידעלט, געשמוצט די אידען און זייערע פריינד. מען האט ענדליך געמאכט מאסען־פערזאמלונגען אין שטראסבורג און אין קאלמאר, וואו עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציאן, דאס אידען פערדינען ניט קיין גלייכע רעכטען און דיזע רעזאלוציאן האט מען אוועקגעשיקט צו דער נאציאנאל־פערזאמלונג.

די פראפאגאנדא האט געווירקט. דער המון אין עלזאס האט זיך אנגעהויבען צוגרייטען צו פאגראמען. די בעאמטע דארט האבען גארניט געטאן צו פערהיטען דאס. די נאציאנאל־פערזאמלונג האט געפונען פיר נעטיג ארויסצולאזען א דעקרעט צו די בעאמטע אין עלזאס זיי זאלען טאן אלעס מעגליכע צו בעשיצען די אידען און זייער פערמעגען געגען זייערע אנגרייפער. דיזען דעקרעט האט באלד דער קעניג אויך אונטערגעשריבען, און די געפאהר פון פאגראמען איז אריבער. אבער די נאציאנאל־פערזאמלונג האט געפונען פיר נעטיג אפצולעגען די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען אויף אן אונבעשטימטע צייט. דעם 30טען אפריל האט מען אין פארלאמענט אנגענומען א געזעץ, דאס יעדער אויסלענדישער איינוואוינער, וואס געפינט זיך אין פראנקרייך 5 יאהר, האט דאס רעכט צו ווערען א פראנצויזישער בירגער „אויסער די אידען". די לעצטע האט מען נאר בעפרייט פון ספעציעלע אפגאבען.

דעם 9טען מאי 1791 האבען די אידען דערלאנגט א פראטעסט אין פארלאמענט געגען דעם בעשלוס, וועלכער שטעלט זיי נידריגער פון אויסלענדישע איינוואוינער, וועהרענד זיי טראגען אימער אלע לאסטען פון בירגער. אבער דער פארלאמענט האט גארניט געטאן וועגען דעם און האט די פראגע איבערגעגעבען צו דעם קאנסטיטוציאנעלען קאמיטע. דעם 7טען מאי האט דער פארלאמענט אנגענומען א געזעץ וועגען רעליגיאנס־פרייהייט. די אידען האבען זיך גליך בענוצט מיט דיזען געזעץ און האבען געעפענט א סינאגאגע אין איינעם פון די שטאדטישע געביידען. און באלד האבען זיי דערלאנגט א נייע פעטיציאן, אין וועלכער זיי האבען געצייגט, דאס רעליגיאנס־פרייהייט אהן בירגער־רעכט האט קיין זין ניט, און האבען ווידער פערלאנגט גלייכבערעכטיגונג. אבער אין פאריז האבען זיך דאמאלס אנגעהויבען שרעקליכע אונרוהען צוליב דעם, וואס דער קעניג לודוויג דער 16טער איז אנטלאפען פון פאריז, און די שפאלטונג צווישען דער רעפובלי-

קאָנישער פּאַרטיי און דער ראָיאַליסטישער איז געוואָרען זעהר גרויס. די אידען־פראַגע האָט געמוזט אָפּגעלעגט ווערען.

דעם 14טען סעפּטעמבער האָט דער פּאַרלאַמענט פערענדיגט די קאָנסטיטוציאָן. דעם 27טען האָט דער דעפּוטאַט ד י ו פּ אָ ר ווידער בעריהרט די אידען־פראַגע און האָט בעוויזען, ווי ניט רעכט עס איז צו געבען בירגער־רעכט אַלע אַנדערע נאַציאָנען, ווי די טערקען, און די אידען ניט. די אידישע שונאים האָבען ווידער געוואָלט רעדען געגען דעם, אָבער מען האָט זיי ניט געלאָזען און דעם 28טען סעפּטעמבער איז די אידישע גלייכבערעכטיגונג בעשטימט געוואָרען.

דעם יודאָפאָב רעווּבעל איז געלונגען אריינגיסען אַ ביסעל גיפט אין דעם בעכער פון דער אידישער שמחה וועגען זייער גלייכבערעכטיגונג. ער האָט אָנגעשראָקען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, דאָס די עלזאַסער בעפעלקערונג וועט געוויס מאַכען פּאָגראָמען, ווען מען וועט זיי אָנערקענען אַלס גלייכע בירגער, און ער האָט געמאַכט אַ פּאָרשלאַג, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זאָל אין דער זעלבער צייט ארויסגעבען אַ דעקרעט, דאָס פון די 15 מיליאָנען ליוורעס, וואָס די קריסטען זיינען שולדיג די אידען פון עלזאַס, זאָל אַרונטערגענומען ווערען אַ דריטעל; דאָס וועט בערוהיגען די קריסטען, וועלכע וועלען זעהן, דאָס די פערזאַמלונג האָט אויך זייערע אינטערעסען אין זינען. דיזער פּאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. צוויי יאָהר האָבען די אידען אין פראַנקרייך געשטריטען וועגען זייער גלייכבערעכטיגונג, און ענדליך איז זיי געלונגען צו ווערען גלייכע בירגער מיט די קריסטען. באַלד האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן, און די אידען האָבען בעוויזען זייער פּאַטריאָטיזם, און מיט זייער פערמעגען און זייערע לעבענס האָבען זיי געצייגט, דאָס זיי האָבען די גלייכבערעכטיגונג פערדינט עהרליך. פיעלע פון זיי זיינען פרייוויליג אריינגעטרעטען אין דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. אַנדערע זיינען געוואָרען מיטגלידער פון פּאָליטישע קלובען און האָבען אַ גרויסען אָנטייל גענומען אין דער בעוועגונג פון פראַנצויזישען פּאָלק און זיין שטרעבונג צו ריכטיגער פרייהייט, ברידערליכקייט און גלייכהייט.

אין דער פראַנצויזישער פּרעס האָבען אידען דאַמאָלס געהאַט זעהר ווייניג מיטאַרבייטער. דער איינציגער איז דאַמאָלס געווען ז אַ ל ק י נ ד ה ו ר וו י ט ץ פון פּוילען. דיזער שרייבער האָט פיעלע מאָל געשריבען אין די ראַדיקאַלע בלעטער זעהר בייסענדע סאַטירישע אַרטיקלען געגען

די יודאָפּאָבען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ווי אויך געגען די קלערי־קאַלען, וועלכע פלעגען אָפּט אַרויס מיט בעשולדיגונגען געגען אידען.

די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען האָט אויפגעהויבען זייער גייסט און מוט. זיי זיינען בערייט געווען אויף אַלע אָפּפער פון געלט און לעבענס. זאַגאַר סינאַגאָגען האָבען געאָפּפערט זייערע מעבעל צו העלפען מיט געלט דער רעוואָלוציאָן. אין 1793 האָבען זיך געפונען אידישע וואָלונטירען אי־2,000 מאַן. דאָך האָט די קריסטליכע בעפעלקערונג פון נאַנסי געפּאָדערט מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פון פראַנקרייך. די יאַקאָבינער האָבען דערויף געענטפערט, דאָס אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע און די קאָנסטיטוציאָן פערפאָלגט ניט קיין רעליגיעזע סעקטע. *)

אין 1793 איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אין פראַנקרייך די קאַטאָלישע רע־ליגיאָן און אָנשטאַט איהר האָט מען איינגעפיהרט דעם קולט (די פערעהרונג) פון פערשטאַנד. אויך די אידישע רעליגיאָן האָט מען דאַמאָלס פערבאָטען צו האַלטען. עס האָבען זיך געפונען פיעלע אידען, וואָס זיינען העכסט צופרידען געווען מיט דער אָפּשאַפונג פון זייער רעליגיאָן. אייניגע צייטונ־גען האָבען געפּאָדערט אידען זאָלען אָפּגעבען זייערע ספרי תורה צו מאַכען דערפון פויקען, און מאַכען דערמיט אַן ענדע צו די געזעצען, וואָס דער „געשיקטער שווינדלער" (משה) האָט זיי געגעבען. די אידען, וואָס האָ־בען געוואָלט האַלטען זייער רעליגיאָן, האָבען עס געטאָן בשתיקה. מען האָט געוואָלט פערפאָלגען אידען, וועלכע האָבען געמאַכט מצות אויף פסח. אָבער זיי האָבען זיך פערענטפערט, דאָס דיזעס טוען זיי צו פייערן דעם יום טוב פון פרייהייט, און מען האָט זיי געלאָזען צו רוה. דער המון האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו בעפאַלען אידישע סינאַגאָגען, פערברענען ספרי תורה; פיעלע רבנים זיינען שטאַרק פערפאָלגט געוואָרען.

אין 1794 זיינען די רעליגיאָנס־פערפאָלגונגען שוואַכער געוואָרען, אָבער דער טעררָאָר האָט ניט אויפגעהערט. די פּאַרטיי, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט די מאַכט אין איהרע הענט האָט שרעקליך פערפאָלגט די אַנדערע פּאַרטייען און פיעלע האָבען זייערע לעבענס פערלאָרען אויף דער גיליאָטינע. די דעק־רעטען, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1793 אַרויסצוטרייבען פון לאַנד אַריסטאָקראַטען און אויסלענדער, האָבען פיעלע צרות פערשאַפט די אידען. אייניגע באַנקירען זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט גרויסע סומעס געלט דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַ מאָל געהאַט געשעפטען מיט׳ן קעניג־

*) אָבער אַ נאַציאָן מעג מען פערפאָלגען ? אַזוי זיינען געווען די דאַמאָלסדיגע בעגריפען. היינט דענקט מען גאַנץ אַנדערס.

ליבען הויף. דעם באַנקיר פייקסאָטאָ האָט מען בעשטראָפט מיט 200,000 ליוורעס דערפאַר, וואָס מיט יאָהרען צוריק האָט ער געזוכט צו ווערען אַן אַדעלמאַן. פיעלע אידען האָבען זייערע לעבענס פערלאָרען אויף דער גי-ליאָטינע; צווישען זיי זיינען געווען יעקב פּערייראַ, צוויי ברידער יוני און עמאַנועל פריי, און צוויי ברידער יצחק און לואיס בענשאַמין, די זיהן פון א האָללענדישען באַראָן ליפמאַן קאַלמער. דיזע אַלע זיינען געווען בעשולדיגט אין אונטרייהייט צו דער רעפּובליק און דער רעוואָלוציאָן. אָבער דאָס האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט יחידים, צום כלל ישראל האָט מען זיך ניט געטשע-פּעט און מען האָט די אידען ניט בעשולדיגט אין קיין זאַך.

פון דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן איז די אידישע בעפעלקערונג אין פראַנקרייך פיעל פערמעהרט געוואָרען. אין 1808 זיינען אין פראַנקרייך גע-ווען 135 טויזענד אידען. אָבער דאָס אידישע לעבען האָט זיך דאָרט ענט-וויקעלט ניט נאָרמאַל. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען אין די פערשיידענע פּאָליטישע בעוועגונגען, און אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן'ס מלחמות האָבען פיעלע פון זיי מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך איבערגעגעבען צום מיליטער־דינסט אום צו דערדינען זיך אין דער אַרמעע צו אַן אָפיצער־אַמט. פון דער אַנדערער זייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט איינגעפיהרט קאָנסקריפּציאָן (צוואַנג־דינסט אין דער אַרמעע) האָבען פיעלע פון די אידען געזוכט אַלערליי מיטלען זיך אַרויסצודרעהען פון מילי-טער־דינסט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעשולדיגונגען געגען אידען, דאָס זיי זיינען ניט קיין עכטע בירגער, עס פעהלט זיי דער פּאַטריאָטישער גייסט או. ד. גל. אין דער אַרמעע האָבען אידען געליטען פון זייערע קריסטליכע חברים און זיינען געווען געצוואונגען בעהאַלטען זייער אידישקייט. דאָס אַלעס האָט געשטערט די אידען אין פראַנקרייך צו ענטוויקלען אַ נאָרמאַלעס לעבען. זיי האָבען ניט געזוכט צו גרינדען אייגענע לעהר־אַנשטאַלטען צו ערציהען זייערע קינדער אין דעם גייסט פון זייערע עלטערן, נאָר זיי האָבען זייערע קינדער געשיקט אין קריסטליכע שולען. זעהר ווענינע האָבען זיך אינטערעסירט מיט'ן שיקזאַל פון זייער פאָלק (ווי דער אַדוואָקאַט מ י כ ל ב ע ר ר און נאָך איינינע געצעהלטע). עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען גע-מישטע חתונות צווישען אידען און קריסטען, און דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער אַסימילאַציאָן. אום צו גילטען פיר אמת'ע פראַנצויזען, האָבען די אידען אין עלזאַס און לאָטהרינגען זיך ענטזאַגט צו רעדען אידיש און האָבען איינגעפיהרט ביי זיך די פראַנצויזישע שפּראַך. אָבער די צייט האָט זיי געוויזען, דאָס די קריסטען ווילען זיך ניט ברידערן מיט אידען. איבעראַל

האבען די קריסטען זיי אפגעשטויסען פון זיך. דער בעל מלאכה, דער פאב-ריקאנט, דער קינסטלער, דער ערד-ארבייטער האט ניט געוואלט צולאזען א אידיש קינד צו זיין בעשעפטיגונג. זאגאר אין די געריכטס-הייזער האט מען דעם אידען צו שאנדע געמאכט.

די אידען אין עלזאס און לאטהרינגען זיינען אין דער פראקטיק געבלי-בען אין דעם זעלבען עקאנאמישען צושטאנד ווי פאר דער עמאנציפאציאן. זיי זיינען געבליבען קליין-הענדלער און פראצענטניקעס, ווייל די קריסטען האבען זיי ניט צוגעלאזען צו אנדערע בעשעפטיגונגען. די פערשיידענע אי-בערקעהרעניסען אין פראנקרייך האבען געצוואונגען פיעלע פון די גוטס-בע-זיצער צו פערלאזען זייער פאטערלאנד. זייערע פעלדער זיינען פערקויפט געווארען צו די בויערן, וועלכע האבען געבארגט פון אידען געלט צו דיזען צוועק. געלט איז דאמאלס געווען זעהר טייער, און דערצו איז געווען זעהר ריזיקאליש צו פערלייהען געלט, דעריבער האבען די אידען גענומען גרויסע פראצענטען. די בעאמטע פון דער פראווינץ האבען די אידען בעשריבען אלס די שענדליכסטע עקספלואטאטארען און בלוטזויגער פון די ארימע בויערן. דאס האט בעאיינפלוסט נאפאלעאן'ען געגען די אידען און דאס האט ארויס-גערופען דעם בעוואוסטען דעקרעט געגען זיי.

נאפאלעאן און די אידען. דעם ערסטען מאל האט זיך נאפאלעאן בעגעגענט מיט די אידען אין פאלעסטינא און אין מצרים. ביי די טויערן פון ירושלים האט נאפאלעאן געלאזט וויסען די אידען, דאס אויב זיי וועלען העלפען די פראנצויזען אין זייער מלחמה געגען טערקיי וועט ער זיי צוריקגעבען ארץ ישראל. די אידען זיינען אבער געבליבען טריי צו טערקיי, און נאפאלעאן איז אוועק צוריק אין איירא פא אהן ערפאלג.

ווען נאפאלעאן איז ערוועהלט געווארען קאנסול האט ער זיך גענומען איינארדנען די רעליגיאנען אין לאנד. די רעגולירונג פון די בעציהונגען פון דער אידישער רעליגיאן צום שטאאט האט ער איבערגעגעבען צום מיניסטער פארטאליס. אין זיין רעפארט האט דער מיניסטער ערקלערט, דאס די אויפ-גאבע איז א זעהר שווערע, ווייל די אידען זיינען ניט נאר א רעליגיעזע סעקטע, נאר **זיי** זיינען אויך אן אפגעזונדערטע נאציאן — א נאציאן, וואס עקסיסטירט זינט טויזענדער יאהרען און איז דורכגעגאנגען דורך פייער און וואסער טראגענדיג מיט זיך די אידעע, אז גאט אליין איז זייער געזעצגע-בער. דיזער ענטפער פון מיניסטער האט געפיהרט דערצו, דאס די לעזונג פון דער אידישער פראגע איז אפגעשטעלט געווארען ביז אן אונבעשטימטער צייט.

אז נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען קיסר האָט ער ווידער זיך גענומען צו לע-זען די אידען־פראַגע. ער איז ווניג בעקאַנט געווען מיט דעם אידישען לעבען. אין דער אַרמעע האָט ער קיין אידישע סאָלדאַטען ניט געזעהען, ווייל, ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, האָבען די אידען אַליין זיך די מיה געגעבען ניט ארויסווייזען, אז זיי זיינען אידען. איבעראַל זיינען געווען נאָר בעשולדיגונגען געגען אידען. אין שטראַססבורג האָבען די אידישע שונאים געבעטען נאַפּאָלעאָן'ען ער זאָל אָפּנעהמען פון די אידען זייערע ביר-גער־רעכטען, ווייל זיי עקספּלואַטירען שרעקליך די בויערן און פּראָוי-מען זיי, און נאַפּאָלעאָן האָט זיי פערשפּראָכען די זאַך ערנסט צו בעטראַכ-טען.

נאַפּאָלעאָן איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. קומענדיג אין פּאַריז האָט ער געגעבען א בעפעהל דעם קייזערליכען ראַט זיך גלייך נעהמען צו פער-האַנדלען די אידען־פראַגע. דעם רעפּאָרט מאַכען האָט ער איבערגעגעבען צו גראַף מ אָ ל ע, וועלכער איז געווען א הייסער אָנהענגער זיינער. דיזער האָט פערפאַסט א בעריכט, אין וועלכען ער האָט געפאָדערט אָפּצונעהמען פון אידען זייער גלייכבערעכטיגונג און מאַכען פיר זיי אויסנאַהמס־געזעצען. אָבער פיעלע פון די מיטגלידער פון קייזערליכען ראַט זיינען ארויס מיט א שטאַרקען פּראָטעסט געגען דער רעאַקציאָן. דעם 30טען אַפּריל 1806 איז די אידען־פראַגע ווידער פערהאַנדעלט געוואָרען אין ראַט און נאַפּאָלעאָן איז דאַמאָלס געווען דער פּאָרזיצענדער. די מעהרהייט פון ראַט איז געווען געגען דעם, אז מען זאָל די אידען בערויבען פון זייערע רעכטען. אָבער נאַפּאָלעאָן איז ארויס מיט א פייערדיגער רעדע, אין וועלכער ער האָט בע-הויפּטעט, דאָס די אידען זיינען ניט קיין רעליגיעזע סעקטע נאָר א נאַציאָן מיט זעהר נידריגע זיטען, וועלכע פערוויסטעט אַלעס, וואָס געהערט צו אַנדערע נאַציאָנען; זיי זיינען רויב־טיערען און מען דאַרף זיי פערוועהרען צו האַנדלען, מבטל זיין זייערע דאָקומענטען, וואָס זיי האָבען אויף צו מאָנ-נען געלט, ווייל זיי זיינען געמאַכט מיט בעטרוג. ענדליך האָט ער ארויס-געזאָגט, דאָס אַלע ידיעות וועגען דער שענדליכקייט פון די אידען האָט ער בעקומען פון די עלזאַסער קריסטליכע סוחרים.

עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און נאַפּאָלעאָן האָט געענדערט זיין בעשלוס צו פערפאָלגען די אידען און האָט געגעבען א בעפעהל מען זאָל צו-זאַמענרופען די אידישע פאָרשטעהער און פון זיי דערגעהן, אויב די אי-דישע שטרליכע קאָנסטיטוציאָן קען אויסגעבעסערט ווערען אזוי, אז די אידען

זאָלען קענען ווערען רעכטע פראַנצויזישע בירגער, אָדער קענען שוין ניט ווערען גוטע פראַנצויזען (דעקרעט פון 30טען מאַי 1806).

דער דעקרעט איז בעשטאַנען פון צוויי טיילען. אין איין טייל איז גע-געבען געוואָרען אַ בעפעהל אָפּצוהאַלטען אויף אַ יאָהר צייט די בעשלוסען פון די געריכטס-הייזער וועגען די חובות, וואָס די פויערן זיינען שולדיג געווען צו אידען. דער צווייטער טייל האָט געאָרדענט צוזאַמענרופען צום 15טען יולי אין פּאַריז אַ סינאָד פון 100 פּאַרנעהמע רבנים און אַנדערע וויכ-טיגע פּערזאָנען אום קלאָר צו מאַכען דער וועלט וואָס איז אַזעלכעס דאָס יו-דענטום. די אידען זיינען אַפּילו געווען שטאַרק בעליידיגט פון דעם דע-קרעט, וועלכער האָט געשטעמפּעלט אַלע אידען אַלס פּראָצענטניקעס, אָבער זיי זיינען אויך צופרידען געווען וואָס דורך דעם סינאָד וועט די וועלט מעהר בעקאַנט ווערען מיט דער אידישער קאָנסטיטוציאָן און וועט זיך איבערצייי-גען, אַז זי איז ווערט מען זאָל איהר מעהר עהרע און צוטרוי שענקען.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער קייזערליכער ראַט האָט זיך בעשעפ-טיגט מיט דער אידען-פראַגע, איז די פראַנצויזישע קלעריקאַלע פּאַ'ט אַרוים געגען אידען מיט די אַלטע פערשימעלטע בעשולדיגונגען, און איז געקומען צום שלום, דאָס עס איז אונמעגליך צו בעסערן די אידישע ראַסע סיידען די אידען זאָלען זיך בעקעהרען צום קריסטענטום. דער קייזערליכער ראַט האָט גוט פערשטאַנען פון וואַנען דער ווינט וועהט, אָבער ער האָט געמוזט שווייגען, ווייל דער קייזער איז געווען מיט די אידישע פיינד.

די פערזאַמלונג פון די אידישע פערטרעטער. די פערטרעטער זיי-נען ניט ערוועהלט געוואָרען דורך דאָס אידישען פאָלק, נאָר די פּרעפעק-טען אין פראַנקרייך האָבען זיי ערוועהלט. צווישען די דעפּוטאַטען זיינען געווען טיכטיגע געבילדעטע רבנים, ליטעראַטען און בעוואוסטע כלל-טוער. די בעריהמטעסטע צווישען זיי זיינען געווען: אַ ב ר ה ם פּ ו ר ט אַ ד אָ, אַ געבילדעטער ספרדי, אַ גוטער רעדנער, אָבער וועגען זיינע אידישע קענט-ניסען האָט מען געזאָגט, דאָס ער וויים די ביבעל פון וואָלטעיר'ס ביכער; ב ע ר - י צ ח ק ב ע ר ר, פון מענדעלסאָן'ס חדר, וועלכער האָט גע-וואָלט פעראייניגען תורה און חכמה; און דער שטראַססבורגער רב ד ו ד ז י נ צ ה י י ם. נאָך איידער די דעפּוטאַטען האָבען זיך פערזאַמעלט האָט בערר געשריבען צו די אידישע קאַפּיטאַליסטען זיי זאָלען אויפהערען זיך צו בעשעפטיגען מיט געלט-פערלייהען, ווייל דאָס שאַדט זעהר דעם אידי-שען פאָלק. זינצהיים איז געווען פון דעם סאָרט רבנים, וואָס האָבען מקיל געווען וואו די פּאָליטישע אומשטענדען האָבען עס געפאָדערט. אין אַלגע-

מיין האָט די פערזאַמלונג געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק. דער קיסר האָט בעשטימט דריי מיטגלידער פון קייזערליכען ראַט אַלס קאָמיסאַרען, וועלכע האָבען פאָרגעלעגט דער פערזאַמלונג געווויסע פראַגען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אויפגעגעבען, און האָבען די אַנטוואָרטען איבערגעגעבען צו איהם.

נאַפּאָלעאָן האָט געאָרדענט, דאָס די ערסטע עפנונג פון דער פערזאַמלונג מוז זיין שבת דעם 29טען יולי 1806. עס איז צו גלויבען, דאָס נאַפּאָלעאָן האָט עס בכונה געטאָן אום צו פּרובען די אידען, אויב זיי וועלען פערבויגען זייער הייליגען שבת אום צו טאָן דעם רצון פון דער רעגירונג. איינינע פון די דעפּוטאַטען האָבען געוואָלט מען זאָל בעטען דעם קיסר ער זאָל ערלויבען אָפּלעגען די ערעפנונג אויף אַן אַנדער טאָג. אָבער די מעהרהייט האָט בעשלאָסען ניט מאַכען קיין שאלה וועגען דעם.

מאָלע האָט געהאַלטען די ערעפנונגס־רעדע, אין איהר האָט ער געמאַכט די אידען פאָרוואורפען פאַרוואָס זיי בעשעפטיגען זיך מיט פערלייהען געלט אויף פּראָצענט, פאַרוואָס זיי זיינען ניט קיין אמת'ע פראַנצויזען. נאָך דער רעדע האָט ער דער פערזאַמלונג אויפגעגעבען 12 פראַגען. די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען געווען: מעגען אידען נעהמען מעהר ווי איין ווייב? איז אַ גט, וואָס אַ רב גיט ארויס, אַ ריכטיגער דאָקומענט זאָגאָר אָהן דער הסכמה פון דער רעגירונג? אָנערקענט די אידישע רעליגיאָן געמישטע חתונות מיט קריסטען? בעטראַכטען די אידען פראַנקרייך אַלס זייער פאָטערלאַנד, וועלכעס זיי מוזען בעשיצען אין פאַל פון נויט? ערלויבט דאָס אידישע געזעץ נעהמען פּראָצענט פון אידען, אָדער פון ניט אידען? די אַנטוואָרט וועגען געמישטע חתונות איז געווען, דאָס אַזאַ חתונה האָט נאָר די קראַפט פון אַ ציוויל־הייראַט, אָבער איז ניט אַ רעליגיעזער אַקט. אין אַלגעמיין האָבען זיי געענטפערט, דאָס לויט דער אידישער רעליגיאָן שטעהען די געזעצען פון דער רעגירונג העכער פון די אידישע געזעצען (דינא דמלכותא דינא). אויף די פראַגע, אויב די אידען אין פראַנקרייך אָנערקענען די פראַנצויזען אַלס זייערע ברידער, האָט די פערזאַמלונג געענטפערט, דאָס די אידען בעטראַכטען זיך יעצט ניט מעהר אַלס אַ נאַציאָן. אַ פראַנצויזישער איד צווישען אידען אין אַנדערע לענדער בעטראַכט זיך אַלס אַ פרעמדער, ער שלאָגט זיך אין צייט פון אַ מלחמה מיט אַ אידען פון שונא'ס לאַגער אַלס אַ שונא פון זיין פאָטערלאַנד. אַזוי האָבען אידישע פערטרעטער זיך אָפּגעזאָגט פון זייער נאַציאָנאַליזם אום ניט צו פערלירען זייערע בירגער־רעכטען. זאָגאַר פון איינינע רעליגיעזע געזעצען זיינען זיי בערייט געווען זיך צו ענטזאָגען, ווען זיי האָבען ניט האַרמאָנירט מיט די געזעצען פון לאַנד.

די אַנטוואָרטען פון די אידישע דעפּוטאַטען האָבען אין אַלגעמיין צו-פרידען געשטעלט נאַפּאָלעאָן'ען. אָבער ער איז ניט זיכער געווען מיט דער אויטאָריטעט פון דיזע דעפּוטאַטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ווע-ניגע פערזאָנען, וואָס זאָלען האָבען אַ דעה אין רעליגיעזע פראַגען. ער האָט דעריבער געפונען פיר נעטיג צו בעשאַפען אַ קאָמפּעטענטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל בעשטעטיגען די ענטשיידונגען פון די דעפּוטאַטען און מאַכען זיי זאָלען זיין גילטיג ביים אידישען פאָלק. נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט ליב געהאַט אויפצוטאָן גרויסע ערהאַבענע זאַכען, איז געקומען אויף דעם געדאַנק צו בעשאַפען אַ גרויסע אידישע פערזאַמלונג: אַ ס נ ה ד ר י ן. פון די אַנטוואָרטען פון די דעפּוטאַטען האָט ער ערפאַהרען, דאָס זינט יהודה איז געפאַלען האָבען אידען ניט געהאַט אַן אינסטיטוציאָן מיט אַן אויטאָריטעט, ווי דער פּאַרצייטיגער גרויסער סנהדרין, און ער האָט דעריבער בעשלאָסען צוזאַמענצורופען אין פּאַריז אַ סנהדרין, וואָס זאָל געבען די ענטשיידונגען פון די דעפּוטאַטען זיין בעשטעטיגונג. לויט דעם מוסטער פון דעם פּאַר-צייטען סנהדרין האָט דיזער נייער סנהדרין אויך געדאַרפט בעשטעהן פון 71 מיטגלידער, רבנים און געלעהרטע. ווען מאַלע האָט עס מיטגעטיילט דער פערזאַמלונג זיינען די דעפּוטאַטען געוואָרען אויסער זיך פון פרייד, גלוי-בענדיג, דאָס נאַפּאָלעאָן קעהרט אום דעם אידישען פאָלק זיין אַלטען גלאַנץ. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס נאַפּאָלעאָן וויל גרינדען אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל רעפאָרמירען דאָס יודענטום נאָך זיין וואונש. די פערזאַמלונג האָט בעשטימט אַ קאָמיטע פון 10 מיטגלידער, וועלכעס האָט זיך גענומען פּאַר-בערייטען צום סנהדרין. דאָס קאָמיטע האָט געהאָלפען אין זייער ארבייט די 3 קאָמיסאַרען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט בעשטימט. מיט גרויס פרייד האָט דאָס קאָמיטע געגעבען צו וויסען דער וועלט, דאָס נאַפּאָלעאָן געהט גליק-ליך מאַכען די אידען און דאָס יודענטום. די אידען אין אייראָפּאַ זיינען בע-גייסטערט געוואָרען פון דיזע נייעס, ווייל זיי האָבען ניט געוואוסט דעם ריכטיגען צוועק, וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט דערגרייכען דורך דעם סנהדרין. דער פּראָיעקט, וועלכען דאָס קאָמיטע האָט אויסגעאַרבייט, איז געווען צו גרינדען אין פראַנקרייך אידישע קאָנסיסטאָריומס, וועלכע זאָלען העלפען דער רעגירונג דורכפיהרען איהרע פּאָדערונגען פון אידישע געמיינדען. איינער פון די דעפּוטאַטען פון דער פערזאַמלונג, י צ ח ק ש מ ו א ל א ב י ג ד ו ר, האָט געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געוואָלט בע-ווייזען היסטאָריש, דאָס די גרעסטע פּאָרשטעהער פון קריסטענטום האָבען אימער געזוכט צו פערטיידיגען די אידען געגען זייערע שונאים. דער רעדנער

האָט פאַרגעשלאָגען, דאָס די רעפּוטאַטען זאָלען אין אַ פּראַקטיקאַל אויסדריקען זייער דאַנקבאַרקייט פיר די חסדים, וואָס די פאַרשטעהער פון קריסטענטום האָבען מיט אידען געטאָן אין די פערגאַנגענע צייטען (!). דיזער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען. נאַפּאָלעאָן'ען איז דאָס זעהר געווען געפעלען, ווייל פון אַזעלכע לייט האָט ער געקענט ערוואַרטען, זיי זאָלען ערוועהלען אַ סנהדרין, וואָס וועט טאָן אַלץ, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג וועט פון איהם פערלאַנגען.

דער גרויסער סנהדרין אין פּאַריז. דעם 9טען פעברואַר 1807 האָט זיך געעפענט די ערסטע זיצונג פון דעם סנהדרין, וועלכער איז בעשטאַנען פון 46 רבנים און 25 ניט־רבנים. אויסער זיי זיינען אויך ערוועהלט געוואָרען 10 קאַנדידאַטען און 2 סעקרעטערען. דער פּאָרזיץ איז בעשטאַנען פון דריי רבנים, וועלכע מען האָט געגעבען די טיטלען פון די פּאָרזיצענדע פון דעם פּאַרצייטיגען סנהדרין: דער ערסטער פּאָרזיצענדער (נשיא) איז געווען דער עלזאַסער רב ד ו ד ז י נ צ ה י י ם, זיין ערסטער געהילף (אב בית דין) — דער איטאַליענישער רב ס ע ר פ ע, זיין צווייטער געהילף (חכם) א ב ר ה ם ד ע ק אָ ל אָ נ י אַ פון מאַנטוא. די מיטגלידער פון דעם סנהדרין זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע ברייטע מאַנטלען, אין שוואַרצע היט, און די דריי פּאָרזיצענדע זיינען געווען אָנגעטאָן אין סאַמעטענע און זיידענע קליידער. די ערעפנונג איז פּאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד. פיעלע קריסטען זיינען געווען ביי דער ערעפנונג. דער סנהדרין האָט פערהאַנדעלט די אַנטוואָרטען, וואָס די דעפּוטאַטען פון דער ערסטער פערזאַמלונג האָבען געגעבען אויף נאַפּאָלעאָן'ס פראַגען, און האָט זיי אַלע בעשטעטיגט. דער סנהדרין האָט אויך ערקלערט, דאָס די אידישע געזעצען ווערען איינגעטיילט אין 2 גרופּען: רעליגיעזע און פּאָליטישע, פון וועלכע די ערסטע איז ניט צו ענדערן און די צווייטע איז געווען אין קראַפט ווען אידען האָבען געהאַט זייער אייגען לאַנד. דער סנהדרין האָט אויך ערקלערט, דאָס אויך די רעליגיעזע געזעצען מוזען שטימען מיט די פּאָדערונגען פון דעם אָרט, און ווען זיי שטימען ניט מוז מען זיי צופּאַסען. אַזוי האָט דער סנהדרין אָנערקענט אַ חתונה אָדער גט אונגעזעצליך, ווען זיי זיינען ניט געמאַכט געוואָרען פריהער לויט די געזעצען פון לאַנד. וועגען געמישטע חתונות האָט דער סנהדרין געענטפערט, דאָס זיי זיינען פון דער רעליגיאָן ניט אָנערקענט, אָבער קיין חרם קומט דערפאַר ניט. וועגען דעם שאַדען, וואָס אַזעלכע חתונות קענען ברייננגען דעם אידישען פאָלק, האָבען זיי זיך ניט אינטערעסירט, ווייל די אידען, נאָך זייער מיי-

נונג, זיינען סיי ווי סיי קיין ניציאָן ניט. די אידישע סאָלדאַטען, האָבען זיי געפּסק'עט, זיינען פריי פון אַלע רעליגיעזע פליכטען אין דער צייט פון דיענסט. די פּראָצענטניקעס האָט דער סנהדרין פערדאַמט, בעזונדערס יעצט, ווען אַ איד איז פריי צו וועהלען עהרליכע בעשעפטיגונגען.

דעם 9טען מערץ האָט דער סנהדרין געענדיגט זיין אַרבייט, און איינִיגע מיטגלידער זיינען צוריק אַריין אין דער פערזאַמלונג פון די דעפּוטאַטען. די פערזאַמלונג האָט געפאַסט אַ רעזאָלוציאָן צו רעקאָמענדירען דער רעגירונג צו געברויכען שטרענגע מיטלען געגען פּראָצענטניקעס, און צוגלייך בעטען זי אָפּשאַפען דעם דעקרעט אָפּצוהאַלטען די צאָהלונג פון חובות, וואָס אידען מאָהנען פון קריסטען. די פערזאַמלונג איז באַלד געשלאָסען געוואָרען. די אידען האָבען זיך געפיהלט העכסט גליקליך מיט נאַפּאָלעאָן'ס חסדים. נאַפּאָלעאָן איז ניט זעהר צופרידען געווען מיט דער אַרבייט פון די פערזאַמלונגען. זיין מיניסטער שאַמפּאַני, וועלכער איז מיט איהם געווען איינשטימיג אין זיין פערלאַנג וועגען אידען האָט צו איהם געשריבען: „עס איז נעטיג, אַז דיזע פערזאַמלונגען זאָלען אונז דינען אַלס אַ געוועהר געגען זיך זעלבסט און געגען דעם פאָלק, וועלכעס זיי פערטיידיגען". עס האָט ניט לאַנג גענומען און די אידען האָבען דערפיהלט נאַפּאָלעאָן'ס חסדים.

דער שענדליכער דעקרעט. דאָס יאָהר פון דער אַרבייט פון דעם סנהדרין (1806-7) איז געווען אַ יאָהר פון איבערקעהרענים אין נאַפּאָלעאָן'ס פּאָליטיק און דעריבער האָט דיזער קיין צייט ניט געהאַט זיך צו בעשעפטיגען מיט דער לעזונג פון דער אידישער פראַגע. ער האָט דיזע אויפגאַבע איבערגעלאָזען צו זיינע בעאַמטע, וועלכע האָבען גוט געוואוסט וואָס ער וויל. ווען עס איז אָפּגעלאָפען דער טערמין פון דעם דעקרעט וועגען אָפּהאַלטען די צאָהלונג פון אידישע חובות, האָט דער הויפּט-קאַנצלער צושיקט צירקולאַרען צו די בעאַמטע, דאָס מען טאָר נאָך אַלץ ניט מאָהנען פון די קריסטען די חובות ביז דער קיסר זעלבסט וועט צוריקקומען פון זיי פעלדצוג און וועט געבען אַ בעפעהל וועגען דעם. ווען דער קייזערליכער ראַט האָט אין 1807 זיך ווידער גענומען בעשעפטיגען מיט דער אידישער פראַגע, און נאַפּאָלעאָן האָט פאָרגעשלאָגען צו מאַכען בעשרענקונגען געגען אידען, האָט דער ראַט פּראָטעסטירט געגען דעם, ווייל דאָס איז געגען דער קאָנסטיטוציאָן. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט פיינד געהאַט מען זאָל איהם שטערען אין זיינע פּלענער און דעם 17טען מערץ האָט ער אַרויסגעגעבען 2 דעקרעטען, וועלכע האָבען אָפּגעשאַפט דעם פּרינציפּ פון גלייכע רעכטען פיר אידישע בירגער.

דער ערסטער דעקרעט איז געווען די בעשטעטיגונג פון די אידישע רעליגיעזע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען געטראָגען דעם נאָמען „קאָנסיסטאָריע”. יעדע אידישע געמיינדע, וואָס האָט געצעהלט 2,000 פּערזאָן, האָט געזאָט אַ קאָנסיסטאָריע. אין פּאַריז איז געווען אַ צענטראַלע קאָנסיסטאָריע. יעדע קאָנסיסטאָריע איז בעשטאַנען פון דריי רבנים און דריי וועלטליכע פּערזאָנען, וועלכע זיינען ערוועהלט געוואָרען פון אַ קליינער גרופּע (25 פּערזאָנען) אָנגעזעהענע לייט פון דער אידישער געמיינדע. די פּליכט פון דער קאָנסיסטאָריע איז געווען צו ערקלערען די אידישע געזעצען און פּסק'ען שאלות אין דעם גייסט פון דעם „נייעם תלמוד”, וואָס דער סנהדרין האָט געשאַפען. אויסער דעם האָט די קאָנסיסטאָריע געמוזט פיהרען אַ רעכנונג פון די יונגע לייט, וואָס מוזען געהן אין מיליטער־דינסט, און אַכטונג געבען, דאָס אידען זאָלען זיך אָפּגעבען נאָר מיט „ניצליכע בעשעפטיגונגען”.

דער צווייטער דעקרעט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אָהן דער צושטימונג פון קייזערליכען ראַט. לויט דיזען דעקרעט האָבען אידען קיין רעכט ניט געהאַט אויפצומאָהנען זייערע חובות פון געלט, וואָס זיי האָבען פּערליהען צו סאָלדאַטען אָדער פרויען, אָדער פיר וועלכע זיי האָבען גענומען מעהר פון 10 פּראָצענט פיר זייער הלואה. ווייטער איז אין דיזען דעקרעט געווען אַ גאַנצע רייהע פון פּונקטען, וואָס האָבען פּערוועהרט אידען זיך בעשעפטיגען מיט וועלכען עס איז מסחור, ווען זיי האָבען ניט צוגעשטעלט אַ דאָקומענט פון פּרעפעקט וועגען זייער גוטער אויפפיהרונג. דאַן האָט ער אויך פּערוועהרט נייע אידישע איינוואוינער זיך בעזעצען אין עלזאַס. דער איד, וואָס איז פּעפליכטעט צו דינען אין דער אַרמעע, האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו דינגען פיר זיך אַן אַנדערען, ווי די קריסטען האָבען געהאַט אַ רעכט. די דעקרעטען זיינען פּובליצירט געוואָרען אין די שטעדט, וואו אידען האָבען געוואוינט, מיט פּויקען. די קריסטען האָבען גוט פּערשטאַנען וואָס דאָס האָט געמיינט, און האָבען די אידען ניט צוריקגעגעבען דאָס געלט, וואָס זיי האָבען געבאָרגט ביי זיי. ווען די אידישע פאָרשטעהער האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם שענדליכען דעקרעט, וואָס מען האָט פּאַרבערייטעט פיר זיי, האָבען זיי געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צו נאַפּאָלעאָן'ען, אָבער דער קיסר האָט זי ניט געוואָלט אויפנעהמען. זעהר פיעלע קלאָגען פון אידען זיינען געמאַכט געוואָרען געגען דעם דעקרעט, און נאַפּאָלעאָן איז געווען געצוואונגען מאַכען אויסנאַהמען פיר פיעלע דעפּאַרטעמענטען. שפּעטער אין 1812, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, דאָס זעהר פיעלע אידישע סאָלדאַטען זיינען געפאַלען אין זיינע פעלדצוגען, האָט ער אויך

אָפּגעשאַפט דאָס געזעץ, דאָס אַ איד טאָר ניט דינגען פיר זיך אַ פרעמדען צו דינען פיר איהם אין דער אַרמעע.

די אידען האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פּראָטעסטירען געגען דעם דעספּאָטיזם פון נאַפּאָלעאָן'ען, אָבער די מיניסטאָרען און פּרעפעקטען האָבען זיך גענומען ווירקען אויף'ן קיסר מיט גוטע רעפּאָרטען וועגען אידי־שער טעטיגקייט און זייער אויפפיהרונג. די אידישע קאָנסיסטאָריעס האָ־בען צוגעשטעלט אַ רעפּאָרט מיט ציפערן, לויט וועלכע אין פראַנקרייך האָבען זיך דאַמאָלס געפונען 1,232 ערד־ארבייטער, 797 אין מיליטער־דינסט, 2,360 קינדער, וואָס בעזוכען רעגירונגס־שולען און 250 אידישע פאַבריקען. מיט דיזע ציפערן האָבען זיי געוואָלט צייגען, דאָס די אידען האָבען פיעל געענדערט זייער אַרט לעבען און זיי וואָלטען זיך נאָך מעהר געענדערט, ווען זיי זאָלען ניט זיין אונטער'ן דרוק פון דעם „שענדליכען דעקרעט". אָבער דיזע ציפערן האָבען ניט געווירקט אויף נאַפּאָלעאָן'ען. נאָר זיין מפּלה האָט גע־ענדערט די אידישע לאַגע. עס איז געווען אַ שפּאַס פון שיקזאַל, דאָס גראַדע מענשען פון אַלטען רעזשים זאָלען אָפּשאַפען די בעשרענקונגען, וואָס אַ גרוי־סער זשעניע פון דער רעוואָלוציאָן האָט געשאַפען.

ב. די עמאַנציפּאַציאָן פון אידען אין אנדערע לענדער פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט.

די פראַנצויזישע נאַציאָן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן און שפּע־טער אין נאַפּאָלעאָן'ס צייטען, האָט געמאַכט גרויסע עראָבערונגען אין פער־שיידענע לענדער. איבעראַל האָבען זיי פערשפּרייט רעפּובליקען אָדער קאָנ־סטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיען. די ערסטע, וואָס האָט איבערגענומען דעם פראַנצויזישען פרייען גייסט, איז געווען האָללאַנד. די 50 טויזענד האָל־לענדישע אידען, וועלכע זיינען שוין פריהער געווען האַלב־פריי אין רעלי־גיעזער הינזיכט, זיינען געוואָרען עכט פרייע בירגער באַלד ווי זיי זיינען איבערגעגאַנגען אונטער די פראַנצויזישע הערשאַפט. די אידישע געמיינ־דעס אין האָללאַנד האָבען געהאַט פולע אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט אויפ־געהאַלטען אין זיי דעם נאַציאָנאַל־געפיהל. די האָללענדישע אידען האָבען גענומען אָנטייל אין דעם קאַמף פיר פרייהייט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דער פערטרייבונג פון דעם שטאַטהאַלטער ווילהעלם דעם 5טען פון אָראַניען און דער גרינדונג פון דער באַטאַווישער רעפּובליק.

אָבער ניט אַלע אידען זיינען צופרידען געווען מיט דיזער איבערקעהרע־ניס. די מעהרהייט האָט אין דערינען געזעהען דעם אונטערגאַנג פון יודען־

טום. זיי האָבען פּאָרויסגעזעהען, דאָס דער פראַנצויזישער פּרייזין וועט פערניכטען דאָס יודענטום: די אידען וועלען זיך פערמישען מיט די קריס־טען און דער אידישער נאַציאָנאַל־געפיהל וועט ווערען שוואַכער און שוואַ־כער. ווען די אידישע ליבעראַלען האָבען געוואָלט מען זאָל לייענען אין שול די דעקלאַראַציאָן פון גלייכע רעכטען, האָבען די פּרנסים עס ניט ער־לויבט, ווייל דאָס איז נאָך זייער מיינונג געווען געגען דער אידישער רע־ליגיאָן. די ליבעראַלען האָבען די דעקלאַראַציאָן אָנגעקלעפּט אין די שולען, אָבער די פּרנסים האָבען זי אַרונטערגעריסען.

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ שפּאַלטונג אין דער אידישער קהלה, און דיזע שפּאַלטונג האָט געהאַט אַ שלעכטען רעזולטאַט, ווייל צוליב דער מחלוקה האָ־בען די אידען ניט געהאַט די מעגליכקייט אַריינצוברייגגען אין ערסטען פּאַרלאַמענט אַפילו איין דעפּוטאַט, הגם זיי האָבען געהאַט אַ פולעס רעכט דערצו. די אידישע ליבעראַלען האָבען זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צום פּאַרלאַמענט ער זאָל געזעצליך אָנערקענען די אידישע גלייכבערעכטיגונג. דער פּאַרלאַמענט האָט בעשטימט אַ ספּעציעליע קאָמיסיאָן צו בעהאַנדלען די אידען־פראַגע. די קאָמיסיאָן האָט געהאַט פיר זיך אַ שווערע אויפגאַבע, ערסטענס, ווייל די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט געהאַט גרויסע פּאַראור־טיילען געגען געבען אידען בירגער־רעכטען, צווייטענס, ווייל נאָר אַ קליינער טייל פון די האָללענדישע אידען האָט עס פערלאַנגט, די מעהר־הייט האָט געוואָלט פערבלייבען ביים אַלטען. די אידישע ליבעראַלען אָבער האָבען געשטורמט די קאָמיסיאָן מיט ביטשריפטען און אַלערליי אַרגומענטען.

די קאָמיסיאָן האָט אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ זעהר ליבעראַלע רעזאָלוציאָן און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסע דעבאַטע וועגען דעם. די געגנער האָבען גע'טענה'ט, דאָס די אידען זיינען אַ נאַציאָן און האָפען צוריק בעקומען ארץ ישראל, און דעריבער קענען זיי ניט זיין קיין ריכ־טיגע בירגער אין האָללאַנד כל זמן זיי וועלען זיך ניט אָפּזאָגען פון זייער האָפנונג. די דעבאַטען האָבען זיך געצויגען 8 טעג. דער מיטעל־פּונקט פון דער פראַגע איז געווען, אויב די אידען זיינען אַ נאַציאָן אָדער ניט. די אידישע פריינד האָבען גע'טענה'ט, דאָס די אידען זיינען קיין נאַציאָן ניט, ווייל זיי האָבען ניט קיין אייגען לאַנד, און די שונאים האָבען זיך געגעבען די מיה צו בעווייזען, דאָס די אידען זיינען אַ נאַציאָן, ווייל זיי האָפען זיך צוריקקעהרען צו זייער לאַנד. ענדליך האָט דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר געצוואונגען דעם פּאַרלאַמענט צו געבען אידען אין האָללאַנד גלייכע בירגער־רעכטען (דעם 2טען סעפּטעמבער 1796), מיט דעם בעדינג,

דאָס זיי זאָלען זיך אָפזאָגען פון זייער אויטאָנאָמיע אין פערבלייבען אידען נאָר אין זייער רעליגיאָן.

די פרומע קלאַס אידען אין האָללאַנד איז שרעקליך נידערגעשלאָגען געוואָרען פון דעם דעקרעט; די פרייע קלאַס, אין געגענטייל, איז העכסט צופרידען געווען מיט איהם. זיי האָבען געגרינדעט אַ בעזונדער געמיינדע מיט בעזונדער סינאַגאָגע און אַ בעזונדערען רב (אונטער'ן נאָמען „עדת ישורון”), מיט אַ רעפאָרמירטען קולט. דער תלמוד איז אין גאַנצען אָפגעשאַפט געוואָרען, די שמונה עשרה האָט מען פערקירצט און ד. גל. די אָרטאָדאָקסען האָבען געבראַכט אַ קלאַגע צו דער רעגירונג און האָבען געפאָדערט אַ גרויסע סומע שאַדען־ערזאַץ פון די רעפאָרמער, ווייל מיט זייער אַרויסטרעטען פון דער געמיינדע האָבען זיי ניט די מעגליכקייט צו דעקען די געמיינדע־אויסגאַבען. די רעגירונג האָט אָנגענומען די זייט פון די רעפאָרמירטע, ווייל דער נייער דעקרעט פון גלייכע בירגער־רעכטען פיר אידען האָט אָפגעשאַפט די אַלטע אָרדנונג פון אידישער אויטאָנאָמיע, און די אַלטע פרנסים זיינען ענטזאַגט געוואָרען פון זייערע עמטער. די פיהרונג פון דער געמיינדע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די רעפאָרמירטע. די האָללענדער אידען האָבען באַלד אָנגעהויבען געניסען פולע פאָליטישע פרייהייט. אין יאָהר 1797 זיינען ערוועהלט געוואָרען 2 אידען אין פאַרלאַמענט, דאָס זיינען געווען די ערסטע אידען אין אייראָפּאַ, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגלידער פון אַ פאַרלאַמענט.

אָבער צו ריכטיגער עמאַנציפּאַציאָן האָט נאָך פיעל געפעהלט. עס זיינען נאָך פערבליבען פיעלע בעשרענקונגען פיר אידען. זאָגאַר די שולען זיינען נאָך ניט געווען אָפען פיר אידישע קינדער. נאָר ווען לודוויג נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען קעניג פון האָללאַנד האָבען די אידען בעקומען פולע עמאַנציפּאַציאָן. ער האָט זאָגאַר אומגעביטען די ירידען פון שבת אויף זונטאָג אום צו צייגען רעספּעקט צו דער אידישער רעליגיאָן. אין דעם זעלבען יאָהר, וואָס לודוויג נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען קעניג פון האָללאַנד, האָט זיך געגרינדעט דער סנהדרין אין פראַנקרייך. די רעפאָרמירטע געמיינדע אין אַמסטערדאַם האָט געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צום סנהדרין, וועלכע האָט מסכים געווען צו אַלע זיינע רעפאָרמעס. איינער פון די דעפּוטאַטען (יהודה ליטוואַק) האָט נביאות געזאָגט, דאָס די עהרע פון דעם סנהדרין וועט בלייבען אויף אייביג. אָבער דיזע נביאות איז ניט מקויים געוואָרען.

די האָללענדישע רעגירונג האָט געוואָלט איינאָרדנען די אידישע רעליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען ווי אין פראַנקרייך, אָבער צוליב דער שפּאַלטונג

צווישען די אשכנזים און ספרדים אין קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע איז עס איז איהר ניט געלונגען. זי האָט קוים געמאַכט אַ צענטראַל-קאָנסיסטאָריע אין אַמסטערדאַם פון 12 מיטגלידער פון די רעפאָרמירטע. אָבער דאָס איז געווען מעהר אַ רעגירונגס-אַנשטאַלט איידער אַ רעליגיעזע. אַזוי צום בייּ שפּיל האָט דיזע אַנשטאַלט גענומען אַנטייל אין יאָהר 1809 אין רעגולירען די אידישע מיליטער-פליכט. אַזוי ווי די האָללענדישע מיליץ האָט ניט געוואָלט אַריינעהמען אידען אין איהרע פאָלקען, האָט די צענטראַל-קאָנסיסטאָריע מיט דער הסכמה פון קעניג געשאַפען אַ אידישען קאָרפּוס פון 2 באַטאַליאָנען מיט אידישע אָפיצערען. שפּעטער, ווען האָללאַנד איז געוואָרען אַ טייל פון פראַנקרייך, זיינען די אידישע סאָלדאַטען צושפּרייט געוואָרען אין דער פראַנצויזישער אַרמעע.

נאַפּאָלעאָן'ס סיסטעם אין אייראָפּאַ, וועלכעס האָט געצילט צו שאַדען דעם ענגלישען האַנדעל, האָט אויך שרעקליך געשאַדט דעם האָללענדישען האַנדעל. רייכע אידישע פירמעס זיינען געווען געצוואונגען שליסען זייערע געשעפטען. אין האָללאַנד האָט געהערשט אַ שרעקליכע אָרימקייט. צוויי-דריטעל פון דער אידישער געמיינדע אין אַמסטערדאַם האָט געלעבט פון צדקה. די מחלוקה צווישען די אשכנזים און ספרדים און צווישען די אָרטאָדאָקסען און רעפאָרמירטע האָט ניט אויפגעהערט; יענע האָבען פּאָרטגעזעצט צו געברויכען זייער זשאַרגאָן און שיקען זייערע קינדער אין די חדרים און ישיבות, און דיזע האָבען גערעדט האָלענדיש און האָבען געשיקט זייערע קינדער אין די קריסטליכע שולען, וועלכע האָבען פיעל געהאָלפען צו פערשפּרייטען אַסימילאַציאָן. אָבער קיין גרויסען ערפאָלג האָט די אַסימילאַציאָן דאָרט ניט געקענט האָבען, ווייל די אָרטאָדאָקסיע איז געווען אין אַ גרויסער מאַיאָריטעט.

איטאַליען. די עמאַנציפּאַציאָן אין איטאַליען איז געשעהען פּלוצלינג און כמעט אָהן אַ שטרייט מיט געגנער; איבערהויפּט אין דער פּראָווינץ פון דער הערשאַפט פון פּאַפּסט. אין יאַנואַר פון 1793 האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן אין רוים. די פאַנאַטיקער האָבען געפּרובט זי דערשטיקען. אָבער אַז עס איז זיי ניט געלונגען, האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן די אידען און האָבען בערויבט אייניגע הייזער אין דעם געטאָ. די פּאָליציי האָט חושד געווען די אידען, דאָס זיי פערברייטערן אין לאַנד די רעוואָלוציאָנערע 3-פאַרביגע קאָקאַרדעס, און האָט דערפאַר אַרעסטירט די רבנים, אָבער אַזוי ווי עס איז קיין בעווייז ניט געווען געגען זיי, האָט מען זיי אַרויסגעלאָזען, אָבער פיר אַ גרויסע סומע געלט. לודוויג דעם

16טען׳ס הינריכטונג אין פּאַריז האָט אויך שטאַרק אויפגערייצט דעם המון אין רוים, וועלכער האָט זיך גענומען מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען.

אָבער ווי באַלד נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען רוים און דער פּאַפּסט פּיאוס דער 6טער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען (15טען פעברואַר 1798) זיינען די אידען אין רוים בעפריים געוואָרען פון זייער נידריגער לאַגע. זיי האָבען באַלד אַראָפּגעריסען די געלע לאַטעס פון זייערע קליידער. מיט צוויי טעג שפּעטער האָבען די אידען געמאַכט אַ יום טוב מיט מוזיק אין שול. דעם 20טען פעברואַר איז דער פּאַפּסט אַרויס פון רוים. די נייע רעגירונג האָט באַלד געגעבען אידען גלייכע רעכטען.

די קריסטליכע געזעלשאַפט האָט מיט קנאה געקוקט אויף די גלייכבערעכטיגטע אידען. זיי האָבען ניט געקענט זעהן, ווי אידען טראָגען אָפּיצערסקע קליידער ווי אַ איד זיצט אין סענאַט (י ח ז ק א ל מ א ר פּ ו ר ג אָ). די פריייהייט אָבער האָט געקאָסט די אידען גרויסע אָפּפער. די פראַנצויזען האָבען זיי געצוואונגען צאָהלען שווערע קאָנטריבוציאָן. די אידישע פרויען האָבען געמוזט נעהען קליידער זאָגאר אום שבת פיר די פראַנצויזישע סאָלדאַטען. אָבער זיי האָבען דאָס אַלעס מקבל באהבה געווען, הערענדיג ווי מען האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג דאָס מען זאָל אַלע קלעריקאַלען (גייסטליכע) שטעמפּלען אויף׳ן שטערן מיט אַ שאַנד־צייכען און זיי בעזעצען אין דעם געטאָ, וואו מען האָט פריהער די אידען פערשפּאַרט.

די מאַכט פון די פראַנצויזען איז אָבער אין יאָהר 1799 געבראָכען געוואָרען אין איטאַליען. דורך די קראַפט פון די נעאַפּאָלישע מיליטער, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונגען און צוריק איינגעפיהרט דאָס אַלטע סיסטעם. אידען האָבען פערלאָרען זייערע בירגער־רעכטען און האָבען נאָך געמוזט צאָהלען אַ שווערע קאָנטריבוציאָן פיר זייער אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָן. דער נייער פּאַפּסט פּיאוס דער 7טער האָט אַ ביסעל פערלייכטערט די אידישע לאַגע. אַזוי זיינען די אידען איבערגעגאַנגען אין אַ קורצע צייט פון קנעכטשאַפט צו פריייהייט און נאָכדעם צוריק צו קנעכטשאַפט. עס האָט ניט לאַנג גענומען און אין רוים איז געוואָרען אַ נייע איבערקעהרענים: נאַפּאָלעאָן האָט עראָבערט די גאַנצע קירכען־פּראָווינץ און די אידען האָבען ווידער בעקומען גלייכע בירגער־רעכטען (1808). אין רוים איז געגרינדעט געוואָרען אַ קאָנסיסטאָריע מיט די זעלבע אָרדנונגען ווי אין פראַנקרייך. נאָך נאַפּאָלעאָן׳ס מפּלה איז רוים ווידער געוואָרען אַ קירכען־פּראָווינץ, און די אידען האָבען ווידער געליטען פון דער ריאַקציאָן.

די זעלבע פערשיידענע צושטענדען זייגען די אידען דורכגעגאַנגען אין אַלע אַנדערע קעניגרייכען פון דער צוברעקעלטער איטאַליען. אין ווענעציא האָט די רעוואָלוציאָן פון 1797 פערוואַנדעלט די אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק אין אַ דעמאָקראַטישע, וועלכע האָט געגעבען די אידען גלייכע בירגער־רעכטען, און האָט מיט גרויס שמחה אָפּגעשאַפט דעם געטאָ, דאָס איז אָבער געווען נאָר אויף אַ קורצע צייט. נאַפּאָלעאָן׳ען האָט בעסער געלוינט, דאָס ווענעציא זאָל זיין אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט אַלע ליבעראַלע איינריכטונגען און האָט די אידען צוריקגעבראַכט צו זייער פריהערדיגען צושטאַנד. אין 1805 איז ווענעציא געוואָרען אַ פּראָווינץ פון פראַנקרייך און די אידען האָבען ווידער בעקומען גלייכע רעכטען און זיינען פערבליבען אין דיזען צושטאַנד ביז דעם יאָהר פון דער רעאַקציאָן (1814).

די נייע אָרדנונג אין איטאַליען האָט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט די אידישע אויטאָנאָמיע. די פריהערדיגע געמיינדע־אָרדנונג איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, און איהר אָרט האָבען פערנומען די קאָנסיסטאָריעס. די רבנים זיינען געווען שטאַרק געגייגט צו אַסימילאַציאָן. ווען אַ קריסט האָט פריינדליך אויפגענומען אַ אידען, האָט עס די אידישע פאָרשטעהער געגעבען האָפנונג, דאָס אין גיכען וועט דער נאַציאָנאַל־געפיהל פון אידען פערשווינדען, און אויך די רעליגיאָן וועט פיעל שוואַכער ווערען ביז זי וועט אין גאַנצען אָפּגעווישט ווערען. אָבער דאָס אידישע חנפה׳ענען זיך צו קריסטען האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין די קריסטליכע הערצער, וועלכע האָבען פאָרטגעזעצט צו פעראַכטען די אידען ווי פריהער. אַזוי האָט זיך בעקלאָגט די רוימישע צענטראַל־קאָנסיסטאָריע פאַר פאַריז (1910).

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין איטאַליען איז נאָך דער עמאַנציפּאַציאָן פיעל בעסער געוואָרען. די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט פערשיידענע אַרבייטען, האָבען אָנגעהויבען צו פערנעהמען שטעלען אין דער רעגירונג. אמת, די שווערע קאָנטריבוציאָן, וואָס די פראַנצויזען האָבען געפאָדערט פון פאָלק האָט געשאַפען אַ שרעקליכען קריזיס, פיעלע רייכע פירמעס האָבען זייערע געשעפטען געשלאָסען, אָבער דער צושטאַנד פון דער מעהרהייט איז פיעל בעסער געוואָרען.

די שווייץ. אין דער שווייץ האָבען דאַמאָלס געוואוינט ניט מעהר פון 200 אידישע פאַמיליען. דיזע האָבען אין 1792 בעגייט זייער אָפּמאַך מיט דער רעגירונג, זי זאָל זיי ערלויבען ווייטער פערבלייבען אין לאַנד און האָבען די מעגליכקייט זיך אָרים צו ערנעהרען, אָבער ניט צו פערגרע־

סערן זייער צאהל. פרעמדע אידישע סוחרים האבען געמוזט בעצאהלען פערשיידענע שווערע אפגאבען, ווען זיי האבען געוואלט קומען אין לאנד אויף א קורצע צייט. אין 1797 האט די פראנצויזישע רעגירונג אפגעשאפט די בעשרענקונגען פיר פראנצויזישע אידען, וואס קומען אין די שווייץ צו פאהרען נאך האנדעל. מיט א יאהר שפעטער, ווען פראנקרייך איז געווארען די הערשערין אין דער שווייץ, האט זי אין גאנצען אפגעשאפט די בעשרענקונגען פיר אידען אין אלגעמיין.

אין 1798 האט די רעגירונג געענדערט די קאנסטיטוציאן, דאן האבען די אידען געבעטען מען זאל זיי ערלויבען וואוינען אין גאנצען לאנד און מען זאל פון זיי אראפנעהמען די ספעציעלע שענדליכע אפגאבען. די רעגירונג האט זיי נאכגעגעבען דיזען פערלאנג, באלד האבען זיך אנגעהויבען דעבאטען אין פארלאמענט וועגען געבען אידען פולע בירגער־רעכטען. די שונאי ישראל האבען גע'טענה'ט, דאס אידען קענען ניט ווערען גלייכבערעכטיגטע בירגער, ווייל זיי גלויבען, דאס אין דער צוקונפט וועלען זיי ווידער בעקומען זייער אלטעס לאנד ארץ ישראל, און דעריבער זיינען זיי א בעזונדער נאציאן, און קענען ניט שווערע אמת'ע טרייהייט צו דער שווייצערישער רעפובליק. עס איז געמאכט געווארען א פארשלאג מען זאל געבען פולעס בירגער־רעכט נאר צו אזעלכע אידען, וועלכע זאגען זיך אפ פון זייער נאציאנאליטעט. אבער דיזער פארשלאג איז ניט אנגענומען געווארען און די לעזונג פון דיזער פראגע איז אפגעלעגט געווארען. אין פעברואר 1799 האבען זיך ווידער אנגעהויבען דעבאטען אין פארלאמענט וועגען אידען. די פריינד פון אידען האבען בעוויזען, דאס די אידישע רעליגיאן פערפליכטעט זיי צו זיין טרייע בירגער און ניט אפשיידען זיך פון דעם פאלק, צווישען וועלכען זיי לעבען, אבער די אידישע שונאים האבען גע'טענה'ט, דאס די שווייץ וועט אומגליקליך זיין, ווען אידען וועלען בעקומען גלייכע רעכטען. דאס בעסטע וואלט געווען, מען זאל זיי אפשיקען צו נאפאלעאן'ען ער זאל זיי בעזעצען אין פאלעסטינא. די אידישע שונאים האבען אויסגעפיהרט, נאר די רעגירונג האט די אידען געגעבען א ביסעל מעהר רעכטען— זיך בעזעצען אין גאנצען לאנד און ערווערבען ערד צו בעארבייטען. אבער דאס פאלק איז געוועזן שרעקליך אויפגערייצט מיט דיזער ענדערונג און אין סעפטעמבער 1802 האבען זיי געמאכט א פאגראם, אין וועלכען פיעלע אידישע הייזער זיינען געווארען בערויבט.

אין 1803 האבען זיך די אידען אין דער שווייץ ווידער געווענדעט צו דער רעגירונג מיט א ביטע וועגען גלייכע רעכטען, אבער מען האט זיי אפ-

געזאַגט. דעם 5טען מאַי 1809 האָט מען זיי געגעבען אייניגע הנחות. דער אָרט, וואו זיי איז געווען ערלויבט צו בעזעצען זיך, איז אַ ביסעל פערגרע־סערט געוואָרען, מען האָט זיי ערלויבט צו וואוינען אין גאַנצען קאַנטאָן אַרגאַו, אויסער די צוויי שטעדט ענדינגען און לענגנאַו, אויב זיי וועלען צושטעלען אַ דאָקומענט פון דער רעגירונג וועגען זייער גוטער אויפפיהרונג. אָבער די רעגירונג האָט זיי אַזעלכע דאָקומענטען ניט געגעבען און זיי זיי־נען געבליבען בעשרענקט אין זייער וואוינונגס־אָרט. דער איד איז געבליבען דער אייגענער קאַראַביינִיק (הויזערער) ווי פריהער: זונטאָג האָט ער אַרויפ־געלעגט אויף זיינע פּלייצעס אַ שווערען קאָרב מיט סחורה, איז געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער און נאָר אויף שבת איז ער געקומען צו זיין פאַמיליע זיך אָפּרוהען. דאָס איז געווען די פרייהייט, וואָס די פרייע שווייצער האָבען געגעבען דעם ביסעל אידען, וואָס דער שיקזאַל האָט פערוואָרפען צווישען די פרייע קריסטען.

ג. די עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף דער דייטשער רעגירונג ביז 1806, ווען נאַפּאָלעאָן האָט בעזיגט פּרייסען. דאַ־מאָלס ערסט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען שטראַהלען פון האָפנונג פיר די אידען צו אָטעמען אַ ביסעל פרייער. אָבער די נייע אידעען פון פרייהייט האָבען געגעבען די געבילדעטע אידען פון דייטשלאַנד מוט צו פאָ־דערן פרייהייט אין נאָמען פון דער מענשהייט. זיי זיינען אָנגעקומען מיט זייערע פאָדערונגען צו די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, וועלכע פלעגען זעהר אָפט פאָרקומען אין יענער צייט צוליב נאַפּאָלעאָן׳ס מלחמות. צוערסט האָבען זיי זיך געווענדעט צום קאָנגרעס פון ראַשטאַדט אין 1798. אָבער דיזער קאָנגרעס האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט דיזער בקשה. אין 1802 האָבען זיי זיך ווידער געווענדעט צו דער דעפּוטאַציאָן, וואָס איז פערזאַמעלט געווען נאָך דעם לונעוויללער פרידען אין רעגענסבורג, מיט אַ ביטע מען זאָל זיי בעפרייען פון דעם דריקענדען קנעכטישען יאָך אום זיי זאָ־לען קענען זיך צוזאַמענשמעלצען מיט דעם דייטשען פאָלק. אָבער די דע־פּוטאַציאָן איז צופיעל בעשעפטיגט געווען מיט אייגענע צרות און האָט די אידען־פראַגע גאָר ניט בעטראַכט. ענדליך האָבען די זיגען פון נאַפּאָלעאָן׳ען דורכגעבראָכען אַ וועג אריינצובריינגען אַ ביסעל פרייהייט אין אידישען לעבען אין דייטשלאַנד.

פרייסען. צו ענדע פון 1789 האָט דער פרייסישער קעניג פריעדריך ווילהעלם דער 2טער בעשטימט אַ קאָמיסיאָן צו פערגרינגערן די דריקענדע לאַגע פון די אידען, וועלכע האָבען שרעקליך געליטען פון די טיראַנישע געזעצען פון פריעדריך דעם גרויסען. נאָך צוויי יאָהר ארבייט האָט די קאָמיסיאָן צוגעשטעלט צום קעניג איהר פראָיעקט ווי צו פערגרינגערן די אידישע לאַגע. די גאַנצע פערגרינגערונג איז בעשטאַנען אין קלייניגקייטען: מען האָט זיי ערלויבט צו זיין ערד־ארבייטער, אָבער ניט ערווערבען קיין אייגענעם גרונד. זיי האָבען געמעגט זיין בעלי מלאכות, אָבער נאָר אזעלכע, פון וועלכע עס איז ניט איינגאָרדענט געוואָרען קיין צעך. אַ איד האָט געמעגט זיין אַ סוחר נאָר אין אזעלכע ערטער, וואו עס זיינען ניט געוועזען גענוג קריסטליכע סוחרים. די אידישע קינדער האָבען געמוזט לערנען די דייטשע שפּראַך אום זיי זאָלען האָבען די עהרע צו קענען ווערען סאָלדאַטען. דאַן ענדיגט די קאָמיסיאָן איהר פאָרשלאַג, קען מען רעכנען, דאָס אין אַ יאָהר 70 שפּעטער וועלען די אידען שוואַכער ווערען אין זייער רעליגיאָן, וועלען זיך צומישען מיט די קריסטען און וועלען ווערט זיין מען זאָל זיי געבען מעהר רעכטען.

ווען די רעגירונג האָט בעקאַנט געמאַכט די אידישע דעפּוטאַטען מיט דער רעזאָלוציאָן, האָבען די דעפּוטאַטען מיט דוד פריעדלאַנדער (מענדעלסאָן'ס תלמיד) אָן דער שפּיץ געענטפערט, דאָס זיי זיינען ניט בעפאָלמעכטיגט פון דער אידישער געמיינדע נעהמען אויף זיך נייע פליכטען, אָבער עס איז שוין צייט אראָפּצונעהמען פון אונז די שווערע קייטען, וועלכע דריקען אונז אַזוי לאַנג. אָבער ווען עס איז דער ווילען פון דער השגחה אָפּצונאַרען אונזער האָפנונג, וואָלטען מיר בעסער פערלאַנגען מען זאָל אונז לאָזען פערבלייבען אין דעם זעלבען צושטאַנד, אין וועלכען מיר געפינען זיך יעצט, הגם דיזער צושטאַנד ווערט אימער ערגער און ערגער (1790).

די רעגירונג האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען דער אידישער פראַגע און האָט זי געלאָזען ביים אַלטען. דער קעניג האָט אפילו פערשפּראָכען ווען עס איז פערבעסערן די אידישע לאַגע, אָבער דערווייל האָט ער געהייסען מען זאָל אין ברעסלוי די אידישע בעפעלקערונג צוריקברייננגען צו דער אַלטער נאָרמע — דאָס מעהר ווי 160 פאַמיליען פון אידען טאָרען דאָרט ניט זיין; דיזע טאָרען זיך ניט פערמעהרען; און דעריבער מעג נאָר איין זוהן פון אַ פאַמיליע הייראַטען. און נאָך אזעלכע בעשרענקונגען. דאָך איז דער קעניג געוועזען בעסער פון זיינע מיניסטאָרען, און אין 2 יאָהר שפּעטער האָט

ער געהייסען מען זאָל זיך נעהמען צו לעזען אידען־פּראָגע (יאַנואַר 1792). דערווייל האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען פּרייסען און פראַנקרייך און די בעסערונג פון דער אידישער לאַגע איז אָפּגעלעגט געוואָרען און איז אַזוי פערבליבען פולע 20 יאָהר אָהן אַ שום ענדערונג.

דערווייל איז פּרייסען גרעסער געוואָרען אין לאַנד צוליב דער 2טער חלוקה פון פּוילען, און צו איהם זיינען צוגעקומען פיעלע אידען: פון קאַליש, ווארשא, פּלאָצק און ביאַליסטאָק. — אידען, וועלכע זיינען ניט געוואוינט געווען צו טראָגען אויף די קליידער נומערן פון זייערע פאַמיליעס, ווי אידען אין פּרייסען. מען האָט געמוזט אויסאַרבייטען פיר די אידען אַ נייעס געזעץ, וועלכעס האָט ערלויבט אין דיזע ערטער צו וואוינען נאָר די אידען, וואָס האָבען דאָרט געהאַט אייגענטום אָדער אַ שטענדיגע בע-שעפטיגונג; די איבריגע האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד. פיר די, וואָס זיינען פערבליבען אין לאַנד האָט מען געשאַפט נייע אָפּצאָהלונגען: פיר שוץ און פיר חתונה, וועלכע איז ערלויבט געוואָרען פיר אידען ניט אינגער פון 25 יאָהר, וועלכע האָבען אַ שטענדיגע בעשעפטיגונג אָדער אַ געוויסען קאַפּיטאַל. די אויטאָנאָמיע האָט מען פון זיי צוגענומען. אין דיזען צושטאַנד זיינען די אידען פערבליבען אין פּרייסען ביז 1840.

דער געבילדעטער טייל פון די אידען אין פּרייסען האָט זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט, וואָס די רעגירונג שטעלט זיי אין איין ליניע מיט דער מאַסע און האָבען פערלאַנגט בעסערע בעהאַנדלונג. אָבער די רעגירונג האָט ניט געוואָלט מאַכען פיר זיי בעזונדערע געזעצען, הגם די געבילדעטע אידען האָבען עס פערדינט, ביז די גאַנצע אידישע מאַסע וועט בעסער ווערען און וועט זיך אויפהערען צו פיהרען ווי אַ בעזונדערע נאַציאָן מיט בעזונדערע רעליגיעזע אָרדנונגען. די געבילדעטע קלאַס מיט דוד פרידלענדער אָן דער שפּיץ האָט בעשלאָסען אָפּצושאַפען די נאַציאָנאַלע אָפּזונדערונג אום צו בע-קומען גלייכע רעכטען פיר זיך. מיט דיזען פּלאַן האָבען זיי זיך געווענדט צום בעריהמטען ליבעראַלען פּאַסטאָר ט ע ל ל ע ר (1799). אין זייער ביטע שרייבען זיי, דאָס זיי האָבען זיך לאַנג אָפּגעזאָגט פון דער תלמודישער רעליגיאָן, דאָס זיי אַנערקענען די וואהרהייטען פון יעדער רעליגיאָן, וועל-כע אַנערקענט די איינהייט פון גאָט און שטרעבט צו הויכער מאָראַל. משה רבנו און יעזוס האָבען ביידע געגרינדעט זייער רעליגיאָן אויף דיזע פּרינצי-פּען, אָבער זייערע נאָכפאָלגער זיינען פערקראָכען אין אַנדערע וועגען. די אידישע צערעמאָניעס שטערען ווירקליך דעם אידען אין בירגערליכען לע-בען, און מיר האָבען זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון די צערעמאָניעס, אָבער

מיר קענען אויך ניט זיין פאַלש און אַנערקענען יעזוס'ן אַלס גאָט'ס אַ זוהן, דאָס איז גענגען דעם געזונטען פערשטאַנד. „מיר פערשפּרעכען צו טאָן", שליסען זיי זייער ביטשריפט „אַלע פליכטען פון אַ מענשען און אַ בירגער, וועלכע פליסען אַרויס פון די אייביגע וואהרהייטען, אָבער מיר קענען ניט בלינד גלויבען אין די דאָגמאַס (עקרי הדת) פון דער קירכע".

טעללער האָט זיי געענטפערט, דאָס די קירכע קען ניט אָננעהמען אַלס קריסטען אַזעלכע לייט, וואָס גלויבען ניט אין קריסטליכע דאָגמאַס. אין דעם זעלבען גייסט האָבען אויך געשריבען אַנדערע געלעהרטע טהעאָלאָגען, און אַלע האָבען גערעטען די שרייבער פון דער ביטשריפט צו טעללער'ן, ניט בלייבען אין האַלבען וועג און ווערען פאָלשטענדיגע קריסטען. אויך דער בעריהמטער טהעאָלאָג און פילאָזאָף שלייערמאַכער איז אַרויס געגען דעם וואונש פון אייניגע אידען צו מאַכען פיר זיי הנחות אין קריסטענטום. אין זיין שרייבען איז שלייערמאַכער אַרויס געגען משומדים אין אַלגעמיין. אַזעלכע מענשען, האָט ער בעהויפּטעט, וואָס פערקויפען זייער געוויסען צוליב רעכטען זיינען שעדליך פיר דאָס קריסטענטום, זיי וועלען בילדען אַ נייעס קריסטענטום, אַ אידישעס קריסטענטום. פריעדלענדער האָט זיך גע-פיהלט שטאַרק בעליידיגט פון דיזע ענטפערס און איז ווייטער ניט געגאַנגען. אָבער די עפּידעמיע פון שמד האָט זיך שטאַרק פערשפּרייט צווישען אידען, וועלכע האָבען געזוכט גלייכע בירגער־רעכטען.

באַלד האָבען זיך די אידען איבערצייגט, דאָס די קריסטען האָבען זיי פיינד ניט אַזוי פיעל צוליב זייער רעליגיאָן ווי צוליב זייער ראַסע. אין 1803 האָט אַ געוויסער גראַטטענאַוער אָנגעשריבען אַ בראָשורע, אין וועלכער ער וואַרפט שמוץ אויף אַלע אידען. „די אידישע מאַסע איז עקעל-האַפט", שרייבט ער, „און זייער „עלעגאַנטע" יוגענד זיינען אַפּיקורסים, פראַנטען און שווינדלער, זייערע זאַלאָן־דאַמען זיינען ניט ערצויגען, הגם זיי מאַכען בעקאַנטשאַפטען מיט דייטשע פירסטען און גראַפען; אידען דאַרפען טראָגען דעם שטעמפּעל פון פערדאַמונג; מען דאַרף ווידער איינ-פיהרען זיי זאָלען טראָגען די מיטעלאַלטערליכע געלע לאַטע אויף זייערע קליידער, אום מען זאָל פון זיי לויפען ווי פון אַ פּעסט". אין אַ קורצער צייט איז פערשפּרייט געוואָרען דיזע שמוציגע בראָשורע אין 13,000 עקזעמפּלאַ-רען. באַלד איז ערשינען אַ גאַנצע ליטעראַטור, וועלכע האָט פערדאַמט די אי-דען אַלס אַ שעדליכעס פאָלק. איינער פּאַלצאָוו האָט אויסגעטראַכט אַ באַיקע, דאָס אידען האָבען אין אַ יאָהר 280 טעג יום טוב, און זיי זיינען דעריבער אַ פאָלק פון לעדיג־געהער. לויט דעם מיינונג פון איינעם אַ זעלבסט-

געקרווינטען „געלעהרטען" ב ו כ ה א ל ץ זיינען די אידען אזוי שעדליך, דאָס מען מוז די קריסטען זעהן רעטען פון זיי; דיזע פערברעכער דאַרף מען אלע אָפּגעבען פיר סאָלדאטען און אוועקשיקען אין דיסציפּלינארנע באַטאַליאָנען. די אידען האָבען גע'פּועל'ט ביי דער רעגירונג, דאָס דער צענזאָר זאָל מעהר ניט דורכלאָזען אזעלכע שעדליכע שריפטען געגען זיי. גראַטטענאַוער האָט זיך געווענדט צום קעניג מיט אַ קלאַגע געגען דעם, וואָס מען שטערט איהם צו בעפרייען פריסען פון די שעדליכע אידען, נאָר מען האָט איהם גאָר ניט געענטפערט.

אָבער דערמיט האָט זיך די פּאָלעמיק ניט געענדיגט. די שמוציגע ליטעראַטור האָט זיך פערברייטעט מעהר און מעהר אין דער פּראָווינץ. די אידען־פיינד האָבען געפאָדערט מען זאָל פערקויפען די אידען פיר שקלאַפען. די אידען האָבען געמאַכט פּאָרווירפען די קריסטען דערפאַר, וואָס זיי שטויסען זיי אָפּ פון זיך, אין דער צייט, וואָס זיי זאָגען זיך אָפּ פון פיעלע זאַכען פון זייער רעליגיאָן און זייערע נאַציאָנאַלע טראַדיציאָנען. איינינע אידישע שרייבער ווי א ה ר ן ו ו א ל פ ס א ן (איינער פון די מבארים פון תנ"ך), האָט פּאָרגעלעגט צו לעזען די אידישע פראַגע דורך דעם, וואָס מען זאָל צענזורירען דעם תלמוד און די גאַנצע ראַבינישע ליטעראַטור אום די אידען צו מאַכען עהנליך צו די דייטשען.

די שמד עפּידעמיע. אין דער צייט פון דער פּאָליטישער רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אַ רעוואָלוציאָן פון ז י ט ע ן. די צייט פון מענדעלסאָן און לעססינג, אין וועלכער אמת'ע בילדונג און מענשען־ליבע האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דייטשלאַנד, איז אַוועק, אין אָנשטאָט איהר איז אָנגעקומען די ראָמאַנטישע צייט פון גאָטהע און שיללער. גאָטהע'ס „ווערטהער", וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט אזוי פיעלע הערצער, בעזונדערס פון פרויען, האָט אַרויסגערופען אַ שטורם אין די הערצער פון דער אידישער יוגענד און איבערהויפּט פון אידישע יונגע פרויען. מיט אונגעדולד האָבען זיי ערוואַרטעט יעדע נייע פּאָעמאַ פון גאָטהע און שיללער. אָן דער שפּיץ פון דיזער געבילדעטער פרייגעזאָנענער אידישער געזעלשאַפט אין געשטאַנען די העכסט שענע און פיעלזייטיג געבילדעטע ה ע נ ר י ע ט ט ע ה ע ר ץ (1764—1847). צו 16 יאָהר האָט זי גע־הייראַטעט דעם בעריהמטען דאָקטאָר און פילאָזאָף מ א ר ק ו ס ה ע ר ץ, אַ תלמיד פון משה מענדעלסאָן. הערץ איז געווען צוויי מאָל אזוי פיעל אַלט ווי הענריעטטע איז געווען בשעת דער הייראַט. דאָס הויז הערץ איז באַלד געוואָרען דער צענטער פון דער געבילדעטער דייטשער געזעלשאַפט פון

יערלין. אויך **דאָראָטהעאַ מענדעלסאָן**, די טאָכטער פון משה מענדעלסאָן, האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין יענער געזעלשאַפט. די פרויען פון יענער געזעלשאַפט האָבען געגרינדעט אַ פעראיין אונטער'ן נאָמען „טוגענד-בונד", וועלכער האָט ערלויבט נאָר פּלאַטאָנישע ליבע צווישען מענער און פרויען, אָבער דער כלל האָט ניט אויסגעהאַלטען. צווי-שען די וויכטיגע מענער, וואָס האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין הערץ'ס

העני֞ריעטטע הערץ.

הויז זיינען געוועזן: **ווילהעלם פאָן הומבאָלדט** און דער גרויסער געלעהרטער **אַלכסנדר פאָן הומבאָלדט**, ווי אויך די פילאָזאָפען שלעגעל און שלייערמאַכער. דיזע לעצטע צוויי האָבען גע-שפּילט אַ טראַגישע ראָלע אין דעם לעבען פון די צוויי בעריהמטעסטע פרויען ון דער דאָזיגער געזעלשאַפט — העני֞ריעטטע הערץ און דאָראָטהעאַ מענדעל-סאָן, די יונגע פרוי פון דעם באַנקיר פייט.

הענריעטטע הערץ און שלייערמאַכער האָבען זיך שטאַרק פערליבט. בערלין האָט געקוקט קרום אויף דיזע ליבע און האָט געמאַכט אַ קאַריקאַטורע ווי דער קליין־וויקסיגער מאַגערער שלייערמאַכער קוקט ארויס פון דער קעשענע פון דער שענער הויכער הענריעטטע. דיביידע געליבטע האָבען בעטראַכט די אידען און דאָס יודענטום אַלס אַ בר־מנן, וואָס מען קען מעהר ניט אויפלעבען, און אום צו זיין אַן עכטער דייטשער בירגער מוז אַ איד זיך ענטזאַגען פון אידען און יודענטום. מען האָט איהר פאָרגעלעגט אַ שטעלע אַלס ערציהערין פון דער פּרייסישער פּרינצעסין שאַרלאָטטע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען רוסישע קייזערין, ניקאָלאַי דעם 1טען׳ס פרוי, בתנאי זי זאָל זיך טויפען, אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט דערפון אום ניט צו פערשאַפען קרענקונג איהר אַלטער מוטער. אָבער נאָך דער מוטער׳ס טויט האָט זי זיך געטויפט (1817), און זי איז געשטאָרבען אַלס קריסטין.

דער גיפט פון אַסימילאַציאָן האָט געמאַכט אַ חורבן אויף אין מענדעלסאָן׳ס פאַמיליע. זיין עלטערע טאָכטער דאָראָטהעאַ האָט זיך פערליבט אין דעם פילאָזאָף שלעגעל און האָט זיך געטויפט. מיט איהר האָבען זיך אויך געטויפט איהרע צוויי זיהן, וואָס זי האָט געהאַט פון איהר ערסטען מאַן, דעם באַנקיר פייט. די צווייטע טאָכטער מענדעלסאָן׳ס הענריעטטע, איז אויך אריבער צום קריסטענטום. מענדעלסאָן׳ס עלטערער זוהן, דער באַנקיר יוסף, איז געשטאָרבען אַ איד, אָבער זיין צווייטער זוהן אברהם מיט זיינע קינדער (איינער פון זיי איז געווען פעליקס באַרטהאָלדי, דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר), האָבען זיך געטויפט. דאָס איז געוועזן די ענדע פון דער פאַמיליע פון דעם בעריהמטען מענדעלסאָן, וועלכער האָט פיעל געהאָלפען צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען די אידען.

צו דער זעלבער צייט האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַ דריטע פרוי ר ח ל ל ע ו ו י ן (1771—1833), די טאָכטער פון אַ בערלינער יובעלירער. זי האָט זיך געפונען איהר גאַנצען לעבען אונטער דעם איינפלוס פון דעם גרויסען דייטשען פּאָעט גאָטהע, וועלכען זי האָט פערשטאַנען ווי קיין אַנדערער געבילדעטער דייטש. די גרעסטע דייטשע שרייבער, די גרעסטע דיפּלאָמאַטען פלעגען מיט איהר פערברענגען שטונדען לאַנג; אין 1814 האָט זי געהייראַט דעם בעריהמטען דייטשען דיפּלאָמאַט און שריפטשטעלער ו ו א ר נ ה א ג ע ן פ אָ ן ע נ ז ע, נאָך דעם ווי זי האָט זיך געטויפט. אָבער די טויפע האָט אויף איהר געמאַכט אַ שווערע איינדרוק. „ביי מיין געבורט האָט אַן איבערנאַטירליכע קראַפט מיר געהייסען זיין גרוים און עדעל, אָבער זי האָט פערגעסען זאָגען צו מיר: בלייב אַ אידיש קינד,

און דאָס זאָגט אימער מיין הערץ". ווען זי איז געלעגען אויף'ן שטערבע־בעט האָט זי געזאָגט: „מיט גרויס ענטציקונג דערמאָהן איך יעצט מיין אָפּשטאַ־מונג; דאָס וואָס איך האָב אין מיין גאַנצען לעבען גערעכענט פיר א גרויסע שאַנדע (צו שטאַמען פון אידען), וואָלט איך יעצט ניט פערביטען פיר קיין פּרייז אין דער וועלט". עס איז שווער צו ערקלערען, ווי אַזוי האָט רחל לעווין געקענט זיך אַזוי אויסדריקען, ווען די קוועלען, פון וועלכע זי האָט געשעפּט איהרע אידעאַלען זיינען געווען אַזוי פיינדליך צו אידען. גאָטהע

רחל לעווין.

האָט אַזוי פיינד געהאַט אידען, דאָס ער איז געווען געווען עמאַנציפּירען אידען, און דער פילאָזאָף פ י כ ט ע האָט די אידען אַזוי פיינד געהאַט, דאָס ער האָט געפונען פיר נעטיג מען זאָל איינגעהמען פּאַלעסטינא און אוועקשי־קען אַהין די אידען אום מען זאָל פּטור ווערען פון זיי אין איירָאָפּא.

די שמד־עפּידעמיע האָט פערכאַפּט אַלע קלאַסען פון דער אידישער גע־זעלשאַפט אין פּרייסען. דער רעגירונג איז עס אויך ניט געווען געפעלען. זי

האָט אָנגעהויבען מורא האָבען, דאָס די אידישע משומדים וועלען פערדאַרבען די היילינע קירכע, און זי האָט אָנגעהויבען צו מאַכען שטערונגען אין דעם. זי האָט געגעבען א בעפעהל מען זאָל ניט צולאָזען א אידען זיך טויפען, סיידען ער וועט ברייננען א צייגניס פון די בעאַמטע, וואו ער וואוינט, דאָס ער איז אַן אָרענטליכער מאַן, און דאָס ער טויפט זיך ניט צוליב פערזענליכע מאַטעריעלע אינטערעסען, נאָר ווייל ער וויל קריכטענטום בעסער ווי דאָס יודענטום. דער דירעקטאָר פון דער אידישער פריישולע אין בערלין, לאַזאַר בן דוד, מענדעלסאָן'ס א תלמיד, האָט אויסגעפונען, דאָס פיעלע אידען שמד'ן זיך, ווייל די אידישע רעליגיאָן איז פול מיט איבריגע צערעמאָניעס, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען אין דער גאַנצער צייט פון זייער גלות, און ווען מען וועט דאָס אַלעס אָפּרייניגען פון יודענטום און מען וועט זיך אומקעהרען צו תורת משה, וועט מען פטור ווערען פון דער שמד-עפּידעמיע. מען מוז אַלזאָ רעפאָרמירען דאָס יודענטום. עס האָט זיך געגרינדעט אין בערלין און אין קעניגסבערג א „געזעלשאַפט פון פריינד", וועלכע איז געווען גענען אָרטאָדאָקסיע און גענען שמד. די הויפּט-פיהרער פון דיזער געזעלשאַפט זיינען געווען יוסף, דער עלטערער זוהן פון מענדעלסאָן, און יצחק אייכעל, וועלכער האָט געשריבען מענדעלסאָן'ס ביאָגראַפיע. אָבער דיזער געזעלשאַפט האָט קיין וויכטיגעס ניט אויפגעטאָן. די איינציגע נייע זאַך, וואָס זי האָט אויפגעטאָן, איז געווען מען זאָל ניט מקבר זיין א מת פאַר 3 טעג נאָך זיין טויט.

דאָס געזעץ פון גלייכע רעכטען פון אידען אין פּרייסען (1812).

דער זיג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט איבער פּרייסען אין 1806-7 האָט געצוואונגען דעם קעניג פריעדריך ווילהעלם דעם 3טען צו מאַכען רעפאָרמעס אין לאַנד, צו געבען דעם פאָלק מעהר פּאָליטישע רעכטען און מעהר פרייהייט. דאַמאָלס האָבען אויך די אידען בעקומען מעהר רעכטען, מען האָט זיי אָנגעהויבען געבען שטעלען אין מאַגיסטראַט און אריינגעהמען אין גילדעס פון סוחרים. דוד פריעדלענדער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליד פון בערלינער שטאָדט-ראַט. דיזע רעפאָרמע האָט געגעבען די אידען מוט אויף דאָס ניי אָנפאַנגען צו בעטען פולע גלייכע בירגער-רעכטען. דוד פריעדלענדער צוזאַמען מיט די אידישע פאָרשטעהער פון בערלין האָט דורך דעם בעריהמטען אדוואָקאַט בראַנד זיך געווענדעט וועגען דעם צו דער רעגירונג. אין זיין ביטשריפט האָט בראַנד ערקלערט, דאָס ווען די רעגירונג וויל אָפּשאַפען דעם נאַציאָנאַל-געפיהל צווישען די אידען, וועלכער שטערט זיי צו אַסימילירען זיך, זאָל זי זיי געבען פולע בירגער-רעכטען. דער מי-

ניסטער שרעטטער, וועלכען מען האט גערעכענט פיר א „המן", איז געווען איינפערשטאנען מיט בראנד'ס מיינונג, אבער דער קעניג האט זיך ניט גע־קענט ענטשליסען. נאר ווען ווילהעלם פאן הומבאלדט איז געווארען מיניס־טער פון בילדונג און רעליגיאן האט ער איבערצייגט דעם קעניג, דאס דיזעס איז דער איינציגער מיטעל צו בעקעמפען דעם אידישען נאציאנאל־געפיהל. און דעם 11טען מערץ 1812 איז אונטערגעשריבען געווארען דער עדיקט פון אידישע גלייכע בירגער־רעכטען אין פרייסען. דער עדיקט האט אבער פערוועהרט אידען צו געברויכען אין זייערע געשעפטען די העברעאישע שפראך, אדער דעם אידיש־דייטשען זשארגאן, אום זיי זאלען ניט האבען קיין בעזונדערע נאציאנאל־שפראך. דערפון זעהן מיר, דאס אפילו די לי־בעראלען פון יענער צייט האבען געזוכט מיטלען אפצוואשען דעם נאמען „ישראל" אלס נאציאן פון דער וועלט.

באלד נאך דעם, ווי דער עדיקט איז פערעפענטליכט געווארען איז פריעד־לענדער ארויס מיט א בראשורע, אין וועלכער ער האט געפאדערט ראדיקאלע רעפארמעס אין די תפלות און אין אידישער ערציהונג. יעדער וואונק אויף שיבת ציון און אידישע פאליטישע מאכט מוז אויסגעשטריכען ווערען פון סדור, און די אידישע ערציהונג מוז זיין אן עכט דייטשע. אנדערש קענען אידען ניט זיין אמת'ע דייטשע בירגער. דער רעזולטאט פון עמאנציפאציאן מוז זיין אסימילאציאן. די בראשורע האט פריעדלענדער צוגעשטעלט צום קעניג, אבער דיזער איז ניט געווען שטארק בעגייסטערט פון איהר, און האט געענטפערט דעם פערפאסער, דאס כל זמן די אידען בייטען ניט זייער רעליגיאן זעהט ער ניט די נעטווענדיגקייט צו מאכען רעפארמעס אין איהר. פריעדלענדער האט זיך געווענדט צו זיין פריינד, דעם קאנצלער גארדענ־בערג, און דיזער האט דעם קעניג ערקלערט, דאס ווי באלד ער האט גע־געבען די אידען גלייכע רעכטען מיט די דייטשען, זיינען זיי דאך א טייל פון דייטשען פאלק. אין דער זעלבער צייט איז ר' שלמה פאפענהיים, א גרויסער העברעאיסט, ארויס מיט א שטארקען פראטעסט געגען דעם, וואס פריעדלענדער וויל מען זאל אין די תפלות פערבייטען העברעאיש אויף דייטש. דערווייל האט איבער־א־נייעס אויסגעבראכען א מלחמה מיט נאפא־לעאן'ען און אלע אינערליכע פראגען זיינען בעזייטיגט געווארען. אין די־זער מלחמה האבען די אידען פון אלע לענדער גרויס אנטייל גענומען. אוי־סער די רעקרוטען זיינען געווען אויף די שלאכטפעלדער זעהר פיעלע וואָ־לונטירען (פרייוויליגע), אידישע פרויען און מעדכען זיינען געגאנגען פריי־וויליג אלס בארמהערציגע שוועסטער צו העלפען די פערוואונדעטע און קראנ־

קע סאָלדאַטען. פיעלע פון אידען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע העל-דענטאַטען און זיינען געוואָרען אָפיצערען. אַנדערע האָבען בעקומען מע-דאַליען, אָבער דאָס אַלעס האָט זיי ניט געהאָלפען געגען דעם אידען־האַס, וואָס די רעאַקציאָן האָט מיט זיך געבראַכט. נאָר 3 יאָהר האָט אָנגעהאַלטען די אידישע עמאַנציפּאַציאָן אין פּרייסען, און האָט דאַן אָנגעהויבען גיך צו פערשווינדען.

די עמאַנציפּאַציאָן אין די לענדער, אין וועלכע פראַנקרייך האָט געהערשט. נאָך דעם פרידען אין טילזיט איז געגרינדעט געוואָרען פון נאַפּאָלעאָן'ען אין אַ טייל פון דייטשלאַנד (האַננאָווער, ברוינשווייג, העססען, און אַ טייל פּרייסען צווישען דער עלבע און רהיין) דאָס וועסטפאַלישע קע-ניגרייך, וואו נאַפּאָלעאָן־ס ברודער זשעראָם באָנאַפּאַרטע איז געוועזען קעניג. באַלד איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן עדיקט, וועלכער האָט געגעבען אידען פולע רעכטען, זאָגאַר די יעניגע, וואָס זיינען געקומען אַהין פון פרעמדע לענדער. די אידען זיינען געוועזען זעהר דאַנקבאַר דעם נייעם קעניג, און ווען ער איז אַריינגעפאָהרען אין זיין רעזידענץ קאַססעל האָט אַ אידישע דעפּוטאַציאָן מיט דעם געלעהרטען א י ז ר א ע ל י א ק א ב ס א ן אָן דער שפּיץ אויסגעדריקט טיפע דאַנקבאַרקייט צו איהם. דיזער יאַקאָב-סאָן איז פריהער געוועזען דער פינאַנץ־אַגענט ביים ברוינשווייגער הערצאָג קאַרל פערדינאַנד. אַז זשעראָם איז געוואָרען קעניג איבער ברוינשווייג איז יאַקאָבסאָן געוואָרען פינאַנץ־אַגענט אין דער נייער רעגירונג. ער האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די פראַנצויזישע רעפאָרמעס אין יודענטום, ער האָט געגרינדעט אין דעם שטעדטעל זעעזען אַ שולע, אין וועלכער עס האָבען געלערנט אידישע קינדער צוזאַמען מיט קריסטליכע, און דאָס האָט איהם פערשאַפט פיעל עהרע אַלס פילאַנטראָפּ. דעם 9טען פעברואַר 1808 האָט זיך די דעפּוטאַציאָן פאָרגעשטעלט דעם קעניג זשעראָם. יאַקאָבסאָן האָט גע-האַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געדאַנקט דעם קעניג פיר די חסדים, וואָס ער טוט מיט אידען, און האָט פערשפּראָכען, דאָס די אידען וועלען זיין גוטע נוצליכע בירגער אין אַלע צווייגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. דער קעניג האָט איהם געענטפערט, אַז ער מעג זאָגען זיינע ברידער, דאָס זיי קענען רעכנען אויף זיין ליבע ווי אַלע אַנדערע קינדער פון זיין לאַנד.

יאַקאָבסאָן האָט זיך באַלד גענומען איינפיהרען די פראַנצויזישע אָרד-נונגען אין די אידישע געמיינדעס פון דעם וועסטפאַלישען קעניגרייך. דער קעניג האָט זיי באַלד בעשטעטיגט אום די אידען זאָלען זיך צוזאַמענשמעלצען מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד און זאָלען אויפהערען זיין אַ בעזונדערע

קערפערשאַפט. עס איז באַלד געגרינדעט געוואָרען אַ קאָנסיסטאָריע אין קאַססעל, פון וועלכער יאַקאָבסאָן איז געווען דער פּרעזידענט. די קאָנסיסטאָריע האָט רעגולירט אַלע אידישע רעליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען פון דעם קעניגרייך. יאַקאָבסאָן האָט זיך גענומען צו מאַכען רעפאָרמעס אין אידישען רעליגיעזען לעבען. מיט זיינע רעפאָרמעס האָט ער געהאָפּט צו בעזייטיגען צוויי עקסטרעמען פון אידישען לעבען — די אַלטע אָרטהאָדאָקסיע און די שמד־מגפה. צווישען אַנדערעס האָט ער אויך רעפאָרמירט דעם אידישען סדור און האָט אויסגעשטריכען פון איהם די תפלות, וואָס ענטהאַלטען אין זיך די אידישע האָפנונגען אויף משיח און שיבת ציון. עס האָבען אָנגעהויבען אריינקומען צום קעניג קלאָגען געגען יאַקאָבסאָן'ס רעפאָרמעס, אָבער דער קעניג איז געווען אויף זיין זייט, און יאַקאָבסאָן האָט זיך גענומען דורכפיהרען אַלע זיינע פּלענער. ער האָט איינגעאָרדענט די קאָנסיסטאָריעס, ער האָט געגרינדעט נייע שולען פיר קינדער און אַ לעהרער־סעמינאַר. דאָס אַלעס האָט געפאָדערט גרויסע אויסגאַבען, וועלכע די אידישע געמיינדען האָבען געמוזט געבען אויסער די געוועהנליכע געזעצליכע שטייערן. די אידישע געמיינדע אין קאַססעל האָט געבעטען דעם קעניג ער זאָל זיי בעפרייען פון די אונגעהייערע שווערע הוצאות פיר זיי.

אָבער דיזער צושטאַנד האָט ניט לאַנג געדויערט. נאָר 6 יאָהר האָט עקסיסטירט דאָס וועסטפאַלישע קעניגרייך, און אין 1813 צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָן'ס מפלה איז אויך וועסטפאַלען געפאַלען, און מיט איהר פאַל איז געקומען אַן ענדע צו דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד און צו יאַקאָבסאָן'ס רעפאָרמעס, וויל זיי זיינען געווען ניט קיין נאַטירליכע, נאָר געצוואונגענע, אום צו אַסימילירען די אידען מיט די דייטשען. אויך די אידען אין פראַנקפורט אַם מאַין האָבען אָנגעהויבען רעפאָרמירען דאָס יודענטום מיט'ן צוועק צו בעקומען גלייכע רעכטען. אין 1804 האָבען 250 אידישע מיטגלידער פון דער געמיינדע געגרינדעט אַ גימנאַזיום, „פילאַנטראָפּען" האָבען זיך פעראייניגט מיט דעם פּאַריזער סנהדרין און האָבען אָנערקענט אַלע זייערע רעפאָרמעס. דער צוועק פון דעם איז געווען צו בעקומען עמאַנציפּאַציאָן אין פראַנקפורט. אָבער די בעאַמטע פון פראַנקפורט האָבען געגעבען די אידען זעהר ווייניג רעכטען פיר זייער אָפּזאָגען זיך פון זייערע אַלטע טראַדיציאָנען. דער געטאָ איז פערבליבען כמעט דער זעלביגער, די צאָהל איז געבליבען די זעלבע ווי פריהער (500), און ניט מעהר, אַ נייע חתונה האָט מען ערלויבט נאָר ווען עס איז געווען אַ וואַקאַנס. און פיר דאָס האָבען די אידען געמוזט צאָהלען 20,000 גולדען יעהרליך.

די פראַנקפורטער אידען, וועלכע האָבען פון דעם פראַנצויזישען שוץ ערוואַרטעט זעהר פיעל, זיינען געווען שטאַרק ערביטערט. זיי האָבען אוועק־געשיקט נאָך פּאַריז אַ פּראָטעסט מיט אַ ביטע צו ענדערן די נייע אָרדנונג וועגען זיי, אָבער עס האָט זיי גאָר ניט געהאָלפען. אויך דער גרויסער פּאָעט גאָטהע האָט זיך לוסטיג געמאַכט איבער די אידישע מפּלה, און האָט געפונען, דאָס די פראַנקפורטער געזעצגעבער האָבען ריכטיג געהאַנדעלט געגען די אי־דען, וועלכע, אַלס „קאַמערקנעכט", זיינען מעהר ניט ווערט. ערסט שפּעטער אין 1810 האָבען די אידען אין פראַנקפורט בעקומען פיעלע ביר־גער־רעכטען נאָך דעם, ווי זיי האָבען בעצאָהלט 440,000 גולדען. אָבער ליידער האָבען דיזע רעכטען ניט לאַנג געדויערט. נאָך דער מפּלה פון נאַ־פּאָלעאָן'ען אין 1813, ווען די דייטשען זיינען צוריק געוואָרען די הערשער אין פראַנקפורט, האָט מען פון זיי צוריק אָפּגענומען זייערע רעכטען. ווען די פראַנצויזען האָבען בעהערשט די שטעדט האַמבורג, ליובעק און ברעמען (1811) האָבען אידען דאָרט באַלד בעקומען גלייכע רעכטען. אָבער ווי באַלד די דייטשען האָבען זיי צוריק אָפּגענומען, האָבען זיי אויך פון די אידען זייערע רעכטען צוריק אָפּגענומען, און די אידען אין ליובעק און ברעמען, וואו זיי האָבען פריהער ניט געהאַט קיין וואוינרעכט, האָט מען אין גאַנצען פון דאָרט אַרויסגעטריבען.

אין זאַקסען זיינען די אידען געבליבען אונטער'ן אַלטען דרוק, אפילו אין דער צייט, וואָס די פראַנצויזען האָבען דאָרט געהערשט. זיי האָבען נאָך דאָרט געמוזט צאָהלען ביים אַריינפאָהרען אין אַ שטאָדט די אַלטע בע־ליידיגענדע אָפּצאָהלונגען, וואָס מען פלעגט צאָהלען ביים אַריינפיהרען פון פיה. ניט בעסער איז געווען זייער שיקזאַל אין באַיערן, וואו עס האָבען זיך געפונען 30,000 אידען. אין 1803, ווען דאָרט האָט געהערשט דער ליבעראַלער קורפירסט מאַקסימיליאַן יאָזעף, האָבען די אידען אָנגע־געבען אַ ביטע דורך דעם פּראָפעסאָר א ב ע ר ט י ר מען זאָל וועניגסטענס פערגרינגערן זייער לאַגע, וועלכע איז געווען אונערטרעגליך.

באַיערן האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט געבען די אידען גלייכע רעכטען. די רעגירונג האָט זאָגאַר פערשמעלערט זייער אויטאָנאָמיע און האָט אָפּגע־שאַפט די רעכטען פון רבנים צו משפּט'ן אידישע ציוויל־פּראָצעסען. די אידישע געמיינדע אין פיורט האָט זיך געווענדעט צום קעניג (1809) מיט אַ ביטע ער זאָל צוריקגעבען דיזע רעכטען, ווייל פיעלע אידישע פּראָצעסען זיינען פערבונדען מיט רעליגיעזע געזעצען און מנהגים. דער קעניג האָט ערפילט זייער בקשה. אין 1812 האָבען די אידען אין באַיערן ווידער אָנגעגע־

בען א ביטע צו דער רעגירונג וועגען געבען זיי גלייכע רעכטען מיט די קריסט-ליכע בירגער, און האָבען דערביי אָנגעוויזען אויף אנדערע לענדער, ווי פראנקרייך, האָללאנד, וועסטפאַלען, און זאָגאר פרייסען, וואו אידען האָבען פולע בירגער-רעכטען.

ענדליך האָט די רעגירונג פון באַיערן בעשלאָסען ארויסגעבען נייע גע-זעצען פיר אידען (10טען יוני 1813). אָבער דיזע געזעצען זיינען פיר אי-דען געווען פיעל ערגער פון אַלע פריהערדיגע בעשרענקונגען. דער איד האָט געקענט וואוינען וואו עס האָט איהם בעסער געלוינט, אָבער די צאָהל פון אידען האָט זיך ניט געטאָרט פערגרעסערן, נאָר ווערען אַלע מאָל קלענער און קלענער. קיין נייע אידען האָבען ניט געטאָרט זיך בעזעצען אין באַיערן. צוזאַמען מיט דעם האָט מען אָפּגענומען פון די רבנים דאָס רעכט צו משפּט'ן דיני ממונות צווישען אידען. די אידישע געמיינדע פון פיורט האָט אריינ-געבראַכט צום קעניג א קלאָגע געגען דער נייער קאָנסטיטוציאָן, ווייל זי דריקט די אידען פיעל מעהר ווי די פריהערדיגע געזעצען, און ווייל דאָס וועט געבען דעם המון א געדאַנק, דאָס אידען זיינען א זעהר שעדליכער עלע-מענט פיר דאָס לאַנד און עס איז רעכט זיי צו בעהאַנדלען ווי שעדליכע ברואים. אויך האָבען זיי גע'טענה'ט, דאָס מען טוט זיי אונרעכט דערמיט, וואָס מען האָט פערוועהרט די רבנים צו משפּט'ן אידישע ציוויל-פּראָצעסען. דער קעניג האָט זיי נאָכגעגעבען זייער וואונש וועגען די רבנים (נאָר פיר פיורט), די קאָנסטיטוציאָן אָבער האָט ער ניט געוואָלט ענדערן.

מעהר ערפאָלג האָבען געהאַט די פאָדערונגען פון די אידען אין מעק-לענבורג וועגען גלייכע רעכטען. אין 1811 האָבען די דעפּוטאַטען פון די אידישע געמיינדען אין מעקלענבורג דערלאַנגט א ביט-שריפט צום הערצאָג מען זאָל זיי געבען פולע בירגער-רעכטען. דער הערצאָג האָט אָנגעשריבען א רעזאָלוציאָן, דאָס עס איז ניט מעהר ווי רעכט מען זאָל געבען די אידען גלייכע רעכטען, און האָט זי צוגעשטעלט צום לאַנדטאַג, וועלכער איז בעשטאַנען פון גוטס-בעזיצער און סוחרים. דיזע האָבען בעשלאָסען צו געבען אידען א ביסעל מעהר רעכטען, ווען זיי וועלען זיך אָפּזאָגען פון אייניגע פון זייערע רעליגיעזע מ נ ה ג י ם, ווי צום ביישפּיל: פון היטען שבת, זיין אָפּגעזונדערט פון די קריסטען מיט זייערע שפּייזען, און פון זייערע חתונה-צערעמאָניעס; אויסער דעם זאָלען זיי זייערע קינדער אַזוי ערציהען, דאָס איינער אין יעדער פאַמיליע זאָל זיין א סוחר, די איבריגע זאָלען זיין בעלי מלאכות אָדער ערד ארבייטער, אום זיי זאָלען ניט צו פיעל קאָנקו-רירען מיט די קריסטליכע סוחרים. די אידען זיינען געוואָרען שרעקליך אויפ-

גערעגט פון דיזע פאָדערונגען פון לאַנדטאַג און האָבען געבעטען דעם פּראָפּע-סאָר פון טהעאָלאָגיע טיקסען ער זאָל מיט זיין איינפלוס ווירקען אויף דעם הערצאָג ער זאָל פערוואַרפען דעם פּלאַן פון לאַנדטאַג. דער הערצאָג האָט ווירקליך ניט אָנגענומען די פאָדערונגען פון לאַנדטאַג און האָט געגעבען אידען גלייכע רעכטען, אָבער מיט איניגע בעשרענקונגען — אַ איד האָט ניט געטאָרט זיין אַ הויזירער (קאַראָביינִיק), געמישטע הייראַטען האָבען געמעגט זיין, אָבער די קינדער פון אַזעלכע הייראַטען האָבען געמוזט בלייבען קריסטען און ד. גל. (1812). דער לאַנדטאַג איז געוועזען שטאַרק אונצו-פרידען מיט דיזער קאָנסטיטוציאָן און האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם (1813).

אין דעם גרויס-הערצאָגטום באַדען, וואָס גרענעצט זיך מיט פראַנק-רייך, האָבען אידען געקראָגען מעהר רעכטען נאָך אין יאָהר 1809, אָבער דאָס זיינען ניט געוועזען קיין פולע בירגער-רעכטען. עס זיינען געוועזען אויס-געשלאָסען פון בירגער-רעכט אידען, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קליין-האַנדעל, פּראָצענטניקעס און פיה-הענדלער. דאָס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין באַדען איז געוועזען איינגעאָרדענט ווי אין פראַנקרייך, אָבער אין דער הויפּט-קאָנסיסטאָריע האָט געמוזט זיין אַ קריסטליכער בעאַמטער, וועלכער האָט געדאַרפט קאָנטראָלירען די בעשלוסען פון די אידישע מיט-גלידער.

נייע ליטעראַטור. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און די גרויסע אי-בערקעהרינגעס פון נאַפּאָלעאָן'ס נצחונות האָבען שטאַרק געווירקט אָפּצו-שוואַכען די אידישע קולטור. דער איינציגער העברעאישער זשורנאַל „מאסף", וואָס האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען זינט מענדעלסאָן'ס צייט, איז אַרויס-געגאַנגען רעגעלמעסיג נאָר ביז 1790. נאָכדעם זיינען ביז 1797 אַרויס נאָר איניגע העפטען. שלום הכהן, וועלכער האָט אין 1809 געמאַכט דעם לעצטען פערזוך אָפּצולעבען דעם „מאסף", האָט בעוויינט דעם שיקזאַל פון דער אידישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד. אין 1806 האָט אין דעסוי אָנגעהויבען אַרויסגעהן אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל „שולמית". דער רעדאַק-טאָר דוד פרענקעל, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אַסימילאַציאָן, האָט דיזע אידעע מעהר און מעהר בעטאָנט אויף די זייטען פון דיזען זשור-נאַל, וואָס איז ערשינען אין דער דייטשער שפּראַך מיט'ן צוועק צו וויר-קען אויף די אידישע יוגענד, וועלכע האָט ניט געוואָלט וויסען פון העב-רעאיש. דער זשורנאַל, וועלכער האָט געהאַט דעם צוועק צו פערברייטען צווישען דער אידישער נאַציאָן קולטור און הומאַניטעט, האָט באַלד גע-

ענדערט די ווערטער „אונטער דער יידישען נאציאָן" אויף די ווערטער: „אונטער דען איזראעליטען". אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. די אידישע יוגענד אין דייטשלאַנד האָט זיך ענטזאגט ניט נאָר פון דער העב-רעאישער שפּראַך, נאָר אויך פון דער אידישער ליטעראַטור אפילו אין דער דייטשער שפּראַך. דער גייסט פון אַסימילאַציאָן האָט אין גאַנצען דערשטיקט דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון אידישען פאָלק אין דייטשלאַנד, און קיין איינציגער רעכטער אידישער שריפטשטעלער איז ניט ערשינען אין יענער צייט צווישען די אידען אין דייטשלאַנד.

די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציאָן האָט פערשפּרייט די אידעע פון קאָס-מאָפּאָליטיזם — קיין גרענעץ פיר נאַציאָנען, נאָר מענשען זיינען אין דער וועלט און אַלע זיינען גלייך. דער קאָסמאָפּאָליטיזם צווישען די אידען האָט נאָר געווירקט אויף זיי אום אָפּצולייקענען זייער נאַציאָן, די אידישע, און זיי זיינען געוואָרען פראַנצויזען, דייטשען או. ד. גל. אָבער דיזע נאַציאָ-נען האָבען פעראַכטעט די אידען אַלס די נידריגסטע ברואים און האָבען זיי ניט געוואָלט אויפנעהמען אַלס מיטמענשען. דיזע בעציהונגען האָבען געווירקט, דאָס די אידען האָבען געזוכט אַלע מיטלען צו פערלייקענען זייער אָפּשטאַמונג. ער וויכטיגסטער און שטאַרקסטער מיטעל פון אַסימילאַציאָן זיינען געווען די קריסטליכע ווי די אידישע נייע שולען, פון וועלכע עס איז ארויסגעוואָר-פען געוואָרען אַלעס וואָס איז אידיש. די איבערקעהרענים אין דער אידיש-דייטשער קולטור איז געווען אויך אַ רעזולטאַט פון דער ענדערונג אין דעם אידישען עקאָנאָמישען צושטאַנד. די עמאַנציפּאַציאָן פון איין זייט און די ענדערונג אין גאַנצען אייראָפּעאישען לעבען, וואָס נאַפּאָלעאָן'ס נצחונות האָבען פעראורזאַכט, האָבען געפיהרט דערצו, דאָס די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען ווייניגער בעשעפטיגען מיט מסחור און האָבען אָנגעהויבען צו פערנעהמען שטעלען אין דער רעגירונג אָדער צו ווערען דאָקטוירים, אַד-וואָקאַטען, אינזשעניערען או. ד. גל. דיזע פּראָפעסיאָנען האָבען פיעל געהאָלפען, דאָס די אידען זאָלען זיך איבערגעבען צו דער דייטשער קולטור און זיך אין גאַנצען ענטזאגען פון אַלעס וואָס איז אידיש.

ד. די אידען אין עסטרייך.

אַלגעמיינע פּאָליטיק. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דייטשלאַנד, האָט געהאַט אַ זעהר שוואַכע ווירקונג אויף עסטרייך. קיין נייע קאָנסטיטוציאָן איז דאָרט ניט געשאַפען געוואָרען. נאָך דעם טויט פון יאָזעף דעם 2טען איז די רע-

גירונג ווידער געוואָרען קלעריקאַליש און האָט געדריקט די פעלקער צווי-שען וועלכע עס איז דאַמאָלס געווען אויך אַ האַלבע מיליאָן אידען.

די אידען אין עסטרייך האָבען געהאַט וואוינרעכט נאָר אין בעהמען און מאָראַוויען (76 טויזענד), אין גאַליציען (295 טויזענד), און אין אונגאַרן און טריעסט (645 טויזענד). אין דעם דייטשען טייל פון עסטרייך האָט געוואוינט אַ קליינע צאָהל פּריווילעגירטע אידען. דאָס זיינען געווען די רייכע צווישען זיי. די צאָהל פון אידען אין בעהמען און מאָראַוויען איז געווען בעשרענקט פון דעם געזעץ, זיי האָבען זיך דאָרט ניט געטאָרט פערמעהרען. די געזעצען פיר די אידען אין גאַליציען האָבען געשטרעבט אָפּצושוואַכען דעם אידישען נאַציאָנאַל-געפיהל.

נאָך דעם טויט פון יאָזעף דעם 2טען האָבען די קלעריקאַלען געפאָדערט פון דער רעגירונג זי זאָל אָפּשאַפען די וועניגע רעכטען, וואָס דער ליבעראַ-לער פערשטאָרבענער קייזער האָט געגעבען די אידען, איבערהויפּט דאָס רעכט צו לערנען אין דייטשע שולען, ווייל נאָך זייער מיינונג קענען דאָרט די אידען פיעל שאַדען דעם קריסטענטום. די רעגירונג פון לעאָפּאָלד דעם 2טען האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּשאַפען אַזא זאַך, וואָס גאַנץ אייראָפּא האָט גוט געהייסען. דאָס אָבער האָט געטאָן ניט אָפיציעל די רעגירונג פון פראַנץ דעם 1טען (1792—1835).

דער קייזער פראַנץ דער 1טער, ניט אַכטענדיג אויף אַלע איבער-קעהרעניסען פון יענער צייט, האָט זעהר פיינד געהאַט רעפאָרמעס. ער האָט זעלבסט אָנערקענט, דאָס די אידישע לאַגע מוז אַ ביסעל פערבעסערט ווערען. פון דעסטוועגען האָט ער אין 1792 איינגעאָרדענט אין וויען אַ ספּעציעלע פּאָליציי פיר אידען, וועלכע זאָל אַכטונג געבען, דאָס קיין איד זאָל ניט אַריינפאָהרען און ניט אַרויספאָהרען פון שטאָדט אָהן אַ בילעט, אום מען זאָל קענען קאָנטראָלירען זייער יעדע בעוועגונג. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע אָרדנונג איז געווען מעהר פון אַלעס אַ קוועלע פיר כאַבאַר פיר די פּאָליציי-בעאַמטע.

וואוין-רעכט אין וויען האָבען געהאַט נאָר אַזעלכע אידען, וועלכע האָ-בען געהאַט ניט וועניגער פון 8,000 פלאָרין און האָבען געצאָהלט דער רע-גירונג אַ גרויסע סומע געלט. אין יאָהר 1804 האָבען דאָרט געוואוינט 119 אידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבען געמוזט צאָהלען יעהרליך 18,000 פלאָ-רין. עס האָבען דאָרט אויך געוואוינט פיעלע אָרימע אידען, אָבער ניט געזעצליך, נאָר דורך דעם כאַבאַר, וואָס זיי האָבען געצאָהלט דער פּאָליציי. די רייכע אידען זיינען געווען געגען דעם צוואוקס פון די אָרימע און האָ-

בען געבעטען די רעגירונג נעהמען מיטלען געגען דעם. צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי אויך געבעטען מעהר רעכטען פיר זיך און אָפּצושאַפען די בע-שרענקונגען. די רעגירונג האָט זיי אין אַלע פּונקטען אָפּגעזאָגט, אויך דעם פּונקט צו בעשרענקען דעם צופלוס פון די אָרימע אידען, ווייל דאָס איז געווען אַ פעטער ביסען פיר די כאַבאַרניקעס.

די רייכערע קלאַס אידען, וועלכע האָבען בעקומען זייער וואוין-רעכט אין וויען פיר אַ הויכען פּרייז, האָבען געהאַט אַ ספּעציעלען נאָמען: „די טאָלערירטע אידען", ד. ה. אידען, וואָס מען קען זיי דולדען. די צאָהל פון אַזעלכע אידען איז געוואָרען גרעסער און גרעסער, און דעריבער האָט די רעגירונג אויפגעהערט אַרויסגעבען אַזאַ ערלויבנים, און נאָר דער קייזער זעלבסט פלעגט זעהר זעלטען אַרויסגעבען אַזאַ ערלויבנים צו אַ גרוי-סען קאַפּיטאַליסט, און דאָס נאָר איהם פּערזענליך, אַזוי דאָס נאָך זיין טויט האָבען זיינע ווייב און קינדער פערלאָרען דאָס וואוין-רעכט אין וויען. אָבער אויך די טאָלערירטע אידען האָבען געהאַט פיעלע בעשרענקונגען. אַ אידישער סוחר האָט ניט געטאָרט האַנדלען מיט שפּייז, מיט זאַלץ, און אַ אידישער דאָקטאָר האָט ניט געטאָרט קורירען אַ קריסט. אין דער צייט פון די קאַטוילישע פאַסט-טעג האָט קיין מוזיק ניט געטאָרט שפּילען אויף אַ אידישער חתונה, אַפילו פּורים-שפּילער זיינען דאַמאָלס פערבאָטען געוואָרען.

דער אידישער סנהדרין אין פּאַריז האָט אַנגעיאָגט אַ שרעק אויף עסט-רייך. די עסטרייכישע רעגירונג האָט אויף דעם געקוקט מיט גרויס חשד; זי האָט גערעכענט, דאָס נאַפּאָלעאָן וויל דורך דעם געווינען די טרייהייט פון די אידען אין אַלע לענדער אום מיט זייער הילף און קאַפּיטאַל צו בעזיגען גאַנץ אייראָפּאַ. דעריבער האָט די רעגירונג געאָרדענט אַ שטרענגע השגחה אויף די פערבינדונג פון אידען מיט אויסלאַנד. אַ בעזונדער צענזור איז בעשטימט געוואָרען אויף די קאָרעספּאָנדענץ פון די עסטרייכער אידען מיט אַנדערע מדינות. מען האָט אויפגעהערט צו געבען אידען אַ פּאַספּאָרט צו פאָהרען אין פראַנקרייך. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען מאַכען חקירות ודרישות, ווי אַזוי די אידען קוקען אויף דעם סנהדרין. די בעאַמטע האָ-בען אויסגעפונען, דאָס די פרומע קלאַס אידען קוקען מיט פעראַכטונג אויף דעם סנהדרין, נאָר די געבילדעטע זיינען שטאַרק ענטציקט דערפון. די רעגירונג האָט אָנגעזאָגט מען זאָל שטאַרק אַכטונג אויף די פריידענקער צווישען די אידען אום מען זאָל גענוי וויסען זייערע בעציהונגען צום סנהדרין. דיזע מורא פאַר דעם אידישען סנהדרין האָט געצוואונגען די רעגירונג אָפּצו-

שוואַכען דעם דרוק אויף אידען. אָבער די רעגירונג האָט ענדליך זיך דער-וואוסט דעם צוועק פון נאַפּאָלעאָן'ען אין גרינדען דעם סנהדרין, דער אומ-זיסטער שרעק איז באַלד פערשוואונדען, און די רעגירונג האָט אויפגעהערט זיך צערעמאָנירען מיט איהרע אידען. אין 1814 נאָך דעם גרויסען זיג איבער נאַפּאָלעאָן'ען האָט דער קייזער פראַנץ דער 1טער געשיקט צום קאַנצלער אַ פערזאָג ער זאָל זעהן, דאָס קיין איד זאָל ניט ערווערבען קיין הויף אין וויען.

פיעל ערגער איז געווען דערצושטאַנד פון די אידען אין בעהמען און מעהרען (מאָראַוויא). אין בעהמען האָבען נאָר 8,600 פאַמיליען געהאַט וואוין-רעכט, און אין מעהרען 5,400. אין יעדער פאַמיליע האָט נאָר דער עלטערער זוהן געהאַט דאָס רעכט צו הייראַטען. די איבריגע זיהן האָבען ניט געטאָרט הייראַטען אום די צאָהל אידען זאָל ניט ווערען גרעסער פון דער נאָרמע. אום צו בעקומען אַן ערלויבניס אויף אַ חתונה האָט די רע-גירונג נאָך געפאָדערט, דאָס דער חתן און די כלה זאָלען האָבען געענדיגט אַ נאָרמאַל-שולע, זיי זאָלען האָבען אַ בעשטימטע קוועלע צום לעבען און האָבען אַ געוויסען קאַפּיטאַל אייגענטום. דאָס זיינען געווען די אידישע רעכטען אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט. אום די אידען זאָלען ווערט זיין דעם שוץ, וואָס די רעגירונג גיט זיי, האָבען זיי ניט געטאָרט האַלטען קיין שענקען, דינגען מיהלען, האַנדלען מיט תבואה און מיט זאַלץ, נאָר האַנדלען מיט אַלטע זאַכען. די אידען אין עסטרייך (בעהמען) האָבען לויט גע-זעץ געהאַט פולע פרייהייט אין רעליגיאָנס-זאַכען; דאָך ווען זיי האָבען גע-וואָלט בויען אַ שול, האָבען זיי געמוזט איינצאָהלען דער רעגירונג 1,000 פלאָ-רין, און אחוץ דעם צאָהלען יעהרליך 100 פלאָרין. דאָס זעלבע האָבען זיי גע-מוזט בעצאָהלען פיר אַ בית עולם. אַ רב האָט געמעגט זיין נאָר אַזעלכער, וואָס האָט געהאַט הויכע בילדונג פון אַן אוניווערזיטעט. לערנען תלמוד אין די ישיבות און די חדרים איז געווען פערוועהרט. דאָס זיינען געווען די פּראַקטיקע רעזולטאַטען פון דער בעהמישער און מאָראַווישער רעגירונגס-פרייהייט. נאָך אַלעם דעם האָט די רעגירונג אין 1811 אָפען ערקלערט, דאָס אַזוי ווי די אידען זיינען גלייך אין רעכטען מיט די קריסטען, האָט זי דאָס רעכט צו פאָדערן פון זיי גלייכע פּליכטען, אָבער זי האָט זיך ערלויבט צו בעשווערען די אידען מיט ספּעציעלע אָפּגאָבען פיר דיזע „רעליגיאָנס פריי-הייט".

די אידען אין גאַליציען זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער אַ ספּע-ציעלער קאָנסטיטוציאָן אונטער'ן נאָמען „דער טאָלעראַנץ פּאַטענט", ארויס-געגעבען פון קייזער יאָזעף דעם 2טען אין 1789. ווי דיזער פּאַטענט פער-

זיכערט גיט ער די אידען גלייכע רעכטען מיט דער קריסטליכער געזעלשאפט, אָבער באמת זיינען די אידען געווען אונטערוואָרפען אונטער פערשיידענע בעשרענקונגען אין זייער עקאָנאָמישען לעבען. דעם אידען איז געווען פער-באָטען צו האַלטען אַ שענק, דינגען מיהלען, מאַכען ביער, קויפען ערד אויסער'ן שטאָדט, און נאָך אַנדערע זאַכען. אויך די אידישע חתונות זיינען געווען בעשרענקט אין פיעלע הינזיכטען. אין לעמבערג האָבען זיי געהאַט אַ בעזונדער געטאָ.

ווי בעוואוסט איז גאַליציען געווען אין יענער צייט אין גאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון חסידות און גוטע אידען. די רעגירונג האָט זיך גענו-מען אַריינברייגנען צווישען יענע אידען בילדונג מיט צוואַנג. דער מאַן, וואָס זי האָט ערוועהלט דורכצופיהרען דיזען פּלאַן, איז געווען ה ע ר ץ ה אָ מ ב ע ר ג פון מענדעלסאָן'ס קרייז. ער האָט זיך גענומען ענערגיש צו גרינדען שולען צו בילדען אידישע קינדער געגען זייער ווילען. אין אַ קורצער צייט איז איהם געלונגען צו עפנען נאָהענט פון 100 שולען אין גאַליציען. די רעגירונג האָט איהם פיעל געהאָלפען דערין. האָמבערג איז בעשטימט געוואָרען אַלס אויבער־אינספּעקטאָר איבער דיזע שולען. די אידישע בעפעלקערונג האָט איהם שרעקליך געהאַסט, און ווען ער איז געקומען קיין לעמבערג האָט איהם קיין איין איד ניט געוואָלט אַריינלאָזען איבערנעכטיגען אין זיין הויז. די רעגירונג האָט פערוועהרט לערנען תלמוד אין די חדרים, סיידען מיט קינדער, וואָס האָבען געענדיגט אַ אידישע אָנפאַנג־שולע.

אום צו דעקען די הוצאות פון די אידישע שולען האָט די רעגירונג מיט דער עצה פון האָמבערג'ן צוגעטראַכט אַ נייע שטייער, די „ליכט־אָפּצאָהלונג", וואָס יעדע אידישע פרוי האָט געמוזט צאָהלען פיר איהר שבת־ליכט. די אידען האָבען שטאַרק געפיהלט די לאַסט פון דיזען אָפּצאָהל און האָבען נאָך מעהר פיינד געקראָגען האָמבערג'ן. מען האָט אַריינגעבראַכט קלאַגען געגען איהם אין דער רעגירונג ביז זי האָט ענדליך בעשלאָסען צומאַכען די אידישע שקאָלעס (1806). די ליכט־אָפּצאָהל האָט עקסיסטירט אין גאַנצען פון 1797 ביז 1840. אַז האָמבערג האָט פערלאָרען די שטעלע פון אינספּעקטאָר האָט ער זיך גענומען צו פערפאַסען שול־ביכער פיר אי-דישע רעליגיאָן. ער האָט פערפאַסט „אמרי שפר", „בני ציון", „בן יקיר", וועלכע די רעגירונג האָט געאָרדענט מען זאָל געברויכען אין אַלע אידישע שקאָלעס, אויך יעדע חתן־כלה האָבען געמוזט האַלטען עקזאַ-מען און צייגען, דאָס זיי ווייסען די אידישע רעליגיאָן, ווי זי ווערט גע-

לערנט אין האַמבערג'ס שול־ביכער; אויב ניט האָט די רעגירונג ניט ערלויבט חתונה האָבען. אַלס צענזאָר פון אידישע ספרים האָט האַמבערג צוגעשטעלט צו דער רעגירונג אַ רשימה פון ספרים, וועלכע זאָלען פערבאָטען ווערען צו דרוקען, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך בעליידיגענדע שטעלען געגען קריסטענטום. פיר דיזע פערדינסטען האָט איהם דער קייזער פראַנץ דער 1טער בעשטימט אַלס אינספּעקטאָר איבער אַלע אידישע שולען אין בעהמען (1814), אין וועלכער שטעלע איז ער פערבליבען ביז זיין טויט (1841).

די גאַליציאַנער אידען האָבען אַלעס מעגליכעס געטאָן אום ניט נאָכ־צוגעבען דער רעגירונג אַנצונעהמען די רעפאָרמעס פיר די ערציהונג פון זייערע קינדער, און זיי האָבען ניט געוואָלט געהן אין מיליטער־דינסט, צו וועלכען די רעגירונג האָט זיי געוואָלט צוציהען אין 1788. זיי האָבען אַלערליי מיטלען אַנגעווענדט ביז זיי האָבען גע'פּועל'ט ביי דער רעגירונג מען זאָל זיי ערלויבען זיך אויסקויפען מיט געלט פון מיליטער־דינסט. אין 1804 איז ווידער אַרויס אַ בעפעהל פון דער רעגירונג, דאָס די אידען מוזען זעלבסט געהן אין מיליטער־דינסט. דאַמאַלס זיינען פיעלע יונגע מענשען צולאָפען אין אַנדערע לענדער. זיי האָבען ניט געוואָלט דינען אַ רעגירונג, וועלכע בעהאַנדעלט זיי ווי שטיפקינדער.

אונגאַרן. ניט פיעל בעסער איז געווען די לאַגע פון אידען אין א ו נ ג א ר ן. פיר זייער לעבען אין לאַנד האָבען זיי געמוזט צאָה־לען אַ ספּעציעלע שטייער מיט'ן נאָמען „טאָלעראַנץ שטייער", ד. ה. אַן אָפּצאָהל דערפאַר, וואָס מען דולדעט זיי אין לאַנד. דיזע אָפּצאָהל האָט בעטראָפען איבער אַ מיליאָן פלאָרין אַ יאָהר. דאָך האָבען די מאַגיסטראַ־טען אימער געזוכט ניט דערלאָזען די אידען צו זיין בעלי מלאכות, צו טאָן קליין־האַנדעל און צו בעזעצען זיך אין די פּראָווינצען, וואו עס געהט אָן מינען־אַרבייט.

אין 1790 האָבען זיך אין אונגאַרן אָנגעהויבען הערען די אידעען פון פרייהייט און גלייכהייט. די אידען האָבען אַנגעגעבען אַ ביטע צום סיים וועגען גלייכע רעכטען. אום די ביטע זאָל ווירקען האָבען אייניגע אידישע פאָרשטעהער פאָרגעשלאָגען, דאָס די אידען זאָלען פרייוויליג אַריינטרעטען אין די אַרמעע. דער סיים אָבער האָט בעשלאָסען ניט צולאָזען די אידען צו מיליטער־דינסט, ווייל דאָס איז פיר זיי צו פיעל עהרע. אין 1807, ווען נאַפּאָלעאָן'ס נצחונות האָט פערשפּרייט מעהר פרייהייט, האָבען די אונגאַרישע אידען ווידער אָנגעהויבען צו פאָדערן מעהר פרייהייט און האָ־

בען אויף פערלאנגט, אז דאס געזעץ זאל ניט שטערן אידען צו זיין הויזירער (קאראביינים), ווייל דאס איז דער איינציגער מיטעל פון לעבען פיר די ארימע אידישע קלאס, און ווייל דאס איז אויך א טובה פיר אלע איינוואוי-נער. דער סיים האט זיי ענטזאגט און זיי האבען זיך געווענדט צום קייזער פראנץ דעם 1טען. די רעגירונג האט זיי אויף דיזע ביטע גארניט געענט-פערט. אבער דערפאר האט זי ארויסגעגעבען א בעפעהל, דאס אידען מו-זען געהן אין מיליטער־דינסט, און האט אויך געהעכערט זייער „טאלעראנץ־-שטייער" אויף 50 פראצענט. אנשטאט א מיליאן פלארין א יאהר האבען זיי געמוזט צאהלען יעהרליך 1,600,000 פלארין.

דער קולטור־צושטאנד. דער נייער גייסט פון בילדונג, וועלכער האט געמאכט אזא געוואלדיגע איבערקעהרענים אין רעליגיעזען לעבען פון די אידען אין דייטשלאנד, האט קיין ווירקונג ניט געהאט אויף די אידען אין עסטרייך. אין בעהמען, מעהרען און אונגארן האט די רבנות געהערשט מיט איהר גאנצער קראפט ווי פריהער. די גאונים ר' יחזקאל לאנדוי, ר' מרדכי בענעט, ר' משה סופר האבען געשפילט א גרויסע ראלע אין יענער צייט. אין גאליציען האט זיך שטארק איינגעווארצעלט די חסידות מיט די גוטע אידען, ווי ר' אלימלך ליזענסקי, ר' וואלף זבארזער, ר' משה ליב סאסאווער. אין יענער צייט (1797—1798) איז געקומען אין גאליציען אן אגיטאטאר געגען חסידות, איינער ר' ישראל ליבעל פון ליטא, אבער די חסידים האבען איהם פערטריבען פון דארט. אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט איז די מחלוקה צווישען מתנגדים און חסידים אין גא-ליציען שוואכער געווארען, ווייל ביידע פארטייען האבען אנגעהויבען שטארק מורא האבען פאר דעם גייסט פון בילדונג, וועלכע האט דאמאלס זיך אנגע-הויבען שטארק פערשפרייטען.

די אידען אין גאליציען האבען געהאסט די בילדונג, וואס די רעגירונג האט זיי געוואלט געבען, ווייל זיי האבען קיין צוטרויען ניט געהאט צו א רעגירונג, וואס האט זיי געדריקט אהן רחמנות. צוזאמען מיט דער רע-גירונג האבען זיי אויך געהאסט די אידען, וואס האבען זיך פעראייניגט מיט דער רעגירונג צו צווינגען זיי געהן אין די שקאלעס. און דעריבער האבען זיי אויך געהאסט יעדען איינעם, וואס האט זיך בעשעפטיגט מיט השכלה, און די משכילים האבען געמוזט טאן זייער ארבייט בשתיקה.

אזא צושטאנד האט ניט געקענט שאפען קיין גאנץ גרויסע ליטערארישע קרעפטען. האמבערג, וועלכער האט געשאפען זעהר שלעכטע קאזיאנע לעהר־ביכער, איז געווען זעהר א שוואכע קראפט. דער איינציגער שריפט-

שטעלער פון דיזער צייט, וואָס האָט געשאַפען וויכטיגעס, איז געוועזן י ה ו ד ה ל י ב ב ן ז א ב (וואָלפסאָן). ער איז געבאָרען געוואָרען אין קראָקאָוו. דאָרט האָט ער זיך בעשעפטיגט בסוד מיט וועלטליכע קענטניסען און שפּעטער איז ער אַוועק נאָך בערלין און ברעסלוי און איז געוואָרען אַ מיט-ארבייטער אין „המאסף". אין 1796 האָט ער פערפאַסט אַ פאָלשטענדיגע אידישע גראַמאַטיק „תלמוד לשון עברי". אין 1807 האָט ער ארויסגעגעבען זיין בעריהמטען העברעאישען ווערטער-בוך „אוצר השרשים". אין 1810 האָט ער ארויסגעגעבען זיין „מבוא למקראי קודש", וועלכער איז איבער-הויפּט גענומען פון דעם דייטשען געלעהרטען אייכהאָרן. זיין חיונה האָט ער פערדינט אַלס בעל מגיה אין שמידט'ס דרוקעריי אין וויען. הגם ער איז געוועזן ווייט פון גאַליציען, האָט ער דאָך מורא געהאַט ארויסטרעטען פריי געגען חסידות און גוטע אידען. ער איז געשטאָרבען אין וויען אין 1811 אין דעם אַלטער פון 43 יאָהר.

די שמד-מגפה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש צווי-שען די אידען אין בערלין, האָט אין גאַליציען קיין ווירקונג ניט געהאַט. בלויז אין וויען האָבען די רייכע געשטרעבט זיך צו אַסימילירען. אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט האָט אין וויען געבליהט דער זאַלאָן פון פ א נ נ י א ר נ ש ט י י ן, די פרוי פון דעם וויענער גביר נתן ארנשטיין, וועל-כען דער קייזער האָט געגעבען דעם טיטעל באַראָן. אין די זאַלען פון דער באַראָנעסע פלעגען זיך פערזאַמלען די גרעסטע אַריסטאָקראַטען פון וויען, און די רייכע אידען האָבען זיך דאָרט בעקאַנט געמאַכט מיט זיי. די באַ-ראָנעסע האָט פיעל גוטעס געטאָן פיר עסטרייך אין דער צייט פון דעם קריג מיט נאַפּאָלעאָן'ען, און ווען דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין וויען פלעגען זיך איז איהרען זאַלאָן אָפט פערזאַמלען די גרעסטע דיפּלאָמאַטען פון אייראָפּאַ.

ה. די אידען אין פּוילען אין דער צייט פון דער לעצטער צוטיילונג.

די אידעען פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכע זיינען געבאָרען גע-וואָרען אין פראַנקרייך אין 18טען יאָהרהונדערט, האָבען דערגרייכט אויך פּוילען און האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם 4-יעהריגען סיים, וועלכער האָט זיך גענומען צו מאַכען רעפאָרמעס אין דער רעגירונג. דער סיים האָט באַלד געגעבען גלייכע בירגער-רעכטען צו די שטאָדט-איינוואוי-נער און האָט זיך אָנגעהויבען אויך צו בעשעפטיגען מיט דער בעפרייאונג פון די מוזשיקעס און מיט דער אידען-פראַגע. די לעזונג פון דער בויערן-פראַגע

האָבען געשטערט די גוטס־בעזיצער, די אידען־פראַגע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ בעזונדערער קאָמיסיאָן, וועלכע האָט זיך גאָרניט גענומען צו איהר לעזונג. און באמת איז די צייט ניט געווען מסוגל דערצו. די פיינדליכע בעציהונגען פון רוסלאַנד צו פוילען האָט געפאָדערט פון סיים זיך צו בעשעפטיגען איבערהויפט מיט שאַפען אַ גרויסע אַרמעע און אַ פאָנד צו בעשיצען דאָס לאַנד געגען רוסישען אַנגריף.

אין דער פוילישער געזעלשאַפט האָט זיך דאַמאָלס פערשפרייט אַ שטאַרקע ליטעראַטור־בעוועגונג, וועלכע האָט געפאָדערט רעפאָרמעס אין פערשיידענע צווייגען פון דער רעגירונג, אונטער אַנדערע אויך צו רעפאָרמירען די אידישע לאַגע אין פוילען. דעם ערסטען שטויס דערצו האָט געגעבען דער פינסקער דעפוטאַט פון סיים, ב ו ט ר י מ אָ ו ו י ט ש, מיט אַ בראָשורע אין 1798 מיט'ן טיטעל „אַ מיטעל ווי צו רעפאָרמירען די פוילישע אידען און מאַכען זיי ניצליך פיר דאָס לאַנד". דיזע בראָשורע איז שוין פריהער געווען געדרוקט אין 2 אויסגאַבען, און בוטרימאָוויטש האָט זי איבערגעדרוקט מיט אָנמערקונגען. אין דיזער בראָשורע ערקלערט ער, דאָס די אידען האָבען געקענט זיין זעהר ניצליכע בירגער ווען מען זאָל זיי רעפאָרמירען פאָליטיש און גייסטיג. ער האָט בעהויפּטעט, דאָס מען מוז זיי צוגעוועהנען צו ערד־אַרבייט, צו פערשיידענע האַנט־אַרבייטען, אָפּשאַפען זייער זשאַרגאָן און איינפיהרען אין זייער לעבען די פוילישע שפּראַך, אויך אָפּשאַפען די בעזונדערע קליידער, און צום מיליטער־דינסט זאָל מען זיי אָנהויבען צו־ציהען נאָר דאַן, ווען זיי וועלען זיין רעפאָרמירט און גוטע פּאַטריאָטען.

געגען דיזען פּראָיעקט זיינען פיעלע שרייבער אַרויס מיט פּראָטעסטען און זיך די מיה געגעבען צו בעווייזען, דאָס די אידען זיינען אַ זעהר שעדליכער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט און קיין רעפאָרמעס קענען זיי ניט בעסערן. אַנדערע האָבען געפאָדערט ראַדיקאַלע רעפאָרמעס: אָפּשאַפען די אידישע אויטאָנאָמיע (קהל), אָפּגאָלען זיי די בערד, פערקלענערן די צאָהל פון די אידישע ימים טובים, ענדערן זייערע קליידער, קאָנטראָלירען די אידישע חתונות, צושליסען די אידישע דרוקערייען. געגען דיזע אַלע פּראָיעקטען איז אַרויס דער חעלמער רב ר' ה י ר ש י אָ ז ע פ אָ ו ו י ט ש מיט אַ בראָשורע אין פויליש, אין וועלכער ער האָט פערטיידיגט די אידען, און ערקלערט דאָס דער אידישער קהל איז אַ זעהר ניצליכע זאַך, דאָס די שונאי ישראל שרייבען צו צום גאַנצען פאָלק די פעהלערן פון איינצעלנע מענשען. איבערהויפּט פּראָטעסטירט ער געגען אַלע פּראָיעקטען פון אַסימי-

לאַציאָן, וועלכע שטרעבען צו פערניכטען די אידישע נאַציאָן. וועגען דעם פּראָיעקט צו ענדערן די אידישע קליידער ערקלערט ער איראָניש, דאָס פיר די פּאָליאַקען איז גלייכער די אידען זאָלען טראָגען זייערע געוועהנליכע קליי- דער, אום די קריסטען זאָלען באַלד דערקענען די מענשען, וועלכע זיי בע- טראַכטען פער שעדליך. ליידער האָבען זיך ד'אַמאָלס נאָך ניט געפונען אין פּוילען קיין געבילדעטע אידען, וועלכע זאָלען ענטפערן די פּוילישע רע- פאָרמאַטאָרען: אויב איהר ווילט מאַכען די אידען „ניצליך פיר דעם שטאַאַט", מאַכט פריהער די רעגירונג ניצליך פיר די אידען, אין דער זעלבער מאָס, ווי איהר מאַכט זיי ניצליך פיר די קריסטליכע געזעלשאַפט.

אָבער די גאַנצע ליטעראַטור-פּאָלעמיק האָט ניט בעוועגט דעם סיים זיך נעהמען צו לעזען די אידען-פראַגע. פיר איהר לעזונג האָט זיך גענומען דער המון. די אורזאַך דערפון איז געווען, דאָס אין דער צייט, וואָס דער סיים איז געזעסען זעהר לאַנג אין ווארשא, האָבען זיך בעזעצט דאָרט זעהר פיעלע אידען, ווייל לויט געזעץ האָבען די אידען געהאַט אַ רעכט צו פערבלייבען אין ווארשא די גאַנצע צייט, וואָס דער סיים זיצט דאָרט. די סוחרים און בעלי מלאכות פון ווארשא האָבען זיך בעקלאָגט פאַר'ן מאַ- גיסטראַט, דאָס די אידען נעהמען אָפּ זייער פּרנסה, און אויב די רעגירונג וועט גאָר ניט טאָן וועגען דעם, וועלען זיי אויסשעכטען אַלע אידען. דער סיים האָט באַלד געגעבען אַ בעפעהל אַרויסצוטרייבען פון ווארשא אַלע פריש- אָנגעקומענע אידען. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און די אַרויסגעטרי- בענע אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין ווארשא. דאָס האָט געפיהרט צו פּאָגראָמען (16טען מאַי 1790). דער המון האָט געראַבירט אידישע גע- שעפטען, אידישע הייזער, ביז סאָלדאַטען זיינען אָנגעקומען און האָבען צוטריבען די פּאָגראָמשטשיקעס. די רעגירונג האָט כלומר'שט בעשטראָפט איינינגע פון די פיהרער פון פּאָגראָם, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען בעפוילען מען זאָל אַלע אידישע בעלי מלאכות און הענדלער פערטריי- בען אין פּאָליציי, דאָרט זאָל מען אַלעמען שמייסען און זיי דאַן פון שטאָדט אַרויסטרייבען. אַזוי האָט די רעגירונג דורכגעפיהרט איהר פּלאַן וועגען אי- דישע רעפאָרמעס און מאַכען זיי פיר בעלי מלאכות.

דער פּאָגראָם האָט געצייגט דעם סיים, דאָס די אידען-פראַגע קען ניט מעהר אָפּגעלעגט ווערען. דעם 22טען יוני 1790 האָט דער סיים בעשטימט אַ קאָמיסיאָן צו לעזען די אידישע פראַגע. אין דער קאָמיסיאָן זיינען געווען בעשטימט זעהר טיכטיגע מענשען ווי: בוטרימאָוויטש, דער היסטאָריקער

טשאצקי און יעזערסקי. דיזער לעצטער איז באלד בעשטימט געווארען אלס פארזיצענדער פון דער קאמיסיאן, וועלכע האט גיך אויסגעארבייט א רעפארט, אין וועלכען זי האט ערקלערט, דאס די אידען מוזען גלייך אנ- ערקענט ווערען אלס ריכטיגע בירגער, און דערפאר פאדערן פון זיי זיך נעהמען צו בילדונג אום צו ווערען ווירקליך ניצליכע בירגער פון לאנד. עס זאל קיין אונטערשייד ניט זיין צווישען אידען און קריסטען, אויסער אין רעליגיאן-זאכען. אין דעם רעפארט ערקלערט די קאמיסיאן, דאס די רע- גירונג האט געהאט א גרויסען טעות אין אידען, ווען זי האט גערעכענט, דאס מען מוז זיי פריהער מאכען פעהיג צו ברייננגען נוצען דעם לאנד. באמת זיינען זיי שוין פעהיג, זיי ברייננגען שוין נוצען מיט זייער עקספארט, און ווען מען זאל זיי געבען מעהר רעכטען קענען זיי בערייכערן דאס לאנד מיט פיעלע מיליאנען אלע יאהר. אין רעפארט פאדערט אויך די קאמיסיאן מען זאל אויף 50 יאהר אפהאלטען די אידען פון האלטען שענקען, אום זיי זאלען זיך בעסער צוגעוועהנען צו ערד-ארבייט און אנדערע ניצליכע מלאכות. ווען דער בעריכט איז צוגעשטעלט געווארען צום סיים איז איין דעפוטאט, כאלאנעווסקי, ארויס מיט א מיינונג, דאס דיזער רעפארט גיט אידען צו פיעל רעכטען אין מסחור, פון וועלכע עס קענען ליידען די קריסטליכע סוחרים; דערביי האט ער צוגעשטעלט א נייעם פראיעקט וועגען אידישע רעכטען. דער סיים איז צופרידען געוועזען אפצולעגען די פערהאנדלונגען וועגען דיזער פראגע אויף אן אונבעשטימטע צייט, און די זאך איז געבליבען הענגען אין דער לופט.

די קאנסטיטוציאן פון 3טען מאי 1791 האט וועגען אידען גארניט דער- מאהנט. מען דערצעהלט, דאס די אידען האבען אין א געהיימער אסיפה ערוועהלט 3 שתדלנים זיי זאלען זיך זעהן מיט'ן קעניג סטאניסלאוו אוגוסט און פועל'ן ביי איהם ער זאל ווירקען אויף'ן סיים צו געבען אידען גלייכע רעכטען. די 3 ערוועהלטע האבען אויסגעווירקט אן אודיענץ ביים קעניג, וועלכער האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך. די שתדלנים האבען ער- קלערט דעם קעניג זייער פערלאנג און האבען איהם פערשפראכען צו געבען 20 מיליאן גולדען אום ער זאל האבען צו בעצאהלען זיינע פערזענליכע שול- דען. דער קעניג האט זיי צוגעזאגט ערפילען זייער וואונש. אבער ער האט עס ניט געקענט דורכפיהרען, ווייל דאס לאנד איז געווען דאמאלס אין א זעהר געפעהרליכען צושטאנד — די נייע צוטיילונג פון פוילען איז געהאנגען איבער די קעפ פון דער בעפעלקערונג.

די געגנער פון דער נייער קאָנסטיטוציאָן האָבען זיך פעראייניגט מיט רוסלאַנד, און דערפון איז ענטשטאַנען דער בירגער־קריג אין 1792. די אידען האָבען געהאַלטען מיט די פערפאַסער פון דער נייער קאָנסטיטוציאָן און האָבען געהאָלפען מיט וואָס זיי האָבען געקענט. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען, און אין 1793 איז פון פוילען אָפּגעריסען געוואָרען א גרויסער טייל צו רוסלאַנד — א טייל פון קיעווער גובערניע, ווילנא, א טייל פון מינסקער גובערניע, וואָלהין, פּאָדאָליען; צו פּרייסען איז איבערגעגאַנגען — קאַליש, פּלאָצק, דאַנציג און טהאָרן. דאָס האָט געפיהרט צו א רעוואָלוציאָן אין 1794. אָן דער שפּיץ פון דיזער בעוועגונג איז געשטאַנען דער בעריהמטער קאָסציושקאָ. ער האָט גוט פערשטאַנען, דאָס א לאַנד קען ניט זיין ריכטיג פריי ווען עס עקסיסטירט אין איהם שקלאַפעריי און א טייל פון דער געזעלשאַפט איז אָהן רעכטען. די אידען האָבען איהם גוט פערשטאַנען און זיינען געווען בעגייסטערט פון זיינע דעמאָקראַטישע אידעען. אין 1794, ווען די אַרמעען פון רוסלאַנד און פּרייסען האָבען בעלאַגערט ווארשא, האָבען די אידען גענומען א גרויסען אַנטייל אין דער פערטיידיגונג. פיעלע אידישע וואָלונטירען זיינען געווען אין די רייהען פון דער פּוילישער אַרמעע; די אידען האָבען זאָגאַר געגרינדעט אַ בעזונדער לעגיאָן אונטער דער קאָמאַנדע פון ב ע ר ע ק י אָ ס ע ל ע ו ו י ט ש.

בערקאָ איז געווען אין דער יוגענד א חדר־אינגעל, נאָכדעם איז ער געוואָרען א פאַקטאָר, און אַלס אַזעלכער איז ער אריינגעטראָטען צו דינען ביים ווילנער עפּיסקאָפּ מאַסאַלסקי. דיזער האָט איהם מיטגענומען מיט זיך אין פּאַריז. דאָרט איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט'ן פראַנצויזישען לעבען אין די רייכע זאַלאָנען; ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט די אידעען, וואָס האָבען ערפילט פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציאָן. אין דער צייט פון 4 יעהריגען סיים איז בערקאָ געווען צוריק אין ווארשא און האָט פערלאָזען זיין שטעלע ביי מאַסאַלסקי'ן. ווען קאָסציושקאָ איז ארויף אויף די סצענע האָט בערקאָ געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו העלפען שטרייטען פיר פרייהייט. ער האָט בעשלאָסען צו ווייזען דער וועלט, דאָס אויך די שטיפקינדער, די אידען, קענען אָפּפערן זייער לעבען פיר די פרייהייט פון זייער שטיפמוטער. אין 1794 האָט ער דערלאַנגט צום הויפּט־קאָמאַנדיר קאָסציושקאָ א ביטע מען זאָל איהם ערלויבען צו אויפשטעלען א אידישען פּאָלק אונטער זיין קאָמאַנדע. קאָסציושקאָ האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און האָט איהם געגעבען די פערלאַנגטע ערלויבניס. דעם 1טען אָקטאָבער 1794 איז געדרוקט געוואָרען אין דער ווארשעווער רעגי-

רונגס-צייטונג אַן אויפרוף צו דער אידישער יוגענד זיי זאָלען פרייווילליג אַריינטרעטען אין דעם ספּעציעלען אידישען רעגימענט, און צו די בעמיטעלטע אידען זיי צו העלפען מיט געלט אויף די נעטיגע קאָסטען פון דעם רעגימענט.

בערעק'ן איז געלונגען צוזאַמענקלייבען 500 וואָלונטירען, פון וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט זיין רעגימענט. אָבער דיזער רעגימענט, וועלכער האָט געקעמפּט העלדיש אין דעם בלוטיגען שטרייט, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום ווארשא און אין ווארשא דעם 4טען נאָוועמבער, איז אין גאַנצען פער-ניכטעט געוואָרען פון דער רוסישער אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם גענעראַל סוּבאָראָוו. אין יענעם שטרייט זיינען געפאַלען אויף איבער 15,000 פּאָלאַקען. דעם פּאָלקאָווניק בערעק איז געלונגען צו ענט-לויפען אין פראַנקרייך. די דריטע צוטיילונג פון פּוילען האָט געבראַכט ליטא (ווילנער און גראָדנער גובערניעס) אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד, ווארשא און ביאַליסטאָק — אונטער פּרייסען, און קראָקאָוו און לובלין — אונ-טער עסטרייך; אין 1807, ווען נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען פּרייסען, האָט ער אָפּגענומען אַ טייל פון פּוילען און געגרינדעט אַ בעזונדער פּוילישע מלוכה אונטער'ן נאָמען „ווארשאווער הערצאָגטום" מיט אַ זעהר ליבעראַלער קאָנ-סטיטוציאָן, וועלכע האָט פערשפּראָכען אַלע אונטערטאַנען גלייכע רעכטען. די אידען האָבען זיך דערפרעהט און זיינען פול געוואָרען מיט האָפנונגען, דאָס זיי וועלען אין גיכען ווערען גלייכע בירגער מיט די קריסטען. ליידער האָט נאַפּאָלעאָן, זינט ער האָט אַרויסגעגעבען דעם שענדליכען דעקרעט ווע-גען אידען (זעה אויבען), געענדערט זיין פּאָליטיק וועגען אידען, און זייערע האָפנונגען צו בעקומען גלייכע רעכטען אין ווארשאווער הערצאָגטום זיינען געטוישט געוואָרען.

אין פריהלינג פון 1808 האָט זיך די פּוילישע רעגירונג גענומען בע-שעפטיגען מיט דער אידען-פראַגע. לויט דער נייער קאָנסטיטוציאָן האָט זי בעדאַרפט געבען די אידען גלייכע רעכטען. אָבער זי האָט עס ניט געוואָלט. זי האָט זיך בענוצט מיט'ן שענדליכען דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן'ען און האָט ערקלערט דעם הערצאָג, דאָס אידען זיינען נאָך ניט ווערט צו ווערען פולע בירגער צוליב זייערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען. דער הערצאָג האָט אַרויס-געגעבען אַ דעקרעט, דאָס די אידען זאָלען פאָרלויפיג ניט בעקומען קיין גליי-כע רעכטען; מען גיט זיי צייט צעהן יאָהר זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע געוואוינהייטען, און ערסט דאַן וועט מען זיי שטעלען גלייך מיט די קריסטען; אָבער מאַנכע פון זיי, וואָס וועלען ווערט זיין, וועלען

פריהער בעקומען גלייכע רעכטען. דער ווייל האָט זיך די רעגירונג גענומען איינפיהרען בעשרענקונגען פיר אידען און צוריק איינפיהרען די אַלטע פער־שימעלטע געזעצען, וועלכע האבען זיי ערנידריגט.

17 אידען אין ווארשא, וועלכע האָבען גערעכענט דאָס זיי זיינען שוין ווערט צו בעקומען גלייכע רעכטען, האָבען זיך געווענדט צו דער רע־גירונג מען זאָל זיי אַנערקענען פיר פולע בירגער. אָבער די רעגירונג האָט זיי געענטפערט, דאָס די געענדערטע קליידער און אַ ביסעל מאָדערנע ביל־דונג מאַכען זיי נאָך ניט ווירדיג צו בעקומען בירגער־רעכטען. כל זמן זיי גלויבען נאָך און האָפען, אַז זייער נאַציאָן וועט זיך צוריקקעהרען צו זייער אַלטער היים (ארץ ישראל) און פיהרען אַ מלוכה, קענען זיי ניט ווערען קיין גלייכע בירגער מיט די קריסטען. עס האָבען זיך געפונען אין ווארשא אויך אַנדערע אידען, געבילדעטע, וואָס האָבען געפאָדערט פון דער רעגירונג פולע רעכטען פיר א ל ע אידען אין פוילען. דיזע האָבען דערלאַנגט צום סענאַט אַ ביטע (17טען מערץ 1809), אין וועלכער זיי האָבען אויסגעגאָסען זייער ביטער הערץ אויף דאָס גרויסע אומרעכט, וואָס די רעגירונג טוט זיי פיר קיין פערברעכען נאָר ווייל זיי זיינען אידען. דער סענאַט האָט גע־ראַטען דעם הערצאָג צו בעשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיאָן וועגען מאַכען רעפאָרמעס פיר אידען און מאַכען זיי ווירדיג צו בעקומען גלייכע רעכטען. אָבער דיזער פּלאַן איז נאָר געוועזען אַ מיטעל צו דערשטיקען די אידען־פראַגע.

אין דיזער צייט האָט זיך געפונען אין ווארשא דער אויבען־דערמאָהנטער בערעק, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון פּאַריז אַלס פּראָפעסיאָנעלער טיכטיגער מיליטער־מאַן. ווען עס איז אויסגעבראָכען דער קריג צווי־שען ווארשאווער הערצאָגטום און עסטרייך האָט זיך בערעק, אַן דער שפּיץ פון אַ סקאַדראָן, אריינגעוואָרפען אין אַ בלוטיגער שלאַכט ביי דער שטאָדט קאָצק און האָט בעוויזען גרויסע העלדענטאַטען, אָבער אין דיזער שלאַכט האָט ער פערלאָרען זיין לעבען. די גאַזעטען האָבען בעוואונדערט זיין העלדענמוט און האָבען שטאַרק בעדויערט זיין טויט. דער גרויסער פּוי־לישער מאַגנאַט סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי האָט געמאַכט אויף איהם אַ גרוי־סען הספד, שילדערנדיג זיין פּאַטריאָטיזם, זיין עדעלען כאַראַקטער און זיינע העלדענטאַטען. פיר דאָס אַלעס האָט די פּוילישע רעגירונג בעשטימט אַ זעהר קליינע פּענסיאָן פיר זיין ווייב און קינדער, און ווייל דיזע פּענסיאָן איז ניט געוועזען גענוג פיר זי צו ערנעהרען זיך מיט די קינדער, האָט איהר די רעגירונג ערלויבט צו עפנען אַ שענקעל און ציהען איהר חיונה פון בראַנפען־פערקויף.

די פרומע קלאַס אידען אין פוילען, די חסידים, האָבען געארבייט אויף אַלע כלים, אז מען זאָל חלילה ניט מאַכען אונגליקליך די אידען מיט גלייכע רעכטען, וועלכע וועלען מאַכען, נאָך זייער מיינונג, אַן עק צום יודענטום. זיי האָבען געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צו דער רעגירונג, דאָס זי זאָל ניט אַרויס-געבען דיזע גזירה און זי זאָל אויך בעפרייען די אידען פון צו געהן דינען אין מיליטער. די רעגירונג האָט ענדליך איינגעשטימט דערצו און האָט די אידען בעפרייט פון מיליטער-דינסט, און דערפאַר האָבען די אידען זיך פערפּליכטעט צו צאָהלען צו דער רעגירונג אַ סומע פון 770,000 גולדען יעהרליך. דאָס האָט געגעבען די אידען-פיינד אַ בעווייז, דאָס די אידען זיינען ניט קיין פּאַטריאָטען און פערדינען ניט קיין גלייכע רעכטען.

אין דער צייט פון דעם גרויסען שטורם פון 1812, ווען די וואַרשאַווער רעגירונג האָט געהאַט גרויסע האָפנונג, דאָס די פּוילישע מדינה וועט מיט נאַפּאָלעאָן'ס מאַכט צוריק אויפגעשטעלט ווערען, האָט זי אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צוצונעהמען פון די אידען דאָס רעכט פון פערקויפען בראַנפען און האָט דערמיט צוגענומען די פּרנסה פון צעהנדליגע טויזענדער אידישע פאַ-מיליעס. די האָפנונג פון פוילען איז ניט מקוים געוואָרען. פּוילען איז איבער-אַ-נייס צוטיילט געוואָרען צווישען פּרייסען, עסטרייך און רוסלאַנד; צו דיזער לעצטער איז איבערגעגאַנגען די גרויסע אידישע בעפעלקערונג פון פּוילען. די אידען האָבען באַלד דערזעהען, וואָס פיר אַ לעבען זיי שטעהט פאָר אונטער דיזער נייער הערשאַפט.

דער נייער אידישער צענטער אין רוסלאַנד.

דער אידישער תחום (ענדע פון דער רעגירונג פון יעקאַטערינאַ דער 2טער). די צוטיילונגען פון פּוילען האָבען געבראַכט אונטער דער הער-שאַפט פון רוסלאַנד די אידען פון ליטא, וואָלהין און פּאָדאָליען — גובער-ניעס, וועלכע זיינען געוועזען געדיכט בעזעצט מיט אידען. די רוסישע רעגירונג, וועלכע האָט אין די ערסטע יאָהרען פון יעקאַטערינאַ דער 2טער (דער גרוי-סער) געדענקט וועגען פערבעסערן די לאַגע פון די אידען, וואָס זיינען געוועזען אונטער איהר הערשאַפט, האָט נאָך דער לעצטער צוטיילונג פון פּוילען אָנ-גענומען אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג: זי האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען ספּע-ציעלע בעשרענקענדע געזעצען וועגען אידען, האָט געשאַפען אַ „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" (תחום המושב), און האָט זיי פערבאָטען אַריינצוקומען אין די רוסישע גובערניעס, און אין דער טשערטאַ זעלבסט האָט זי אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען מעהר און מעהר בעשרענקענדע געזעצען, וועלכע האָבען

שרעקליך געמאַכט דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבען. ווען די אידען פון מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניעס, וועלכע האָבען געהאַנדעלט מיט סמאָלענסקער און מאָסקווער גובערניעס און פלעגען ברייינגען אהין אוים-לענדישע סחורות, וועלכע זיי האָבען פערקויפט ביליג צו די איינוואוינער, האָבען געבעטען, אז מען זאָל זיי ערלויבען אַריינצוטרעטען אין די גילדעס פון די מאָסקווער און סמאָלענסקער סוחרים, האָט זיי די רעגירונג ענטזאָגט, ווייל די סוחרים פון דיזע גובערניעס האָבען זיך בעקלאָגט פאַר דער רעגי-רונג, דאָס די אידען זיינען זייערע געפעהרליכע קאָנקורענטען (23טען דע-צעמבער, 1791 ; אוקאַז פון יעקאַטערינאַ דער 2טער).

דער אידישער תחום איז בעשטאַנען פון די גובערניעס : מינסק, מאָהי-לעוו, גראָדנאָ, ווילנא, וואָלהין, קיעוו (אויסער דער שטאָדט קיעוו), טשער-ניגאָוו, פּאָדאָליען, וויטעבסק, פּאָלטאַווא, יעקאַטערינאָסלאַוו און כערסאָן. אין רוסלאַנד זעלבסט האָבען די אידען ניט געטאָרט אריינפאָהרען און וואוי-נען. זאָגאַר אין דעם תחום האָבען זיי געמוזט צאָהלען אַ דאָפּעלטע אָפּצאָהל, און אַחוץ דעם אַ געוויסע אָפּצאָהל דערפאַר, וואָס מען האָט זיי בעפרייט פון מיליטער־דינסט. דאַגעגען די קאַראַאימעס האָט די רוסישע רעגירונג געגעבען אַלע רעכטען צוגלייך מיט די קריסטען. דערמיט האָט די רעגירונג אַרויסגעצייגט איהר האָס צום תלמוד. אין 1791 האָט די רעגירונג ארוים-געגעבען אַן אוקאַז, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פון די דערפער אין די שטעדט. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פיר די אָרימע אידישע דאָרפישע איינוואוינער, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעהמען אין די שטעדט, וואו עס זיינען געווען פיעלע בעלי מלאכות, וועלכע האָבען אַליין ניט געהאַט קיין ברויט. די רעגירונג האָט אין יענער צייט אויך אָפּ-גענומען דאָס רעכט פון קהל און די רבנים צו משפט'ען דין־תורה'ס צווישען אידען, און האָט פעראָרדענט, אַז אַלע משפטים זאָלען פאָרקומען פאַר די מאַגיסטראַטען. אָבער אין דער פּראַקטיק איז דיזער אוקאַז ניט דורכגע-פיהרט געוואָרען, ווייל דער קהל איז נאָך אויף אַ לאַנגע צייט געבליבען אַלס אַ פערמיטלער צווישען דער רעגירונג און די אידישע געמיינדעס. דיזע אַלע דריקענדע געזעצען זיינען געשאַפען געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער'ס רעגירונג. דאָס איינציגע, וואָס זי האָט אויפגעטאָן פיר די אידען, איז געווען, וואָס זי האָט אומגעביטען אין אָפי-ציעלע דאָקומענטען דעם נאָמען „זשיד" אויף „יעווריי".

אידען אונטער פּאַוועל דעם 1טען. אין 1795 איז קורלאַנד געוואָ-רען אַ רוסישע גוּבערניע, און די אידען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט אונ-

מ"ר דער דייטשער רעגירונג אלס טאלערירטע (געדולדעטע), זיינען אין 1799 פערגלייכט געווארען מיט אלע אנדערע אידען אין רוסלאנד מיט א קהל (א שטיקעל אויטאנאמיע). אין 1794 (דעם 2טען יאהר פון פאוועל דעם 1טען'ס רעגירונג) איז געווען א שטארקער הונגער אין מינסקער גו-בערניע. די רעגירונג האט אנגעפרעגט ביי די פארשטעהער פון די גוטס-בעזיצער, וואס זיינען נאך זייער מיינונג די אורזאכען פו דעם הונגער. דיזע האבען געענטפערט, דאס אין דעם זיינען איבערהויפט שולדיג די אידען, וואס האבען דאס רעכט צו טרייבען בראנפען און האלטען שענקען אין די דערפער. די בויערן שכור'ן זיך אן ביי די אידען און ווערען פויל צו אר-בייטען. ווען מען זאל פערוועהרען די אידען צו מאכען און פערקויפען בראנ-פען, און דיזעס רעכט אפגעבען צו די גוטס-בעזיצער, וואלטען די בויערן וועניגער גע'שכור'ט און עס וואלט אלעס געווען ווי עס געהערט צו זיין. פא-וועל האט באלד ארויסגעגעבען אן אוקאז, אז מען זאל ארויסטרייבען אלע אידען פון די דערפער (28טען יולי 1797).

אין 1798 האט זיך די זעלבע געשיכטע ווידערהאלט אין וואלהין און פאדאליען. די מארשאלקעס פון דיזע גובערניעס האבען געמאכט צו דער רעגירונג דעם זעלבען פארשלאג, וואס די מינסקער האבען געמאכט — מען זאל אפנעהמען פון די אידען דאס בראנפען-געשעפט און עס איבערגעבען צו די גוטס-בעזיצער. אז די אידען האבען זיך דערפון דערוואוסט האבען זיי געגומען זאמלען געלט צו שיקען א דעפוטאציאן צום קייזער פאוועל מבטל צו זיין די גזירה. דער גענעראל-גובערנאטאר גודאוויטש האט זיך דער-וואוסט דערפון און האט קאנפיסקירט דאס געזאמעלטע געלט און האט פער-וועהרט צו שיקען א דעפוטאציאן. ווען די געשיכטע איז בעוואוסט געווא-רען דעם קייזער, האט ער בעפוילען דעם גענעראל-גובערנאטאר צוריק אפ-געבען די אידען דאס קאנפיסקירטע געלט, און זאל זיי ערלויבען צו שיקען א דעפוטאציאן. מען ווייס ניט, אויב די אידען האבען ווירקליך געשיקט א דעפוטאציאן און מיט וואס דיזע אונטערנעהמונג האט זיך געענדיגט.

די ליטווישע מארשאלקעס האבען צוגעשטעלט צו דער רעגירונג זייער מיינונג, דאס די אידען מוז מען רעפארמירען. מען דארף פון זיי צונעהמען דאס רעכט צו פערקויפען בראנפען, מען מוז זיי צווינגען צו טראגען די זעלבע קליידונג ווי די קריסטען, זייערע קינדער מוזען געהן אין די קריסט-ליכע שקאלעס, מען זאל מבטל זיין דעם קהל, פערוועהרען די עקסיסטענץ פון די „גוטע אידען", ניט לאזען חתונה האבען פריהער פון 20 יאהר — דאס

וועט געווים פיהרען די אידען אויסצומישען זיך, אַסימילירען זיך מיט די קריסטען.

די מיינונגען וועגען אידישע רעפאָרמעס זיינען צוגעשטעלט געוואָרען צום סענאַט אין פּעטערבורג (1800). צווישען די סענאַטאָרען האָט זיך דאַמאָלס געפונען אויך דער בעוואוסטער רוסישער פּאָעט **דערזשאַווין**. דיזער האָט זיך גערעכענט פיר אַ ספּעציאַליסט אין דער אידען-פראַגע. נאָך מיט אַ יאָהר פריהער (1799) האָט איהם דער קייזער פּאַוועל געשיקט נאָך שקלאָוו, אויסצופאָרשען וועגען דער קלאַגע, וואָס די אידען פון דיזער שטאָדט האָבען געמאַכט געגען דעם אייגענטימער, גענעראַל זאָריטש, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו בעהאַנדלען זיי ווי לייבאייגענע (פּאָדאַנעס). דערזשאַווין איז אַפילו געווען אויף דער זייט פון דעם גענעראַל זאָריטש, דאָך האָט דער סענאַט געפונען, דאָס די אידען זיינען גערעכט, דאָס זיי זיינען ניט קיין לייבאייגענע און זאָריטש טאָר זיי אַזוי ניט בעהאַנדלען. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט איהם פּאַוועל ווידער געשיקט אין ווייס-רוסלאַנד (ביעלאָ-רוסיע), אום אויסצופאָרשען ווי ווייט די גוטס-בעזיצער זיינען שולדיג אין דעם הונגער-צושטאַנד פון די פויערן, פון וועלכע זיי נעהמען צו זייער ברויט און פערקויפען עס. דערזשאַווין האָט אָבער געפונען פיר נעטיג צו וואַרפען אַ טייל פון דער שולד אויף די אידען. ער האָט בעשטראָפט אַ פּוילישען מאַגנאַט, אָגינסקי, אָבער ער האָט אויך צוגעשלאָסען אַ אידישע בראַנפען-ברענעריי אין ליאָזנע (די רעזידענץ פון דעם ליבאַוויטשער רבי ר' זלמן שניאורסאָן). דאַמאָלס האָט דערזשאַווין צוגעשטעלט צום קייזער אַ רעפּאָרט, אין וועלכען ער האָט בעשולדיגט די אידען, דאָס צוליב זיי ליידט די קריסטליכע געזעלשאַפט הונגער און האָט פאָרגעשלאָגען צו רעפאָרמירען זייער לעבען. דעם מאַטעריאַל פיר זיינע רעפאָרמעס האָט ער בעקומען פון אידישע שונאים. אויך אַ אידישער דאָקטאָר פראַנק פון קרעסלאַווקי (וויטעבסקער גובערניע), פון מענדעלסאָן'ס חדר, האָט איהם ערקלערט, דאָס דער „תלמוד" איז די גאַנצע שולד פון דעם אידישען ניט-נאָרמאַלען לעבען, און ווען מען וואָלט איהם אָפּשאַפען או געבען די אידען בילדונג, וואָלטען זיי ווערען ניצליכע מענשען. דערזשאַווין'ס רעפאָרמעס זיינען געווען ניט נאָר פיר דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע לעבען, נאָר אויך פיר די ענדערונג פון זייער רעליגיעזען לעבען, און דעריבער האָט ער אין זיין רעפּאָרט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אָפּשאַפען דעם אידישען קהל און מען זאָל ביי זיי איינריכטען די זעלבע אָרדנונג, ווי ביי די אידען אין פראַנקרייך, מיט אַ „סענדאַרין" (ד. ה. אַ סנהדרין) אין פּעטערבורג. ער שלאָגט אויך

פאָר צו מאַכען אייניגע נייע בעשרענקונגען פיר אידען, ווי אָפּנעהמען פון זיי דאָס רעכט צו האַלטען קריסטליכע בעדינטע, צו האָבען ערוועהלטע פון זיי אין די מאַגיסטראַטען. דערזשאַווין'ס בעריכט איז צוגעשטעלט געוואָרען צום קייזער פּאַוועל דעם 1טען, אָבער דערווייל איז פּאַוועל געשטאָרבען מיט א טראַגישען טויט (מערץ 1801) און אַלכסנדר דער 1טער איז ארויף אויף'ן טראָן און האָט געבראַכט מיט זיך נייע ליבעראַלע ווינטען.

די נייע געזעצען וועגען אידען פון יאָהר 1804. אין נאָוועמבער 1802 האָט אַלכסנדר געשאַפען א קאָמיטעט צו לעזען די אידען-פראַגע. די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען: דער מיניסטער פון אינערן קאָטשובעי, דער מיניסטער פון יוסטיץ דערזשאַווין, גראַף זובאָוו און 2 פּוי-לישע הויכע בעאַמטע: אדאַם טשאַרטאָריסקי און סענאַטאָר סעווערין-פּאָ-טאָצקי. די פליכט פון דיזען קאָמיטעט איז געווען צו פערהאַנדלען דער-זשאַווין'ס מיינונגען וועגען די רעפאָרמעס אין אידישען לעבען. ווען די אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם קאָמיטעט, זיינען זיי געוואָרען שרעקליך אונרוהיג, ווייל זיי האָבען גוט געוואוסט דערזשאַווין'ס מיינונגען און זיינע פּראָיעקטען וועגען זיי. אין מינסק איז געווען א קהל'שע פער-זאַמלונג, וועלכע האָט בעשלאָסען צו שיקען א דעפּוטאַציאָן צום קייזער בע-טען, אז ער זאָל ניט דערלאָזען צו מאַכען נייע גזירות אויף אידען. דערביי האָט מען בעשלאָסען, אז מען זאָל הייסען אַלע אידען פאַסטען 3 טעג און בעטען גאָט, אז ער זאָל זיי אָפּהיטען פון שלעכטע גזירות. ווען דער מי-ניסטער קאָטשובעי האָט זיך דערוואוסט, דאָס די אידען זיינען אין גרויס שרעק פון דעם קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין פּעטערבורג וועגען זיי, האָט ער געשריבען צו אַלע גובערנאַטאָרען, אז מען זאָל זיי בע-רוהיגען און געבען צו וויסען, דאָס די רעגירונג האָט נאָר אין זינען צו פער-בעסערן זייער לאַגע און ניט מאַכען זי ערגער.

דיזע ווערטער פון קאָטשובעי האָט א ביסעל שוואַכער געמאַכט דעם שרעק. אָבער פיעל מעהר האָט די אידען בערוהיגט דער פאַקט, וועגען וועל-כען די דעפּוטאַטען האָבען זיך דערוואוסט ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין פּעטערבורג, דאָס דערזשאַווין איז געוואָרען אויס מיניסטער, און זיין מיי-נונג וועגען אידען האָט שוין ניט געהאַט דעם ווערט וואָס פריהער. אוי-סער דעם האָבען זיי זיך דערוואוסט, דאָס אייניגע אידען פון ווייס-רוס-לאַנד וואוינען אין פּעטערבורג, אפילו ניט געזעצליך, אָבער מען לאָזט זיי צורוה, און דאָס עס איז זיי ערלויבט געוואָרען צו האָבען דאָרט אַן אייגע-נעם אידישען בית-עלמין (1803). צווישען די פּעטערבורגער אידען האָבען

זיך געפונען צוויי, וועלכע האָבען פיעל געהאָלפען די אידישע דעפּוטאַטען, וועלכע זיינען איינגעלאַדען געוואָרען פון דער רעגירונג צו נעהמען אָנטייל אין דער ארבייט פון קאָמיטעט. איינער איז געווען נטע שקלאָווער (נאָטקין), וועלכער האָט שוין פריהער צוגעשטעלט דערזשאַווין'ען זיין מיינונג, צו פערבעסערן דעם אידישען צושטאַנד דורך ענטוויקלען צווישען אידען פאַבריקען; דער אַנדערער איז געווען אַ רייכער איד אברהם פּרץ, וועלכער איז געווען אַ פּאַדראַדטשיק און האָט געהאַט גרויסע קאַנטשאַפט מיט פיעלע בעאַמטע.

דער קאָמיטעט האָט געגעבען צו וויסען די דעפּוטאַטען וועגען די רעפאָרמעס, וואָס מען וויל מאַכען אין אידישען לעבען, און האָט געפרעגט זייער מיינונג. די דעפּוטאַטען האָבען ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט דערפון און האָבען געבעטען, אַז מען זאָל זיי געבען אַ האַלב יאָהר צייט זיך מיישב צו זיין מיט די אידישע קהלות. די רעגירונג איז דערצו ניט מרוצה געוואָרען און האָט צוגעשריבען צו די גובערנאַטאָרען, דאָס זיי זאָלען עס פּאָרלעגען פאַר די אידישע קהלות. דיזע האָבען געענטפערט, דאָס איינינע רעפאָרמעס, ווי צ. ב. אָפּנעהמען פון אידען דאָס בראַנפען־געשעפט, וועלען מיט איין מאָל רואינירען אַ צו גרויסע צאָהל אידישע פאַמיליעס, און דעריבער מוזען זיי אָפּגעלעגט ווערען אויף 20 יאָהר. אָבער די רעגירונג האָט דאָס ניט געוואָלט נאָכגעבען.

אין קאָמיטעט האָט זיך דאַמאָלס געפונען איין מאַן מיט אַן אמת'ען געזונדען ליבעראַלען און לאָגישען פערשטאַנד. דאָס איז געווען ספּעראַנסקי. דיזער האָט געזאָגט, דאָס אַלע מיטלען צו רעפאָרמירען די אידען וועלע פיהרען צו גאָרניט: „גיט זיי פולע פרייהייט", האָט ער געזאָגט, „און זיי וועלען אַליין געפינען דעם ריכטיגען וועג צו ווערען גליקליך און בריינגען נוצען זיך און דעם לאַנד". אָבער זאָגאַר די ליבעראַלסטע מענער אין קאָמיטעט האָבען ניט געקענט פערשטעהן די קלוגע וואהרהייט און זיינען געגאַנגען זייער וועג — צו צווינגען די אידען איבערצובייטען זייער לעבען דורך פערשיידענע רעפאָרמעס. לויט די געזעצען, וואָס דער קאָמיטעט האָט פערפאַסט פיר די אידען, האָט קיין איד ניט געטאָרט וואוינען אין אַ דאָרף, ניט געטאָרט האַלטען קיין שענק; אידען האָבען געמוזט צאָהלען, ווי פריהער, דאָפּעלטע אָפּצאָהלונגען. דערפאַר האָט מען זיי געגעבען דאָס רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט אין איינינע גובערניעס, אָדער בעזעצען זיך אויף קאַזיאָנע ערד, און די רעגירונג האָט זיי בעפרייט די ערסטע צייט פון יעדער אָפּצאָהלונג. אָבער די רפואה פון ערד־אַרבייט

איז ניט געווען אין שטאַנד צו היילען די גרויסע מכה — די בערויבונג פון טויזענדער אידישע פאַמיליעס פון ברויט מיט דעם, וואָס מען האָט זיי מיט איין מאָל אָפּגעריסען פון דעם בראַנפען־געשעפט. די ערד־אַרבייט איז געווען פערבונדען מיט אַזוי פיעלע שוועריגקייטען, דאָס זעהר ווייניגע האָבען זיי געקענט איבערטראָגען, און די פאַבריקען, וועלכע האָבען בעדאַרפט געבען די אידען מיטלען צום לעבען, האָבען זיך ענטוויקעלט זעהר לאַנגזאַם, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די רעגירונג האָט צוגעזאָגט אויסלייהען געלט צו די פאַבריקאַנטען און האָט זיי ערלויבט צו קומען אָפּט אין די רוסישע שטעדט צו פערקויפען זייער פאַבריצירטע ארבייט.

די נייע געזעצען וועגען אידען האָבען צוגענומען פון זיי די קליינע אויטאָנאָמיע, וואָס זיי האָבען געהאַט, און זיי אונטערגעוואָרפען אונטער די אַלגעמיינע געזעצען פון לאַנד. די אידען איז נאָר געבליבען דאָס רעכט צו וועהלען רבנים און קהל־בעאַמטע. די רבנים האָבען געהאַט צו זאָגען נאָר אויף די סינאַגאָגען און די רעליגיאָן־זאַכען; זיי האָבען אָבער שוין מעהר ניט געהאַט קיין רעכט אַריינצולעגען אַ אידען אין חרם פיר וועלכען עס איז חטא. דער קהל האָט געהאַט אַלס זיין פליכט אַריינצוברייננגען אַלע שטייערן פון די אידישע געמיינדעס אין די קייזערליכע קאַזנאַטשייסטוואָ. דיזע אידישע קאָנסטיטוציאָן האָט ענטהאַלטען אין זיך אַ קאַפּיטעל וועגען אידישע בילדונג. די אידען האָבען בעקומען דאָס רעכט אַריינצוטרעטען אין אַלע שולען, גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען (וועגען רעכטען ווערט דאָרט ניט דערמאָהנט). די געשעפטען האָבען די אידען געמוזט פיהרען אין איינער פון די 3 שפּראַכען: רוסיש, פּויליש אָדער דייטש. אַ רב, אַ קהל'ס־מאַן, האָט געמוזט קענען לעזען, שרייבען און רעדען איינע פון דיזע שפּראַכען. אידען, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען צו דינען אין מאַגיסטראַט, האָבען געמוזט זיין אייראָפּעאיש געקליידט.

דאָס געזעץ, אַז אידען מוזען אויפגעבען זייער בראַנפען־געשעפט און דאַרפען זיך צופּאַסען צו אַנדערע בעשעפטיגונגען, האָט בעשטימט, דאָס עס מוז דורכגעפיהרט ווערען ביז דעם יאָהר 1808. באַלד איז קלאָר געוואָרען, דאָס איבער 60,000 אידישע פאַמיליעס וועלען בלייבען אָהן ברויט פון דיזער גזירה. די אידען האָבען אָנגעהויבען צו שיקען ביטשריפטען אין פּעטערבורג, דאָס מען זאָל זיי געבען מעהר צייט ביז זיי וועלען געפינען אַ מיטעל, מיט וואָס זיך צו ערנעהרען. מען קען ניט וויסען, וואָס פיר אַן ענטפער די רעגירונג וואָלט געגעבען די אידען אויף זייער בקשה, ווען עס וואָלט זיך ניט גראָד דאַמאָלס געגרינדעט דער אידישער סנהדרין אין

פראַנקרייך. דיזער סנהדרין, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט בעשאַפען, האָט אָנגע־יאָגט אַ שרעק אויף עסטרייך און אויך אויף רוסלאַנד. זיי האָבען גערע־כענט, דאָס נאַפּאָלעאָן מיינט דערמיט צו געווינען די סימפּאַטיע פון די אידען, וועלכע וועלען איהם דערפאַר העלפען אין זיינע מלחמות מיט די אייראָפּעאישע מלוכות. די רוסישע רעגירונג האָט דורך די גובערנאַטאָרען איינגערעדט די אידען, דאָס נאַפּאָלעאָן צילט מיט'ן סנהדרין צו רעפאָרמירען דעם אידישען גלויבען; און דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע האָט זי ערקלערט, דאָס די סנהדרין וועלען זיין די זעלבע, וואָס האָבען פער'משפט יעזוס'ן צום קרייציגען, און נאַפּאָלעאָן וועט עס זיין דער פאַלשער משיח, אויף וועלכען די אידען האָפען, און דאָס וועט ברייגען דעם גרעסטען אונגליק אויף'ן קריסטענטום.

דעם 19טען פעברואר איז אַרויס אַ קייזערליכער אוקאַז אין אַ זעהר פריינדליכען טאָן צו די אידישע געמיינדעס (קהלות) מיט אַ פערלאַנג, דאָס די אידען זאָלען ערוועהלען דעפּוטאַטען, וועלכע זאָלען זיך צוזאַמענפאָהרען אין די גובערנסקע שטעדט און פאָרלעגען דעם גובערנאַטאָר פון יעדער גו־בערניע, וואו די אידען מעגען וואוינען, זייער מיינונג, מיט וואָס און ווי מען קען פערבעסערן די אידישע לאַגע און מאַכען מעגליך, דאָס די רעפאָר־מעס, וואָס די רעגירונג האָט בעשטימט אין דער אידישער קאָנסטיטוציאָן פון 1804, זאָלען וואָס גיכער קענען דורכגעפיהרט ווערען. די אידען האָ־בען דאַמאָלס געפונען אַ שעת הכושר צו בעטען די רעגירונג, אַז זי זאָל אָפּ־שאַפען, אָדער צום וועניגסטען לענגער אָפּציהען די גזירה פון די שענקען, ניט פאָדערן פון די אידען צו לערנען אַנדערע שפּראַכען, בייטען די קליי־דער, און נאָך אייניגע זאַכען, וואָס די קאָנסטיטוציאָן האָט געפאָדערט.

דערוויי'ל האָבען זיך די אומשטענדען געענדערט. נאָך דעם טילזיטער פרידען זיינען נאַפּאָלעאָן און אַלכסנדר געוואָרען גרויסע גוטע פריינד (1807), דער שרעק פאַר נאַפּאָלעאָן'ען איז אין גאַנצען פערשוואונדען, און די רעגי־רונג האָט זיך ערנסט גענומען דורכצופיהרען איהר בעשלוס — אַרויסצו־טרייבען די אידען פון די דערפער. זי האָט איינגעטיילט דעם גירוש אין 3 יאָהר: אין 1808 איין דריטעל אַרויסטרייבען, אין 1809 דעם צווייטען דריטעל, און אין 1810 דעם דריטען דריטעל. דערביי האָט זי געפאָדערט, דאָס די אידען אין די שטעדט זאָלען העלפען מיט געלט צו פערגרינגערן די ליידען פון די זעהר אָרימע אַרויסגעטריבענע.

ענדליך האָט זיך אָנגעהויבען דער שרעקליכער גירוש. די יעניגע, וואָס זיינען אַליין ניט אַרויס פון די דערפער, האָט מען מיט סאָלדאַטען אַרויס־

געטריבען און מען האָט זיי פֿעריאָגט ווי פיה אין די נאָהענטע שטעדט; דאָרט האָט מען זיי געלאָזען אונטער'ן אָפּענעם הימעל אָהן אַ שום מיטעל צום לעבען. דער אונגליק איז געווען אַזוי גרויס, דאָס די גובערנאַטאָרען זעלבסט האָבען געשריבען אין פּעטערבורג, דאָס די רעגירונג מוז אויסזוכען עפּעס אַ מיטעל געגען דיזען גרויסען אונגליק. עס איז באַלד געגרינדעט געוואָרען אַ נייער קאָמיטעט (אַ דריטער), וועלכען עס איז בעפוילען גע-וואָרען צו געפינען אַ מיטעל ווי אָפּצוגעוועהנען די אידען פון דעם בראַנ-פען=געשעפט און צו געפינען פיר זיי וועלכע עס איז בעשעפטיגונג, וואָס זאָל זיי געבען מיטלען צום לעבען. דערביי האָט מען דעם קאָמיטעט רע-קאָמענדירט צו בעטראַכטען גוט די מיינונגען פון די אידישע דעפּוטאַטען, וואָס זיי האָבען שוין פריהער צוגעשטעלט צו דער רעגירונג.

דריי יאָהר האָט דער קאָמיטעט געאַרבייט ביז ער האָט צוגעשטעלט צו דער רעגירונג זיין רעפּאָרט, אין וועלכען ער בעווייזט, דאָס די הויפּט=שולד, וואָס די פּויערים שכור'ן און בעאַרבייטען ניט די ערד, איז ניט אין די אידען, וואָס פערקויפען די בראַנפען, נאָר אין די גוטס=בעזיצער, וועלכע האָבען די מאָנאָפּאָל צו מאַכען די בראַנפען. און ווען מען וועט אַרויס-טרייבען די אידען פון די דערפער וועלען 60,000 קריסטליכע פאַמיליעס ווערען שענקערס, די אידען וועלען אַזוי גיך ניט ווערען קיין ערד=אַרבייטער און די קריסטען וועלען זיך אָפּגעוועהנען פון ערד=אַרבייט און וועלען ווערען שענקערס. עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, אויב די קריסטען וועלען בעסער בעהאַנדלען די פּויערים ווי די אידען, וועלכע זיינען זעהר אָרים און מאַכען ניט קיין גליקען פון דעם בראַנפען=געשעפט. דערצו זיינען די אידען אַ זעהר ניצליכער, זאָגאַר נעטיגער עלעמענט אין דאָרף אַלס פערמיטלער צווי-שען דעם פּויער און דעם קויפער. דער פּויער ברויכט ניט אַליין צו פאָהרען אין שטאָדט פערקויפען זיינע תבואה און גרינס, דער איד טוט עס פיר איהם. דערביי איז דער יעצטיגער פּאָליטישער צושטאַנד אין אייראָפּאַ ניט מסוגל אויפצורייצען געגען זיך אַ גאַנצע נאַציאָן. נאַפּאָלעאָן, וועלכער גרייט זיך יעצט צו אַ שטרייט מיט גאַנץ אייראָפּאַ, קען זיך בענוצען מיט דער אידישער אונצופרידענהייט מיט דער רעגירונג און שלאָגען דערפון קאַפּיטאַל. יעצט איז פיר די רעגירונג בעסער צו האָבען אויף איהר זייט די סימפּאַטיע פון אַלע איהרע אונטערטאַנען, אַפילו פון די אידען. דער רעפּאָרט האָט געווירקט, און די אידען זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער.

די מלחמה אין 1812. די אידען האָבען געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דער מלחמה פון 1812. דער ראַיאָן, וואו די מלחמה איז פאָר-

געקומען, האָט איינגעשלאָסען די שטעדט, וואו אידען זיינען געזעסען. פון דער סימפּאַטיע פון די אידען האָט זיך פיעל געווענדט דער שיקזאַל פון די שטרייט'ענדע צדדים. די אידען זיינען דאַמאָלס געווען דאַנקבאַר רוסלאַנד דערפאַר, וואָס זי האָט אָפּגעשטעלט זייער אַרויסטרייבונג פון די דערפער. דער גינסטיגער רעפּאָרט האָט געגעבען די אידען גוטע האָפנונג, דאָס זייער עקאָנאָמישע לאַגע אין רוסלאַנד וועט בעסער ווערען. די חסידים זיינען אויך דאַנקבאַר געווען דעם רוסישען קייזער דערפאַר, וואָס ער האָט זיי ערלויבט אָפּצורייסען זיך פון די מתנגדים און גרינדען בעזונדערע שולען און בילדען אַ בעזונדער סעקטע. נאַפּאָלעאָן אָבער האָט פערלאָרען ביי די אידען זיין פריהערדיגען גלאַנץ צוליב זיינע רעפאָרמעס אין יודענטום. דערצו איז דער רוסישער רעגירונג געווען גוט בעקאַנט די מיינונג, וואָס דער גרויסער ליבאַוויטשער גוטער איד האָט אַרויסגעזאָגט וועגען דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה—אויב נאַפּאָלעאָן וועט געווינען וועט אידען זיין מאַטעריעל בעסער, אָבער די רעליגיאָן וועט זיין אין געפאהר; ווען אַלכסנדר אָבער וועט געווינען, וועט די רעליגיאָן ניט ליידען, נאָר די עקאָנאָמישע לאַגע וועט זיין ערגער. אָבער די רעליגיאָן איז פיר אונז טייערער פון אַלעס.

די גרויסע רוסישע בעאַמטע האָבען געגעבען צו וויסען דעם קייזער אַלכסנדר, דאָס די אידען זיינען מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו דער רוסישער רעגירונג און זיי ברייגנען דעם לאַנד זעהר פיעלע נוצען מיט זייער איבערגעבענהייט; די פּאָליאַקען דאַגעגען זיינען זעהר אונטריי דער רעגירונג און וואָלטען וועלען אויסקוילען אַלע אידען פיר זייער איבערגעבענהייט. דער קייזער אַלכסנדר האָט דעריבער זעהר פריינדליך אויפגענומען די אידישע דעפּוטאַציאָן אין קאַליש און האָט מיט זיי לאַנג פערבראַכט. די אידען האָבען דאַמאָלס געהאַט גרויסע האָפנונג אויף אַלכסנדר'ן, אַז ער וועט זיי בעפרייען פו אַלע זייערע ליידען. אין דער צייט פון קריג (1812—1813) האָבען זיך געפונען ביי דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער רוסישער אַרמעע צוויי אידישע דעפּוטאַטען: זונדעל זאָנענבערג פון גראָדנאָ און לייזער דילאָן פון ניעסוויזש, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־פּאָדראַדטשיקעס פיר די רוסישע אַרמעע און זיינען אויך געווען די שתדלנים פיר די אידען פאַר דער רעגירונג. אין יוני 1814 האָט אַלכסנדר איבערגעגעבען דורך דיזע צוויי דעפּוטאַטען זיין דאַנקבאַרקייט צו די אידען פיר זייער טרייהייט צו דער רעגירונג און פיר די פערדינסטען, וואָס זיי האָבען געציינט דער רוסישער אַרמעע, און ער האָט פערשפּראָכען צו ערפילען אַלע

אידישע בקשות וועגען פערבעסערן זייער לאַגע. לײדער האָט די רעאַקציאָן נאָך דעם קריג צושטערט אַלע אידישע האָפנונגען.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון אידען אין יענער צייט. די רוסישע רעגירונג האָט זיך געהאַט איהר אויפגאַבע אָפּצוציהען די אידען פון דעם בראַנפען־געשעפט און מאַכען פון זיי ערד־אַרבייטער. צו דיזען צוועק האָט זי בעפוילען אַרויסצוטרייבען זיי פון די דערפער. אַזעלכע ענדערונגען אין אַ פאָלק קענען ניט אַזוי געשווינט דורכגעפיהרט ווערען אין דער פּראַקטיק. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די אידישע מאַסען זיינען שרעקליך פעראָרימט און רואינירט געוואָרען. די אידען אין די שטעדט האָבען זיך בעשעפטיגט מיט מסחר און מלאכות. די געשעפטען זיינען צום מעהרסטען געווען מיט אויסלאַנד — די אידען פלעגען ברייננגען אויסלענדישע סחורות, וועלכע זיינען אימער געווען פיעל בעסער פון די רוסישע, און פלעגען זיי פערקויפען פיעל ביליגער. דאָס האָט אויפגערייצט די רוסישע סוחרים און זיי האָבען אָנגעטאָן די אידישע סוחרים גרויסע צרות. דאָס זעלבע איז געווען מיט די בעלי־מלאכה׳ס, וועלכע האָבען פיעל געליטען פון די קריסטליכע צעכען, וואָס האָבען זיי ניט צוגעלאָזט צו ווערען צעכאָוויע. די פערשטענדיגע קריסטען פון יענער צייט האָבען גוט געוואוסט, דאָס די אידען זיינען געווען אַ זעהר ניצליכע און אַ נויטווענדיגע קלאַס אַלס פערמיטלער אין דער געזעלשאַפט, און אָהן דעם אידען איז כמעט אונמעגליך געווען עפּעס צוצוגרייטען אין לעבען — דער איד האָט צוזאַמענגעקויפט אין דאָרף ביים פּויער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו פערקויפען, פיר זעהר גוטע פּרייזען, וויל דער איד איז געווען צופרידען מיט זעהר קליינע פערדינסטען, און האָט געבראַכט אין דאָרף אַלעס, וואָס די פויערים האָבען געברויכט אין זייער לעבען, אויך מיט זעהר קליינע פּראָפיטען. די רעגירונג האָט דאָס אַלעס ניט בעטראַכט, און האָט גערעכענט די אידען נאָר פיר שענקערס, און האָט געוואָלט מאַכען פון זיי מיט אַמאָל ערד־אַרבייטער אָדער פאַבריקאַנטען. דאָס איז אָבער צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. צו מאַכען פאַבריקען מוז מען האָבען קאַפּיטאַל, און אַ מאַרק, וואו אָפּצוזעצען די סחורות. דאָס אַלעס נעהמט צייט. און דעריבער זיינען די שטעדט פול געוואָרען מיט מאַסען אָרימע לייט, וואָס האָבען ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעהמען.

די אידען פון מאָהילעווער גובערניע האָבען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיי איבערטראַנספּאָרטירען אין כערסאָנער גובערניע און בעזאָרגען זיי מיט ערד אום צו ווערען דאָרט ערד־אַרבייטער. די רעגירונג האָט קוים געהאַט די מעגליכקייט איינצואָרדנען 2,000 נפשות, וועלכע האָ-

בען געגרינדעט דאָרט די קאָלאָניעס: באָבראָווי קוט, סיידעמינוכאַ (שדה מנוחה), איזראַאילעווקאַ און דאָבראַיאַ. 5,000 נפשות, וואָס האָבען געבעטען דאָס זעלבע, זיינען געבליבען אונבעפרידיגט. פיעלע אידען, אַרויסגעטריבענע פון די דערפער, האָבען אַלעס פערקויפט און זיינען מיט אייגענע מיטלען געפאָהרען אין זיד־רוסלאַנד צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט. די גובערנאַטאָרען פון דער טשערטאַ אָסיעדלאָסטי (תחום המושב) האָבען געגעבען צו וויסען דער רעגירונג, דאָס דער אונגליק פון די אַרויסגעטריבענע איז שרעקליך. די גו־בערנאַטאָרען פון זיד־רוסלאַנד האָבען געשריבען אין פּעטערבורג, דאָס עס איז אונמעגליך צופרידען צו שטעלען די גרויסע מאַסע אידישע אָרימע פאַ־מיליעס, וואָס זיינען געקומען פון די אַרויסגעטריבענע דערפער אין זיד־רוסלאַנד צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט, ווייל עס איז ניטאָ דערויף געגוג געלט. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען אַרויסצוגעבען אַן אוקאַז (אַפּריל 1810) אָפּצושטעלען די בעוועגונג פון די אידען נאָך זיד־רוסלאַנד, און צוזאַמען מיט דעם האָט זי אויך אָפּגעשטעלט דעם גירוש פון די דערפער. דיזער פאַקט מאַכט קלאָר, דאָס די אָרימע אידען האָבען מיט לייב און זעעלע געוואָלט זיך בעשעפטיגען מיט ערד־אַרבייט. צעהנדליגע טויזענדער אידען זיינען שוין אַריבער נאָך זיד־רוסלאַנד, און נאָך מעהר זיינען געווען גרייט צו פאָהרען אהין אום צו ווערען דאָרט ערד־אַרבייטער, אָבער די רעגירונג זעלבסט איז ניט געווען פאַרבערייטעט דערצו און די אידען זיינען געווען געצוואונגען ווייטער צו פיהרען אַן אָרימעס לעבען אין די דערפער.

די ברייטע אויטאָנאָמיע, וואָס די אידען האָבען געהאַט, ווען זיי זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון פּוילען, איז געוואָרען פיעל שמעלער זינט זיי זיינען אַרונטערגעפאַלען אונטער די ממשלה פון רוסלאַנד. די רבנים האָבען מעהר ניט געהאַט דאָס רעכט צו זיין ריכטער צווישען די אידען, זיי האָבען מעהר ניט געקענט צווינגען אַ אידען דורך אַ חרם צו טאָן וואָס זיי האָבען געפאָדערט; דער קהל האָט אויך פערלאָרען זיין פריהערדיגע מאַכט. דאָס איז אַלץ געווען לויט געזעץ, אָבער אין דער פּראַקטיק האָבען די רבנים נאָך אַלץ גע׳פסק׳עט דין־תורה׳ס צווישען אידען און די רעגירונג זעלבסט האָט געמוזט אָנקומען צו קהל, דאָס זיי זאָלען שיקען דעפּוטאַטען אין פּע־טערבורג, אָדער אין גובערנסקע שטעדט, וועגען אידישע ענינים.

די רוסישע רעגירונג אין דער צייט פון יעקאַטערינאַ דער 2טער האָט געזוכט אָפּצושאַפען דאָס אָפּגעזונדערטע לעבען פון די אידען און צוזאַמענ־

מישען זיי מעהר מיט דער קריסטליכער געזעלשאַפט. צו דיזען צוועק האָט זי געגעבען די אידען דאָס רעכט צו זיין ערוועהלט אין די שטאָדטישע גע־ריכטס־הייזער און אין די מאַגיסטראַטען. אָבער די קריסטען האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס ניט צוצולאָזען די אידען צו די עמטער. און דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך, וואָס די אידען זיינען געווען געצוואונגען צו האַל־טען זיך ביי זייער פריהערדיגער אויטאָנאָמיע. דער סענאַט איז געווען גע־צוואונגען צוריקצורופען דעם אוקאַז פון דער רעגירונג, וואָס האָט געגעבען די אידען פון ליטא דאָס רעכט ערוועהלט צו ווערען אַלס מיטגלידער פון די מאַגיסטראַטען, ווייל פון אייניגע שטעדט, ווי ווילנא און קאָוונא, זיינען אָנגעקומען געגען דעם שאַרפע פּראָטעסטען (1803). די אַרגומענטען אין די פּראָטעסטען זיינען געווען, דאָס די אידען קענען ניט אָפּגעבען די עהרע ביי זייער שבועה דעם צלם, וואָס שטעהט אויף'ן ריכטער־טיש, און ווייל די קריסטען קענען ניט האָבען קיין רעספּעקט פאַר אַ געריכטס־אָרט, אין וועל־כען אידען זיינען ריכטער. די אידען האָבען געמוזט בלייבען ביי זייער אויטאָנאָמיע און זייער קהל, און וואָלטען דערמיט געווען צופרידען. האָט זיך אָבער געמאַכט אַ שפּאַלטונג צווישען די אידען זעלבסט צוליב דער נייער סעקטע, וואָס האָט זיך דאַמאָלס בעוויזען אין יודענטום, צוליב די **חסידים**.

די שפּאַלטונג צווישען חסידים און מתנגדים און די אַריינמי־שונג פון דער רעגירונג. ווען עס איז געשעהען די ערסטע צוטיילונג פון פּוילען איז אויך געשעהען די שפּאַלטונג צווישען די אידען פון יענע ערטער. דאַמאָלס איז דער ווילנער ראַבינאַט אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען דער נייער סעקטע, וועלכע האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „חסידים”. דער פּראָטעסט פון די ווילנער רבנים האָט אָבער ניט געקענט אָפּשטעלען די בעוועגונג, און דער חסידיזם האָט זיך שטאַרק פערברייטעט אין די גובער־ניעס: קיעוו, פּאָדאָליען און וואָלהין, וואו די חסידים האָבען איינגעפיהרט פערשיידענע נוסחאות פון דאַווענען, אַנדערע מנהגים, און האָבען בעקומען די אויבערהאַנט איבער די רבנים. אויך אין ביעלאָרוסיע האָט זיך גע־גרינדעט אַ חסידישע כתה אונטער דער פיהרונג פון **ר' שניאור זלמן פון לאַדי** (ליאַדי). דיזע סעקטע האָט געטראָגען דעם נאָמען חב"ד, דאָס איז די ראשי תבות פון חכמה, בינה, דעת. אין אייניגע שטעדט, ווי מינסק, ווילנא, פּינסק און אַמדור, האָבען זיך געפונען ווענינע חסידישע מנינים, אָבער זיי האָבען געטריבען זייער חסידות בסוד, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט צו זיין חסידים בפרהסיא. נאָר אין קאַרלין (אַ טייל פון פּינסק)

האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטאַרקע חסידישע כּתּה, וועלכע האָט זיך גיך פער־שפּרייט איבער גאַנץ ליטא. איינער פון די קאַרלינער צדיקים, ר׳ שלמה קאַרלינער, ווי מען דערצעהלט, איז גע׳הרג׳עט געוואָרען פון סאָלדאַטען אין 1792, אין דער צייט פון די אונאָרדנונגען פון די פּויליש־רוסישע אַרמעען אין מינסקער בעצירק.

נאָך דער 2טער און 3טער צוטיילונג פון פּוילען זיינען די אַלע חסידישע צענטערן געקומען אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד, און די חסידים האָ־בען געקענט מיט צוזאַמענגענומענע קרעפטען אָנפאַנגען זייער פּראָפּאַ־גאַנדאַ. זיי האָבען אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס דער ווילנער גאון האָט שטאַרק חרטה, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ חרם אויף חסידות, און ער ציהט דעם חרם צוריק. ווען דער גאון האָט זיך דערוואוסט דערפון האָט ער צו־שיקט בריף צו אַלע וויכטיגע אידישע קהלות און האָט אָפּגעלייקענט דעם קלאַנג, וואָס די חסידים האָבען אַרויסגעלאָזען אין זיין נאָמען. דערביי האָט ער נאָך אַ מאָל מזהיר געווען אַלע אידען, אַז זיי זאָלען רודף׳ן די חסידים, וועלכע שטעלען אין סכּנה די אידישע רעליגיאָן און דעם כּלל ישראל. אי־בערהויפּט איז ער אַרויס מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען דעם ספר „תניא״, פון לאַדיער רבי שניאור זלמן, און האָט איהם בעשולדיגט אין אפּיקורסות. דער לאַדיער רבי האָט זיך געפיהלט זעהר שטאַרק געקרענקט פון דיזער בע־שולדיגונג און האָט געבעטען דעם ווילנער גאון, אַז ער זאָל איהם ערלויבען קומען צו איהם און ערקלערען זיין אונשולד. אָבער דער גאון האָט איהם ניט געוואָלט זעהען און די מחלוקות צווישעןביידע פּאַרטייען איז געוואָרען נאָך שטאַרקער. בעזונדערס איז די שנאה פון די מתנגדים צו די חסידים געוואָרען שטאַרק, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, דאָס די חסידים האָבען געמאַכט אַ שמחה ווען דער גאון איז געשטאָרבען (1797). די מתנגדים האָבען בעניית דעם חרם געגען די חסידים, און מען האָט בעשלאָסען אָנצו־געבען אויף זיי מסירות צו דער רעגירונג. באַלד איז דער לאַדיער רבי שניאור זלמן אַרעסטירט געוואָרען און מען האָט איהם אָוועקגעפיהרט קיין פּעטער־בורג. אין ווילנא זיינען דאַמאָלס אויך אַרעסטירט געוואָרען 22 מקורבים פון דעם רבי׳ן. אין פּעטערבורג האָט מען ר׳ שניאור זלמן׳ען שטרענג אויס־געפאָדערט צו זאָגען, וואָס ער טוט און גיין וואָס עס בעשטעהען זיינע רע־פאָרמעס. ער האָט אויף אַלעס געענטפערט קלאָר אין העברעאיש, וועלכעס מען האָט איבערזעצט אין רוסיש, און די רעגירונג האָט ניט געפונען קיין שלעכטס אין זיינע אידעען און טעטיגקייט, און ער איז בעפרייט געוואָרען (ענדע 1798). אָבער דערביי האָט דער קייזער פּאַוועל דער 1טער געגעבען

א בעפעהל, אז מען זאל פונדעסטוועגען ניט אראפנעהמען פון איהם קיין אויג און אכטונג געבען אויף אלעס, וואס ער טוט.

יעצט האבען די חסידים זיך גענומען נוקם זיין אן די ווילנער קהל'ס-לייט, וועלכע האבען אנגעמאכט די גאנצע צרה דעם לאדיער צדיק, און דורך פערשיידענע מסירות און מיט כאבאר איז זיי געלונגען ארונטערצוזעצען די הויפט קהל'ס-לייט און זיי ארעסטירען, און אויף זייער ארט האבען זיי אויסגעקליבען אנדערע, פון די חסידים. די שטאדט איז צושפאלטען געווארען אויף 2 לאגערן. דער גייסט פון מסירות איז אזוי פערשפרייט געווארען, דאס אויך א רב איז געווארען א מוסר. דער פינסקער רב, א ב י ג ד ו ר ח י י מ א וו י ט ש, איז אראפגעזעצט געווארען פון כסא הרבנות צוליב די חסידים. אום זיך נוקם צו זיין אן זיי האט ער דערלאנגט א מסירה אויף'ן לאדיער רבי שניאור זלמן צום קייזער פאוועל דעם 1טען, און מען האט איהם ווידער ארעסטירט און אוועקגעפיהרט קיין פעטערבורג. דארט האט ער בעוויזען זיין אונשולד געגען דעם מוסר אביגדור אין זיין אנוועזענהייט. דערווייל האט זיך געמאכט אן איבערקעהרעניס אין קייזער-ליכען הויף. אלכסנדר דער 1טער איז ארויף אויף'ן טראן און האט בע-פרייט דעם אונשולדיגען רבי'ן. די רעגירונג האט זיך איבערצייגט, דאס דער חסידיזם איז ניט ערגער פיר איהרע אינטערעסען ווי די מתנגדים, און אין דער אידישער קאנסטיטוציאן פון 1804 האט דער חסידיזם בעקומען די זעלבע רעכטען אין רעליגיאן-זאכען, וואס די מתנגדים האבען געהאט.

אין עקאנאמישען לעבען האבען ביידע, ניט די חסידים און ניט די מתנגדים, קיין ענדערונג ניט געמאכט. מען האט פארטגעזעצט חתונה צו מאכען יונגע קינדער, מען האט זיי איבעראל געגעבען קעסט יאהרען-לאנג ביז זיי האבען געהאט פיעלע קינדער. דער חנוך איז געבליבען ביי ביידען דער זעלבער — אין די חדרים. נאר אין גייסטיגען לעבען איז געווארען א היבשע ענדערונג צווישען די מתנגדים. מען האט אפגעשאפט דעם „פלפול" און מען האט אנגעהויבען צו שטודירען דעם תלמוד מיט א לאגישען קרי-טישען זין, לויט דעם וואהרען אינהאלט פון דעם טעקסט. עס איז דאמאלס געגרינדעט געווארען אין וואלאזשין א ישיבה פון גאון'ס א תלמיד, ר' ח י י ם וו א ל א ז ש י נ ע ר, צו לערנען דעם תלמוד לויט דיזער שיטה (1803). צווישען די אנהענגער פון דעם גאון האט זיך אויך ענטוויקעלט א גייסט צו לערנען חכמות, איבערהויפט הנדסה (מאטהעמאטיק) און תכונה (אסטראנאמיע). דער גאון זעלבסט האט געשריבען א ווערק איבער אל-געברא און געאמעטריע („איל משולש"). זיין תלמיד, ר' ברוך שקלאווער,

האָט ער געהייסען איבערזעצען אין העברעאיש דעם אוקלידוס (עווקליד) איבער געאָמעטריע. דער גאון האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, דאָס וויפיעל עס פעהלט אַ מענשען אין אַנדערע חכמות פעהלט איהם דורך דעם צעהן מאָל אַזוי פיעל אין חכמת התורה. בלויז פון פילאָזאָפיע האָט דער גאון ניט געהאַלטען און ער האָט גערעכענט, דאָס זי שאַדט דער אידישער רעליגיאָן.

דער חסידיזם האָט אַרויסגעבראַכט פערשיידענע טיפּען גוטע אידען. דער לאַדיער רבי שניאור זלמן האָט געבויט זיין חסידות אויף פילאָזאָפיע, האָט פיעלע מאָל אַרויסגעזאָגט געדאַנקען אויף די אַרט און וויזע, ווי דער רמב"ם אין „מורה נבוכים". אין זיד־רוסלאַנד האָבען זיך אויסגעצייכענט: ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכער האָט אין זיין ספר „קדושת לוי" אויסגעדריקט דעם גאַנצען פייער פון חסידות. דאָס איז געווען אַ זעלטענער טיפּ איד. זיין ליבע צו יעדען אידען בפרט און צום אידישען פאָלק בכלל האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ. דער צווייטער איז געווען ר' נחום טשערנאָבילער, וועלכער איז אָנפאַנגס געווען אַ צדיק, אַ מוסר־זאָגער, און צו ענדע איז ער געוואָרען אַ בעל מופת. ר' נחמן בראַצלאַווער, אַן אורעניקעל פון בעש"ט, איז געווען אַ שטרענגער אָנהענגער פון בעש"ט'ס חסידות. דער עיקר איז ביי איהם געווען אמונה אָהן פילאָזאָפיע. דער רמב"ם און אַנדערע אידישע פילאָזאָפען זיינען איהם געווען פערהאַסט. אָבער אין אַלגעמיינעם זיינען די גוטע אידען פו יענער צייט געווען מענשען פון דער פּראַקטישער וועלט און זיינען געוואָרען בעלי מופתים, פון וואָס זיי האָבען זיך פערשאַפט אַ רייכעס לעבען. צו דיזע געהערען: ר' ברוך מעזיבעזער (פון מעדזשיבאָזש), וועלכער האָט געפיהרט אַ זעהר רייכעס לעבען, פול מיט לוקסוס, ר' ישראל קאָזעניצער און ר' יעקב יצחק לובלינער (הורוויץ).

עס האָבען זיך אין יענער צייט ביסלאַכווייז אָנגעהויבען אויך וויזען אין תחום המושב שטראַהלען פון השכלה, וועלכע איז אָנגעקומען פון פּרייסען. אין יאָהר 1796 איז אין וואַרשא ערשינען אַ בראָשורע אויף פראַנצויזיש פון אַ משכיל זשאַק קאַלמאַנסאָן, אין וועלכער ער געפינט דעם אונגליק פון די אידען אין זייער אָפּגעזונדערטען לעבען, און בעטראַכט אַלס אַ גליק פיר זיי זיך צו אַסימילירען, צונויפמישען זיך מיט דער קריסטליכער געזעלשאַפט. דער מיטעל דערצו, וועלכען ער שלאָגט פאָר, איז: זיך אָנטאָן אין אייראָפּעאישע קליידער, אָפּשאַפען די רבניה און דעם קהל, גרינדען

פאַלק-שולען, אָפּשניידען די פּאות און אָפּגאָלען די בערד, או. ד. גל. א קליינע גרופּע יונגע לייט האָבען געפאָדערט פון דעם סענאַט גלייכע רעכטען אויף'ן גרונד, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעטאָן אין אייראָפּעאישע קליידער. אין דעם איז בעשטאַנען די השכלה אין די ערשטע צייטען פון איהר ערשיינען אין רוסלאַנד.

די עפּאָכע פון דער ערסטער רעאַקציאָן

(1815 — 1848).

א. דער קאַמף פיר גלייכע רעכטען אין דייטשלאַנד.

די אידען-פראַגע אין וויענער קאָנגרעס. נאָך דעם פאַל פון נאַפּאָלעאָן'ען האָט אייראָפּא געבילדעט דעם הייליגען בונד צווישען רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען. מען האָט זיך גענומען צוריקקעהרען די פריהערדיגע הערשער צו זייערע טראָנען, פון וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט זיי אַראָפּגעשטויסען. די קירכע האָט צוריק בעקומען איהר פריהערדיגע מאַכט אין דער רעגירונג. דער פּרינציפּ איז געוואָרען צו בילדען די קריסטליך-נאַציאָנאַלע מלוכות. לויט דיזען פּרינציפּ האָט יעדע קריסטליך-נאַציאָנאַלע מלוכה געהאַט דאָס רעכט צו דערשטיקען די קליינע נאַציאָנען, וואָס זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער איהר מאַכט, און צווינגען זיי צו אַסימילירען זיך מיט דער מעכטיגער רעגירענדער נאַציאָן. פון דיזען פּרינציפּ האָבען אַלע קליינע פעלקער געליטען, אָבער מעהר פון אַלעמען האָבען געליטען די אידען; זיי האָבען געליטען אַלס ניט-קריסטען און אַלס אַ פרעמדע נאַציאָן, וועלכע האָט ניט געהערט צו דער הערשענדער נאַציאָן.

ווען די אידען-פראַגע איז פאָרגעקומען אויף'ן קאָנגרעס זיינען די מיינונגען פו די דעלעגאַטען געווען פערשיידען וועגען דער עמאַנציפּאַציאָן פון די אידען אין דעם דייטשען בונד. דער ליבעראַלער הומבאָלדט האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל זיי געבען פיעל פרייהייט לויט די פליכטען, וואָס זיי טראָגען אויף זיך צום לאַנד און צו דער רעגירונג. אָבער די דעלעגאַטען פון זאַקסען, באַיערן און אַנדערע דייטשע מלוכות, איבערהויפּט די פרייסשטעדט ברעמען, האַמבורג, ליובעק און פראַנקפורט, האָבען אויסגעפיהרט, דאָס די אידען זאָלען נאָר האָבען די רעכטען, וואָס זיי האָבען בעקומען פריהער פון די דייטשע רעגירונגען זעלבסט, ניט דורך די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און נאַפּאָלעאָן'ען. באָרנע האָט ניט בעמערקט, ווען ער האָט געזאָגט: „ווי נאָר דער קאָט (נאַפּאָלעאָן) איז אַוועק, האָבען די מייז

(די דייטשע הערשער) אָנגעהויבען צו באַלעבאַטעווען". פראַנקפורט און האַמבורג האָבען באַלד צוגענומען פון די אידען די רעכטען, וואָס זיי האָבען בעקומען פון נאַפּאָלעאָן'ען, און ברעמען און ליובעק האָבען בעשלאָסען אין גאַנצען אַרויסטרייבען די אידען פון דאָרט און זיך בעפרייען פון זייער קאָנקורענץ. די אידען פון דיזע שטעדט האָבען געשיקט אַ פּראָטעסט צום וויענער קאָנגרעס געגען זייערע שונאים, און האָבען בעוויזען, דאָס זיי האָבען געאָפּפערט מיט געלט און מיט נפשות אין דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָן'ען פיר די בעפרייאונג פון דייטשלאַנד. די צוויי הויפּט־פּערזאָנען פון קאָנגרעס האַרדענבערג און מעטטערניך, האָבען פערשפּראָכען די אידישע דעלעגאַטען זייער שטיצע. אָבער די אידישע שונאים האָבען דורכגעפיהרט זייער וואונש און מען האָט אָפּגענומען פון די אידען פון די פיער פרייַשטעדט זייערע רעכטען.

אידען־האַס אין ליטעראַטור און קונסט. דער אידען־האַס האָט זיך געשווינד אַריינגעכאַפּט אין טהעאַטער און אין דער ליטעראַטור. אויף דער סצענע האָט מען דאַמאָלס געשפּילט אַ קאָמעדיע: „די אידישע שולע אָדער אונזער האַנדעל", וועלכע האָט געמאַכט די אידען צו שאַנדע און צו שפּאָט. יאַקאָבסאָן האָט גע'פּועל'ט ביים קאַנצלער האַרדענבערג, אַז די רעגירונג זאָל פערוועהרען די פאָרשטעלונג פון דיזער קאָמעדיע, אָבער דאָס פּובליקום האָט ענערגיש געפאָדערט, אַז מען זאָל עס צוריק ערלויבען, און די פּיעסע איז צוריק אַרויף אויף דער סצענע. דער סצענע איז געקומען צו הילף די אוניווערזיטעט. דער בערלינער פּראָפעסאָר פון געשיכטע פ ר י ע ד ר י ך ר י ה ס האָט אין זיין ווערק „די אידישע פּרעטענזיעס אויף דייטשעס בירגעררעכט" פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל ניט געבען די אידען קיין בירגעררעכט, ווייל זיי זיינען ניט קיין קריסטען און ניט קיין דייטשען; מען זאָל זיי בעלאַסטען מיט ספּעציעלע אָפּצאָהלונגען, מען זאָל זיי ניט דערלאָזען זיך צופיעל פערמעהרען, און זאָגאַר צווינגען זיי צו טראָגען אַ בעזונדער צייכען אויף זייערע קליידער, ווי אין מיטעלאַלטער; נאָר אַ געטויפטער איד זאָל קענען ווערען אַ דייטשער בירגער. ריהס'ן צו הילף איז אַרויס פּראָפעסאָר פ ר י ס, פון היידעלבערגער אוניווערזיטעט, מיט זיין ווערק „די געפאַהר פון אידען פיר דעם דייטשען כאַראַקטער". ער האָט מסכים געווען צו אַלע בעשרענקונגען פיר אידען, וואָס ריהס האָט פאָרגעשלאָגען, און האָט צוגעגעבען נאָך מעהר, און האָט געשראָקען דייטשלאַנד, דאָס אויב די רעגירונג וועט זיך ניט נעהמען באַלד דורכפיהרען דיזע מיטלען וועט אין פערציג יאָהר דאָס לאַנד פערשקלאַפט ווערען צו אידען.

נאָך די צוויי אויבען-דערמאָהנטע שונאי-ישראל איז ערשינען א גאַנצע ליטעראַטור פון פערשיידענע אידען-פיינדליכע שרייבער און שמירער. געגען די צוויי אידען-פיינדליכע פּראָפעסאָרען איז אַרויס דער געלעהרטער פּאַס-טאָר פון באַדען, יאָהאַן עוואַלד, מיט זיינע צוויי ביכער: „גע-דאַנקען וועגען די נויטוועגדיגקייט צו איינאָרדנען די אידען אין קריסטליכע לענדער", און „דער גייסט פון קריסטענטום אין דעם אמת'ען דייטשען פאָלק", אין וועלכע ער בעווייזט, ווי מען קען די אידען אַזוי איינאָרדנען, דאַס זיי זאָלען ווערען ווירקליכע ניצליכע בירגער פון לאַנד. נאָך שאַרפער איז אַרויס דער פּובליציסט קרעמער (1816) אין זיין בוך „די אידען און זייערע גערעכטיגע פאָדערונגען אין די קריסטליכע לענדער". אין דיזען ווערק זאָגט ער אָפען, דאַס די אידען האָבען פולעם רעכט צו פאָדערן עמאַנ-ציפּאַציאָן וואו זיי וואוינען. די רעגירונג האָט ניט קיין רעכט זיי אָפּצו-זאָגען אין דעם, ווי באַלד זיי טראָגען די לאַסט פון שטייערן גלייך מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער.

די אידען האָבען דאַמאָלס נאָך ניט געהאַט קיין גוטע ליטעראַטען, וואָס זאָלען זיין אין שטאַנד צו ענטפערן די יודאָפאָבען. בערנע איז געווען צוגעגרייט אָוועקצוגעהן פון יודענטום. זיינען נאָר אַרויס קליינע מענשע-לאַך צו ענטפערן די אידישע שונאים אויף זייערע ליגענס. זייערע ענט-פערס זיינען געווען, דאַס די אידען האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון זייער נאַציאָנאַליזם, די דייטשע אידען ווילען ווערען אמת'ע דייטשען, אָבער דייטשלאַנד וויל זיי ניט אַריינגעהמען אַלס בירגער; אין פראַנקרייך זיי-נען זיי שוין לאַנג פראַנצויזען או. ד. גל. איינער א פּאולוס, פון היידעלבערג, האָט געגעבען א פּלאַן, דאַס מען זאָל לעזען די אידען-פראַגע ניט אין אַלגעמיין, נאָר אין איינצעלן — איז איינער ווערט אַריינצונעהמען איהם אין דייטשען בירגערטום, זאָל מען איהם אַריינגעהמען, און ווער עס איז ניט ווערט זאָל בלייבען אָהן רעכטען. דיזע ליטעראַטור האָט נאָר פער-שטאַרקט דעם פּרינציפּ פון א קריסטליך-דייטשער רעגירונג און האָט גע-פיהרט צו א פּאָגראָם. אין אויגוסט 1819 האָבען אין פיעלע שטעדט צוא-ווילדעוועטע בורשען זיך אַריינגעריסען אין אידישע הייזער, האָבען גע-שלאָגען די איינוואוינער, פערניכטעט זייער האָב און גוטס און האָבען פיעלע אידען אַרויסגעטריבען פון שטאָדט. אין ווירצבורג האָבען די סטו-דענטען אַרויסגעטריבען פון אוניווערזיטעט דעם פּראָפעסאָר ברענדעל דער-פאַר, וואָס ער האָט בעשיצט די אידען, און דערפון האָט זיך אָנגעהויבען א פּאָגראָם, אין וועלכען פיעלע אידען זיינען פעראַרימט געוואָרען און פיעלע

זיינען אַרויס קאַליקעס פון דעם געשלעג מיט די בויאַנעס. די רעגירונג האָט ניט געקענט אָדער האָט ניט געוואָלט בערוהיגען דעם המון, און אויף'ן 2טען טאָג האָט זי אַרויסגעטריבען 400 אידישע נפשות, וועלכע האָבען זיך געוואַלגערט אויסער'ן שטאָדט אונטער דעם אָפענעם הימעל. אַזעלכע פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען אויך אין אייניגע אַנדערע שטעדט פון באַיערן. אויך אין באַדען, קאַרלסרוהע, היידעלבערג און מאַננהיים זיינען פּאָרגעקומען אונרוהען. אין היידעלבערג האָבען די פּראָפעסאָרען און אייניגע סטודענטען זיך געגעבען אַלע מיה און האָבען ניט דערלאָזען צו אַ פּאָגראָם. אין פראַנקפורט אַם מיין איז געווען אַן ערנסטער בעפאַל אויף אידען, אַזוי דאָס אַנשיל ראָטשילד, דער באַנקיר, האָט געוואָלט אַרויס פון שטאָדט. דערפאַר האָט זיך דערשראָקען דער בונדעסטאַג, וויל פיעלע קעניגרייכען האָבען געמוזט אָנקומען צו דער לאַסקע פון דיזען בעריהמטען באַנקיר, און מען האָט דעם פּאָגראָם באַלד איינגעשטילט. אויך אין האַמבורג איז געווען אַן ערנסטער פּאָגראָם. פּרייסען האָט אַליין געמאַכט גענוג ענג די אידען מיט איהרע געזעצען, אַזוי אַז דאָס פאָלק האָט ווענינ געהאַט צו טאָן.

די פּאָגראָמען האָבען וועגעבען די אידען-פרעסער נאָך מעהר מוט אַרויסצוגעהן מיט באַרבאַרישע ליטעראַטור געגען אידען. אַ געוויסער גוטס-בעזיצער הונדט-ראַדאָווסקי איז אַרויס מיט אַ פּאַמפּלעט, אין וועלכען ער האָט אָפען געזאָגט, דאָס ער רעכענט ניט פיר אַ זינד צו ערמאָרדען אידען, אָבער ער געפינט פיר ניצליכער, דאָס די רעגירונג זאָל אַ טייל אידען פערקויפען אַלס שקלאַפען צו ענגלאַנד, זי זאָל זיי געברויכען אָנשטאָט די נעגערס אין אָסט-אינדיען; אַן אַנדערען טייל זאָל מען מאַכען פיר סריסים (אונפעהיג צו געבערען קינדער), די פרויען זאָל מען אַריינגעבען אין די בתי זונות און די איבריגע אַרויסטרייבען פון לאַנד.

די אידישע לאַגע איז געווען זעהר טרויעריג. עס איז ניט געווען צו וועמען זיך צו ווענדען אין יענער צייט. די בעריהמטע פרויען, העגריעטטע הערץ און רחל וואַרנהאַגען (לעווין), האָבען שוין דאַמאַלס געהאַט אָנגענומען דאָס קריסטענטום, און ווען זיי האָבען געפיהלט די ביטערע לאַגע פון די אידען האָבען זיי גאָר ניט געקענט טאָן פיר זיי. דער בעריהמטער שריפטשטעלער לודוויג באָרנע איז שוין געווען געטויפט, און ער האָט מעהר געהאַט אין זינען דייטשלאַנד מיט איהר רעאַקציאָן איידער די אידען. אָבער אין דיזער טרויעריגער לאַגע איז געווען אַ שטיקעל נחמה.

פיעלע אידען, וואָס זיינען געווען ניט ווייט פון שמד, האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צוריק צו זייער פאָלק און צו זייניע היסטאָרישע האָפנונגען.

פראַנקפורטער שטרייט וועגען אידען. צוזאַמען מיט דעם קאַמף, וואָס די אידען האָבען געפיהרט מיט די דייטשע בירגער, האָבען זיי אויך געפיהרט אַ קאַמף מיט די פערשיידענע רעגירונגען אין דייטשלאַנד. די ערסטע זיינען ארויסגעטרעטען געגען אידען די פריישטעדט. זיי האָבען געוואָלט אָפּנעהמען פון די אידען די פרייהייט, וואָס זיי האָבען בעקומען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און ברייגגען זיי צו דעם זעלבען צושטאַנד, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען פאַר דער רעוואָלוציאָן. אין דיזען קאַמף האָבען אָנטייל גענומען: דער וויענער קאָנגרעס, דער בונדעס־טאַג, פערשיידענע יוריסטישע פאַקולטעטען און די פרעסע. די אידען האָבען אַפילו ניט אין גאַנצען געוואונען, אָבער זיי האָבען בעוויזען, דאָס זיי קענען ניט און וועלען ניט זיין אַזוי אונטערטעניג ווי אַמאָל.

באַלד נאָך דעם וויענער קאָנגרעס האָט דער פראַנקפורטער סענאַט גע־וואָלט איינפיהרען די אַלטע פערשימעלטע געזעצען וועגען אידען — אַ געטאָ, קאָנטראָל איבער אידישע חתונות או. ד. גל. די אידען האָבען באַלד אָנגעגעבען אַ קלאַגע צום בונדעסטאַג. אין דער קלאַגע האָבען זיי בעווי־זען, דאָס זייערע רעכטען האָבען זיי ערהאַלטען דורך אַן אָפּמאַך מיט דעם געזעצליכען הערשער, דעם גרויס־הערצאָג דאַלבערג. דער פּראָפעסער פון דיזער קלאַגע איז געווען לודוויג בערנע. דער בונדעסטאַג האָט געפאָדערט פון סענאַט אַן ערקלערונג אויף זייערע מעשים. דיזער האָט געענטפערט, דאָס אַן אָפּמאַך מיט אידען איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 1616. די־זער אָפּמאַך איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דורך אַן אויסלענדישע מאַכט, אָבער יעצט, ווען דיזע מאַכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז דער אַלטער אָפּמאַך ווידער אריין אין קראַפט, און לויט דיזען אָפּמאַך וועלען זיי האַנדלען, וויל ער איז געזעצליך. די בערלינער יוריסטישע פאַקולטעט האָט בע־שטעטיגט די אַרגומענטען פון סענאַט. דערויף האָט די אידישע געמיינדע געענטפערט, דאָס אויב מען האַלט זיך אָן געשיכטליכע פאַקטען, ווארום האַלט מען זיך ניט אָן דעם פאַקט, דאָס אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די רוימער אין דייטשלאַנד האָבען די אידען געהאַט פולע בירגער־רעכ־טען צוגלייך מיט די רוימער זעלבסט? אידען זיינען קיין לייבאייגענע קיינמאָל ניט געווען, זיי זיינען נאָר געווען אַ קורצע צייט קאַמער־קנעכט, דאָס הייסט, אונטערטאַנען פון די קעניגען; און ווי באַלד דער הערצאָג דאַל־בערג האָט זיי בעפרייט פון צו זיין קאַמער־קנעכט זיינען זיי פרייע בירגער

גלייך מיט אַלעמען, און קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו בעשרענקען זייערע רעכטען אַלס פרייע בירגער. דער סענאַט האָט דערויף געענטפערט, דאָס די אידען זיינען געוואָרען פרייע בירגער פון גרויס־הערצאָגטום פראַנקפורט, אָבער יעצט איז עס די פרייע שטאָדט האַמבורג. מיט אַזעלכע פוילע תירוצים האָט דער סענאַט געזוכט צו פערשקלאַפען די אידען.

דער בונדעסטאָג האָט בעשטימט אַ קאָמיסיאָן אויסצוגלייכעןביידע צדדים (1818). מען האָט זיך אָנגעהויבען צו דינגען; דער סענאַט האָט געוואָלט אַ ביסעל נאָכגעבען די אידישע פאָדערונגען, די אידען האָבען אויך אַ ביסעל געוואָלט נאָכגעבען, אָבער צו קיין רעזולטאַט איז מען ניט געקומען. דערווייל איז אָנגעקומען דאָס יאָהר 1819 מיט זיינע טרויעריגע פּאָגראָמען און דעמאָנסטראַציאָנען. די אידען האָבען זיך געווענדעט צום עסטרייכישען מיניסטער מעטטערניך, וועלכער איז דאַמאָלס געוועזען דער הויפּט־דיפּלאָמאַט אין איירָאָפּאַ. מעטטערניך האָט געפאָדערט פון סענאַט אָפּצוזאָגען זיך פון זיינע אונגעזעצליכע פאָדערונגען. אָבער די קריסטען זיינען ארוים מיט אַ פּאַמפלעט, אין וועלכען זיי האָבען געפאָדערט, דאָס דער סענאַט זאָל ניט נאָכגעבען די אידען, וואָרום ווען יע, וועלען די אידען ווערען אין 20 יאָהר אַרום די הויפּט בעלי בתים אין שטאָדט, און זיי וועלען שאַפען אַ קריסטליכען געטאָ. דער בונדעסטאָג האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו די לאַנגע פערהאַנדלונגען, און האָט געענטפערט דעם סענאַט, דאָס זיינע פאָדערונגען זיינען ניט געזעצליך און זאָגאַר אונמאָראַליש דערמיט, וואָס ער וויל בעשרענקען די צאָל אידישע חתונות אויף 15 אַ יאָהר, וועהרענד די אידען צעהלען 3,000 נפשות אין פראַנקפורט. 10 יאָהר האָט געדויערט דער קאַמף. ענדליך האָבען זיך די ביידע צדדים פערגליכען — די אידען האָבען נאָכגעגעבען און דער סענאַט איז געוואָרען אַ ביסעל ווייכער. די אידען האָבען בעקומען דעם טיטעל „איזראַעליטישע בירגער", וועלכע בילדען אַ בעזונדער געזעלשאַפט, און האָבען ניט קיין אָנטייל אין דער שטאָדט־רעגירונג, מיט נאָך איינציגע בעשרענקונגען אין מסחר און אין דער צאָהל חתונות. איבערהויפּט איז געוועזען גראָב און שענדליך דאָס רעכט, וואָס דער סענאַט האָט געהאַט, אריינצומישען זיך אין די אידישע רעליגיאָן־זאַכען. דאָס איז געווען צו פערדאַנקען דער שפּאַלטונג אין דער אידישער געמיינדע זעלבסט צווישען די רעפאָרמירטע און אָרטהאָדאָקסען. עס איז צו שטוינען, דאָס דער אידישער היסטאָריקער יאָסט האָט דיזע אָרדנונג געפונען פיר רעכט.

אין די איבריגע פּריישטעדט איז עס געווען פיעל ערגער. אין פראַנק־פורט האָבען די אידען געהאַט אַ טענה, דאָס זייערע רעכטען האָבען זיי בעקומען פון אַ געזעצליכען הערשער. אין די איבריגע פּריישטעדט אָבער האָבען זיי בעקומען זייערע רעכטען, ווען די פראַנצויזען זיינען דאָרט גע־וואָרען די בעלי בתים, און דעריבער, ווי נאָר די פראַנצויזען זיינען פון דאָרט פערטריבען געוואָרען, זיינען די אידען פערבליבען ביי זייערע אַלטע בעשרענקונגען. ברעמען און ליובעק האָבען נאָך מעהר רשעות געטאָן די אידען: זיי האָבען זיי פשוט אַרויסגעטריבען, און די, וואָס האָבען ניט געוואָלט אַוועקגעהן, האָט מען פער׳חתמ׳עט זייערע געשעפטען און קאָנפיס־קירט זייערע סחורות און אַרויסגעטריבען.

די רעאַקציאָן אין פּרייסען (1815—1830). אָן דער שפּיץ פון אַלע רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין דייטשלאַנד איז געשטאַנען פּרייסען. די אוניווערזיטעטען האָבען געהאָלפען צו מאַכען זי פיר אַן אמת׳ע קריסטליך־דייטשע רעגירונג. אויך די קירכע האָט איהר פיעל געהאָלפען צו דער־גרייכען דיזען ציל. מעהר פון אַלעמען האָבען די אידען געפיהלט דעם דרוק פון דיזער שטרעבונג פון דער רעגירונג. אין 1812, ווען פּרייסען איז געווען געדריקט און ערנידריגט פון נאַפּאָלעאָן׳ען, האָט זי געגעבען די אידען כמעט פולע רעכטען, אָבער ווי נאָר זי איז געוואָרען צוריק מעכטיג האָט זי צוריק אָפּגענומען פון די אידען זייערע אַלע רעכטען. אום צו מאַ־כען דיזע עוולה געזעצליך, האָט די רעגירונג געמאַכט אַן אונטערשייד צווי־שען אידען, וואָס זיינען פריהער געווען אונטער דער פּרייסישער רעגירונג, און די דאָזיגע, וועלכע זיינען צוגעקומען לויט די בעשלוסען פון וויענער קאָנגרעס. די אידען פון די נייע צוגעקומענע לענדער צו פּרייסען, האָבען געהאַט נאָר די רעכטען, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין די לענדער, וואו זיי האָבען געוואוינט איידער זיי זיינען אַרונטער אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט.

אין פּרייסען זעלבסט האָט די רעגירונג געזוכט אַלערליי מיטלען ווי צו בערויבען די אידען פון די רעכטען, וואָס זיי האָבען בעקומען פריהער געזעצליך. אין יאָהר 1826 האָט אַ איד געבעטען, אַז מען זאָל איהם געבען אַ רעגירונגס־שטעלע אויף דעם גרונד, ווייל ער איז געווען אַ וואָלונטיר אין דער פּרייסישער אַרמעע אין די מלחמות פון 1812—1813; האָט איהם די רעגירונג געענטפערט, דאָס זי קען ניט צופרידען שטעלען ,זיין וואונש ווייל ער איז אַ איד. לויט דער קאָנסטיטוציאָן פון 1812 האָבען די אידען געהאַט דאָס רעכט צו פערנעהמען שטעלעס אַלס יוריסטען, פּראָפעסאָרען

און דאָקטוירים. אָבער דער עדיקט פון קעניג, פון 1822, האָט ביי זיי דיזע רעכטען צוגענומען אָהן אַ שום אורזאַך, נאָר וויל זיי זיינען אידען. דיזע בעשרענקונגען האָבען ווידער פערשפּרייט די שמד־עפּידעמיע צווישען אידען, אַן עפּידעמיע, וועלכע האָט צוגענומען פון אידישען פאָלק אַזעלכע זשעניען ווי היינע, באָרנע און גאַנז (1818—1825). דער צוועק פון דער טויפע איז געווען, ווי היינע דריקט זיך אויס, צו בעקומען אַן „איינטריטס־בילעט" צו דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. די פּרייסישע רעגירונג האָט געגעבען די אידען איין ברירה — „שמד זיך, אָדער זיי אָפּגעזונדערט", און זי האָט געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו קרענקען דעם אידען. אַזוי צ. ב. האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען אַן עדיקט, דאָס אין דאָקומענטען, וואו עס רעדט זיך וועגען אידען, זאָל געברויכט ווערען דאָס וואָרט „יודע", וועלכעס איז אַזוי שימפּליך ווי „זשיד" אין רוסיש, אַנשטאָט וואָס פריהער האָט מען געברויכט די ווערטער „פּערזאָן פון משה'ס גלויבען". דאָס האָט זעהר געקרענקט פיעלע אידען און זיי האָבען זיך בעקלאָגט וועגען דעם צום קעניג; אָבער עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפען. נאָך מעהר, דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען אַן עדיקט, דאָס די אידען טאָרען זיך ניט געבען קריסטליכע נעמען, אום מען זאָל זיי בעסער דערקענען. דאָס איז געווען אַ סאָרט שאַנד־מיטעל, ווי די שאַנד־לאַטע אויף די אידישע קליידער אין מיטעלאַלטער. דער אידישער געלעהרטער צונץ האָט בעוויזען אין אַ בעזונדערען בוך, דאָס זעהר פיעלע ביבלישע נעמען ווערען געברויכט פון קריסטען און מען קען ניט פערוועהרען די אידען זיי צו געברויכען; דאַמאָלס האָט די רעגירונג אומגעביטען דאָס געזעץ, און האָט פערבאָטען נאָר אַזעלכע נעמען, וואָס האָבען אַ צוזאַמענבונד מיט'ן קריסטענטום, ווי: פעטער, קריסטאָפאָר או. ד. גל. (1841). די ברירה: „שמד זיך, אָדער לעב אָפּגעזונדערט", איז אויך געווען דער יסוד פון דעם עדיקט, וואָס האָט פערוועהרט אידען (1823) צו געברויכען די ריינע דייטשע שפּראַך אין די רעדעס אין די סינאַגאָגען, און האָט ניט ערלויבט צו קאָנפירמירען (פּראַווען בר־מצוה'ס) אין די שוהלען פיר אינגלאַך און מיידלאַך, וויל דאָס איז נאָכגעטאָן די דייטשען.

די רעאַקציע ווערט שוואַכער. גבריאל ריססער. ענדליך זיינען די פעלקער מיד געוואָרען פון דער רעאַקציאָן פון דעם היילינגען בונד. עס האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען פרישע ווינטען (1830). עס איז אַרויס געגען דער רעאַקציאָן „די יונגע דייטשלאַנד" מיט לודוויג באָרנע אַן דער

שפּיץ, און די יונגע יודענהייט מיט גבריאל ריססער אַן דער שפּיץ, וועלכער האָט אָנגעהויבען אַ נייעם קאַמף פיר גלייכע רעכטען פיר אידען.

גבריאל ריססער (1860—1806) איז געבאָרען געוואָרען אין האמבורג, וואו די אידען האָבען קיין רעכטען ניט געהאַט. ער האָט גע-ענדיגט די אוניווערזיטעט אַלס יוריסט, און איז געוואָרען אַ בעריהמטער געלעהרטער אין זיין פאַך. אָבער מען האָט איהם ניט צוגעלאָזען צו קיין שטעלע, ניט אין אוניווערזיטעט און ניט אַלס אדוואָקאַט. ער האָט זיך גע-געבען אַ שבועה, ווען ער איז אַלט געוואָרען 24 יאָהר, ניט צו בלייבען רו-היג ביז ער וועט אויסקעמפפען פיר אידען גלייכע רעכטען. הגם ער זעלבסט איז געווען אַן אסימילירטער איד, איז ער אַרויס מיט גרויס פייער געגען די אסימילאַנטען, וואָס זאָגען זיך אָפּ פון יודענטום צוליב גלייכע רעכטען. ער האָט אָנגעשריבען וועגען דעם געגענשטאַנד צוויי ווערק. אין דעם ערס-טען (1830) איז ער אַרויס מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט געגען דעם אונ-רעכט, וואָס מען טוט די אידען, צוגעמענדיג פון זיי מענשליכע רעכטען, און ער רופט אַרויס די געבילדעטע קלאַס פון די אידען אָנצופאַנגען אַ קאַמף געגען אידען-האַס. דערביי בעצאָהלט ער מיט פעראַכטונג די יעניגע אידען, וואָס געהען איבער צום קריסטענטום צוליב קריגען רעכטען. דאָס צווייטע ווערק (1831) איז אַן ענטפער צו דר. פּאולוס, וועלכער האָט געשריבען אַ ווערק וועגען אידישע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען, וואָס שטערען זיי צו ווערען גוטע דייטשע בירגער. אין דיזען ווערק ווייזט ריססער, דאָס די אידען זיינען ניט מעהר ווי אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט נאַציאָנאַליזם, ווייל זיי זיינען שוין ניט קיין נאַציאָן זינט זיי האָבען פערלאָרען זייער פאָטערלאַנד, יעצט זיינען זיי עכטע דייטשען, דורכגע-דרונגען מיט דער רייטשער קולטור, און זיינען גרייט צו אָפּפערן זייער לעבען פיר דייטשלאַנד. שפּעטער האָט ער געביטען זיין מיינונג וועגען דער אי-דישער נאַציאָנאַליטעט.

אין 1833 איז אַ בערלינער בעאַמטער שטרעקקפוס אַרויס מיט אַ פּראָיעקט, דאָס די רעגירונג זאָל געבען גלייכע רעכטען נאָר צו די רייכע און געבילדעטע אידען, אָבער די געמיינע מאַסע זאָל בלייבען אין דעם אַלטען צושטאַנד. געגען דיזען פּראָיעקט זיינען אַרויס ריססער, יאָסט און יאַקאָבי, און האָבען געפאָדערט גלייכע רעכטען פיר אַלע אידען אָהן אויסנאַהמע. ווען פריעדריך ווילהעלם דער 4טער איז אַרויף אויף'ן טראָן (1840) האָט זיך דער שטרייט פון די אידען פיר גלייכע רעכטען פיעל פערשטאַרקט. פריעדריך ווילהעלם איז געווען איבערצייגט,

דאָס די אידען זיינען אַ בעזונדער פאָלק און זיי קענען פיר קיין פאַל ניט ווערען קיין עכטע דייטשען, און דעריבער קען מען זיי בשום אופן ניט צו-לאָזען צו קיין רעגירונגס-שטעלעס, מען טאָר זאָגאר פון זיי ניט נעהמען קיין סאָלדאַטען פיר די אַרמעע. דערפאַר האָט ער בעשלאָסען צו געבען זיי פולע אויטאָנאָמיע אין זייער רעליגיעזען לעבען. דאָס האָט אַרויסגערופען די בעסטע אידישע קרעפטען פון יענער צייט צום קאַמף. דער הויפּט-אָנ-פיהרער פון פּראָטעסט געגען דעם איז געווען לודוויג פיליפּסאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטהומס". די פאָרשטעהער פון 84 אידישע געמיינדעס האָבען אונטערגעשריבען אַ פּע-טיציאָן צום קעניג, אַז ער זאָל ניט צונעהמען פון אידען די עהרע צו דינען אין דער אַרמעע. אין דער זעלבער צייט האָבען פיעלע אַנדערע אידישע געמיינדעס געבעטען דעם קעניג יועגען געבען אידען גלייכע רעכטען. דע-רויף האָט דער קעניג געענטפערט (5טען מאַי 1842), דאָס ער מיינט נאָר די אידישע טובה. אָבער עס איז אוממעגליך צו געבען זיי גלייכע רעכטען אין אַ קריסטליכער מדינה, ווייל די קריסטען קענען ניט פערטראָגען די הערשאַפט פון אַ אידען איבער זיי. דערביי האָט ער זיי פערשפּראָכען אין קורצען אַרויסצוגעבען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן וועגען אידען. וואָס אָנבע-טרעפט דעם מיליטער-דינסט בלייבט זיי דאָס רעכט אַריינצוטרעטען אין די אַרמעע אַלס וואָלונטירען.

די אידען אָבער האָבען זיך דערמיט ניט בערוהיגט. זיי האָבען אָנגע-הויבען צו באָמבאַרדירען די רעגירונג מיט ליטעראַטור. מעהר פון אַלעמען און שטאַרקער פון אַלע אַנדערע איז אַרויס ריססער געגען דער בעהויפּטונג פון דער רעגירונג, דאָס זי וויל ניט צושטערען דעם בונד, וועלכער עקסיס-טירט ביי אידען צווישען זייער רעליגיאָן און נאַציאָנאַל-געפיהל, און דע-ריבער וויל זי ניט אַסימילירען זיי דורך גלייכע רעכטען. געגען דעם איז ריססער אַרויס (1842) מיט זיין ווערק „די מורא וועגען דער צוקינפטיגער לאַגע פון די אידען אין פּרייסען". אין דיזען ווערק ווייזט ער, ווי פאַלש עס איז די בעהויפּטונג פון דער רעגירונג, דאָס זי וויל ניט שטערען און פערניכטען דעם נאַציאָנאַל-געפיהל אין די אידען. „ווען זי איז אַזוי לי-בעראַל — האָט ער געפרעגט — וואָרום דריקט זי און וויל פערניכטען דעם נאַציאָנאַל-געפיהל אין די פּאָליאַקען? דער אמת אָבער איז, דאָס די אי-דען זיינען שוין לאַנג ניט קיין נאַציאָן, זינט זיי האָבען פערלאָרען זייער לאַנד און זייער שפּראַך. די אידישע אויטאָנאָמיע איז נאָר דער רעזולטאַט פון דעם שטרעבען פון די קריסטליכע פעלקער צו האַלטען די אידען אָפּגע-

זונדערט פון זיי אום זיי זאָלען ניט שאַדען דעם קריסטענטום. די אידען זעלבסט אָבער פּראָטעסטירען ענערגיש געגען דיזער אָפּזונדערונג און שטרעבען צו אַסימילאַציאָן". די צייט אָבער האָט בעוויזען ריססער'ס טעות. זי האָט בעוויזען, דאָס די אידישע אויטאָנאָמיע איז דער רעזולטאַט פון דעם אידישען נאַציאָנאַל-געפיהל, וועלכער האָט אויפגעהאַלטען אין זיי דעם רעליגיאָנס-געפיהל.

די לאַנדטאַגען נעהמען זיך אָן פיר די אידען. ענדליך אָבער האָבין אָנגעהויבען צו בלאָזען נייע ווינטען אין דער דייטשער פּרעסע. אויך די לאַנדטאַגען פון איינינע פּראָווינצען אין דייטשלאַנד זיינען געוואָרען מעהר ליבעראַל צו דער אידען-פראַגע. אין דעם לאַנדטאַג פון די רהיינישע פּראָווינצען זיינען אַריינגעקומען פּעטיציאָנען פון איינינע מוניציפּאַליטעטען, אַז מען זאָל געבען די אידען גלייכע רעכטען, וועלכע זיי האָבען דאָרט געהאַט שוין פון פריהער. דעם 16טען יולי 1848 האָט דער לאַנדטאַג אין דיססעלדאָרף אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן: בעטען דעם קעניג, אַז ער זאָל אָפּשאַפען אַלע בעשרענקונגען וועגען אידען און געבען זיי בירגער-רעכט און פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג. די רעגירונג אָבער האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דער רעזאָלוציאָן פון דיססעלדאָרפער לאַנדטאַג. אין אָנפאַנג פון 1845 האָבען איינינע בירגער געבעטען דעם לאַנדטאַג, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל אויפהויבען די אידען-פראַגע און פאָדערן פון דער רעגירונג אידישע גלייכבערעכטיגונג. דיזען מאָל האָט די רעגירונג נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון לאַנדטאַג און האָט אָפּגעשאַפט די בעשרענקונגען פון אידען און האָט זיי געגעבען בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטען (מערץ 1845). נאָכדעם האָבען פיעלע אַנדערע לאַנדטאַגען געפאָדערט גלייכע רעכטען פיר אַלע אידען אין פּרייסען, אויך פיר די פּראָווינצען, וואָס האָבען פריהער געהערט צו פּוילען. אַן אויסנאַהמע האָט געמאַכט די זאַקסישע פּראָווינץ, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר רעאַקציאָנערען גייסט. די רעגירונג פון איהר זייט האָט געענטפערט, דאָס דער קעניג געפינט עס פיר אונמעגליך צו געבען אידען פּאָליטישע רעכטען. אין פריהלינג פון 1847 האָט די רעגירונג צוזאַמענגערופען פאָרשטעהער פון אַלע לאַנדטאַגען אום צו בעאורטיילען דעם נייעם פּראָיעקט וועגען אידישער גלייכבערעכטיגונג. די דעבאַטען האָבען קלאָר געצייגט, דאָס די רעגירונג איז נאָך אַלץ געגען געבען אידען גלייכע רעכטען. די מיניסטאָרען א י כ ה אָ ר ן און ט י ל ע האָבען געזאָגט, דאָס די אידען קענען בשום אופן ניט זיין קיין ריכטיגע דייטשע בירגער,

ווייל זיי טראָגען זיך אימער מיט'ן געדאַנק אויפצושטעלען אַן אייגענע מלוכה אין ציון. די אידען צוזאַמען מיט אייניגע ליבעראַלע קריסטען האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען אַזאַ רעאַקציאָנערע שטעלונג אין דער אידען־פראַגע, און ענדליך איז אָנגענומען געוואָרען דאָס געזעץ וועגען די אידען אין פּרייסען. דיזע קאָנסטיטוציאָן האָט געהאַט איהר צוועק צו פערבעסערן דעם עדיקט וועגען אידען אין 1812. אָבער זי איז געווען פול מיט אויסנאַהמען, וועלכע האָבען בעשרענקט די אידישע גלייכבערעכטיגונג. אַזוי צ. ב. האָבען אידען ניט געטאָרט פּערנעהמען וועלכע עס איז שטעלעס אין דער פּאָליציי, אין געריכטס־הייזער, אין אוניווערזיטעטען, אין דער אַרמעע. זיי איז נאָר געגעבען געוואָרען פרייהייט אין איינאָרדנען זייערע רעליגיעזע געמיינדעס, ערוועהלען זייערע רבנים און שול־בעאַמטע. זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט אָנטייל צו נעהמען אין די וואַהלען פון לאַנדטאַג. אין באַיערן, וואו עס האָבען זיך געפונען לערך 60,000 אידען, האָבען נאָך אין יענער צייט געהערשט די אַלטע אידישע געזעצען מיט דער שטרעבונג צו פערקלענערן מעהר און מעהר זייער צאָהל. נאָר אין דעם טייל פון באַיערן, וואָס איז צוגעקומען נאָך נאַפּאָלעאָן'ס מפלה, האָבען אַ קורצע צייט די אידען נאָך געהאַט גלייכע רעכטען, וועלכע זיי האָבען ערוואָרבען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. אָבער די באַיערישע רעגירונג האָט באַלד אָנגעהויבען אָפּצונעהמען פון זיי דיזע רעכטען. אין אַפּריל 1819 האָבען די אידישע פאָרשטעהער אין באַיערן געבעטען פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל זיי געבען גלייכע רעכטען. געגען דיזער ביטע זיינען אַרויס די מינבענער קריסטליכע סוחרים און האָבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל ניט געבען די אידען קיין רעכטען, ווייל זיי וועלען זיי שאַדען מיט זייער קאָנקורענץ. עס איז ערשינען אַ ווערק פון פּראָפעסאָר ל י פ ס, אין וועלכען ער ערקלערט די אורזאַכען, וואָרום אידען זיינען אַזוי פערהאַסט ביי די קריסטען. די הויפּט אורזאַכען דערפון זיינען, נאָך זיין מיינונג, די אָפּגעזונדערטקייט פון די אידען אין זייערע מנהגים און זייער איינגעוואָרצעלטער נאַציאָנאַלגעפיהל. ער דריקט אָבער אויס די מיינונג, דאָס ווען מען זאָל זיי געבען גלייכע רעכטען, וואָלטען זיי זיך דאָך לסוף אַסימילירען מיט די דייטשען (1819).

די פּעטיציאָן, וואָס די אידען האָבען דערלאַנגט צו דער רעגירונג, האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויף'ן לאַנדטאַג און עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז מען זאָל פערהאַנדלען וועגען דיזער פראַגע. דער קעניג האָט געגעבען דערצו זיין הסכמה, און האָט פערשפּראָכען, דאָס דער מיניסטער פון אינערן וועט אין גיכען זיך בעשעפטיגען מיט דיזער פראַגע. אָבער די

שונאי ישראל האָבען גענומען מאַכען פּאַגראָמען, אום דערמיט צו צייגען, אַז דאָס פאָלק איז געגען געבען אידען גלייכע רעכטען. די אידישע פיינד האָבען זייער ציל דערגרייכט: די רעווידירונג פון דעם אַלטען געזעץ איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אונבעשטימטער צייט. ענדע פון 1821 האָבען די באַיערישע אידען ווידער דערלאַנגט אַ פּעטיציאָן וועגען פולע רעכטען. דער לאַנדטאַג האָט אויך אָנגעפרעגט ביי דער רעגירונג, ווען וועט זי זיך שוין ענדליך נעהמען צו לעזען די אידען־פראַגע. אָבער די רעגירונג האָט געענטפערט, דאָס די צייט איז נאָך ניט געקומען דערצו; זאָלען די אידען ווערען מעהר ציוויליזירט און געבילדעט, דאַן וועט זיין די געווינשטע צייט צו לעזען די אידען־פראַגע.

די אידען האָבען געפאָלגט דעם ראַט פון דער רעגירונג: זיי האָבען זיך גענומען ציוויליזירען, בילדען. עס האָט זיך אין אַ קורצער צייט צווישען זיי בעוויזען אַ גרויסע צאָהל יוריסטען, דאָקטוירים און אינזשעניערען, אָבער אַלע שטעלעס זיינען געווען פערנומען מיט קריסטען און דער איד איז ניט צוגעלאָזען געוואָרען צו קיין אמט. אין 1831 האָבען די אידען ווידער אַריינגעגעבען אַ פּעטיציאָן וועגען געבען זיי גלייכע רעכטען. אין זייער ביטע האָט געקלונגען אַ טאָן פון פּראָטעסט:

„50 טויזענד איינוואוינער פון לאַנד, וועלכע טראָגען אַלע לאַסטען און ערפילען אַלע בירגערליכע פליכטען גלייך מיט די קריסטליכע בירגער, זיינען בערויבט ניט נאָר פון בירגערליכע רעכטען, נאָר אויך פון די וויכטיגסטע, הייליגע מענשליכע רעכטען, בלויז דערפאַר, ווייל זיי אַנערקענען אַ רעליגיאָן, וועלכע איז די מוטער פון קריסטענטום... 50 טויזענד איינוואוינער זיפצען אונטער דעם דרוק פון גרויזאַמע און אונגערעכטע אויסנאַהמס־געזעצען, וועלכע מען האָט מיט 12 יאָהר צוריק הייליג פערשפּראָכען אומצוענדערן און אָפּצושאַפען. אַ רעכט, וואָס טאָר ביי קיין מענשען ניט צוגענומען ווערען, איז זיין רעכט צו האָבען אַ פאָטערלאַנד, צו ענטוויקלען זיינע גייסטיגע און פיזישע קרעפטען, בעזיצען אייגענטום, ערווערבען אַן אָרט צום בעזעצען זיך, הייראַטען, ערציהען קינדער און זיי איבערלאָזען בירושה אַ פאָטערלאַנד, אַן אייגענעם ווינקעלע, און געזיכערטע מענשליכע רעכטען; אָבער דאָרט, וואו מען בעפעהלט זיי צו פ ע ר ק ל ע נ ע ר ן די צאָהל פון פאַמיליעס, וואו עס איז זיי פערבאָטען צו פערמעהרען זיך און זייער וואוין־רעכט איז בעשרענקט בלויז אויף אייניגע ערטער — דאָרטען האָבען אונזערע קינדער ניט קיין פאָטערלאַנד, קיין אייגענטום, קיינע פּראָפעסיאָנען; דאָרטען זיינען זיי פעראורטיילט צו בלייבען אונפערהייראַט,

זיך אָפּצוזאָגען פון פּערזענליכע רעכטען און פאַמיליען־רעכטען, צו אונטער־געהן פיזיש און מאָראַליש״ . . .

דער לאַנדטאַג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן צו פאָדערן פון דער רע־גירונג, אַז זי זאָל זיך נעהמען וואָס גיכער צו לעזען די אידען־פראַגע. עס זיינען געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבען געפאָדערט פון די אידען, אַז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון תלמוד און איבערנייטען זייער טאָג פון רוה פון שבת אויף זונטאָג, אָבער די מעהרהייט האָט פערוואָרפען דיזע אונגערעכטע פאָדערונג, און די רעגירונג האָט פערשפּראָכען צו נעהמען זיך אין גיכען לעזען די אידישע פראַגע. זי האָט אָבער גענומען אַן אויסוועג ווי אָפּצו־שטופען די לעזונג פון דער פראַגע אויף אַן אונבעשטימטע צייט. ווייל די אידען זיינען אין רעליגיעזער הינזיכט געווען געטיילט אין אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמירטע, האָט די רעגירונג בעשלאָסען פריהער צו זעהן, אויב עס איז מעגליך צו רעאָרגאַניזירען די אונאייניגע אידישע געמיינדעס. דאָס איז נאַטירליך נאָר געווען אַ בעקוועמער אויסרייד. נאָר די רעגירונג האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, דאָס זי בעקימערט זיך שטאַרק וועגען דער אונאיי־ניגקייט צווישען אידען. אין אָקטאָבער 1835 האָט דאָס מיניסטעריום פון אינערן פערנאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע פּראָווינציעלע רעגירונגען, אין וועלכען עס איז אָנגעוויזען געוואָרען, דאָס עס איז נעטיג צוזאַמענצו־רופען אין אַלע בעצירקען פון דעם קעניגטום אידישע „קירכליכע פערזאַמ־לונגען״, אום פעסטצושטעלען אַן איינהייטליכע איינריכטונג פון די אידישע געמיינדעס און פעראייניגען זיי אונטער דער „קירכליכער מאַכט״, וועלכע שטעהט אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

אין אָנהויב פון 1836 זיינען ערוועהלט געוואָרען איבער 400 דעלע־גאַטען פון די אידישע געמיינדעס אין באַיערן, וועלכע האָבען אָפּגעהאַלטען זייערע זיצונגען אין פערשיידענע שטעדט. די רעגירונג האָט פאָרגעלעגט פאַר די פערזאַמעלטע דעלעגאַטען פערשיידענע פראַגען, אונטער אַנדערע אויך אַזעלכע, ווי: צי אָנערקענט די אידישע רעליגיאָן דעם פּרינציפּ פון דער הייליגער דריי־איינינגקייט, וועלכע איז געגרינדעט אויף תורת משה (?); וואָס מיינט דער איד אונטער'ן נאָמען „שבת־גוי״? איז די תלמודישע אויטאָריטעט הייליג פיר אידען? קענען די אידען ענדערן זייער טאָג פון רוה פון שבת אויף זונטאָג? אין וואָס בעשטעהען די אידישע דאָגמאַס (עקרי הדת)? קען מען ניט אָפּשאַפען די צוויי־טעגיגע ימים טובים (שני ימים טובים של גליות) און בעשטימען נאָר איין טאָג, ווי עס איז בעפוילען אין דער ביבעל? וואָס ערוואַרטען די אידען פון אַ משיח? — דיזע

פראגען האָבען אַרויסגערופען שאַרפע דעבאַטען צווישען די אָרטהאָדאָקסען און די רעפאָרמירטע. אייניגע האָבען אָנערקענט נאָר דריי עקרי הדת פון ר׳ יוסף אלבו (בעל העקרים), מציאות ה׳ תורה מן השמים און שכר ועונש: אַנ־דערע האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן דעם רמ״בם׳ס דרייצעהן אני מאמין׳ס. איבערהויפּט זיינען געווען היים די דעבאַטען וועגען משיח. די אָרטהאָדאָק־סען האָבען ערקלערט, דאָס דורך אַ משיח האָפען די אידען צוריק אויפ־שטעלען זייער אַלטע מלוכה אין ציון, און די רעפאָרמירטע האָבען אָפּגע־לייקענט, דאָס אידען זיינען נאָך יעצט אַ פאָלק, און דעריבער וועלען זיי קיינמאָל ניט צוריק הערגעשטעלט ווערען אַלס פאָלק אין ציון. עס זיינען אויך געווען שטאַרק פערשיידען די מיינונגען וועגען דער אויטאָריטעט פון תלמוד; אָבער אין דער פראגע פון שבת האָבען אַלע איינגעשטימט, דאָס מען טאָר ניט פערבייטען איהם אויף זונטאָג. די רעגירונג האָט געצוויגען פיר זיך נוצען פון דער פערשיידענהייט אין רעליגיאָן צווישען די אידען און האָט געענטפערט, דאָס פריהער מוזען זיך די אידען אייניגען אין די רעליגיעזע פראגען און דאַן וועט זי וויסען וואָס פיר רעכטען צו געבען זיי (1837). מיט אייניגע יאָהר שפּעטער (1845) האָבען די אידען אין באַ־יערן ווידער אָנגעהויבען שטורמען דעם לאַנדטאָג מיט זייערע פּעטיציאָ־נען. אין לאַנדטאָג האָט דאַמאָלס געהערשט אַ ליבעראַלער גייסט, אָבער די רעדע פון דעם בעוואוסטען טהעאָלאָג דעלינגער האָט פערדאָרבען די גוטע שטימונג פון לאַנדטאָג און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פאָ־דערן פון דער רעגירונג נאָר אייניגע ענדערונגען אין דער געזעצגעבונג וועגען די אידען. אָבער די רעגירונג האָט אַלץ אָפּגעלעגט די פערהאַנדלונג וועגען דעם, און אַזוי איז עס פערבליבען ביז דער רעוואָלוציאָן פון 1848.

דער שטרייט צווישען רעליגיאָן און פּאָליטיק אין באַדען. אין באַדען האָבען זיך דאַמאָלס געפונען איבער 20 טויזענד אידען, נאָר אַ קליינע צאָהל פון זיי האָט געהאַט בירגער־רעכט; די גרויסע מאַסע, וועל־כע איז בעשטאַנען פון קליינע סוחרים, האָט קיין בירגער־רעכט ניט גע־האַט. די פּעטיציאָנען פון די אידען צו פערבעסערן זייער לאַגע און געבען זיי גלייכע רעכטען, ווי די קאָנסטיטוציאָן האָט געפאָדערט, זיינען פער־וואָרפען געוואָרען דורך די מיה פון די יודאָפאָבען, וועלכע האָבען ער־קלערט דעם פאָלק, דאָס כל זמן די אידען וועלען זיך פעסטהאַלטען אָן זייער נאַציאָנאַליטעט און זייער רעליגיאָן קענען זיי ניט זיין קיין אמת׳ע דייטשע בירגער און קענען זיך ניט אַסימילירען מיט׳ן דייטשען פאָלק (1830). אין יוני 1831 איז ווידער פערהאַנדעלט געוואָרען די אידען־פראגע אין

לאַנדטאַג. דער לאַנדטאַג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן, דאָס די אידען קענען בעקומען גלייכע רעכטען מיט קריסטען נאָר דאַן, ווען זיי וועלען זיך בעפרייען פון יודענטום. דערויף האָבען די אידען געענטפערט, דאָס עס איז זעהר ניט מאָראַליש צו האַנדלען מיט דער רעליגיאָן אום צו בעקומען דערפאַר גלייכע רעכטען. די רעליגיאָן איז אַ זאַך פון דעם געוויסען פון יעדען אינדיווידואום. אָבער די רעגירונג איז געבליבען ביי איהר בעשלוס. אין 1833 זיינען די באַדענער אידען איבער־אַ־ניים געקומען מיט אַ פּע־טיציאָן צום לאַנדטאַג וועגען געבען זיי גלייכע רעכטען. די פּעטיציאָן איז פערפאַסט געוואָרען פון גבריאל ריססער. אין דער ביטשריפט ערקלערט דיזער גרויסער פּובליציסט פון יענער צייט, דאָס אין דער אידישער מאָראַל, אין די אידישע דאָגמאַס און אין די אידישע רעליגיעזע צערעמאָניעס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין געגען דער ציוויליזאַציאָן פון דער נייער צייט. וואָס אָנבעטרעפט דעם נאַציאָנאַל־געפיהל האָבען די אידען שוין לאַנג אויפגעגעבען זייערע האָפנונגען צו ווערען צוריק אַ נאַציאָן מיט אַן אייגענער ממשלה. נאָך לאַנגע דעבאַטען האָט דער לאַנדטאַג אָנגענומען דעם בעשלוס צו רעקאָמענדירען דער רעגירונג נאָכצוגעבען דעם וואונש פון די אידען. אָבער דאָס אונטער־הויז האָט דיזען בעשלוס פערוואָרפען. די אונצופרידענע אידען האָבען דערלאַנגט נייע פּעטיציאָנען אָהן רעזולטאַטען. ערסט אין 1846 האָט דאָס אונטער־הויז מיט 36 געגען 18 שטימען אָנגע־נומען די רעזאָלוציאָן — רעקאָמענדירען דער רעגירונג צו בעטראַכטען די אידישע ביטע וועגען גלייכע רעכטען. דיזע „בעטראַכטונג" פון דער אי־דישער פראַגע האָט זיך געצויגען ביז דער רעוואָלוציאָן פון 1848.

אידישע גלייכבערעכטיגונג אין אַנדערע דייטשע שטאַאַטען. אין קורהעססען האָבען די אידען (20,000 נפשות) בעקומען גלייכע רעכ־טען אין 1883. אָבער די, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט געלט־פערליי־הען, און קליינע סוחרים זיינען געווען אויסגעשלאָסען. די געבילדעטע אידען האָבען באַלד אָנגעהויבען צו בעקומען רעגירונגס־שטעלעס אַלס יוריסטען, פּראָפעסאָרען, און זאָגאַר אין דער אַרמעע זיינען בעשטימט געוואָרען אי־דישע אָפיצערען. וויר טטעמבערג האָט אין 1828 אָנגענומען אַ געזעץ, וועלכעס האָט געהאַט דעם צוועק צו ערציהען בעסערע אידען און מאַ־כען זיי פעהיג צו בעקומען פולע רעכטען. לויט דיזען געזעץ איז אידען געווען פערוועהרט דער קליין־האַנדעל און פערלייהען געלט אויף צינזען. אין מאַי 1836 האָט דער לאַנדטאַג בעטראַכט און פערהאַנדעלט אידישע פּעטיציאָנען און האָט בעשלאָסען צו רעקאָמענדירען דער רעגירונג, אַז זי

זאָל געבען אַלע אידען פולע בירגער־רעכטען. אָבער די רעגירונג האָט זיך דערמיט ניט געאיילט. זי האָט געוואָלט אָפּוואַרטען ביז עס וועלען אריבער די 20 יאָהר, וואָס זי האָט בעשטימט פיר די אידען, אז זיי זאָלען זיך צייגען צו זיין ווערט צו בעקומען דיזע רעכטען. אָבער דערווייל איז אָנגעקומען די רעוואָלוציאָן פון 1848. דאַמאָלס האָבען די פעלקער ניט געוואַרט, אז מען זאָל זיי געבען רעכטען, נאָר זיי האָבען אַליין גענומען זייערע מענשליכע רעכטען.

אין זאַקסען זיינען געווען ניט מעהר ווי 800 אידישע נפשות. דיזע זיינען געווען שרעקליך בעשרענקט אין זייערע רעכטען. מען האָט ניט צוגעלאָזען אַ אידיש קינד אפילו זיך לערנען וועלכע עס איז ארבייט. אין 1835 האָט דער קעניג זעלבסט געמוזט געבען אַן ערלויבנים, אז מען זאָל צולאָזען אַ אידישען אינגעל זיך לערנען שניידעריי. שפּעטער, ווען דער ליבעראַלער גייסט איז געוואָרען מעהר פּאָפּולער, האָבען די אידען אָנגעהויבען צו שיקען פּעטיציאָנען צום לאַנדטאַג וועגען גלייכע רעכטען. פּראָפעסאָר קרוג און פּרינץ יאָהאַן האָבען געשטיצט די אידען מיט זייערע וויכטיגע רעדעס. איןביידע הייזער פון לאַנדטאַג איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן צו בעטען די רעגירונג שאַפען רעפאָרמען אין דער אידישער געזעצגעבונג און פערבעסערן זייער לאַגע דורך גלייכבערעכטיגונג. עס איז דאַמאָלס (1838) ערלויבט געוואָרען די אידען צו בויען סינאַגאָגען אין דרעזדען און אין לייפּציג. אָבער די אידישע געמיינדעס האָבען ניט געהאַט קיין רעכט אויפצונעהמען נייע מיטגלידער אין די סינאַגאָגען פון אנדערע שטעדט. עס זיינען נאָך פערבליבען פיר זיי פיעלע בעשרענקונגען: אַ איד האָט ניט געטאָרט האַנדלען מיט קליינינקייטען, האַלטען אַ רעסטאָראַנט, אַן אַפּטייק. די צאָהל פון אידישע בעלי מלאכות איז געווען בעשרענקט אויף 30 פיר ביידע שטעדט — דרעזדען און לייפּציג. די נייע אָרדנונג איז געווען ניט פיעל בעסער פון דער אַלטער. דער פערבאָט, וואָס האָט פערווערט אידען פון אנדערע ערטער אריינצוקומען אין לייפּציג אפילו אויף אַ קורצע צייט, האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען לאַרם אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט, ווען אַ איד פון אַ רייכער פראַנצויזישער פירמע איז ניט אריינגעלאָזען געוואָרען אין לייפּציג, וואו ער האָט געדאַרפט פערברייינגען אַ קורצע צייט צוליב אַ געשעפט. די אידען זעלבסט פון לייפּציג האָבען אָנגעהויבען צו באָמבאַרדירען דעם לאַנדטאַג אונטער דער לייטונג פון דעם לייפּציגער רב ר׳ זכריה פראַנקעל (1843—1846).

ניט בעסער איז עס געווען מיט 12 טויזענד אידען אין **האַננאָ-ווער**. די אידען זיינען דאָרט געווען געצוואונגען צו צאָהלען, ווי אין די אַלטע צייטען, דאָס פערעכטליכע „שוץ־געלט“ כמעט ביז דער רעוואָלוציאָן פון 1848.

אין **מעקלענבורג־שווערין** האָבען די רעאַקציאָנערע גוטס־בעזיצער ניט צוגעלאָזען צו קיין רעפאָרמע ביז דעם יאָהר 1848. איי־ניגע פון די דייטשע הערשאַפטען האָבען זיך ערלויבט זאָגאַר צו מאַכען



זכריה פראַנקעל.

רעפאָרמעס אין אידישען רעליגיעזען דינסט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געזוכט צו צווינגען די אידען טאָן דאָס, וואָס זיי ווילען ניט. פּרייסען האָט ניט ערלויבט די אידען צו האַלטען רעדעס אין די שולען אין ריינער דייטשער שפּראַך. זאַקסען־וויימאַר האָט געצוואונגען די אידען צו גע־ברויכען די דייטשע שפּראַך אין זייערע רעדעס. דער גרויסער פּאָעט גאָטהע איז דאַמאָלס אַרויס אָפען געגען געמישטע הייראַטען, ווייל דערמיט וואָלט, נאָך זיין מיינונג, צושטערט ווערען דער עכטער מאָראַלישער גע-

פיהל אין די קריסטליכע פאַמיליעס. אַן אמת־קריסטליכער פאַסטאָר דאַרף זיך בעסער אָפּזאָגען פון זיין אמט, איידער אַריינפיהרען אַ אידישע טאָכטער אין דער קירכע אין דעם נאָמען פון דער היילינער דריי־איינינקייט.

ב. די רעליגיעזע רעפאָרמע אין דייטשען יודענטום.

די פּראַקטישע זייט פון דער רעפאָרמע; דער „טעמפּעל־קאַמף" (1815—1823). ווי מיר האָבען פריהער געזעהען האָט דער קאַמף פיר עמאַנציפּאַציאָן געפיהרט צו דער שמד־עפּידעמיע. דאָס האָט אָפּגעשראָקען די פאָרשטעהער פון דייטשען יודענטום, און זיי האָבען זיך גענומען צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום, געבען איהם אַן אויסערליכען גלאַנץ און דערמיט צוציהען די יוגענד צו דער אידישער רעליגיאָן, און צוזאַמען מיט דעם אין גאַנצען אָפּשאַפען דעם נאַציאָנאַל־געפיהל, וועלכער איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען פון די שונאי ישראל. דעם ערסטען גרונדשטיין צו רעפאָרמע האָט געלעגט יאַקאָבסאָן. ער האָט אין בערלין געגרינדעט אַ געבעט־הויז, וואו די תפלות זיינען געווען אין דער דייטשער שפּראַך, אויך די רעדעס (דרשות) זיינען געהאַלטען געוואָרען אין ריין דייטש. יאַקאָבסאָן האָט אויך איינגעפיהרט די קאָנפירמאַציאָן (בר־מצוה צערעמאָניע) פיר אינגלאַך און מיידלאַך. ביי דער קאָנפירמאַציאָן פון זיין זוהן האָט ער געהאַלטען אַ הייסע רעדע וועגען די פּרינציפּען פון יודענטום. דאָך האָט זיך זיין זוהן שפּעטער גע'שמד'ט און איז געוואָרען אַ קאַטאָלישער גייסטליכער. דער באַנקיר יעקב בעער, דער פאָטער פון דעם בעריהמטען מוזיקער מעיערבעער, האָט אויך אויסגעבויט אַ קליינעם טעמפּעל, אין וועלכען ער האָט איינגעפיהרט רעפאָרמעס אין דעם רעליגיעזען דינסט. אָבער דער קעניג פריעדריך דער 3טער האָט פערמאַכט יאַקאָבסאָן'ס רעפאָרם־שול, ווייל ער איז געווען געגען יעדע ענדערונג אין רעליגיאָן. ער האָט געוואָלט האָבען אָדער אָרטהאָדאָקסישע אידען אָדער משומדים.

די רעפאָרמאַטאָרען האָבען געגרינדעט אַ נייעם טעמפּעל אין האַמבורג, אין וועלכען דר. עדואַרד קליי איז געווען דער הויפּט־רעדנער און דער ראַבינער. אָבער די אָרטהאָדאָקסישע געמיינדע האָט צושיקט צירקולאַרען צו די אידען פון האַמבורג און אַלטאָנאַ, אין וועלכע זיי האָבען געפאָדערט פון זיי ניט צו נעהמען קיין אָנטייל אין רעפאָרמע און טאָן אַלעס מעגליכעס ניט צו לאָזען זיי דורכפיהרען זייערע פּלענער. עס האָט זיך וועגען דעם אויך פערפיהרט אַ ליטעראַרישע פּאָלעמיק. אַ גרויסער תלמודיסט פון עלזאַס, אליעזר ליבערמאַן, האָט בעקומען די

מיינונגען פון 2 איטאַליענישע און 2 אונגאַרישע רבנים, דאָס על פּי דין תורה מעג מען דאַוונען אויך אין אַנדערע שפּראַכען, אויסער העברעאיש, און עס איז ניטאָ קיין איסור צו געברויכען וועלכען עס איז מוזיקאַלישען אינסטרומענט ביים דאַוונען. ליבערמאַן'ען האָט פיעל געהאָלפען דער אונגאַרישער רב אהרן חארין, אויך דער רב פון אָפען, ר' משה קוניץ, א מקובל, איז געווען פיר רעפאָרמע. דאַמאָלס האָט ליבערמאַן אָנגעשריבען 2 ווערק: „נוגה הצדק" און „אור נוגה" (1818), אין וועלכע ער האָט בעוויזען די נויטווענדיגקייט פון רעפאָרמע אַלס מיטעל צוצוציהען די יוגענד צו דער סינאַגאָגע. דערביי האָט ער בעוויזען, דאָס לויט דעם תלמוד האָבען די אידישע רבנים פון יעדען דור דאָס רעכט צו מאַכען נעטיגע רעפאָרמעס אין רעליגיאָן נאָך דעם גייסט פון דער צייט. געגען דיזער אגיטאַציאָן זיינען די האַמבורגער רבנים אַרוים מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט אונטערגעשריבען פון 40 רבנים, וועלכע האָבען געצייגט דעם איסור צו מאַ-כען אין רעליגיעזען דינסט וועלכע עס איז רעפאָרמע. דער פּראָטעסט איז געדרוקט געוואָרען אונטער'ן טיטעל „אלה דברי הברית". צווישען די רבנים, וואָס האָבען איהם אונטערגעשריבען, זיינען געווען די בעריהמטע גאונים פון יענער צייט: ר' עקיבא איגר פון פּאָזען, ר' מרדכי בענעט פון ניקאָלסבורג און ר' משה סופר פון פּרעסבורג. דיזער לעצטער האָט בעוויזען, דאָס אַפילו די אידישע נגונים פון דאַוונען זיינען הלכה למשה מסיני. דער גאון ר' יעקב ליסא האָט געגעבען אַן עצה צו אַרבייטען געגען רעפאָרמע מיט דער הילף פון דער רעגירונג. געגען דיזע אַלע איז אַרוים דער רב ברעסלוי מיט אַ ווערק אונטער'ן נאָמען „חרב נוקמת" (1819), אין וועלכען ער האָט בע-וויזען די וויכטיגקייט פון רעפאָרמע. די אַלע פּראָטעסטען פון די רבנים און זייערע חרמות האָבען גאַרניט געהאָלפען און די רעפאָרמע האָט זיך פערברייטעט אין פיעלע אַנדערע שטעדט, ווי: לייפּציג, קאַרלסרוהע און קאָפּענהאַגען. דער רעפאָרמאַטאָר ליבערמאַן האָט זיך גע'שמד'ט, און אַלס קאַטאָליק איז ער געוואָרען איינער פון דער סוויטע פון פּאַפּסט פּיוס דעם 9טען. עס ווערט דערצעהלט, דאָס זיין ברודער, אַ רב אין עלזאַס, איז גע-זעסען שבעה נאָך איהם, ווי נאָך אַ טויטען, און ער אַליין, ליבערמאַן, איז געקומען איהם מנחם אָבל זיין.

די בעגרינדער פון דער רעפאָרמאַציאָן. דער ציל פון די ערסטע אידישע רעפאָרמאַטאָרען איז געווען צו ענדערן די דעקאָראַציאָן אין די סי-נאַגאָגען און צו מאַכען די סינאַגאָגע עהנליך צו דער קירכע. דיזער ציל

האָט ניט געקענט מאַכען אַ פעסטען איינדרוק אויף דער אָרטהאָדאָקסיע. נאָך דעם, ווי די ערסטע רעפאָרמאַטאָרען זיינען אַראָפּ פון דער סצענע, אַ טייל איז אויסגעשטאָרבען און אַן אַנדער טייל איז אַריבער צום קריסטענ־טום, איז אַרויף אויף דער סצענע אַ נייער דור רעפאָרמאַטאָרען מיט טי־פערע שטרעבונגען — צו אַנאַליזירען און קריטיקירען די יסודות פון יו־דענטום און גרינדען איהם אויף מאָדערנע פּרינציפּען. די גרינדער פון די־זער נייער רעפאָרמע זיינען געווען: גייגער און האָלדהיים.

אברהם גייגער (1810—1874) איז אין דער יוגענד געווען אַ טיכטיגער תלמודיסט. שפּעטער האָט ער געענדיגט היידעלבערגער און באָננער אוניווערזיטעטען אַלס דאָקטאָר פון טהעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. צו 17 יאָהר האָט ער געשריבען אַ קריטישען פּירוש אויף משניות. אַלס סטודענט האָט ער אָנגעשריבען אַ זעהר וויכטיגען בוך: „וואָס האָט מאַח־מעד גענומען פון יודענטום". גלייך ווי ער האָט געענדיגט די אוניווערזי־טעט איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס ראַבינער אין וויסבאַדען. ער האָט געמאַכט פיר זיין אויפגאַבע צו פעראייניגען דאָס יודענטום מיט דער איי־ראָפּעאישער קולטור. צו דיזען צוועק האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען זיין וויססענשאַפטליכע צייטשריפט פיר יידישע טהעאָלאָגיע" (1835). מיט דיזער צייטשריפט האָט ער זיך גענומען אויפוועקען דעם פערשלאָפענעם אידישען פערשטאַנד, אויפמונטערן דאָס אידישע הארץ און צוגעבען איהם מוט צו ענטזאַגען זיך פון די אַלטע, פערשימלטע מנהגים.

געגען דיזע שטרעבונגען איז אַרויס זיין אוניווערזיטעט־חבר ר' שמשון רפאל הירש, מיט זיין בעריהמטען ווערק „19 בריף וועגען יודענטום", אַרויסגעגעבען אונטער'ן נאָמען „בן עוזיאל" (1836). אין דיזען ווערק האָט ער בעוויזען די וויכטיגקייט פון דער אידישער טראַדיציאָן, געגען וועלכער גייגער איז אַזוי שאַרף אַרויס. ער ערקלערט, דאָס הגם די אידען זיינען יעצט ניט קיין נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע, מוזען זיי אָבער היילים האַלטען זייערע געזעצען ביז זיי וועלען צוריק ווע־רען אַ נאַציאָן, און דאָס קען זיי ניט שאַדען דערוויל צו זיין אין דייטשלאַנד עכטע דייטשען, אין פראַנקרייך עכטע פראַנצויזען א. א. וו. אין אַן אַנדער ווערק מיט'ן נאָמען „חורב" בעווייזט ער, ווי אַזוי מען קען צופּאַסען דאָס לעבען צו דער תורה, וועלכע איז אַ נצחית, אייביג, און איהרע געזעצען קענען ניט און טאָרען ניט פערענדערט ווערען, ווי די געזעצען פון דער נאַטור. דער צוועק פון די אידישע רעליגיעזע צערעמאָניעס איז אַריינצוברייגען היי־

ליגקייט אין אידישען לעבען. מען דאַרף נאָר פערשטעהן דעם זין פון זיי, און דעריבער טאָר מען זיי ניט ענדערן.

אזוי האָבען זיך דאַמאָלס געבילדעט אין דייטשען יודענטום צוויי פער־שיידענע טהעאָריעס: איינע איז — דאָס די אידישע רעליגיאָן, ווי זי איז יעצט, איז אַ פּראָדוקט פון פערשיידענע ענדערונגען אין צייט און אין אָרט (גייגער׳ס טהעאָריע); די אַנדערע (הירש׳ס) — דאָס די אידישע רעליגיאָן איז אייביג, זי קען ניט און טאָר ניט געענדערט ווערען, און דעריבער דאַרף מען דאָס לעבען צופּאַסען צו דער רעליגיאָן און ניט ענדערן די רעליגיאָן און צופּאַסען זי צום לעבען. אום צו קענען דורכפיהרען די טהעאָריע פון רעפאָרמעס אין דער פּראַקטיק האָט גייגער געזוכט אַ גרויסע ראַבינער־שטע־לע, ווייל זיין שטעלע אין וויסבאַדען איז געווען צו קליין פיר זיין צוועק. ווען דער דיין אין ברעסלאַו איז געשטאָרבען האָט גייגער געזוכט צו פער־נעהמען זיין שטעלע. די געבילדעטע גבאים האָבען איהם איינגעלאַדען אויף אַ פּראָבע. אין זיין פּראָבע־רעדע, וועלכע ער האָט געגרינדעט אויף׳ן פּסוק אין קהלת „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת“, האָט ער דורכ־געפיהרט די אידעע, דאָס די פּרינציפּען פון יודענטום זיינען אייביגע, אָבער די פּראַקטישע רעליגיאָן ענדערט זיך מיט יעדען דור. די רעדע איז געווען אַ מייסטער־שטיק און די גבאים האָבען איהם ערוועהלט אלס ראַ־בינער. אָבער דער ברעסלאַוער רב, ר׳ זלמן טיקטין, האָט ניט געוואָלט איהם האָבען אלס דיין. עס איז געוואָרען אַ מחלוקה אין דער געמיינדע. מען האָט אָנגעפרעגט אַנדערע רבנים, אויב אַזאַ פּערזאָן ווי גייגער מיט רעפאָרמאַטאָרישע אידעען מעג זיין אַ רב. די תשובות זיינען געווען פערשיידען — פיעלע געגען און איינינע פיר. דערווייל איז געשטאָר־בען דער אַלטער טיקטין, און דאַמאָלס איז די געמיינדע צוטיילט געוואָרען אויף צוויי פּאַרטייען: די אָרטהאָדאָקסען האָבען ערוועהלט אלס רב טיק־טין׳ס זוהן און די פרייע האָבען ערוועהלט גייגער׳ן.

אין דער זעלבער צייט איז אַרויס אַ מחלוקה צוליב אַ רעפאָרמע אין האַמבורג. אין 1841, ווען די האַמבורגער רעפאָרם־געמיינדע האָט אי־בערגעבויט איהר טעמפּעל, איז דער רב, ר׳ י צ ח ק ב ע ר נ א י ס, אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען זייער געבעט־בוך (סדור תפלות), אין וועל־כען זיי האָבען אויסגעשטראָכען אַלע תפלות וועגען דער האָפנונג אויף אַן ערלעזער (משיח) און וועגען שיבת ציון, דאָס אויפלעבען פון אידישען פאָלק אין דער אַלטער היים, אין ארץ ישראל. עס איז געוואָרען צוליב דעם אַ גרויסע מחלוקה, וועלכע איז אָנגעקומען צום סענאַט. דיזער האָט

אַנגענומען ־־י זייט פון די רעפאָרמירטע. ביידע צדדים האָבען זיך ווענען דעם געווענדט צו רבנים. די אַנטוואָרטען פון די רבנים זיינען געווען פערשיידען: איינינע זיינען געווען פיר דעם נייעם סדור און אַנדערע געגען. צווישען די געגנער איז אויך געווען דער בעריהמטער למדן און געלעהרטער ר׳ זכריה פראַנקעל, דער דרעזדענער רב. ער האָט געזאָגט זיין מיינונג, דאָס איינינע זאַכען מוזען ווירקליך רעפאָרמירט ווערען, אָבער די האָפנונג אויף משיח און שיבת ציון טאָר מען ניט בעריהרען, ווייל דאָס איז דער יסוד פון דער עקסיסטענץ פון דער אידישער אומה.

די פערטיפונג אין דער פראַגע פון רעפאָרמאַציאָן האָט בעשאַפען פון אָנפאַנג פון די 40ער יאָהרען אַ מעהר ראַדיקאַלע שטרעבונג, וועלכע איז געווען געריכטעט צו מאַכען ענדערונגען אין תלמודישען יודענטום. צווישען די „איזראַעליטישע בירגער" פון פראַנקפורט אַם מאַין האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אַ בעוועגונג, וועלכע האָט ווייט אריבערגעשטיגען בערלין, האַמבורג און ברעסלאַו. די בעוועגונג איז ענטשטאַנען אין דעם קרייז פון די פרייזיניגע, אין וועלכען עס האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָלע די לעהרער פון דעם אידישען גימנאַזיום „פילאַנטהראָפּין". איינער פון דיזע לעהרער, מיכאל קרייצנאַך, האָט אַגיטירט פיר אַ נייעם „שולחן ערוך", וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער נייער צייט; און ווען ער איז געשטאָרבען האָט זיין זוהן טהעאָדאָר (וועלכער האָט זיך שפּעטער גע׳שמד׳ט) געגרינדעט אין פראַנקפורט אַ „בונד פון רעפאָרם־פריינד". די מיטגלידער פון דיזען פעראיין האָבען פּראָקלאַמירט: דאָס זיי אַנערקענען ניט די אויטאָריטעט פון תלמוד און דאָס זיי גלויבען ניט און ווילען ניט קיין גואל (אַ משיח), וועלכער זאָל זיי בריינגען צוריק אין ארץ ישראל. אויסער דעם האָבען זיי בעשלאָסען אָפּצושאַפען „מילה" צווישען די מיטגלידער פון זייער פעראיין. עס האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פּראָטעסטען געגען דעם אָפּשאַפען פון „מילה" פון פיעלע רבנים, אָרטהאָדאָקסישע און רעפאָרמירטע. אונטער די געגנער פון אָפּשאַפען מילה איז אויך געווען דער גרויסער אידישער געלעהרטער צונץ. אַלע רבנים האָבען געפאָדערט, דאָס דער פאָטער, וואָס איז ניט מל זיין קינד, זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער אידישער געמיינדע. דער סוף איז געווען, דאָס דיזער פעראיין איז אונטערגעגאַנגען.

דער צווייטער רעפאָרמאַטאָר נאָך גייגער׳ן איז געווען שמואל האָלדהיים (1806—1860) פון קעמפּען. ער איז געווען אַ גרויסער

תלמודיסט און האָט אויך געענדיגט אַן אוניווערזיטעט. ער איז געוואָרען אין 1840 אין שווערין הויפּט־ראַבינער פון מעקלענבורגער אידען. ער האָט געוואָלט איינפיהרען אַ נייעם סדור און נאָך אַנדערע רעפאָרמעס. אָבער די אָרטהאָדאָקסען האָבען עס ניט דערלאָזען. אין 1843 איז ער ארוים מיט אַ ווערק „וועגען דער אויטאָנאָמיע פון רבנים". אין דיזען ווערק האָט ער פאָרגעשלאָגען אַ רעפאָרמע אין יודענטום אויף דיזע יסודות: אידען זיי־נען מעהר קיין נאַציאָן ניט, דעריבער האָבען אַלע פּאָליטישע און ציווילע געזעצען פון אַמאָל יעצט קיין אורזאַך ניט צו עקסיסטירען; דעריבער מוזען אין אַלע געזעצען פון חתונות, גט'ען, שבת, אַלס טאָג פון רוה ביי אידען, זיין אונטערוואָרפען אונטער די אַלגעמיינע געזעצען פו לאַנד. און דאָס מיינט אויך, נאָך זיין מיינונג, דער כלל פון תלמוד „דינא דמלכותא דינא", ד. ה. די געזעצען פון לאַנד מוזען זיין אויך די געזעצען פיר אידען. דער צווייטער יסוד איז: ווי באַלד אידען האָבען ניט קיין אייגען לאַנד, דאַרפען אַלע אַלטע געזעצען, וואָס האָבען אַ שייכות צו ארץ ישראל, אָפּ־געשאַפט ווערען. אַזוי האָט האָלדהיים געוואָלט מיט איין מאָל אָפּשאַ־פען אַלעס, וואָס האָט אויפגעהאַלטען די עקסיסטענץ פון אידישען פאָלק אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען אין דער גאַנצער גלות־צייט. זעהר שוואַך האָבען די רבנים פון יענער צייט געענטפערט אויף זיין פאָרשלאַג. דער בעסטער ענטפער איז געווען פון ר' זכריה פראַנקעל, דאָס נאָך האָלד־היים'ס אידעע קומט אויס, דאָס אַנטיוכוס הרשע און דער צורר היהודים אַדריאַנוס, וועלכע האָבען געוואָלט פערטיליגען די אידישע נאַציאָן, זיינען געוועזן צדיקים און די מאַקאַבעער און ר' עקיבא, וועלכע האָבען געשטרי־טען פיר אידישע נאַציאָנאַליטעט, זיינען געווען פערברעכער.

דאַמאָלס איז ארוים לודוויג פיליפּפּסאָן, דער רעדאַק־טאָר פון „די אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטהומס", מיט אַ פּראָיעקט, דאָס עס זאָל געגרינדעט ווערען אַן „אספת רבנים", וועלכע זאָל בעשליסען וואָס עס זאָל געטאָן ווערען פיר רעפאָרמע און וואָס ניט. דיזע אספה זאָל זיין אַ שטענדיגע אינסטיטוציאָן פיר דיזען צוועק. דער פּראָיעקט איז אָנ־גענומען געוואָרען און אין יוני 1844 איז צוזאַמענגעפאָהרען אַן אספת רבנים אין בראונשווייג. צווישען זיי האָבען זיך געפונען גייגער, האָלד־היים, פיליפּפּסאָן און סאַלאָמאָן. די אספה האָט בעשלאָסען: 1) אָנ־צונעהמען דעם בעשלוס פון פּאַריזער סנהדרין, דאָס די רעגירונגס־געזעצען שטעהען העכער פון די ספּעציעלע אידישע געזעצען; 2) עס ווערען ער־לויבט געמישטע הייראַטען, אויב די רעגירונג ערלויבט, דאָס די קינדער

פון די הייראטען זאָלען ערצויגען ווערען אין יודענטום ; 3) אנערקענען דעם סדור תפלה פון האָלדהיים און אָפּשאַפען „כל נדרי”. באַלד ווי דער בע־שלוס איז בעקאַנט געוואָרען זיינען אַרויס מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט גע־גען איהם 116 רבנים פון פערשיידענע לענדער. זייערע מיינונגען וועגען דעם זיינען געדרוקט געוואָרען אין אַ בעזונדער בוך „תורת הקנאות” פון ר' עקיבא לעהרען פון אַמסטערדאַם (1845).

די צווייטע אספה פון רבנים איז פאַרגעקומען אין פראַנקפורט אין יולי 1845. דעם מאָל איז ר' זכריה פראַנקעל אויך געווען צווישען די רבנים. עס איז פערהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע: אויב דאָס אידישע געזעץ פאָ־דערט, אַז די תפלות מוזען זיין נאָר אין העברעאיש, און אויב דאָס איז ווירק־ליך נעטיג צו דער אונטערהאַלטונג און בעשיצונג פון יודענטום. דערויף האָבען אַלע געענטפערט איינשטימיג, דאָס דער תלמוד ערלויבט מתפלל זיין אויף וועלכער שפּראַך מען וויל (תפלה נאמרת בכל לשון). ביים לע־זען די צווייטע פראַגע זיינען פאַרגעקומען הייסע דעבאַטען: גייגער איז געווען פון דער מיינונג, אַז דאָס יודענטום וועט גאָר ניט ליידען דערפון, וואָס די תפלות וועלען זיין אין אַנדערע שפּראַכען. פראַנקעל אָבער איז בעשטאַנען דערויף, דאָס די העברעאישע שפּראַך איז אַ זעהר וויכטיגער עלעמענט אין דער אידישער רעליגיאָן. דער היסטאָריקער יאָסט האָט גע־שטיצט פראַנקעל'ס מיינונג. ווען מען האָט גענומען אָפּשטימען די פראַ־גע זיינען געווען 18 שטימען פיר גייגער'ס מיינונג און 12 פיר פראַנקעל'ס. דאַן האָט פראַנקעל פערלאָזען די פערזאַמלונג און האָט מיט אַ בריף גע־געבען צו וויסען דעם פּרעזידענט פון דער אספה, דאָס ער האָט מעהר ניט צו טאָן מיט דער אספה. נאָכדעם איז מען צוגעטראָטען צו דער פראַגע, אויב די משיח־אידעע זאָל פערבלייבען אין די תפלות. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס די משיח־אידעע דאַרף פערנעהמען אַ וויכטיגען אָרט אין די אידישע געבעטען, אָבער אָהן שום נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער טענדענץ. די שבת־פראַגע איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף'ן קומענדען צוזאַמענפאָהר פון די רבנים, ווייל די רבנים זיינען ניט געווען פּאָרבערייטעט צו דעבאַ־טירען וועגען דעם. די דריטע אספה פון די רעפאָרם־רבנים איז פּאָרגע־קומען אין ברעסלאַו אין יולי 1846. אויף דיזער פערזאַמלונג האָט מען פער־האַנדעלט גייגער'ס פאָרשלאַג וועגען ערלויבען אייניגע מלאכות צו טאָן אום שבת, אָבער מען איז צו קיין בעשלוס ניט געקומען, און מען האָט אָפּגעשאַפט די טעג יום טוב, וואָס שטעהען ניט אין דער תורה (יו"ט שני של גליות), ד. ה. אַנשטאָט צו פייערן צוויי טעג די ערסטע און לעצטע טעג

פּסח, צוויי טעג שבועות, צוויי טעג די ערסטע טעג סוכות און די אַנדערע, זאָל מען נאָר פייערן צו איין טאָג, ווי עס איז געשריבען אין דער תורה. די אספּת רבנים האָבען געצייגט, דאָס די רבנים קענען ניט מאַכען קיין ראַדיקאַלע רעפאָרמעס. גייגער זעלבסט האָט אין פּראַקטיק קיין וויכטיגע רעפאָרמעס ניט געמאַכט אין זיין געמיינדע, און דעריבער האָבען זיך די געמיינדעס זעלבסט גענומען צו דיזער אַרבייט. די ערסטע דערצו איז געווען די בערלינער אידישע געמיינדע.

דער נייער קעניג פריעדריך ווילהעלם דער 4טער האָט זיך ניט געמישט אין אידישע רעליגיאָנס־זאַכען, ווי זיין פאָטער. אָבער די בערלינער רבנים זיינען געווען געגען רעליגיעזער רעפאָרמע. זאָגאַר דער געלעהרטער מ י כ ל ז אַ כ ס איז געווען געגען יעדע רעפאָרמע אין דער סינאַגאָגע. דאַמאָלס איז אַרויס אַ רעפאָרמיסט ס. ש ט ע ר ן און האָט געהאַלטען אַ גאַנצע רייהע פון לעקציעס וועגען צופּאַסען די רעליגיאָן צום לעבען. איהם איז געלונגען צו גרינדען אַ „פעראיין צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום“. די פאָרשטעהער פון דיזען פעראיין האָבען אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו די דייטשע אידען, אין וועלכען זיי האָבען ערקלערט, דאָס די רעליגיעזע געפיהלען פון אַ מאָדערנעם אידען שטימען ניט מיט די אַלטע פאָרמעס פון יודענטום. „מיר קענען ניט“, האָבען זיי ערקלערט, „בעטען גאָט מיט אויפריכטיגע ליפּען וועגען אַ משיח, וואָס זאָל אונז אָוועקפיהרען ווי פון אַ פרעמדען אָרט פון אונזער פאָטערלאַנד, צו וועלכען מיר זיינע צוגעבונדען מיט די באַנדען פון ליבע, נאָך דעם לאַנד פון אונזערע עלטערן“. און ווירקליך פיר אידען, וואָס האָבען זיך ענטזאָגט פון זייער נאַציאָנאַליטעט, האָבען פיעלע רעליגיעזע רעפאָרמעס, וועלכע האָבען פערקערפערט און סימבאָליזירט אידישע היסטאָרישע פאַקטען, קיין זין ניט געהאַט. דער פעראיין האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס ער קען פון די רבנים קיין וויכטיגעס ניט ערוואַרטען, האָט ער געענדערט דעם נאָמען און האָט זיך אָנגערופען: „די בערלינער רעפאָרם־געמיינדע“. אין אַ קורצער צייט האָט די נייע געמיינדע בעקומען 2,000 מיטגלידער, און אין די תשרי ימים טובים פון 1845 האָט זי געעפענט אַ רעפאָרם־טעמפּעל, אין וועלכען די תפלות זיינען געווען אויף דייטש, בעגלייטעט מיט אַ כאָר פון מענער, פרויען און אַן אָרגעל. די מענער האָבען ביים דאַווענען ניט געטראָגען קיין היטלען. אין דיזער סינאַגאָגע איז איינגעפיהרט געוואָרען דאַווענען אויף זונטאָג. אין 1847 איז ערוועהלט געוואָרען אַלס שטענדיגער פרעדיגער דער ראַדיקאַלער רעפאָרמיסט האָלדהיים. זיינע רעדען זיינען געווען מיט אַ גאַנץ רייכען

אינהאַלט, אָבער זיין שפּראַך איז געווען אַ זעהר שלעכטעם דייטש. מיכל זאַכס האָט וועגען זיינע רעדעס געזאָגט: „אין האַלדהיים׳ס רעדעס איז קיין אידישעס ניטאָ, אוסער זיין דייטשער שפּראַך". און באמת איז קיין אידישעס ניט געבליבען אין דער רעפאָרם־סינאַגאָגע, קיין וואונק אויף עטוואָס, וואָס זאָל דערמאָהנען די גרויסע אידישע פערגאַנגענהייט און וואָס עס ערוואַרטעט אידען אין דער צוקונפט.

חכמת ישראל. די שטרעבונג צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום האָט אויך געהאַט אַ גוטע זייט — עס האָט געפיהרט צו פאָרשען און צו בעהאַנדלען קריטיש די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיאָן און פון דעם אידישען פאָלק. עס האָט זיך ווידערהאָלט די צייט פון דער העברעאיש־אַראַבישער ליטעראַטור, די צייט פון ר׳ יהודה הלוי, אבן עזרא, רמב״ם א. א. וו. אין דער צייט, ווען די עלטערע מענשען האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט קינדערשע רעפאָרמעס, פערפּוצען די שול, אָנטאָן דעם רב און דעם חזן אין קליידער פון קאַטאָלישע אָדער פּראָטעסטאַנטישע גלחים, האָבען זיך דריי יונגע לייט, וואָס האָבען נאָר וואָס געענדיגט די אוניווערזיטעט: אַ יוריסט פון דעם פילאָזאָף העגעל׳ס חדר, עדואַרד גאַנז (1798—1838), אַ אידישער לעהרער לעאָפּאָלד צונץ (1796—1886) און דער פּריוואַט־פילאָזאָף משה מאָזער (1796—1838) און האָבען אָנפאַנגס פערהאַנדעלט, ווי צו שטרייטען געגען דער רעאַקציאָן, וועלכע וויל צוריקברייגגען די אידען פון דייטשלאַנד צום צושטאַנד פון מיטעלאַלטער, און נאָכדעם זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו דער פראַגע, וואָס זאָל מען טאָן צום גייסטיגען צושטאַנד פון אידישען פאָלק, וועלכער ליידט פון איין זייט פון דער פערגליווערטער אָרטהאָדאָקסיע און פון דער אַנדערער זייט פון דער שמד־עפּידעמיע. זיי האָבען בעשלאָסען צו גרינדען אַ „פעראיין פיר קולטור און וויסענשאַפט דער יודען", וועלכער זאָל האָבען דעם צוועק צו ברייגגען דאָס יודענטום אין האַרמאָניע מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. באַלד זיינען צו זיי צוגעשטאַנען דער געבילדעטער אָריענטאַליסט לודוויג מאַרקוס, דער פּעדאַגאָג און רעדנער עמנואל וואָלוויל, און דער 22־יעהריגער דיכטער היינריך היינע. זיי האָבען געגרינדעט איינינע שולען פיר קינדער, געהאַלטען פאָרטראַגען פאַר עלטערע וועגען אידישע געשיכטע און וויסענשאַפט און האָבען אַרויסגעגעבען אַ „צייטשריפט פיר וויסענשאַפט דעס יודענטהומס" (1822—1823) אונטער דער רעדאַקציאָן פון צונץ. דאָס פּובליקום אָבער איז געווען זעהר קאַלט צום פעראיין און דיזער איז גיך

אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט'ן זשורנאַל. דער פּרעזידענט פון פעראיין, גאַנז, האָט אָנגעווענדט פיעל מיה צו בעקומען א קאַטהעדרע אין בערלינער אוניווערזיטעט, אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען, ווייל ער איז געווען א איד. ער האָט די שטעלע שפּעטער בעקומען, ווען ער האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום. היינע, וועלכער האָט באַלד אַליין אויך זיך געטויפט, האָט פאַרגעוואָרפען גאַנז'ן פיר זיין שוואַכקייט. עס איז אָנגענומען אַלס



לעאָפּאָלד צונץ.

רעגעל, דאָס דער קאַפּיטאַן פון א זינקענדען שיף דאַרף זיין דער לעצטער צו פערלאָזען דאָס שיף, און גאַנז האָט זיך געדעטעט דער ערסטער. גאַנז'ס מסחר מיט'ן יודענטום האָט געבראַכט אין פערצווייפלונג צונ'ן ער האָט פערלאָרען דעם גלויבען, דאָס דעם אידישען פאָלק קען וואָס עס איז העלפען אַרויסשלעפּען איהם פון דער פערזונקענער לאַגע. עס איז איהם

געבליבען נאָר איין שטראַל האָפנונג, דאָס די העברעאישע ליטע-ראַטור לעבט און איז ווערט צו לעבען. דאָס איז געוועזן זיין טרייסט, און צו איהר האָט ער געאָפּפערט זיין גאַנצעס לעבען. מיט זיין „תולדות רש"י" האָט ער אריינגעטראָגען פיעל ליכט אין דער רבנישער ליטעראַטור פון מיטעלאַלטער אין פראַנקרייך. זיין ווערק איבער אידישע סטאַטיסטיק איז אַ וויכטיגער יסוד צו ענטוויקלען די אידישע געשיכטע, פון וועלכער עס איז נאָך דאַמאָלס קיין וויכטיגעס ניט געשאַפען געוואָרען. זיין ווערק וועגען די שפּאַנישע שטעדט צייגט אויף, דאָס די געשיכטע פון די אידען אין גלות בעשטעהט פון צוויי עלעמענטען: פון מאַרטירערטום און גייסטי-גער ליטעראַטור-אַרבייט, וועלכע שטעלט פאַר די ענטוויקלונג פון דער אידי-שער רעליגיאָן. אין 1832 איז געדרוקט געוואָרען זיין בעריהמטעס ווערק „גאָטטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע דער יודען". אין דיזען ווערק אַנאַליזירט ער די אידישע דרשות ביים געטליכען דיענסט פון עזרא'ן ביז ענדע מיטעל-אַלטער. צוזאַמען מיט'ן אַנאַליז האָט ער בעוויזען, דאָס די אידישע פּרע-דיגער פון אַלע צייטען האָבען געברויכט די שפּראַך פון לאַנד אין זייערע רעדעס ביים געטליכען דינסט. זיין ווערק וועגען די אידישע נעמען (1837) איז אַ פאָרוואורף דער פּרייסישער רעגירונג פיר וואָס זי פערפאָלגט די אי-דען, וועלכע גיבען זייע'רע קינדער דייטשע נעמען; ער ווייזט קלאָר, דאָס די אידען האָבען אימער געברויכט פרעמדע נעמען און קיין רעגירונג האָט זיי דערין ניט געשטערט. די בערלינער אידען האָבען איהם געגעבען אַ גרויסע מתנה פיר דיזעס ווערק. דאָס האָט געווירקט, דאָס די פּרייסישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט דעם איסור פיר אידען צו געבען זייערע קינ-דער דייטשע נעמען. אין יאָהר 1845 האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ווערק „צור געשיכטע און ליטעראַטור", אין וועלכען ער בעווייזט די רייכע אוצרות פון מאָראַל און עטהיק, וואָס געפינען זיך אין דער רבנישער ליטעראַטור. דאָס איז געוועזן אַ פאָרוואורף די מחברים פון יענער צייט. וועלכע האָבען מיט פעראַכטונג געקוקט אויף די רבנישע ליטעראַטור. די ווערק, וואָס צונץ האָט געשריבען נאָך 1848, האָבען מעהרסטענס געהאַט דעם צוועק צו בעהאַנדלען די ליטעראַטור פון דעם אידישען מאַרטירערטום, איבערהויפּט די סליחות און די קינות, וועלכע האָבען אָנגעפילט און פילען נאָך היינט אָן די אידישע שולען מיט ביטערע יללות. „אויב עס זיינען פאַראַן טרעפּ אויף דעם לייטער פון ליידען, האָבען אידען ז'ערגרייכט די העכסטע טרעפּ; אויב לאַנגיעהריגע מוטיגע און שטאַנדהאַפטע ליידען זיינען אַ צייכען פון אַן עדעלער זעעלע, דאַן זיינע די אידען דאָס עדעלסטע פאָלק אין דער וועלט.

אויב אַ ליטעראַטור ווערט געשאַצט הויך, ווען זי האָט אַרויסגעגעבען אייניגע שטאַרקע טראַגעדיעס, וואָס זיינען אין שטאַנד אויפצוטרייסלען די זעעלע, ווי הויך מוז געשעצט ווערען די אידישע ליטעראַטור, וואָס שטעלט פאַר אַ טראַגעדיע, וועלכע ציהט זיך שוין 1,500 יאָהר מיט איהרע גרעסטע שרעקעניסען אין דער וועלט?" — דיזע ריהרענדע ווערטער פון צונץ'ן בעווייזען זיינע בעציהונגען צום אידישען פאָלק און צו דער אידישער ליטעראַטור, און דעריבער האָט ער געשריבען צו גייגער'ן: „אַרויסטרעטען געגען דעם תלמוד קען נאָר אַ משומד, און ווען מיר ווילען מאַכען רעפאָרמעס דאַרפען מיר רעפאָרמירען זיך זעלבסט און ניט אָנפאַלען און פעראַכטען אונזערע הייליגע אוצרות פון די פריהערדיגע יאָהרען".

אין דער צייט, וואָס צונץ האָט געשאַפען נייעם מאַטעריאַל פיר אַ אידישע געשיכטע, איז זיין אוניווערזיטעט־חבר יצחק מרדכי יאָסט, וועלכער איז געוועזן אַ לעהרער אין בערלין און אין פראַנקפורט, אַרויס מיט זיין ווערק „געשיכטע דער איזראַעליטען" (1820—1829) אין 9 טייל. די געשיכטע איז בעאַרבייט געוואָרען נאָר אויף דעם פונדאַמענט פון דעם שוואַכען מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך. אָבער זיינע בעציהונגען צו דער אידישער ליטעראַטור זיינען געוועזן זעהר פערשיידען פון צונץ'עס. די אגדתא און די מדרשים, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך די אידישע וועלט־אָנשויאונגען, זיינען פיר איהם קינדערשע פאַבלען (סקאַזקעס). פון די אידישע פערפאָלגונגען מאַכט ער ניט קיין גרויסען וועזען. די קעניגען, וואָס האָבען וועניגער פערפאָלגט אידען, זיינען ביי איהם כמעט צדיקים און חכמים. און דעריבער האָט זיין געשיכטע, וועלכע איז געוועזן זעהר אָנגענומען אין זיין צייט, פערלאָרען איהר ווערט נאָך דעם, ווי צונץ, גייגער, פראַנקעל און אַנדערע היסטאָריקער האָבען געשאַפען נייעם מאַטעריאַל מיט טיפערע בליקען אויף די אידישע געשיכטע. פיעל מעהר בעדייטענד איז זיין „געשיכטע דעם יודענטהומס אונד זיינער סעקטען" (3 טייל) און נאָכדעם זיין „נייערע געשיכטע דער יודען" (3 טייל) פון 1815 — 1845.

אברהם גייגער האָט זיך איבערהויפט בעשעפטיגט מיט רעפאָרם־אַרבייט, אָבער ער האָט אויך געטאָן וויסענשאַפטליכע אַרבייט. צווישען די יאָהרען 1830—1840 האָט ער געשריבען זיין „מלוא חפנים" אין העברעאיש און אין דייטש, די ביאָגראַפיע פון ר' יוסף שלמה דעל־מעדיגא, און אַ לעהר־בוך צו ערלערנען די שפּראַך פון דער משנה. ר' זכריה פראַנקעל האָט אין יענער צייט געשריבען אַן אָפּהאַנדלונג וועגען דער אידישער שבועה אום אָפּצושאַפען די שענדליכע פאָרמע פון דער אידישער

שבועה, וואס איז געווען איינגעפיהרט אין זאקסען. באלד נאכדעם האט ער אנגעהויבען ארויסצוגעבען זיינע פארשונגען איבער דער סעפּטואגינטא (איבערזעצונג פון תנ"ך אין גריכיש דורך 70 אידישע געלעהרטע). אין 1844 האט ער אנגעהויבען ארויסגעבען א „זשורנאל פיר די רעליגיעזע אינטערעסען פון יודענטום".

די אידישע זשורנאלען אין העברעאיש האבען ניט געקענט עקסים־טירען אין דייטשלאנד, ווייל עס זיינען דארט געווען ווייניג לעזער. דער זשורנאל „שולמית" איז באלד אונטערגעגאנגען. דער זשורנאל „ציון", אונטער דער רעדאקציאן פון י. מ. יאסט און קרייצענאך, האט עקסיסטירט קוים 2 יאהר. אויף זייער ארט זיינען געגרינדעט געווארען אייניגע זשור־נאלען אין דער דייטשער שפראך: „דער יודע", פון גבריאל ריסער; „אל־געמיינע צייטונג דעס יודענטהומס", געגרינדעט פון לודוויג פיליפּפּסאן אין 1837, וועלכע עקסיסטירט נאך עד היום; יאסט'ס „איזראעליטישע אננאלען", יוליוס פירסט'ס וויסענשאפטליכער זשורנאל „דער אריענט". „צור יודענפראגע" פון פריינד און גייגער'ס „וויססענשאפטליכע צייט־שריפט" האבען געגעבען דעם הויפּט־טאן אין דער אידישער פּובליציסטיק פון יענער צייט.

בארנע, היינע, מארקס און שטאהל. דיזע פיער גרויסע פּערזענ־ליכקייטען פון יענער צייט זיינען אוועק פון אידישען פאלק און האבען מיט'ן יודענטום ווייניג געהאט צו טאן. לודוויג בארנע (1785—1837), וועלכער האט צווישען אידען געטראגען דעם נאמען ליב בארוך, איז געבארען געווארען אין דעם פינסטערען געטא אין פראנקפורט. ווען ער האט געענדיגט די אוניווערזיטעט אלס יוריסט האט ער בעקומען אין 1811, ווען די אידען האבען דארט געקויפט זייער גלייכבערעכטיגונג, די שטעלע פון א סעקרעטער אין דער פאליציי. די רעאקציאן פון יענער צייט און די שנאה צו אידען האבען אין איהם אנגעצונדען דעם פייער פון רעוואלוציאן. אין דער צייט, ווען די אידען פון פראנקפורט האבען גע־פיהרט זייער קאמף מיט'ן סענאט, האט בארנע געשריבען פיר זיי א קלאגע צום בונדעסטאג אויף'ן סענאט. אבער ער האט זיך באלד איבערצייגט, דאס עס איז גלייכער צו אפעלירען צום פאלק איידער צו דער רעגירונג. ער איז געווארען א פיהרער פון די ליבעראלען, וועלכע האבען געמאכט זייער אויפגאבע צו בעפרייען דאס דייטשע פאלק פון דעם יאך פון 36 טי־ראנען פון דייטשלאנד. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס די אידען־פראגע קען געלעזט ווערען נאר צוזאמען מיט דער אלגעמיינער פרא־

גע פון דייטשען פאָלק. אין 1818 האָט ער אָנגענומען דאָס קריסטענטום אום ער זאָל קענען קעמפען געגע דער רעגירונג אַלס קריסטליכער דייטש, ניט אַלס איד. ווען אין 1819 האָבען אויסגעבראָכען פּאָגראָמען אויף אי-דען, איז בּאָרנע אַרוים מיט אַן אַרטיקעל „פיר דיא יודען". אין 1821 האָט ער געשריבען אַן אַרטיקעל „דער עוויגע יודע", אין וועלכען ער זאָגט אָפען צו די דייטשען, דאָס וויל זיי זעלבסט זיינען שקלאַפען, דעריבער ווילען זיי האָבען די אידען פיר שקלאַפען. אָבער אַזעלכע אַרטיקלען זיינען געוועזען זעהר זעלטען אין זיין פּובּליציסטיק. ער איז געוועזען מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צו דער אידעע פון בעפרייען דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק פון שקלאַפעריי.

דער צווייטער פון די אויבען־דערמאָהנטע גרויסע פערזענליכקייטען, היינריך היינע, האָט זיך אין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אויסגעצייכענט אַלס דייטש און האָט זעהר ווענינ געטאָן פיר דאָס יודענטום. היינע איז געבאָרען געוואָרען אין 1799, אין דיססעלדאָרף. נאָך דעם, ווי ער האָט גע-ענדיגט דאָס גימנאַזיום אין זיין געבורטס־שטאָדט, איז ער אריין אין גאָטטינ-גער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט געענדיגט יוריספּרודענץ. ער האָט זיך דאַמאָלס בעקענט מיט גאַנז'ן און איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דעם „פער-איין פיר קולטור אונד וויססענשאַפט דער יודען". הגם ער האָט קיין סימפּאַ-טיע ניט געהאַט צו קיין רעליגיאָן האָט ער דאָך מעהר סימפּאַטיזירט מיט די אָרטהאָדאָקסישע אידען ווי מיט די רעפאָרמירטע. דאָס אידישע מאַרטירערטום פון מיטעלאַלטער האָט געהאַט אויף זיין פּאָעטישען גייסט אַ גרויסען איינפלוס. דאַמאָלס האָט ער געשריבען דאָס געדיכט „דער ראַבבי פון באַכאַראַך". אַלס איד האָט מען איהם צו קיין שטעלע ניט צוגעלאָזען, און דעריבער האָט ער אין יוני 1825 אָנגענומען די טויפע. וועגען דיזען פאַקט האָט ער געשריבען צו זיין פריינד מאָזער: „גלויב מיר, דאָס ווען דאָס געזעץ וואָלט ערלויבט צו גנב'ענען זילבערנע לעפעל, וואָלט איך זיך ניט געטויפט... פאָריגען שבת ביין איך געוועזען אין שול און האָב געהאַט דאָס פערגניגען צו הערען ווי דר. סאַלאָמאָן האָט געדונערט אין זיין רעדע וועגען אידישע משומדים, וועלכע פערלאָזען זייערע עלטערן און זייער פאָלק צוליב אַ שטעלע". היינע איז נאָך מעהר געוועזען געקרענקט, ווען ער איז נאָך דער טויפע געבליבען אָהן אַ שטעלע. זיינע געוויסענ-ביסען זיינען אַ ביסעל שוואַכער געוואָרען נאָך דעם. ווי עס זיינען ער-שינען זיין „בוך דער ליעדער" (1826—1827) און זיינע "רייזע־בילדער", וועלכע האָבען איהם פערשאַפט גרויס עהרע. נאָך דער יולי־רעוואָלוציאָן

איז היינע אװעק נאָך פּאַריז. אויסער אַלס דיכטער איז ער דאָן געװאָרען בעריהמט אַלס פּאָליטישער שריפטשטעלער, אַלס שאַרפער פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער. אין דיזער צייט האָט היינע זיך בעטראַכט אַלס פאַרשטעהער פון דעם לעבענסלוסטיגען העלעניזם (גריכענטום). ער האָט װעניג געבענקט נאָך דעם שטרענגען אומעטיגען יודענטום, אָבער ער האָט ניט בעמערקט, דאָס אין איהם בונטעװעט דער איד געגען דעם „העלענער", און די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען האָט װירקליך דער איד גובר געװעזען דעם העלענער אין היינע'ן; „איך זעה יעצט, שרייבט ער אין זיין געשטענדניס אין 1853, דאָס די גריכען זיינען געװעזען נאָר שענע יונגען, װעהרענד די אידען זיינען געװעזען און זיינען נאָך אויך יעצט שטאַרקע מענער, ניט קוקענדיג אויף די 18 הונדערט יאָהר פערפאָלגונגען פון אידען. איך האָב זיך אויסגעלערענט מעהר צו עהרען די אידען, און אויך יעצט ביי די דעמאָקראַטישע פּרינציפּען בין איך בערייט צו שטאָלצירען מיט מיין אָפּשטאַמונג פון דעם עדעלען פאָלק ישראל, דאָס מיינע עלטערן זיינען געװען די הייליגע מאַרטירער, װעלכע האָבען געגעבען דער װעלט אַ װאָהרען גאָט, און אַ הייליגע מאָראַל, װעלכע האָבען געשטריטען אויף אַלע פעלדער, װאו עס איז פאָרגעקומען אַ שטרייט װעגען אידעאַלען. איך האָב אַמאָל זעהר ניט ליב געהאַט משה'ן, װייל ער האָט פערבאָטען בילדער, אַ זאַך, װאָס דער גריך ליבט צום מעהרסטען. איך האָב אָבער ניט בעמערקט, דאָס משה זעלבסט איז געװען אַ גרויסער אַרטיסט. ער איז געװען אַן עכטער זשעני, ער האָט ניט געמאַכט מאָנומענטען פון ציגעל און שטיינער, װי די עגיפּטישע קעניגען, ער האָט ניט געמאַכט קיין פּיראַמידען, ער האָט געמאַכט אַ מאָנומענט פון לעבעדיגע בעשעפעניסען. ער האָט גענומען אָרימע פּאַסטוכער און האָט געמאַכט פון זיי אַ פאָלק, אַ גרויסעס, אייביגעס, הייליגעס פאָלק, אַ געטליכעס פאָלק, װעלכעס קען זיין אַ ביישפּיעל פיר אַלע אַנדערע פעלקער — ער האָט בעשאַפען דאָס א י ד י ש ע פאָלק". דאָן געהט ער איבער צו שילדערן משה'ס פערזענליכקייט: „אָה, װאָס פיר אַ ריעזען־פיגור דאָס איז! װי קליין קוקט אויס דער באַרג סיני, װען משה שטעהט אויף איהם!" היינע האָט ענדליך פערשטאַנען די אוניװערזאַל־אידעע פון די נביאים. פאַר זיין טויט האָט ער אויסגעדריקט אַן אונגעהייערע בענקעניס נאָך דעם פאָלק, װעלכעס ער האָט פערװאָרפען. היינע דער פריידענקער האָט שטאַרק בעדויערט װאָס אידען װעלען ניט זיין ביי זיין קבורה און װעלען ניט זאָגען קדיש נאָך זיין טויט.

גאַנץ אַנדערש זיינען געווען די געטויפטע אידען, וואָס זיינען געווען נאָך באָרנע'ן און היינע'ן, ווי קאַרל מאַרקס און שטאָהל. קאַרל מאַרקס (1818—1883) איז געווען אַ זוהן פון אַן אַדוואָקאַט אין טריער. זיין פאָטער האָט זיך זעלבסט גע'שמד'ט און האָט אויך זיין פאַמיליע צו'שמד'ט, ווען זיי זיינען נאָך יונג געווען. אין יענער צייט איז אַ געוויסער ראַדיקאַל ברונאָ באַוער אַרויס מיט אַן אַרטיקעל, אין וועלכען ער האָט געוואָלט בעווייזען, דאָס די אידען קענען פיר קיין פאַל ניט בעקומען קיין גלייכע רעכטען אין די קריסטליכע לענדער, סיידען זיי זאָלען זיך צו'שמד'ען, ווייל זיי זיינען טויט־פיינד פון דער הערשענדער קריסטליכער רעליגיאָן. די אידישע פובליציסטען פון יענער צייט: פיליפּסאָן, גייגער, ריססער, האָלדהיים און אַנדערע זיינען אַרויס געגען ברונאָ מיט פערשיידענע אַרטיקלען. אין דיזער פּאָלעמיקע האָט זיך אויך אַריינגעמישט קאַרל מאַרקס. ער האָט געזאָגט, דאָס דעם אידען'ס רעליגיאָן איז קרעמעריי און זיין גאָט איז געלט. „לויט דעם אידישען גייסט איז דער איד שוין עמאַנציפּירט: מיט געלט האָט ער זיך דערשלאָגען צו מאַכט. געלט הערשט איבער דער וועלט און דער פּראַקטישער גייסט פון יודענטום איז געוואָרען דער פּראַקטישער גייסט פון די קריסטליכע פעלקער . . . דער אידישער גאָט איז געוואָרען דער אַלוועלטליכער. דער וועקסעל — דאָס איז דער אמת'ער אידישער גאָט... די סאָציאַלע עמאַנציפּאַציאָן פון דעם אידען איז די בעפרייאונג פון דער געזעלשאַפט פון יודענטום". שרייבענדיג דיזע ווערטער האָט ער געהאַט אין זינען נאָר אַ קליין הייפעל אידישע באַנקירען און גרויסע סוחרים. ער האָט ניט געהאַט קיין בעגריף פון דער אידישער געשיכטע. די אידישע ליטעראַטור איז איהם אין גאַנצען פרעמד געווען. ער האָט ניט געוואוסט, דאָס דער סאָציאַליזם איז לאַנג מיט טויזענדער יאָהרען פריהער געפּרעדיגט געוואָרען פון די אידישע נביאים. אויך יוליוס שטאָהל (1802—1861) האָט געשריבען אין דעם גייסט פון באַוער'ן. אין זיין ווערק „פילאָזאָפיע דעם רעכטעס" (1830) וויל ער איבערצייגען, דאָס אידען קענען ניט בעקומען גלייכע רעכטען כל זמן זיי וועלען בלייבען אידען. שטאָהל האָט אויך געשטאַמט פון אידישע עלטערן און האָט זיך געטויפט ווען ער איז אַריין אין אוניווערזיטעט. ער איז געוואָרען פּראָפעסאָר פון רעגירונגס־רעכט אין בערלינער אוניווערזיטעט. אידען האָבען אויסגעהערט דעם פיינדליכען אורטייל פון באַוער, מאַרקס און שטאָהל און זיינען זיך ווייטער געגאַנגען מיט דעם דורכגעטרעטענעם וועג פון זייער געשיכטע.

ג. בירגערליכע רעכטלאָזיגקייט און דער קולטור קאַמף אין עסטרייך.

אַלגעמיינע פּאָליטיק. די „טאָלערירטע" אין וויען. לויט די בעשלוסען פון וויענער קאָנגרעס (1815) זיינען פיר אידען געבליבע די זעלבע רעכטען, וועלכע זיי האָבען געהאַט פאַר דעם קאָנגרעס. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די אידען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען פריהער געהאַט איינינע רעכטען, האָבען בעדאַרפט בעזיצען די זעלבע רעכטען אויך נאָך דעם קאָנגרעס. אָבער די רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין דייטשלאַנד האָבען געזוכט אַלע מיטלען אָפּצונעהמען דיזע רעכטען, אָדער ענדערען זיי צו ערגער. אַנדערס איז עס געווען אין עסטרייך. דאָרט האָבען זיי אויך פאַר דעם קאָנגרעס קיין רעכט ניט געהאַט, און די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט אַלעס מעגליכעס געטאָן אום צו פערערגערן זייער לאַגע. נאָך אַן אונטערשייד איז געווען אין דעם שיקזאַל פון די אידען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. אין דייטשלאַנד זיינען שוין דאַמאָלס געווען פּאַרלאַמענטען, בונדעסטאַגען, אידען זיינע שוין דאָרט געווען שטאַרק ציוויליזירט און געבילדעט. זייער שטרייט פיר גלייכע רעכטען איז געווען מיט מעהר מוט. אין עסטרייך אָבער איז דער קייזער געווען אַליין-הערשער און די אידען זיינען געווען זעהר אונגעבילדעט, און דעריבער האָבען זיי נאָר געבעטעלט עטוואָס מעהר רעכטען.

אין יענער צייט האָבען זיך געפונען אין עסטרייך לערך 700 טויזענד אידען. אין 1820 האָט דער קייזער פראַנץ דער 1טער ארויסגעגעבען אַ דעקרעט, דאָס די צאָהל פון אידען טאָר זיך ניט פארגרעסערן אין עסטרייך און דאָס זיי טאָרען ניט איבערגעהן פון איין פּראָווינץ אין אַן אַנדערע. די פּאָליציי האָט געדאַרפט אכטונג געבען, דאָס די אידען זאָלען ניט שאַדען דער קריסטליכער געזעלשאַפט. מיט דיזען צוועק האָט די רעגירונג גענומען מאַכען אָרדנונגען אין אידישען רעליגיעזען לעבען, איבערהויפּט בנוגע רבנים, פון וועלכע זי האָט געפאָדערט אַ געוויסען גראַד בילדונג, ווי אויך אין דער ערציהונג פון אידישע קינדער, וועלכע האָבען געמוזט בעזוכען קריסטליכע שולען. אָבער די רעגירונג האָט דאָס באַלד צוריקגערופען, וויל זי האָט מורא געהאַט, דאָס די בילדונג וועט די אידען מאַכען צו דרייסט און זיי וועלען אָנהויבען פאָדערן מעהר פרייהייט און מעהר רעכטען, און זי האָט זיך בעסער גענומען צו בעשרענקען זייערע ווענינע רעכטען, וואָס זיי האָבען געהאַט פון פריהער. אין דער הויפּטשטאָדט,

אין וויען, האָט קיין איד ניט געהאַט קיין וואוין־רעכט, אויסער א גאַנץ רייכער, וועלכער האָט דערפאַר זעהר פיעל בעצאָהלט, אָבער נאָך זיין טויט האָבען זיין פרוי און זיינע קינדער פערלאָרען דאָס וואוין־רעכט און זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון וויען. ערסט אין 1837 איז דיזע גרויזאַמ-קייט אָפּגעשאַפט געוואָרען. אַזעלכע פּריווילעגירטע אידישע פאַמיליען זיינען געווען אין 1847 ניט מעהר ווי 197. ווייל דאָס געזעץ האָט ניט ערלויבט אידען צו האַלטען קיין קריסטליכע בעדינטע, האָט די רעגירונג געמוזט ערלויבען די פּריווילעגירטע אידען צו האָבען אידישע בעדינטע. מיט דיזע רעכטען האָבען זיך בענוצט פיעלע אַנדערע אידען, וועלכע האָ-בען זיך אָנגעגעבען אַלס בעדינטע פון די פּריווילעגירטע, וואָס האָבען גענומען פון זייערע פּיקטיווע (כלומרסט) בעדינטע האַרטע סומעס געלט פיר די טובה, וואָס זיי האָבען זיי צוגעשריבען צו זייער שטאַט. צווישען די פּראָפעסיאָנען פון די פיקטיווע בעדינטע זיינען געווען אַזעלכע ווי „מזוזות־אַנשלעגער", „פלייש־זאַלצערינס" און ד. גל. די פּאָליציי האָט גענומען כאַבאַר און האָט געקוקט דערויף דורך די פינגער. אויסער דיזע זיינען אין וויען געזעסען א סך אידען אַלס „ציטוויילינע איינוואוינער". די רעגירונג האָט ערלויבט יעדען אידען אין עסטרייך צו קומען אין וויען אויף 14 טעג וועגען געשעפטען. דערביי האָט זי ערלויבט דער פּאָ-ליציי צו לאָזען איהם נאָך א חודש צייט פערבלייבען אין וויען, ווען זיינע געשעפטען האָבען עס געפאָדערט. דיזע לייט זיינען זעהר אָפט פערבלי-בען אין וויען אויף זייער גאַנצען לעבען, זיי פלעגען אַרויספאָהרען פון שטאָדט דורך איין ראָגאַטקע און אַריינפאָהרען גלייך צוריק דורך אַן אַנ-דערע און האָבען דעם סטראַזשניק געוויזען זייער פּאַספּאָרט. מיט דער צייט האָט מען עס געמאַכט נאָך קירצער: דער איד פלעגט אַרויס פון שטאָדט עטליכע טריט אויף יענער זייט ראָגאַטקע און פלעגט זיך באַלד צוריק-קעהרען אַלס נייער גאַסט אין וויען. דיזע פּראָצעדורע האָט זיך אָנגערו-פען „געהן זיך כשר'ן". מיט דער צייט איז דאָס געוואָרען א פאָרמאַלי-טעט, וועלכע עס האָבען ערפילט פיר דעם „אוועקפאָהרענדען" מיטגלידער פון זיין פאַמיליע, אָפט זאָגאַר יונגע קינדער. דער בעוואוסטער מאַטהע-מאַטיקער פּראָפעסאָר שמעון שפּיצער דערצעהלט, דאָס ווען ער איז אַלט געווען 8 יאָהר האָט איהם זיין פאָטער געשיקט „כשר'ן" דעם פּאַס-פּאָרט. ער איז אַרויס פון דער ראָגאַטקע און האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט און געגעבען דעם פּאַספּאָרט צום סטראַזשניק צו כשר'ן. דער סטראַזשניק האָט לויט פאָרמאַליטעט איהם געפרעגט: „ווי אַלט ביזט דו?" האָבענ-

דיג אין זינען, דאָס ער פערטרעט זיין פאָטער, האָט ער געענטפּערט: 54 יאָהר. „האָסטו אַ ווייב און קינדער?" — יע, איך האָב. „וויפיעל קינדער?" — אכט. דער סטראַזשניק האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט גע׳כשר׳ט דעם פּאַספּאָרט.

פיר די אידען האָט די רעגירונג געגרינדעט אַ בעזונדער פּאָליציי, אַ „יודענאַמט". דיזע פּאָליציי האָט געדאַרפט אכטונג געבען, דאָס קיין איד, וואָס האָט ניט דאָס רעכט צו פערבלייבען אין וויען, זאָל גלייך פון שטאָדט ארויסגעשיקט ווערען. די פּאָליציי פלעגט מאַכען אָבלאַוועס, בעפאַלען אכסניות, אָפטמאָל אויך שולען, און ארויסשיקען אָרימע מיט קליינע קינדער אין ווינטער־צייט אָהן שום רחמנות. נאָר ווער עס האָט געהאַט די מעגליכקייט גוט צו בעצאָהלען דער פּאָליציי, דער איז פערבליבען אויף אַ קורצע צייט. אנדערס איז געווען מיט אידען טערקישע אונטערטאַנען און פראַנצויזישע. טערקיי האָט געהאַט אַ טראַקטאַט מיט עסטרייך, דאָס זי זאָל ניט שטערען איהרע אונטערטאַנען אין מסחור און וואוין־רעכט. פראַנקרייך האָט געגעבען אַ התראה עסטרייך, דאָס אויב זי וועט ניט געבען איהרע אידען וואוין־רעכט, וועט זי ניט געבען אַלע עסטרייכער אונטערטאַנען קיין רעכט צו קומען אין פראַנקרייך. עסטרייך האָט געמוזט נאָכגעבען. דערפון האָט עס זיך גענומען, דאָס פיעלע עסטרייכישע אידען זיינען געוואָרען טערקישע אונטערטאַנען אָדער האָבען געקראָגען טערקישע פּאַספּאָרטען. אַז מען האָט איינגעלאַדען דעם בעריהמטען מוזיקער מעיערבעער צו קומען אין וויען פון פּאַריז, האָט ער געענטפערט, דאָס ער וויל ניט ווערען אַ קליענט פון דעם „יודענאַמט" (די פּאָליציי פיר אידען); דאַמאָלס האָט די פּאָליציי איהם געענטפערט, דאָס זי וועט איהם עמפּפאַנגען ניט ווי אַ אידען נאָר ווי אַ קאַוואַליער.

ניט אכטענדיג דערויף, וואָס אידען מיט הויכע אוניווערזיטעט־בילדונג זיינען צו קיין זאַך ניט צוגעלאַזען געוואָרען — אַ אידישער דאָקטאָר האָט ניט געטאָרט פּראַקטיצירען צווישען קריסטען, אַ אידישער יוריסט האָט ניט געטאָרט זיין קיין אַדוואָקאַט או. אז. וו. — זיינען די גימנאַזיומס און אוניווערזיטעטען געווען פול מיט אידען. עס פערשטעהט זיך, דאָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך צו׳שמד׳ט. איין גוטע זאַך האָט געטאָן די רעגירונג אין 1846 — זי האָט אָפּגעשאַפט די אַלטע פאָרמע פון דער שבועה, וואָס אַ איד האָט געדאַרפט געבען פאַר אַ ריכטער אין געריכטס־הויז. דער ריכטער פלעגט דאַרפען דעם אידען אָנזאָגען, ער זאָל ניט שווערען פאַלש און ניט גלויבען, דאָס גאָט שטראָפט ניט פיר אַ פאַלשע שבועה.

וואָס א איד ניט אין א קריסטליכען געריכטס־הויז, ווייל ער רעכענט די קריסטען פיר געצענדינער.

דאָס סיסטעם פון דריקען די אידען אין בעהמען, מעהרען און גאַליציען. אין בעהמען און מעהרען האָט זיך די עסטרייכישע דעספּאָטישע רעגירונג געהאַלטען ביי איהר אַלטען סיסטעם ניט צו לאָזען, דאָס די צאָהל פון אידען זאָל דאָרטען ווערען גרעסער, און פון די, וואָס וואוינען דאָרטען, זאָל זי אויסזאַפּען דעם לעצטען טראָפּען בלוט. אין די שטעדט, וואו אידען האָבען געמעגט וואוינען, האָט זי אויך בעשרענקט דאָס וואוין־רעכט און האָט געשאַפען א געטאָ, א אידישע גאַס, פון וועלכער דער איד האָט קיין רעכט ניט געהאַט אריבערציהען אין אַן אַנדער גאַס. קיין נייע אידישע פאַמיליעס האָט מען ניט צוגעלאָזען אין בעהמען און מעהרען, אָבער ווען א פאַמיליע האָט געוואָלט ארויספאָהרען פון דאָרט, האָט זי געמוזט אָפּגעבען דער רעגירונג 20 פּראָצענט, ד. ה. א פינפטעל פון איהר קאַפּיטאַל. אַנדערס האָט זי פון דאָרט ניט ארויסגעלאָזען. אויסער דעם האָט אָפּט די רעגירונג נאָך געפאָדערט פון דער אידישער געמיינדע זי זאָל גאַראַנטירען, דאָס די סומע, וואָס זי איז פערפליכטעט צו צאָהלען אין קאַזנאַ, זאָל ניט וועניגער ווערען. אויב די געמיינדע האָט ניט בעצאָהלט די שטייער צו דער צייט, פלעגט די רעגירונג צושליסען די אידישע שול און אריינשיקען אַן עקזעקוציאָן פון סאָלדאַטען. אין 1840 האָבען זיך די אידען בעקלאָגט, דאָס פיעלע אידען זיינען צולאָפען אין אַנדערע לענדער, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט צו בעצאָהלען די שטייער, און די געמיינדע קען ניט ליידען פיר זיי. האָט דער קייזער געענטפערט, דאָס ווען איין איד וועט פערבלייבען אין לאַנד וועט ער מוזען בעצאָהלען פיר אַלע די גאַנצע סומע. אום די צאָהל פון אידען זאָל ניט גרעסער ווערען האָט די רעגירונג קאָנטראָלירט די צאָהל פון אידישע חתונות, און ווען איינער האָט געמאַכט א שטילע חופּה, ה̇אָט די רעגירונג בעשטראָפט דעם רב מיט די מחותנים און חתן כלה און האָט די לעצטע צושיידט מיט א גט און די קינדער צושיידט מיט די עלטערן.

אין גאַליציען האָט די רעגירונג געדריקט די אידישע מאַסען מיט ספּעציעלע שטייערן: אַן אָפּצאָהל פון פלייש און א טאַקסע פון ליכט, וואָס ווערען בענוצט שבת און יום טוב, צו יאָהרצייטען או. אז. וו. פיר יעדעם ליכט האָט דער איד געמוזט בעצאָהלען ביז 30 קרייצער. דיזע שטייערן האָבען שרעקליך געדריקט די אָרימע מאַסען. אויסער וואָס די רעגירונג האָט געדריקט האָבען די אָטקופּשטשיקעס פון דיזען סאָרט שטייער נאָך מעהר גע-

דריקט דעם עולם. עס זיינען געוועזן נאָך אַנדערע אָפּצאָהלונגען: האָט אימיצער געוואָלט מאַכען אַ מנין ביי זיך אין הויז, האָט ער געמוזט בע־צאָהלען פיר די ערלויבנים; פיר חתונה מאַכען אַ זוהן — דעם 1טען האָט מען געדאַרפט געבען 30 רענדלאַך, דעם 2טען 60 רענדלאַך, דעם 3טען ביז 90 רענדלאַך, או. אז. וו. דערצו האָבען נאָך דער חתן און די כלה געמוזט אויסהאַלטען אַן עקזאַמען פון דעם קאַטעכיזם (רעליגיאָנס־בוך), וואָס האָמ־בערג האָט פערפאַסט. אָבער נאָר אַ קליינע צאָהל פון די גאַליציאַנער אידען האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו ערפילען די אַלע פאָדערונגען פון דער רעגירונג בנוגע צו חתונות. די גרויסע מעהרהייט האָט געמאַכט שטילע חתונות און האָט געלעבט אָהן געזעצליכער הייראַט.

די אידען אין אונגאַרן און די איטאַליענישע פּראָווינצען. די בעוועגונג פיר די אידישע עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד האָט קיין אָפּ־קלאַנג ניט געפונען אין עסטרייך. אַנדערש אָבער איז עס געוועזן אין אונ־גאַרן. אויף די פערזאַמלונגען פון די לאַנד־שטאַנדען ווי אויך פון די סיי־מען, האָבען די דעפּוטאַטען פערהאַנדעלט צווישען אַנדערע פראַגען אויך די אידישע פראַגע. די וועהלער פון דעם סיים פון 1840 האָבען געגעבען אינסטרוקציאָנען די דעפּוטאַטען, דאָס אין דעם קומענדען סיים זאָל אריינ־געבראַכט ווערען אַ רעזאָלוציאָן וועגען געבען אידען פולע בירגער־רעכטען. אין אָנפאַנג פון 1840 האָבען זיך פערזאַמעלט דעלעגאַטען פון אידישע געמיינדעס אין אונגאַרן און האָבען בעשלאָסען אָנפאַנגען צו פאָדערן גלייכע רעכטען. אין מערץ 1840 האָט דער סיים אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דעם פּעסטער דעפּוטאַט דובראַוועצקי וועגען געבען אידען גלייכע רעכטען. עס איז שוין געקומען די צייט, האָט דער סיים געשריבען צו דעם מאַגנאַטען־הויז, דאָס די רעגירונג זאָל אויך די אידען בעפרייען פון דער דריקענדער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, און געבען זיי גליי־כע רעכטען מיט אַלע אַנדערע בירגער. דאָס הויז פון די מאַגנאַטען האָט בעשלאָסען געבען אידען אייניגע רעכטען, אָבער ניט מיט אַמאָל זיי געבען גלייכע רעכטען מיט אַלע בירגער. דיזען בעשלוס האָט מען אוועק־געשיקט אין ווין. דאָרט האָט די רעגירונג פערוואָרפען דעם גאַנצען פּלאַן, און האָט נאָר געגעבען די אידען וואוין־רעכט אין גאַנצען לאַנד, מיט קליינע אויסנאַהמען. די ליבעראַלען אין אונגאַרישען סיים זיינען געוועזן שטאַרק אויפגערעגט אויף דיזע ענטשיידונג אין ווין און האָבען ניט געוואָלט נאָכ־געבען. אָבער די אידען זעלבסט האָבען געבעטען דעם סיים גאָר ניט טאָן וועגען דעם, ווייל זיי האָבען געהאָפט, דאָס מיט דער צייט וועט די

רעגירונג ענדליך נאָכגעבען. די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צו בע-זעצען איבעראַל און דאָס האָט פערבעסערט זייער מאַטעריעלען צושטאַנד. עס פערשטעהט זיך, דאָס די קריסטליכע האַנדעלס-לייט זיינען געווען אונ-צופרידען פון דער אידישער קאָנקורענץ.

די אידישע אינטעליגענץ האָט בעשלאָסען צו אסימילירען זיך מיט די מאַדיאַרען (אונגאַרן) און דורך דעם בעקומען גלייכע רעכטען, אָבער די מאַדיאַרען זעלבסט האָבען ערקלערט די אידען דורך לודוויג קאָשוט, דאָס זיי קענען ניט בעקומען קיין גלייכע רעכטען ביז וואַנען זיי וועלען ניט אָפּשאַ-פען זייערע געזעצען וועגען שפּייז או. ד. גל., וועלכע האַלטען זיי אָפּ פון צוזאַמענמישען זיך מיט די קריסטען. געגען דעם זיינען אַנדערע אַרויס מיט שריפטען. ווען דיזע פראַגע איז פערהאַנדעלט געוואָרען אין די זיצונגען פון סיים 1843—1844, האָט די מעהרצאָהל פערוואָרפען דעם פּלאַן פון גלייכבערעכטיגונג און האָט נאָר בעשלאָסען צוזאַמענרופען אַ ראַבינער-סינאָד, וועלכער זאָל אָפּשאַפען די אידישע געזעצען, וואָס שטערען די אסימילאַציאָן פון אידען מיט קריסטען. די אָרטהאָדאָקסישע רבנים זיי-נען אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען דעם בעשלוס פון סיים, און זיי האָ-בען געבעטען, מען זאָל לאָזען צורוה זייער רעליגיאָן, און האָבען ערקלערט, דאָס זיי זיינען מוחל די גאַנצע עמאַנציפּאַציאָן. זיי האָבען בעהויפּטעט, דאָס די אידען רעכנען פיר זייער פאָטערלאַנד נאָר פּאַלעסטינאַ און דע-ריבער קענען זיי זיך ניט אסימילירען מיט אַנדערע פעלקער. דער סוף איז געווען, דאָס דער סיים האָט אין גאַנצען פערוואָרפען דעם פּלאַן פון גלייכבערעכטיגונג פון די אידען. דאַמאָלס האָבען די אידישע געמיינדעס פון אונגאַרן גענומען אונטערהאַנדלען מיט דער רעגירונג אין וויען מען זאָל זיי וועגען געסטענס בעפרייהען פון די שענדליכע ספּעציעל אידישע אָפּ-צאָהלען דערפאַר וואָס מען דולדעט זיי אין לאַנד. די רעגירונג האָט איינגעשטימט אָפּצושאַפען די שטייערן בתנאי די אידען זאָלען איינצאָהלען אין צייט פון פינף יאָהר אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד פלאָרין. דער אונגאַרישער סיים איז געווען שטאַרק אונצופרידען, וואָס די אידען האָבען פערהאַנדעלט מיט דער רעגירונג אָהן זיין צושטימונג.

אין די איטאַליענישע פּראָווינצען לאָמבאַרדיע און ווענעציאַ, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צו עסטרייך לויט דעם בעשלוס פון וויענער קאָנ-גרעס, האָט די רעגירונג געזוכט אָפּנעהמען פון זיי די רעכטען, וועלכע זיי האָבען בעקומען אין נאַפּאָלעאָן׳ס צייטען. אָבער וויל די אידען דאָרט זיינען געווען פיעל מעהר פאָרטגעשריטען און ציוויליזירט פון די גאַליצי-

אַנער אידען, האָט זי ניט געקענט שטעלען זיי אויף דער זעלבער שטופע מיט די לעצטע. אָבער זי האָט צוגענומען פון זיי דאָס רעכט צו נעהמען אַנטייל אין שטאָדט־פערוואַלטונג, מען האָט זיי ענטזאָגט פון אַלע רעגירונגס־שטעלעס, מען האָט זיי פערוועהרט עפנען אַפּטייקען א. ד. גל. די שונאי ישראל האָבען אויפגעהעצט פּאָגראָמען אויף אידען אין 1824 און 1842, וועלכע מען האָט געמוזט דערשטיקען מיט מיליטערישער מאַכט.

רעפאָרמע פון יודענטום אין עסטרייך־אונגאַרן. די אידישע רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונג, וועלכע איז אין דייטשלאַנד געוועזען ענג פערבונדען מיט דעם קאַמף פיר עמאַנציפּאַציאָן, האָט זיך אין עסטרייך ניט געקענט ברייט פערנאַנדערוויקלען אויס צוויי אורזאַכען: ערסטענס, ווייל די אָרטהאָדאָקסישע קלאַס איז דאָרט געווען פיעל שטארקער ווי אין דייטשלאַנד, און צווייטענס, ווייל דער קאַמף פיר עמאַנציפּאַציאָן איז דאָ געווען פיעל שוואַכער ווי אין דייטשלאַנד. נאָר אין אונגאַרן, וואו דער שטרייט פיר עמאַנציפּאַציאָן איז אָנגעגאַנגען, האָט די רעפאָרמע אויך געהאַט אַן אָרט. אָבער אויך דאָ איז די רעפאָרמע ניט געווען ראַדיקאַל, ווי אין דייטשלאַנד, נאָר זי האָט זיך בעשרענקט אויף אייניגע אויסערליכע ענדערונגען אין דעם געטליכען דינסט..

די רייכע קלאַס אידען האָט זיך גענומען צו פערפיינערן די סינאַגאָגע און די פאָרמעס פון געטליכען דינסט. אום צוצוציהען די יוגענד, וועלכע פלעגט זעהר לייכט איבערגעהן צום קריסטענטום, און אויך אום עס זאָל זיין שענער פיר געבילדעטע קריסטען. אין 1820 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט עס זאָלען געהאַלטען ווערען רעדעס אין די אידישע שולען אין דער דייטשער שפּראַך. אין 1823 איז אָנגעקומען אין וויען פון קאָפּענהאַגען דער רעליגיאָנס־לעהרער ר׳ י צ ח ק נ ח מ אַ נ נ ה י י מ ע ר (1739—1865), אַ מערקווירדיגער רעדנער און אַ מאַן מיט פיעל אייראָפּעאישע און אידישע בילדונג, און האָט זיך גענומען מאַכען אייניגע ענדערונגען אין געטליכען דינסט. צו דיזען צוועק האָבען זיך די רייכע אידען גענומען איבערבויען די סינאַגאָגע. די פּאָליציי אָבער האָט דערין געשטערט, ווייל נאָך איהר מיינונג וועט אַ שענער געטליכער דינסט אין אַ סינאַגאָגע שאַדען דעם קריסטענטום און די אידען וועלען ווערען צו פילאָזאָפיש געזאָנען, וואָס עס קען שאַדען דער רעגירונג. די רעגירונג האָט דעריבער ענטזאָגט די אידען זייער פערלאַנג איבערצובויען די סינאַגאָגע. די אידען אָבער האָבען זיך אַן עצה געגעבען: ביי נאַכט האָט מען געמאַכט, דאָס דער באַלקען אין דער סינאַ-

גאַנגע איז איינגעפאַלען, און די רעגירונג האָט געמוזט ערלויבען צו בויען א נייע סינאַגאָגע. אין 1826 איז די נייע סינאַגאָגע פערטיג געוואָרען, און מאַננהיימער האָט אָנגעהויבען איינפיהרען אייניגע מעסיגע ענדערונ-גען. דער גאַנצער געטליכער דינסט איז געגאַנגען אין העברעאיש, נאָר די רעדען זיינען געווע אין דייטש. קיין ענדערונג אין די תפלות איז ניט געמאַכט געוואָרען, נאָר די פּיוטים האָט מען א ביסעל פערקירצט. זאָ-גאָר די אַלטע אידישע נגינים זיינען פערבליבען, אָבער זיי זיינען פיעל פערפיינערט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען מוזיקער סאַלאָמאָן זולצער, וועלכער איז געווען דער הויפּט-חזן אין דער סינאַגאָגע. דיזע קליינע רע-פאָרמעס האָבען ניט אויפגערייצט זאָגאר די אָרטהאָדאָקסען, און די רע-גירונג האָט ניט געזעהען דערין קיין שפּאַלטונג אין יודענטום. 40 יאָהר איז מאַננהיימער געווען דער הויפּט-פיהרער פון דער אידישער געמיינדע אין וויען (1825—1865).

אין יאָהר 1836 איז אויך אין פּראַג איינגעפיהרט געוואָרען א נייע סינאַגאָגע מיט א שענערער פאָרמע פון דער עבודה, אויף דער אַרט און וויזע ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין וויען. דער רעדנער דאָרט איז געווען דער בעריהמטער מ י כ ל ז א כ ס, וועלכער איז שפּעטער אַריבער נאָך בערלין. אין יענער צייט איז אָנגענומען געוואָרען אין פּראַג אַלס רב דער גרויסער תלמודיסט און געלעהרטער ר׳ שלמה ליב ראַפּאַפּאָרט. אין דער זעלבער צייט איז אין טעפּליטץ געווען רב ר׳ זכריה פראַנקעל (1821). אויך אין מעהרען זיינען דאַמאָלס געווען גרויסע אָרטהאָדאָקסישע גאונים ווי ר׳ מ ר ד כ י ב ע נ ע ט און ר׳ נ ח מ י ה ט ר ע-ב י ט ש. א ביסעל שפּעטער בעגעגנען מיר שוין דאָרט רבנים מיט וועלט-ליכער בילדונג, ווי ר׳ ה י ר ש פ אַ ס ס ע ל אין פּראָסניטץ, וועלכער האָט געשריבען א פאָרשונג איבער אידישע עטהיק (זיטענלעהרע). צוליב שטרענגע געזעצען וועגען חתונות זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען זעהר פיעלע אידישע שטילע חופות. דאָס געזעץ האָט בעשטימט א זעהר שטרענגע שטראָף פיר די פרויען פון אַזעלכע אונגעזעצליכע הייראַטען. פּאַססעל הנט זיך געווענדט צום קייזער מיט א ביטשריפט און דיזע פרויען זיינען בעפרייט געוואָרען פון שטראָף.

גאַנץ אַנדערש איז עס געווען אין גאַליציען. דאָרט האָבען די גוטע אידען געשפּילט די הויפּט-ראָלע און דאָס פאָלק האָט ניט געזעהען קיין שטראַהל פון וועלטליכער ליכט. קיין געבילדעטע רבנים זיינען דאָרט ניט געווען. די אָרטהאָדאָקסישע רבנים פון יענער צייט: ר׳ י ע ק ב אָ ר נ-

שטיין און ר׳ שלמה קלוגער זיינען געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט פיר די אָרטהאָדאָקסיע און האָבען ניט צוגעלאָזען קיין רעפאָרמע. די געבילדעטע רבנים, ווי ר׳ שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט און ר׳ הירש חיות אין זשאָלקיעוו, הגם זיי זיינען געווען גרויסע תלמו־דיסטען, זיינען זיי געווען פערפאָלגט. דער ראַבינער אברהם קאהן, פון גייגער׳ס תלמידים, איז פער׳סם׳ט געוואָרען פון די פינסטערלינגען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געגעבען די מיה צו בילדען דאָס פאָלק.

גרויסע מחלוקות צווישען די פּאַרטייען זיינען פאָרגעקומען אין אונ־גאַרן. ר׳ משה סופר און דער גוטער איד ר׳ משה טייטעלבוים זיינען געווען די הויפּט־פיינד פון בילדונג. אָבער עס האָ־בען זיך דאָרט געפונען אויך פריינד פון בילדונג, ווי ר׳ אהרן חאָרין, וועלכער איז געווען מעהר פון 50 יאָהר רב אין אראַד. ער האָט זיך ער־לויבט אין געוויסע שטעלען איבער׳פּסק׳ענען דעם שולחן ערוך, ווייל ער האָט געפונען אַ יסוד אין די פּוסקים ראשונים דאַגעגען. ער איז שטאַרק בעליידיגט געוואָרען פון זיין געמיינדע, און דער הויפּט־רב פון אָפען האָט געפאָדערט פון איהם ער זאָל זיך שריפטליך אָפּזאָגען פון זיינע אידעען. ער האָט זיך געווענדט מיט אַ קלאַגע צו דע־ רעגירונג און די ענטשיידונג איז געווען צו זיין גונסט. שפּעטער איז ער צוגעשטאַנען מעהר צו די רעפאָרמאַטאָרען און האָט אויפגעוויזען, דאָס די אַלטע רבנישע ליטעראַטור איז אויך נוטה צו רעפאָרמע. דער רעזולטאַט דער־פון איז געווען, דאָס די געמיינדעס האָבען זיך גענומען צו אַסימילירען זיך — די אונגאַרישע שפּראַך איז איינגעפיהרט געוואָרען אין הויזליכען לעבען, אין די אידישע לעהר־שולען, ווי אויך אין דער סינאַגאָגע. משה סופר האָט פערלאַנגט פון דער רעגירונג זי זאָל געבען די מאַכט צו די רבנים צו בעשטראָפען די אידען, וואָס געהען אראָפּ פון אַלטען אידישען וועג. אָבער די רעגירונג האָט איהם אָפּגעזאָגט זיין פערלאַנג. דאָס האָט געגעבען מעהר מוט די רעפאָרמאַטאָרען אָנצוגעהן מיט זייערע פּלע־נער. דער הויפּט־פיהרער פון דער רעפאָרמע אין אונגאַרן איז געווען לעאָפּאָלד לעוו, אַ מאַן מיט פיעל אידישע קענטניס און אוני־ווערזיטעט־בילדונג. אַלס טהעאָרעטיקער פיר רעליגיעזע רעפאָרמע איז ער אַוועק גאַנץ ווייט, געווען זעהר ראַדיקאַל, אָבער אין דער פּראַקטיק ער ניט אַוועק ווייטער פון מאַננהיימער׳ן.

די אויפלעבונג פון דער ליטעראַטור. די אויפלעבונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין עסטרייך איז צוגעגאַנגען גאַנץ אַנדערס

ווי אין דייטשלאַנד. אין דיזער לעצטער איז נאָר דער אידישער געדאַנק אויפגעלעבט געוואָרען, אָבער די העברעאישע שפּראַך האָט געמאַכט זעהר אַ קליינעם פּאָרטשריט, ווייל די אידישע געלעהרטע האָבען געשריבען זייערע פאָרשונגען אין דער דייטשער שפּראַך. אין עסטרייך אָבער איז אויך די העברעאישע שפּראַך אויפגעלעבט געוואָרען און איז בערייכערט געוואָרען לויט די פאָדערונגען פון די נייע געדאַנקען. אין 1820 האָט זיך אין עסטרייך אָנגעהויבען ארויסגעבען א העברעאישעם יאָהרבוך מיט'ן נאָמען „בכורי העתים". דער ערסטער רעדאַקטאָר פון דיזען יאָהר־בוך איז געווען שלום הכהן. אין דיזען יאָהר־בוך זיינען געקומען אָריגינעלע אַרטיקלען איבער אידישע געשיכטע, ביאָגראַפיעס פון גרויסע אידישע מענשען, דיכטונגען, סאַטירעס, אין וועלכע עס ווייזט זיך ארוים דער אידישער גייסט אין גאַליציען צו יענער צייט. אזוי זיינען ערשינען 12 בענדער אין 12 יאָהר. דאַן האָט דער „בכורי העתים" אויפגעהערט צו ערשיינען און זיין פּלאַץ האָט פערנומען אַ פיעל בעסערער זשורנאַל מיט'ן נאָמען „כרם חמד", אונטער דער רעדאַקציאָן פון דעם גאַליצישען געליהרטען ס. ל. גאָלדענבערג. די בעסטע ליטעראַרישע קרעפטען פון דייטשלאַנד, איטאַליען און גאַליציען האָבען אָנטייל גענומען אין דיזען זשורנאַל. איבערהויפּט צייכנען זיך דאָ אוים די קריטישע אַרטיקלען אין דער פאָרמע פון בריף פון פערשיידענע געלעהרטע. די וויכטיגסטע פערזאָן צווישען די געלעהרטע, וואָס האָבען געאַרבייט אין „כרם חמד", איז געווען ר' שלמה ליב ראַפּאַפּאָרט (שי"ר). ער איז געבאָרען געוואָרען אין לעמבערג אין 1790 און געשטאָרבען אין פּראַג 1867. ער האָט געקראָגען א שטרענג אָרטהאָדאָקסישע ערציהונג, אָבער ער האָט אויך אָנגעהויבען צו שטודירען תנ"ך מיט מענדעלסאָן'ס ביכער, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער לעמבערגער רב, ר' יעקב אָרנשטיין האָט איהם אריינגעלעגט אין חרם (1861). די רעגירונג האָט אפילו געצוואונגען דעם רב ער זאָל ארונטערנעהמען דעם חרם, אָבער דאָס האָט איהם פיעל שאַדען פעראורזאַכט אין זיין מאַטעריעלען לעבען. זיינע בעסטע אַרטיקלען איבער אידישע געשיכטע זיינען די ביאָגראַפיעס פון ר' סעדיה גאון, ר' נתן בעל הערוך, רב האי גאון, ר' אליעזר הקליר, ר' חננאל גאון און ר' נסים גאון. דיזע אַרבייט האָט פערשאַפט ראַפּאַפּאָרט'ן גרויסען רוהם אלס היסטאָריקער און קריטיקער. אין 1838 איז ראַפּאַפּאָרט געוואָרען קרייז־ראַבינער אין טאַרנאָפּאָל, וואו ער איז געווען נאָר 2 יאָהר. פון דאָרט איז ער אריבער נאָך פּראַג,

וואו ער איז פערבליבען רב ביז דעם סוף פון זיין לעבען. ער איז געווען געגען רעפאָרמע און אין 1845 האָט ער אָנגעשריבען צו דער אספּת הרבנים אין פראַנקפורט זיין „תוכחת מגולה", אין וועלכער ער איז שטאַרק אַרויס געגען די רעפאָרמירער אין זייער שטרעבען אַרויסצוואַרפען פון די תפלות וועגען ביאת המשיח. „עבדים נרצעים" האָט ער אָנגערופען די יעניגע, וואָס זאָגען זיך אָפּ פון זייער נאַציאָנאַליזם אום צו בעקומען גלייכע רעכטען.

אין דערצייט, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט זיך בעשעפטיגט מיט פאָרשען די אידישע געשיכטע, האָט זיין פריינד נ ח מ ן ק ר אָ כ מ אַ ל זיך איבערגעגעבען מיט ליב און זעעלע צו פאָרשען די פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע. ער האָט מיט גרויס פערשטאַנד פעראייניגט די אידישע טראַדיציאָן מיט דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפיע און מיט דער פילאָזאָפיע פון קאַנט און העגעל. אין זיין בעריהמטען ווערק „מורה נבוכי הזמן" ערקלערט ער מיט גרויס גייסט די פילאָזאָפיע פון יודענטום אין דער ביבלישער צייט ווי אין דער תלמודישער און נאָך תלמודישער. פאַר זיין טויט האָט ער געבעטען מען זאָל איבערגעבען זיינע כתבי יד צו צונץ'ן, וועלכער האָט זיי מסדר געווען צום דרוק און האָט געשריבען צו זיי אַ הקדמה (1851).

דיזע געלעהרטע (ראַפּאָפּאָרט און קראָכמאַל) זיינען געווען אמת'ע אידישע תלמידי חכמים, וועלכע האָבען געטאָן זייער אַרבייט געלאַסען און האָבען קיינעם ניט אָנגעגריפען. עס זיינען אָבער דאַמאָלס אויך געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען מיט ביטערקייט און שטורם אַרויס אויף'ן פעלד פון ליטעראַטור. י ה ו ד ה ל י ב מ י ז ע ס (געשט. 1831) איז אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק געגען די רבנים אין זיין ווערק „תכונת הרבנים" און געגען קבלה אין זיין ווערק „קנאת האמת". י ו ס ף פ ע ר ל, וועלכער האָט זיך פיעל מיה געגעבען צו פערשפרייטען בילדונג צווישען די אידען, האָט געשילדערט, דאָס לעבען פון די גוטע אידען אין זייערע הויפען. זעהר בייסענד זיינען די סאַטירעס פון דר. י צ ח ק ע ר ט ע ר (געשט. 1856) אין זיין בעריהמטען ווערק „הצופה לבית ישראל".

אַ בעזונדער ליכטיגער שטערן אויף'ן הימעל פון דער העברעאישער ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען ש מ ו א ל ד ו ד ל ו צ צ אַ ט ט אָ (שד"ל), געבאָרען אין טריעסט אין 1800, געשט. 1865. פון דעם יאָהר 1829 איז ער געווען פּראָפעסאָר פון טהעאָלאָגיע און העברעאישער ליטעראַטור אין דעם ראַבינער־סעמינאַר אין פּאַדוא. ער האָט געפיהרט

א שטענדיגען שטרייט געגען דעם גריכישען גייסט (העלעניזם) אין דער העברעאישער ליטעראַטור. לויט זיין מיינונג איז דיזער גייסט אין שטאַנד צו מאַכען אַן ענדע צו דער אייביגקייט פון דער אידישער נאַציאָן. איהם געפעהלען ניט דער רמב"ם און דער אבן עזרא, וועלכע האָבען אָראָפּגע-פיהרט דאָס יודענטום פון זיין ענגען היסטאָרישען וועג און האָבען עס געוואָלט אַרויספיהרען אויף דעם ברייטען וועג פון דער וועלט-געשיכטע. איהם געפעהלט ר׳ יהודה הלוי מיט זיין ענגען אידישען נאַציאָנאַל-געפיהל. ער האָט מעכטיג געשטורמט געגען די רעפאָרמירער, וועלכע האָבען גע-זוכט צופּאַסען דאָס יודענטום צו קריסטענטום. ער האָט געפּרובט שריי-בען פּאָעזיע („כנור נעים"), און וועלכער ער האָט געוואָלט דורפיהרען זיינע ליבלינגס-אידעען, אָבער ער האָט באַלד פערוואָרפען דיזען סאָרט ליטעראַרישע שאַפונג און האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו פאָרשונג פון דער ביבעל, פון די תרגומים און די אַרבייטען פון די פייטנים פון מיטעלאַלטער. ווי ראַפּאַפּאָרט איז ער געווען אַ שטענדיגער מיטאַרביי-טער אין „כרם חמד".

אַן אַנדער וויכטיגע פּערזאָן אין יענער צייט איז געווען ר׳ י צ ח ק ש מ ו א ל ר י ג י י ו (יש"ר), געשטאָרבען אין 1855. אין זיין ווערק „התורה והפילוסופיה" זוכט ער צו פעראייניגען טהעאָלאָגיע מיט פילאָ-זאָפיע. ער האָט אַרויסגעגעבען די אַרבייט פון די אידישע געלעהרטע פון פריהערדיגע דורות, ווי ר׳ אליהו דעל מעדיגאָ׳ס „בחינת הדת" און ר׳ יהודה אַריה מודינאַ׳ס „בחינת הקבלה", מיט זיינע ערקלערונגען. אויסער דעם האָט ער אַרויסגעגעבען חמשה חומשי תורה מיט אַ ביאור אין מענ-דעלסאָן׳ס גייסט און אַן איבערזעצונג אין איטאַליעניש. אין אַלגעמיין איז די העברעאישע ליטעראַטור פון יענער צייט אין עסטרייך געווען נאַ-ציאָנאַליסטיש, ווערענד אין דייטשלאַנד איז זי געווען אַסימילאַטאָריש.

ד. די אונטערדריקונג פון די אידען אין רוסלאַנד.

ענדע פון דער רעגירונג פון אלכסנדר דעם 1טען. דער ווינער קאָנגרעס האָט געבראַכט אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד דאָס שטיק פוילען, וואָס איז געווען בעוואוסט אַלס דאָס „פוילישע קעניגרייך", אין וועלכען עס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען לערך 2 מיליאָנען אידען. אין דער פּאָליטיק וועגען אידען האָבען זיך אין יענער צייט געביטען 3 סיסטעמען: 1) דאָס סיסטעם פון בעזאָרגען זיך וועגען זייער צושטאַנד און דאַך דריקען זיי; דיזעס סיסטעם האָט געהערשט אין דער לעצטער

צייט פון אלכסנדר דעם 1טען (1825—1851). 2) דאס סיסטעם פון סאל־דאטשינע און רעליגיעזער אסימילאציאן, ווען מען האט צוגענומען קליי־נע קינדער פיר סאלדאטען און מען האט זיי געצוואונגען אננעהמען דאס קריסטענטום. דאס זיינען געווען מיטלען פון ניקאלאי דעם 1טען צו אויס־בעסערן די אידען (1826—1840), און 3) דאס סיסטעם פון בעסערן די אידען דורך בילדען און דריקען (1840—1848). דיזע אלע 3 סיסטעמען האבען פערוואנדעלט די אידישע געשיכטע פון יענער צייט אין א לאנגע שרעקליכע טראגעדיע.

די רעגירונג פון אלכסנדר דעם 1טען האט אנערקענט פיר נעטיג צו האבען איינינע דעפוטאטען פון אידען, וועלכע זאלען דינען אלס ראטגעבער ביים מיניסטעריום פון רעליגיאן־זאכען וועגען אידישע אנגעלעגענהייטען אין דער צייט, ווען אלכסנדר איז געווען אויף זיין פעלדצוג אין אויסלאנד, האבען זיך געפונען ביי דער ארמעע 2 אידישע דעפוטאטען, זאננענבערג און דיללאן. דער פאטריאטיזם און די טרייהייט, וואס די אידען אין רוס־לאנד האבען בעוויזען דער רעגירונג אין 1821, האט בעוועגט אלכסנדר'ן צו זאגען דיזע 2 דעפוטאטען, דאס ער איז בערייט צו פערבעסערן די אי־דישע לאגע, און האט זיי געהייסען זיי זאלען געבען צו וויסען די אידי־שע קהלות וועגען זיין בעשלוס. דיזע צוויי דעפוטאטען האבען געפונען פיר נעטיג, דאס די רעגירונג זאל געבען א בעפעהל, די אידען זאלען ער־וועהלען דעפוטאטען און שיקען זיי נאך פעטערבורג. אין הערבסט פון 1817 האבען די אידישע קהלות ערהאלטען פון די גובערנאטארען א בע־פעהל צו ערוועהלען דעפוטאטען, וואס זאלען זיצען אין מיניסטעריום, מיט וועלכע די בעאמטע זאלען זיך אימער בעראטען וועגען זאכען, וואס אנבעטרעפען די אידען אין רוסלאנד. אין אויגוסט 1818 האבען די אי־דישע קהלות ערוועהלט אויסער די פריהער דערמאהנטע דעפוטאטען זאנ־נענבערג און דילאן נאך איינינע: מיכל אייזענשטאדט פון שקלאוו, ביי־ניש לאפקאווסקי (בארא״ז), מארקוס פייטעלסאן פון וויטעבסקער גובער־ניע און שמואל עפשטיין פון ווילנא. די אידישע געמיינדעס זיינען דא־מאלס געווען צו ארים מען זאל זיי קענען בעלעסטיגען מיט די הוצאות אויף שיקען און אויסהאלטען דיזע דעפוטאטען אין פעטערבורג, דעריבער האט מען געפונען פיר נעטיג צו מאכען א תקנה, דאס מען זאל פערוואנד־לען אין געלט די זילבערנע עטרות פון די טליתים און קיטלען פון די ארי־מע און מיטעלע קלאסען אידען, און דערפון זאל מען שאפען א קאפיטאל

צו דעקען די הוצאות אויף די דעפּוטאַטען. די רייכע האָבען געמעגט האָבען די עטרות בתנאי זיי זאָלען בעצאָהלען דעם ווערט פון זיי.

7 יאָהר זיינען די דעפּוטאַטען געזעסען אין פּעטערבורג (1818—1825. אָבער די האָפנונגען, וואָס די אידישע קהלות האָבען געלעגט אויף זיי, זיינען ניט ערפילט געוואָרען. די רעגירונג האָט זיך מיט זיי קיין מאָל ניט בעראַטען וועגען די אידישע אינטערעסען, או זיי איז געבליבען נאָר צו שפּילען די ראָלע פון שתדלנים. ווען די רעאַקציאָן איז שטאַרק געוואָרען און די רעגירונג האָט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען דורכפיהרען די דרי-קענדע געזעצען פון 1804, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען פאַר דעם יאָהר 1812 (זעה אויבען), האָבען די שתדלנים אַלע מיטלען אָנגעווענדעט עם ווידער אָפּצוהאַלטען. זיי האָבען אָבער באַלד איינגעזעהען, דאָס זייער מיה איז אומזיסט, און אייניגע פון זיי האָבען פערלאָזען פּעטערבורג און האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייערע שטעדט. דער נאָכפאָלגער פון מי-ניסטער גאָליצין, דער פינסטערלינג ס. א. שישקאָוו, האָט געבעטען אַלכּסנדר'ן ער זאָל אין גאַנצען אָפּשאַפען די אידישע דעפּוטאַציאָן ביים מיניסטעריום. אין 1825 איז די דעפּוטאַציאָן אָפּגעשאַפט געוואָרען און די האָפנונג פון די אידען צו האָבען אין פּעטערבורג אַ פערטרעטערשאַפט, וואָס זאָל בע-שיצען זייערע אינטערעסען, איז גין גאַנצען צורונגן געוואָרען.

די רעגירונג האָט זיך דאַמאָלס גענומען צו ראַטעווען די אידישע נשמות דורך מיסיאָן. זי האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אונטער'ן נאָמען „די געזעלשאַפט פון אידישע קריסטען”, וועלכע האָט געהאַט איהר צוועק צו שטיצען אידישע משומדים. פון דעם אינהאַלט פון דעם קייזערליכען אוקאַז וועגען דער גרינדונג פון דיזער געזעלשאַפט און די פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט די אידישע קאָלאָניעס פון משומדים, זעהט מען קלאָר, דאָס די רעגירונג האָט געהאָפט, דאָס אידען וועלען זיך צו'שמד'ען אין גרויסע מאַסען, און די שמד־מגפה וועט זיך פערשפּרייטען אונטער אַלע אידען אין רוסלאַנד. אין הערבסט 1812, ווען די מאָנאַרכען פון הייליגען בונד האָבען זיך פערזאַמעלט אין אַ קאָנגרעס אין אאַכען, איז געקומען אהין דער פּרעזידענט פון דער לאָנדאָנער ביבלישער געזעלשאַפט ל ו א י ס ו ו ע י , און האָט איבערגעגעבען דעם רוסישען קייזער אַלכּסנדר דעם 1טען אַ שריפט וועגען דעם צושטאַנד פון אידען אין די אייראָפּע-אישע לענדער און האָט ערקלערט דעם קייזער, דאָס ווען ער וועט געבען אידען פולע רעכטען וועט ער דערמיט דערגרייכען זיין וואונש צו בע-קעהרען אידען צום קריסטענטום פיעל זיכערער און לייכטער ווי מיט דרי-

קען זיי. אַלכסנדר האָט די שריפט איבערגעגעבען צו די דיפּלאָמאַטען פון די מאָנארכען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אויף'ן קאָנגרעס צו פער-האַנדלען וועגען דעם. אָבער די דיפּלאָמאַטען האָבען די זאַך ניט אָנגע-נומען ערנסט, און האָבען אויסגעזאָגט זייער מיינונג, דאָס די אידען-פראַגע מוז געלעזט ווערען אין יעדען לאַנד בעזונדער לויט די אומשטענ-דען פון לאַנד.

ווי עס שיינט איז אַלכסנדר'ן דער פּלאַן געפעלען געוואָרען און אין רוסלאַנד זיינען די אידען געבליבען אָהן רעכטען ווי פריהער. אָבער דער וואונש צו שמד'ען די אידען איז ביי איהם געבליבען. ער האָט גערעכענט אויף די געגרינדעטע „געזעלשאַפט פון אידישע קריסטען". הגם אין צייט פון 3 יאָהר זינט די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרען איז קיין איינ-ציגע קאָלאָניע פון „אידישע קריסטען" ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, האָט דאָך די רעגירונג בעשטימט אַ גרויסעס שטיק לאַנד אין יעקאַטערינאָ-סלאַווער גובערניע פיר דיזען צוועק (1820), און האָט בעשטימט אַ בע-זונדערען בעאַמטען מיט'ן טיטעל „פּאַפּעטשיטעל", וואָס זאָל פיהרען די געשעפטען פון דער קאָלאָניע. אָבער עס זיינען ניט געקומען קיין אידישע משומדים צו דיזער קאָלאָניע. אין יאָהר 1823 האָבען אייניגע שווינד-לער זיך אָנגעגעבען אַלס אידישע קריסטען אום צו בעקומען דעם פעטען בי-סען, אָבער עס איז באַלד בעקענט געוואָרען, אַז דאָס זיינען געווען שווינדלער, און מען האָט זיי ענטזאָגט. פירסט גאָליצין האָט געראַטען אַלכסנדר'ן ער זאָל די געזעלשאַפט מבטל זיין, אָבער אַלכסנדר האָט זיך געשעמט עס טאָן און די געזעלשאַפט מיט'ן פּאַפּעטשיטעל זיינען געבליבען עקסיסטי-רען אויף'ן פּאַפּיר ביז דעם יאָהר 1833; דאַמאָלס האָט דער קייזער ני-קאָלאַי דער 1טער זי מבטל געווען, ווייל ער האָט בעשלאָסען צו געברוי-כען אַנדערע מיטלען צו שמד'ען די אידען: די סאָלדאַטשינע און דעם קאַנטאָניזם.

ניקאָלאַי האָט געהאַט פאַר זיך אויסער צו שמד'ען אידען אַן אַנדער ארבייט: צו פּטור ווערען פון דער בעוועגונג צווישען קריסטען אין די גובערניעס סאַראַטאָוו, טולאַ און וואָראָנעזש צו ווערען נעהנטער צום יו-דענטום. עס זיינען געוואָרען סעקטען: סובאָטניקעס און אַנדערע, וואָס האָבען אָנגעהויבען אָפּפאַלען פון קריסטענטום. נאָך אין 1817 האָבען זיך פיעלע פון דיזע סעקטען געווענדט מיט אַ קלאַגע צום קייזער אויף די בע-אַמטע, וואָס שטערען זיי אָנצונעהמען די אידישע רעליגיאָן. די רעגירונג האָט זיך גענומען אויספאָרשען די אורזאַך פון דיזער בעוועגונג. דער

אַרכיערייַ פון וואָראָנעזש האָט ערקלערט, דאָס די סעקטע עקסיסטירט שוין פון יאָהר 1796. זי היט אָפּ שבת, מילה, די חתונות, גט'ען און קבורת המתים מאַכען זיי נאָך די איד'שע מנהגים. זיי האָבען בעזונדערע געבעט־הייזער. פון די סעקטאַנטען זיינען דאַמאָלס געווען בעוואוסט ניט מעהר ווי 1,500 נפשות, אָבער געהיימע זיינען געווען מעהר. די עצה פון דעם אַרכיערייַ איז געווען מען זאָל אַרויסשיקען פון יענעם געגענד דעם סאָלדאַט ראָגאָוו, וועלכער פערברייטעט צווישען פאָלק די אפיקורסות. ביי דער אויספאָרשונג האָבען פיעלע פון זיי געזאָגט, דאָס זיי שטאַמען פון אידען און ווילען לעבען לויט די פאָרשריפטען פון תורת משה. ווען דער גובערנאַטאָר האָט געפרעגט די סעקטאַנטען, ווער האָט זיי געלערנט די אידישע רעליגיאָן, האָבען זיי געענטפערט: „זעהר אַ קלוגע אַלטיטשקע מיט'ן נאָמען ביבליא". די רעגירונג האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען צו פערפאָלגען די סעקטע, זי האָט געאָרדענט אַרויסצוטרייבען אַלע אידען פון יענע ערטער, און אָנרופען די סעקטאַנטען מיט'ן שימף־נאָמען „זשיד", ווייל דאָס איז דער בעסטער מיטעל צו דערווייטערן פון זיי די קריסטען. די רעגירונג האָט זיך גענומען שטרענג צו פערפאָלגען די סובאָטניקעס, האָט פיעלע פון זיי 'פערשיקט אין סיביר און פון זיי צוגענומען זייערע קליינע קינדער אום זיי צו ערציהען אין דער קריסטליכער אמונה. פון דיזע פערפאָלגונגען זיינען רואינירט געוואָרען גאַנצע דערפער. אידען האָבען דערפון ניט פיעל געליטען, ווייל באמת זיינען אין יענע ערטער געווען זעהר ווייניג אידען, אָבער די אידען־פראַגע איז דערפון ערגער געוואָרען. אין די רעגירונגס־קרייזען האָט מען זיך געפיהלט בעליידיגט, וואָס דער וואונש צו פערוואַנדלען אידען אין קריסטען איז ניט ערפילט געוואָרען און פיעלע קריסטען זיינען נאָך אַריבערגעגאַנגען צום אידישען גלויבען. עס האָט געהערשט דאַמאָלס די מיינונג, דאָס די אידען האָבען די פעהיגקייט צו פערברייטען זייער רעליגיאָן, און מען האָט זיך גענומען צו דריקען די אידען דערפאַר. דאָס ,ערסטע, וואָס די רעגירונג האָט געטאָן אין דער זאַך, איז געווען, וואָס זי האָט פערוועהרט אידען צו האַלטען קריסטליכע בעדינטע. אַ איד האָט ניט געטאָרט נעהמען אין אַרענדע אַ גוט צוזאַמען מיט די קריסטליכע פויערים, וועלכע האָבען געדאַרפט טאָן פיר דעם אידען די פעלד־אַרבייט. די אידען, וועלכע האָבען געהאַט קאָנטראַקטען מיט פּריצים אויף אַזעלכע בעדינגונגען, האָט די רעגירונג ניט דערלאָזען די פויערים צו אַרבייטען פיר זיי און האָבען געגעבען דעם אידען דאָס רעכט צו משפט'ן זיך מיט דעם פּריץ. באַלד האָט זיך די רעגירונג

אויך גענומען אַריסטרייבען די אידען פון די דערפער, לויט דעם געזעץ פון 1804. ווען עס האָט אויסגעבראָכען אַ הונגער אין ביעלאָרוסיע האָבען די פּריצים, וועלכע האָבען שרעקליך בערויבט די פּויערים, אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף די אידען, בעהויפּטענדיג, דאָס זיי פּעראָרעמען די פּויערים דערמיט, וואָס זיי מאַכען זיי פאַר שכורים, און האָבען פאָרגעשלאָגען דער רעגירונג מען זאָל פערווערען די אידען צו טרייבען בראַנפען או צו פערקויפע עס, און זיי, די פּריצים זעלבסט, זיינען געוואָרען די מאַכער און פערקויפער פון דיזען געטראַנק. דער פּלאַן איז בעשטעטיגט געוואָרען פון דער רעגירונג און מען האָט אָנגעהויבע טרייבען אידען פון די דערפער און די שטעדט. טויזענדער פאַמיליעס זיינען דערפון רואינירט געוואָרען. פיעלע פון זיי זיינען פון הונגער געשטאָרבען. שפּעטער, אין 1835, האָט זיך די רעגירונג זעלבסט איבערצייגט, דאָס די אַרויסטרייבונג פון די אידען פון די דערפער האָט ניט פערבעסערט אויף אַ האָאר די לאַגע פון די פּויערים. דאָס האָט אָפען אַנערקענט דער גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט (קייזערליכער ראַט).

אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אייניגע מיניסטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט די אויפגאַבע צו געפינען מיטלען ווי איינצואָרדנען די אידישע מאַסען אין רוסלאַנד עס זאָל זיין גוט פיר זיי און פיר די קריסטליכע בעפעלקערונג. דאָס איז געווען די אָפיציעלע פליכט פון דעם קאָמיטעט. אָבער אין גרונד איז געווען זייער אויפגאַבע צו געפינען אַ וועג ווי צו מאַכען עס זאָל זיין וואָס ווענינגער אידען אין רוסלאַנד. אום ניט דערלאָזען, דאָס די צאָהל פון אידען זאָל זיך פערגרעסערן, איז געשאַפען געוואָרען אַ געזעץ, דאָס אויסלענדישע אידען טאָרען זיך ניט בעזעצען אין רוסלאַנד.

די רוסישע געזעלשאַפט פון יענער צייט האָט געהאַט אַ זעהר זאַנדערבאַרע מיינונג וועגען אידען. ווייל זיי זיינען ניט בעקאַנט געווען מיט דעם אידישען לעבען און מיט די שטרענגע געזעצען, וועלכע האָבען שרעקליך געדריקט די אידען, האָבען זיי געקאָנט דיזע אונגליקליכע נאָר פון די אידען־פיינדליכע פאַמפלעטען און פון סאַטירישע בעשרייבונגען פון די חסידים און אַנדערע פינסטערלינגען, און דעריבער האָבען זיי גערעכענט די אידען פיר אַ זעהר שעדליכען עלעמענט אין רוסלאַנד. און דעריבער האָט זאָגאַר דער בעסערער טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט געזוכט צו לעזען די אידען־פראַגע אין רוסלאַנד מיט זעהר זאָנדערבאַרע פּלענער. אַלס ביישפּיל קען דינען דער פּלאַן, וואָס דער בעסטער פּובליציסט פון

יענער צייט, פּעסטעל, אַ מאַן מיט זעהר ליבעראַלע געדאַנקען און מיט פיעל וויסען, האָט פאָרגעשלאָגען צו יענער צייט.

פּעסטעל איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער פון די דעקאַבריסטען, וועלכע האָבען נאָך אַלכּסנדר דעם 1טען'ס טויט געוואָלט איינפיהרען אין רוסלאַנד אַ רעפּובליק. ער האָט פאָרגעלעגט דער קינפטיגער רוסישער רעפּובליק 2 פּראָיעקטען ווי צו לעזען די אידען-פראַגע: אָדער מען זאָל אָנווענדען מיטלען צו אַסימילירען די אידען מיט די קריסטליכע פעלקער, אָדער מען זאָל זיי אַלעמען אַרויסשיקען פון רוסלאַנד און זיי געבען מיליטערישע הילף אָפּצונעהמען אַ טייל פון קליין-אַזיען אום זיך דאָרט צו בעזעצען און גרינדען אַן אייגענע מלוכה צווישען די האַלב-ווילדע טערקען. אָבער די אַנדערע דעקאַבריסטען זיינען געווען פון דער מיינונג, דאָס מען דאַרף געבען די אידען פולע פּאָליטישע און בירגערליכע רעכטען.

רעקרוטשינע און קאַנטאָניסטען. אָבער דער וואונש פון די דעקאַבריסטען איז ניט ערפיהלט געוואָרען. ניקאָלאַי דער 1טער האָט איהם דערטרונקען אין בלוט און איז אַרויף אויף דעם רוסישען טראָן אַלס שרעקליכער דעספּאָט מיט אַן אייזערנער מיליטערישער מאַכט. אויף זיין רייזע איבער רוסלאַנד אין 1816 האָט זיך ניקאָלאַי אַ ביסעל בעקענט מיט דער אידישער לאַגע אין קליין-רוסלאַנד. ער האָט בעמערקט, דאָס די אידען פיהרען דאָרט פערשיידענע מסחרים, זיינען פּאָדראַדטשיקעס, אַרבייטער, און האָט זעהר בעדויערט די פּויערים, וואָס ווערען, נאָך זיין מיינונג, עקספּלואַטירט פון די אידען. ער האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי האָבען געקענט די אידען זיין געטרייע פּאַטריאָטען צו רוסלאַנד אין 1812. ווען ער איז אַרויף אויף'ן טראָן האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען די אידען אונשעדליך פיר די קריסטען. דער מיטעל זיינער איז געווען צוציהען די אידען צו מיליטער-דינסט, פון וועלכען זיי פלעגען פריהער זיך אויסקויפען מיט געלט. דער מיליטער-דינסט וועט זיי אַגב אָפּגעוועהנען פון אידישקייט, און עס וועט זיין גרינגער זיי צו בעקעהרען צום קריסטענטום. אום דער פּלאַן זאָל האָבען מעהר ערפאָלג האָט ניקאָלאַי בעשלאָסען צו נעהמען פון די אידען יונגע קינדער פיר רעקרוטען, קינדער פון 12 יאָהר, און דיזע זאָל מען אָפּגעבען צו קריסטען אין די ווייטע רוסישע גובערניעס צו ערציהען זיי ביז ניי וועלען אַלט ווערען 18 יאָהר, און נאָכדעם זאָלען זיי ווערען סאָלדאַטען און אַריינקומען אין קאַזאַרמע צווישען קריסטליכע סאָלדאַטען, וואו זיי וועלען ביסלאַכווייז פערגעסען די אידישקייט. ווען די אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם פּלאַן פון צוציהען זיי צו מיליטער-

דינסט, וועלכער דארף דויערן 25 יאָהר, זיינען זיי געוואָרען שרעקליך אונ-רוהיג. זיי האָבען אַלע מיטלען אָנגעווענדט צו מבטל זיין די גזירה, און זיי איז געלונגען אויף אַ קורצע צייט אָפּהאַלטען די זאַך. אָבער ניקאָלאַי האָט ניט געהאַט די געדולד צו ווארטען ביז די קאַנצעלאַרסקע טשינאָוו-ניקעס וועלען אויסארבייטען דעם פּראָיעקט, און האָט געגעבען אַ בעפעהל צום מיניסטער אויף גיך צופערטיגען אַ דאָקלאַד וועגען אידישען מיליטער-דינסט, און דעם 26טען אויגוסט 1827 איז דער אוקאַז אונטערגעשריבען געוואָרען.

לויט דיזען אוקאַז איז אַ אידישען קאַנטאָניסט (אַ אינגעל פון 12 יאָהר, וואָס איז צוגענומען געוואָרען אין מיליטער-דינסט) אויסגעקומען צו דינען 31 יאָהר (6 יאָהר אַלס קאַנטאָניסט און 25 יאָהר אין רעגימענט). די צאָהל רעקרוטען האָט די אידישע געמיינדע זעלבסט געמוזט צושטעלען צו דער רעגירונג. אויב עס האָט געפעהלט צו דער בעשטימטער צאָהל האָט די פּאָליציי געהאַט דאָס רעכט אָפּגעבען פיר אַ סאָלדאַט איינעם אָדער מעהר פון די קהלס-לייט. פון מיליטער-דינסט זיינען פריי געווען רבנים, ערד-ארבייטער (קאָלאָניסטען), געשטודירטע, סוחרים און מעכאַניקער אויף די פאַבריקען. אָבער די בעפרייטע האָבען געמוזט בעצאָהלען 1,000 רובל. אַ איד האָט געמעגט שטעלען פיר זיך אַן אָכאָטניק (וואָלונטיר) אָבער דיזער האָט געמוזט זיין אַ איד. יעדער אידישער רעקרוט האָט געמוזט געבען אַ שבועה אין שול, דאָס ער וועט דינען טריי דעם קייזער. ביי דער שבועה האָט מען איהם אָנגעטאָן אין טלית, תפלין און אַ קיטעל, ליכט האָבען גע-ברענט און דער ארון קודש איז געווען אָפען, און אַ שופר האָט געבלאָזען. דאָס גאַנצע האָט פערבאָטען די אידישע רעקרוטען אָפּשטעלען זיך אין אַ אידישען הויז אויף זייער וועג פון זייער שטאָדט צום אָרט, וואוהין מען האָט זיי בעשטימט.

דער שרעקליכער אוקאַז האָט די אידען ווי אַ דונער געטראָפען. עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ שטאַרקע בעוועגונג, איבערהויפּט האָט שטאַרק געטרויערט די שטאָדט אַלט-קאָנסטאַנטין אין וואָלהין. די זשאַנדאַרם-פּאָליציי האָט געגעבען צו וויסען אין פּעטערבורג, דאָס צווישען אידען איז געוואָרען אַ בונט. ניקאָלאַי האָט באַלד געהייסען מען זאָל די „בונטאָוו-שטשיקעס" איבערגעבען צו אַ קריגס-געריכט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרענגע אונטערזוכונג, און עס האָט זיך בעוויזען, דאָס דער בונט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס די אידען האָבען גוזר תענית געווען, האָבען זיך פערזאַמעלט אין די שולען און האָבען געזאָגט סליחות און געוויינט,

און ענדליך האָבען זיי בעשלאָסען צו שיקען אַ ביט־שריפט צום רבונו של עולם און זי איבערשיקען דורך איינעם פון די נעכסטע בר־מינן'ס וואָס מען וועט מקבר זיין אויפ'ן בית עלמין!

עס איז שווער צו בעשרייבען די בכיות און די יללות, וועלכע האָבען ערפילט די אידישע שטעדט אין הערבסט־צייט, ווען עס איז אָנגעקומען די צייט אין יעדען יאָהר צו נעהמען אידישע קליינע קינדער פון 8—12 יאָהר פיר סאָלדאַטען, אָפּרייסענדיג זיי פון זייערע עלטערן'ס הענט, און אַוועקצושיקען זיי אין ווייטע רוסישע גובערניעס, וואו קיין אידישע נשמה האָט זיך ניט געפונען. די אונגליקליכע קינדער פלעגען צולויפען, זיך בע־האַלטען אין וועלדער און אין גריבער, אָבער די כאַפּער פלעגען דערגעהן וואו זיי געפינען זיך און זיי ברייננגען צו קהל, וואו מען האָט זיי פערשלאָסען ביז מען האָט זיי אָפּגעגעבען פיר סאָלדאַטען. דער גרויסער רוסישער פריי־דענקער און פובליציסט פון יענער צייט ג ע ר צ ע ן דערצעהלט אַ סצע־נע, וואָס ער האָט געזעהען אויף זיין רייזע אין וויאַטקער גובערניע.

ער האָט בעגעגענט אַן אָפיצער, וואָס האָט געפיהרט אַ פּאַרטיע אידישע קליינע קינדער אין די ווייטע רוסישע גובערניעס. די קינדער זיינען געווען געפּאַקט ווי שעפּסען אין אַ רייהע גרויסע וועגען. ער האָט געפרעגט דעם אָפיצער, וואוהין ער פיהרט די קליינוואַרג און ווער זיי זיינען, האָט ער געענפערט: „מען האָט צוזאַמענגענומען אַ מחנה פערשאָלטענע זשידאָווי־סקע קליינע קינדער פון אַכט ביז צעהן יאָהר אַלט... צום אָנפאַנג האָט מען זיי געהייסען טרייבען אין פּערם, איז דער פּלאַן געענדערט געוואָרען: מ'־ד טרייבען זיי אין קאַזאַן. איך האָב זיי צוגענומען פאַר הונדערט וויאָרסט; דער אָפיצער, וואָס האָט מיר זיי איבערגעגעבען, האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר אַן אונגליק; אַ דריטעל איז געפאַלען אויפ'ן וועג. עס וועט קיין העלפט ניט קומען אין דעם אָרט, וואוהין זיי זיינען בעשטימט". —„פּאַ־לען זיי פון אַן עפּידעמישער קראַנקהייט?" האָט גערצען געפרעגט מיט אַ שוידער. „ניין, ניט דאָס, האָט דער אָפיצער געענטפערט, זיי שטאַר־בען ווי פליגען, ווייל די זשידאָווסקע קינדער זיינען קרענקליכע, שוואַכע, זיינען ניט געוועהנט צעהן שטונדען בראָדזשען איז בלאָטע און עסען סו־כאַרעס. אַחוץ דעם פרעמדע מענשען, קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין צערטליכקייט; נו, הייבט ער אָן הוסטען און געהט אין מאָגיליאָוו" (אין רו־סיש „מאָגילאַ"—אַ קבר). מען האָט אַרויסגענומען די קינדער פון די וועגען און מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין פראָנט און זיי האָבען פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע רייהע פון טויטע פּנים'ער. „דאָס איז געווען איינע פון די שרעקליכ־

סטע סצענעס, וואָס איך האָב געזעהען", שרייבט גערצען. „אָרימע קינדער! אינגלאַך פון צוועלף, דרייצעהן יאָהר האָבען זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטען, אָבער די קינדערלאַך פון אכט, צעהן יאָהר... קיין שוואַרצער פּענזעל איז ניט אין שטאַנד ארויסצורופען אזא שרעקליכען בילד אויף'ן לייוונט". גערצען האָט אָנגענומען דעם אָפיצער פיר'ן האַנט און האָט איהם געבעטען ער זאָל די אונגליקליכע בעשעפעניסען בעהאַנדלען מיט רחמנות און האָט זיך צוואויינט.

דער גרויסער רוסישער פּובליציסט גערצען האָט נאָר געזעהען די אידישע קאַנטאָניסטען אין וועג, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, וואָס מיט זיי האָט זיך געטאָן אין די קאַזאַרמעס. ווי באַלד מען האָט זיי געבראַכט אין די קאַזאַרמעס האָט זיך אָנגעהויבען די „פּאַרבערייטונג צו דער סלוזשבע" (מיליטער־דינסט). אָנגעהויבען האָט זיך עס פון דער רעליגיעזער ערציהונג. מען האָט זיי, די אידישע קינדער, אָנגעהויבען פיהרען צום פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ ער זאָל זיי איינרעדען אָננעהמען קריסטענטום. דאָס האָט אָבער ניט געווירקט אויף די אידישע קינדער. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די ווירקונג פון די „דיאַדקעס" און די אונטער־אָפיצערען אין דער קאַזאַרמע. מען פלעגט זיי פאַר'ן שלאָף צושטעלען אויף די קני און מען האָט זיי ניט געלאָזען געהן שלאָפען ביז זיי זיינען געפאַלען אין חלשות אָדער זיי האָבען צוגעזאָגט, דאָס זיי וועלען זיך שמד'ן. אַן אַנדער סאָרט מאַטערן איז געווען, דאָס מען פלעגט זיי געבען עסען הערינג און ניט געבען טרינקען קיין וואַסער. און אָפט האָט מען זיי צוואַוואונדעט זייער לייב שמייסענדיג מיט פייכטע ריטער. די עלטערע קינדער פלעגען ווייזען העלדענטאַטען. צ. ב. אין קאַזאַן אין צייט פון אַ פּאַראַד האָט מען אויסגעשטעלט אַ גאַנצע רייהע קינדער, מען האָט זיי געשטעלט ביים טייך. די גייסטליכע זיינען געווען פערטיג צו שמד'ען די קינדער, וועלכע האָבען פערשפּראָכען אָננעהמען קריסטענטום. ווען מען האָט זיי געהייסען אריין אין וואַסער און זיך טובל זיין, זיינען אַלע קינדער אריינגעשפּרונגען אין טייך און האָבען זיך אראָפּגעלאָזען אויף'ן גרונד ביז זיי זיינען דערטרונקען געוואָרען. דאָס האָבען זיי פריהער אָפּגערעדט צו מקדש השם זיין.

צו ענדע פון 1834 איז פערשפּרייט געוואָרען צווישען אידען אַ קלאַנג, דאָס באַלד וועט ארויס אַן אוקאַז, וואָס וועט בעפרייען פון מיליטער־דינסט יונגע מענשען פון אידען, וואָס האָבען גענומען ווייבער איידער דער אוקאַז איז ארויסגעגעבען געוואָרען. עס איז געוואָרען אַ שטאַרקע בעוועגונג אונטער די אידען צו מאַכען חתונה יונגע קינדער פון 10 יאָהר און

זאַגאַר אינגערע. דיזער פאַקט האָט צווישען אידען בעקומען דעם נאָמען „בהלה". באַלד האָבען די אידען דערזעהען דעם טעות. אין אַפּריל 1835 איז אַרויס אַן אוקאַז, וועלכער האָט פערוועהרט אידישע יונגע לייט חתונה צו האָבען פריהער פון 18 יאָהר. די בהלה האָט אָנגעמאַכט גרויסע צרות אין אידישען לעבען — די רעגירונג האָט קיין פּריווילעגיע ניט געגעבען די פערהייראַטע און האָט זיי גענומען פיר סאָלדאַטען, און צוליב דעם זיינען פיעלע פאַמיליעס געבליבען אונגליקליך. עס איז שווער צו בע-שרייבען די טרויעריגע לאַגע פון אַ אידישען סאָלדאַט, וועלכער האָט ניט פערשטאַנען אַ וואָרט רוסיש, און איז געוועזען אונטערוואָרפען אונטער אַלער-ליי בזיונות און שפּאָט, און דער סוף זיינער איז געווען, ווען ער האָט שוין געענדיגט די 25-יעהריגע סלוזשבע (דינסט) אין איינער פון די עכט רו-סישע גובערניעס, האָט מען איהם פון דאָרט אַרויסגעטריבען, ווייל אַ איד האָט דאָרט ניט געהאַט קיין וואוין-רעכט.

די רוסישע געזעצען וועגען אידען פון 1835. ווען אין אַלע לענדער פון מערב אייראָפּאַ איז דער אידישער מיליטער-דינסט געווען אַ סאָרט אָנזאָג אויף גלייכע רעכטען. אין רוסלאַנד אָבער איז די רעקרוטשינע גע-ווען אַן אָנהויב פון אַ גאַנצער רייהע פון שרעקליכע פערפאָלגונגען פיר אידען. עס האָבען נאָך געקלונגען אין די אויערן די בכיות און יללות, וואָס האָבען פערהילכט די אידישע שולען צוליב דער גזירה פון מיליטער-דינסט, זיינען שוין אַרויס אַנדערע צוויי אוקאַזען: איינער, וואָס האָט געאָרדענט מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פון די דערפער אין גראָדנער גובערניע, און דער אַנדערער — אַרויסטרייבען די אידען פון קיעוו. ווי עס ווייזט אוים האָט די רעגירונג מורא געהאַט, דאָס דער אוקאַז וועגען אידישען מי-ליטער-דינסט וועט אָנמאַכען אונרוהען צווישען די אידען, און דעריבער האָט זי געאָרדענט, דאָס די לעצטע צוויי אוקאַזען זאָלען פערעפענטליכט ווע-רען שפּעטער, נאָך דעם ערסטען נאָבאָר. זי האָט וואהרשיינליך גערע-כענט, אַז עס איז גלייכער פריהער צו נעהמען די יונגע קינדער און דערנאָך צושטערען דעם נעסט. מיט'ן אַרויסטרייבען די אידען פון קיעוו האָט זיך אָנגעהויבען אַ רייהע פון גזירות צו פערשמעלערן דעם אידישען תחום.

אין 1829 האָט מען פערזאָגט ניט צו לאָזען מעהר אידען אין קורלאַנד און ליפלאַנד. פיעלע פון די, וואָס זיינען שוין דאָרט געווען אַנזעסיג, האָט מען אַרויסגעטריבען. מען האָט אויך געטריבען אידען פון סעוואַסטאָפּאָל און ניקאָלאַיעוו. אין 1830 האָט מען אַרויסגעטריבען די אידען פון די דערפער אין קיעווער גובערניע. אַזוי האָט מען געשליידערט אידען פון

דאָרף אין שטאָדט, פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, און פון איין גו-בערניע אין די צווייטע, אזוי ווי זיי וואָלטען ניט געווען קיין מענשען נאָר שטיקער פיה.

אין פעברואר 1831 האָט די רעגירונג אָפּגעלעגט די טרייבונג פון פון אידען פון קיעוו אויף דריי יאָהר שפּעטער, ווייל דאַמאָלס האָט אויס-געבראָכען דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקען, און דער גובערנאַטאָר האָט געפונען פיר נעטיג צורוה לאָזען די אידען אין דער צייט. אויסער דעם זיינען זיי געווען ניצליך פיר די איינוואוינער פון קיעוו, ווייל זיי פלעגען פערקויפען אַלעס פיעל ביליגער צוליב זייער עקאָנאָמישען לעבען. ניקאָ-לאַי איז מרוצה געוואָרען צורוה לאָזען די אידען ביז 1835, ווייל ביז יע נער צייט האָבען בעדאַרפט פערטיג ווערען נייע געזעצען וועגען אידען.

דערווייל האָבען פערשיידענע קאָמיטעטען געאַרבייט צו פערפאַסען נייע געזעצען וועגען אידען. צווישען דיזע איז געווען דער פּראָיעקט אַרויס-צוטרייבען אידען פון די דערפער. אַלס דיזער פּראָיעקט איז געקומען פאַר'ן סענאַט, האָט ער איהר געפונען צו דריקענד און האָט רעקאָמענדירט איהם אויפצוגעבען. ניקאָלאַי איז מרוצה געוואָרען צורוה לאָזען די אידען אין די ערטער, וואו מען האָט נאָך זיי דאַמאָלס ניט אָנגעהויבען טרייבען.

ניקאָלאַי איז אָבער געבליבען איינגע'עקשנ'ט אין אַן אַנדער פראַגע בנוגע אידען, וואָס איז דאַמאָלס פערהאַנדעלט געוואָרען אין סענאַט—וועגען ערלויבען אידישע סוחרים האַנדלען אין די אינעווענינסטע רוסישע גובער-ניעס. די מעהרהייט אין סענאַט איז געווען געגען דעם, ווייל עס איז גע-ווען אַ הייליגע טראַדיציאָן פון פּעטער דעם גרויסען ניט אַריינלאָזען אי-דען אין האַרץ פון רוסלאַנד. אויך אין דער פראַגע פון אידישען מיליטער-דינסט איז ניקאָלאַי געבליבען ביים פריהערדיגען. די ווילנער אידישע קהלה האָט געבעטען, דאָס מען זאָל פון די אידען ניט נעהמען אין מיליטער-דינסט יונגע קינדער, נאָר ערוואַקסענע מענשען, ווי ביי די קריסטען. אָבער ניקאָלאַי האָט זיי ענטזאָגט אין דיזער ביטע. ער איז אויך געווען געגען דעם, מען זאָל אידען ניט טרייבען פון קיעוו, ווי דער קיעווער גובערנאַטאָר האָט פאָרגעשלאָגען. דער אַדמיראַל ג ר י י ג האָט פּראָטעסטירט געגען די בעדריקונג פון אידען אויף אַלע געביטען פון לעבען. ער האָט גע'טענה'ט דאָס ווען די רעגירונג וויל ניט ליידען די אידען זאָל זי זיי אין גאַנצען פער-טרייבען פון לאַנד, אָבער ווען זי האַלט זיי אין לאַנד מוז זי זיי געבען די מעגליכקייט צו עקסיסטירען און דאַמאָלס וועט זי קענען ערוואַרטען פון

זיי דאַנקבאַרקייט. אָבער קיינער אין קייזערליכען ראַט האָט ניט גע-שענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע ווערטער.

ווען די אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם אינהאַלט פון דעם נייעם אוסטאַוו (געזעץ), וואָס עס איז אויסגעאַרבייט געוואָ־ען וועגען זיי, זיינען זיי אויפגעטרייסעלט געוואָרען. ענדע 1833 זיינען אין קייזער-ליכען ראַט אריינגעקומען צוויי ביטשריפטען פון אידען — איינע פון ווילנער קהל, אונטערגעשריבען פון זיינע סטאַרשינעס, די צווייטע פון א בעוואוסטען טשערניגאָווער סוחר פייגין. ווילנער קהל האָט אין זיין ביטשריפט ערקלערט, דאָס די דריקענדע פּאָליטיק פון דעם קאָמיטעט האָט דעם גרעסטען טייל פון אידען געבראַכט אין פערווירונג, און אָנווייזענדיג אויף די טרייהייט פון די אידען צום טראָן אין דער צייט פון פוילישען אויפשטאַנד פון 1831, בעט ער מען זאָל שענקען אויפמערק-זאַמקייט דיזען אונגליקליכען און פערליימדעטען פאָלק. אין א זעהר פּראָ-טעסטירענדען טאָן האָט געשריבען פייגין, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס די אידען ליידען ניט פיר זייערע שלעכטע מעשים, נאָר פיר זייער רע-ליגיאָן. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען און דער גרויזאַמער או-סטאַוו איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון צאַר אין אַפּריל 1835.

לויט דיזען אוסטאַוו האָבען אידישע סוחרים געהאַט דאָס רעכט צו קומען אין די הויפּטשטעדט מאָסקווא און פּעטערבורג נאָר אויף 6 וואָכען. אין 1838 האָט זיך די רעגירונג דערוואוסט, דאָס אייניגע אידען געפינען זיך אין פּעטערבורג שוין מעהר פון 6 וואָכען, און ניקאָלאַי האָט געהיי-סען זיי נעהמען פיר סאָלדאַטען אין קראָנשטאַדטסקע ראָטעס. אין 1840 האָט די רעגירונג ארויפגעלעגט א שטראָף אויף די גוטס־בעזיצער פון רוס-לאַנד, וועלכע האָבען ערלויבט אידען צו פערבלייבען אין זייערע גיטער מעהר צייט ווי דאָס געזעץ ערלויבט. אין 1836 האָט די רעגירונג פער-שלאָסען אלע אידישע דרוקערייען אויסער פון ווילנא און זשיטאָמיר. אין דיזע צוויי דרוקערייען האָט זי בעשטימט צוויי צענזאָרען; אויסער דעם האָט זי געגעבען אן אוקאַז, דאָס אלע אידישע ספרים, וואָס געפינען זיך אין אידישע הייזער, זאָלען געבראַכט ווערען אין פּאָליציי און דאָרט זאָל זיי א קאַזיאָנער רב איבערקוקען, אויב דאָרט געפינט זיך עטוואָס געגען דער רע-גירונג אָדער געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן. די ספרים, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען עפּעס א שטיקעל חשד, האָט מען בעדאַרפט אוועקשיקען אין פּעטערבורג צום מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. די גובערנאַטאָ-רען האָבען אָבער געגעבען צו וויסען דער רעגירונג, דאָס דיזעס איז זעהר

שוועד דורכצופיהרען. דאַמאַלס האָט ניקאָלאַי געהייסען, דאָס מען זאָל אַלע דיזע ספרים פערברענען אויף'ן אָרט, און מען זאָל צום מיניסטער צושטעלען נאָר איין עקזעמפּליאַר פון די ספרים, וועלכע זיינען פער'משפּט געוואָרען צום פערברענען. שפּעטער האָט זיך די רעגירונג ארומגעזעהען, דאָס מען קען די רבנים ניט גלויבען וועגען דער צענזור פון די אידישע ספרים, און אין 1841 האָט זי געאָרדענט, דאָס די אַלע ספרים, וואָס די רבנים האָבען אָנערקענט אַלס ניט שעדליך פיר די רעגירונג און פיר דאָס קריסטענטום, זאָל מען אוועקשיקען צו די רעגירונגס־צענזאָרען אין ווילנא און אין קיעוו, און יענע זאָלען בעשטימען זייער שיקזאַל. עס זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען זעהר פיעלע אידישע ביבליאָטהעקען אין קיעוו און ווילנא צו די צענזאָרען, און דאָרט האָבען זיי זיך אָפּגעוואַלגערט יאָהרען און געוואַרט אויף זייער שיקזאַל — צוריקגעשיקט ווערען צו זייערע אייגענטימער אָדער צו ווערען פערברענט.

קאַזיאָנע בילדונג און אָפּשאַפונג פון דער אויטאָנאָמיע פון קהל.

אַלס די רוסישע רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, דאָס אַלע איהרע צוואַנג־מיטלען צו שמד'ן אַ גרויסע צאָהל אידען האָבען געהאַט אַ זעהר אונבעדייטענדען ערפאָלג, און די אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט געגעבען צו די אידען, וואָס זיינען מרוצה געוואָרען זיך צו טויפען, האָבען ניט פערגרעסערט די צאָהל משומדים, האָט זי זיך גענומען צו אַ זעהר מאָדערנעם מיטעל — פיהרען אידען צום שמד דורך בילדונג, ווייל דיזער מיטעל האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אין דייטשלאַנד. די רעגירונג איז געקומען צום שלוס, דאָס די אַלע מיטלען, וואָס זי האָט בענוצט ביז דאַן צו בעסערן די אידען, האָבען צו גאָר ניט געפיהרט, און די הויפּט־אורזאַך פון זייער עקשנות איז דער תלמוד, וועלכער לערנט זיי פיינד האָבען אַלע פעלקער און ענטוויקעלט אין זיי זאָגאַר אַ וואונש צו הערשען איבער זיי. לויט דעם תלמוד דאַרפען די אידען פעראַכטען אַלע לענדער מיט זייערע רעגירונגען און פערהייליגען נאָר ארץ ישראל מיט די אַלטע אָרדנונגען, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען צווישען זיי דורך זייער קהל, וועלכער האָט דערצו בעזונדערע מאַטעריעלע מיטלען, דעם „קאָראָבאָטשני סבאָר" (קאָראָבקע). מען מוז מיט'ן וואָרצעל אויסרייסען פון זיי דעם נאַציאָנאַל־געפיהל, וועלכער איז אין זיי בעפעסטיגט דורך דעם תלמוד און זייער קהל, און דיזעס קען געשעהן: 1) דורך בילדען זיי, מאַכען פיר זיי ספּעציעלע שולען, אָפּשאַפען די חדרים מיט די פאַנאַטישע מלמדים; 2) אָפּשאַפען דעם קהל מיט די בעזונדערע אָפּגאַבען, וואָס ער נעהמט איין פון פאָלק אום אויפ-

צוהאַלטען זיין מאַכט, ווי דער „קאָראָבאָטשני סבאָר", און צו צווינגען זיי צו האָבען אַ שטענדיגע בעשעפטיגונג, און ווער עס האָט ניט אַזאַ בעשעפ־טיגונג זאָל פערשיקט ווערען אין סיביר אָדער אָפּגעגעבען ווערען פיר אַ סאָל־דאַט. דער פּראָיעקט איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין קייזערליכען ראַט, און דעם 27טען דעצעמבער 1840 האָט ניקאָלאַי ערנאַנט אַ קאָמיטעט צו שאַ־פען נייע אָרדנונגען אין דער אידישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד.

דער הויפּט־טוער פון דיזען קאָמיטעט איז געווען דער מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג גראַף א ו ב א ר א ו ו. דיזער האָט אין זיין רעפּאָרט צום קאָמיטעט ערקלערט, דאָס אין די ציוויליזירטע לענדער האָט מען יעצט שוין אויפגעהערט צו רעפאָרמירען אידען דורך פערפאָלגונגען און דריקונ־גען; יעצט ווירקט אויף זיי דורך בילדונג, און דיזע מעטהאָדע מוז אויך אין רוסלאַנד אָנגענומען ווערען. די בעסטע צווישען די אידען — האָט ער געזאָגט — פיהלען, דאָס איינע פון די הויפּט־אורזאַכען פון זייער נידריגען צושטאַנד ליגט אין דער פערקעהרטער אויסטייטשונג פון זייערע רעליגיעזע טראַדיציאָנען, דאָס דער תלמוד האָט פערדאָרבען און פערדאַרבט זייערע ברידער; נאָר אין קיין אָרט איז די ווירקונג פון תלמוד ניט אַזוי שטאַרק ווי ביי אונז אין דעם קעניגרייך פּוילען. דיזע ווירקונג קען מען בעזייטיגען דורך בילדונג און די רעגירונג דאַרף נאָר האַנדלען אין דעם גייסט פון דעם הייפּעלע פון די בעסטע צווישען זיי. די רעפאָרמירונג פון דעם געלערנטען טייל צווישען די אידען וועט צו גלייכער צייט אויך רייניגען זייערע רעליגיעזע בעגריפען. וואָס דער מיניסטער האָט געמיינט מיט דעם „רייניגען" זעהט מען פון דער בעמערקונג, וועלכע האָט זיך ביי איהם אַרויסגעגליטשט, דאָס ניט אומזיסט האָבען די אידען מורא פאַר רעפאָרמע, „ווייל איז ניט די רעליגיאָן פון קרייץ דער ריינסטער סימבאָל פון אַלוועלטליכער בירגערשאַפט?". נאָר דאָס, זאָגט אובאַראָוו, מוז גע־האַלטען ווערען בסוד, וואָרום ווען די אידען וועלען זיך דערוויסען וועגען דעם צוועק פון קאָמיטעט, וועלען זיי ניט וועלען אָננעהמען די מיטלען, וואָס דער קאָמיטעט דענקט צו שאַפען אום זיין ציל צו דערגרייכען. דער ערסטער מיטעל איז, מען זאָל עפנען פיר אידישע קינדער שולען צו בילדען זיי אין דער רוסישער שפּראַך און אַנדערע לעהר־געגענשטענדען. ווייל אָבער די מעהרסטע אידישע קינדער פערשטעהען ניט קיין רוסיש, זאָל מען אויף דער ערסטער צייט ערלויבען צו געברויכען אין די שולען די דייטשע שפּראַך. אום פאָרבערייטען די אידישע מאַסען צו דיזע רעפאָר־מעס האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען צו שיקען אין דעם אידישען תחום

אַן אַגיטאַטאָר. פיר דיזע אַרבייט האָט די רעגירונג ערוועהלט אַ דייטשען איד, דר. מאַקס ליליענטהאַל.

ליליענטהאַל איז געבאָרען געוואָרען אין מינכען, באַיערן, אין 1815. ווי די מעהרסטע דייטשע אידען איז ער געווען אַן אַנהענגער פון אַסימי-לאַציאָן און מעסיגער רעפאָרמע אין יודענטום. באַלד ווי ער האָט גע-ענדיגט די אוניווערזיטעט איז ער איינגעלאַדען געוואָרען אין ריגאַ אַלס פּרעדיגער און דירעקטאָר פון דער אידישער רעפאָרמירטער שולע, וועל-כע איז געווען איינע פון די 3 מאָדערנע שולען אין רוסלאַנד (די אַנדער 2 שולען זיינען געווען אין אָדעס און אין קישינעוו). ווען אובאַראָוו איז גע-ווען אין ריגאַ או האָט בעזוכט די שול, איז ער געוואָרען ענטציקט פון דעם ערפאָלג, וואָס ליליענטהאַל האָט בעוויזען, און ער האָט בעשלאָסען צו איינ-לאַדען ליליענטהאַל'ן צו פּראָפּאַגאַנדירען צווישען די אידען צו גרינדען איבעראַל אַזעלכע שולען. אין פעברואר 1841 איז ליליענטהאַל איינגע-לאַדען געוואָרען אין פעטערבורג, וואו ער האָט געהאַט אַ לאַנגען געשפּרעך מיט אובאַראָוו'ן. לויט מען דערצעהלט האָט ליליענטהאַל אובאַראָוו'ן געראַ-טען צושליסען אַלע אידישע חדרים און גרינדען שולען, אין וועלכע די לעה-רער זאָלען זיין געבילדעטע דייטשע אידען. ליליענטהאַל האָט אויף זיך גענומען די שווערע אויפגאַבע איינצופיהרען בילדונג ביי אידען דורך גרינ-דען קאַזיאָנע שולען.

ווען ליליענטהאַל איז אַוועק מיט דער שליחות פון דער רוסישער רע-גירונג אין אידישען תחום צו פּראָפּאַגאַנדירען וועגען גרינדען שולען פיר זייערע קינדער, האָט ער ניט פאָראויסגעזעהען, וואָס פיר אַ שוועריגקייטען עס זיינע איהם פאָרגעשטאַנען. זיין פערזיכערן די אידען, דאָס די רע-גירונג וויל נאָר זייער טובה האָט קיין צוטרויען ניט געפונען ביי זיי. די אידען האָבען געפיהלט, דאָס די שולען וועלען זיין אַ נייער מיטעל צו שמד'ן אידישע קינדער, אַזוי ווי די קאַזאַרמעס. די אידען האָבען גוט געוואוסט, דאָס פון אַלע זייערע יונגע קינדער, וואָס די רעגירונג האָט גענומען אַלס רעקרוטען, זיינען 90 פּראָצענט מיט גוואַלד צו'שמד'ט געוואָרען. אין מינסק האָבען איהם די אידען אָפען געענטפערט, דאָס כל זמן די רעגירונג וועט ניט געבען די אידע קיין רעכטען, וועלען זיי ניט שיקען זייערע קינ-דער אין די שולען, ווייל דאָס וואָלט געהייסען צוגרייטען זייערע קינדער צום שמד. אַלס געבילדעטע יונגע לייט וועלען זיי ניט קענען זיין קיין מעק-לערס אָדער פאַקטאָרס, און ניט עקומענדיפ קיין שטעלע וועלען זיי זיך מוזען טויפען.

אז ליליענטהאל איז פון זיין רייזע צוריקגעקומען אין פּעטערבורג האָט ער ערקלערט אובאַראָוו'ן, דאָס דער פּראָיעקט צו גרינדען שולען פיר אידען איז זעהר שווער דורכצופיהרען, אָבער ער איז ניט אין גאַנצען האָפ-נונגסלאָז. דער 22טען יוני 1842 האָט די רעגירונג ארויסגעשיקט אַן אוקאַז וועגען גרינדען שקאָלעס (שולען) פיר אידישע קינדער. אום די אידען זאָלען מעהר צוטרויען האָבען צו דער רעגירונג האָט זי אין פּעטער-בורג בעשטימט אַ קאָמיטעט פון פיער רבנים, וועלכע זאָלען איהר העל-פען אין דער זאַך. אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג נאָך אַ מאָל געשיקט ליליענטהאל'ן אין אידישען תחום פאַרצובערייטען זיי צו דער רע-פאָרמע און פערזיכערן זיי, דאָס די רעגירונג האָט חס ושלום נים אין זי-נען קיין שלעכטס געגען דער אידישער רעליגיאָן. ליליענטהאל האָט פאַר זיין אָפּרייזע צו די אידען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף מיט'ן טיטעל „מגיד ישועה" וועגען די שקאָלעס. אין דיזען אויפרוף האָט ער פערזיכערט די אידען, דאָס דערמיט הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע פיר אידען; די רעגי-רונג וועט אָנהויבען ארויסגעבען אַ גאַנצע רייהע פון אוקאַזען וועגען פער-בעסערן די אידישע לאַגע און געבען זיי מעהר רעכטען. דעם מאָל האָט ליליענטהאל געהאַט מעהר ערפאָלג. די אידען אין בערדיטשעוו, קישינעוו און אָדעס האָבען איהם געוויזען מעהר צוטרויען. ער האָט זיך פון דיזער רייזע גיך צוריקגעקעהרט אין פּעטערבורג אום אַנטייל צו נעהמען אין דער ארבייט פון דעם אידישען קאָמיטעט, וועלכער איז בעשטאַנען פון צוויי רבנים: ר' א י צ ע ל ע   װ ו א ל א ז י נ ע ר און דעם ליטווישען רבי ר' מ ע נ ד ע ל ש נ י א ו ר ס א ן , און צוויי פאַרנעהמע אידען: דעם באַנקיר ה י י ל פּ ע ר י ן פון בערדיטשעוו און ר' ב צ ל א ל ש ט ע ר ן , דעם דירעקטאָר פון דער אָדעסער אידישער שולע. די רבנים האָבען שטאַרק און שווער געאַרבייט ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, דאָס דער אידישער חדר זאָל בלייבען עקסיסטירען. די רעגירונג האָט זיי גע-מוזט נאָכגעבען.

דעם 13טען נאָוועמבער האָט ניקאָלאַי אונטערגעשריבען צוויי או-קאַזען. איין אוקאַז איז געוועזן בעקאַנט צו מאַכען די אידישע קהלות וועגען עפנען שקאָלעס פיר אידישע קינדער. דריי סאָרטעז שקאָלעס זיינען בעשטימט געוואָרען: אַן אָנפאַנג-שולע, אַ מיטעל-שולע און אַ שולע פיר פאָרבערייטען געבילדעטע רבנים און לעהרער. אין אַ צווייטען אוקאַז, וועל-כער איז געוועזן אדרעסירט בסוד צום מיניסטער פון בילדונג, מאַכט דער צאַר קלאָר דעם מיניסטער, דאָס דער צוועק פון די שולען איז אָפּצושאַפען

דעם איינפלוס פון תלמוד אויף די אידען און מאכען זיי נעהנטער צו דער קריסטליכער געזעלשאפט און צום קריסטענטום. די אידישע חדרים זאָ-לען פערבלייבען עקסיסטירען אויף 20 יאָהר און נאָך דיזען טערמין וועט האָבען דאָס רעכט צו לערנען אידישע קינדער נאָר דער יעניגער, וועל-כער וועט האָבע געענדיגט אַ ראַבינער־שול.

די אידען אָבער האָבען זיך באַלד דערוואוסט וואָס די רעגירונג מיינט מיט די נייע קאַזיאָנע אידישע שולען, און די גרינדונג פון די שולען איז צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. די ראַבינער־שולען אין ווילנא און זשיטאָמיר זיינען געעפענט געוואָרען ערסט אין 1847. דיזע אַלע שולען האָבען אין דער ערסטער צייט געהאַט זעהר ווייניג בעזוכער; די אידען האָבען ניט געוואָלט שיקען אַהין זייערע קינדער. עס האָט ניט לאַנג גענומען און לי-ליענטהאַל האָט זיך דערוואוסט דעם אמת'ן סוד, וואָס די רעגירונג מיינט מיט איהרע רעפאָרמעס אין דער אידישער ערציהונג און ער האָט פערלאָ-זען זיין שטעלע אין פעטערבורג און איז אַוועק אין אַמעריקאַ. ער האָט זיך בעזעצט אין סינסיננאַטי, וואו ער איז געווען אַ רב און פּרעדיגער ביז זיין טויט אין 1882.

באַלד נאָך דעם, ווי די רעגירונג האָט איינגעפיהרט די רעפאָרמע אין אידישער ערציהונג האָט זי זיך גענומען צו אָפּשאַפען דעם רעסט פון דער אַלטער אידישער אויטאָנאָמיע — דער אידישער קהל (19טען דעצ. 1844). פון דאַמאָלס אָן זיינען די אידען געוואָרען אונטערוואָרפען אונטער די דומעס און ראַטושעס אין זאכען, וואָס האָבען צו טאָן מיט די אידישע פליכטען צו דער רעגירונג. נאָר ווייל די אידען זיינען געווען אונטער אויס-נאַהמס־געזעצען אין דער הינזיכט פון רעקרוטירונג און פון שטייערן האָט זי געפונען פיר נעטיג צו לאָזען פערבלייבען צוויי קהל'שע בעאַמטע: אַ סבאָרטשיק פון פּאָדאַטקעס (שטייער־זאַמלער) און אַ סטאַראָסטאַ פון רעקרוטירונג. אויף זיי האָט די רעגירונג אַרויפגעלעגט די פליכט פון צושטעלען די נעטיגע צאָהל פון אידישע רעקרוטען און די סו-מע געלט, וואָס די אידישע געמיינדע מוז אָפּצאָהלען צו דער רעגירונג. אָפּשאַפענדיג דעם קהל האָט די רעגירונג אַריינגענומען אין איהרע הענט די ספּעציעלע איינקונפטען פון די אידען אום אויפצוהאַלטען זייערע אַנ-שטאַלטען (קאָראָבקע). פון דיזע סומען האָט די רעגירונג בעשטימט אַ גרויסען טייל צו בעצאָהלען אין קאַזנא די נעדאָאימקעס (שולדען פון אָפּ-גאַבען), וואָס די אָרימע אידישע קהלות זיינען שולדיג געווען דער רע-גירונג. די קאָנטראָל איבער דיזע געלדער האָט די רעגירונג איבערגע-

נומען, ווייל זי האָט חושד געווען, דאָס די אידען געברויכען זיי אויף זיי־ערע נאַציאָנאַלע בעדערפֿניסען. אויסער דער קאָראָבקע אויף פלייש האָט די רעגירונג געשאַפען אַ „סוועטשני סבאָר", אַן אָפּצאָהלונג פון די ליכט, וואָס די אידישע פרוי צינדט אָן אויף שבת. דיזע געלדער זיינען געווען בעשטימט אויף אויסצוהאַלטען די אידישע קאַזיאָנע שולען. די קאָראָבקע האָט די רעגירונג אָפּגעגעבען אין אָטקופּ (ארענדע) צו פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך פערפליכטעט אריינצוטראָגען אין קאַזנאַ אַ געוויסע סומע יע־דען יאָהר און זיי האָבען דערפון געהאַט צו נעהמען אַ בעשטימטע אָפּצאָהל פון יעדען פונט פלייש, וואָס דער איד געברויכט. דערביי איז אָבער געווען גרויס שווינדעל און בלוטזויגעריי, פון וועלכע די אָרימע אידישע קלאַס האָט שרעקליך געליטען.

ענדליך האָט זיך די רעגירונג גענומען צום דריטען מיטעל צו טרייבען די אידען צום שמד. דעם 20טען אַפּריל 1843 האָט די רעגירונג ארויס־געגעבען אַ קייזערליכען אוקאַז מען זאָל איינטיילען די אידען אין רוסלאַנד אין 3 קלאַסען: 1) סוחרים, 2) בעלי מלאכות, אייגענטימער פון הייזער און ערד־ארבייטער, 3) לעדיג־געהער און קליינע הענדלער. דיזע קלאַס האָט געטראָגען דעם נאָמען „אונניצליכע", מען האָט זיי בעטראַכט אַלס בראָדיאַגעס, און זייער אָרט איז בעשטימט געוואָרען אָדער אין סיביר אָדער אין דער אַרמעע. ווען דער סענאַט האָט אָנגעפרעגט וועגען דעם די גענעראַל־גובערנאַטאָרען, האָט גראַף וואָראָנצאָוו, דער אָדעסער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין לאָנדאָן, געענטפערט, דאָס עס איז אַ גרויס אונרעכט אָנצוּרופען אייניגע הונדערט טויזענד מענ־שען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט קליין־האַנדעל, און דינען אַלס פערמיט־לער צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם סוחר, און צווישען דעם גרויס־הענדלער און דעם געברויכער — אונניצליכע מענשען. אין געגענטייל זיי זיינען אַ ניצליכע קלאַס — זיי העלפען דעם דאָרפישען פּראָדוצירער אין דעם מסחור אין אַלגעמיין. „איך וואַג צו דענקען" — ענדיגט ער זיין ער־קלערונג — „דאָס דיזער שריט איז שעדליך און גרויזאַם. פון איין זייט וועלען צוגענומען ווערען הונדערט־טויזענדער הענט, וואָס העלפען דעם קליין־האַנדעל אין דער פּראָווינץ, וואו עס איז ניטאָ און עס וועט לאַנג ניט זיין קיין מעגליכקייט זיי צו פערבייטען; פון דיזער זייט וועט דער גע־וויין און יאָמער פון אַזוי פיעלע און אונגליקליכע זיין אַ שאַנדע פיר אונ־זער רעגירונג אי ביי אונז אי אין אויסלאַנד"... ליידער האָבען דיזע ווער־

טער קיין ווירקונג ניט געהאט אין פעטערבורג און די רעגירונג האָט פאַר-געזעצט איהר טייפעלשע ארבייט.

אין דער זעלבער צייט איז ארוים אַן אוקאַז מען זאָל ארויסטרייבען אַלע אידען, וואָס זיינען געזעסען אין דעם ראַיאָן פון 50 וויאָרסט ביים גרענעץ פון פרייסען און עסטרייך. די, וואָס האָבען געהאַט אייגענע היי-זער אין דעם ראַיאָן, זיינען געצוואונגען געוואָרען צו פערקויפען זיי אין צוויי יאָהר צייט און ארוים ווייטער פון 50 וויאָרסט. 19 אידישע קהלות האָבען ניט געוואָלט הערען פון דעם אוקאַז, זיי האָבען ניט געוואָלט פער-לאָזען זייערע הייזער און די קברים פון זייערע ליבע ביז די רעגירונג וועט זיי מיט געוואלד ארויסטרייבען פון דאָרט. אין אויסלאַנד איז מען געוואָ-רען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף דיזע טיראַניי. די ענגלישע, פראַנצוי-זישע און דייטשע צייטונגען האָבען אָנגערופען רוסלאַנד מיט'ן נאָמען „די נייע שפּאַניען". ווען ניקאָלאַי איז געוועזן אין לאָנדאָן האָט מען גע-פּרובט ווירקען אויף איהם ער זאָל ענדערן דעם אוקאַז, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. נאָר די רוסישע רעגירונג האָט זיך באַלד ארומגע-זעהן, דאָס די פערפאָלגונג וועט רואינירען ניט נאָר אידען, נאָר אויך אַ גרויסען טייל פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, און דעריבער האָט זי בע-שלאָסען דורכפיהרען דיזען אוקאַז לאַנגזאַם.

אין אַפּריל 1845 האָט דער פאָרזיצענדער פון דעם קאָמיטעט וועגען אידען, ק י ס ע ל ע װ , פערנאַנדערגעשיקט צירקולאַרען צו די גענע-ראַל-גובערנאַטאָרען, אין וועלכען ער האָט זיי געגעבען צו וויסען, דאָס די רעגירונג איז יעצט פעסט ענטשלאָסען דורכצופיהרען איהר פּלאַן וועגען איינטיילען די אידען אין קלאַסען און בעהאַנדלען די 3טע קלאַס אָהן רחמנות. נאָך דעם, ווי די ערסטע צוויי פּראָיעקטען: די רעפאָרמע אין דער אידי-שער ערציהונג, וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק אָפּצושאַפען דעם איינפלוס פון תלמוד, און די אָפּשאַפונג פון דעם קהל, אום אויסצורייסען מיט'ן וואָרצעל דעם אידישען נאַציאָנאַל-געפיהל — זיינען דורכגעפיהרט געוואָ-רען, איז יעצט די בעסטע צייט, שרייבט דער קאָמיטעט, זיך נעהמען צום 3טען פּראָיעקט וועגען די קלאַסען. אָבער די זאַך מוז זיין בסוד, האָט דער קאָמיטעט אָנגעזאָגט די גענעראַל-גובערנאַטאָרען, ווייל די אידען טאָרען ניט וויסען, דאָס די דריי פּראָיעקטען האָבען איין ציל (זיי ברייננגען נעהנטער צום שמד). עס מוז געהן אונטער אַ מאַסקע, דאָס די מערב-לענדער (די ציוויליזירטע) זאָלען עס ניט בעמערקען.

אין דער ערסטער צייט פון ליליענטהאַל'ס פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער אין דעם נאָמען פון מיניסטער אובאַראָוו געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט וויכטיגע פּערזאָנען פון דייטשע און פראַנצויזישע אידען: פיליפּסאָן, גייגער, קרעמיע, מאָנטעפיאָרע, וועלכע ער האָט געבעטען צו ווירקען אויף די אידען אין רוסלאַנד, זיי זאָלען ניט שטערען דעם גוטען וואונש פון דער רוסישער רעגירונג. אין אויסלאַנד האָט מען געגלויבט, דאָס אין רוסלאַנד איז געקומען פיר אידען אַ גליקליכע צייט. אָבער אין גיכען האָט מען זיך דערוואוסט וואָס עס טהוט זיך אונטער דער מאַסקע, און מען האָט בעשלאָסען שיקען אַ וויכטיגען פאָרשטעהער פון די וויכטיגע אידישע פּערזענליכקייטען, זיך משתדל זיין פיר אידען פאַר ניקאָלאַי'ען. דער גורל איז געפאַלען אויף משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז געווען גרוים געאַכטעט ביי דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריא, און האָט אין 1840 געראַטעוועט די אידען פון דעם עלילת-דם אין דמשק. אין אָנפאַנג פון 1846 איז ער אַוועק נאָך רוסלאַנד מיט'ן צוועק זיך צו בעקענען מיט דער לאַגע פון די אידען דאָרט. די קעניגין וויקטאָריא האָט איהם געגעבען אַ זעהר וואַרימען בריף צו ניקאָלאַי'ען און דיזער האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ביי דער אוידיענץ האָט איהם דער קייזער פערשפּראָכען ערנסט צו בעטראַכטען די מיינונג, וואָס ער וועט אַרויסטראָגען פון זיין רייזע איבער די לאַגע פון אידען אין רוסלאַנד, וועלכע ער וועט צושטעלען צום קאָמיטעט וועגען אידישע אַנגעלעגענהייטען. מאָנטעפיאָרע האָט בעזוכט איינינע שטעדט. איבעראַל איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד, סיי פון די גרעסטע רוסישע בעאַמטע, סיי פון אידען, וועלכע האָבען פיעל האָפנונג געלעגט אויף זיין שתדלנות. נאָך דעם ווי מאָנטעפיאָרע איז געקומען צוריק אין לאָנדאָן, האָט ער צוגעשיקט אייניגע פּעטיציאָנען צו אובאַראָוו'ן, קיסעלעוו'ן (פּאָרזיצענדען פון קאָמיטעט וועגען אידען) און גראַף פּאַסקיעוויטש'ן, דעם גובערנאַטאָר פון פּוילען. ניקאָלאַי האָט אויסגעהערט דעם אינהאַלט פון זיינע פּעטיציאָנען, אין וועלכע מאָנטעפיאָרע האָט געבעטען מען זאָל אַ ביסעל גרינגער מאַכען די אידישע ליידען, אָבער קיין פערבעסערונג איז ניט געמאַכט געוואָרען. אין דעם זעלבען יאָהר איז געקומען אין פּעטערבורג אַ פראַנצויזישער איד, אַ סוחר פון מאַרסעיל, איזאַק אַלטאַראַס, מיט רעקאָמענדאַציאָנען פון פראַנצויזישען פּרעמיער-מיניסטער גיזאָט, מיט אַ פּאָרשלאַג צו איבערטראַנספּאָרטירען עטליכע צעהנדליג טויזענד אידען אין אַלזשיר, וועלכע איז דאַמאָלס געוואָרען אַ פראַנצויזישע פּראָווינץ. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט פערשפּראָכען געבען די אידישע עמיגראַנטען בירגער-

רעכט. און דער פאריזער ראטשילד האט פערשפראכען געבען די נעטיגע הוצאות דערויף. אבער דערפון האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען.

די ארימע אידישע מאסע האט אנגעהויבען בגסלאכוויז זיך בעשעפטיגען מיט ערד=ארבייט, אבער די רעגירונג זעלבסט האט זיי געלעגט פערשיידענע שטערונגען אין זייער וועג, און קוים 10,000 אידען האבען זיך בעזעצט אין קאלאניעס צו בעארבייטען די ערד. אבער וואס פיר א בעדייטונג האט געהאט אזא קליינע צאהל ערד=ארבייטער געגען דער גרויסע מאסע ארימע אידען, וואס האבען גאר ניט געהאט וואס צו טאן? און דעריבער האבען די אידישע מאסען זעהר שטארק מורא געהאט פאר די גזירות וועגען די קלאסען.

די בלוט בלבולים און אנדערע אונגליקען. נאך אין אלכסנדר דעם 1טען'ס צייטען האבען זיך אנגעהויבען בלוט=בלבולים אויף אידען (עלילת דם). פאר פסח פון 1816 האט מען געפונען נעבען גראדנא א טויטען קערפער פון א קריסטליכער מיידעל 4 יאהר אלט, מאריא אדאמאוויטש. די קריסטליכע איינוואוינער האבען געגלויבט, דאס די אידען האבען ערמארדעט דאס קינד צוליב רעליגיעזע צוועקען, און די פאליציי האט אנגעהויבען זוכען דעם פערברעכער צווישען די אידען. דער חשד איז געפאלען אויף א אידען שלום לאפין, ווייל אין זיין הויז האט מען געפונען א האמער און א שפיזעל. ביי דער אונטערזוכונג האט א משומד עדות געזאגט, דאס יעדער אידישער רב מוז האבען פאר פסח קריסטליכעס בלוט אום צו בעשמירען דערמיט די טויערן און די ביישטידלאך פון די אידישע וואוינונגען. דער משומד און אונטער=אפיצער מיט'ן נאמען סאוויצקי האט זיך אונטערגענומען דאס אלעס צו בעווייזען פון אידישע ספרים, ווען די רעגירונג וועט איהם העלפען דערין. ווען די פאליציי און דער געריכטליכער אונטערזוכער האבען דאס מיטגעטיילט אין פעטערבורג, איז פון דארט אנגעקומען א בעפעהל מען זאל זוכען דעם מערדער און ניט בעשולדיגען די אידישע רעליגיאן. ווייל מען האט אבער דעם מערדער ניט געפונען, האט די רעגירונג דעם פראצעס אויפגעגעבען. פיעל האבען געהאלפען דערצו די אידישע דעפוטאטען פון גראדנא, איבערהויפט דער דעפוטאט זאננענבערג, וועלכער האט פראטעסטירט צום רעליגיאנס=מיניסטער גאליצין געגען אזעלכע בעשולדיגונגען. דער מיניסטער האט גוט פערשטאנען, דאס אזעלכע בלבולים קענען פיעל שאדען דער גערעכטיגקייט. אין יעדען פאל פון א קריסטליכען מארד וועט די פאליציי ניט זוכען דעם ריכטיגען מערדער און וועט באלד ארויפווארפען די שולד אויף

די אידען. ער האָט בעשלאָסען מיט'ן וואָרצעל אויסצורייסען אַזעלכע בלבולים אויף אידען. ער האָט געווירקט אויף אלכסנדר'ן און דיזער האָט געהייסען אויסשיקען צירקולארען צו אַלע גובערנאַטאָרען, דאָס אַזעלכע בלבולים אויף אידען זאָלען מעהר ניט פאָרקומען, ווייל עס איז שוין זעהר פיעל מאָל בעוויזען געוואָרען, אַז זיי זיינען פאַלש (6טען מערץ 1817). דער צירקולאר האָט געווירקט און אייניגע יאָהר האָט מען ניט געהערט פון קיין בלוט־בלבול אויף אידען. אָבער מיט 6 יאָהר שפּעטער (1823) איז וויעדער ארויסגעשוואומען אַ בלוט־בלבול אויף אידען, וועלכער איז בעוואוסט אַלס דער „וועליזשער עלילת דם“.

דעם ערסטען טאָג פון דער קריסטליכער פּאַסחא איז פערפאַלען געוואָרען אין דער שטאָדט וועליזש (וויטעבסקער גובערניע) אַ סאָלדאַט'ס אַ אינגעל פ ע ד א ָ ר י ע מ ע ל י א נ א ָ ו , 3 יאָהר אַלט, און מיט 10 טעג שפּעטער האָט מען דעם טרופּ פון דעם קינד געפונען אונטער'ן שטאָדט אַ צושטאָכענעם אין אייניגע ערטער און בעדעקט מיט וואונדען. דער המון האָט באַלד ארויסגעלאָזען אַ קלאַנג, דאָס דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען פון אידען מיט אַ רעליגיעזען צוועק. אויף'ן פערהער האָבען צוויי קריסטליכע פרויען: אַן אויסגעלאָסענע פרוי מאַריא טערענטיעווא און אַ האַלב־משוגענע מיידעל יערעמיעווא עדות געזאָגט, דאָס זיי ווייסען, אַז דער מאָרד איז אַ אידישע ארבייט און האָבען בעשולדיגט אין דעם דעם אידישען סוחר ב ע ר ל י ן און דעם אידישען ראַטמאַן פון מאַגיסטראַט צ ע ט ל י ן . די צוויי פרויען זיינען געווען וואָהרזאָגערינס און מיט זייער קונסט האָבען זיי איינגערעדט די עלטערן, דאָס די אידען זיינען די מערדער פון זייער קינד. דער הויפּט־סוד (געריכט) פון וויטעבסק האָט געפונען, דאָס די בעשולדיגונג איז ניט בעוויזען געוואָרען און האָט בעפרייט די אידען, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט דאָס געריכט געראַטען דער רעגירונג פון דער גובערניע פאָרטצוזעצען די אונטערזוכונג. די פאַלשע עדות־זאָגערין טערענטיעווא האָט דער סוד איבערגעגעבען צו דער קירכע, זי זאָל זי בעשטראָפען. די אידישע שונאים זיינען שטאַרק ניט צופרידען געווען מיט דעם פּסק פון געריכט און האָבען בעשלאָסען פאָרטזעצען די בעשולדיגונג געגען די אידען. אין סעפּטעמבער 1825, ווען אלכסנדר דער 1טער איז דורכגעפאָהרען וועליזש, האָט טערענטיעווא דערלאַנגט צו איהם אַ קלאַגע געגען סוד פיר בעפרייען די מערדער פון דעם קינד פעדאָר, וואָס זי האָט פאַלש אָנגעגעבען אַלס איהר קינד. ניט קוקענדיג אויף זיין אוקאַז פון 1817 האָט ער געהייסען דעם גענעראַל־גו-

בערנאטאָר כאָוואַנסקי איבער־אַ־ניים אָנפאַנגען די אונטערזוכונג. כאָ־וואַנסקי איז געווען אַ שונא ישראל און האָט זעלבסט געגלויבט אין דעם בלוט־בלבול, און האָט איבערגעגעבען די אונטערזוכונג צו זיינעם אַ בע־אַמטען סטראַכאָוו און האָט איהם געגעבען אונבעשרענקטע מאַכט. אָנ־קומענדיג אין וועליזש האָט דיזער באַלד גענומען טערענטיעווא צום פער־הער און האָט זי אַרויפגעפיהרט אויף'ן וועג, ווי ער האָט געוואָלט זי זאָל זאָגען. זי האָט דערצעהלט, דאָס זי זעלבסט האָט געהאָלפען די אידען צו בעגעהן דעם מאָרד; זי האָט געבראַכט דאָס קינד אין הויז פון צעטלין און בערלין. פון דאָרט האָט מען עס געבראַכט אין די סינאַגאָגע. דאָרט האָט מען עס שרעקליך געפּייניגט, דערביי זיינען געווען פיעלע מענער און פרויען פון אידען. מען האָט דאָס קינד געשניטען, געשטאָכען, געקיי־קעלט אין אַ פעסעל. דאָס בלוט, וואָס האָט גערונען פון קינד, האָבען די אידען צווישען זיך צוטיילט, ווייל זיי ברויכען עס אין זייערע מצות און צו בעשמירען די אויגלאָך פון די ניי־געבאָרענע קינדער, וועלכע ווערען ביי זיי אימער געבאָרען בלינדע און דאָס קריסטליכע בלוט מאַכט זיי זע־הענדיג. אין דיזער אַרבייט האָט זי, טערענטיעווא, זעלבסט גענומען אָנ־טייל און אויך צוויי קריסטליכע דינסט־מיידלאַך. די מיידלאַך האָבען אין אָנהויב געלייקענט די געשיכטע, אָבער אונטער דעם איינפלוס פון זייער גייסטליכען האָבען זיי שפּעטער בעשטעטיגט די ווערטער פון טערענטיע־ווא. סטראַכאָוו האָט באַלד געהייסען די פרויען חנה צעטלין און סלאַווע בערלין מיט זייערע מענער און קרובים אַריינזעצען אין טורמע. דאָרט האָט מען זיי געפּייניגט אום זיי זאָלען זיך מודה זיין אין דעם מאָרד, אָבער די אַרעסטירטע האָבען מיט צאָרן צוריקגעוויזען די בעשולדיגונג און ווען מען האָט זיי געשטעלט אויג אויף אויג מיט טערענטיעווא האָבען זיי זי געשטעמפּעלט אַלס ליגנערקע. דורך די פּייניגונג זיינען די אַרעסטירטע אָפּט אַרוים פון געדולד; איינער פון זיי, וועלכער האָט זיך ענטזאָגט צו ענטפערן אויף די פראַגען פון די בעאַמטע, האָט געזאָגט: „נאָר דעם קיסר אַליין וועל איך אַלעס דערצעהלען". אָבער די היסטערישע בענעה־מונג פון די פרויען, די צאָרנדיגע רייד פון די מענער און די פערשיידענע בעמערקונגען, וועלכע מאַנכע פון די אַרעסטירטע האָבען געמאַכט — דאָס אַלעס האָט געדינט פיר סטראַכאָוו'ן אַלס בעוויז, דאָס די אידען זיינען שולדיג. אין זיינע בעריכטען האָט ער פערזיכערט כאָוואַרסקי'ן, דאָס ער איז געקומען אויף די ריכטיגע שפּור פון דעם אונגעהייערען פערברעכען, וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען פון דעם גאַנצען קהל מיט דער הילף פון איי־

ניגע פערדאָרבענע קריסטליכע פרויען. בעריכטענדיג וועגען דעם אין פּע-
טערבורג האָט כאָוואַנסקי פאָרגעשטעלט די זאַך אַלס פערברעכען. וואָס
איז בעגאַנגען געוואָרען צו רעליגיעזע צוועקען, און ער האָט געקראָגען אַלס
ענטפער די פאָלגענדע אונגליקליכע רעזאָלוציאָן פון קייזער ניקאָלאַי דעם
1טען (26טען אויגוסט 1826). „אַזוי ווי די דאָזיגע פּאַסירונג בעווייזט, דאָס
די זשידעס מיסברויכען די טאָלעראַנץ, וועלכע מיר צייגען צו זייער רע-
ליגיאָן, זאָלען אַלס ביישפּיל פיר אַנדערע, ביז אַ ווייטערען בעפעהל פער-
חתמ'עט ווערען אַלע זשידאָווסקע שולען אין וועליזש, און עס זאָל זיי ניט
ערלויבט זיין צו דאַווענען ניט אין דיזע שולען, ניט אין אַנדערע ערטער אוי-
סער זיי". עס זיינען אין וועליזש געשלאָסען געוואָרען אַלע שולען און די אי-
דען פון דיזער שטאָדט זיינען אַלע געשטעלט געוואָרען אונטער דעם אויפזיכט
פון דער פּאָליציי. אין שטאָדט האָט געהערשט אַ שרעקליכער טרויער, אַלע
געשעפטען זיינען געווען געשלאָסען, און די אידען, וואָס האָבען זיך גע-
שלעפּט איבער די גאַסען זיינען געווען האַלב-טויטע. די פאַלשע עדות
פון די קריסטען זיינען געזעסען אין טורמע, אָבער זיי האָבען דאָרט גע-
לעבט אַ גוטען טאָג און האָבען געהאָפט, אַז די רעגירונג וועט זיי גוט בע-
פרידיגען פיר זייער עדות-זאָגען און דערפאַר, וואָס זיי האָבען אויף זיך
גענומען די שולד פון אַנטייל נעהמען אין דעם מאָרד. דאָס איז געווען דער
טייפלישער פּלאַן פון דעם גייסטליכען, צו וועלכען מען האָט געשיקט די
פאַלשע עדות ער זאָל זיי מוסר'ן און איינרעדען זיי צו זאָגען אַלעס, וואָס
זיי ווייסען. די עדות האָבען אָבער צופיעל האָניג צוגעגעבען צו זייער
עדות זאָגען, און האָבען דערצעהלט נאָך מעהר פון שרעקליכע מעשי
תעתועים, וואָס די אידען אין וועליזש האָבען נאָך פריהער געטאָן צו קריסט-
ליכע קינדער. די מעשיות זייערע זיינען שוין געוואָרען אַזוי האַמעטנע,
דאָס ניקאָלאַי אַליין האָט אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דער גאַנצער גע-
שיכטע, און האָט דעריבער געפאָדערט (אָקטאָבער 27טען) , דאָס די עדות
זאָלען זאָגען ווער זיינען געווען די אַנדערע קריסטליכע קינדער, וואָס זיי
האָבען געזעהען ווי מען האָט זיי געפייניגט און ערמאָרדעט. „דאָס מוז
זיין זעהר גרינג, אויב די גאַנצע געשיכטע איז ניט אַ העסליכער ליגען",
האָט ניקאָלאַי זעלבסט געשריבען צו דער קאָמיסיאָן, וואָס האָט געפיהרט
די אונטערזוכונג. כאָוואַנסקי האָט אָנגעהויבען זוכען אַנדערע צופעלען
פון עלילת דם און האָט געפונען אַ משומד גרודינסקי, וועלכער האָט זיך
אונטערגענומען צו בעווייזען געדרוק שוואַרץ אויף ווייס די גאַנצע צערע-
מאָניע, ווי אידען בעקומען בלוט פון קריסטליכע קינדער צו זייערע רעלי-

גיעזע צוועקען. ווען מען האט געקראגען דאס בוך און מען האט איהם איבערזעצט, האט מען אויסגעפונען דעם שקר, ווייל דער ספר האט ענט־האלטען אין זיך די דינים פון שחיטת עופות און בהמות. דער משומד האט בעקומען זיין פסק פיר דעם שקר: מען האט איהם אפגעגעבען פיר א סאלדאט. פון פעטערבורג האט מען געגעבען צו וויסען כאוואנסקי'ן, דאס דער קייזער האט אנגעהויבען שטארק צו צווייפלען אין דער גאנצער געשיכטע און ער איז פון דער מיינונג, דאס די אונטערזוכונג ווערט גע־פיהרט ניט ערנסט און ניט עהרליך. די גאנצע אונטערזוכונג איז ענדליך ארויסגענומען געווארען פון די הענט פון דער קאמיסיאן און איז איבערגע־געבען געווארען אין סענאט (1830). סטראכאוו, דער פארזיצענדער פון דער קאמיסיאן, איז דערוויל געשטארבען. מען האט גערעדט, דאס ער האט זיך זעלבסט גענומען דאס לעבען.

די קאמיסיאן, וואס האט געמאכט די אונטערזוכונג, האט אזוי פער־פלאנטערט דעם פראצעס, דאס די סענאטארען, וועלכע האבען בעדארפט אנאליזירען די פערהאנדלונגען, זיינען געווען פון דער מיינונג, דאס די אי־דען האבען ווירקליך בעגאנגען דעם פערברעכען. ווען די ארבייט פון דער קאמיסיאן איז אריבער צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון סענאט הא־בען זיך שוין געפונען 3 סענאטארען, וואס זיינען געווען פון דער מיינונג, דאס די אידען זיינען אונשולדיג. אז דער פראצעס איז אריבער אין גא־סודארסטווענני סאוויעט (קייזערליכען ראט) האט זיך ערסט גענומען צו שטודירען די ארבייט פון דער קאמיסיאן דער פארזיצענדער פון ראט, דער אלטער שטאאטסמאן מ א ר ד ו ו י נ א ו ו. דיזער האט געהאט גיטער נעבען וועליזש, און האט גוט געקענט די אידען פון דער שטאדט, און ער איז געווען איבערצייגט אין זייער אונשולד. אנאליזירענדיג די ארבייט פון דער קאמיסיאן האט ער אויסגעפונען און בעוויזען, דאס דער פראצעס איז געפיהרט געווארען פון כאוואנסקי'ן און סטראכאוו'ן מיט האס צו אידען און ניט עהרליך, ווייל אין גרונד איז קיין אמת'ער בעוויז ניטא, דאס די אידען האבען בעגאנגען דעם מארד. דער סענאט האט איינגעשטימט מיט זיין מיינונג, און האט גע'פסק'ענט, דאס די אידען זאלען בעפרייט ווערען, זייערע שולען זאל מען צוריק עפנען, מען זאל זיי אומקעהרען די הזיקות, וואס זיי האבען געליטען פון דיזען פראצעס, און די פאלשע עדות זאל מען פערשיקען אין סיביר. דערצו זאל מען פערזאגען די גובערנאטא־רען, דאס אזעלכע בלוט־בלבולים זאלען מעהר ניט פארקומען אויף אידען. ווען דער בעריכט פון סענאט איז געבראכט געווארען צו ניקאלאי'ען האט

ער אייגענהענדיג צוגעשריבען פאָלגענדעס: „איינשטימענדיג מיט דער מיינונג פון קייזערליכען ראַט, דאָס צוליב די אונדייטליכקייט פון די גע־זעצליכע צייגניסען קען ניט פאָלגען קיין אַנדער ענטשיידונג ווי די, וואָס ווערט ערקלערט אין דער מיינונג, וועלכע ווערט אויך פון מיר בעשטע־טיגט, — רעכען איך דאָך פיר נעטיג צוצוגעבען, דאָס אַן אינערליכע אי־בערצייגונג, אַז אידען בעגעהען ניט קיין מאָרד, האָב איך ניט און קען ניט האָבען. מעהרערע ביישפּילען פון עהנליכע מאָרדען... בעווייזען, דאָס צווי־שען אידען זיינען וואַהרשיינליך דאָ פאַנאַטיקער אָדער סעקטאַנטען, וועל־כע האַלטען פיר נעטיג קריסטליכעס בלוט פיר זייערע רעליגיעזע צערע־מאָניעס; דאָס שיינט נאָך מעגליכער דורך דעם, דאָס צום אונגליק גע־פינען זיך אָפּט אויך צווישען אונז, קריסטען, אַזעלכע סעקטען, וועלכע זיינען ניט ווייניגער שרעקליך און אונפערשטענדליך. מיט איין וואָרט, דורכאויס ניט גלויבענדיג, אַז דיזער געברויך עקסיסטירט ביי אַלע אידען, וויל איך אָבער ניט זאָגען, אַז צווישען זיי קענען זיך ניט געפינען אַזעלכע שרעקליכע פאַנאַטיקער, ווי צווישען אונז, קריסטען. דיזע רעזאָלוציאָן פון צאַר איז אָבער ניט ערלויבט געוואָרען צו פּובליצירען.

ענדע יאַנואַר פון 1835 איז אָנגעקומען אין וועליזש דער אוקאַז, דאָס די אידען זיינען פריי. די שולען האָט מען צוריק געעפענט, ספר תורה׳ס, וואָס די פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט, האָט מען זיי אָפּגעגעבען, און די שטאָדט, וואָס איז געווען צעהן יאָהר אין קריגס־צושטאַנד, איז ענדליך בעפרייט געוואָרען. פון די טורמעס זיינען אַרויס די אויסגעמאַטערטע אָנגעקלאָגטע אויסער איינינע, וואָס זיינען געשטאָרבען אין דער לאַנגער צייט, וואָס דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען. און צו דער געשיכטע פון אידישען מאַרטירערטום איז צוגעקומען נאָך אַ בלעטעל, ניט קוקענדיג אויף דעם „גליקליכען" סוף.

אויסער בלוט־בלבולים האָט זיך יענע פינסטערע צייט אויסגעצייכענט מיט אַנדערע סאָרטען בעשולדיגונגען געגען אידען. די שוועריגקייטען, וואָס די רעקרוטירונג האָט אַרויפגעלעגט אויף די אידישע קהלס־לייט אין יענער צייט, האָט זיי געצוואונגען האַנדלען אָפטמאָל געגען דעם געזעץ. דערפון האָבען זיך דאַמאָלס ענטוויקעלט צווישען אידען מוסרים, וועלכע האָבען זיך דערמיט בענוצט אויסצופּרעסען געלט פון די אידישע קהלות. מיט אַזעלכע מוסרים פלעגען זיך אָפּט די אידישע קהלס־לייט אָפּרעכנען בסוד און פלעגען זיי אָפּראַמען פון וועג. אין נאָוואָ־אושיצאַ (ליעטנעוועץ), אין פּאָדאָליער גובערניע, זיינען אין 1838 ערמאָרדעט געוואָרען צוויי

מוסרים — אַקסמאַן און שווארצמאַן, וועלכע האָבען געהאַלטען די גאַנצע גובערניע אין שרעק; אין דיזען פערברעכען האָט מען חושד געווען אייניגע אידישע קהלות. 80 קהלס־לייט און 2 רבנים זיינען בעשולדיגט געוואָרען. 20 פון זיי זיינען פער'משפט געוואָרען צו קאַטאָרגע און ארעסטאַנטסקע ראָטעס נאָך דעם, ווי מען האָט זיי געשמיסען מיט שפיץ־ריטער דורך א רייהע פון 500 מאַן (סקוואָז סטראָי), און א 20 האָט מען פערשיקט אין סיביר. די איבריגע זיינען געוואָרען בעפרייט אָדער זיינען ענטלאָפען פאַר'ן משפט. אייניגע פון די, וואָס זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט שפיץ־ריטער, זיינען צושטאָרבען פון די שמיץ.

אין 1844 האָט די שטאָדט מסטיסלאוו מאָהילעווער גובער־ניע) אויך געהאַט א שווערען פּראָצעס צוליב מוסרים. סאָלדאַטען האָ־בען פערכאַפּט קאָנטראַבאַנדנע סחורה און אידען האָבען דאָס געוואָלט אָפּנעה־מען פון זיי. די סאָלדאַטען האָבען די אידען גוט צושלאָגען אָבער אין גע־שלעג האָבען די אידען צובראָכען אייניגע ביקסען. די פּאָליציי האָלט עס בעטראַכט אַלס א בונט און האָט עס מיטגעטיילט דעם גובערנאַטאָר, וועל־כער האָט באַלד געשריבען צום צאַר וועגען דעם. ניקאָלאַי האָט באַלד געענטפערט מען זאָל די הויפּט־בונטאָווּשטשיקעס איבערגעבען צו א קריגס־געריכט, און פון די איבריגע אידען פון שטאָדט זאָל מען איינעם פון צעהן אָפּגעבען פיר סאָלדאַטען. דער אידישער סוחר ר' יצחק זעליקין (ר' איצעלע פון מאָנאַסטירשטשינע) איז אוועקגעפאָהרען אין פעטערבורג צו בעווייזען, דאָס די פּאָליציי האָט צוגעשטעלט א פאַלשען בעריכט. איהם איז געלונגען צו בעווייזען דעם הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער געהיים־פּאָליציי, וואָס פיר אַן אונרעכט עס ווערט יעצט געטאָן געגען אידען אין מסטיסלאַוו. מען האָט באַלד ארויסגעשיקט צוויי רעוויזאָרען, איינעם נאָך דעם אַנדערען. דיזע האָבען אויסגעפונען, דאָס די גאַנצע געשיכטע איז געווען ניט מעהר ווי א גאַסען־געשלעג, וועלכע די פּאָליציי מיט די מוסרים האָבען א נאָמען געגעבען „בונט". דער רעוויזאָר, קניאַז טרובעצקאָי, האָט אויסגעפונען, דאָס אידען האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם געשלעג. דאַן האָט ניקאָלאַי געהייסען בעפרייען די אידישע אַרעסטאַנטען און די רעקרוטען, וואָס מען האָט צוליב דיזען פּראָצעס גענומען פון די אידען, זאָל מען צוריקקעהרען אַהיים. דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט בעקומען א שטאַרקען פאָרוואורף און פיעלע פון די פּאָליצייסקע בעאַמטע האָט מען איבערגעגעבען צום געריכט. די אידען האָבען בעשטימט דעם טאָג, וואָס זיי האָבען בעקומען דעם בעפרייאונגס־אוקאַז, פיר א יום טוב

(3טען כסלו יעדען יאָהר). ווען די אידען וואָלטען געזוכט ימים טובים פיר אַזעלכע צופּאַלען וואָלט אַ גרויסער טייל פון די טעג פון יאָהר פערוואַנדעלט געוואָרען אין ימים טובים.

פּאָגראָמען זיינען דעם רוסישען פאָלק דאַמאָלס געווען פרעמד. דער איינציגער פּאָגראָם פון יענער צייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָדעס, איז געמאַכט געוואָרען פון גריכען. די פּאָגראָם־באַצילען האָבען נאָך דאַמאָלס געדרימעלט אין רוסישען פאָלק, און קיינער האָט זיי נאָך ניט געוועקט.

די אידען אין פּוילען. לויט דעם בעשלוס פון דעם וויענער קאָנגרעס איז דאָס וואַרשאווער הערצאָגטום, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט פריהער געגרינדעט, פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּוילישעס קעניגרייך מיט אַ בעזונדערער רעגירונג, אָבער אונטער דער אויבער־הערשאַפט פון רוסלאַנד. פּוילען האָט רעגולירט דאָס לעבען פון איהר גרויסער אידישער בעפעלקערונג (לערך 400 טויזענד נפשות) לויט איהרע אייגענע געזעצען, ניט לויט די געזעצען פון רוסלאַנד, אפילו נאָך דעם, ווי זי איז אַרונטערגעפאַלען אונטער די רוסישע הערשאַפט. דער שענדליכער דעקרעט פון יאָהר 1812, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעגעבען, דאָס אין יאָהר 1814 זאָל די אידען פערבאָטען זיין וועלכער עס איז אָנטייל אין האַנדעל פון בראַנפען־געשעפט, איז געווען פיר דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די אידען אַ גרויסע געפאַהר — כמעט אַ העלפט פון זיי אין פּוילען וואָלטען געבליבען אָהן שום מיטלען צום לעבען. די אידען האָבען בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום רוסישען קייזער אלכסנדר דעם 1טען ער זאָל מבטל זיין די גזירה, און ער זאָל זיי געבען מעהר פרייהייט אין מסחור. זייער בקשה איז אָנגענומען געוואָרען און די דורכפיהרונג פון פערבאָט צו האַנדלען מיט בראַנפען איז אָפּגעלעגט געוואָרען. אין דער נייער קאָנסטיטוציאָן, וואָס דער וויענער קאָנגרעס האָט בעשטימט פיר פּוילען, איז געווען אַ פּונקט, דאָס די אידען זאָלען מיט דער צייט בעקומען פולע בירגער־רעכטען, ווען זיי וועלען זיך בעסערן — זיך ענטזאָגען פון זייער נאַציאָנאַליזם.

אין 1815 האָט זיך אָנגעהויבען אין פּוילען די אידען־פראַגע. די קאָמיסיאָן, וואָס האָט זיך בעשעפטיגט דערמיט, האָט געפונען, דאָס מען דאַרף געבען אידען פולע רעכטען נאָר דאַן, ווען זיי וועלען אויפהערען צו זיין פאַנאַטיש און וועלען זיך בעשעפטיגען מיט נוצליכער אַרבייט, און דעריבער דאַרף מען זיי פערוועהרען צו האַנדלען מיט בראַנפען און צווינגען זיי צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט, ווי אויך ענדערן זייער ערצי-

הונג. די קאמיסיאן האט דורך דעם עפיסקאפ מאלטשעווסקי זיך געווענדט צו דוד פריעדלענדער אין בערלין, ער זאל זיי ראטען ווי מען זאל בעסערן די אידען אין פוילען. פריעדלענדער האט געענטפערט (1819), דאס דער תלמוד, חסידיזם און דער אידישער קהל זיינען די הויפט־שטערער צו דער אידישער ענטוויקלונג. מיט דיזע שטערער דארף די פוילישע רעגירונג שטרייטען. דיזע אידעע איז שטארק געפעלען געווארען דער פוילישער קאמיסיאן.

עס האבען זיך דאמאלס געפינען 26 אידישע פאמיליעס, וועלכע זיינען געוועזען היבש אייראפעאיש געבילדעט און מיט אייראפעאישע מאניערען. דיזע פאמיליעס האבען אנגעגעבען א פעטיציאן צו די פוילישע פיהרער און זאגאר צום צאר אלכסנדר דעם 1טען, אין וועלכער זיי האבען געבעטען מען זאל זיי געבען פולע עמאנציפאציאן, ווייל זיי פערדינען עס און ווייל דאס וועט פיהרען דערצו, דאס פיעלע אנדערע אידען וועלען זיך אתזאגען פון זייערע אלטע מנהגים און ווערען ציוויליזירט נאך דער לעצטער מאדע. אבער זייער בקשה איז ניט אנגענומען געווארען.

די הויכע בעאמטע אין פוילען זיינען דאמאלס געווען געגען געבען אידען וועלכע עס איז רעכטען. דער וויצע־קעניג זאיאנטשעק האט געשריבען צו אלכסנדר דעם 1טען, דאס די אידען פערמעהרען זיך אונגעוועהנליך, זיינען שמוציג, ערנעהרען זיך פון בעטרוג און זיינען א געפאהר פיר דאס לאנד, ווייל די קריסטליכע בעפעלקערונג וועט געווים פיעל ליידען פון זיי. אין דעם זעלבען יאהר איז דער סענאטאר נאוואסילצעוו ארויס מיט א פראיעקט צו געבען אידען מעהר רעכטען. איבערהויפט האט ער רעקאמענדירט צו געבען פולע רעכטען, זאגאר פאליטישע, צו געבילדעטע אידען, יעדענפאלס זיי אויפהערען צו דריקען און ניט שטערען דעם האנדעל מיט בראנפען, נאר בּיסלאכווייז זיי צוגעוועהנען צו ערד־ארבייט און האנט־ארבייט. אבער זיין פראיעקט איז פערווארפען געווארען און די פערפאלגונגען זיינען פארטגעזעצט געווארען; נאר די יודאפאבען איז איין זאך ניט געלונגען, נעמליך דורכפיהרען זייער וואונש וועגען אפנעהמען פון אידען דעם בראנפען־מסחור, א דאנק דער שתדלנות פון דער פריהערער דערמאהנטער דעפוטאציאן, וועלכע האט אויסגעווירקט ביים צאר אלכסנדר דעם 1טען, דאס מען זאל דערוויל צורוה לאזען די אידען וועגען דיזען געגענשטאנד, ווייל דורך דעם קען זעהר פיעל ליידען דער אלגעמיינער עקאנאמישער צושטאנד. אבער די פוילישע רעגירונג האט געפונען אנדערע מיטלען ווי צו דריקען די אידען. אין איינעגע שטעדט האט מען ניט צו-

געלאָזען נייע אידען זיך בעזעצען. אום צו מעגען דאָרט פערבלייבען איי-ניגע טעג האָט מען געפאָדערט פון זיי א שווערע אָפּצאָהל. אין א ראַיאָן פון 20 וויאָרסט פון עסטרייכישען און פּרייסישען גרענעצ האָבען אידען זיך ניט געטאָרט בעזעצען, אָבער דערפאַר האָט די פּוילישע רעגירונג בע-פרייט די אידען פון מיליטער-דינסט כל זמן זיי וועלען ניט האָבען קיין ביר-גער-רעכט.

די שנאה צו אידען האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער פּוילי-שער פּאָליטישער ליטעראַטור פון יענער צייט. עס זיינען ערשינען פיעלע בראָשורען און ארטיקלען אין צייטונגען, וועלכע האָבען בעשפּראָכען די אידישע פראַגע. אין 1816 האָט קסיענדז סטאַשיץ געשריבען אַן ארטי-קעל וועגען די אורזאַכען פון דער שעדליכקייט פון אידען, אין וועלכע ער ענטוויקעלט דעם געדאַנק, דאָס די אידען זיינען שולדיג אין דער אונטער-גאַנג פון פּוילען: זיי פערמעהרען זיך זעהר שנעל און בילדען שוין יעט אַן אכטעל פון דער בעפעלקערונג; אויב זיי זאָלען וויימער אזוי זיך פערמעה-רען, וועט דאָס קעניגרייך פּוילען ווערען פערוואַנדעלט אין א „אידישע מדינה". אזוי ווי ארויסטרייבען זיי פון פּוילען איז ניט מעגליך, מוז מען זיי שאַפען אין יעדער שטאָדט א געטאָ אום מען זאָל זיי אימער האָבען אויף'ן אויג; נאָר די אידען, וואָס ווילען זיך אסימילירען מיט'ן פּוילישען פאָלק, זאָלען בעקומען פולע רעכטען. אין 1818 איז פאָרגעקומען אין סיים א הייסע דעבאַטע וועגען די אידען. עס זיינען אויסגעזאָגט געוואָרען דריי מיינונגען וועגען דער אידען-פראַגע. גענעראַל קראַסינסקי האָט פאָרגעשלאָגען א מיטעל-וועג: שיצען די גרויסע אידישע קאַפּיטאַליסטען, צוציהען די גרויסע מאַסען צו ערד-ארבייט און מלאכות, און די, וועלכע וועלען עס ווערט זיין, געבען בירגער-רעכט. געגען דיזען פּראָיעקט איז ארויס א אידען-פיינד און האָט פאָרגעשלאָגען מען זאָל בעטען דעם צאַר ער זאָל פּוילען אין גאַנצען בעפרייען פון אידען און ער זאָל זיי בעזעצען אין דרום רוסלאַנד אויף די וויסטע סטעפּעס. געגען דיזען באַרבאַרישען פאָרשלאַג איז ארויס דער ראַדיקאַלער אָפּיצער לוקאַסינסקי; ער האָט גע-ענטפערט, דאָס די אידען וואָלטען געקענט זיין זעהר ניצליכע בירגער ווען מען זאָל זיי געבען רעכטען. עס איז א גרויסעס אונרעכט פון די פּוילישע גוטס-בעזיצער, האָט ער געזאָגט, צו בעשולדיגען די אידען דערפאַר, וואָס זיי פערקויפען די פּויערים בראַנפען, אין דער צייט, וואָס זיי ווילען פער-דינגען די אידען די שענקען און גיבען זיי דאָס רעכט צו פערקויפען בראַנפען, וויל מען צאָהלט זיי זעהר גוט פיר די אַרענדע. א רב איז ארויס

מיט אַ בראָשורע אין פּויליש אונטער'ן טיטעל „גלאָס ליודו איזראעלסקיעגאָ" (שטימע פון אידישען פאָלק), אין וועלכער ער האָט גערעטען די פּאָליאַקען לאָזען צורוה די אידען און זיך ניט מישען אין זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען; די אידען וועלען גיכער זיך ענטשליסען צו פערלאָזען פּוילען און געהן אין גלות איידער צו אסימילירען זיך און זיך ענטזאגען פון דעם גלויבען פון זייערע עלטערן. די שטימונג פון די פּאָרטגעשריטענע אידען האָט אויסגעדריקט דער יונגער ווארשאווער לעהרער י ע ק ב ט ו ג ע נ ד ה אָ ל ד (אין זיין ביכעל „ירבעל"). נאָך זיין מיינונג האָבען די אידען שוין אָנגעהויבען צופּאַסען זיך צו דער פּוילישער קולטור און די רעגירונג קען פערשטאַרקען די בעוועגונג דורך דעם, וואָס זי וועט צולאָזען אסימילירטע אידען צו רעגירונגס־עמטער.

די אידישע שונאים האָבען זיך גענומען דאמאָלס צו פערפלאָנטערן די אידען־פראגע דורך בעשולדיגען זיי אין בלוט־בלבולים. מען האָט אָנגעהויבען געפינען קריסטליכע קינדער ערמאָרדעטע דורך פערשיידענע ארמען פּייניגונג. מען האָט בעשולדיגט דערין אידען, מען האָט זיי אריינגעוואָרפען אין געפענגניסען, אין וועלכע זיי זיינען פערבליבען מאָנאַטען לאַנג. צום גליק האָט זיך די אידישע דעפּוטאַציאָן אין פּעטערבורג געווענדעט צום מיניסטער גאָליצין, און דיזער האָט בעפוילען, מען זאָל איינפיהרען אין קראפט אויך אין פּוילען דעם זעלבען אוקאַז פון צאר אלכסנדר דעם 1טען, וועלכער האָט פערוועהרט עלילת־דם און קרימינעלע פּראָצעסען אָהן אַ שום גרונד דערצו, און דאָס האָט געמאַכט אַן ענד צו דיזער געפעהרליכער אגיטאַציאָן.

די אידען־העצעס אין דער ליטעראַטור האָבען געהאַט אַ גרויסען ווירקונג אויף דעם סיים פון 1818. דיזער סיים האָט זיך געווענדעט צום קייזער אלכסנדר דעם 1טען צו ערלויבען די פּוילישע רעגירונג צו נעהמען מיטלען צו פערקלענערן די צאָהל פון אידען אין פּוילען. דער ערסטער מיטעל זייערער איז געווען אָפּצונעהמען פון די אידען דאָס רעכט צו האַלטען שענקען און פערקויפען בראַנפען.

אין אָנהויב פון 1820 האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג צווישען דער רייכער און געבילדעטער קלאַס פון אידען אין פּוילען צו אסימילירען זיך מיט די פּאָליאַקען. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען רופען „פּאָליאַקען פון משה'ס געזעץ". זיי האָבען זיך גענומען אָפּשאַפען דעם קהל מיט זיינע פרנסים, האָבען געשמוצט די רבנים, וועלכע זיי האָבען פערליימדעט אלס דעם וואָרצעל פון אַלע אידישע פעהלערן. אין אַ בעזונדער בראָשורע איז

געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג מען זאָל די אידישע אויטאָנאָמיע אָפּשאַפען. די בראָשורע האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער רעגירונג און דעם 1טען יאַנואַר 1821 איז אַרויס אַן אוקאַז פון צאַר אָפּצושאַפען דעם קהל און די אידען האָבען נאָר געהאַט אַ רעכט צו האָבען שולען און צו האָבען זייערע אייגענע וואָהלטעטיגע חברות. די נייע ערוועהלטע שול־בעאַמטע (דאָזאָרצעס) זיינען זעהר ניט פּאָפּולער געווען אין פאָלק. אָבער די רעגירונג האָט זיי געשטיצט, און זיי האָבען אָנגעהויבען מאַכען רעפאָרמען אין יודענטום ווי אין דער אידישער ערציהונג. אום צו העלפען זיי אין זייערע שטרעבונגען האָט די רעגירונג געגרינדעט אַ קאָמיטעט מיט'ן צוועק צו רעפאָרמירען די אידען. דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען פריהער פון אַלעם צו גרינדען אין וואַרשא אַ ראַבינער־שול צו פאָרבערייטען געבילדעטע רבנים, וועלכע זאָלען זיין אויסגעשפּראָכענע פיינד פון תלמוד. אין 1826 איז די ראַבינער־שול געעפענט געוואָרען. די לעהרער פון די וויסענשאַפטליכע געגענשטענדען זיינען געווען קריסטען. אַלס לעהרער פון העברעאיש און דער ביבעל איז געווען בעשטימט אַברהם ביכנער, וועלכער האָט געשריבען אַ ווערק בעטיטעלט „די ניכטיגקייט פון תלמוד". איינער פון די הויפּט־פיגורען אין קאָמיטעט איז געווען דער פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכען אין וואַרשאווער אוניווערזיטעט קיאַריני, אַ געפעהרליכער אידען־פיינד. ער האָט זיך געטראָגען מיט אַ פּלאַן צו איבערזעצען דעם תלמוד אין דער פראַנצויזישער שפּראַך אום די קריסטליכע וועלט זאָל בעקאַנט ווערען מיט אַלע אידישע געפעהרליכע געהיימניסען און מען זאָל וויסען וואָס מען האָט צו טאָן מיט זיי. מיט דער ערלויבנים פון דער רעגירונג האָט ער איינגעפיהרט פיר קריסטליכע סטודענטען אַ קורס אידישע אַרכעאָלאָגיע (אַלטערטום) אום קריסטען זאָלען בעקאַנט ווערען מיט'ן יודענטום און קענען זיין קאָמפּעטענטע בעאַמטע אין אידישע אַנגעלעגענהייטען. זיינע לעקציעס וועגען דיזען געגענשטאַנד האָט ער אַרויסגעגעבען אין 1829 אין פראַנצויזיש. דער אינהאַלט פון דיזען בוך איז אַ רייהע פון בעשולדיגונגען אויף אידען, אונטער אַנדערע אויך דער בלוט־בלבול. גענומען האָט ער דאָס פון די ווערק פון אַלטע אידען־פרעסער, ווי אייזענמענגער און אַנדערע. געגען דעם בוך זיינען אַרויס אידישע געלעהרטע ווי צונץ, יאָסט, טוגענדהאָלד, אָבער די גיפטיגע זאַמען האָבען געשאַפען אַ שרעקליכען האַס צו אידען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

ווען אין פּוילען האָט אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד פון 1830. האָט איינער פון די אַסימילאַטאָרען, גערניש, אָנגעגעבען אַ ביטע צום דיקטאַטאָר

כלאָפּיצקי מען זאָל ערלויבען די אידען אריינצוטרעטען אין דער אַרמעע אום צו העלפען די פּאָליאַקען זיך בעפרייען פון רוסלאַנד. די אַסימילאַטאָרען האָבען געהאָפּט דורך דעם צו בעקומען גלייכע רעכטען. דערויף האָט דער קריגס־מיניסטער געענטפערט: „מיר ווילען ניט ערלויבען. דאָס אידישע בלוט זאָל זיך צונויפמישען מיט די ריינע אַריסטאָקראַטישע בלוט פון די פּאָליאַקען; וואָס וועט אייראָפּאַ זאָגען, ווען זי וועט זיך דערוויסען, דאָס אין דעם קאַמף פיר אונזער פרייהייט האָבען מיר זיך ניט געקענט בעגעהן אָהן אידישע הענט?" די אידען האָבען אָבער דאָך אויסגעפיהרט מען זאָל זיי אַריינגעהמען אין דער מיליץ (נאַציאָנאַל־גוואַרדיע) און 850 אידישע וואָלונטירען האָבען אַנטייל גענומען אין דער בעשיצונג פון וואַר־שאַ. צווישען די וואָלונטירען זיינען געווען קינדער פון אָרימע פאַמי־ליעס, אַזוי גוט ווי פון רייכע. דער קאַפּיטאַן פון דער וואַרשאַווער נאַ־ציאָנאַל־גוואַרדיע, אָסטראָווסקי, איז געוואָרען געריהרט ביי דעם אָנבליק פון דיזע שטיפקינדער פון פּוילען, וועלכע קעמפען פיר איהר ניט אַכטענ־דיג, וואָס זי האָט זיי שלעכט בעהאַנדעלט, און ער האָט שפּעטער געשרי־בען: „דאָס האַרץ האָט געמוזט וועה טאָן זעהענדיג דיזע סצענע: דאָס געוויסען האָט געהייסען זיך נעהמען וואָס פריהער צו פערבעסערן די לאַגע פון דיזען זעהר ערנידריגטען טייל פון אונזער לאַנד". די אידען פון דער פּראָווינץ אין פּוילען האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאַנד. די פּאָליאַקען זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זיי דערפאַר, אָבער אָסטראָווסקי האָט זיי פערטיידיגט, זאָגענדיג, דאָס די בעהאַנדלונג פון די פּאָליאַקען האָט קיין רעכט ניט צו פאָדערן פון זיי פּאַטריאָטישע געפיהלען. דער סיים פון 30טען מאַי 1831 האָט בעפרייט אידען פון מיליטער־דינסט, אָבער דערפאַר האָט ער אַרויפגעלעגט אויף זיי אַן אָפּצאָהלונג 4 מאָל מעהר ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען.

אין 1832 איז דער היסטאָריקער לעלעוועל אין פּאַריז אַרויס מיט אַ מאַניפעסט צו די אידען, אין וועלכען ער האָט זיי געבעטען פערגעסען דאָס שלעכטס, וואָס די פּאָליאַקען האָבען זיי געטאָן, און געדענקען די גליקליכע צייטען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין פּוילען, און נעהמען אין אַנבעטראַכט די צרות, וועלכע זיי ליידען אין דער באַרבאַרישער רוסלאַנד, וועלכע רויבט אוועק זייערע קליינע קינדער און צווינגט זיי צו שמד דורך מיליטער־דינסט. זאָלען די אידען העלפען פּוילען; זיי ווילען דורך דעם זיך אויסקעמפען גלייכע רעכטען; אָדער אויב זיי ווילען זיך צוריקקעהרען אין פּאַלעסטינאַ, ווילען די פּאָליאַקען זיי העלפען פערווירקליכען דיזען פערלאַנג. עס האָ־

בען זיך געפונען צווישען די פּוילישע עמיגראַנטען אין פּאַריז אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען פערשפּרייט די גיפטיגע זאָמען פון אידען־פיינדשאַפט.

נאָך דעם, ווי דער בונט איז איינגעשטילט געוואָרען, האָבען די אידען ניט געפיהלט קיין ענדערונג צו בעסער אָדער צו ערגער. אין 1842 האָט די רוסישע רעגירונג אין איין זאַך זיי געמאַכט גלייך מיט זייערע רוסישע ברידער — מען האָט אויך פון זיי אָנגעהויבען נעהמען רעקרוטען פיר מי-ליטער־דינסט. נאָר פון זיי האָט מען ניט גענומען קיין יונגע קינדער פאַר 18 יאָהר. די וואַרשאַווער אידען האָבען געבעטען פון דער רוסישער רעגי-רונג זי זאָל זיי געבען גלייכע רעכטען, ווייל לויט דעם געזעץ פון 1817 דאַר-פען די אידען אין פּוילען זיין גלייכבערעכטיגט, ווען פון זיי וועלען גענומען ווערען רעקרוטען פיר די אַרמעע. אָבער די רעגירונג האָט זיי ענטזאַגט. ניט אַכטענדיג דערויף איז די לאַגע פון אידען אין פּוילען געווען פיעל בעסער פון דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד.

דער אָנפאַנג פון השכלה. די רוסישע רעגירונג האָט ניט אויפ-געהערט צו שטורמען די פעסטונג פון יודענטום. טויזענדער קינדער האָט זי צו׳שמד׳ט דורך די רעקרוטירונג, פיעלע זיינען געוואָרען אונטריי צו זיי-ער פאָלק און זייער רעליגיאָן דורך די קאַזיאָנע שקאָלעס, די אויטאָנאָמיע פון אידישען קהל, וועלכער איז געווען אַ גרויסע שטיצע פיר דאָס יודענטום, איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. אָבער דאָס אַלעס איז ניט אין שטאַנד געווען צו צושטערען דאָס אַלטע אידישע לעבען. די רבנים און די גוטע אידען זיינען געווען די אייזערנע וואַנט, וואָס האָט בעשיצט די אידישע רעלי-גיאָן און דאָס אַלטע אידישע לעבען געגען אַלע אָנפאַלען פון זייערע שונאים. די אידען האָבען פאָרטגעזעצט צו לעבען ווי פריהער, מען האָט געלערנט אין חדרים, מען האָט געמאַכט יונגע קינדער חתונה, מען האָט ניט צוגע-לאָזען קיין ענדערונג אין אידישען לעבען. אַ קורצער ראָק מיט לאַנגע הויזען איז געווען אַ שרעקליכער פערברעכען. איבערהויפּט זיינען געווען שטרענג פערבאָטען וועלטליכע למודים, און אַנדערע שפּראַכען און ווי-סענשאַפטען האָט מען גערעכענט פיר גיפט פיר די אידישקייט. די יעני-גע, וואָס האָבען זיך ערלויבט אויף אַ האָאַר פרייהייט אָדער עטוואָס קרי-טיק אין תלמוד, זיינען שרעקליך פעראַכטעט געוואָרען פון כלל. איינער פון אַזעלכע אָפּפער איז געווען דער בעריהמטער תלמודיסט ר׳ מ נ ש ה א י ל י ע ר, וועלכער איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „בן פורת״ (1767—1831). ער האָט זיך ערלויבט צו ערקלערען זיינע תלמידים, דאָס אין תלמוד זיינען פאַראַן שטעלען, וועלכע צייגען, דאָס די אמוראים האָבען ניט פער-

שטאַנען דעם ווירקליכען זין פון דער משנה. מען האָט איהם דערפאַר שיער אין חרם אריינגעוואָרפען. שטרעבענדיג נאָך וויסענשאַפטען איז ער אַוועק נאָך דייטשלאַנד, אָבער אין קעניגסבערג האָבען זיינע לאַנדסליים איהם געראַטען ער זאָל אויפגעבען די אידעע, וועלכע קען איהם מעהר שאַדען ווי נוצען ברייגגען. אין 1807 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ קליין ווערק מיט׳ן טיטעל „פשר דבר״, אין וועלכען ער בעדויערט וואָס די רבנים זיינען ווייט פון וויסענשאַפטען. דיזען ספר׳ל האָבען די רבנים פעראורטיילט צום פער־ברענען און ער האָט בעקומען דעם טיטעל „אפיקורוס״. מיט 10 יאָהר שפּעטער, זייענדיג אין וואָלהין, אין דעם נעסט פון חסידיזם, האָט ער אָנגע־הויבען דרוקען זיין ספר „אלפי מנשה״. אָבער דער דרוקער האָט פון די ערסטע בויגענס ערפאַהרען וועגען דעם „אפיקורסישען״ אינהאַלט פון דעם בוך און ער האָט פערברענט די אָפּגעדרוקטע בויגענס צוזאַמען מיט׳ן כתב יד. מיט גרוים מיה איז איהם געלונגען צוריק אויפשרייבען זיין בוך און ער האָט עס איבערגעגעבען צום דרוק אין ווילנא (1822). ווען ר׳ שאול קאַצענעלענבאָגען האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דעם ספר איז דאָ אַ שטעלע, אין וועלכער דער מחבר בעווייזט, דאָס די רבנים פון יעדען דור האָבען דאָס רעכט צו מאַכען תקונים אין דת, האָט ער איהם מזהיר געווען, דאָס אויב ער וועט ניט ענדערן דיזע שטעלע, וועט ער הייסען פערברענען דעם ספר אויף׳ן שול־הויף. ר׳ מנשה האָט געמוזט נאָכגעבען דיזען פער־לאַנג און האָט געענדערט די שטעלע געגען זיין איבערצייגונג. אין די לעצ־טע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער פערפאַסט 2 בראָשורען: „שקל הקודש״ און „סמא דחיי״. די צווייטע האָט ער אויך איבערזעצט אין אידיש. אין די שריפטען האָט ער שאַרף קריטיקירט די פעהלערן פון אידישען פאָלק, דעם אידישען חינוך, די פריהצייטיגע חתונות, די פעראַכטונג פון בילדונג און אַרבייט. אָבער די פאַנאַטיקער האָבען געטאָן אַלס מעגליכעס אַז די־זע בראָשורען זאָלען ניט צוקומען צום פאָלק.

פיעל ערגער איז עס געווען אין די ערטער, וואו דער חסידיזם האָט געהערשט, וואו דער פערשטאַנד איז געווען פערשלעפּערט פון די מעשיות און מופתים פון די גוטע אידען. אין ביעלאָרוסיע האָט געהערשט די די־נאַסטיע פון די ש נ י א ו ר ס אָ נ ס , די נאָכפאָלגער פון דעם „אַלטען רבי׳ן״ שניאור זלמן. דער זוהן פון דעם אַלטען רבי׳ן, ר׳ בער, וועלכער ווערט אָנגערופען דער „מיטעלער רבי״ (1813—1828), און דער איידים פון דעם לעצטען, מ ע נ ד ע ל ע ל י ב א ו ו י ט ש ע ר (1828—1868) האָבען אין דיזער עפּאָכע פערנומען דעם טראָן פון די „צדיקים״. די רע־

זידענץ פון אַלטען רבי'ן איז געווען אין ליאַדי, און די איבריגע גוטע אידען זיינען געזעסען אין ליבאַוויטש. דיזע סעקטע חסידים זיינען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען חב"ד (ראשי תיבות פון ח'כמה, ב'ינה, ד'עת). דיביידע רעזידענצען ליגען צווישען וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס. פון דיזע 3 גוטע אידען איז דער אַלטער רבי שניאור זלמן געווען אַ גרויסער תלמודיסט און אַ מקובל־פילאָזאָף. ער האָט פערפאַסט אַ שולחן ערוך בעוואוסט אונטערן נאָמען דעם „רבי'ס שולחן ערוך" און אַ ספר „תניא", וועלכער ענטהאַלט אין זיך די פילאָזאָפיע פון קבלה און דעם דרך פון חב"ד'סקע חסידות. דער מיטעלער רבי, ר' בער, האָט מחבר געווען פיעלע ספרים, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך צום מעהרסטען שבת'דיגע דרשות און פירושים אויף'ן „תניא". דער דריטער רבי, ר' מענדעלע, איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט. ער האָט אָנגעשריבען פיעלע שאלות און תשובות אונטער'ן טיטעל „צדק דוד", אויך אַ ווערק אין קבלה. ער איז געווען זעהר אַ קלוגער מענש און צו איהם פלעגען זיך ווענדען אַלע סאָרטען מענשען וועגען עצות. אין יאָהר 1848 איז ער געוואָרען איינגעלאַדען אין פעטערבורג פון דער רעגירונג אָנטייל צו נעהמען אין דער ראַבינער־קאָמיסיאָן, וואָס איז פעררופען געוואָרען צו אָרגאַניזירען די קאַזיאָנע שולען און צו בעשטימען, וואָס פיר אַן ערציהונג מען זאָל געבען אידישע קינדער אין רוסלאַנד. ער איז געווען פול מיט האס צו די נייע רעפאָרמען אין דעם אידישען חינוך. דאָך האָט ער געמוזט מסכים זיין אויף פיעלע זאַכען, וואָס זיינען געווען געגען זיינע איבערצייגונגען. ער האָט צ. ב. געמוזט מסכים זיין, אַז מען זאָל דרוקען אין רוסלאַנד פיר אידען תנ"ך מיט מענדעלסאָן'ס איבערזעצונג און ביאור. איבערהויפּט האָט ער שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם פּ. אָיעקט צו פערקירצען די ביבעל פיר קינדער.

גאַנץ אַנדערס זיינען געווען די גוטע אידען פון „יוגאָ־זאַפּאַדני קראַי" (זיד־וועסט רוסלאַנד). דיזע האָבען פון קיין נאָכגעבען ניט געוואָלט וויסען. פון דיזע זיינען איבערהויפּט געווען געאַכטעט ביים פאָלק די צדיקים פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע. דער גרינדער פון דיזער דינאַסטיע איז געווען ר' נחום. זיין זוהן ר' מאָטעלע טשערנאָבילער האָט צוגעצויגען צו זיך אין זיין שטעדטעל טשערנאָביל (קיעווער גובערניע) צעהנדליגע טויזענדער חסידים, וועלכע פלעגען קומען צו איהם מיט פּדיונות (געלט־מתנות). נאָך זיין טויט האָבען זיינע אַכט זיהן צוטיילט צווישען זיך די גובערניעס קיעוו און וואָלהין אויף אַכט צענטערן.

די רעזידענציעס אָדער די צענטערן פון דיזע 8 גוטע אידען זיינען געווען: טשערנאָביל, קאָראָסטישעוו, טשערקאַס, מאַקאַראָוו, טריסק, טאַלנע, סקוויר און ראַכמיסטריווקע. די חסידים, ווי זייערע רביים, האָבען זיך אימער געקריגט צווישען זיך; יעדער האָט געהאַלטען זיין צדיק פיר'ן גרעסטען און דעם אַנדערן'ס צדיק האָט ער פערניכטעט. אַ שטאַרקער קאָנקורענט צו דער טשערנאָבילער דינאַסטיע איז געווען דער גוטער איד ר' ישראל רוזשינער (פרידמאַן), דער עניקעל פון דעם בעוואוסטען גוטען אידען ר' בער מעזשיריצער (מעזשיריצער מגיד). אין יאָהר 1815 האָט ער זיך בעזעצט אין שטעדטעל רוזשין (קיעווער גובערניע) און איז גיך בעוואוסט געוואָרען אַלס אַ גרויסער בעל מופת. דער רייכער הויף, וואו ער איז געזעסען, איז איבער געווען פול מיט חסידים, אָבער די גבאים האָבען נאָר צוגעלאָזען צום רבי'ן נאָר די רייכע לייט, וועלכע האָבען געבראַכט רייכע פדיונות. ער פלעגט ארויספאָהרען אין אַ רייכער קאַרעטע מיט פיעלע בעגלייטער. די פּאָליציי האָט געגעבען צו וויסען דער רעגירונג, דאָס דער גוטער איד שפּילט ביי די אידען די ראָלע פון אַ קעניג, און זי האָט אָנגעהויבען צו זוכען אויף איהם עבירות און האָט געפונען. אין 1838 האָט מען אין דער שטאָדט אושיצאַ (פּאָדאָליער גובערניע) געפונען 2 מוסרים דער'הרג'עטע. דער חשד איז געפאַלען אויף איינינע קהלס־לייט און אויף'ן רבי'ן ישראל'צע, דאָס ער האָט געגעבען זיין ערלויבנים דיזע צו ערמאָרדען. 22 חדשים איז ער געזעסען אין געפענגנים, און נאָך דעם, ווי מען האָט איהם אַרויסגעלאָזען, איז ער געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. ענדליך איז ער ענטלאָפען נאָך עסטרייך (1841) און האָט זיך בעזעצט אין דער שטעדטעל סאַדאַגאָרע אין בוקאָווינאַ, וואו ער האָט בעקומען נאָך מעהר אָנהענגער ווי פריהער, און האָט געפיהרט דאָס זעלבע רייכע לעבען ווי אין רוסלאַנד. ער איז געשטאָרבען אין 1850 און זיין דינאַסטיע האָט זיך פערשפּרייט אין גאַליציען.

דער חסידיזם מיט די צדיקים האָבען זיך שטאַרק און ברייט פערשפּרייט אין פּאָדאָליען. אין מעדזשיבאָזש, די רעזידענץ פון בעל שם טוב, האָט געהערשט ר' יהושע העשיל אַפּטער; ער איז געווען די גרעסטע אויטאָריטעט צווישען די גוטע אידען פון יענער צייט. דער איינציגער, וואָס האָט ניט געוואָלט אָנערקענען זיין אויטאָריטעט, איז געווען דער רוזשינער. דעם אַפּטער'ס נאָכפאָלגער איז געווען ר' משה סאַווראַנער, וועלכער האָט איינגעפיהרט אַ לעבען מיט

גרויס לוקסוס. אַן אונגעוועהנליכער סאָרט גוטער איד איז געווען דעם בעל שם׳ס אַן אורעניקעל ר׳ נחמן בראַצלאַווער. ער איז געווען פערהאַסט פון אַלע גוטע אידען און חסידים. זיינע אָנהענגער פלע-גען זעהר אָפט בעקומען קלעפּ פון אַנדערע חסידים, וועלכע האָבען זיי אָנגערופען „נאַכמאַנטשיקעס, בראַצלאַווער הינט״.

אויך אין פּוילען האָט זיך פערברייטעט דער חסידיזם מיט די גוטע אידען. די ערסטע וויכטיגע גוטע אידען אין יענער געגענד זיינען גע-ווען ר׳ ישראל קאָזעניצער און ר׳ יעקב יצחק לובלינער. נאָך זיי זיינען אויסגעוואַקסען נייע דינאַסטיעס. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען די קאָצקער דינאַסטיע (דער גרינדער פון דיזע איז געווען ר׳ מענדעל קאָצקער, 1821—1851), און די גערער (דער גרינדער—ר׳ איצע מאיר אַלטער (1830—1866). די פּוילישע רביים זיינען געווען זעהר עהנליך צו די רביים פון די חב״ד׳סקע חסידים. זיי האָבען געלעגט גרויס געוויכט אויף׳ן שטודיום פון תלמוד און האָבען ניט גענומען קיין פּדיונות ווי די אוקראַי-נער גוטע אידען.

דער חסידיזם האָט געהאַט אויך אייניגע מאַרטירער. אין דער צייט, ווען די צענזור האָט פערפאָלגט די אידישע ליטעראַטור, האָט זי געהאַט אַן אויג אויף סלאַוואוטער (סלאַוויטער) דרוק. די דרוקער זיינען דאַמאָלס געווען די ברידער ר׳ ישראל אבא און ר׳ פּנחס שאַפּיראַ, די איי-ניקלאָך פון בעל שם׳ס פערעהרער ר׳ פּנחס קאָרעצער. דיזע דרוקער האָט מען גע׳מסר׳ט, דאָס ביי זיי ווערען געדרוקט ניט קיין געצענזורירטע ספרים, וועלכע זיינען זעהר שעדליך. אין דער זעלבער צייט האָט מען געפונען אין דרוק אַ גע׳הרג׳עטען זעצער און די מוסרים האָבען אָנגעגע-בען, דאָס די דרוקער האָבען איהם גע׳הרג׳עט אום ער זאָל ניט אויסזאָ-גען וועגען די אונצענזורירטע ספרים, וואָס ווערען דאָרט געדרוקט. מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין געפענגנים אין קיעוו, אין וועלכער זיי זיי-נען געווען איינגעשפּאַרט אַ לאַנגע צייט. ענדליך איז אָנגעקומען פון ני-קאָלאַי דעם 1טען אַן אוקאַז, דאָס מען זאָל זיי טרייבען „סקוואָז סטראָי״ (דורך רייהעס סאָלדאַטען) און קנוטעווען מיט שפּיץ-ריטער, און נאָכדעם, אויב זיי וועלען בלייבען לעבען, זאָל מען זיי פערשיקען אין סיביר. אין דער צייט, וואָס מען האָט זיי געפיהרט „סקוואָז סטראָי״, איז ביי איינעם אַראָפּגעפאַלען זיין היטעל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעבויגען

און אָנגעטאָן די היטעל אום ער זאָל ניט געהן מיט אַן אָפּגעדעקטען קאָפּ, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די תלינים האָבען דערוויילי איהם געקנוטע-וועט מיט די שפּיץ־ריטער. ערסט אין דער צייט פון אלכסנדר דעם 2טען האָט מען דיזע אונגליקליכע מאַרטירער צוריקגעקעהרט פון סיביר.

דער חסידיזם האָט געהאַט פיעל ערהאַבענעס אידעאַליזם, אָבער די-זער אידעאַליזם איז געווען פערוואָלקענט מיט אַבערגלויבען און פאַנאַ-טיזם. דאָס איז אָפּילו געווען פיר די אונגליקליכע מאַסע אַ סאָרט אָפּיום, וואָס האָט זי פער׳שכור׳ט זי זאָל ניט פיהלען, אָדער וועניגער פיהלען די שרעקליכע ליידען און פערפאָלגונגען פון יענער ביטערער צייט; אָבער דיער אָפּיום האָט זיי ניט געלאָזען עפנען די אויגען אויף די בעוועגונג פון השכלה, וועלכע האָט אָנגעהויבען אויפמונטערן די אידען אין רוסלאַנד צו זוכען מיטלען זיך ביסלאַכוויז אַרויסרייסען פון דער אונגליקליכער לאַ-גע, אין וועלכער זיי האָבען זיך געפונען.

מערקווירדיג איז ,דאָס דער ערסטער רוף צו השכלה, איז געהערט געוואָרען גראַדע פון דער שטאָדט קרעמענעץ, אין וואָלהינער גובערניע, וועלכע איז געווען דער נעסט פון פאַנאַטיזם. אין דיזער שטאָדט האָט געלעבט דער גרינדער פון דער השכלה אין רוסלאַנד, ר׳ י צ ח ק ב ע ר ל ע ו ו י נ ז אָ ה ן (1788—1860). אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער אַ קורצע צייט פערבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון יוסף פּערל און נחמן קראָכמאַל אין גאַליציען. ער איז געקומען צוריק אין רוסלאַנד מיט אַ פעסטען ענטשלוס צו איבערגעבען זיך מיט לייב און זעעלע צו עפנען די אויגען פון די אידישע מאַסען אויף זייער צושטאַנד און אַרויספיהרען זיי פון זייער פינסטערער לאַגע דורך בילדונג (השכלה). אין שטילער איינ-זאַמקייט האָט ער פערפאַסט זיין ערסטען ווערק „תעודה בישראל״, וועלכעס ער האָט מיט גרויס מיה געדרוקט אין ווילנא אין 1838. אין די-זען ווערק בעווייזט ער: 1) דאָס אַ איד דאַרף קענען די העברעאישע שפּראַך גראַמאַטיקאַליש; 2) דאָס די אידישע תורה פערוועהרט ניט דעם אידען צו שטודירען אַנדערע שפּראַכען און איבערהויפּט די שפּראַך פון דעם לאַנד, וואו ער לעבט; 3) דאָס עס איז ניטאָ קיין שום סכנה פיר דאָס יודענטום צו לערנען אַנדערע וויסענשאַפטען; 4) דאָס עס איז נעטיג פיר אַ אי-דען צו לערנען אַ מלאכה אָדער ערד־אַרבייט אום צו קענען עקסיסטירען אויף דער וועלט. דאָס אַלעס איז געווען אַ גרויסע נייעס פיר די רוסישע אידען פון יענער צייט. פיעלע פון דער פרומער קלאַס האָבען עס גערע-כענט פיר אפּיקורסות, אָבער פיר די גוט־דענקענדע איז עס געווען אַ

בשורה טובה, אַ שטראַל פון האָפנונג צו פערבעסערן דעם ביטערן צושטאַנד פון די אידען אין רוסלאַנד. דער „תעודה בישראל" איז געשריבען גע־וואָרען זעהר פּאָרזיכטיג, די פרומע זאָלען ניט האָבען צו וואָס זיך צו טשעפּען. ער האָט געשריבען אַ סאַטירע אויף'ן חסידיזם מיט'ן טיטעל „דברי צדיקים", אָבער ער האָט זיין נאָמען ניט געגעבען אויף איהר. זיין ספר „בית יהודה", וועלכער איז אַ היסטאָרישער איבערבליק איבער'ן יודענטום, האָט ער לאַנג ניט געקענט אַרויסגעבען, ווייל זאָגאר די ווילנער מדפיסים האָבען מורא געהאַט איהם צו דרוקען אָהן הסכמות פון רבנים. ערסט אין 1839 איז איהם געלונגען דיזען ספר אַרויסצוגעבען. דער הויפּט־צוועק פון „בית יהודה" איז צו ציינען, דאָס אין אַלע צייטען פון זיין געשיכטע איז דאָס יודענטום ניט געווען געגען וועלטליכער בילדונג.

לעווינזאָהן האָט גוט פעעסטאַנען, דאָס מיט ליטעראַטור איז שווער צו ווירקען אויף די מאַסע, ווייל זי לעזט ווענינ אָדער גאָר ניט. ער האָט מעהר געגלויבט אין דער מעגליכקייט דורכצופיהרען אַ רעפאָרמע אין אי־דישען לעבען מיט דער הילף פון דער שטאַרקער האַנט פון דער רעגירונג. שוין אין 1823 האָט ער געשריבען צום צעסאַרעוויטש קאָנסטאַנטין פּאַוו־לאָוויטש אַ ביטע מיט אַ פּראָיעקט צו גרינדען אין רוסלאַנד פיר אידען בעזונדערע שולען און סעמינאַרען אום זיי בעקאַנט צו מאַכען מיט דער אייראָפּעאישער בילדונג. איידער ער האָט אַרויסגעלאָזען זיין „תעודה בישראל" האָט ער געשיקט דעם מאַנוסקריפּט צו מיניסטער פון בילדונג שישקאָוו מיט אַ ביטע ער זאָל איהם געבען שטיצע צו דרוקען דאָס ווערק, אין וועלכען ער ערקלערט די נויטווענדיגקייט פיר אידען זיך צו בילדען און זיין ערד־אַרבייטער, און לערנט זיי צו זיין טריי צום קסר און צום רוסישען פאָלק פיר די פיעלע ח ס ד י ם , וואָס זיי טוען מיט זיי. דאָס איז געשריבען געוואָרען גראַדע דאַמאָלס, ווען ניקאָלאַי האָט אַרויסגעגע־בען דעם טרויעריגען אוקאַז וועגען נעהמען אידישע יונגע קינדער פיר סאָל־דאַטען (1827). אין אַ יאָהר אַרום, ווען דאָס בוך איז שוין געווען גע־דרוקט, האָט לעווינזאָהן אויף ניקאָלאַי'ס בעפעהל ערהאַלטען אַ „בעלוי־נונג" פון טויזענד רובעל פיר „די פערפאַסונג, וועלכע האָט אַלס צוועק די מאָראַלע רעפאָרמירונג פון די אידען". אין 1831 האָט ער זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע צו ענדערן דאָס אידישע רעליגיעזע לעבען, און ניט ערלויבען צו דרוקען אייניגע אידישע שעדליכע ביכער (1833). דערמיט איז געווען געמיינט דעם חסידיזם מיט זיין ליטעראַטור. דערפון איז אַרוים דער אוקאַז וועגען צענזורירען אַלע אידישע ספרים, וועלכע האָט

פערשאַפֿט זעהר פיעל צרות די אידען. זיין כוונה איז אַפילו געווען גוט — אַריינצובריינגען השכלה צווישען אידען, אָבער ער איז געווען צו נאַאיוו צו גלויבען, דאָס די רוסישע רעגירונג מיינט באמת די טובה פון אידען, און ער האָט ניט פערשטאַנען, דאָס די אידען וועלען ניט וועלען הערען פון בילדונג פון א רעגירונג, וואָס טרייבט זייערע קינדער צום שמד. לע-ווינזאָהן האָט ליב געהאַט אַפֿט צו דערמאָהנען אין זיינע ווערק ווי די רוסישע רעגירונג איז פריינדליך צו איהם און שטיצט איהם, און דאָס האָט איהם פיעל געשאַדט צו זיין פּאָפּולער צווישען די אָרטהאָדאָקסישע אידען. אָבער זיי האָבען אויך געוואוסט צו שעצען זיינע קענטניסען און זיין וואונש צו פערענטפערן די יידען געגען די בעשולדיגונגען, וואָס די קריסטליכע שונאים פלעגען מאַכען געגען זיי. ווען די בלוט־בלבולים האָבען פערװאָמערט דאָס אידישע לעבען אין רוסלאַנד האָבען זיך פיעלע רבנים געווענדט צו איהם ער זאָל אויפשרייבען א בוך צו בעווייזען דעם שקר פון דיזער העסליכער און געפעהרליכער בעשולדיגונג. דאַמאָלס האָט ער געשריבען זיין בוך „אפס דמים" (1837), אין וועלכען ער האָט בע-וויזען די פאַלשקייט פון דיזען בלבול. אין יאָהר 1839 האָט א לאַנדאָ-נער מיסיאָנער, מ'קאַל, אַרויסגעגעבען א בוך „נתיבות עולם", אין וועל-כען ער האָט שטאַרק אַטאַקירט דעם „תלמוד". דאַמאָלס האָט לעווינ-זאָהן אָנגעשריבען זיין בוך „זרובבל", אין וועלכען ער פערטיידיגט דעם תלמוד געגען זיינע בעשולדיגער. דיזע בעריהמטע ווערק האָט א ווירקלי-כען וויסענשאַפֿטליכען ווערט. אויסער דעם האָט ער אויך פערפאַסט איי-ניגע העברעאישע פילאָלאָגישע ווערק („בית האוצר", „תולדות שם"). דאָס אַלעס גיט איהם דאָס רעכט בעטראַכט צו ווערען אַלס גרינדער פון דער אידישער השכלה אין רוסלאַנד; ער קען אָבער פיר קיין פאַל ניט געשטעלט ווערען אין איין רייהע מיט די גרויסע גאַליצישע און דייטשע אי-דישע געלעהרטע, ווי ראַפּאָפּאָרט, צונץ, גייגער. לעווינזאָהן האָט געפיהרט א זעהר אונגליקליכעס לעבען. ער איז זיין גאַנצען לעבען געווען א קרענק-ליכער מענש, קיין קוועלע צו פּרנסה האָט ער ניט געהאַט און האָט גע-צוואונגען זיין חיונה נאָר פון דער קליינער שטיצע, וואָס די רוסישע רעגירונג פלעגט איהם אָפטמאָל געבען, און פון נדבות, וואָס אידישע גבירים פלע-גען איהם צייטענווייז צושיקען.

אין וואָלהין, וואו דער חסידיזם האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען, האָט די השכלה קיין ערפאָלג ניט געקענט האָבען. דאָרט איז געווען פערפאָלגט יעדער, וואָס האָט געוואַגט אַריינצוקוקען אין א השכלה־ביכעל.

מעהר ערפאָלג האָט זי געהאַט אין אָדעס און אין ווילנא. אין אָדעס האָבען די בראָדער אידען אַריינגעבראַכט בילדונג. שוין אין 1826 האָבען זיי דאָרט געגרינדעט אַ שול פיר אַלגעמיינע בילדונג, ווי אויך פיר העברעאיש. די הויפּט־גרינדער זיינען דאָרט געווען ר׳ ב צ ל א ל ש ט ע ר ן און דער היסטאָריקער און פאָרשער ר׳ ש מ ח ה פ י נ ס ק ע ר. אָבער דאָרט האָט די השכלה ניט געשלאָגען קיין טיעפע וואָרצלען. זי איז דאָרט ניט געגאַנגען ווייטער פון דער אויסערליכער ציוויליזאַציאָן. גאַנץ אַנדערס איז עס געווען אין דעם צענטער פון ליטא — ווילנא. דאָרט האָבען זיך אין די ערסטע צייטען פון דער השכלה בעוויזען צוויי שעפער פון דעם נייעם העברעאישען סטיל: דער פּראָזאַאיקער מ ר ד כ י א ה ר ן ג י נ צ ב ו ר ג (1848—1796) און דער פּאָעט א ב ר ה ם ב ע ר ל ע ב ע נ ז אָ ה ן (1878—1794).

גינצבורג איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטעדטעל סאַלאַנט. אין דער יוגענד האָט ער זיך בעזעצט אין קורלאַנד. דאָרט איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט דער דייטשער ליטעראַטור און האָט אָנגעהויבען איבערזעצען פון איהר אין העברעאיש אין אַ שענעם סטיל ניצליכע ווערק. זיין איבערזעצונג פון קאַמפּע׳ס „ענטדעקונג פון אַמעריקאַ" („גלות ארץ החדשה") און זיינע בעאַרבייטונגען פון דער געשיכטע פון דעם קריג פון 13—1812 („הצרפתים ברוסיא", „פי החרות") זיינען געווען די ערסטע פּראָבעם פון וועלטליכער ליטעראַטור אין אַ שענעם העברעאישען סטיל. די איבריגע ווערק זיינע: „דביר", אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען, רייזע־בעשרייבונגען, אַפּאָריזמען, מעהרסטענס איבערזעצטע, און „קרית ספר", אַ בריפענשטעלער אין אַ זעהר שענער, אָנציהענדער שפּראַך, האָבען איהם פערשאַפט אַ נאָמען פון אַ גוטען סטיליסט. ער איז געשטאָרבען צו 50 יאָהר, און די ווילנער צשכילים האָבען שטאַרק בעדויערט זיין פריהצייטיגען טויט. זיין אויטאָביאָגראַפיע „אביעזר" און זיין קאָרעספּאָנדענץ („דביר" 2טען טייל), וועלכע זיינען ערשינען נאָך זיין טויט, שילדערען דעם קרייז, אין וועלכען דיזער שריפטשטעלער איז אויפגעוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט.

לעבענזאָן איז געבאָרען געוואָרען אין ווילנא. זיינע פּאָעטישע ווערק „שירי שפת קודש", ענטהאַלטען אין זיך אָדען (לויב־געזאַנגען) אויף פערשיידענע צופעלען אין לעבען, ווי אויך פילאָזאָפיש־לירישע לידער, ווי „החמלה" וועגען דיליידען אין דער וועלט, „המתאונן והמשורר", דער פעסימיסט און דער אָפּטימיסט, „דל מבין", די מעלות פון רייכטום

און אָרימקייט, האָבען צופרידענגעשטעלט דעם געשמאַק פון יענער צייט. דער שיר „אנחת בית ציון" האַרמאָנירט ניט מיט זיין שיר „אויף די קרוי-נונג פון ניקאָלאַי דעם 1טען". צוליב דער צענזור האָט ער געמאַכט אַ שטיקעל הקדמה צום שיר „אנחת בית ציון", אַז דאָס געהט נאָר אויף „ימי הבינים", דעם מיטעלאַלטער, אָבער אין ניקאָלאַי'ס צייטען לעבען די אידען גליקליך אין רוסלאַנד.

צום קרייז פון די ווילנער האָבען זיך אויך גערעכענט די היסטאָרי-קער ש מ ו א ל י ו ס ף פ י ן, דער תלמודיסט מ ת ת י ה ו ס ט ר א ש ו ן, דער צענזאָר ו ו א ל ף ט וג ע נ ה א ל ד, דער ביבליאָגראַף י צ ח ק א י י ז י ק ב ן י ע ק ב. דאָס זיינען גע-ווען די ראַדיקאַלען פון יענער צייט, ווען אַ ריח פון בילדונג איז געווען אַ פערברעכען, ווען שרייבען גוט העברעאיש איז געווען אפיקורסות. די-זער הייפעל משכילים האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען אין ווילנא אַ זשורנאַל פון חכמת ישראל מיט'ן נאָמען: „פרחי צפון"". דיזער זשורנאַל איז אפילו געווען ווייט פון חכמת ישראל, אָבער אַלס אָנפאַנג איז ער געווען אַ גוטע זאַך. ליידער האָט ער געהאַט אַ קורצע עקסיסטענץ. די רוסישע צענזור האָט אויסגעפונען, דאָס אויף אַזאַ אונטערנעהמונג מוז מען האָבען אַן ערלויבנים פון פעטערבורג, און דאָס האָבען די גרינדער ניט געקענט קריגען.

די העברעאישע שפּראַך אין דער ערסטער צייט פון השכלה אין רוס-לאַנד איז געווען זעהר שוואַך ענטוויקעלט, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון מענדעלסאָן'ען, מיט דעם אונטערשייד, דאָס דאַמאַלס איז דאָס ביסעל העברעאיש דערטרונקען געוואָרען אין דעם שטראָם פון אַסי-מילאַציאָן און אין רוסלאַנד איז די העברעאישע שפּראַך געווען אַן אָנ-פאַנג פון דער ענטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַל-געפיהל און דער נאַציאָנאַל-ליטעראַטור ביז זי האָט אָנגעהויבען ווערען אַ לעבעדיגע שפּראַך.

אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט געהערשט דאַמאַלס אַ פיינדליכע בעציהונג צו אידען. די גרעסטע און בעסטע שרייבער האָבען פאָרגע-שטעלט דעם אידען אין זייערע ווערק אַלס אַ ווילדע חיה, וואָס איז ניט ווערט גערעכענט צו ווערען אַלס מענש. פּושקין, גאָגאָל, טורגעניעוו, טשע-כאָוו — דיזע אַלע האָבען געשילדערט דעם אידען אַלס אַ נידריגע בעשע-פענים, וואָס פערדינט ניט אַריינצוקומען איין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

ה. קליינע אידישע צענטערן אין אייראָפּא און אויסער אייראָפּא.

די אידען אין פראַנקרייך. נאָך דעם וויענער קאָנגרעס, ווען די פראַנצויזען זיינען געבליבען הערשער נאָר אין זייער לאַנד, האָבען זיך אין פראַנקרייך געפונען ניט מעהר פון 60 מויענד אידען. די רעאַקציאָן האָט דאָרט ניט געהאַט די מאַכט, וואָס זי האָט ערוואָרבען אין אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. פראַנקרייך איז אַפילו צוריק געוואָרען אַ מאָנאַרכיע, אָבער די מאַכט פון די הערשער איז געווען בעשרענקט דורך אַ קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט זיי ניט ערלויבט צו פערקלענערן די רעכטען פון פאָלק און אויך די רעכטען פון די אידען. ווען קאַרל דער 10טער האָט געוואָלט צוריקנעהמען די רעכטען פון פאָלק האָט ער פערלאָרען דעם טראָן.

אין דער קאָנסטיטוציאָן פון לודוויג דעם 18טען איז געווען אַ פונקט, דאָס נאָר די קריסטליכע רעליגיאָן איז די הערשענדע, און נאָר די דינער פון דער קאַטוילישער קירכע בעקומען זייער געהאַלט פון דער רעגירונגס־קאַסע. דיזעס געזעץ איז געווען אַ ווידערשפּרוך געגען דעם אַלגעמיינעם געזעץ אין דער זעלבער קאָנסטיטוציאָן, וועלכע שטעלט אַלע רעליגיאָנען גלייך אין פראַנקרייך. אויסער דעם האָבען די פראַנצויישע אידען געהאַט אויף זיך אַן אַנדער צרה: דער שענדליכער דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן'ען, דאָס די אידען אין עלזאַס זאָלען ערסט אין אָנפאַנג פון 1818 בערעכטיגט ווערען צו גלייכע רעכטען, ווען זיי וועלען ווערט זיין, איז געהאַנגען ווי אַ שווערד איבער זייערע קעפּ. די אידישע שונאים האָבען שוין אָנגעהויבען צו פּויקען אין די צייטונגען, דאָס די עלזאַסער אידען זיינען נאָך אַלץ ניט ווערט צו האָבען גלייכע רעכטען, ווייל זיי זיינען נאָך אויך יעצט וואָכערניקעס, וואָס רייסען שרעקליכע פּראָצענט פון די, וואָס לייהען געלט פון זיי, און זיי רואינירען די פּויערים און די קריסטען אין אַלגעמיין. אין אָנפאַנג פון 1818 איז די פראַגע פון די עלזאַסער אידען אויפגענומען געוואָרען פון די געזעצגעבענדע הייזער. דער מיטגליד פון דעם געזעצגעבענדען הויז, גראַף לאַנזשואינע, האָט זיך אויסגעשפּראָכען, דאָס דיער דעקרעט איז געגען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דער קאָנסטיטוציאָן, דאָס אַלע בירגער זיינען גלייך, און דעריבער מוז דיזער דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן'ען אָפּגעשאַפט ווערען. דאָס געזעץ בעשטראָפט יעדען, וואָס נעהמט צו גרויסע פּראָצענטען, און דאָס איז גענוג. עס איז אַן אונרעכט צו בעשטראָפען אַ גאַנצען כלל צוליב די זינד פון איינינגע

יחידים. דאס הויז פון פערען (דאס אויבער־הויז) האט איינגעשטימט מיט'ן גראף'ס ארגומענט. אבער ווען די פראגע איז פארגעקומען אין דעם הויז פון די דעפוטאטען, האבען זיי בעשלאסען איבערגעבען זי צו די מיניסטארען פון יוסטיץ און אינערן. דעם 9טען מערץ איז די פראגע ווידער פארגעקומען אין דעם הויז פון די פערען צוליב א פעטיציאן, וואס איז אריינגעבראכט געווארען פון א מעיר פון דער פראווינץ וועגען דיזען גענענשטאנד. אבער דאס הויז האט בעשלאסען, דאס די פעטיציאן זאל פערווארפען ווערען, וויל קלאגען געגען אזעלכע אונגערעכטיגקייטען פון איינצעלנע מענשען געהערען צו געריכטס־הייזער, אבער ניט צו א געזעצגעבענדער מאכט. און אזוי איז דער שענדליכער דעקרעט פון פון נאפאלעאן'ען, וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען אויף צעהן יאהר און האט זיך געענדיגט דעם 17טען מערץ 1818, ניט אנגענומען געווארען אויף ווייטער און די עלזאסער אידען האבען בעקומען לויט דער קאנסטיטוציאן גלייכע רעכטען.

מיט 12 יאהר שפעטער (נאך דער יולי רעוואלוציאן), דעם 7טען אויגוסט 1830, האט דאס הויז פון די דעפוטאטען בעשלאסען אפשאפען פון דער קאנסטיטוציאן דעם פונקט, לויט וועלכען די קאטאלישע רעליגיאן דארף זיין די הערשענדע. דיזע ענדערונג האט געגעבען די מעגליכקייט דער ליבעראלער רעגירונג פון לואי פיליפ, גלייכשטעלען די אידישע רבנים מיט אלע אנדערע גייסטליכע, דאס זיי, די רבנים, זאלען אויך בעקומען זייער געהאלט פון דער רעגירונגס־קאסע. דעם 13טען נאוועמבער 1830 איז דער מיניסטער פון פאלקס־בילדונג ארויסגעטרעטען מיט א רעדע אין הויז פון די דעפוטאטען, מען זאל אפשאפען דעם ווידערשפרוך אין דער קאנסטיטוציאן, וועלכע פאדערט אין איין פונקט, דאס אלע רעליגיאנען אין פראנקרייך זאלען זיין גלייך געשיצט, און אין אן אנדערען פונקט גיט זי דאס רעכט נאר צו גייסטליכע פון קריסטליכע רעליגיאנען צו בעקומען זייער געהאלט פון דער רעגירונגס־קאסע. ער האט מיט דער רעדע געווירקט אויף דאס הויז צו בעשליסען, דאס אויך די רבנים און אנדערע בעאמטע פון סינאגאגען זאלען פון 1טען יאנואר 1831 בע-קומען זייערע געהאלטען פון דער רעגירונגס־קאסע. עס האט נאר געפעהלט, אז דאס העכערע הויז זאל געבען זיין הסכמה דערצו. דער 1טען פעברואר 1831 זיינען פארגעקומען דעבאטען וועגען דעם אין דעם הויז פון די פערען און עס איז אנגענומען געווארען דער בעשלוס, דאס די אי-

דישע רעליגיאן איז גלייכגעשטעלט מיט דער קריסטליכער און דאס די רבנים זאלען אויך בעקומען זייער געהאלט פון דער רעגירונגס־קאסע.

דיזער זיג האט צוגעגעבען די פראנצויזישע אידען גרויסען מוט. זיי האבען בעשלאסען טאן אלעס מעגליכעס אויסצואווירקען גלייכע רעכטען פיר די אידען אויך אין אנדערע לענדער, אין וועלכע די פראנצויזישע ציוויליזאציאן קען האבען אן איינפלוס. דער הויפט־בעוועגער אין דיזער זאך איז געווען דער בעריהמטער אידישער אדוואקאט יצחק קרעמיע (1880—1796)). ער איז געווען דער זוהן פון א אידישען קויפמאן פון די ספרדים אין נים. ער האט געענדיגט דעם יוריסטישען פאקולטעט און האט זיך באלד אויסגעצייכענט אלס א בעריהמטער אדוואקאט. ער האט מיט זיינע פייערדיגע רעדעס אפגעשאפט דעם שענדליכען נוסח פון דער אידישער שבועה. ווען אין פראנקרייך איז צוריק איינגעפיהרט געווארען א מאנארכיע איז ער געווען א שטארקער אנהענגער פון דער ארלעאנישער דינאסטיע, און דער קעניג לואי פיליפ איז געווען זיינער א גוטער פריינד. ער האט דורכגעפיהרט דעם פלאן, דאס די אידישע גייסטליכע זאלען בעקומען געהאלט פון דער רעגירונגס־קאסע צוגלייך מיט די בעאמטע פון אנדערע רעליגיאנען. ער איז באלד ערוועהלט געווארען אלס וויצע־פרעזידענט פון אידישען קאנסיסטאריום.

אין יאהר 1835 האט די רעגירונג פון באזעלער קאנטאן אין דער שווייץ ענטזאגט א אידען פון פראנקרייך זיך בעזעצען און ערווערבען ערד־אייגענטום אין דיזען קאנטאן. קרעמיע האט בעוויזען דער פראנצויזישער רעגירונג, ווי די גרויס די בעליידיגונג איז פיר די עהרע פון פראנקרייך, וועלכע גיט אלע רעכטען צו שווייצערישע אונטערטאנען אהן אונטערשייד פון רעליגיאן. דער רעזולטאט איז געווען, דאס פראנקרייך האט אפגעבראכען אלע איהרע בעציהונגען מיט דער שווייץ. אין 1842 איז קרעמיע ערוועהלט געווארען אלס דעפוטאט פון דער פראנצויזישער קאמער און איז געווארען איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער. קורץ פאר דעם איז ער געווארען בעריהמט אלס פערטיידיגער פון יודענטום דורך זיין מוטיגע אויפטרעטונג געגען דעם בלוט־בלבול אין דמשק.

אבער ביי אלעס דעם זיינען די אידען אין פראנקרייך ניט געווען וואס זיי האבען געקענט און געדארפט זיין. דאס יודענטום איז געשטאנען דארט אויף א זעהר נידריגער מדרגה. די קאנסיסטאריעס זיינען ניט געווען קיין עכטע רעליגיעזע אנשטאלטען, נאר רעגירונגס־אנשטאלטען. אין פראנקרייך זיינען אין דיזער צייט געווען זיבען קאנסיסטאריעס אין

די זיבען סינאַגאָגאַלע קרייזען (פּאַריז, שטראַסבורג, קאָלמאַר, מעטץ, נאַנסי, באָרדאָ, מאַרסעיל), איבער וועלכע עס האָט געהערשט די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז. די וועלטליכע מיטגלידער פון די קאָנסיסטאָריעס, וועלכע זיינען געוועהלט געוואָרען דורך אַ קליינע גרופּע הויכע פּערזאָנען, האָבען ניט פאָרגעשטעלט די אינטערעסען פון דער מאַסע פון פאָלק, און די גייסטיגע מיטגלידער, די רבנים, זיינען געוועזען אָפּהענגיג פון דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע, וועלכע האָט זיי בעשטעטיגט אין זייערע עמטער, און זיינען אַלזאָ געוועזען אונטערוואָרפענע פּערזאָנען. די פראַנצויזישע אידען אָבער האָבען זיך אויסגעצייכענט וועלטליך: צוויישען זיי זיינען געוועזען זעהר גוטע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען דערגרייכט הויכע שטופען. אַזוי צ. ב. קרעמיע איז שפּעטער געוואָרען מיניסטער. עס זיינען אויך געוועזען אידישע אָפיצערען אין דער אַרמעע. אויף׳ן געביט פון קונסט זיינען דאַמאָלס אַרויסגעטראָטען 3 שטערן פון דער ערסטער גרויסקייט: ה אַ ל ע ו ו י (הלוי) און מ ע י ע ר ב ע ע ר, וועלכע זיינען דאַמאָלס געוועזען די גרעסטע מוזיקער אין דער וועלט, און ר אַ ש ע ל — די גרעסטע אַקטריסע. די אָפּעראַס פון דיזע צוויי קאָמפּאָזיטאָרען די „יידין“ (1835) און די „הוגענאָטען“ (1836) זיינען מיט גרוים ערפאָלג געשפּילט געוואָרען אין די גרעסטע אייראָפּעאישע אָפּעראַ־הייזער. עליזא ראַשעל פעליקס (1821—1858) איז געבליבען אַ קלאַסישער מוסטער פון דראַמאַטישער קונסט.

אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבען די אידען וועניגער גרויסקייט אַרויסגעצייגט. זיי האָבען ניט געהאַט קיין היינע, קיין באָרנע. דער איינציגער, וואָס האָט גרויסע פערדינסטען אַלס אָריגינעלער אידישער דענקער, איז געוועזען י אָ ז ע ף ס אַ ל ו ו אַ ד אָ ר (1796—1873). זיין פאָטער איז געוועזען אַ איד און זיין מוטער אַ קאַטאָליקין. ער האָט געענדיגט די אוניווערזיטעט אַלס אַרצט, אָבער ער האָט זיך ניט בעשעפטיגט מיט מעדיצין, נאָר ער האָט זיך איבערגעגעבען צו שטודירען די אידישע געשיכטע. ער איז געוועזען איבערצייגט, אַז דאָס יודענטום וועט זיין מיט דער צייט די רעליגיאָן פון דער גאַנצער מענשהייט. אין זיין בעריהמטען ווערק „די מאָזאַאישע אינסטיטוציאָנען“ בעווייזט ער, דאָס משה רבינו איז געוועזען אַ ראַציאָנאַליסט, ער האָט געשאַפען געזעצען, וואָס שטימען מיט׳ן שכל. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס ער האָט פאַרגעשריבען אין דער תורה, איז די בעסטע וואָס עס קען זיין. ער איז דער גרינדער פון דער ערסטער רעפּובליק, וואָס איז בעקאַנט אין דער געשיכטע,

נאָר דאָס קריכטענטום האָט פערקריפּעלט זיין היילינע לעהרע. דאָס בוך האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען שטורם אין פראַנקרייך צווישען די קאַטאָלי־שע גייסטליכע און אין דער פרעסע. מעהר פון אַלץ האָט אויפגערייצט די קלעריקאַלען דער קאַפּיטעל אין סאַלוואַדאָר׳ס בוך, אין וועלכען ער ווייזט אויף, דאָס יעזוס׳עס משפט אין ירושלים, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט זיין פערוראורטיילונג, איז געוועזען געזעצליך לויט דעם דין פון דער תורה (דברים י״ח). אין זיין צווייטען ווערק „יעזוס און זיין לעהרע״ בעווייזט ער, דאָס יעזוס איז געוועזען אַ פריידענקענדער איד. אין דיזען ווערק ער־

מעיערבעער.

קלערט ער, דאָס די אידישע אידעע פון אַ משיח איז ניט, ווי די קריסטען ערקלערען עס, דאָס אַ געטליכעם וועזען דאַרף קומען צו רעטען די מענש־הייט פון דעם חטא פון אדם הראשון, נאָר עס איז די אידעע פון פּראָ־גרעס, דאָס עס וועט זיין אַ צייט, ווען די מענשהייט וועט ווערען הויך געזיטעט. דאָס איז דער אידישער מעסיאַניזם. אין זיין דריטען ווערק: „די געשיכטע פון דער רוימישער הערשאַפט אין יהודה און חרבן ירושלים״ (2 בענדער) שילדערט ער די לאַגע פון די אידען אונטער דער הער־

שאַפט פון די רוימער און די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם אידישען חורבן, איינפאַך היסטאָריש אָהן טענדענצען און צופאַרבונגען. אַ צווייטער גרויסער אידישער דענקער אין פראַנקרייך איז געוועהן אַ ד אָ ל ף פ ר אַ נ ק (1809—1893), פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין סאָרבאָננע. זיין ווערק „די קבלה אָדער אידישע רעליגיעזע פילאָזאָפיע" איז געוועהן די ערסטע פּראָבע פון אַ וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג פון דעם אידישען מיסטיציזם.

אין יענער צייט האָט אָנגעפאַנגען זיין געלעהרטע טעטיגקייט דער אָריענטאַליסט ש ל מ ה מ ו נ ק (1803—1867), אַן עמיגראַנט פון דייטשלאַנד, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין פּאַריז, וואו ער האָט פערנומען די שטעלע פון אַ ביבליאָטהעקער אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק. מונק האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ ווערק איבער די געשיכטע פון פּאַלעסטינאַ (1845) און האָט געענדיגט זיין געלעהרטע טעטיגקייט מיט דער אַרויסגאַבע פון דעם אַראַבישען אָריגינאַל פון דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם (1856). פון דיזער שווערער אַרבייט איז ער בלינד געוואָרען.

די אידישע רעליגיאָנס-רעפאָרמע האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט אין פראַנקרייך. די אָרטהאָדאָקסען אין עלזאַס האָבען ניט געוואָלט קיין רעפאָרמען און די אַסימילאַטאָרען האָבען זיי ניט געדאַרפט. ווייל זייער שטרעבען איז געוועהן שמד. איינער פון די משומדים פון דער בעריהמטער משפחה ס ע ר ף - ב ע ר האָט פערזיכערט עפענטליך, דאָס פיעלע אינטעליגענטע אידען האָבען שוין אָוועקגעוואָרפען דאָס יודענטום. עס איז אָבער אויך געוועהן אַ קליינע צאָהל אינטעליגענט אידען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צו זייער נאַציאָן און צו דעם גלויבען פון זייערע עלטערן. אין 1840 האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען דער זשורנאַל „אַרשיוו איזראַעליט", און מיט 4 יאָהר שפּעטער נאָך אַ זשורנאַל „אוניווערז איזראַעליט". איינער פון די רעדאַקטאָרען האָט זיך געוואונדערט, דאָס די פרייהייט האָט געטאָן פיר דאָס יודענטום אַזעלכעס, וואָס די אַלע פערפאָלגונגען האָבען ניט געקענט טאָן. דער וואונש צו בעהאַלטען די אידישקייט און צייגען זיך פאַר דער וועלט אַלס קריסט איז געוועהן דאַמאַלס אַזוי גרויס אין פראַנקרייך, דאָס אידען, וואָס האָבען זיך אַבאָנירט אויף אידישע זשורנאַלען, האָבען געבעטען מען זאָל זיי שיקען די זשורנאַלען אין פערמאַכטע קאָנווערטען אום די טיר-היטער זאָלען ניט וויסען, דאָס זיי זיינען אידען. אין גרונד גענומען איז עס קיין וואונדער ניט. ניט אַכטענדיג אויף די פרייהייט,

וואָס האָט געהערשט אין פראַנקרייך, איז די קריסטליכע געזעלשאַפט אין פראַנקרייך געווען זעהר פיינדליך צו אידען.

די אידען אין האָללאַנד און איטאַליען. די רעאַקציאָן, וואָס האָט פערכאַפּט איירָאָפּאַ נאָך דעם שטורץ פון נאַפּאָלעאָן'ען, האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף די אידישע לאַגע אין האָללאַנד. די קאָנסטיטוציאָן פון 1814 האָט קיין ענדערונג ניט געמאַכט אין דעם לעבען פון די אידען און אין זייערע רעכטען. אין געגענטייל, די אידישע געמיינדעס האָבען בעקומען מעהר פרייהייט, די אַלטע אויטאָנאָמיע איז צוריקגעשטעלט געוואָרען, נאַפּאָלעאָן'ס קאָנסיסטאָריעס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען. די האָללענדישע אידישע געמיינדעס האָבען זיך געלעבט רוהיג, זיי האָבען ניט געליטען פון דער אַלגעמיינער רעאַקציאָן און ניט פון דער רעפאָרם-בעוועגונג.

גאַנץ אַנדערס איז געשעהען מיט איטאַליען. דאָ האָט זיך די רעאַקציאָן פעראייניגט מיט דער קירכע און האָט געגעבען אַ טויט-קלאַפּ דער אידישער פרייהייט און געזוכט זי מיט'ן וואָרצעל אַרויסצורייסען. מען האָט די אידען אָנגעהויבען אַרויסטרייבען פון די גאַסען, אין וועלכע זיי האָבען זיך בעזעצט אין דער קורצער צייט פון זייער פרייהייט, מען האָט זיי פעריאָגט צוריק אין געטאָ. פיעלע אידישע מאַגאַזינען זיינען רואינירט געוואָרען און האָבען באַנקראָטירט. די אידישע סטודענטען זיינען פון אוניווערזיטעטע אַרויסגעטריבען געוואָרען. דער פּאַפּסט לעאָ דער 12טער (1823—1829) האָט פערוועהרט אידען צו האַלטען קריסטליכע דינערשאַפט. צו אַלעם דעם האָט דיזער פּאַפּסט געצוואונגען די אידען פון געטאָ אין רוים צו קומען פינף מאָהל אַ יאָהר אין די קירכעס. אַנדזשעלאָ צו הערען די רעדעס פון דעם גייסטליכען, וועלכער האָט ערנידריגט די אידישע רעליגיאָן און געלויבט די קאַטאָלישע. די אַלטע שענדליכע פעראָרדנונג, דאָס די פּאָרשטעהער פון געטאָ זאָלען אין קאַרנעוואַל-צייט די רוימישע בעאַמטע בריינגען מתנות און דערביי זיין אָנגעטאָן ווי פּאַיאַצען, איז געוואָרען בענייט נאָך פּאַר פּיאוס דעם 7טען; פּאַר לעאָ דעם 12טען איז דיזע שענדליכע צערעמאָניע פערלייכטערט געוואָרען מיט דער ערלויבנים צו בריינגען די מתנות אין געוועהנליכע קליידער. צו ענדע פון זיין לעבען האָט דער פערטרעטער פון דעם הייליגען פּעטרוס אַרויסגעגעבען צוויי גרויזאַמע דעקרעטען. ער האָט פעראָרדענט מען זאָל שטרענג אויפּפּאַסען אויף די בעוועגונגען פון די אידען איבער דעם גאַנצען קירכען-געביט. אויף די קלענסטע אָפּטרעטונג פון

אַן אָרט האָט זיך געפאָדערט אַן ערלויבנים פון די בעאַמטע; פאַר'ן אָפּפאַהרען ערגעץ האָט מען זיך געמוזט מעלדען צום „עפּיסקאָפּ־אינקוויזיטאָר" אָדער וויקאַר. דער אַנדער דעקרעט האָט פערפליכטעט אַלע אידען, וועלכע האָבען געהאַט אייגענטום אין דעם געטאָ, צו פערקויפען עס צו קריסטען אין צייט פון 5 יאָהר (אָנפאַנגענדיג פון יאַנואַר 1828) ניט פיקטיווע (אויף צופּלייסען), נאָר אויף אַן אמת, אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקאַציאָן נאָך דעם, ווי די 5 יאָהר וועלען אָפּלויפען.

אין 1831 איז גרעגאָריוס דער 16טער ערוועהלט געוואָרען אַלס פּאַפּסט. דאָס פאָלק איז געווען זעהר אונצופרידען פון דעם דרוק פון די קלעריקאַלען אין רוימישען רייך און האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אָבער דאָס עסטרייכישע מיליטער האָט דעם אויפשטאַנד באַלד דערשטיקט. די אידישע געמיינדע אין רוים האָט געשיקט אַ פּעטיציאָן צום פּאַפּסט בעטען גלייכע רעכטען. דער פּאַפּסט האָט געדאַנקט די אידען דערפאַר, וואָס זיי האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאַנד, אָבער זייער פערלאַנג האָט ער ניט נאָכגעגעבען, ווייל ער קען גאָר ניט טאָן געגען די געזעצען פון די הייליגע אַפּאָסטאָלען. נאָר ווען ער האָט בעדאַרפט מאכען אַ הלואה פון די פּאַריזער ראָטשילדס, און דיזע האָבען איהם געבעטען נאָכצוגעבען דעם וואונש פון די רוימישע אידען, האָט ער געמאַכט פיר זיי איינינגע ערלייכטערונגען.

ווען עס איז אַרויף אויף'ן פּאַפּסטליכען טראָן פּיאוס דער 9טער (1846—1878) האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ פרייער ווינט. דיזער פּאַפּסט האָט געאָרדענט, דאָס מען זאָל צוואוואַרפען די מויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם געטאָ פון דעם צענטער פון שטאָדט. דער פּעבעל האָט געוואָלט מאַכען אַ פּאָגראָם, אָבער צום גליק האָט זיך געפונען אַ מאַן פון פאָלק, טשיטשערוואַקאָ, וועלכער איז געווען זעהר בעליבט ביי דער מאַסע, און האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג, אין וועלכע ער האָט אויפגעפאָדערט די קריסטען צו מאַכען שלום מיט די אידען און געהן מיט זיי האַנט אין האַנט פיר די בעפרייאונג פון זייער פאָטערלאַנד. זיין רעדע האָט אַזוי געווירקט, דאָס אָנשטאָט אָנצופאַלען אויף די אידען זיינען די קריסטען פון דער מאַסע אריין אין געטאָ און האָבען זיך געקוסט מיט די אידען און זיי גערופען „ברידער", „פריינד", „מיטבירגער". אויך די פרעסע האָט אָנגעהויבען פאָדערן מען זאָל אידען געבען גלייכע רעכטען, מען זאָל זיי צולאָזען צום פּאַרלאַמענט, צו דער פאָלקס־גווארדיע. דער מאַרקיז ד'אַזעליאָ איז אַרויס מיט אַ בראָשורע (1847),



ראַשעל פעליקס.

אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט דעם פּאַפּסט פּיאוס דעם 9טען ער זאָל געבען אידען גלייכע רעכטען, ווייל די אויפלעבונג פון די אידען איז שטאַרק פערבונדען מיט דער אויפלעבונג פון איטאַליען. אין יאַנואַר 1848 האָט דער פּאַפּסט פערשפּראָכען דער אידישער דעפּוטאַציאָן, דאָס אין גי-כען וועלען אַלע אידען בעקומען גלייכע רעכטען.

אויך אין פּיעמאָנטע האָבען די אידען פערלאָרען זייערע רעכטען, באַלד ווי די רעאַקציאָן נאָך נאַפּאָלעאָן'ס אונטערגאַנג האָט אריינגעטראָ-טען. דער קעניג פון דער סאַרדינישער דינאַסטיע וויקטאָר עמאַנועל דער 1טער האָט געאָרדענט אין 1814, דאָס די אידען זאָלען פערקויפען זייע-רע אונבעוועגליכע גיטער (הייזער און פעלדער), וועלכע זיי האָבען ער-וואָרבען אין דער צייט פון זייער עמאַנציפּאַציאָן. די רעגירונג פון פּיע-מאָנטע האָט פערוועהרט אידען צו האָבען וועלכע עס איז צוזאַמענקונפט מיט קריסטען, אויך האַלטען קריסטליכע בעדינטע. די אידישע יוגענד האָט מען ניט צוגעלאָזען צו קיין קריסטליכער בילדונגס-אַנשטאַלט, זיי זאָלען ניט האָבען אַ שלעכטען איינפלוס אויף די קריסטליכע שילער אָדער סטודענ-טען. זי האָט געצוואונגען די עלטערן פון משומדים צו געבען ירושה צו זייערע גע'שמד'טע קינדער. די אידען האָבען געמוזט צאָלען דער אוני-ווערזיטעט אַלע יאָהר 80 פראַנק דערפאַר, וואָס זי האָט פערוועהרט די סטודענטען וואַרפען שנעע און שמוץ אויף אידען.

אין מאָדענאַ האָבען די אידען געליטען ווי אין רוים, אָבער פיר גרוי-סע סומען געלט האָבען זיי ביים הערצאָג געקענט קויפען אַ ביסעל פריי-הייט. אַ ביסעל בעסער איז געווען די לאַגע פון די אידען אין טאָסקאַנאַ, ווייל אין די גרעסערע שטעדט פון דיזען הערצאָגטום: ליוואָרנאָ, פלאָ-רענץ, פּיזאַ, זיינען געווען רייכע אידען מיט גרויסע געשעפטען, און די רעגירונג האָט זיך מיט זיי געמוזט רעכנען. אמת, מען האָט זיי ניט צו-געלאָזען צו קיין שטעלע אין דער רעגירונג, אויך האָבען זיי ניט געטאָרט זיין קיין אדוואָקאַטען, דאָקטוירים או. ד. גל., אָבער אין האַנדעל האָט מען זיי ניט געקענט שטערען, ווייל אַלע גרויסע געשעפטען זיינען געווען אין זייערע הענט. אין נעאַפּעל האָבען די אידען קיין וואוין-רעכט ניט גע-האָט זינט די שפּאַניער האָבען דאָרט געהערשט. אין דער צייט פון נאַ-פּאָלעאָן האָבען זיך דאָרט בעזעצט לערך 2,000 אידען, אָבער זיי האָבען ניט געבילדעט אַ געמיינדע. זייער לאַגע איז זינט דער רעאַקציאָן ערגער גע-וואָרען, אָבער מען האָט זיי דאָרט ניט זעהר שטאַרק געדריקט, צוליב דעם איינפלוס, וואָס ראָטהשילד האָט דאָרט בעקומען זינט ער האָט זיין באַנק-

געשעפט דאָרט געעפענט. די צייט פון רעאַקציאָן האָט אָפּגעשוואַכט די פריהערדיגע שטרעבונג צו אַסימילאַציאָן, אָבער זי האָט ניט אָפּגעהאַל־טען די שטרעבונג צו בילדונג. די פריהערדיגע פרייהייט האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער אַלטער אידישער פערשלאָפענהייט.

די אידען אין ענגלאַנד. די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד איז ניט געווען זעהר שלעכט. אין זייער פּערזענליכער פרייהייט און אין זייערע געשעפטען האָבען זיי קיין בעזונדערען דרוק ניט געפיהלט. אָבער אין פּאָליטישער הינזיכט האָבען זיי קיין רעכטען ניט געהאַט. אי־בערהויפּט האָט זיי געשטערט צו בעקומען אַ שטעלע אין דער רעגירונג דער נוסח פון דער שבועה, וואָס יעדער בעאַמטער מוז געבען, ווען ער טרעט אַריין אין אַ שטעלע. ער האָט געמוזט שווערען מיט דעם „וואַה־רען גלויבען פון אַ קריסט". צוליב דעם, הגם די אידען אין ענגלאַנד זיי־נען אין ערסטען פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט געשטאַנען אויף אַ הויכע שטופע פון אויפקלערונג, האָבען זיי ניט געקענט צוגעלאָזען ווערען צו רעגירונגס־שטעלען. דער איינציגער מיטעל פיר אַ אידען צו בעקומען אַ רעגירונגס־שטעלע איז געווען די טויפע. דער בעריהמטער פּאָליטישער עקאָנאָם און באַנקיר ד ו ד ר י ק אַ ר ד אָ האָט זיך געמוזט שמד'ען אום ער זאָל קענען ערוועהלט ווערען אין ענגלישען פּאַרלאַמענט (1819). דער אָנגעזעהענער מיטגליד פון דער ספרדישער געמיינדע אין לאָנדאָן, דער טאַלענטפולער שריפטשטעלער א י י ז ע ק ד י ז ר א ע ל י האָט צו'שמד'ט זיינע קינדער, צווישען וועלכע איז געווען דער בעריהמטער ב נ י מ י ן ד י ז ר א ע ל י ב י ק אָ נ ס פ י ע ל ד (1804 — 1881), וועלכער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיין נאַציאָן.

אָבער די שמד־מגפה איז גיך אַריבער. עס האָט זיך געבילדעט אין ענגלאַנד אַ טיפּ אידישע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען געווען אויסערליך אין אַלע הינזיכטען עכטע ענגלענדער און זיינען דאָך געבליבען אמת'ע נאַציאָנאַלע אידען. אַזעלכע זיינען געווען: נ ת ן מ אַ י ר ר אָ ט ה־ ש י ל ד, דער זוהן פון דעם בעריהמטען באַנקיר מאיר אנשיל ראָטהשילד; מ ש ה מ אָ נ ט ע פ י אָ ר ע (1784—1885), די אַריסטאָקראַטישע אידישע פאַמיליע ג אָ ל ד ס מ י ד או. אנד. די ראָטהשילדס זיינען אין יענער צייט געוואָרען די קעניגען פון דער וועלט־בירזע און האָבען גע־גרינדעט באַנק־הייזער אין אַלע גרויסע מלוכה־שטעדט: אין לאָנדאָן, פּאַ־ריז, נעאַפּעל. מאָנטעפיאָרע האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין פי־לאַנטהראָפּיע און מיט זיין עכט אידישער אויפפיהרונג. די גאָלדסמידס

האָבען געשפּילט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אידי־שער עמאַנציפּאַציאָן אין ענגלאַנד.

דעם ערסטען מאָל איז די פראַגע פון אידישע גלייכבערעכטיגונג בע־ריהרט געוואָרען אין ענגלישען פּאַרלאַמענט אין 1824, אָבער מען האָט זי ניט צוגעלאָזען צום פערהאַנדלען. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען די אידי־שע קהלות אָנגעגעבען אַ פּעטיציאָן אין פּאַרלאַמענט פאָדערנדיג פולע רעכ־טען. ראָטהשילד, מאָנטעפיאָרע און גאָלדסמיד האָבען גרויס אָנטייל גענו־מען אין דיזער בעוועגונג. דעם 5טען אַפּריל 1830 איז אין פּאַרלאַמענט אריינגעבראַכט געוואָרען אַ ביל וועגען געבען אידען גלייכע רעכטען. איינינגע דעפּוטאַטען זיינען אַרויס מיט שאַרפע רעדעס געגען דעם פּראָ־יעקט, ווייל עס איז נאָך אין קיין לאַנד פון אייראָפּאַ ניט געזעהען גע־וואָרען מען זאָל געבען מאַכט צו אַ מענשען פון אַן אַנדער גלויבען צו הערשען איבער קריסטען. אָבער דער בעריהמטער היסטאָריקער מ אַ ק אָ־ל ע י און דער פילאָזאָף מ אַ ק י נ ט אָ ש האָבען בעוויזען, דאָס ווען די קאַטאָליקען האָבען בעקומען גלייכע רעכטען זיינען אידען געוויס בע־רעכטיגט דערצו. ווען דער ביל איז אָפּגעשטימט געוואָרען האָט די מאַ־יאָריטעט איהם אָנגענומען. מיט אַ מאָנאַט שפּעטער איז פאָרגעקומען אין פּאַרלאַמענט די צווייטע לעזונג פון דעם ביל. די געגנער פון אידישער עמאַנציפּאַציאָן האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים צו דערשטיקען דעם ביל. איבערהויפּט האָט גערעדעט געגען איהם ראָבערט פּיל, אַ מיט־גליד פון מיניסטעריום. ער האָט גע'טענה'ט, דאָס אין גרונד האָט ער גאָר ניט דאַגעגען מען זאָל געבען אידען גלייכע רעכטען, נאָר ער געפינט ניט פיר נעטיג מען זאָל אָפּשאַפען אַן אַלטע ענגלישע טראַדיציאָן צוליב אַ גרופּע פון 30 טויזענד אידען. דערויף האָט איהם דער דעפּוטאַט ברום געענטפערט: ווען דער ביל זאָל פערוואָרפען ווערען, וועט עס בעווייזען, דאָס דער פּאַרלאַמענט איז בערייט צו דערוויי'טערן עהרליכע מענשען און צולאָזען פאַלשע; וואָרום ווי נאָר אַ איד זאָל זיך שמד'ן וועט איהם דער פּאַרלאַמענט מיט אָפענע אָרמס אריינגעהמען, הגם אַלע וויסען, דאָס ער האָט אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען נאָר אום ער זאָל האָבען דאָס רעכט צו ערוועהלט ווערען אין פּאַרלאַמענט. אָבער אויך דיזע שאַר־פע רעדע האָט ניט געהאָלפען און דער ביל איז פערוואָרפען געוואָרען מיט 228 שטימען געגען 165.

אָבער די אידען אין ענגלאַנד האָבען ניט פערלאָרען די האָפנונג צו בעקומען גלייכע רעכטען. זיי האָבען געוואַרט אויף אַ בעסערן מאָמענט,

און דיזער מאָמענט איז באַלד געקומען. אין יולי 1830 איז געשטאָרבען דער קעניג געאָרג דער 4טער און מיט זיין טויט איז געפאַלען וועללינגטאָן׳ס מיניסטעריום און עס האָט זיך געבילדעט אַ מעהר ליבעראַלעס מיניסטעריום. אין דער ענגלישער פּרעסע איז די אידישע פראַגע בעשפּראָכען געוואָרען מיט אַ בעזונדערער היציגקייט און עס האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען בראָשורען פיר און געגען דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן. פון דיזע האָבען געצויגען אויף זיך מעהר אויפמערקזאַמקייט די בראָשורען פון פראַנסיס גאָלדסמיד און פון אַ אידישען דאָקטאָר וואַן־אָווען. דיזע בראָשורען האָבען געזוכט צו בעווייזען, דאָס די אידישע שונאים שרייבען צו אידען צו אַ בעזונדער נאַציאָן, צו וועלכער זיי געהערען שוין לאַנג ניט. דאָס איז געווען די פאָרבערייטונג פון די אידען צום נייעם קאַמף פיר גלייכבערעכטיגונג, וועלכער האָט בעדאַרפט פאָרקומען אין פּאַרלאַמענט אין 1833. אין דיזען יאָהר זיינען אַריינגעשיקט געוואָרען 48 פּעטיציאָנען וועגען אידישער גלייכבערעכטיגונג פון אידישע קהלות און פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג מיט 45 טויזענד אונטערשריפטען. דער דעפּוטאַט ראָבערט גראַנט האָט אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט דעם ביל, וועלכער איז דורכגעגאַנגען ביי אַלע דריי פאַרלעזונגען מיט אַ גרויסער מעהרהייט, אָבער אין הויז פון די לאָרדען (דאָס אויבער־הויז) האָט דער ביל געהאַט אייניגע שטאַרקע געגנער, וועלכע האָבען בעוויזען, דאָס די אידישע עמאַנציפּאַציאָן וועט ענגלאַנד ניט נאָר קיין נוצען ניט ברייגען, נאָר זי וועט נאָך שאַדען. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די לאָרדען האָבען פערוואָרפען דעם ביל. די זעלבע געשיכטע האָט זיך ווידערהאָלט אין 1834 — דאָס הויז פון דעפּוטאַטען האָט אָנגענומען דעם ביל, און דאָס הויז פון די לאָרדען האָט איהם פערוואָרפען, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דיזען מאָל האָבען 24 טויזענד קריסטליכע סוחרים און 6,200 עדינבורגער בירגער געבעטען מען זאָל געבען אידען גלייכע רעכטען. אָבער די דעבאַטען האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די לעזונג פון דער אידישער פראַגע. מען האָט זיי אָנגעהויבען צולאָזען צו מוניציפּאַלע (שטעדטישע) שטעלען און מען האָט געענדערט די שבועה פיר אידען. עס זיינען אין פיעלע שטעדט ערוועהלט געוואָרען אידען אַלס אָלדערמען, ווי אויך אויף געוויסע גרויסע שטעלען אין שטאָדט־רעגירונג. אָבער דאָס רעכט צו זיין ערוועהלט אין פּאַרלאַמענט האָבען זיי ערסט בעקומען מיט 10 יאָהר שפּעטער. אין יאָהר 1847 איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליד פון פּאַרלאַמענט דער לאָנדאָנער באַנקיר ליאָנעל ראָטה-

ש י ל ד, דער זוהן פון דעם אויבענדערמאָהנטען באַנקיר נתן מאיר ראָטה-שילד. ער האָט אָבער זיין זיץ ניט פערנומען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט שווערען די שבועה מיט'ן קריסטליכען נוסח. דאַמאָלס האָט דער פרעמיער מיניסטער דזשאָהן ראָססעל געמאַכט אַ פאָרשלאַג אין פאַרלאַמענט מען זאָל ווידער פערהאַנדלען די פראַגע וועגען דער אידישער שבועה. וויללי אַם גלאַדסטאָן, דער צוקונפטיגער פיהרער פון די ליבעראַלען, וועלכער איז אין 1833 געווען געגען דעם מען זאָל ערלויבען אַ אידען צו ווערען אַ מיטגליד פון דעפּוטאַטען-הויז, איז אַריבער אויף דער זייט פון לאָרד ראָססעל. אַ שטאַרקע רעדע וועגען דעם געגענשטאַנד האָט געהאַלטען בנימין דיזראַעלי, וועלכער איז געטויפט געוואָרען אַלס קינד. „איך קען אויף זיך ניט נעהמען די פעראַנטוואָרטליכקייט ניט צו-לאָזען אַ אידען אין פאַרלאַמענט נאָר דערפאַר, וואָס ער בעלאַנגט צו אַ רעליגיאָן, אין וועלכער מיין רעטער יעזוס איז געבאָרען געוואָרען". דער בילל איז אָנגענומען געוואָרען אין דעם אונטער-הויז, אָבער דאָס הויז פון די לאָרדען האָבען איהם ווידער פערוואָרפען. עס האָט געמוזט נעהמען נאָך 10 יאָהר ביז אידען האָבען בעקומען פולע רעכטען אין ענגלאַנד.

דאָס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין ענגלאַנד איז געבליבען אונ-פערענדערט. זיי זיינען געבליבען ווי פריהער צוטיילט אויף ספרדים און אשכנזים. די רעפאָרם-בעוועגונג פון דיי דייטשע אידען האָט אין ענגלאַנד קיין ווירקונג ניט געהאַט. נאָר אַ קליינע געמיינדע האָט איינגעפיהרט אייניגע רעפאָרמעס אין איהר געבעט-הויז (1840). די אידישע אינטעלי-גענץ איז געווען מעהר געניינט צו אַסימילאַציאָן. אייזעק דיזראַעלי האָט זיך אַליין ניט געטויפט, ער האָט אָבער זיין פאַמיליע געטויפט, איבער-הויפט זיינע קליינע קינדער. ער האָט ווייניג געשריבען וועגען יודענטום, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געשריבען, איז געווען אין גייסט פון אַסימילאַ-ציאָן. מערקווירדיג איז אָבער, דאָס אַפילו דאָס שמד-וואַססער האָט ניט געקענט אָפּווישען די ליבע צום יודענטום און צו דער אידישער נאַציאָן, וועלכע איז געווען טיעף איינגעוואָרצעלט אין זיין בעריהמטען זוהן בנימין דיזראַעלי, שפּעטער דער בעריהמטער לאָרד ביקאָנספיעלד. אין זיינע ווערק האָט ער געזוכט צו בעווייזען, דאָס די אידישע נאַציאָן איז די אַריס-טאָקראַטיע פון דער מענשהייט פון אוראַלטע צייטען, און ווען מען זאָל זי ניט פערפאָלגען וואָלט זי געקענט זיין אַ מוסטער-פאָלק פיר די גרעסטע ציוויליזירטע פעלקער. די אידישע נאַציאָן וואָלט פעראייניגט די סעמי-טישע ראַסע מיט דער אַרישער, און דאָס יודענטום מיט די בעסערע עלע-

מענטען פון קריסטענטום. ער האָט זיך אָפּט אויסגעשפּראָכען, דאָס ער איז שטאָלץ מיט זיין אידישער אָפּשטאַמונג.

די אידען אין אַמעריקאַ. די אידען אין אַמעריקאַ זיינען עמאַנצי-פּירט געוואָרען נאָך פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. שוין אין 1790 האָט וואַשינגטאָן געשריבען צו אידישע געמיינדעס, דאָס די פעראייניג-טע שטאַאַטען ווייסען ניט קיין אונטערשייד צווישען בירגער צוליב זייער ראַסע אָדער רעליגיאָן: אַלע זיינען גלייך ווען זיי זיינען נאָר טריי ביר-גער צום לאַנד. ווי די גרויסע רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרען האָבען אידען פערנומען זעהר וויכטיגע עמטער אין מיליטער און אויך אין בירגערליכען דינסט אין פערשיידענע שטאַאַטען פון לאַנד. בלויז אין דעם איין שטאַאַט מערילאַנד (הויפּטשטאָדט—באַלטימאָר) זיינען נאָך אידען גע-ווען בעשרענקט איין זייערע רעכטען. אידען זיינען דאָרט ניט צוגעלאָזען גע-וואָרען צו עפענטליכע און געריכטליכע עמטער, ווייל די קאָנסטיטוציאָן פון דיזען שטאַאַט האָט געפאָדערט, אַז די וואָס פערנעהמען אַזעלכע עמ-טער זאָלען אַנערקענען דעם קריסטליכען גלויבען. ווען אין דעם קריג צווישען ענגלאַנד און די פעראייניגטע שטאַאַטען אין 1812 האָט זיך אַ גרופּע אידישע וואָלונטירען אויסגעצייכענט אויף׳ן שלאַכטפעלד, האָט זיך אָנגעהויבען אין מערילאַנד אַן אַגיטאַציאָן מען זאָל געבען אידען פולע גלייכע רעכטען. אין 1816 איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין שטאַאַטס-פּאַרלאַמענט אַ ביל וועגען פולע עמאַנציפּאַציאָן פיר אידען, אָבער עס האָט לאַנג גענומען ביז דער ביל איז אָנגענומען געוואָרען. אין יאָהר 1818 איז דער דעפּוטאַט ב ר א ק ק ע נ ר י ד ז ש ארוים מיט אַ שטאַר-קער פייערדיגער רעדע פיר אידען און האָט בעוויזען מיט פאַקטען, דאָס אידען זיינען די בעסטע און טריעסטע בירגער צום לאַנד. דאָך האָט עס גענומען 7 יאָהר און ערסט אין 1825 איז דער ביל דורכגעגאַנגען. דער איד, ביים אַריינטרעטען אין אַ רעגירונגס־אַמט, האָט געמוזט ערקלערען, דאָס ער גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע און אין שכר ועונש. דאָס צייגט, ווי שטאַרק עס איז נאָך געווען דאַמאָלס אין אַמערי-קאַ דער פּוריטאַנישער גייסט.

דער גינסטיגער צושטאַנד פון די אידען אין אַמעריקאַ האָט געשאַ-פען דעם געדאַנק צו טראַנספּאָרטירען נאָך אייניגע הונדערט טויזענד אי-דען פון די לענדער, וואו זיי זיינען געדריקט, נאָך אַמעריקאַ. דיזער גע-דאַנק איז געבאָרען געוואָרען ביי דעם אַמעריקאַנישען כלל־טוער און זשור-נאַליסט מ ר ד כ י ע מ נ ו א ל נ ח (1785—1851). זיין פּאַ-

טער האָט אָנטייל גענומען אין דער בעפרייאונגס־מלחמה אין די פעראיי-
ניגטע שטאַאטען. מרדכי עמנואל איז אין דער יוגענד געווען דער אמע-
ריקאַנישער קאָנסול אין טונים. ווען ער איז צוריקגעקומען אין אַמעריקאַ
האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט אַרויסגעבען צייטונגען. צו אַלעם דעם
איז איהם געווען נאָהענט צום הארצען דער טרויעריגער צושטאַנד פון
זיינע ברידער אין די אייראָפּאישע לענדער, און ער האָט בעשלאָסען אַרי-
בערטראַנספּאָרטירען אַ גרויסע צאָהל אידען נאָך אַמעריקאַ. צו דיזען
צוועק האָט ער ערוואָרבען די אינזעל גראַנד־איילענד, ביים טייך ניאַגאַראַ
נעבען באָפפאַלאָ, שטאַאט נויאָרק. אויף דיזער אינזעל האָט ער בעשלאָ-
סען צו בויען אַ שטאָט מיט'ן נאָמען „אררט" און האָט געשיקט אַן אויפ-
רוף צו פיעלע אידישע שטעדט אין אייראָפּאַ איינלאַדענדיג אַ מאַסע אי-
דען צו עמיגרירען נאָך אַמעריקאַ און זיך בעזעצען אויף דיזער אינזעל
און גרינדען אַ קליינעם אידישען פרייען שטאַאט.

די אידען פון דער וועלט האָבען עס בעטראַכט אַלס אַ פוסטע פאַנ-
טאַזיע. די רבנים פון פאַריזער קאָנסיסטאָריע האָבען דעם גאַנצען פּלאַן
צו נישט געמאַכט, ווייל די אידען טאָרען ניט ברייגנען די גאולה פאַר
דער צייט אָהן גאָט'ס ווילען און זיי אָפּציהען איצט פון די לענדער, וואו
זיי „געניסען רוה און פרייהייט אונטער דער ממשלה פון גוטע הערשער".
אין דעם זשורנאל „בכורי העתים" איז געדרוקט געוואָרען נח'ס אויפרוף
בעגלייטעט מיט איראָנישע בעמערקונגען. דער רעזולטאַט איז געווען,
דאָס קיין איין עמיגראַנט איז ניט געקומען אין אַמעריקאַ אויף דיזען
אויפרוף.

נח האָט דערווייל געמאַכט דעם 15טען סעפּטעמבער אַ צערעמאָניע
ביים לעגען דעם גרונדשטיין פון דער נייער מלוכה־שטאָדט פון דעם אי-
דישען שטאַאט. די צערעמאָניע איז געמאַכט געוואָרען מיט גרויס גלאַנץ.
מיליטער האָט געמאַרשירט, עס זיינען אַניועזענד געווען פיעלע בעאַמטע
און גייסטליכע. נח זעלבסט איז געגאַנגען פאָראויס אָנגעטאָן אין אַ רוי-
טער זיידענער טאָגאַ, ווי די אַלטע רוימישע סענאַטאָרען, מיט אַ גרויסער
מעדאַל אויף'ן האַלז, ווי אַ ריכטער, ווייל ער האָט זיך זעלבסט געקרוינט
מיט'ן טיטעל „אידישער ריכטער". אויף'ן גרונדשטיין איז געווען אויס-
געקריצט אין העברעאיש „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד" און דאַן אין
ענגליש: **A City of Refuge for the Jews, founded by Mordecai Manuel Noah in the Month Tizri 5586, Sept. 1825, in the 50th year of American Independence.** (די שטאָדט אררט, אַן עיר מקלט פיר אידען,

געגרינדעט פון מרדכי עמנואל נח אין תשרי תקפ"ו, סעפּט 1825, אין דעם 50טען יאָהר פון אַמעריקאַ'ס אונאָפּהענגיגקייט). אַ קריסטליכער גייסטליכער האָט געזאָגט אַ תפלה, דער כאָר האָט געזונגען און נח האָט געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע וועגען דער אויפלעבונג פון ישראל אין אַמעריקאַ. דער גרונדשטיין געפינט זיך עד היום אין מוזעאום פון דער שטאָדט באָפפאַלאָ. אַזוי האָט די אידישע וועלט דורכגעלאָזען אַ צופאַל צו גרינדען אַ אידישען שטאַאַט אין אַמעריקאַ. אין זיינע רעדעס האָט נח זיך געווענדט צו די קריסטליכע פעלקער זיי זאָלען העלפען אידען צוריק אויפשטעלען זייער אַלטעס פּאָליטישעס לעבען אין פּאַלעסטינאַ. ער פערדינט גערעכענט צו ווערען אַלס פאָרגעגנער פון העסס, פינסקער און הערצל.

די רעאַקציאָן, וואָס האָט געהערשט אין אייראָפּאַ פון 1815 ביז 1848, האָט געבראַכט זעהר פיעלע מענשען אין אַמעריקאַ, און צווישען זיי פיעלע אידען. אַזוי איז די צאָהל אידען אין אַמעריקאַ אין אַ קורצער צייט פערגרעסערט געוואָרען פון 10 טויזענד ביז 50 טויזענד. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געקומען פון דייטשלאַנד. פיעלע פון זיי זיינען אָנפאַנגס געוואָרען פעדלערס (הויזירער), אָבער אין אַ קורצער צייט האָבען זיי זיך אַרויפגעאַרבייט און זיינען געוואָרען עשירים, אונטער זיי אויך מיליאָנערען. די דייטשע אידען האָבען איינגעפיהרט רעפאָרמעס אין רעליגיאָן. דער ערסטער רעפאָרם־ראַבינער אין אַמעריקאַ איז געווען ליסער (לעזער) אַ געבירטיגער פון פּרייסען, וועלכער איז געוואָרען ראַבינער אין דער געמיינדע „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיאַ. ער האָט דער ערסטער איינגעפיהרט פּרעדיגען אין ענגליש. ער האָט געמאַכט אַ נייע איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש, וועלכע איז זעהר געאַכטעט ביי די אַמעריקאַנישע אידען. ער האָט געגרינדעט דעם 1טען אידישען זשורנאַל אין ענגליש (The Occident), וועלכען ער האָט רעדיגירט ביז זיין טויט (1868). דער צווייטער רעפאָרם־ראַבינער אין אַמעריקאַ איז געווען ל י ל י ע נ ט ה א ל, וועלכער איז אַוועק פון רוסלאַנד נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, דאָס די רוסישע רעגירונג צילט מיט איהרע רעפאָרמעס אין אידישער ערציהונג זיי צו שמד'ן. ער איז געווען ראַבינער אין סינסיננאַטי ביז דעם סוף פון זיין לעבען (1882). דאָס אַמעריקאַנישע סיסטעם פון רעליגיעזע געמיינדען, לויט וועלכען יעדע שול אָדער סינאַגאָגע איז זעלבשטענדיג און האָט קיין שייכות ניט צו אַן אַנדערער סינאַגאָגע, האָט פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען רעפאָרמע אין דעם יוד־ענטום פון אַמעריקאַ.

דער בלוט=בלבול אין דמשק. אין דער ערסטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט זיינען אין טערקיי פאָרגעקומען גרויסע אונרוהען. די איי־ראָפּאישע מעכטען האָבען זיך בענוצט דערמיט אום אָפּצושוואַכען די אָטאָ־מאַנישע אימפּעריע. דאָס ערסטע, וואָס זיי האָבען געטאָן, איז געווען צו בעפרייען גריכענלאַנד פון דער טערקישער הערשאַפט. די גריכען האָ־בען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען זיי געשטיצט. ווי געוועהנליך, האָבען אידען פיעל געליטען דערביי. אין דעם טאָג פון דער קריסטליכער פּאַסחאַ פון 1821 האָבען זיך טערקישע סאָלדאַטען אַריינגעריסען אין אַ גריכישער קירכע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און האָבען ערמאָרדעט דעם פּאַטריאַרך גרעגאָריוס און האָבען זיין קער־פּער אַריינגעוואָרפען אין ים. צווישען דער מאַסע צושויער האָבען זיך געפונען אויך איניגע אידען. דערפאַר האָבען די גריכען אין מאָרעאַ אויסגעשאָכטען לערך 5,000 אידישע נפשות, און ווען מען האָט געבראַכט דעם קערפּער פון דעם ערמאָרדעטען פּאַטריאַרך אין אָדעס צו בעערדיגען, האָבען די גריכען דאָרט געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם אויף אידען (1821). אויך די אידען אין אַזיאַטישער טערקיי האָבען פיעל געליטען אין יענער צייט (1831—1840). דער פּאַשאַ פון עגיפּטען מאַחמעד=אַלי האָט רעוואָל־טירט געגען דעם סולטאַן מאַחמעד דעם 2טען, און עס איז ענטשטאַנען אַ קריג, וועלכער האָט פערוויסטעט כמעט גאַנץ פּאַלעסטינאַ. ירושלים, חברון און צפת זיינען אין גאַנצען חרוב ומוחרב געוואָרען און עס זיינען איבעראַל פאָרגעקומען שחיטות אויף אידען. דערצו האָט זיך נאָך געמאַכט אַן ערד=ציטערנים, וועלכע האָט פערניכטעט ביז'ן גרונד די שטעדט צפת און טבריה מיט זייער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג (1837). די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען זיך צוטיילט אויף צווייען וועגען דעם שטרייט צווישען דעם סולטאַן און זיין פּאַשאַ. פראַנקרייך האָט געהאַלטען מיט'ן פּאַשאַ, און עסטרייך, ענגלאַנד און רוסלאַנד זיינען געווען אויף דער זייט פון סול־טאַן. אין יענער צייט האָט זיך אין דמשק, דער הויפּט=שטאָדט פון סי־ריען, אָפּגעשפּילט אַ טראַגעדיע, וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט דאָס יו־דענטום פון דער גאַנצער וועלט. אין דמשק האָבען געלעבט אַן ערך 20,000 אידען, צווישען וועלכע עס איז געווען אַ היבשע צאָהל אָנגעזעהענע און רייכע ספרדישע פאַמיליעס. צווישע זיי און די מאַחמעדאַנער איז גע־ווען אַ קריסטליכע קאָלאָניע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער'ן שוץ פון דעם קאָנסול פון פראַנקרייך, וועלכער איז געווען מיט מאַחמעד=אַלי אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען. דעם 5טען אַפּריל 1840 איז פון דיזער קאָלאָניע

פלוצלינג פערשוואונדען דער קאַפּוצינער מאָנאַך פּ א ט ע ר ט ה א - מ א ס . קורץ פאַר זיין פערשווינדען האָט ער געהאַט עפּעס אַ שטרייט מיט אַ טערק, וועלכער האָט געדראָהעט איהם צו ערמאָרדען. דאָך, ווען ער איז פערפאַלען געוואָרען, האָבען זיינע דברים, די אַבערגלויביגע קאַ-טאָלישע מאָנאַכען, פערשפּרייט אַ קלאַנג, דאָס ער איז ערמאָרדעט גע-וואָרען פון אידען פיר רעליגיעזע צוועקען. דער פראַנצויזישער קאָנסול אין דמשק, ראַטטי-מענטאָן, אַ דונקעלע פּערזאָן מיט אַ זעהר פערדעכטי-גער פערגאַנגענהייט, האָט געלאָזען מאַכען אַן אונטערזוכונג אין דיזער ריכטונג. צוזאַמענרעדענדיג זיך מיט דעם גרויזאַמען גובערנאַטאָר פון דמשק, שעריף-פּאַשאַ, האָט מענטאָן געפיהרט דעם פּראָצעס ווי אַ געניטער אינ-קוויזיטאָר. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרען איניגע אידען. איינעם פון זיי, אַ באַרבער, האָט מען אונטערוואָרפען ביים פערהער אונטער דער „באַ-סטאָנאַדע”, מען האָט איהם געגעבען 500 שמיץ מיט ריטער איבער די פּיאַטעס, ער זאָל אָנרופען די שולדיגע; אום זיך צו בעפרייען פון ווײַ-טערע שמערצען, האָט דער באַרבער אָנגערופען זיבען עהרווירדיגע פּאַר-שטעהער פון דער אידישער געמיינדע — דוד הררי מיט זיין זוהן און זיי-נע ברידער, משה אבולאפיא, משה סאַלאָניקי און יוסף לאַניאַדאָ. דיזע האָט מען באַלד אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס און מען האָט זיי גענו-מען פערהערען. די אינקוויזיטאָרען פון די אַגענטען פון שעריף-פּאַשאַ און ראַטטי-מענטאָן האָבען זיי אונטערוואָרפען אונטער אַ בעזונדערן סאָרט פּייניגונג: 36 שעה נאָך אַנאַנד האָבען די בעשולדיגטע, אַלטע לייט, גע-דאַרפט שטעהן אויף די פיס אָהן שפּייז, אָהן וואַסער און אָהן שלאָף; ווען זיי האָבען נאָך דיזען סאָרט פּייניגונג דאָך ניט מודה געוועזען, האָט מען זיי געשמיסען מיט ריטער ביז זיי זיינען געפאַלען אין אונמאַכט, דאַן האָט מען זיי אָפּגעמינטערט און ווידער געפּייניגט. ווען מען האָט די זקנים פון אידישע קוואַרטאַל ניט געקענט ברעכען דורך פּייניגונג, האָט מען זיך גענומען צו די קינדער: די אַגענטען פון שעריף-פּאַשאַ האָבען געכאַפּט 60 אידישע קליינע קינדער אין דעם אַלטער פון 3 ביז 10 יאָהר, האָבען זיי איינגעשלאָסען אין איין צימער און האָבען זיי געלאָזען אָהן שפּייז. די אונגליקליכע מוטערס זיינען געוואָרען פערריקט, הערענדיג די געשריי-ען פון די פערמאַרעטע קינדער, אָבער זיי האָבען ניט בעשטעטיגט דעם העסליכען בלבול. זוכענדיג דעם קערפּער פון דעם פּאַטער טהאָמאַס האָ-בען זיי געפונען ביים ברעג פון קאַנאַל אַ ביין און אַ שטיקעל טוך פון אַ בגד, און אין אַן אַנדערען אָרט ביינער, וועלכע די דאָקטוירים האָבען ער-

קענט אַלס שעפּסענע. ווײַדער האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פּײניגונגען — און דיזען מאָל איז דער ציל געוואָרען דערגרייכט: לאַניאַדאָ איז גע־שטאָרבען פון די ענויים, אבולאַפיא האָט אָנגענומען דעם מאַחמעדאַני־שען גלויבען, און די איבריגע, וועלכע זיינען פעררי̇קט געוואָרען פון די יסורים, האָבען ערפילט דעם וואונש פון זייערע פּייניגער און האָבען זיך ערקלערט אַלס שולדיג, אום זיך צו בעפרייען דורך אַ שנעלען טויט. ראַטטי־מענטאָן איז אָבער נאָך ניט געווען צופרידען מיט דיזע אָפּפער און ער האָט פערגרעסערט די נעץ פון דער אונטערזוכונג. אין דיזער נעץ זיי־נען נאָך אַריינגעצויגען געוואָרען דריי רבנים פון דמשק, איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער פאַמיליע פ ר ח י און דער עסטרייכער אונטערטאַן יצחק פּיטשיאָטאָ; דעם לעצטען אָבער האָט דער עסטרייכישער קאָנסול מערלאַטאָ ניט אַרויסגעגעבען, ווייל ער האָט פערדאַמט די אינקוויזיטאָרישע מעטהאָדען פון די בעאַמטע.

די בלוט־לעגענדע, וועלכע האָט אויפגעלעבט דורך דעם קריסטלי־כען און מוסולמאַנישען פאַנאַטיזם, האָט פערפינסטערט די מוחות. אין פריהלינג פון דעם זעלבען יאָהר האָט זיך דיזע לעגענדע פערטראָגען איבער דער גריכישער אינזעל ר ה אָ ד אָ ס, וואו די אידישע קאָלאָניע האָט גע־לעבט צווישען אַ פיינדליכער גריכישער בעפעלקערונג. מען האָט דאָ גע־פונען דעם קערפּער פון אַן אויפגעהאַנגענעם גריכישען אינגעל און מען האָט בעהויפּטעט, דאָס אידען האָבען איהם ערמאָרדעט צוליב רעליגיעזע צוועקען. מען האָט שוין אַרעסטירט אַ פערדעכטיגען אידען, וועלכען מען האָט געפּייניגט ער זאָל אַרויסגעבען די מיטשולדיגע. דער האַס צו אידען האָט זיך איבעראַל צופלאַקערט דורך זאַנדערבאַרע קלאַנגען. אין סמירנא, ביי־רוט און אין די אומגעגענדען פון דמשק האָט דער פּעבעל צושטערט אידי־שע הייזער. נאָר דער פייער אויף דער אינזעל רהאָדאָס איז באַלד פערלאָ־שען געוואָרען. דורך די השתדלות פון דעם חכם־באַשי (רב הכולל) פון קאָנסטאַנטינאָפּעל, משה פרעסקאָ, האָט דער סולטאַן בעפוילען אַריבער־טראָגען דעם פּראָצעס אין די הויפּטשטאָדט, און דאָרטען האָט דער קייזערליכער ראַט פון טערקיי (דער דיוואַן) קלאָר געמאַכט די אונשולד פון די אידען (אין יולי מאָנאַט).

מיט׳ן דמשק׳ער בלוט־בלבול האָט זיך ראַמאָלס בעשעפטיגט די גאַנצע אייראָפּעאישע פּרעסע. די פראַנצויזישע פּרעסע איז געווען געגען אידען, ווייל דער קאָנסול ראַטטי־מענטאָן איז געווען דער הויפּט־פּעראָזאַכער פון דעם פּראָצעס. די רעגירונג האָט זיך דאַמאָלס גע׳חנפ׳עט צו די קלערי־

קאַלען, די אַלטע פערביסענע אידישע שונאים. די גרעסטע אידען פון איירָאָפּאַ, קרעמיע, מאָנטעפיאָרע, דאָטהשילד און אַנדערע, האָבען בעשלאָסען צו טאָן אַלעס מעגליכעס צו בעווייזען דעם אמת. קרעמיע האָט אונטערהאַנדעלט וועגען דעם מיט פּרעמיער טהיערס און מיט'ן קעניג לואיס פיליפּ, אָבער זיינע פערהאַנדלונגען האָבען צו גאָרניט געפיהרט. דער דעפּוטאַט פולד האָט געמאַכט דעם מיניסטער טהיערס אַן אָנפראַגע, ווי אַזוי האָט עס פראַנקרייך בעשלאָסען, דאָס איהרער אַ קאָנסול זאָל דערלאָזען אינקוויזיצישע פּייניגונגען אין דעם בלוט־בלבול פון דמשק. אָבער

יצחק קרעמיע.

טהיערס האָט גענומען דעם קאָנסול אונטער זיין שוץ, ווייל עס איז געווען אַ שאַנדע פיר פראַנקרייך. דאַמאָלס האָט קרעמיע אויסגעשריען: „פראַנקרייך איז געגען אונז". די אידישע כלל־טוער האָבען איבערגעטראַגען דעם שטרייט אין ענגלאַנד.

אין לאָנדאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם צוליב די סקאַנדאַלען אין דמשק. דעם 22טען יוני האָט דער דעפּוטאַט ראָבערט פּילל געפאָדערט, דאָס דער פּאַרלאַמענט זאָל שטאַרק אַרויסטרעטען געגען די

רציחות, וואָס ווערען דאָרט בעגאַנגען געגען די אידישע קרבנות. לאָרד פּאַל-
מערסטאָן האָט מיטגעטיילט, דאָס די רעגירונג האָט געגעבען אַ בעפעהל
צו איהר קאָנסול אין אַלעקסאַנדריען ער זאָל וואָרנען מאַחמעד'ן, דאָס די
אייראָפּעאישע מעכטען ווילען מעהר ניט דולדען די רציחות און גוואַלד-
טאַטען, וואָס מען טוט צו די אידישע קרבנות אין דמשק. עס איז צוזאַמענ-
גערופען געוואָרען אין לאָנדאָן אַ גרויסער מאַס־מיטינג צו פּראָטעסטי-
רען געגען די ערנידריגונגען און פּייניגונגען, אונטער וועלכע עס איז אונ-
טערוואָרפען „דאָס פאָלק, וואָס איז פערבונדען מיט דער וועלט אין אַלעס,
וואָס איז הייליג און טייער אין רעליגיאָן". די לאָנדאָנער אידישע כלל־
טוער האָבען בעשלאָסען צו שיקען אַ דעלעגאַציאָן פון בעריהמטע אידישע
מענער אונטער דער פיהרונג פון מאָנטעפיאָרע און קרעמיע צו פערהאַנד-
לען מיט'ן הערשער פון עגיפּטען און דמשק, מאַחמעד־אַלי, און צו מאַכען
אַן ענדע צו די גרוילטאַטען. אין דער צייט, ווען די אידישע דעלעגאַטען
זיינען אַוועק אין וועג, האָבען ענגלאַנד, עסטרייך, פּרייסען און רוסלאַנד
זיך פעראייניגט אָפּצונעהמען סיריען פון מאַחמעד־אַלי און צוריקגעבען
צו טערקיי.

אין אָנפאַנג אויגוסט האָבען די אידישע דעלעגאַטען זיך פאָרגע-
שטעלט פאַר מאַחמעד־אַלי. דער ענגלישער קאָנסול האָט זיי פיעל גע-
האָלפען אין דעם. מאָנטעפיאָרע האָט געבעטען מען זאָל אידען געבען די
מעגליכקייט צו בעווייזען אין דמשק די אונשולד פון די בעשולדיגטע אי-
דען. מאַחמעד־אַלי האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט נאָכגעבען מאָנטעפיאָ-
רע'ס פערלאַנג, אָבער 9 אייראָפּעאישע קאָנסולען האָבען זיך פעראייניגט
און האָבען פון איהם געפאָדערט ער זאָל געבען זיין הילף אויפצודעקען
דעם אמת. ער האָט געמוזט נאָכגעבען און האָט אָנגעשריבען אַ בעפעהל
צום גובערנאַטאָר פון דמשק צו בעפרייען די אידען. אָבער דער בע-
וואוסטער אָריענטאַליסט שלמה מונק, וועלכער האָט בעגלייט די דעלעגאַ-
ציאָן, האָט איבערלעזענדיג דעם בעפעהל אין דער טערקישער שפּראַך גע-
זעהען, אַז דאָ רעדט זיך וועגען ב ע ג נ אַ ד י ג ע ן די אידען פון דמשק.
קרעמיע און מאָנטעפיאָרע האָבען איינגעווענדט געגען דעם נוסח, וויל
דאָס וואָלט מיינען, אַז די אָפּפער פון דעם בלבול זיינען ווירקליך שולדיגע.
מאַחמעד־אַלי האָט נאָכגעגעבען און האָט אַנשטאָט דעם וואָרט „בעגנאַדיגען"
געהייסען שרייבען „בעפרייען". דעם 6טען סעפּטעמבער זיינען די 7 אַרע-
סטירטע אידען, וואָס זיינען געבליבען לעבען, בעפרייט געוואָרען פון זיי-
ערע שרעקליכע פּייניגונגען. אין אָקטאָבער 1840 איז סיריען אַריבער צו

טערקיי און דער סולטאַן אַבדול מעדזשיד האָט אַרויסגעגעבען אַ פירמאַן (אוקאַז) לויט דעם פערלאַנג פון מאָנטעפיאָרע און קרעמיע, דאָס די טער־קישע בעאַמטע זאָלען מעהר ניט דערלאָזען מען זאָל אויף אידען מאַכען אַזעלכע שענדליכע בלוט־בלבולים.



משה מאָנטעפיאָרע.

דער בלוט־בלבול פון דמשק האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם בעוואוסטזיין פון די אידען פון דער גאַנצער וועלט. די אייראָפּעאי־שע געבילדעטע אידען, וועלכע האָבען פריהער געלייקענט, דאָס אידען זיי־

נען נאָך אויך יעצט אַ נאַציאָן, האָבען דערפיהלט, אַז זיי זיינען פערבונדען מיט זייערע ברידער פון דער גאַנצער וועלט, און די שטרעבונג צו אסימילאַציאָן איז פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די געבילדעטע אידען אין פראַנקרייך האָבען קורץ נאָכדעם געגרינדעט די „אַלליאַנס איזראַעליט" (חברה כל ישראל חברים), וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק צו פערשפרייטען בילדונג צווישען די אידען אין אָריענט. די אָרטהאָדאָקסישע אידען האָבען פון דאַמאָלס אָן איינגעזעהען, דאָס בילדונג אין היינטיגער צייט איז אַ זעהר נעטיגע זאַך פיר אידען, וועיל זיי האָבען פיר זייער רעטונג געהאַט צו דאַנקען די געבילדעטע אידען פון אייראָפּאַ. אַזוי האָבען זיך דערנעהענטערט צווישען זיך די וויטסטע טיילען פון דער צושפּרייטער נאַציאָן, און דיזע דערנעהענטערונג האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם ווייטערען גאַנג פון דער אידישער געשיכטע.

די געשיכטע פון פראַנקרייך.

א. די פרעזידענטשאַפט פון לואיס נאַפּאָלעאָן.

דעם 10טען דעצעמבער 1848 איז לואיס נאַפּאָלעאָן ערוועהלט געוואָרען צום פרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. דיזע וואַהל האָט ער גענאַט צו פערדאַנקען די בויערן. נאַפּאָלעאָן איז געוועזן דער איינציגער מאַן, וועלכער האָט ווירקליך פערטרעטען די אינטערעסען און די ווינשען פון דער בויערן־קלאַס. נאַפּאָלעאָן איז דעריבער פיר זיי געוועזן ניט אַ פערזאָן, נאָר ער האָט פערקערפּערט זייער פּראָגראַם. די איבריגע קלאַסען האָבען געהאָלפען דורכפיהרען דיזע וואַהל. די פּראָלעטאַריער האָבען ערוועהלט נאַפּאָלעאָן׳ען אום אָראָפּצוזעצען דורך איהם דעם מערדערישען קאַוועניאַק׳ן פון דער יוני־רעוואָלוציאָן. דאָס קליין־בירגערטום האָט געהאָפט אָפּצוהאַלטען דורך איהם דעם באַנקראָט, וועלכער איז צוליב דער רעוואָלוציאָן געוועזן כמעט ווי אונפערמיידליך. די גרויסע בורזשואַזיע האָט אין איהם געזעהען דעם קינפטיגען קייזער פון פראַנקרייך, און די אַרמעע האָט געשטימט פיר איהם, ווייל דורך איהם האָט זי גערעכענט פטור צו ווערען פון דער פרידענס־אַרמעע.

די ערנענונג פון אָ ד י ל אָ ן ב אַ ר ר אָ ט צום ערסטען מיניסטער פון דעם נייעם פרעזידענט האָט בעוויזען, דאָס לואיס נאַפּאָלעאָן איז געוועזן דער ווירדיגער יורש פון לואיס פיליפּ. די פיהרער פון די מאָנאַרכיסטישע בורזשואַזיע־פּאַרטייען האָבען איהם געראַטען צו דיזער וואַהל, אום דערמיט צו שאַפען אַן איבערגאַנג פון דער רעפּובליק צו אַ מאָנאַרכיע, און שטיצענדיג זיך אויף זיי האָט ער בעזעצט אַלע רעגירונג־שטעלעס מיט בעאַמטע, וואָס זיינען מאָנאַרכיסטיש געזאָנען. אויך די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע און די אַרמעע זיינען געוועזן ראָיאַליסטיש. נאָר די קאָנסטיטוציאָנס־פערזאַמלונג אָדער דער פּאַרלאַמענט האָט נאָך עקסיסטירט. אָבער וואָס פיר אַ מאַכט האָט די פערזאַמלונג געהאַט, ווען די רעפּובליק איז פערניכטעט ? נאָר ניט

אַכטענדיג דערויף האָט זיך די פערזאַמלונג פעסט געהאַלטען אויף איהר פּאָזיציאָן. זי האָט זאָגאַר בעשלאָסען צו שטירצען דאָס מיניסטעריום.

אָבער דאָס מיניסטעריום האָט זיך ניט געלאָזען שטירצען, הגם די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט דעם 6טען און 26טען יאַנואַר דורך אַן אָפּשטימונג אויסגעדריקט זייער מיסטרויען. דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה ווי מאַכען אַן אויפשטאַנד. זי האָט גערעכענט, דאָס עס זיינען פאַראַן גענוג רעפּובליקאַניש־געזאָנענע אין דער אַרמעע, אין פאָלק און צווישען די פּראָלעטאַריער. אָבער די אַרמעע איז געווען זעהר ווענייג אין צאָהל, ווייל מען האָט מעהר ווי העלפט געשיקט אַהיים; די רעגירונג האָט געמאַכט אַ זעהר געוואַגטען שריט — זי האָט אויפגעלעזט אַלע קלובען, הגם דאָס איז געווען געגען דער קאָנסטיטוציאָן.

די טעג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זיינען געווען געצעהלט. שוין אין מיטען נאָוועמבער 1848 האָט קאַוועניאַק געשיקט אַ קריגס־פלאָטע נאָך טשיוויטאַ וועקקיאַ (רוים) אום צו בעשיצען דעם פּאַפּסט און צו געהן מיט איהם נאָך פראַנקרייך. דער גענעראַל האָט גערעכענט דורך דעם צו געווינען פיר זיך דעם פּאַפּסט, די גייסטליכע און די בויערן. און אויך ווען באָנאַפּאַרטע איז געוואָרען הערשער האָט ער געשיקט דעם 14טען אַפּריל 40,000 מאַן אונטער אודינאָט נאָך טשיוויטאַ וועקקיאַ. אויך ער האָט געדאַרפט האָבען די אונטערשטיצונג פון די קלעריקאַלען. רוים האָט פּראָטעסטירט געגען דעם אַריינקומען פון דער פראַנצויזישער אַרמעע און די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אויפגעפאָדערט דאָס מיניסטעריום צו זעהן, אַז די פראַנצויזישע עקספּעדיציאָן אין איטאַליען זאָל זיך האַלטען ביי דעם ציל, צו וועלכען זי איז געשיקט געוואָרען (צו בעשיצען דעם פּאַפּסט און ברייננען איהם נאָך פראַנקרייך). אָבער שוין דעם 11טען מאַי האָט זי צוריקגעצויגען די אָנקלאַגע, וועלכע זי האָט פריהער בעשלאָסען געגען באָנאַפּאַרטע און דעם מיניסטעריום. דערמיט האָט זי זעלבסט צוגעגעבען, דאָס די אַלליאַנץ פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק מיט די פעלקער, וועלכע שטרעבען צו קאָנסטיטוציאָנען, בעדייטעט בלויז אַ פעראייניגונג מיט דער אייראָפּעאישער געגען־רעוואָלוציאָן. בעדעקט מיט דיזער שאַנדע איז זי אין מאַי אַראָפּ פון דער עפענטליכער ביהנע נאָך דעם, ווי זי האָט פריהער בעוויזען דעם „מוט" צו פערוואַרפען אַ פאָרשלאַג צו בעגנאַדיגען די קעמפער פון דעם יוני־אויפשטאַנד.

די איטאַליענער האָבען זיך גוט פערטיידיגט געגען די טרופּען פון די רעאַקציאָנערען. נאָך דער שלאַכט ביי וויללעטרי (19טען מאַי) האָ־

בען די נעאַפּאָלער סאָלדאַטען געמוזט ענטלויפען איבער דער גרענעץ. דער־
ווייל איז אודינאָט'ס קאָרפּוס פערשטאַרקט געוואָרען. צו דער זעלבער צייט
איז אָנגעקומען דער בעריהמטער אינזשעניער פון סועץ־קאַנאַל פערדי־
נאַנד לעססעפּס, אום צו פערדעקען דורך דיפּלאָמאַטישע פערהאַנד־
לונגען די פעהלערן, וואָס אודינאָט איז בעגאַנגען. דעם 2טען יוני ביי נאַכט
איז אודינאָט בעפאַלען די דערפער פאַנפילי און קאָרסיני, וועלכע האָבען
איהם געדינט אַלס אויסגעצייכענטע שוץ־פּונקטען אין זיין נעכסטער שלאַכט.
די איטאַליענער האָבען זיך אפילו מוטיג פערטיידיגט אין פערלויף פון איי־
ניגע וואָכען צייט, אָבער ענדליך זיינען זיי בעזיגט געוואָרען פון די פראַנ־
צויזען. גאַריבאַלדי איז פערטריבען געוואָרען און דעם 29טען יוני
איז געפאַלען די פעסטונג סט. פּאַנקראַציאָ. מאַצציני און זיינע אָנ־
הענגער זיינען ענטלאָפען און די פראַנצויזען זיינען אַריין אין שטאָדט מיט
גרויס טריאומף. גאַריבאַלדי האָט צוריקגעטרעטען מיט 3,000 מאַן אין
גוטער אָרדנונג און איז גליקליך אָנגעקומען אין די קליינע רעפּובליק סאַן
מאַרינאָ. דאָ האָט ער פערנאַנדערגעלאָזען זיינע סאָלדאַטען און איז אוועק־
געפאָהרען נאָך אַמעריקאָ.

אודינאָט האָט אָפּגעשיקט די שליסלען פון רוים צום פּאַפּסט, וועלכער
האָט איהם דערפאַר געגעבען זיין ברכה. אַ קאָמיסיאָן, וואָס דער פּאַפּסט
פּיאוס דער 9טער האָט בעשטימט, האָט איבערגענומען די רעגירונג. דער־
מיט איז די הערשאַפט פון פּאַפּסט ווידער אויפגעשטעלט געוואָרען, און
דער פּאַפּסט האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך רוים (12טען אַפּריל 1850). גלייך
נאָכדעם איז אויך ווענעציאַ געפאַלען. לאַנג האָט געדויערט די בעלאַגערונג
פון דיזער שטאָדט דורך די עסטרייכער. די שטאָדט האָט שטאַרק געליטען
פון דער כאָלעראַ אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג. די פערטיידיגער
אָבער האָבען בעשיצט די שטאָדט מיט גרויס מוט, ווייל זיי האָבען געהאָפט
אויף די הילף פון די אונגאַרען. אָבער ווען אונגאַרן איז געפאַלען האָבען
זיי אויפגעגעבען די האָפנונג און האָבען זיך אונטערגעגעבען, און דעם
30טען אויגוסט איז ראַדעטצקי ווידער אַריין אין ווענעציאַ. דאָס איז
געווען דער סוף פון דעם נאַציאָנאַלען אויפשטאַנד פון די איטאַליענער. עס
איז געווען אַ פאָלשטענדיגער דורכפאַל.

דעם 28טען מאַי האָט זיך פערזאַמעלט די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט.
די פּאַרטיי לעגיטימיסטען און אָרלעאַניסטען האָט געזיגט און האָט געשיקט
אַ מעהרהייט אין דער קערפּערשאַפט. די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך פער־
איינִיגט מיט די בויערן און האָבען געבילדעט אין פּאַריז אַ סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישע פאַרטיי, און אין פראַנקרייך האָט מען גערעכענט, דאָס דיזע פאַרטיי ווער באַלד טריאומפירען. עס איז ערוועהלט געוואָרען פון 5 דע-פאַרטאַמענטען דער רעוואָלוציאָנער לעדרו-ראָלין, מיט איהם האָ-בען זיך פעראייניגט די בויערן און די אַרמיי, און אַזוי איז בעזייטיגט גע-וואָרען יעדער ווידערשטאַנד.

מאַצציני.

דעם 11טען יוני האָט לעדרו-ראָללין געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דעם מיניסטעריום. ער האָט קלאָר בעוויזען, דאָס דער אָנגריף אויף רוים איז אַן אָנגריף אויף די קאָנסטיטוציאָן, וועלכע זאָגט (ארטיקעל 5), דאָס די פראַנצויזישע רעפובליק שטרייט קיינמאָל ניט געגען די פרייהייט פון וועל-כען עס איז פאָלק, און דער פרעזידענט שיקט אַן אַרמעע געגען די איטאַ-ליענישע פרייהייט. דערויף האָט איהם די קעניגליכע פאַרטיי אין קאַמער

פון פּאַרלאַמענט געענטפערט, דאָס „די רעפּובליקאַנער וועלען צווינגען צו עהרען די קאָנסטיטוציאָן זאָגאַר מיט דער מאַכט פון וואַפען". דיזער ענט-פער האָט אָנגעמאַכט אין פּאַרלאַמענט אַ גרויסען טומעל. לעדרו־ראָללין האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פערקלאָגען נאַפּאָלעאָן'ען מיט זיינע מיניסטאָרען, אָבער די מעהרהייט האָט דיזע פאָדערונג פערוואָרפען.

די אַרבייטער מיט אייניגע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָבען גע-וואָלט מאַכען אַן אויפשטאַנד, אָבער די דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט האָבען ניט איינגעשטימט דערצו, און האָבען נאָר פערשפּראָכען אַרויסצוטרעטען דרייסט געגען די איבריגע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט אין פאַל, ווען מען וועט פערוואָרפען דעם פּלאַן צו מאַכען אַן אָנקלאַגע געגען נאַפּאָלעאָן'ען און זיינע מיניסטאָרען. דעם 12טען יוני האָט דאָס מיניסטעריום זעלבסט פער-לאַנגט, אַז מען זאָל פערהאַנדלען די פראַגע וועגען אָנקלאָגען. דער רעזול-טאַט איז געווען, דאָס די מעהרהייט האָט געשטימט געגען מאַכען אַן אָנ-קלאַגע און די מינאָריטעט האָט מיט שטורם פערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט.

דעם 13טען יוני איז אין אַלע סאָציאַליסטישע צייטונגען געדרוקט גע-וואָרען אַ פּראָקלאַמאַציאָן צום פאָלק, וועלכע האָט גערופען די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע, די אַרמעע און דאָס פאָלק צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען דעם פּרעזידענט, די מיניסטאָרען און דעם פּאַרלאַמענט. 30,000 מאַן פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָבען זיך געלאָזען געהן צום שאַטאָ ד'אָ און די בול-וואַרען. אָבער דאָ האָבען זיי בעגעגענט די רייטער פון גענעראַל שאַנ-גאַרניער. די דראַגונער האָבען געשניטען אין די אונבעוואָפענטע מאַסע רעכטס און לינקס, און דיזע איז צולאָפען. עס זיינען געווען זעהר ווייניג קעמפער און זעהר ווייניג באַריקאַדען. שוין אום 3 אוהר נאָך מיטטאָג איז ווידער רוהיג געוואָרען.

דאָס פאָלק אין פּאַריז האָט ערקלערט די שטאָדט אין בעלאַגערונגס-צושטאַנד, און דעם פּרעזידענט, די מיניסטאָרען און די מעהרהייט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אַלס אָנגעקלאָגטע. די מעהרהייט פון דער געזעצ-געבענדער פערזאַמלונג איז ערקלערט געוואָרען אויסער דער קאָנסטיטוציאָן (אויסער'ן געזעץ). די מאַיאָריטעט פון פּאַרלאַמענט האָט פון איהר זייט אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט פערניכטעט די פרייהייט פון דער טריבונע, און האָט געאָרדענט צו בעשטראָפען די געגנער מיט פערשיידענע שטראָפען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס פיעלע אַנדערע דעפּוטאַטען האָבען פער-לאָזען דעם פּאַרלאַמענט און דורך דעם איז די פּאַרטיי פון אָרדנונג אין גאַנ-צען אויפגעלעזט געוואָרען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך די פאריזער ארטילעריע מיט 3 לעגיא־נען פון דער נאציאנאל־גווארדיע אויפגעלעזט געווארען, און דערמיט האט די דעמאקראטישע פארטיי פערלארען איהר מאכט. די לעגיאן פון די רייכע האט פערניכטעט פיעלע דרוקערייען פון די סאציאליסטען און דעמאקראטען, די רעדאקטארען פון פיעלע צייטונגען זיינען אריינגעווארפען געווארען אין געפענגניס. דאס אלעס איז געווען מיט דער צושטימונג פון דער טריבונע (13טען יוני). אין גאנץ פראנקרייך זיינען אויפגעלעזט געווארען די נא־ציאנאל־גווארדיעס, וועלכע מען האט חושד געווען, דאס זיי זיינען אנהענ־גער פון דער רעפובליק.

מען האט אנגעהויבען צו שאפען נייע געזעצען וועגען דער פרעס, ווע־גען פערייינען און קלובען, וועגען בעלאגערונגס־צושטאנד. די געפענגניסען פון פאריז זיינען איבערגעפילט געווארען מיט פאליטישע ארעסטאנטען; די פאליטישע פליכטלינגען זיינען פעריאגט געווארען; די מעהר—וועניגער פרייערע זשורנאלען זיינען אפגעשטעלט געווארען; ליאן מיט די פינף נא־הענטע דעפארטעמענטען זיינען אונטערגעווארפען געווארען אונטער דעם דעספאטיזם פון דעם מיליטער. די אונטערדריקענדע געזעצען, דורך וועלכע דאס אלעס איז געשעהען, האבען איינגעשלונגען די גאנצע טעטיגקייט פון דער נאציאנאל־פערזאמלונג אין די מאנאטען יוני, יולי און אויגוסט.

מעהר פון אלץ איז מערקווירדיג די אונפערשעמטע אויספרעכונג פון ראיאליסטישע געזינונגען אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג און די בעשימ־פונג פון דער רעפובליק. די פארטיי פון ארדנונג האט אפען אנגעהויבען צו האבען חרטה אויף איהרע זינד, וואס זי איז בעגאנגען געגען דער מא־נארכיע אין די פריהערדיגע צייטען. במעט יעדען טאג האט מען ערקלערט פון דער טריבונע, דאס די רעוואלוציאן פון פעברואר איז געווען פיר דאס לאנד אן אונגליק. פיעלע יונקערס האבען אפען ארויסגעזאגט, דאס זיי הא־בען קיינמאל ניט אנערקענט די רעפובליק.

דעם 13טען אויגוסט איז די קאמער געשלאסען געווארען און אין מי־טען אקטאבער זיינען די דעפוטאטען איבער־א־ניים צוזאמענגערופען געווא־רען. אין דער צווישען־צייט האט באנאפארטע צוזאמען מיט די ראיאליס־טען אינטריגירט געגען דער קאנסטיטוציאן. דעם 1טען נאוועמבער האט די קאמער בעקומען די ידיעה פון פרעזידענט, דאס ער האט צוזאמענגע־שטעלט א נייעם קאבינעט פון מיניסטארען. דער יוסטיץ־מיניסטער איז גע־ווען רוהער, פינאנץ־מיניסטער דער באנקיר אשילעס פולד, דער הויפט־שולדנער פון דעם פרעזידענט. די קאמער איז געווען בעשעפ־

טיגט מיט אויסאַרבייטען צוויי נייע געזעצען. איין געזעץ האָט איבערגע-
געבען די אויפזיכט אויף די בילדונגס־אַנשטאַלטען צו די יעזואיטען, און דאָס
אַנדערע האָט בעשרענקט דאָס וואהל־רעכט. לויט דיזע רעגלען זיינען אי-
בער 3 מיליאָנען מענשען, איבערהויפּט אַרבייטער און פּראָלעטאַריער, אויס-
געשטראָכען געוואָרען פון דער פריהערדיגער ליסט, פון 10טען מערץ 1850,
וועלכע האָט ערוועהלט כמעט נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען.

עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס צווישען באָנאַפּאַרטע און דער נאַציאָ-
נאַל־פערזאַמלונג וועט באַלד אַרויס אַ קאַמף; דערווייל איז די קאַמער וויע-
דער פערנאַנדערגעלאָזען געוואָרען, און באָנאַפּאַרטע האָט זיך בענוצט מיט
דער צייט צו שאַפען אין גאַנץ פראַנקרייך אַ שטימונג פיר זיך. ער האָט
אָנגעהויבען צו גרינדען אַ „וואָהלטעטיגע געזעלשאַפט". צו דיזען צוועק
האָט ער צונעצויגען די לומפען־פּראָלעטאַריער און האָט פון זיי צוזאַמענגע-
שטעלט געהיימע סעקציאָנען, וועלכע האָבען איהם בעגלייט אויף אַלע זיינע
רייזען איבער פראַנקרייך. דיזע בעגלייטער זיינען איבעראַל געווען דאָס
פּובליקום, וועלכעס האָט אין יעדען אָרט געשריען הורא און האָט מיט שמוץ
בעוואָרפען די רעפּובליק. ער האָט געוואונען די אַרמעע אויף זיין זייט
דורך פערטיילען צווישען די אָפיצערען ציגאַרען און שאַמפּאַניער. אָבער
דער אויבער־קאָמאַנדיר פון דער פּאַריזער אַרמעע, שאַנגאַרניער איז געווען
זיין ביטערער פיינד. ביי אַ געוויסען פּאַראַד האָט די קאַוואַלעריע אויסגע-
שריען „לעבען זאָל נאַפּאָלעאָן!" שאַנגאַרניער האָט געגען דעם פּראָטעס-
טירט, און אַזוי איז די אַרמעע צוטיילט געוואָרען אויף צוויי פּאַרטייען —
איינע פיר נאַפּאָלעאָן'ען און די אַנדערע איז געווען מיט שאַנגאַרניער'ן.

די נייע קאַמער האָט זיך אָנפאַנגס בעשעפטיגט מיט קליינע צאַנקע-
רייען וועגען איהרע רעכטען געגען דער רעגירונג. וויכטיג איז נאָר געווען
דאָס געזעץ וועגען אָפּצאָהלונג פון וויין, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט פּאָרגעשלאָ-
גען און די קאַמער האָט אָנגענומען. מיט דיזען געזעץ האָט נאַפּאָלעאָן פער-
לאָרען זיין פּאָפּולאַריטעט צווישען די בויערן, וועלכע האָבען איהם דערפאַר
געדרעכנט ניט בעסער פון אַלע אַנדערע הערשער. די וויין־אָפּצאָהלונג האָט
אָנגעמאַכט אַ שטאַרקע פיינדליכע בעוועגונג אין אַלע קלאַסען פון פאָלק.
כמעט אַלע פעראָרדנונגען, וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אין די
חדשים יאַנואַר און פעברואַר פון יאָהר 1850, זיינען געווען געגען די בויערן
און די דעפּאַרטעמענטען. די בויערן און די מיטעל־קלאַס זיינען צוגעשטאַ-
נען צו די רעוואָלוציאָנערען, ווייל די אָפּשאַפונג פון אַזעלכע אָפּצאָהלונגען

האָט דאַמאָלס געהייסען סאָציאַליזם, ווי פּרעס־פרייהייט און דאָס רעכט צו גרינדען פעראיינען און קלובען.

די רעגירונג האָט געוואָלט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל מאַכען אַן אויפשטאַנד, ווייל דאָס וואָלט געגעבען דער רעגירונג דאָס רעכט צו ברייגגען פּאַריז אונ-טער בעלאַגערונגס־צושטאַנד. אָבער דאָס פֿאָלק האָט ניט געמאַכט קיין דע-מאָנסטראַציאָנען. דעם 10טען מערץ 1850 האָט די רעגירונג געליטען אַ נייע נידערלאַגע. די וואַהלען זיינען אַרויסגעקומען פיר איהר זעהר ניט גינסטיג. פּאַריז האָט ערוועהלט 3 סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, און די דעפּאַרטעמענטען האָבען אויך געשיקט דעפּוטאַטען צום „באַרג", ד. ה. די ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען געגען דער רעגירונג. די אַרמעע זעלבסט האָט ער-וועהלט אַ מאַן, וואָס איז געווען אַן אָנפיהרער אין דער יוני־רעוואָלוציאָן געגען דעם קריגס־מיניסטער. דאָס האָט געמיינט רעוואָלוציאָן. די אָרד-נונגס־פּאַרטייען זיינען געוואָרען אויסער זיך פון כעס. זיי האָט זיך זעהר געוואָלט מאַכען פיר די סאָציאַליסטען אַ באַרטהאָלאָמאָאוס־נאַכט. אָבער זיי האָבען דאָך מורא געהאַט צו געברויכען אַזאַ מיטעל, און זיי האָ-בען בעשלאָסען צו ענדערן די קאָנסטיטוציאָן. און אַזוי איז די גאַנצע גע-זעלשאַפט געוואָרען פיינדליך געשטימט געגען דער אָרדנונג, וואָס האָט דא-מאָלס עקסיסטירט.

פריהער פון אַלץ האָט מען זיך גענומען אָפּצושאַפֿען דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט, וועלכעס איז געווען דער פונדאַמענט פון דער קאָנסטיטוציאָן. דעם 8טען מאַי האָט די אָרדנונגס־פּאַרטיי פאָרגעשלאָגען אַ געזעץ אָפּצו-שאַפֿען דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעס האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם. אָבער דעם 31טען מאַי איז דאָס געזעץ אָנגענומען געוואָרען; נאָר די גרויסע אַרמעע, וואָס איז דאַמאָלס געשטאַנען אין פּאַריז, און דער בליהענדער צושטאַנד פון האַנדעל און אינ-דוסטריע זיינען ניט געווען גינסטיג פיר אַן אויפשטאַנד. באַלד איז אַרויס אַ געזעץ צו בעשרענקען די פּרעס־פרייהייט, און אום צו מאַכען דעם בעכער פול האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו פערגרעסערן די ציוויל־ליסט (ד. ה. די יעהרליכע הוצאות פיר די אויסהאַלטונג פון דעם פּרעזידענט) אויף 3 מיליאָנען. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטען אָפען געגען דער רעגירונג. די קאָמיסיאָן האָט אפילו אָפּגעוויזען באָנאַפּאַר-טע'ס פאָרשלאַג. די באָנאַפּאַרטיסטישע פּרעס האָט שטאַרק געשטורמט אויף די קאָמיסיאָן און די פערזאַמלונג האָט בעוויליגט די סומע פון 1,160,000 פראַנקס.

אום ער זאָל קענען האַנדלען אונגעשטערט האָט באָנאַפּאַרטע צולאָזען די קאַמער. די אָרדנונגס־פּאַרטיי איז דערמיט געווען צופרידען, אום זי זאָל זיין פריי אין דער פּראָווינץ צו אַגיטירען פיר די רעאַקציאָן. אַזוי איז די זאַך דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן אַ שום שטערונג. דעם 11טען אויגוסט האָבען די דעפּוטאַטען פערלאָזען די קאַמער. נאָר אַ קאָמיסיאָן פון 28 מיטגלידער איז געבליבען אין דער צייט פון דער וואַקאַציאָן.

אין דיזער צייט האָבען זיך פערזאַמעלט די פערטרעטער פון די דעפּאַרטעמענטען און די מעהרהייט האָט איינגעשטימט, אַז מען זאָל די קאָמיסיאָן אונטערזוכען. אָבער ווען עס זיינען וועגען דעם פאָרגעקומען דעבאַטען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, האָט די מעהרהייט פערוואָרפען דעם פּראָיעקט (14טען יולי). די בעציהונגען צווישען דעם פּאַרלאַמענט און דעם פּרעזידענט זיינען דורך דעם געוואָרען זעהר פיינדליך. די רייכע קלאַס איז געוואָרען שטאַרק בייז אויף׳ן פּאַרלאַמענט פיר די אָפּאָזיציאָן געגען פּרעזידענט. זיי האָבען מיט פרייד בעגריסט יעדען זיג פון באָנאַפּאַרטע׳ן געגען דער פערזאַמלונג. אויך די מיטעל־בירגער האָבען אָפען ארויסגעצייגט זייער אונצופרידענהייט מיט די האַנדלונגען פון דער פערזאַמלונג, און האָבען שטאַרק קריטיקירט די פּרעס. און וואָס נעהענטער עס איז געקומען צום 2טען מאַי, דעם טאָג, וואָס באָנאַפּאַרטע האָט בעשטימט אָפּצודאַנקען, איז די אונצופרידענהייט פון פאָלק געוואַקסען אַלץ מעהר און מעהר. אין דעם טומעל פון דעם ערוואַרטעטען קריזיס און דעם קאַמף צווישען דעם פּאַרלאַמענט און דעם פּרעזידענט האָט די בורזשואַזיע גערעכענט, דאָס זי לעבט איבער די לעצטע טעג, און פיעלע האָבען געזאָגט: „בעסער אַ סוף מיט שרעקען, איידער שרעקען אָהן אַ סוף". אויך באָנאַפּאַרטע איז געוואָרען זעהר אונרוהיג, ווייל זיינע בעלי חובות האָבען איהם ניט געגעבען קיין רוה.

דעם 10טען אָקטאָבער האָט באָנאַפּאַרטע געפאָסט דעם בעשלוס איינצופיהרען צוריק דאָס אַלגעמיינע וואהל־רעכט. דעם 26טען האָט ער געבילדעט אַ נייעם מיניסטעריום. דער פּאַרלאַמענט אָבער האָט פערוואָרפען דעם פּראָיעקט פון אַלגעמיינעם וואהל־רעכט. די בורזשואַזיע האָט מעהר און מעהר גענומען צייגען דעם פּאַרלאַמענט איהר אונצופרידענהייט.

באָנאַפּאַרטע האָט געוואוסט ווי צו פערזיכערן זיך מיט גוטע פריינד פון די וויכטיגע גענעראַלען פון דער אַרמעע. אָנשטאָט שאַנגאַרניער׳ן האָט ער בעשטימט דעם גענעראַל מאַניאַן, וועלכען ער האָט מיט דער סומע פון אַ מיליאָן פראַנקס געמאַכט פיר אַ גוטען פריינד. מיט דיזען מיטעל איז

אויף דער קריגס־מיניסטער סעינט ארנאוד געוואָרען זיינער א שטאַרקער אָנהענגער. אין אָבענד פון 1טען דעצעמבער האָבען זיך באָנאַפּארטע׳ס פריינד פערזאמעלט אום צו בעראַטען זיך ווי אזוי דורכצופיהרען די איבערקעהרענים. מען האָט באַלד אָפּגעדרוקט פּראָקלאַמאַציאָנען און אַנדערע פּאַפּירען. די סאָלדאַטען האָבען זיי צוכאַפּט מיט גרויס שטורם ביי נאַכט אום האַלב פיער א זייגער. נאָכדעם האָבען זיך באָנאַפּארטע׳ס זשאַנדאַרען אריינגעריסען ביי נאַכט ווי גנבים אין די הייזער פון די דעפּוטאַטען פון דער אָפּאָזיציאָן און האָבען זיי ארעסטירט. דאָס פּארלאַמענט־געביידע איז געוואָרען ארומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען, און 30,000 מאַן זיינען געשטאַנען גרייט צו פערטרינקען אין בלוט יעדען ווידערשטאַנד.

אין פריהמאָרגען פון 2טען דעצעמבער האָט באָנאַפּארטע געאָרדענט צו פערעפענטליכען די פּראָקלאַמאַציאָנען, וועלכע האָבען דעם פאָלק געגעבען צו וויסען, דאָס די קאַמער איז אויפגעלעזט געוואָרען, און דאָס א נייע קאָנסטיטוציאָן איז גרייט פיר אָפּשטימונג. די ערוועהלטע פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָבען געוואָלט מאַכען אַן אויפשטאַנד און האָבען געפאַסט א בעשלוס, דאָס לואי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע איז ארונטערגעזעצט פון זיין אַמט אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און דאָס די רעגירונגס־מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. אָבער באַלד דערויף זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטען און האָבען די דעפּוטאַטען ארעסטירט. אויך דאָס העכסטע געריכט איז צוטריבען געוואָרען, ווייל לויט דער קאָנסטיטוציאָן האָט דיזעס געריכט געדאַרפט צוזאַמענקומען אין א פאַל פון הויך־פערראַט. ווען לואיס נאַפּאָלעאָן איז ארויס ביי טאָג איבער די גאַסען האָט ער געפונען, דאָס איבעראַל הערשט רוה, אָבער אין אָבענד זיינען די לינקע דעפּוטאַטען צוזאַמענגעקומען און האָבען זיך גענומען צו אָרגאַניזירען א בעוואַפענטען ווידערשטאַנד. דער אויפשטאַנד איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם 3טען דעצעמבער. אָבער די ארבייטער האָבען ניט געוואָלט איינשטעלען דאָס לעבען פיר די בירגער. מען האָט אויפגעשטעלט א פּאָאָר באַריקאַדען פון יוצא וועגען, און ניט מעהר. ווען דער דעפּוטאַט באודין איז צוגעגאַנגען צו אַן ארבייטער און האָט איהם געוואָלט געבען א געוועהר אין האַנט, האָט איהם דיזער קאַלטבלוטיג געענטפערט: „מיר ווילען זיך ניט לאָזען שיסען, אום איהר זאָלט בעהאַלטען אייער טעגליכען געהאַלט פון 25 פראַנק". באַלד זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטען; זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיסען און באודין איז געפאַלען טויט.

צו קיין ערנסטען קאמף איז עס אין ערגעץ ניט געקומען. עס איז גע-וועזן קלאר צו זעהן, דאס די איבערקעהרענים האט בעפרידיגט דעם וואונש פון פאלק.

ערסט ביי נאכט פון 4טען דעצעמבער זיינען אין אייניגע ערטער פון שטאדט אויסגעשטעלט געווארען באריקאדען. עס האט ניט לאנג גענומען און עס זיינען אנגעקומען 30,000 מאן, וועלכע האבען אנגעהויבען צו שיסען אין דער מאסע רעכטס און לינקס; די קאנאנען האבען געדונערט און רייטער זיינען מיט זייערע פערד אריין אין עולם און האבען צוטרעטען פיעלע צום טויט. עס איז געפאלען אן אונגעהייערע מאסע אפפער. אויף דעם בית עולם מאנטמארטר אליין זיינען בעערדיגט געווארען 250 קערפערס. אי-בער 100,000 מענשען זיינען אריינגעווארפען געווארען אין די געפענג-ניסען.

באלד נאכדעם האט מען זיך גענומען צו דער אפשטימונג פון דער פרע-זידענטשאפט פיר נאפאלעאן'ען אויף 10 יאהר. 7½ מיליאן שטימען זיי-נען געווען פיר איהם און נאר איין האלבע מיליאן געגען איהם. נאפאלעאן האט זיך אנגעהויבען צו רופען „פרינץ-פרעזידענט", האט זיך בעזעצט אין די טואילעריען (די קעניגליכע פאלאצען) און האט ווידער ארויפגעשטעלט דעם אדלער אויף די פראנצויזישע פאהנען. די קאנסטיטוציאן פון דעם 14טען יאנואר 1852 האט איבערגעגעבען די גאנצע רעגירונגס-מאכט אין די הענט פון פרעזידענט. ער איז געווען דער אויבער-קאמאנדיר איבער די ארמעע און פלאטע, ער אליין האט געהאט די מאכט צו שליסען טראק-טאטען פון פרידען און האנדעל און האט געשפילט די הויפט-ראלע אין דער געזעצגעבונג. ער איז געווארען דיקטאטאר און האט זיך געמאכט א וועג צום קייזער-טראן.

אום צו געווינען די סימפאטיע פון די קלעריקאלען און דער ארמעע האט נאפאלעאן געשאפען נייע געזעצען צו פערשטארקען די זונטאג-רוה, און דער ארמעע האט ער געגעבען פיעלע מתנות און ראנגען. ער האט אויך פערגרעסערט די אייזענבאהן-ליניען, פערמעהרט קרעדיט-אנשטאלטען און האט אויפגעשטעלט וויכטיגע געביידעס. ער האט געוואלט צייגען די פראנ-צויזען וואס זיי קענען פון איהם ערווארטען, ווען ער וועט זיין זייער שטענ-דיגער הערשער. ער האט אויך געמאכט רייזען איבער גאנץ פראנקרייך און האט איבעראל געמאכט רעקלאמע וועגען אויפשטעלען צוריק דאס קיי-זערטום אין פראנקרייך.

ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען זיכער מיט זיין ערפאָלג האָט ער געשטעלט דעם פאָלק די פראַגע: אויב עס וויל צוריק אויפשטעלען די קייזער־ווירדע אין דער פּערזאָן פון לואיס נאַפּאָלעאָן מיט ירושה־רעכט פיר זיינע נאָכפאָל־גער? די פּרעפעקטען און די בירגער־מייסטערס האָבען אַנגעווענדט אַלע מיטלען צו בעאיינפלוסען די וואַהל. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס

נאַפּאָלעאָן דער 3טער.

7,824,129 שטימען זיינען געגעבען געוואָרען אויף יע, און נאָר 253,149 אויף ניין (21טען נאָוועמבער). דער סענאַט האָט שוין פריהער בעשלאָסען צו ערוועהלען לואיס נאַפּאָלעאָן אַלס קייזער. דעם 1טען דעצעמבער זיינען דער סענאַט און די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט אַוועק נאָך סט. קלוד, וואו דער פּרעזידענט פון די געזעצגעבער האָט פאָרגעלעזען דעם בעשלוס פון פאָלק.

דעם 2טען דעצעמבער איז נאפאלעאן אריינגעפאהרען מיט גרויס פא־ראד אין פאריז און דער מארשאל סט. ארנאוד האט פארגעלעזען פון דעם באלקאן פון די טואילעריען די פאלקס־אפשטימונג און דעם בעשלוס פון די רעפרעזענטאטיווע קערפערשאפטען. דערמיט האט מען געגעבען צו וויסען, אז עס איז צוריק איינגעפיהרט געווארען אין פראנקרייך דאס קייזערטום. דאן האבען זיך זיינע אנהענגער פעראייניגט צו מאכען איהם א באנקעט. די אויסלענדישע מעכטען האבען באלד צוגעשיקט זייער אנערקענונג, ווייל דאס קייזערטום האט דאך געמאכט אן ענדע צו דער רעוואלוציאן און לואיס נאפאלעאן דער 3טער האט געגעבען דיזער שלאנג דעם טויט־קלאפ.

נאפאלעאן האט בעשאטען מיט בעלוינונגען אלעמען, וואס האבען איהם געהאלפען צו דערגרייכען זיין צוועק. סט. ארנאוד איז געווארען אויבער־האפמייסטער פון פאלאץ, און מאניאן אויבער־יעגערמייסטער. פון די בי־טערסטע געגנער איז דאמאלס געשטארבען ארמאנד מאראסט, דער אייפריגסטער און עהרליכסטער קעמפער פיר די רעפובליק, געקרענקט פון דער איבערקעהרענים, וועלכע האט פערניכטעט אלע זיינע האפנונגען. מיט 5 יאהר שפעטער איז אויך קאווענאק געשטארבען. ער האט פערפאלגט די מיטגלידער פון דער קעניגליכער פאמיליע ארלעאנס און זייערע גיטער אין פראנקרייך האט ער קאנפיסקירט און פערקויפט.

אום צו זיין נאך מעהר פאפולער ביים פאלק האט נאפאלעאן געהייראט ניט א פרינצעסין פון א הערשענדער פאמיליע, נאר ער האט גענומען פיר א פרוי די יונגע שענע שפאניערין עאוגעניא (עווגעניע) מאנטיחא, די הערצאגין פון טהעבא. דיזער שריט איז געווען זעהר געפעלען דעם פראנצוי־זישען פאלק, וועלכעס האט גענומען א זעהר גרויסען אנטייל אין דער שמחה פון דער חתונה, און אויך 3 יאהר שפעטער, ווען די קייזערין האט געבארען א זוהן, האט זיך דאס פאלק באמת געפרייט מיט דיזער עראייגנים.

ביי זיין טראן־בעשטייגונג האט נאפאלעאן דער 3טער עפענטליך ער־קלערט, דאס זיין פאליטיק וועט זיין א פרידליכע, און דאס ער וועט ניט זוכען צו מאכען עראבערונגען. דיזעס האט ער געזאגט, פערשטעהט זיך, צו בערוהיגען די אייראפעאישע מעכטען, אום זיי זאלען איהם שנעלער אנ־ערקענען אלס קייזער פון פראנקרייך. אבער אין גרונד האט ער גוט פער־שטאנען, דאס אום צו מאכען זיך ביים פאלק א נאמען, מוז ער זיך אויך אויסצייכנען אלס עראבערער. און דעריבער איז ער געווען זעהר צופרידען, וואס גלייך אין דער ערסטער צייט פון זיין רעגירונג האט זיך איהם גע־

מאַכט אַ געלעגענהייט פיר אַ מלחמה. דיזע געלעגענהייט האָבען איהם געגעבען די אָריענטאַלישע פראַגע און דער קרימער קריג.

ב. נאַפּאָלעאָן דער 3טער אַלס קייזער און די אויסווערטיגע מלחמות.

די רוסישע הערשער האָבען שוין לאַנג געפּאַסט אַ בעשלוס צו פערברייטערן זייער הערשאַפט אין מזרח. זיי איז ווירקליך געלונגען צו פערכאַפּען אין אַזיען פיעלע לענדער. דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער 1טער האָט אָבער אויסער דעם אויך געוואָלט בעהערשען די סלאַווישע פעלקער, וואָס זיצען אויף דער באַלקאַנישער האַלב-אינזעל, און וועלכע זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי. דיזע לעצטע האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין אַ זעהר שלעכטער לאַגע. עסטרייך איז געווען פערפּליכטעט צו העלפען רוסלאַנד אין איהר שטרייט מיט טערקיי, דערפאַר וואָס רוסלאַנד האָט איהר געהאָלפען אין איהר מלחמה מיט אונגאַרן. פראַנקרייך האָט גענוג צו טאָן ביי זיך אַליין אום צו האַלטען אָרדנונג. נאָר ענגלאַנד האָט געקענט רוסלאַנד שטערען אין איהר אונטערנעהמונג צו פערברייטערן איהר הערשאַפט אויף די באַלקאַנען. ניקאָלאַי האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אום צו געווינען ענגלאַנד אויף זיין זייט. ער האָט פערשפּראָכען ענגלאַנד צו העלפען איהר ווערען הערשערין אין עגיפּטען און אין קאַנדיאַ, אָבער ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין זאַך און איז געווען געגען דעם פּלאַן, דאָס רוסלאַנד זאָל בעהערשען די סלאַווישע פעלקער אויף דער באַלקאַנישער האַלב-אינזעל. עס איז דאַמאָלס געווען זעהר וויכטיג צו האַלטען דאָס גלייכגעוויכט אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק, און דעריבער האָט ענגלאַנד פיר קיין פאַל ניט געוואָלט דערלאָזען, דאָס רוסלאַנד זאָל ווערען שטאַרקער אין אייראָפּאַ. ענגלאַנד האָט אויך מורא געהאַט, דאָס אויב רוסלאַנד וועט בעהערשען קאָנסטאַנטינאָפּעל וועט זי איהר פיעל שאַדען אין איהר האַנדעל אין קליין-אַזיען. צוליב דעם אַלעם איז ענגלאַנד געווען געגען רוסלאַנד אין איהר פּלאַן.

אָבער דאָס, וואָס ענגלאַנד איז געווען געגען ניקאָלאַי'ס פּלאַן, האָט איהם ניט אָפּגעהאַלטען פון פאָלגען זיין ציל. די רייסערייען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס געמאַכט אין פּאַלעסטינאַ צוליב דער רעליגיאָן, האָבען געדינט ניקאָלאַי'ען פיר אַ תירוץ אריינצומישען זיך אין די טערקישע פערהעלטניסען. לויט אַן אַלטען פערטראַג צווישען רוסלאַנד און טערקיי האָט דער צאַר געהאַט די מאַכט צו בעשיצען די קריסטען פון גריכישען (פּראַוואָסלאַוונעם)

גלויבען, וואס וואוינען אין טערקיי. פראנקרייך האט געהאט אין טערקיי שוץ=רעכט פיר די רוימיש=קאטאלישע קריסטען, און ווייל די פראוואסלאוונע אין טערקיי זיינען געוועז אין צאהל מעהר פון די קאטאליקען, האט פראנקרייך אין דיזער הינזיכט געשפילט אין טערקיי א קלענערע ראלע. ניקאלאי האט געוואלט האבען אין טערקיי די אויבער=מאכט, און האט געוואלט, דאס דיזע אויבערמאכט זאל זיין אנערקענט פון די אנדערע מעכטען און אז טערקיי זאל גארניט האבען צו זאגען איבער איהרע קריסטליכע אונטערטאנען.

קייזערין עוגעניע.

אבער די אייראפעאישע גרויסמעכטען זיינען געוועזן געגען רוסלאנד אין דיזער זאך, אויסער פרייסען, וועלכע האט אימער סימפאטיזירט מיט דער קנוטע=הערשאפט פון צאר'ס מדינה. דאמאלס איז פארגעקומען אין אייראפא א מערקווירדיגע שוישפיל. דריי קריסטליכע מעכטען: עסטרייך, ענגלאנד און פראנקרייך, האבען זיך פעראייניגט אום צי צווינגען

קריסטליכע אונטערטאַנען צו בלייבען אונטער דעם יאָך פון אַ מאַהמעדאַני-שער הערשאַפט און צו שטיצען טערקיי, געגען וועלכער עס האָבען 200 יאָהר בסדר געשטריטען אַלע קריסטליכע הערשער פון אייראָפאַ. די ווירקונג פון דיזען דריי־בונד האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט. דורך די אינטריגעס פון רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען מאָנטענעגראָ און טערקיי. דער צוועק איז געווען, דאָס רוסלאַנד זאָל האָבען אַן אורזאַך אריינצומישען זיך אין שטרייטען מיט טערקיי. דאָ האָט זיך אָבער אריינגעמישט עסטרייך און האָט ניט דערלאָזען צו אַ קריג צווישען מאָנטענעגראָ און טערקיי, און דורך דעם האָט רוסלאַנד ניט געהאַט די מעגליכקייט אריינצומישען זיך אין די טערקישע אַנגעלעגענהייטען.

ניקאָלאַי איז געוואָרען וויטהענד געגען דעם דריי־בונד. ער האָט באַלד געשיקט קניאַז מענשיקאָוו צום סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפעל צו פאָדערן פון איהם, אַז ער זאָל איבערגעבען צום רוסישען צאַר די קריסטען אונטער זיין שוץ. מענשיקאָוו איז געקומען אין קאָנסטאַנטינאָפעל, און איי-דער ער האָט זיך געזעהען מיט'ן טערקישען מיניסטער פון אויסלענדישע אַנ-געלעגענהייטען, ווי עס פאָדערט די עטיקעטע, האָט ער גלייך געפאָדערט אַן אוידיענץ ביים סולטאַן. ער האָט עס גלייך בעקומען. ער איז אריין צום סולטאַן אין פאַלאַץ אין זיינע רייזע־קליידער מיט'ן שטויב אויף די שיך און האָט געפאָדערט, אַז דער סולטאַן זאָל איבערגעבען אַלע זיינע קריסטליכע אונטערטאַנען אונטער דעם שוץ פון ניקאָלאַי'ען. דער סולטאַן האָט איהם ענטזאָגט. מענשיקאָוו איז מיט גרוים עזות אַרוים פון סולטאַן'ס פאַלאַץ סטראַשענדיג, אַז דאָס וועט איהם קאָסטען זעהר טייער. דערוויסענדיג זיך פון דיזער גראָבער האַנדלונג פון דעם רוסישען בעאַמטען, זיינען די ענגלישע און פראַנצויזישע פלאָטען צוגעקומען צו די דאַרדאַנעללען אום צו בעשיצען דעם סולטאַן אין פאַל, ווען רוסלאַנד וועט וועלען בעלאַגערן קאָנסטאַנטינאָ-פעל. ניקאָלאַי האָט באַלד געשיקט אַן אַרמעע פון 80,000 מאַן אונטער דעם בעפעהל פון קניאַז גאָרטשאַקאָוו און האָט זיי געהייסען אַרי-בערגעהן דעם טייך פרוט און פערנעהמען מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע. הגם דער הויפט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמעע, גאָרטשאַקאָוו, האָט פער-שפּראָכען די איינוואוינער פון דיזע פּראָווינצען, דאָס ער וועט זיי בעשיצען און וועט ניט אָנגרייפען זייערע רעכטען, האָט ער דאָך באַלד ווי ער איז דאָרט אַריין בערויבט די עפענטליכע קאַסען און האָט דאָרט אריינגעשטעלט רוסישע ציוויל־בעאַמטע צו רעגירען דיזע פּראָווינצען לויט די רוסישע גע-זעצען און רוסישע אָרדנונגען. די אַרמעע האָט גערויבט די בירגער וויפיעל

זי האט געוואלט, אזוי דאס די איינוואוינער האבען בעשלאסען צו נעהמען זיך צו די וואפען אום צו פערטיידיגען זייערע רעכטען. דעם 4טען אקטאבער 1853 האט טערקיי ערקלערט קריג געגען רוסלאנד. די בעוואוינער פון טערקיי האבען אנערקענט דאס רעכט פון דער טערקישער רעגירונג און האבען מיט גרוים ווילינקייט זיך אנגעבאטען אין מיליטער און ערפילט זייערע שטייער־פליכטען. אין א קורצער צייט איז ביים זידליכען ברעג פון דעם דונאי געשטאנען גרייט צום שטרייט א גרויסע מיליטערישע מאכט אונטער דער קאמאנדע פון אמער פאשא. דעם 4טען נאוועמבער, נאך דעם, ווי די גאנצע טערקישע ארמעע איז אריבער אויף דעם נארדליכען ברעג פון דונאי, האט זי געהאט א שלאכט מיט די רוסען ביי אלטעניצא און האט זיי צושלאגען.

באלד נאכדעם האט דער אדמיראל נאכימאוו מיט דער רוסישער פלאטע, וואס איז געשטאנען ביי סעוואסטאפאל, בעפאלען אין א נעבעלדיגען נאוועמבער־טאג די טערקישע שיפען, האט זיי אלע פערניכטעט און די מאנשאפט כמעט אין גאנצען צו'הרג'עט. דאן האבען די וועסט־אייראפעאישע מעכטען געזעהען, דאס זיי מוזען קומען טערקיי צו הילף. פראנקרייך און ענגלאנד האבען ערקלערט קריג געגען רוסלאנד. עסטרייך האט דערווייל ניט גענומען אין דעם שטרייט קיין אנטייל און האט זיך בענוגענט דערמיט, וואס זי האט געשטעלט א קארפוס סאלדאטען ביים סערבישען גרענעץ. ניקאלאי האט געהאפט, דאס די קריסטען פון די דונאי־לענדער וועלען איהם קומען צו הילף. אבער פון דיזע האפנונגען זיינע איז גארניט געווארען. עס איז איהם נאר געלונגען אונטערצוקויפען די גריכען, אז זיי זאלען מאכען אן אויפשטאנד געגען טערקיי. אבער דיזער אויפשטאנד פון די גריכען האט געמאכט טערקיי ווייניג שאדען און געבראכט רוסלאנד ווייניג נוצען, ווייל דער גריכישער קעניג האט ניט געוואלט נעהמען אין דיזען קריג קיין אנטייל.

ניקאלאי איז געוועזען געצוואונגען צו פערגרעסערן זיין ארמעע. ער האט געהייסען שאפען א גרויסע צאהל נייע רעקרוטען און האט בעלעסטיגט דאס פאלק מיט אונגעהייערע שטייערן. איבער דער ארמעע האט ער געשטעלט דעם אלטען קניאז פאסקיעוויטש. אין מיטען פון מאנאט מערץ 1854 איז פאסקיעוויטש מיט זיין ארמעע אריבער דעם דונאי, און דער גענעראל לידערס האט בעזעצט די פראווינץ דאברודזשא (רומעניען). איניגע וואכען שפעטער איז אנגעקומען אן ענגלישע ארמעע פון 20,000 מאן אונטער דער קאמאנדע פון לארד ראגלאן און איבער 40,000 מאן

פראַנצויזען אונטער דער פיהרונג פון גענעראַל סט. אַרנאַוד און האָבען אָנגעהויבען באָמבאַרדירען אָדעסאַ. אויך עסטרייך האָט גענומען מאָ-ביליזירען איהר אַרמעע אום צו בעזעצען מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע. פּאַס-קיעוויטש איז געווען געצוואונגען צוריקצוטרעטען איבער דעם דונאַי און נאָכדעם איבער'ן פּרוט. רוסלאַנד האָט געמוזט בריינגען גרויסע אָפּפער. אָבער אויך די פערבינדעטע האָבען פערלאָרען פיעלע סאָלדאַטען, איבערהויפּט



ניקאָלאַי דער 1טער.

דורך די כאָלעריע. ענגלאַנד האָט געפּרובט איינצונעהמען קראָנשטאַדט און פּעטערבורג, אָבער עס איז איהר ניט געלונגען.

אין מאָנאַט סעפּטעמבער 1854 איז די פלאָטע פון די פערבינדעטע אָנגעקומען צו סעוואַסטאָפּאָל מיט אַן אַרמעע פון 50,000 מאַן. סעוואַסטאָ-פּאָל איז געווען דער שטאַרקסטער קריגס-האַפען אין קרים. די ענגלענדער

האָבען געוואָלט פריהער פון אַלעם פערניכטען די רוסישע פלאָטע ביים שווארצען מעער. סעוואסטאָפּאָל איז אָבער געווען שטארק בעפעסטיגט, און אויסער דעם איז דאָרט געשטאַנען קניאז מענשיקאָוו מיט אַן אַרמעע פון 30,000 מאַן. מענשיקאָוו איז געשלאָגען געוואָרען און איז געווען גע-צוואונגען צוריקצוציהען זיך, אָבער די שטארקע פעסטונג סעוואסטאָפּאָל איז געווען אַ זעהר שווערע אויפגאַבע צו נעהמען. מענשיקאָוו האָט פערגרע-סערט די צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען און האָט נאָך מעהר פערשטארקט די פעסטונג. די פערבינדעטע האָבען אויפגעגעבען די האָפנונג איינצונעהמען די פעסטונג מיט שטורם און האָבען בעשלאָסען צו בעלאַגערן זי.

דער בעלאַגערונגס=קריג ביי סעוואסטאָפּאָל האָט ניט צו זיך קיין גליי-כען אין דער וועלט=געשיכטע. ביים ערסטען שטורם האָבען די פערבינדעטע געהאַט אַ שרעקליכען פערלוסט און זיינען געווען געצוואונגען צוריקצוטרע-טען. דעם 15טען נאָוועמבער האָבען די פערבינדעטע געוואונען אַ שלאַכט ביי א י נ ק ע ר מ א ן, וועלכע האָט זיי געקאָסט גרויסע אָפּפער, אָבער דיזער זיג האָט די זאַך פון דער בעלאַגערונג ניט געענדערט. מען האָט בע-שלאָסען אונטערצונעהמען אַ ווינטער=צוג, הגם עס זיינען דערצו נאָך ניט געמאַכט געוואָרען קיין פּאָרבערייטונגען. די סאָלדאַטען איז אויסגעקומען שרעקליך צו ליידען. זייערע געצעלטען אין לאַגער זיינען געווען איבער אַ פּוס הויך אָנגעפילט מיט וואסער, זיי האָבען ניט געהאַט קיין ווינטער=קליי-דער און עס האָט זיי געפעהלט שפּייז. צו אַלעם דעם זיינען צוגעקומען פערשיידענע געפעהרליכע קראַנקהייטען, איבערהויפּט האָט שרעקליך גע-וויטעט אין לאַגער די כאָלעריע. עס פערשטעהט זיך, דאָס אונטער דיזע אומשטענדען האָט מען ניט געקענט ערווארטען, דאָס די בעלאַגערונג זאָל מאַכען פּאָרטשריטען. ניקאָלאַי איז געווען אויסער זיך פון פרייד. די פער-בינדעטע האָבען געמאַכט פערשיידענע פּאָרשלאַגען, ער האָט אָבער קיינע ניט געוואָלט אָננעהמען. אָבער אונערווארטעט פיר איהם זיינען עסטרייך און סאַרדיניען צוגעשטאַנען צו די פערבינדעטע, צו ענגלאַנד און פראַנקרייך.

דער אָנפאַנג פון יאָהר 1855 האָט געבראַכט אַ ווענדונג אין דיזע פער-העלטניסען. מען האָט זיך גענומען צום קריג מיט גרויס ענערגיע און מען האָט אָנגעהויבען מאַכען גרויסע פּאָרבערייטונגען. אַ שרעקליכע שלאַכט איז פּאָרגעקומען ביי דער זידליכער פּאָרשטאָדט ק א ר א ב ע ל נ א י א. די קרעפטען זיינען געווען כמעט אויףביידע זייטען גלייך. די פערבינדעטע האָבען געהאַט 175,000 מאַן און די רוסען 150,000. די קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע פון די פערבינדעטע האָט מען אין מאַי איבערגעגעבען צום

פראַנצויזישען גענעראַל פּעליססיער, אַ מאַן פון אונגעוועהנליכער ברוטאַלער ענערגיע. דאָס האָט באַלד געבראַכט די ערוואַרטעטע פרוכט. פון דעם 17טען אויגוסט האָט מען ניט אויפגעהערט צו מאַכען אַנגריפען, הגם דיזע אַנגריפען האָבען געקאָסט זעהר פיעלע אָפּפער. די באָמבאַרדירונג איז געווען שרעקליך; פון די פערטיידיגער זיינען געפאַלען טאָג טעגליך ניט ווייניגער פון 1,000 סאָלדאַטען. און אזוי איז די מאַכט פון די רוסען גע- וואָרען וואָס אַ טאָג מעהר און מעהר שוואַכער, ביז זי איז ענדליך אין גאַנצען געבראָכען געוואָרען. דעם 8טען סעפּטעמבער אום 12 אוהר האָט זיך אָנ- געהויבען דער הויפּט־שטורם. די פראַנצויזען האָבען באָמבאַרדירט דעם מאַלאַקאָוו־טורם און די ענגלענדער דעם רעדאַן (פעסטונגס־ווערק). די רו- סען האָבען זיך פערטיידיגט מיט פערצווייפלונג, אָבער עס האָט זיי קיין זאַך ניט געהאָלפען; דער מאַלאַקאָוו־טורם איז גענומען געוואָרען. די ענג- לענדער אָבער זיינען צוריקגעשלאָגען געוואָרען און האָבען דעם רעדאַן ניט געקענט נעהמען. אָבער מיט דעם פאַל פון דעם מאַלאַקאָוו־טורם איז שוין דער פאַל פון סעוואַסטאָפּאָל געווען זיכער. די רוסען האָבען אַליין פער- ניכטעט אַלעס, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דיזער מערקווירדיגער פעסטונג, און האָבען אויך די פלאָטע פערזונקען אין ים. נאָך דיזע אַלע טאַטען זייערע האָבען די רוסען אויפגעגעבען די פערטיידיגונג פון סעוואַסטאָפּאָל.

יעצט האָבען אַלע געוואָלט פרידען. דעם 25טען פעברואַר 1856 איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאַריז אַ שלום. טערקיי איז געבליבען אונפער- ענדערט אין איהר טערריטאָריע. רוסלאַנד האָט געמוזט אָפּטרעטען אַ גע- וויסעס שטיק לאַנד, אום די שיפפאַהרט אויף דעם דונאַי זאָל ווערען פריי. די פירסטענטימער מאָלדאַוויע, וואַלאַכיע און סערביען זיינען געקומען אונ- טער דער אויבער־הערשאַפט פון דעם סולטאַן און אונטער דעם שוץ פון די מעכטען, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם טראַקטאַט פון פרידען, און די קריסטען האָבען בעקומען גלייכע רעכטען מיט די מאַהמעדאַנער.

דורך דעם קריג אין קרים איז נאַפּאָלעאָן דער 3טער געשטעלט געוואָרען אויף דער שפּיץ פון זיין מאַכט. פון אַלע זייטען האָט מען איהם געשיקט גליקווינשונגען. ער איז געוואָרען דער ריכטער פון אייראָפּאַ.

פּעליססיער איז דערהויבט געוואָרען צום טיטעל „הערצאָג פון מאַ- לאַקאָוו". ער האָט זיך שוין פריהער אויסגעצייכענט מיט זיין עראָבערונג פון אַלזשיר און האָט געפיהרט זיין קאַמף געגען אַבד־על־קאַדער מיט שרעקליכער גרויזאַמקייט. דאַמאַלס האָט די וועלט שטאַרק פּראָטעס- טירט געגען זיין טיראַנישער האַנדלונג, ווען ער האָט פערניכטעט מיט פייער

און רייך אַ גאַנצען שטאַם, וואָס האָט זיך בעהאַלטען אין אַ גרויסער העהל מיט ווייבער און קינדער. אבד־על־קאַדער איז דאַמאָלס געבראַכט געוואָרען נאָך פראַנקרייך (1845); שפּעטער האָט איהם נאַפּאָלעאָן בעפרייט און האָט איהם זאָגאַר בעשטימט אַ געוויסע סומע יעהרליך צו זיין אונטערהאַלט.

דורך איהר מפּלה אין קרימער קריג האָט רוסלאַנד פיעל פערלאָרען אין בעדייטונג. מען האָט אויפגעהערט צו גלויבען, דאָס רוסלאַנד'ס מאַכט איז ניט צושטערבאַר און דאָס איהרע געלט־מיטלען זיינען אונערשעפּליך. רוסלאַנד האָט געזוכט צו געווינען לאַנד אין ווייטען מזרח און צוריקשטעלען דערמיט איהר עהרע. זי האָט פיעל געוואונען דורך איהר זיג אין כיווא און דורך איהר עראָבערונג פון דעם אמור־לאַנד אין יאָהר 1858. מיט יאַ־פּאַן האָט רוסלאַנד געמאַכט אין יאָהר 1856 אַ פערטראַג, לויט וועלכען די האַפענס פון סימאָדאַ, האַקאָדאַדע און נאַגאַסאַקי זיינען געעפענט געוואָרען פיר רוסישע שיפען.

ווי דער קרימער קריג אַזוי איז אויך געווען גליקליך און ערפאָלגרייך דער קריג, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען געפיהרט מיט כינאַ. די ענגלענדער און די פראַנצויזען האָבען איינגענומען די הויפּטשטאָדט פון כינאַ, פּעקינג, און האָבען געצוואונגען די כינעזישע רעגירונג צו צאָהלען צו יעדער פון דיזע צוויי מעכטען צו 64 מיליאָנען מאַרק קאָנטריבוציאָן, און דערצו האָט כינאַ געמוזט געבען יעדער פון די זיגענדע מעכטען דאָס רעכט צו האַלטען אַ געזאַנדטען אין פּעקינג.

אין אינערען האָט פראַנקרייך דורכגעמאַכט אַ שווערען קריזיס אין יאָהר 1857. די איבער־פּראָדוקציאָן און די שטערונג פון ענגלישען האַנדעל דורך דעם אויפשטאַנד אין אינדיען, און מעהר פון אַלעס די איבערגעוויכט פון אַמעריקאַ, האָבען ערשיטערט די גאַנצע אינדוסטריעלע וועלט. מעהר פון אַלע אַנדערע לענדער האָט געליטען ענגלאַנד. אָבער אויך פּאַריז און האַמבורג האָבען שטאַרק געליטען פון דיזען קריזיס. מען רעכענט, דאָס איירָאָפּאַ האָט דאַמאָלס געהאַט שאָדען איבער 1,500 מיליאָנען מאַרק. אָבער דיזער קריזיס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. ער איז גיך אַריבער, און עס האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבען אַ קאָכעדיגע ספּעקולאַציאָן. עס האָבען זיך איבעראַל געבילדעט נייע קרעדיט־פעראיינען און אַקציען־געזעל־שאַפטען, עס איז געווען דערין פיעל שווינדעל, אַ בעזונדער ליידענשאַפט צו געלט־מאַכעריי און גיך רייך צו ווערען. עס איז דאַמאָלס ניט געווען אַ זעל־טענהייט, דאָס אַ מיליאָנער זאָל זיצען אויף'ן באַנק פון פערברעכער פיר שווינדעל־געשעפטען. די אויסגאַבען פון דער רעגירונג האָבען געשטיגען

אונגעהייער. דער קרימער קריג אליין האט געקאסט איבער 1,700 מיליא-נען פראנק. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו מאכען אנלייהען און דורך דעם האט די פינאנץ-וועלט בעקומען א גרויסע מאכט.

נאפאלעאן האט געזוכט צו טאן אלעס מעגליכעס אום צו בעזארגען די ארבייטער מאטעריעל, אזוי דאס זיי זאלען ניט זיין געצוואונגען צו מא-כען אונרוהען. צו דיזען צוועק האט ער אונטערגענומען זעהר פיעלע עפענט-

אבד-על-קאדער.

ליכע געביידעס. ער האט זיך גענומען צו מאכען דאמבעס, צו פערהיטען איבערשוועמונגען פון דער רהאנע. גאנץ פאריז האט דורך דעם פרעפעקט האוסמאן בעקומען א נייעם פנים. די הייזער פון ענגע גאסען זיינען אראפגעווארפען געווארען און מען האט געמאכט נייע ברייטע פראכטפאלע גאסען. דערמיט אבער האט מען אוועקגענומען ביים פראלעטאריאט די

מעגליכקייט צו בויען אין די גאסען באריקאדען אין פאל פון א רעוואלוציאן, וויילברייטע גאסען זיינען צו דעם ניט גוט. דאס האט ווירקליך געטויטעט די ארבייטער־בעוועגונג אין דער צייט פון די פופציגער יאהרען. אויך די סאציאליסטישע לעהרע האט געשיינט צו פערשווינדען אין נאפאלעאן דעם 3טען׳ס צייט. נאר פרודהאן איז נאך איבערגעבליבען פון די איבערגעבענע סאציאליסטען, און אויך ער איז ניט געווען אפען פיינדליך צו דער רעגירונג. עס האט זיך זאגאר דאמאלס געבילדעט א פארטיי מיט דער אידעע פון א מין קייזערליכען סאציאליזם. אבער דער איינפלוס פון דיזער גרופע איז געווען זעהר אונבעדייטענד.

די מורא פאר דעם רויטען טייוועל (סאציאליזם) האט פעראורזאכט, דאס די בירגער האבען זיך מיט לייב און זעעלע געווארפען אין די ארמס פון קייזערטום. אבער דערמיט האבען זיי פערשפילט זייער גאנצע פרייהייט. די גאנצע מאכט פון דער רעגירונג איז איבערגעגאנגען צום קייזער, און די פאלקס־פערטרעטער זיינען נאר געווען זיין אינסטרומענט, מיט וועלכען ער האט דורכגעפיהרט אלע זיינע וואונשען. רעדע־פרייהייט און פרעס־פרייהייט זיינען אין גאנצען פערניכטעט געווארען. קיין וואונדער ניט, וואס די רעפובליקאנער זיינען געווען אזוי אונצופרידען מיט נאפאלעאן׳ס רעגירונג, און עס זיינען געמאכט געווארען אפטע פערזוכען צו ערמארדען נאפאלעאן׳ען. אין אבענד פון 14טען יאנואר 1858 האט מען אויף איהם געווארפען 3 האנט־באמבעס אין דער צייט, ווען ער איז מיט זיין פרוי, דער קייזערין אייזשעניע, געפאהרען צו דער אפערא. די באמבעס האבען עקספלאדירט, איינינע לייט זיינען געטויטעט געווארען און אנדערע זיינען פערוואונדעט געווארען. אבער די קייזערליכע פאאר זיינען געבליבען אונבעשעדיגט. די באמבע־ווארפער זיינען אויף׳ן ארט ארעסטירט געווארען. דאס זיינען געווען גראף ארסיני און דריי העלפער. זיי האבען געוואלט אפראמען נאפאלעאן׳ען פון וועג, ווייל זיי האבען איהם בעטראכט אלס די הויפט־שטערונג צו דער בעפרייאונג פון איטאליען.

דער רעזולטאט פון דיזער טאט איז געווען, דאס דער קייזער האט אנגעהויבען צו פערפאלגען יעדען, אויף וועמען ער האט געהאט א חשד, דאס ער איז געגען איהם. עס זיינען געמאכט געווארען פיעלע ארעסטען און די אויפזיכט אויף די פרעסע איז געווארען שארפער. איבערהויפט האט מען געהאט א שטארקע אויפזיכט אויף אויסלענדער. דעם 28טען יאנואר איז אנגענומען געווארען א געזעץ, דאס יעדער, וואס וועט נאר זיין פערדעכטיגט, דאס ער איז פון די געגנער פון דער עקסיסטירענדער רעגירונג, זאל

אַרויסגעשיקט ווערען פון לאַנד, אָדער זאָל ווערען אונטערגעוואָרפען אונטער אַנדערע שטראָפען. פון דאַמאָלס אָן האָבען זיך אָנגעפאַנגען זעהר פיעלע פערשיקונגען נאָך קאַיעננע (זיד־אַמעריקאַ).

זעהר וויכטיגע רעזולטאַטען פיר פראַנקרייך, ווי אויך פיר גאַנץ אייראָפּאַ, האָט געהאַט די אַריינמישונג פון נאַפּאָלעאָן'ען אין די איטאַליענישע פערהעלטניסען. הגם אין יאָהר 1849 איז אונטערדריקט געוואָרען דער וואונש פון איטאַליען צו פעראייניגען זיך אין איין גרויסען מעכטיגען שטאַאַט, איז אָבער דיזער וואונש ניט דערשטיקט געוואָרען אין גאַנצען. עס האָבען זיך נאָך געפונען זעהר פיעלע, וואָס האָבען ניט אויפגעגעבען די האָפנונג דיזען וואונש צו פערווירקליכען. איבערהויפּט איז געוועזען שטאַרק דיזע שטרעבונג ביים סאַרדינישען קעניג וויקטאָר עמאַנועל. שוין אויף דעם קאָנגרעס אין פּאַריז האָט זיין שטאַאַטסמאַן קאַוואור אויסגעדריקט זיין פערלאַנג, דאָס אייראָפּאַ זאָל אָנערקענען די נאַציאָנאַלע איינהייט פון איטאַליען, דאָס עסטרייך זאָל געבען דעם קעניגרייך לאָמבאַרדיען־ווענעציאַ אַ ליבעראַלע פערפאַסונג, דאָס דער קירכען־שטאַאַט (רוים) זאָל בעפרייט ווערען פון פרעמדע טרופּען און זאָל האָבען אַ וועלטליכען שטאַטהאַלטער אונטער די אויבערהערשאַפט פון פּאַפּסט. דער קאָנגרעס האָט געשענקט דיזער פאָדערונג ווייניג אויפמערקזאַמקייט. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט בעשלאָסען צו מאַכען מיט גוואַלד אַן ענדערונג אין איטאַליען. אין יולי 1858 האָט נאַפּאָלעאָן גערופען צו זיך גראַף קאַוואור און האָט מיט איהם אָפּגערעדט, דאָס אונטער דער הערשאַפט פון סאַרדינישען קעניגליכען הויז זאָל געשאַפען ווערען אַ קעניגרייך איטאַליען, וועלכעס זאָל האָבען אונטער זיך: סאַרדיניען, עסטרייכישע איטאַליען, פּאַרמאַ, מאָדענאַ, טאָסקאַנאַ און אַ טייל פון דעם קירכען־שטאַאַט. דערפאַר זאָל וויקטאָר עמאַנועל אָפּטרעטען צו פראַנקרייך סאַוואָיען און ניצצאַ.

פראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבען פאָרבערייטען בסוד צו אַ קריג. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אפילו ניט געוואָלט וויסען פון דיזען קריג. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט געפונען גענגען דעם אַ מיטעל. ער האָט נעמליך געשלאָסען מיט סאַרדיניען אַ פערטיידיגונגס־בונד, אום ער זאָל קענען ווייזען אין פאַל פון אַן אָנגריף אויף סאַרדיניען, דאָס ער איז געצוואונגען אָנטייל צו נעהמען אין דעם קריג. די בעדינגונגען צווישען די צוויי הערשער, נאַפּאָלעאָן און וויקטאָר עמאַנועל, זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען; און אום צו מאַכען דעם בונד פעסטער, זיינען די צוויי הערשער געוואָרען מחותנים: פּרינץ

נאַפּאָלעאָן איז פערמעהלט געוואָרען מיט דער 16־יעהריגער טאָכטער פון וויקטאָר עמאַנועל. באַלד איז די זאַך געוואָרען אויס סוד.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט אין ניי־יאָהר פון 1859 עמפּאַנגען די געזאַנדטע פון די אייראָפּעאישע מעכטען, האָט ער געזאָגט צום עסטרייכישען געזאַנדטען באַראָן היבנער אין אַ זעהר קאַלטען טאָן: „איך בעדויער זעהר, דאָס אונזערע בעציהונגען זיינען ניט אַזוי גוט, ווי איך וואָלט געוואונשען זיי זאָלען זיין; אָבער איך בעט אייך צו מעלדען דעם קייזער, דאָס מיינע פּערזענליכע געפיהלען צו איהם וועלען אימער בלייבען די זעלבע". מיט אייניגע טעג שפּעטער האָט וויקטאָר עמאַנועל געזאָגט צו זיין קאַמער, דאָס סאַרדיניען קען מעהר ניט זיין גלייכגילטיג צו די „שמערצענס־געשרייען" און ביטעס וועגען הילף, וועלכע הערען זיך פון אַלע זייטען אין איטאַליען, געגען די אונרעכטען, וואָס ווערען געגען זיי געטאָן, און דאָס ער מיט זיין לאַנד איז בערייט אויף אַלעס, וואָס זאָל פּאַסירען.

עסטרייך האָט באַלד איינגעזעהען, דאָס זי מוז זיך פּאָרבערייטען צו אַ קריג. זי האָט באַלד אָנגעהויבען צו פערשטאַרקען איהר מיליטערישע מאַכט אין איטאַליען. ווען האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס פיר עסטרייך איז בעסער אַ קריג איידער אַן אונגעוויסער פרידען. די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען געזוכט גֿעבען עסטרייך צו פערשטעהן, דאָס עס איז פיר איהר גלייכער נאָכצוגעבען אייניגע פאָדערונגען פון איטאַליען און ניט אָנפאַנגען אַ קריג. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דעם 23טען אַפּריל 1859 האָט עסטרייך געגעבען סאַרדיניען דריי טעג צייט: אָדער צו שטעלען איהר מיליטער אויף אַ פרידענס־פוס, אָדער ערוואַרטען קריג. קאַוואור האָט קאַלטבלוטיג זיך ענטזאָגט נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון עסטרייך, און דער עסטרייכישער קאָמאַנדיר גענעראַל גיולאַי האָט ערהאַלטען דעם בעפעהל איבערצוגעהן דעם טייך טעססין.

דעם 30טען אַפּריל זיינען שוין אויך די פראַנצויזישע טרופּען אָנגעקומען אין טורין. זיי זיינען איבעראַל בעגריסט געוואָרען מיט גרויס פרייד און ענטהוזיאַזם. אויך דער קייזער נאַפּאָלעאָן איז געקומען אין גענוא און האָט זיך פעראייניגט מיט די סאַרדיניער.

באַלד אין אָנפאַנג פון דעם קריג האָט זיך שוין ארויסגעוויזען, ווי פערשימעלט עס איז דאָס גאַנצע סיסטעם פון די האַבסבורגער (די עסטרייכישע הערשער־פאַמיליע). אין ווין האָט אימער יחוס און די קונסט פון הויף געשפּילט מעהר ראָלע פון טאַלאַנט און ערפאַהרונג. אַזוי איז עס אויך געווען מיט גיולאַי. ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון

דער עסטרייכישער ארמעע ניט ווייל ער איז געווען פעהיג צו דיזען גרויסען אמט, נאר ווייל ער האט געשטאמט פון גראפען. אנשטאט אנצוגרייפען די סארדיניער איידער זיי האבען זיך פעראייניגט מיט די פראנצויזען, איז ער געלעגען מיט זיין ארמעע צווישען טעססין און סעזיא און האט גארניט געטאן, און האט דערמיט געגעבען די סארדיניער א געלעגענהייט צו קאנצענטרירען אן ארמעע פון 80,000 מאן ביי אלעססאנדריא, און ג א ר י-ב א ל ד י האט געהאט די מעגליכקייט צו בעאונרוהיגען די עסטרייכער מיט זיינע אלפען־יעגער, און דערמיט האט ער געהאלפען צו דער פרייער בעוועגונג פון דער הויפט־ארמעע. דעם אויבער־בעפעהל איבער די פעראייניגטע סארדיניש־פראנצויזישע טרופען האט איבערגענומען דער קייזער נאפאלעאן דער 3טער. אבער די ווירקליכע פיהרונג פון שטרייט האט ער איבערגעגעבען צו זיינע געניטע גענעראלען.

ערסט דעם 20טען מאי האט גיולאי אנגעפאנגען א שלאכט מיט דעם רעכטען פליגעל פון דער פעראייניגטער ארמעע. די שלאכט האט אויסגעבראכען ביי מ א נ ט ע ב ע ל ל א. אנפאנגס האט עס אויסגעוויזען, דאס די עסטרייכער וועלען געווינען די שלאכט. אבער געענדיגט האט עס זיך מיט א זיג פיר די פראנצויזען. די עסטרייכער האבען געמוזט צוריקטרעטען. ביי וו א ר ע ז ע און ק א מ א איז אויך פארגעקומען צווישען די עסטרייכער און גאריבאלדי א שלאכט, אין וועלכער דער לעצטער האט געזיגט און האט צוגענומען פון די עסטרייכער פיעלע קאנאנען. דעם 4טען יוני איז פארגעקומען א גרויסע שלאכט ביי מ א ד ז ש ע נ ט א. אין דער עסטרייכישער ארמעע איז ניט געווען קיין ארדנונג; יעדער גענעראל האט געטאן ווי ער האט פערשטאנען. און דעריבער האבען די עסטרייכער פערלארען אין יעדער שלאכט, הגם זיי האבען געשטריטען מיט גרויס מוט. קיינמאל האט זיך אזוי ניט געצייגט די פוילנים פון דער עסטרייכישער רעגירונג ווי אין דיזער צייט. די אפיצערען האבען געצייגט א שענדליכע אונפעהיגקייט, די פערוואלטער און רעגירער זיינען געווען בעטריגער, און צוליב זיי האט די ארמעע געליטען ביטערען מאנגעל; די סאניטארע איינריכטונגען זיינען געווען שלעכט און דער געזונדהייטס־צושטאנד פון דער ארמעע איז געווען א קלאגעדיגער.

דעם 8טען יוני האט נאפאלעאן צוזאמען מיט וויקטאר עמאנועל אריינגעמארשירט אין מאילאנד. דער זיג ביי מאדזשענטא האט בעפרייט לאמבארדיען מיט גאנץ מיטעל־איטאליען פון דער עסטרייכישער צוואנג־הערשאפט. איבעראל זיינען די רעגירונגען געשטירצט געווארען. דער גרויס-

הערצאָג לעאָפּאָלד פון טאָסקאַנאַ האָט פערלאָזען פלאָרענץ און האָט זיך געשטעלט אונטער דעם שוץ פון עסטרייך. די הערצאָגין לואיזא פון פּאַרמאַ איז אַוועק נאָך דער שווייץ; דער הערצאָג פון מאָדענאַ איז אויך אַוועק צו די עסטרייכער. איבעראַל האָבען די בעפעלקערונגען פערלאַנגט אַנצושליסען זיך אָן סאַרדיניען און האָבען איבעראַל אויפגעהויבען די איטאַליענישע פאָהן. אויך באָלאָניאַ האָט זיך ענטזאָגט פון פּאַפּסט און האָט זיך אונטערגעגעבען אונטער די הערשאַפט פון סאַרדינישען קעניג.

עסטרייך אָבער האָט די האָפנונג ניט אויפגעגעבען. זי האָט בעשלאָסען צו פּרובען נאָך אַ מאָל איהר גליק. דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט זעלבסט איבערגענומען אויף זיך די אויבער־קאָמאַנדע איבער די אַרמעע. אָבער אויך דיזער מיטעל האָט ניט געהאָלפען. עסטרייך האָט געליטען אַ בלוטיגע נידערלאַגע ביי סאָלפערינאָ (24טען יוני 1859). אין דיזער שלאַכט האָבען די עסטרייכער פערלאָרען 13,000 מאַן, דערונטער 3,000 געפאַנגענע.

דער רעזולטאַט פון דיזער שלאַכט איז געוועזען דער פרידען פון וויללאַפראַנקאַ. דעם 11טען יולי האָט עסטרייך איבערגעגעבען צו פראַנקרייך לאָמבאַרדיע ביז צום טייך מינטשיאָ. איטאַליען איז געוואָרען אַ שטאַאַטען־בונד אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון פּאַפּסט. צו דיזען שטאַאַטען־בונד האָט אויך געהערט די עסטרייכישע ווענעציאַ. דיזע פּונקטען זיינען בעשטעטיגט געוואָרען דורך דעם פערטראַג, וועלכער איז אונטערגעשריבען געוואָרען אין ציריך דעם 10טען נאָוועמבער 1859. מיט דיזען פערטראַג איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען דער איינפלוס פון עסטרייך אויף דער אַפּעננינישער האַלב־אינזעל (איטאַליען). דיזער פערטראַג האָט געמאַכט אַ וועג צו דער שטאַאַטליכער פעראייניגונג פון איטאַליען, און דיזער וואונש איז באַלד פערווירקליכט געוואָרען, וויל ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען בעשלאָסען אַנצונעהמען אַלס גרונדזאַץ, דאָס די אייראָפּעאישע מעכטען זאָלען זיך ניט מישען אין די איטאַליענישע פערהעלטניסען.

די שטאַאַטען פון דער אַפּעננינישער האַלב־אינזעל האָבען זיך זעהר געאיילט פּטור צו ווערען פון זייערע קעניגליכע און הערצאָגליכע דינאַסטיען און פעראייניגען זיך אין איין איטאַליענישעם פאָלק אונטער דער הערשאַפט פון סאַרדיניען. די גאַנצע ראָמאַניאַ האָט זיך ענטזאָגט פון דעם פּאַפּסט'ס הערשאַפט און פון ניי־יאָהר 1860 האָט איטאַליען געהאַט אַ בעזונדער מיניסטעריום פיר די שטאַאַטען פון מיטעל־איטאַליען.

די בורזשואַזיע אָבער אין איטאַליען איז ניט געווען צופרידען דערמיט, וואָס די שטאַאַטען פון מיטעל־איטאַליען האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן סאַר-דיניען. זיי האָבען פערלאַנגט, דאָס אַלע שטאַאַטען פון איטאַליען זאָלען זיך פעראייניגען אין איין איטאַליענישעס פאָלק. זיי זיינען פריהער פון אַלעם געווען געגען דעם, דאָס נעאַפּעל און סיציליען זאָלען בילדען בעזונ-דערע קעניגרייכען. אונטער דער רעגירונג פון פערדינאַנד דעם

קאַוואור. (זעה ז. 377.)

2טען און זיין זוהן פראַנץ דעם 2טען האָט דאָס פאָלק שרעק-ליך געליטען פון זייערע טיראַנייען און דעספּאָטיזם. יעדער פונק פון פריי-הייט איז אויסגעלאָשען געוואָרען. די פּאָליציי האָט געהאַט אין איהרע אַייזערנע הענט זאָגאַר דאָס הייזליכע רוהיגע געזעלשאַפטס־לעבען. עס האָט כמעט ניט עקסיסטירט קיין געזעץ, נאָר עס האָט געהערשט דער ווילען פון

דער פּאָליציי. קאַוואור האָט שוין אויף'ן פּאַריזער קאָנגרעס אָנגעצייגט אויף די אומנאָרמאַלע צושטענדען פון דעם פאָלק אונטער די רעגירער פון נעאַפּעל. די מעכטען האָבען דאַן פּראָטעסטירט און געוואָרנט די דעספּאָטישע הערשער, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. זיי האָבען פּאָרטגעזעצט זייערע טיראַנייען.

אונטער דיזע אומשטענדען איז עס פיר די ראַדיקאַלע אַגיטאַטאָרען ניט געווען שווער צו מאַכען אין יענעם רייך אַן אויפשטאַנד. אין אַפּריל 1860 זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדען אין מעססינאַ און אין פּאַלערמאָ. די רעגירונג האָט זיי אפילו מיט איהרע טרופּען באַלד דערשטיקט, אָבער באַלד נאָכדעם זיינען פאָרגעקומען פרישע אונרוהען. דעם 11טען מאַי האָט גאַריבאַלדי געלאַנדעט אויף דעם וועסטליכען ברעג פון סיציליען ביי מאַרסאַלאַ מיט 1,000 וואָלונטירען. איהם האָבען געשטיצט ענגלאַנד און סאַרדיניען. גאַריבאַלדי האָט זיך בעזעצט אין די בערג און האָט צוגעצויגען צו זיך נייע וואָלונטירען. וויקטאָר עמאַנועל האָט איהם איבערגעגעבען די דיקטאַטור איבער סיציליען און ער האָט באַלד אַריינגעצויגען אין פּאַלערמאָ. וויל אַ גרויסע מאַסע פון דער בעפעלקערונג האָט איהם געהאָלפען איז איהם אָנגעקומען לייכט איינצונעהמען אַ העלפט פון דער שטאָדט. אָבער אום איינצונעהמען די אַנדערע העלפט האָט מען געמוזט באָמבאַרדירען די פעסטונגען, און פיעלע הייזער זיינען פערניכטעט געוואָרען. דאַן האָט זיך אַריינגעמישט ענגלאַנד, און די קעניגליכע טרופּען זיינען אַרויס פון דער פעסטונג און די גאַנצע שטאָדט איז אַריבער אין די הענט פון דעם סאַרדינישען קעניג וויקטאָר עמאַנועל.

דער פאַל פון פּאַלערמאָ האָט געגעבען אַ טויט-קלאַפּ דער מאָנאַרכיע. גאַריבאַלדי איז געפייערט געוואָרען פון אַלע איטאַליענער אַלס נאַציאָנאַלער העלד. פראַנץ דער 2טער האָט פערלאָרען יעדע האָפנונג צו בלייבען אויף זיין טראָן. ער האָט נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען פון די אויסלענדישע מעכטען. דעם 19טען אויגוסט איז גאַריבאַלדי אַריבער מיט 5,000 מאַן פון סיציליען נאָך נעאַפּעל. ער האָט באַלד גענומען רעדזשיאָ. דערמיט האָט ער געבראָכען דעם ווידערשטאַנד פון די קעניגליכע טרופּען. פיעלע פון זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו גאַריבאַלדי'ן און פיעלע זיינען ענטלאָפען. איבעראַל האָט דאָס פאָלק געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דער רעגירונג. דעם 5טען סעפּטעמבער איז שוין גאַריבאַלדי געשטאַנען אין ע ב אָ ל י, ניט ווייט פון סאַלערנאָ. דער קעניגליכער הויף איז געשטירצט געוואָרען. דער קעניג האָט מעהר ניט געגלויבט, דאָס די וואָפען וועלען איהם העלפען,

און ער האָט פערלאָזען נעאַפּעל. ער איז אַוועק מיט אַ שיף נאָך גאַעטאַ. דעם 7טען סעפּטעמבער איז גאַריבאַלדי ‑אַריין אין די הויפּטשטאָדט נע‑אַפּעל און אין נאָמען פון וויקטאָר עמאַנועל האָט ער איבערגענומען די פער‑וואַלטונג פון דער שטאָדט אַלס דיקטאַטאָר.

די אויפרעגונג און בעגייסטערונג פון איטאַליענישען פאָלק זיינען גע‑ווען אונגעהייער גרויס. די בירגער האָבען זיך באַלד איבערצייגט, דאָס די לאַנג‑געהאָפּטע פרייהייט האַלט ביי פערווירקליכט ווערען. גאַריבאַלדי האָט געלאָזט וויסען דעם איטאַליענישען פאָלק, דאָס יעצט איז ער בערייט צו געהן איינצונעהמען דעם קירכען‑שטאַאַט און דאַן ערקלערען די פעראייניגונג פון גאַנץ איטאַליען אין איין פאָלק, איין שטאַאַט אונטער איין הערשער. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס פרייד געגעבען דערצו זיין הסכמה. אָבער גאַריבאַלדי האָט אין דיזער אונטערנעהמונג בעגעגענט גרויסע שוועריגקיי‑טען. דער פּאַפּסט האָט ערקלערט, דאָס זיין וועלטליכע מאַכט איז ענג פערבונדען מיט דער רעליגיעזער מאַכט, און האָט אַרויסגעלאָזען אַ חרם און אַ קללה אויף יעדען, וואָס וועט וואַגען אָנצוגרייפען דעם קירכען‑שטאַאַט. זיינע אַגענטען האָבען איבעראַל געוווירקט פיר איהם. דאָס זיינען געווען די פאַנאַטישע קלעריקאַלען. איבעראַל האָט מען געזאַמעלט געלט און מענ‑שען פיר דעם פּאַפּסט. די גאַנצע קאַטאָלישע קריסטליכע וועלט האָט גע‑מאַכט אַן אויפשטאַנד אום צו העלפען דעם פּאַפּסט אין זיין נויט. דיזע בעוועגונג האָט געהאָלפען דעם פּאַפּסט צוזאַמענצושטעלען אַן אַרמעע פון 20,000 מאַן. די אויבער‑קאָמאַנדע איבער דיזע אַרמעע האָט איבערגענומען דער פריהערדיגער פראַנצויזישער גענעראַל לאַמאָריסיערע.

נאַפּאָלעאָן האָט מורא געהאַט, דאָס די רעוואָלוציאָן אין איטאַליען וועט זיך ענדיגען מיט אַ רעפּובליק. דאָס האָט ער זעהר ניט געוואָלט. און דארום האָט ער געראַטען דעם סאַרדינישען קעניג וויקטאָר עמאַנועל, אַז ער זאָל פעראייניגען אַלע לענדער, וואָס זיינען געוואָרען פריי פון זייערע פרי‑הערדיגע הערשער, אונטער זיין מאַכט, און זאָל אין נעאַפּעל אויך איינ‑ריכטען אַ מאָנאַרכישע פאָרמע פון רעגירונג, איידער גאַריבאַלדי וועט האָ‑בען צייט איינצוריכטען דאָרט אַ רעפּובליק; ער זאָל אָבער לאָזען צורוה רוים, וועלכע די פראַנצויזען וועלען בעזעצען מיט מיליטער. אויסער רוים זאָלען די סאַרדינישע טרופּען צונעהמען פיר וויקטאָר‑עמאַנועל'ן אַלע פּראָ‑ווינצען פון מיטעל‑איטאַליען, וואָס זיינען געווען אונטער דעם פּאַפּסט'ס הערשאַפט. וויקטאָר עמאַנועל האָט געטאָן ווי נאַפּאָלעאָן האָט איהם גע‑ראַטען, און דעם 18טען סעפּטעמבער האָבען די סאַרדינישע טרופּען געשלאָ‑

גען די פּאַפּסטליכע. דער פראַנצויזישער גענעראַל לאַמאָריסיערע, וועלכער האָט קאָמאַנדירט די פּאַפּסטליכע ארמעע, איז מיט די איבערגעבליבענע סאָלדאַטען פון זיין אַרמעע צוריקגעטרעטען נאָך אַנקאָנאַ. אָבער מיט 11 טעג שפּעטער האָט זיך די שטאָדט געמוזט אונטערגעבען. די בעפעלקע-רונג פון אומבריען און פון די מארקען האָט זיך אויסגעשפּראָכען פיר פער-אייניגונג מיט סאַרדיניען.

גאַריבאַלדי.

נאָכדעם האָט וויקטאָר עמאַנועל זעלבסט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די סאַרדינישע אַרמעע. ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיט גאַריבאַל-די'ן עראָבערן די גאַנצע נעאַפּאָלישע מאָנאַרכיע. ווען וויקטאָר עמאַנועל איז אַריין אין סעססאַ האָט גאַריבאַלדי באַלד איבערגעגעבען די מאַכט פון אַ דיקטאַטאָר אין דער האַנט פון קעניג, אום ער, דער קעניג אַליין, זאָל האָ-

בען די עהרע צו ענדיגען די וויכטיגע ארבייט פון דער פעראייניגונג פון גאנץ איטאליען אין איין רייך אונטער איין הערשער. גאריבאלדי האט בעגריסט וויקטאר עמאנועל׳ן אלס קעניג פון גאנץ איטאליען. נאכדעם האט גאריבאלדי איבערגעגעבען זיינע סאלדאטען אונטער דעם שוץ פון וויקטאר עמאנועל און האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין קליינער פארם אויף דער אינזעל קאפרערא (7טען נאוועמבער), און האט ניט געוואלט נעהמען פון קעניג קיין בעלוינונג, קיין ראנג און קיין טיטעל פיר זיין גרויסע ארבייט.

די טרופען פון דעם קעניג פון נעאפעל, פראנץ דעם 2טען, זיינען געבליבען טריי זייער קעניג, נאר א קליינער טייל פון זיי איז איבערגעגאנגען צו גאריבאלדי׳ן. דיזע טרייע סאלדאטען האבען פערשאפט דעם קעניג וויקטאר עמאנועל ניט וועניג צרות. אבער ענדליך איז איהם געלונגען זיי צו פערטרייבען און צו פערשפארען פראנץ דעם 2טען אין דער פעסטונג גאעטא. דריי מאנאטען האט זיך די פעסטונג פערטיידיגט, אבער ענדליך איז זי געוועזען געצוואונגען אונטערצוגעבען זיך. דעם 13טען פעברואר האט זיך פראנץ דער 2טער געזעצט מיט זיין סוויטע אויף א שיף און איז אוועק נאך רוים, וואו ער האט פריהער געוואוינט 10 יאהר. דאס קעניגרייך סיציליען האט שוין מעהר ניט עקסיסטירט. דעם 18טען פעברואר 1861 האט וויקטאר עמאנועל צוזאמענגערופען די דעפוטאטען פון אלע פערשיידענע שטאאטען פון איטאליען. דיזע פאלקס-פערטרעטער האבען אנערקענט זיין הערשאפט איבער אלע שטאאטען פון איטאליען און דעם 20טען מערץ איז ער ערקלערט געווארען אפיציעל אלס קעניג איבער גאנץ איטאליען.

די איינהייט פון איטאליען איז אלזא געשאפען געווארען. נאר ווענעציא און רוים האבען געפעהלט. די ערסטע צייטען פון דיזען נייעם גרויסען שטאאט זיינען געוועזען זעהר ניט קיין גליקליכע. איבערהויפט האט דאס לאנד געליטען אין פינאנציעלער הינזיכט. די שולדען פון די פריהערדיגע שטאאטען, וועלכע דער נייער שטאאט האט געמוזט בעצאהלען, האבען בעטראפען מעהר ווי 3 מיליארדען לירעס. דערצו איז נאך צוגעקומען א יעהרליכער דעפיציט פון איבער 300 מיליאנען לירעס, ווייל די רעגירונג האט געמוזט מאכען אונגעהייערע הוצאות צוליב די נייע ארדנונגען, וואס דער נייער שטאאט האט געפאדערט, צו פערגרעסערן די ארמעע און צו שאפען א נייע פלאטע. דערצו זיינען איבעראל ענטשטאנען אונרוהען, וועלכע מען האט געמוזט איינשטילען, און דאס האט אויך געקאסט ניט וועניג געלט. איבערהויפט האט די רעגירונג געהאט פיעל אויסצושטעהן פון די קלעריקאלען, וועלכע זיינען געוועזען געהעצט פון רוים צו שטערען דער נייער

רעגירונג אין איהרע אָרדנונגען. אָבער קאַוואור האָט געוואוסט ווי דאָס שיף פון דעם שטאַאַט אַרויסצופיהרען פון אַלע געפאַהרען.

די רעאַקציאָנערען האָבען ניט אויפגעהערט צו טרייבען זייער בעוועגונג און די רעגירונג וויעדער פון איהר זייט איז געווען געדרענגט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אין מערץ 1861 האָט דער איטאַליענישער פּאַרלאַמענט אין טורין געפּאַסט אַ בעשלוס, דאָס רוים מוז געמאַכט ווערען פיר די הויפּטשטאָדט פון איטאַליען. קאַוואור איז געווען איינפערשטאַנען מיט דיזען בעשלוס. אָבער ער איז באַלד געשטאָרבען. זיינע נאָכפאָלגער זיינען ניט געווען אין שטאַנד דיזען בעשלוס דורכצופיהרען, ווייל נאַפּאָלעאָן און עסטרייך זיינען געווען געגען דעם. דאַמאַלס איז אַרויסגעטרעטען גאַריבאַלדי. ער איז געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס טריאומף און זעהר פיעלע פרייווילליגע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אַרום איהם. עס האָט ניט לאַנג גענומען און עס איז געוואָרען אַן אויפשטאַנד אין ווענעציא און אין זיד־טיראָל געגען עסטרייך, וועלכע האָט דאָרט געהערשט. די איטאַליענישע רעגירונג האָט אפילו אויפגעלעזט די פרייווילליגע אַרמעע, אָבער גאַריבאַלדי האָט באַלד געפונען אַן אַנדער מיטעל ווי אויפצוטרעטען.

אין יוני 1862 האָט דער פּאַפּסט פערזאַמעלט פיעלע בישאָפען און קירכען־פירסטען, און האָט פאַר זיי פאָרגעבראַכט אַ ביטערע קלאַגע געגען דער איטאַליענישער רעגירונג. דאַמאַלס איז גאַריבאַלדי אַוועק מיט זיינע פרייווילליגע נאָך סיציליען און האָט דאָרט ערקלערט נאַפּאָלעאָן'ען אַלס פעררעטער פון איטאַליען, ווייל ער שטיצט רוים געגען די אינטערעסען פון דער איטאַליענישער רעגירונג. ער האָט דאָרט אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגאַנדירען אַן אויפשטאַנד, אָבער די איטאַליענישע רעגירונג האָט געשיקט געגען גאַריבאַלדי'ן טרופּען או האָט געצוואונגען די פרייווילליגע זיך אונטערצוגעבען (25טען אויגוסט 1862). די רעגירונג האָט ניט געוואָלט אויפרייסען אַ קריג מיט פראַנקרייך. גאַריבאַלדי האָט געפּרובּט נעהמען אין דיזער זאַך נאָך אַנדערע שריט, אָבער ער האָט גאָרניט אויסגעפיהרט.

אין יאָהר 1864 האָט נאַפּאָלעאָן בעשלאָסען נאָכצוגעבען דעם וואונש פון איטאַליען וועגען ברייינגען רוים אונטער איהר שוץ מיט דער בעדינגונג, דאָס איטאַליען זאָל גאַראַנטירען פיר די זיכערהייט פון דעם פּאַפּסט. דעם 15טען סעפּטעמבער 1864 איז פאָרגעקומען אַ קאָנווענציאָן צווישען איטאַליען און פראַנקרייך. אויף דיזער קאָנווענציאָן איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס אין פערלויף פון 2 יאָהר זאָל פראַנקרייך אַרויסציהען איהרע טרופּען

פון רוים, און איטאַליען האָט זיך פערפליכטעט צו שיצען דעם פאפסט געגען יעדען אַנגריף פון אויסען. אויף דיזער קאָנוועמציאָן איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, דאָס פלאָרענץ זאָל זיין די הויפּטשטאָדט פון איטאַליען. אין אַנ־פאַנג פון יאָהר 1865 האָט זיך די רעגירונג אריבערגעקליבען אין די נייע הויפּטשטאָדט, פלאָרענץ, און אין אָקטאָבער 1865 האָבען די פראַנצויזישע טרופּען אָנגעהויבען ארויסצוטרעטען פון רוים.

דיזע האַנדלונג פון פראַנקרייך האָט שטארק אויפגערעגט דעם פאפסט און ער איז אַרויס מיט אַ פייערדיגען פּראָטעסט.

אין דיזען פּראָטעסט האָט דער פאפסט פעראורטיילט די מאָדערנע רע־גירונגען מיט דער וויסענשאַפט און דער גאַנצער ציוויליזאַציאָן. דער גאַנ־צער שטאַנדפּונקט זיינער איז געווען געבויט אויף בעגריפען פון דעם מיטעל־אַלטער. ער האָט פערשלאָסען זיינע אויגען אום ניט צו זעהן די פאָדערונגען אין דעם לעבען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. און דעריבער האָט זיין פּראָטעסט ניט געהאַט קיין ווירקונג. דער גאַנצער פּראָטעסט איז געווען ווי אַ פּאַטש אין דער לופט. ווען דער פּראָטעסט איז אריינגעקומען אין פראַנקרייך האָט די רעגירונג פערבאָטען די בישאָפען ארויסצושיקען איהם צום פאָלק. די איטאַליענישע רעגירונג דאַגעגען האָט ערלויבט צו פערנאַנ־דערטיילען דעם פּראָטעסט אין פאָלק, ווייל זי האָט גוט פערשטאַנען, דאָס אַזאַ מין פּראָטעסט מיט אַזעלכע אָפּגעלעבטע טענות און ארגומענטען, וועל־כע שמעקען מיט שימעל פון מיטעלאַלטער, קען אויף אַ מאָדערנעם מענשען זעהר ווייניג ווירקען. אין דער זעלבער צייט, ווען די בישאָפען האָבען צו־טיילט די פּראָטעסט־צירקולאַרען אין פאָלק, האָט דער איטאַליענישער פּאַר־לאַמענט פערהאַנדעלט וועגען ערלויבען ציוויל־חתונות, וועגען אָפּשאַפען די מאָנאַסטירען און די מאָנאַכען מיט די מאָנאַשקעס און וועגען אָפּנעהמען די גיטער פון די גייסטליכע.

דער קעניג וויקטאָר עמאַנועל האָט געשיקט נאָך רוים אַ געניטען שטאַאַטסמאַן וועדזשעצצי, אום צו קומען צו אַ פערשטענדניס מיט דעם פאפסט וועגען פערשיידענע קירכליכע אַנגעלעגענהייטען, אָבער אין די־זער פערהאַנדלונג האָבען קיינע פּאָליטישע פראַגען ניט געדאַרפט בעריהרט ווערען. וועדזשעצצי האָט גאָר ניט געקענט דורכפיהרען, ווייל אין אַלעם האָט איהם געשטערט די רעאַקציאָן. דאָך האָט דער קעניג ערלויבט אייניגע בישאָפען צוריקצוקעהרען זיך צו זייערע שטעלעס, פון וועלכע זיי זיינען ענטלאָסען געוואָרען. אויך האָט דער איטאַליענישער קעניג געגען די אָנער־קענונג פון דעם שטאַאַט גענומען אויף זיך צו צאָהלען אַ טייל פון די

שטאאט־שולדען פון רוים, הגם די לאגע פון די איטאליענישע פינאנצען איז געווען זעהר געדריקט. אבער דאס אלעס האט גארניט געווירקט אויף דעם פאפסט און ער האט ניט געוואלט הערען פון קיין פערגלייכונג. ניט אכ־טענדיג אויף דעם, וואס דאס יונגע קעניגרייך האט געהאט צו קעמפען מיט פיעלע שוועריגקייטען, זיינען דאס פאלק און די רעגירונג געווען פול מיט האפנונג, דאס די שווערע צייטען וועלען גיך אריבער און עס וועט זיי גע־לונגען צו שטעלען די נאציאנאלע פעראייניגונג אויף א פעסטען פונדאמענט. אין דעם געפיהל פון דעם נייעם גייסטיגען און פאליטישען לעבען האט אי־טאליען געפייערט אין מאנאט מאי דעם 600־יעהריגען יובילעאום פון איהר גרויסען דיכטער דאנטע אליגהיערי, וועלכער האט געשטרעבט צו פעראיי־ניגען איטאליען אין איין גרויסע נאציאן.

אויך אין פרעמדע וועלט־טיילען האבען די פראנצויזען געפיהרט קריג. די פראנצויזען האבען זיך געמישט אין מעקסיקאנישער פאליטיק, אנפאנגס צוזאמען מיט ענגלאנד און שפאניען און שפעטער אליין. אויף נאפאלעאן'ס וואונש האבען די מעקסיקאנישע פיהרער ערנאנט אלס קייזער איבער מעק־סיקא דעם ערץ־הערצאג מאקסימיליאן פון עסטרייך. אבער די פעראייניגטע שטאאטען האבען געצוואונגען די פראנצויזען צו פערלאזען מעקסיקא, און דאס שוואכע קייזעררייך איז באלד געשטירצט געווארען. דער קייזער מ א ק־ס י מ י ל י א ן מיט זיינע גענעראלען מ ע ר ר י א און מ י ר א מ א ן זיינען פעראורטיילט געווארען פון א קריגס־געריכט צום טויט און דעם 19טען יוני 1867 זיינען זיי דערשאסען געווארען.

די פיעלע מלחמות, וואס נאפאלעאן האט געפיהרט אין אנדערע לענ־דער האבען פעראורזאכט, דאס די אייראפעאישע מעכטען האבען אנגעהוי־בען צו קוקען אויף איהם מיט מיספערטרויען. הגם ער האט אימער פער־זיכערט, דאס ער איז א פריינד פון פרידען, האט מען איהם ניט געגלויבט, און מען האט מורא געהאט, דאס ער וועט באלד אנהויבען צו מאכען ער־אבערונגען, ווי זיין אנקעל נאפאלעאן דער 1טער. מען האט נאך מעהר אנ־געהויבען צו גלויבען, דאס נאפאלעאן'ס פערשפרעכען וועגען שלום איז ניט אמת, ווען ער האט צוגענומען פון איטאליען סאוואיען און ניצצא. עס האט זיך איבעראל געלאזט מערקען א בעוועגונג געגען פראנקרייך: אין דער שווייץ, אין האללאנד, אין בעלגיען, אין דייטשלאנד און אויך אין ענגלאנד.

אין יענער צייט האט פראנקרייך געשפילט אין דער אויסערער פאלי־טיק די ערסטע ראלע. די פראנצויזען זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד, וואס זייער פאטערלאנד שפילט אזא וויכטיגע ראלע אין דער אייראפעאי־



די ערשיסונג פון קייזער מאַקסימיליאַן און זיינע גענעראַלען.

שער פאָליטיק; און מען מוז צוגעבען, דאָס זיי האָבען זעלטען אזוי געגלענצט ווי אין יענער צייט. דערצו האָבען זיי נאָך געהאט גרויס ערפאָלג אין פריד־ליכע אונטערנעהמונגען. אזוי, צום ביישפּיל, האָבען זיי זיך פערשאפט א וועלט־רוהם מיט דעם סועץ־קאנאל, וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין יאָהר 1869 דורך דעם בעריהמטען אינזשעניער פ ע ר ד י נ א נ ד ד ע ל ע ס ס ע פּ ס (געב. 1805). דיזעס ווערק איז איינע פון די גרעסטע ריזענטאטען פון דער נייער צייט און האָט געהאט אן אונשעצבארען איינפלוס אויף'ן וועלט־האנדעל, ווייל דורך דיזען קאנאל איז דער ים־וועג צווישען אינדיען און אייראָפּא פערקירצט געוואָרען כמעט אויף די העלפט.

אָבער די פינאנצען פון לאנד זיינען געווען אין א זעהר ניט גינסטיגען צושטאנד. די שטאאט־שולדען האָבען געוואקסען מעהר און מעהר. דערצו האָט נאָך געבושעוועט א געוואלדיגער דעספּאָטיזם. מען האָט דערשטיקט יעדע פרייע בעוועגונג. די צענזור האָט צוגענומען פון דער פּרעס יעדעס פרייע וואָרט. יעדע שטרעבונג צו זעלבסט־פערוואלטונג איז אונטערדריקט געוואָרען. נאָך דעם, ווי נאַפּאָלעאָן האָט געמאכט איינינע וויכטיגע רעפאָרמען אין דער ארמעע און האָט זיך געפיהלט שטארקער אויף'ן טראָן, האָט ער אנגעהויבען צו ווערען ליבעראלער, און אין יאָהר 1868 האָט ער ווידער געגעבען פּרעס־פרייהייט, און האָט ווידער געגעבען דעם פאָלק דאָס רעכט צו גרינדען פעראיינען און מאכען פערזאמלונגען.

ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט געזעהען, דאָס די אָפּאָזיציאָן וואקסט פון יאָהר צו יאָהר. אזוי, צום ביישפּיל, איז אין יאָהר 1852 די צאָהל פון שטימען פון דער אָפּאָזיציאָן געווען 810,000, אין יאָהר 1857 איז די צאָהל דערוואקסען ביז 840,000, אין יאָהר 1863 האָט די צאָהל דער־גרייכט 1,800,000 און אין יאָהר 1869 איז זי שוין געווען 3,310,000. דע־ריבער האָט נאַפּאָלעאָן נאכגעגעבען אין יאָהר 1869 אלע פאָדערונגען פון די 116 דעפּוטאטען, וועלכע האָבען פערלאנגט געוויסע רעפאָרמען און פריי־הייטען. דעם 2טען יאנואר 1870 האָט ער בערופען א ליבעראלעס מיניסטע־ריום, און אָן דער שפּיץ פון דיזען מיניסטעריום האָט ער געשטעלט א ל י ־ ו ו י ע ר, וועלכער איז געווען דער הויפּט־פיהרער פון דער ליבעראלער אָפּאָזיציאָן.

אום צו געבען דער אָפּאָזיציאָן א געוואלדיגען שטויס און צו בעפעסטיגען זיין טראָן אויף דאָס ניי, האָט נאַפּאָלעאָן בעשלאָסען פאָרצולעגען די אומ־געענדערטע פערפאסונג דער עפענטליכער פאָלקס־אָפּשטימונג. די פראגע איז פאָרגעלעגט געוואָרען דעם פאָלק אין פאָלגענדער פאָרמע: „איז דאָס

פראַנצויזישע פאָלק צופרידען מיט די ליבעראַלע רעפאָרמעס, וועלכע דער קייזער מיט דער מיטווירקונג פון פערשיידענע שטאַאטס־קערפּערשאַפטען האָט אַרויסגעלאָזען זינט דעם יאָהר 1860, און איז עס צופרידען מיט דעם בעשלוס פון סענאַט פון 20טען אַפּריל 1870?" דער לעצטער האָט פערשפּראָכען אַ רייהע פון מאַסרעגלען פיר קאָנסטיטוציאָנעלע שטאַאטס־פערוואַלטונג. די רעגירונג האָט ווידער גענומען אַרבייטען אויף אַלע כלים



פערדינאַנד דע לעססעפּס.

און האָט ניט אויסגעלאָזען קיין מיטעל צו בעאײנפלוסען די וואַהלען. דעם 8טען מאַי איז בעקאַנט געוואָרען דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג פון פאָלק וועגען דיזער פראַגע: 7½ מיליאָן פיר און 1½ מיליאָן געגען. די רעגירונג האָט געהאַט אַ גלענצענדען זיג. דער קייזער־טראָן האָט געשיינט צו זיין פעסט; אויך די דעפּאַרטעמענטען־וואַהלען זיינען אויסגעפאַלען אין

דיזען זין. אָבער איינינע מאָנאַטען שפּעטער האָט אויסגעבראָכען דער קריג מיט דייטשלאַנד. די פראַנצויזען האָבען די שלאַכטען פערלאָרען, און דאָס האָט געמאַכט אַן ענדע צום פראַנצויזישען קייזערטום.

איבער דער ארבייטער־בעוועגונג אין פראַנקרייך אין די 60ער יאָהרען איז פאַראַן וועניג וואָס צו זאָגען. אין יאָהר 1862 האָט פראַנקרייך ארויס־געשיקט איינינע ארבייטער צו דער לאָנדאָנער וועלט־אויסשטעלונג און דאָרט האָבען זיי אַריינגעטרעטען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער־פעראיין. אָבער ערסט אין יאָהר 1864 איז ערלויבט געוואָרען צו בילדען אַ פראַנצוי-זישען צווייג פון דיזער פעראייניגונג. אָנפאַנגס איז דיזער צווייג געווען מאַכטלאָז. ערסט שפּעטער האָט דיזער צווייג אָנגעהויבען צו נעהמען אַנ-טייל אין די קאָנגרעסען אין לאָנדאָן און זשענעוואַ און האָבען שטאַרק מיט-געווירקט ביי צוויי דעמאָנסטראַציאָנען פון די דעמאָקראַטען געגען דער רע-גירונג.

אַ גרויסע בעדייטונג האָט בעקומען די ארבייטער־בעוועגונג דורך דעם גרויסען סטרייק אין יאָהר 1867 אין רובעי, אין וועלכען עס האָבען זיך בע-טייליגט 25,000 ארבייטער. די רעגירונג איז געוואָרען צו די ארבייטער זעהר פיינדליך און האָט אויפגעהערט צו זוכען די פריינדשאַפט פון די פּראָ-לעטאַריער. אין די וואַהלען פון דער אָפּאָזיציאָן אין יאָהר 1869 האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־צווייג גענומען אַ גרויסען אָנטייל. אין די-זען יאָהר האָבען זיי געגרינדעט אַ פעדעראַציאָן (פעראייניגונג) פון געווערק־פעראיינען און זיי האָבען אַריינגעבראַכט אין די דעפּוטאַטען־קאַמער די סאָ-ציאַליסטען ר אַ ס פּ אַ י ל און ר אַ ש ע פ אָ ר ט. זייער אָפיציעלעס בלאַט איז געווען „די מאַרסעליעזע". דעם סטרייק פון קרעזאָט האָט געפיהרט די אינטערנאַציאָנאַלע. דיזע בעוועגונג האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג און צוליב דעם האָט די אינטערנאַציאָנאַלע בעקומען פיעל מעהר בעדייטונג. איהרע פיהרער האָבען געמאַכט אַ רעפּובליקאַנישע פערשווערונג און זיינען גע'משפט און פעראורטיילט געוואָרען. אָבער דאָס האָט זי ניט פערניכטעט, זי האָט פאָרטגעזעצט צו עקסיסטירען און צו ארבייטען אין דעם קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכען מיט איינינע מאָנאַטען שפּעטער צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

די געשיכטע פון ענגלאַנד פון 1848 ביז צו דער נייעסטער צייט.

א. די אינערע אנגעלעגענהייטען.

די ענגלישע טשארטיסטען־בעוועגונג פון 1837 ביז 1852 האָט פון אָנפאַנג אָן געטראָגען אַ פּראָלעטארישען כאראקטער. די הויפּט־פיהרער פון דיזער בעוועגונג האָבען געפאָדערט אויף סאָציאַליסטישע רע־פאָרמעס. ווי מיר האָבען עס פריהער געזעהען, איז די בעוועגונג געווען אַ דורכפאַל, און דעריבער האָבען זיי אויפגעגעבען זייערע פּאָליטישע פאָדע־רונגען און האָבען אָנגעווענדט זייער טעטיגקייט אָנצופאַנגען אַ לוין־קאַמף, צו פערבעסערן זייער מאטעריעלען צושטאַנד. אָבער די סאָציאַליסטישע שולען האָבען ניט אויפגעהערט צו עקסיסטירען, הגם זיי האָבען ניט געהאָט קיין גרויסען איינפלוס. איבערהויפּט וויכטיג זיינען די סאָציאַליסטישע שולע פון אָוען און דער „קריסטליכער סאָציאַליזם".

ראָבערט אָוען האָט געוואָלט מאַכען אַן ענדערונג צו פערבע־סערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אָרימען פאָלק ניט אויף דעם פּאָליטישען וועג, נאָר דורך די גרינדונג פון קאָמוניסטישע פעראיינען. ער האָט גע־גלויבט, דאָס דורך אַזעלכע פעראיינען וועט איהם געלינגען צו איבערצייגען די וועלט אין דעם גרויסען גליק, וואָס מען קען ערוואַרטען פון אַזעלכע פעראיינען, און האָט דעריבער אַפּעלירט צו געלעהרטע און רייכע, אַז זיי זאָלען איהם העלפען צו גרינדען אַזעלכע פעראיינען. זיין אָנהענגער ברעי איז ניט געווען געפעלען זיין פּלאַן צו בעטען הילף פון די רייכע צו גרינדען קאָמוניסטישע פעראיינען, און ער האָט זיך וועגען דעם געווענדט צו די אַר־בייטער און אונטערדריקטע. ער האָט גערעדט אין זיין ווערק, וועלכעס ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1839, אין אַ גאַנץ אַנדערען טאָן ווי אָוען. „פיר די ארבייטער", זאָגט ער אין דיזען ווערק, „האָבען ניט די אַלע איינ־ריכטונגען פון די רעגירונגען קיין הייליגקייט. פיר זיי איז יעצט וויכטיג

צו בעשטימען, אויב עס איז מעגליך צו ענדערן די יעצטיגע אָרדנונג, וועל־כע האַלט זיי אין אָרימקייט, און צו צושטערען דעם טייל פון דער רעגי־רונגס־מאַשינעריע, וועלכע העלפט אונטערדריקען די אָרימע. די אַרבייטער טראָגען די גאַנצע לאַסט פון דער געזעלשאַפט אויף זייערע שולטערן, זיי מוזען אַלעס שאַפען פיר אַלעמען און אַליין ליידען זעהר אָפט הונגער. יע־דען קריזיס, פון וועלכען די געזעלשאַפט ליידט, ליידען די אַרבייטער פיעל מעהר און שטאַרקער, פיר זיי שמעקט עס זעהר אָפט מיט׳ן טויט. די צייט פון בלינדער געהאָרזאַמקייט צו דער הערשענדער קלאַס און דער רעגירונג איז שוין פאַריבער. די אונפעהיגקייט פון די הערשענדע קלאַסען ווייזט זיך אַרויס פון טאָג צו טאָג קלאָרער און בולט׳ער״.

די רפואה צו דיזער שרעקליכער מכה, זאָגט ברעי, איז — צו בעזייטיגען דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און רעפאָרמירען די הערשענדע אַרט פון פּראָדוצירען, וועלכע גיט יעדען אונפעראַנטוואָרטליכען אינדיווידיאום די מאַכט צו אונטעריאָכען די אַרבייט דורך קאַפּיטאַל. מען מוז גרינדען, זאָגט ער, גרויסע גענאָסענשאַפטען, וועלכע וועלען זיי׳ן דער איבערגאַנג צו דער געוווּנשטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. אין דיזע גענאָסענשאַפטען וועט נאָך אפילו עקסיסטירען די יעצטיגע אָרדנונג פון לוין־סיסטעם, אָבער דאָס לוין־סיסטעם וועט זיין בעשטימט לויט דער צייט, וואָס דער אַרבייטער וועט פערברויכען אויף זיין אַרבייט. עס זאָל אַזוי ווערען איינגעריכטעט, דאָס יעדער אַרבייטער זאָל בעקומען דעם פולען ווערט פון זיין אַרבייט. די געזעלשאַפטס־אָרדנונג פון ברעי האָט פיעל עהנליכעס צום סאָציאַליזם פון לאַססאַלל.

די אַנדערע וויכטיגע פערטרעטער פון אָוען׳ס סאָציאַליזם זיינען גע־ווען: וויליאַם טהאָמסאָן און אַבראַם קאָמבע. טהאָמסאָן׳ס טהעאָריע האָט אַ גרויסע בעדייטונג אין דעם סאָציאַליזם. מיר וועלען איבער איהם רעדען אין אַן אַנדער אָרט.

ערסט נאָך דער טשאַרטיסטען־בעוועגונג איז אַרויפגעשוואומען דער „קריסטליכער סאָציאַליזם״. דיזער סאָרט סאָציאַליזם איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם אַדוואָקאַט דזשאָהן מאַלקאָלם לודלאָו און דעם גייסטליכען פריעדריך דעניסאָן מאָוריס. לודלאָו האָט געלערנט די סאָציאַליסטישע אידעען אין פראַנקרייך און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס די יעצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג קען מעהר ניט אָנהאַלטען. אין דיזער בעציהונג האָט ער פאָלשטענדיג איבעראיינגע־שטימט מיט מאָוריס׳ן, מיט וועלכען ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען אין

יאהר 1848. **נאך זייער מיינונג איז דאס יעצטיגע סיסטעם פון דער געזעלשאפט געגרינדעט אויף עגאאיזם און איז אין גאנצען געגען דעם פרינציפ פון קריסטענטום.** זיי האבען בעשלאסען צו פראפאגאנדירען זייערע אידעען עפענטליך און גרינדען א געזעלשאפט פון די, וואס וועלען איינשטימען מיט זייערע אידעען. צו דיזען צוועק האבען זיי געגרינדעט א וואכענשריפט מיט'ן נאמען „פאליטיק פיר דאס פאלק". אין א קורצער צייט האבען אנגעהויבען מיטצואַרבייטען אין דיזער וואכענשריפט פיעלע וויכטיגע מענשען, צווישען זיי איז אויך געווען טשארלס קינגסלעי. אין דיזער וואכענשריפט איז אויך בעהאנדעלט געווארען מיט גרויס גייסט און אין א גלענצענדען סטיל די ארבייטער-פראגע. די אלע ארטיקלען האבען בעהאנדעלט די סאציאלע פראגען נאר פון קריסטליכען שטאנדפונקט, אבער דערביי זיינען זיי געשריבען געווארען זעהר טאלעראנט געגען די, וואס דענקען אנדערס. זייער פרינציפ איז געווען: „קיינמאל ניט אנגרייפען אדער בעליידיגען די, וואס גלויבען ניט אין קריסטענטום, כיר זייער ניט-גלויבען".

דאס קריסטענטום איז פיר זיי געווען די רעליגיאן פון ברידערליכקייט, וועלכע פאדערט פון דעם שטארקען, אז ער זאל זיך אננעהמען פיר דעם שוואכען און בעשיצען איהם. אבער דאס פאלק איז געווען טויב צו זייער לעהרע, קיינער האט זי ניט געוואלט הערען. די רייכע האבען זיי גערעכענט פיר געפעהרליכע מענשען; די ארבייטער האבען ניט געהאט קיין צוטרויען צו דעם יעניגען, וואס האט צו זיי גערעדט פון קריסטענטום אדער פון דער ביבעל, אויף וועלכע זיי האבען געקוקט ווי אויף א בוך, וואס האט געהאט די טענדענץ צו האלטען די ארימע אין ארדנונג אום זיי זאלען ניט ארויס געגען די פערמעגענדע. דאס בלאט האט מעהר ניט עקסיסטירט ווי דריי מאנאטען, ווייל עס האט ניט געהאט גענוג אבאנעמענטען, אבער עס האט אין דער קורצער צייט פון זיין עקסיסטענץ געהאט א היבשע ווירקונג אויף דאס פאלק, אזוי דאס ארום מאורים און לודלאו האט זיך צוזאמענגעקליבען א גרויסע מאסע מענשען, וועלכע האבען איינגעשטימט מיט זייער לעהרע. צווישען דיזע האבען זיך געפונען אזעלכע וויכטיגע פערזאנען, ווי טשארלס קינגסלעי, טהאמאס היוז און די ברידער וואנסיטטארט ניל. דיזע מענער האבען געזוכט צו בעקענען זיך נעהענטער מיט די פערהעלטניסען פון די ארבייטער אום צו העלפען זיי ווי ווייט מעגליך. אין דעצעמבער פון יאהר 1849 איז ערשינען אין דעם „מארנינג קראניקל" א גאנצע רייהע פון ארטיקלען, **וועלכע האבען געשילדערט מיט שווארצע פארבען די טרויעריגע**

לאַגע פון די לאַנדאַנער שניידער. ווען דיזע אויבען־דערמאָהנטע לייט האָ-
בען דערזעהען דיזע ארטיקלען האָבען זיי זיך גענומען גענויער בעקאַנט צו
ווערען מיט דער שניידער־ארבייט. זיי האָבען זיך שוין פריהער געטראָגען
מיט'ן געדאַנק צו גרינדען אַ פעראיין פון די, וואָס פראָדוצירען, וואָס אר-
בייטען. יעצט האָבען זיי בעשלאָסען צו פערווירקליכען זייער אידעע מיט
גרינדען אַ שניידער־גענאָסענשאַפט. אין אַ קורצער צייט האָבען זיי גע-
שאַפען דעם נעטיגען קאַפּיטאַל צו דיזער אונטערנעהמונג. זיי האָבען גע-
דונגען אַ הויז, האָבען אריינגעבראַכט אין דיזעס הויז אַלעס, וואָס איז גע-
ווען נעטיג צו דיזער ארבייט, און האָבען בערופען אַ שניידער־פערזאַמלונג,
פאר וועלכער זיי האָבען פאָרגעלעגט זייער פּלאַן. עס איז באַלד צוגעשטאַ-
נען צו זיי די נעטיגע צאָהל טיכטיגע ארבייטער. אום צו קריגען בעשטע-
לונגען פיר דיזעס הויז האָט קינגסלעי ארויסגעשיקט אַ בראָשורע אונטער'ן
נאָמען „ביליגע קליידער”. אין דיזער בראָשורע האָט ער אָנגעצייגט אויף
די עקסיסטירענדע פעהלערן אין דעם שניידער־פאַך און האָט אויפגעפאָ-
דערט דאָס לעזענדע פובליקום אָנצוצייגען, ווי אַזוי מען זאָל דיזע פעהלערן
בעזייטיגען, און יעדער זאָל זיך ווענדען מיט זיינע מיינונגען און פּראָיעקטען
צו דעם געגרינדעטען שניידער־פעראיין. דיזע בראָשורע האָט געהאַט אויף
דאָס פּובליקום אַ גרויסע ווירקונג, און זי האָט פערשאַפט זעהר פיעלע קונ-
דען צו דעם געגרינדעטען פעראיין פון דעם שניידער־פאַך.

אין דיזער צייט האָבען זיי אָפיציעל אָנגענומען דעם נאָמען „קריסט-
ליכע סאָציאַליסטען”. זיי האָבען ארויסגעגעבען זעהר פיעלע בראָשורען,
אין וועלכע זיי האָבען פערברייטעט זייער אידעע. אַ גרויסען איינפלוס
האָט געהאַט אין דיזער הינזיכט דער ראָמאַן מיט'ן טיטעל „אַלטאָן לאָק”
פון קינגסלעי; דיזער ראָמאַן איז ערשינען אין יאָהר 1850.

די שניידער־געזעלשאַפט האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. זי האָט
געמאַכט זעהר גוטע געשעפטען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס פיעלע
אַנדערע פאַכען האָבען אָנגעפאַנגען נאָכצוטאָן זיי און גרינדען פּראָדוק-
ציאָנס־געזעלשאַפטען, און האָבען זיך געווענדט צו דער שניידער־געזעל-
שאַפט, אַז זי זאָל זיי געבען עצות און העלפען צו פערווירקליכען זייער
פערלאַנג. דער שניידער־פעראיין האָט געטאָן אַלעס מעגליכעס צו העלפען
אַנדערע פאַכען צו פעראייניגען זיך אין געזעלשאַפטען און צו פּראָדוצירען
אויף אייגענע רעכנונג. אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד האָבען זיך גע-
בילדעט אַזעלכע געזעלשאַפטען. עס האָט זיך געגרינדעט אַ נייער אָרגאַן
אונטער דעם נאָמען „דער קריסטליכער סאָציאַליסט”, אום צוזאַמענצוביג-

דען אַלע פערשיידענע געזעלשאַפטען אין איין גרויסעם גאַנצעם. דאַמאַלס זיינען ארויס געגען דיזער אידעע די גייסטליכע פון דער אַנגליקאַנישער קירכע. אָבער דיזע אַנגריפען האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט און פער־ברייטעט די אידעע פון קריסטליכען סאָציאַליזם. בעזונדערס האָבען די קריסטליכע סאָציאַליסטען געוואונען ביים פאָלק מיט דעם, וואָס אין דער צייט פון די גרויסע סטרייקס אין דער מאַשינען־אינדוסטריע אין 1851—1852 זיינען זיי געשטאַנען אויף דער זייט פון די ארבייטער. דורך זייער אַגיטאַציאָן האָבען זיך אויך די מאַשינען־בויער געגרינדעט אין פערשיי־דענע פּראָדוקציאָנס־פעראיינען.

בעזונדערס האָבען זיי זיך פערדינט געמאַכט מיט דעם, וואָס דורך זייער איינפלוס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין 1852 דאָס זעהר וויכטיגע געזעץ „The Industrial and Provident Societies" (די אינדוסטריעלע און אונטערשטיצונגס־פעראיינען). אויך אויף דעם געביט פון ערציהונג האָבען זיך די קריסטליכע סאָציאַליסטען ערוואָרבען גרויסע פערדינסטען. זיי זיינען געוועזען די גרינדער פון דעם „Working Men's College" (ארביי־טער שולע), וועלכער עקסיסטירט נאָך היינט צו טאָג. היינט געפינען זיך פיעלע עהנליכע שולען אין אַלע גרויסע שטעדט. די קריסטליכע סאָציאַ־ליסטען האָבען זייערע אייגענטליכע אידעען ניט געקענט פערווירקליכען. די ענגלישע ארבייטער זיינען זעהר שוואַכע אָנהענגער פון דער קירכע, און דעריבער זיינען די פּראָדוקציאָנס־געזעלשאַפטען, וואָס די ערסטע קריסט־ליכע סאָציאַליסטען האָבען געגרינדעט, אונטערגעגאַנגען. פון דעסטוועגען שטימען יעצט אַלע איין מיט דער מיינונג וועגען זיי, וואָס דער גרויסער פּאָליטישער עקאָנאָם פון ענגלאַנד דזשאָהן סטיוּאַרט מילל האָט ארויסגע־זאָגט, דאָס די ערסטע קריסטליכע סאָציאַליסטען זיינען געוועזען „אַ בונד פון פריינד, וועלכע פערדינען פיעל געלויבט און געעהרט צו ווערען פיר זייערע ערלע בעמיהונגען".

אָפּגעשוואַכט דורך דעם טרויעריגען סוף פון דער טשאַרטיסטען־בע־וועגונג האָט עס לאַנג גענומען ביז די ארבייטער־בעוועגונג אין ענגלאַנד איז געקומען אויף אַ העכערע שטופע. דיזעס האָט מען צו פערדאַנקען דעם בעריהמטען קאָנגרעס פון 24טען סעפּטעמבער 1864, וועלכער האָט שטאַטגעפונען אונטער דעם פאָרזיץ פון פּראָפעסאָר ב ע ע ס ל י אין דעם סט. מאַרטין'ס האָל אין לאָנדאָן. היר איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַן איטערנאַציאָנאַלען ארבייטער־פעראיין. דאָס האָבען נאָר די ענגלענדער געקענט גרינדען און דורכפיהרען, ווייל זייערע מיניסטעריומס האָבען אי־

מער אָנערקענט ליבעראַלע אידעען און האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן דער ערשאַפט פון געזעץ, עס מאַכט ניט אויס, אויב זיי האָבען געהערט צו די טאָריעס (קאָנסערוואַטיווע) אָדער וויהיגס (ליבעראַלע). עס זיינען באַלד ענטשטאַנען אין ענגלאַנד סעקציאָנען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַססאָציאַציאָן אָרגאַניזירט נאָך דעם פּלאַן, וועלכער איז פאָרגעלעגט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס.

די ענגלישע אָפּטיילונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער־פער־איין זיינען איבעראַל אָנערקענט געוואָרען אַלס די וויכטיגסטע. אייזשען דיופּאָנט, איינער פון די קאָרעספּאָנדירענדע מיטגלידער, האָט גע־שריבען: „הגם דער רעוואָלוציאָנערער גייסט קומט פון פראַנקרייך, מוז דאָך ענגלאַנד אַליין בעטראַכט ווערען אַלס די בעוועג־קראַפט פיר אַן ערנס־טע עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן. ענגלאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו עס זיינען יעצט גאָר ניטאָ קיין בויערן, וואו דער קאַפּיטאַל איז קאָנצענטרירט אין איניגע הענט, וואו דער קאַפּיטאַל האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט די גאַנצע פּראָדוקציאָן; וואו די גרויסע מעהרהייט בעשטעהט פון לוין־אַרבייטער, וואו דער קלאַסען־קאַמף און די אָרגאַניזאַציאָן פון דער אַרביי־טער־קלאַס דורך די טריידס־יוניאָנס (געווערק־פעראיינען) האָבען דערגרייכט אַ געוויסע שטופע פון צייטיגקייט. הגם דער גרויס־גרונדבעזיץ און דער קאַפּיטאַליזם הערשען אין דיזען לאַנד, זיינען אָבער באַלד צייטיג די בעדינ־גונגען, וואָס זיינען בערייט דאָס אַלעס צו צושטערען".

דער גענעראַל־ראַט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער־פעראיין האָט פריהער און מעהר פון אַלעס געזוכט צו געווינען פיר זיך די טריידס־יוניאָנס. און דיזעס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען, ווייל די טריידס־יוניאָנס האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַר־בייטער־פעראיין וועט זיי איבעראַל געלינגען צו קעמפען און צו געווינען דעם קאַמף פיר פערגרעסערן דעם אַרבייטער־לוין. און דעריבער האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־פעראיין געמאַכט איבעראַל גרויסע פאָרט־שריטען. אין דער צייט פון דעם יאָהר 1866 ביז צום יאָהר 1869 איז די צאָהל פון די מיטגלידער פון דיזען פעראיין געוואַקסען פון 25,175 ביז 95,000, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט 230 סעקציאָנען.

אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען די טריידס־יוניאָנס ניט געוואָלט מעהר וויסען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פעראיין. זיי זיינען ביי זיך געוואָרען גרויס און האָבען גערעכענט, דאָס פיר זיי פּאַסט ניט צוזאַמענהאַל־טען זיך מיט לייט, וואָס האָבען גענומען אָנטייל אין דעם קאָמונע־קאַמף

אין פּאַריז. דערצו האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער פעראיין צושפּאָלטען אין זיך זעלבסט און האָט פערלאָרען אַ גרויסע צאָהל פון מיטגלידער און אויך אין בעדייטונג.

די סאָציאַליסטישע אידעען האָבען וויעדער געוואונען אין ענגלאַנד מעהר באָדען דורך די אַגיטאַציאָן פון דעם אַמעריקאַנער ה ע נ ר י ד ז ש אָ ר ד ז ש. דיזען מאַן איז געלונגען צו געווינען פיעלע אָנהענגער, און ער האָט געגרינדעט מעהרערע פעראיינען דורכצופיהרען רעפאָרמעס אין באָדען-בעזיץ. אויך אַ רייהע פון אַנדערע ראַדיקאַלע גרופּען האָבען זיך ערקלערט פיר אַ פערשטאַאַטליכונג פון לאַנד. די וויכטיגסטע פראַגע, וואָס שטעהט פאַר ענגלאַנד צו לעזען, איז די פראַגע וועגען גרונד-אייגענטום, ווייל ענגלאַנד האָט ניט קיין בויערן-קלאַס, און כמעט די גאַנצע ערד פון לאַנד געפינט זיך נאָר אין די הענט פון אייניגע יחידים, און דאָס מוז געענדערט ווערען.

אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ענגלאַנד אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן פון דער „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פעדעראַציאָן". אום צו דעקען די קאָסטען, וואָס דיזע פּאַרטיי האָט אויסגעגעבען אום דורכצופיהרען איהרע צוויי קאַנדידאַטען אין פּאַרלאַמענט, האָבען זיי אָנגענומען געלט פון דער טאָרי-פּאַרטיי. דאָס האָט פיעל געשאַדעט זייער רעפּוטאַציאָן. שפּעטער האָבען זיך די סאָציאַל-דעמאָקראַטען בעטייליגט אין דער דעמאָנסטראַציאָן פון די ארבייטסלאָזע. וואָס אַנבעטרעפט טהעאָריע, פערטרעטען די מעהרסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פעדעראַציאָן די אַנזיכטען פון קאַרל מאַרקס. אין פּאָליטישער בעציהונג ווייזען זיי צוריק אַלע קאָמפּראָמיסען, און אונטערשטיצען אַלע פאַרשלאַגען וועגען רעפאָרמעס, וועלכע בעצוועקען צו בריינגען נעהענטער די פאָרמע פון פּראָדוקציאָן לויט דער פאָדערונג פון סאָציאַליזם. אָבער די הויפּט-קראַפט פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטען בעשטעהט ניט אין דער צאָהל פון זייערע מיטגלידער, נאָר אין דער ענערגיע און דעם אייפער פון זייערע פיהרער. אויסער די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָט געוואונען אין יאָהר 1883 אַ גרויסען איינפלוס אויף די סאָציאַליסטישע פעראיינען די „פאַביאַן סאָסאַיעטי", וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יענעם יאָהר. די אָנהענגער פון דיזער געזעלשאַפט געהערען מעהרסטענס צו דער מיטעלער קלאַס. זי שטעלט פאַר אַ היבשע מאַכט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך רעכנען. ביי די וואַהלען פון די קאַונטיס, וואָס זיינען פאָרגעקומען באַלד נאָך

זייער גרינדונג, זיינען ערוועהלט געוואָרען מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט צום פּאַרלאַמענט.

אָבער ניט אַכטענדיג דערויף איז די מאַכט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין ענגלאַנד ניט גרויס. די סאָציאַליסטישע אידעען זיינען פערשפּרייט געוואָרען מעהר צווישען דער מיטעל־קלאַס איידער צווישען די אַרבייטער. דער ענגלענדער מיט זיין פּראַקטישען זין אינטערעסירט זיך מעהר מיט זיין לוין־פערדינסט איידער מיט די אידעאַלען פון פערבעסערן אין דער צוקונפט די פּראָדוקציאָנס־פאָרמע און דורך דעם מאַכען אַן ענדערונג אין עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעלשאַפט. די אַרבייטער־פערטרעטער, וועלכע האָבען אין יאָהר 1892 שוין געשיקט דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט, געהערען אַלע צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי. נאָר צוויי פון זיי, ד ז ש אָ ה ן ב ו י ר נ ס און ק ע י ר ה א ר ד י ע, געהערען צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

די אינטערעסען פון די אַרבייטער ווערען פערטרעטען פון די ט ר ע י ד ס־י ו נ י אָ נ ס. דיזע אָרגאַניזאַציאָנען שטעהען אין ענגלאַנד אויף אַ זעהר הויכער שטופע. די אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ האָבען ניט צו זיי קיין גלייכען. די ענגלישע טרעידס־יוניאָנס זיינען אַן אַריסטאָקראַטיע אין דער אַרבייטער־קלאַס. זיי פערטרעטען דעם סאָרט אַרבייט, צו וועלכער מען קען געברויכען נאָר דערוואַקסענע מענער. די מאַשינען־שלאָסער, ציממער־לייט, סטאָליאַרעס און בוי־אַרבייטער האָבען ניט קיין קאָנקורענטען פון דער זייט פון פרויען אָדער קינדער. זיי שטעלען פאָר די הויפּט־מאַסע פון די טרעידס־יוניאָנס און דעריבער שטעהען זיי זעהר פעסט. און דאָס איז די אורזאַך, ווארום די טרעידס־יוניאָנס האָבען ערוואָרבען פיר זיך אַזאַ גינסטיגע לאַגע. זיי שטעהען אַזוי הויך, דאָס צווישען זיי און דעם אונטערנעהמער הערשט שלום און שלוה, זייערע אינטערעסען זיינען אַלגעמיינע, וואָס עס איז שעדליך פיר דעם אַרבייטער איז אויך שעדליך פיר דעם אונטערנעהמער, און וואָס עס איז גוט פיר איינעם איז אויך גוט פיר דעם אַנדערען.

דאַגעגען איז דער צושטאַנד פון די איבריגע אַרבייטער שרעקליך נידריג. דאָס עלענד און די אונזיכערהייט פון זייער עקסיסטענץ איז היינט ערגער ווי פריהער. „דער אָסט־ענד (די מזרח־טייל פון לאָנדאָן)", זאָגט ענגעלס, „איז אַן אימער וואַקסענדער זומפּ פון עלענד און פערצווייפלונג און פון הונגער ווען אונבעשעפטיגט, און פיזיש און מאָראַליש ערנידריגט ווען בעשעפטיגט. און אַזוי ווי אין לאָנדאָן איז עס אין אַלע אַנדערע גרויסע

שטעדט. אן אויסנאהמע מאכען נאר די דערמאָהנטע מיוחסים־ארבייטער. אויך אין די קלענערע שטעדט און אין די דערפער איז ניט בעסער. דאָס גזעץ, וועלכעס בעשרענקט דעם ווערט פון דער ארבייטס־קראַפט לויט דעם פרייז פון די נעטיגע לעבענסמיטלען, און דאָס אנדערע געזעץ, וועלכעס דריקט אראָפּ דעם דורכשניטליכען פרייז פון ארבייט ביז דעם מינימום פון דיזע לעבענסמיטלען, דיזעביידע געזעצען ווירקען אויף זיי מיט דער קראַפט פון אן אויטאָמאַטישער מאַשין, וועלכע צודריקט זיי צווישען איהרע רעדער".

ווען דער פּאַרלאַמענט האָט אָפּגעשאַפט די אָפּצאָהל פון תבואות, וואָס מען פיהרט אריין פון אויסלאַנד, איז דער זיג פון קאַפּיטאַל איבער די גוטס־בעזיצער געווען אַ פאָלקאָמענער. די גאַנצע פּאָליטיק פון ענגלאַנד, ווי די אינערע אזוי די אויסערע, איז געוואָרען קאַפּיטאַליסטיש. זי איז איבער־הויפּט געווען געריכטעט צו הייבען די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל. אַלעס, וואָס האָט געהינדערט צו דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, איז אָפּגע־שאַפט געוואָרען. דער גאַנצער צאָל־טאַריף און דאָס שטייער־וועזען זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען. די פרייהענדלער האָבען זיך בענוצט מיט אַן אַלטען געזעץ, לויט וועלכען פּראָדוקציאָנען פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער קע־נען אריינגעפיהרט ווערען אין ענגלאַנד נאָר אויף ענגלישע שיפען. קורץ, מען האָט געטאָן אַלעס אום מען זאָל מאַכען ביליג לעבענסמיטלען און רויהע מאַטעריאַלען, די פרייזען אויף וואארע זאָלען דורך דעם ווערען זעהר נידריג און צו מאַכען דערמיט ענגלאַנד די ווערקשטאַט פיר די גאַנצע וועלט. אַלע אַנדערע לענדער זאָלען דורך דעם ווערען נאָר מערק פיר ענגלישע וואארע; ענגלאַנד זאָל ווערען דער אינדוסטריעלער מיטעלפּונקט און די איבריגע אַקערבוי־לענדער זאָלען זיך אַלע בעוועגען נאָר ארום ענגלאַנד אַלס זייער צענטער.

צו דיזען צוועק האָט געדינט די גרויסע וועלט־אויסשטעלונג, וועלכע איז ערעפענט געוואָרען דעם 1טען מאַי אין לאָנדאָן. דער געדאַנק פון דיזער אויסשטעלונג איז בעשאַפען געוואָרען אין יאָהר 1849 און פּ אַ ק ס ט אָ ן האָט דאַמאָלס געמאַכט אַ ריזיגע גלעזערנע געביידע, אַ פּאַלאַץ, פיר די אויסשטעלונג. עס זיינען אָנגעפאָהרען אין ענגלאַנד צו דיזער אויסשטע־לונג זעהר פיעלע מענשען פון אַלע לענדער. דער גלאָז־פּאַלאַץ האָט צוגע־צויגען 6 מיליאָנען בעזוכער.

די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט געוואוסט ווי אַזוי צו בעקומען דורך דיזען צושטאַנד די אויבערמאַכט איבער די גאַנצע ענגלישע נאַציאָן. דיזע פּאַרטיי

האָט דאַמאָלס געהאַט די מעגליכקייט דורכצופיהרען איהר גרויסען ציל, נעמליך: פערבינדען זיך נעהענטער מיט דער ארבייטער-קלאַס און צו ער-פילען איהרע פאָדערונגען. דערמיט האָט זיך ענגלאַנד געשטעלט העכער פון אַלע לענדער אין אייראָפּאַ. עס איז ווירקליך דיזער פּאַרטיי ניט געווען שווער דיזע פּאָליטיק דורכצופיהרען, ווייל ענגלאַנד האָט דאַמאָלס ערוואָר-בען די וועלט-מאָנאָפּאָל אין מסחר און אינדוסטריע. אַלע געזעצען, וועלכע

דיזראַעלי (שפּעטער לאָרד ביקאָנספיעלד).

זיינען געמאַכט געוואָרען צו גונסטען פון די פאַבריקאַנטען און צום שאָדען פון די ארבייטער, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען.

ווען דיזראַעלי האָט אין יאָהר 1852 אריינגעבראַכט זיין פּראָ-יעקט אין פּאַרלאַמענט, דאָס מען זאָל פערגיטיגען די יעניגע, וואָס האָבען געליטען פון דעם געזעץ פון יאָהר 1845, האָט דאָס אַלטע טאָרישע מיניס-טעריום געהאַט אַזאַ שרעקליכע נידערלאַגע, דאָס עס האָט באַלד געמוזט

רעזיגנירען. אַנשטאַט דיזען מיניסטעריום איז געבילדעט געוואָרען אַ נייער געמישטער קאַבינעט, דער הויפּט־מיטגליד פון וועלכען עס איז געוועזען דער שאַץ־קאַנצלער גלאַדסטאָן. דיזער האָט אַריינגעבראַכט פּאַרלאַגען וועגען בודזשעט, וועלכע האָבען איהם בעריהמט געמאַכט אַלס גרעסטען ענגלישען פינאַנץ־מיניסטער. ער האָט פאָרגעשלאָגען מעסיגע אָפּצאָהלען, גערעכטערע פערטיילונג פון איינקונפט־שטייער און די אָפּשאַפונג פון אַ גאַנצער רייהע פון דריקענדע אָפּגאַבען.

די ווירקונג פון דיזער הערשאַפט פון די אינדוסטריעלע אינטערעסען איז געוועזען וואונדערבאַר. די פּראָדוקציאָן האָט זיך פערגרעסערט אָהן אַ שיעור און האָט דערגרייכט אַן אונגעוועהנליך הויכע שטופע. אין דעם יאָהר 1848 האָט דער האַנדעל מיט אייזען, וואָל און באַוועל בעטראָפען איבער 3 מיליאַרדען, און אין 1856 האָט דער אומזאַץ בעטראָפען 7 מיליאַרדען. דיזער גליקליכער צושטאַנד פון דער בורזשואַזיע האָט געגעבען ענגלאַנד די מעגליכקייט צו פיהרען דעם קרימער קריג, וועלכער האָט איהר אָפּגעקאָסט אונגעהייערע גרויסע סומעס, און דאָך איז דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון לאַנד ניט געקומען אין קיין פערלעגענהייטען. אָבער דיזער גליקליכער פינאַנציעלער צושטאַנד איז אונטערגעבראָכען געוואָרען אין יאָהר 1857 און נאָכדעם נאָך אַ מאָל אין יאָהר 1866. זעהר שווער איז אויסגעפאַלען דער קריזיס פון יאָהר 1857. דיזער קריזיס האָט אויפגעטרייסעלט די גאַנצע וועלט, מען האָט איהם שטאַרק געפיהלט אפילו אין אינדיען און אין יאַוואַ. די פעלקער זיינען געקומען נעהענטער אין בעריהרונג צווישען זיך, און דעריבער טיילען זיי זיך מיט געווין און מיט פערלוסט (ריוח און היזק). אָנגעהויבען האָט זיך דער קריזיס אין נאָרד־אַמעריקאַ. איבערהויפּט האָט געליטען די מסחר־וועלט אין די מאָנאַטען סעפּטעמבער און אָקטאָבער. אין דיזער קורצער צייט האָבען אויסגעבראָכען 5,123 באַנקראָטען, מיט אַ פערלוסט פון 700 מיליאָנען גולדען.

מיט אַ מאָנאַט שפּעטער איז דער שטורם אָנגעקומען קיין ענגלאַנד. עס איז קיין וואונדער ניט. ענגלישער קאַפּיטאַל האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין אַמעריקאַנישע אייזענבאַהנען און אַנדערע אונטערנעהמונגען איבער 700 מיליאָנען גולדען. דערפון איז פיעל פערלאָרען געגאַנגען, און דאָס האָט אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון קרעדיט. אַלס צוגאָב צו דעם האָט דער קריג מיט אינדיען און כינאַ פערשלונגען אונגעהייערע סומעס געלט. נאָך אינדיען האָט די רעגירונג געשיקט פיר 200 מיליאָנען זילבער. אויך ניו יאָרק האָט דאַמאָלס פערשלונגען גרויסע מאַסען גאָלד און זילבער.

די באַנק האָט אָנגעהויבען נעהמען צינזען פון 8 און אויף 10 פּראָצענט. די גרויסע באַנק־הייזער זיינען געפאַלען און מיט זיי זיינען רואינירט געוואָרען פיעלע אַנדערע, קלענערע באַנק־געשעפטען. די פּרייזען פון סחורות זיינען שטאַרק אַרונטערגעפאַלען, די פאַבריקען זיינען געשטאַנען שטיל, טויזענדער אַרבייטער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער. פון סעפּטעמבער 1857 ביז פעברואר 1858 זיינען פאָרגעקומען אין ענגלאַנד 207 גרויסע באַנקראָטען, וועלכע האָבען בעטראָפען איבער 700 מיליאָנען גולדען. כמעט דאָס זעלבע ווי אין אַמעריקאַ. פון ענגלאַנד איז דער שטורם פון קריזיס אַריבער אין פיעלע אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ און האָט איבעראַל אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות, הגם ניט אין דעם זעלבען גראַד ווי אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ.

אויך דער קריזיס פון יאָהר 1866 האָט אָנגעמאַכט פיעל שאָדען און אונגליק. אין דיזען קריזיס האָבען געהאַט אַ גרויסען טייל די פּאָליטישע איבערקעהרעניסען אין דייטשלאַנד. עס האָט געשמעקט מיט אַן אייראָפּע־אישען קריג. די סימפּטאָמען זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרען שטאַרקער און קענטיגער; דאָס האָט פעראורזאַכט מיסטרויען און דער קרעדיט האָט פיעל געליטען. דער ערסטער קראַך איז געווען אין ליווערפּול. אַ גרויסע באַנק האָט דאָרט באַנקראָטירט און דאָס האָט אָנגעמאַכט גרויסע צרות און ענגשאַפט אין ווייטע קרייזען. די אורזאַך פון דיזען קריזיס אין ליווערפּול ווי אויך אין מאַנטשעסטער איז געווען, דאָס די באַוואָל־הענדלער האָבען פערלאָרען זעהר גרויסע סומעס געלט אין געשעפט פון באַוואָל. יעדען טאָג האָט אויסגעבראָכען אַ נייער באַנקראָט. די גרעסטע פּאַניק האָט אָנגעמאַכט דער שטורץ פון דער גרויסער אַקציען־געזעלשאַפט אָווערענד, גורני און קאָמפּ. די אָבליגאַציאָנען האָבען בעטראָפען 240 מיליאָנען מאַרק. דער שרעק פון דיזען קראַך איז געווען אונגעהייער. די לאָמבאַרד־גאַס און די אַנדערע גאַסען, וואָס גרענצען זיך מיט דיזער גאַס, וואו עס געפינען זיך די מעהרסטע באַנק־הייזער, זיינען געווען פערבלאָקירט מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען אַרויסצוציהען זייערע געלטען פון די בענק. די בערזע איז געווען בוכשטעבליך פּאַראַליזירט, זי האָט ניט געמאַכט קיין געשעפטען און האָט ניט אַרויסגעגעבען קיין נאָטיצען פון קורסען־בעריכטען. אַלע געשעפטען האָבען זיך אָפּגעשטעלט. ענדליך איז די רעגירונג געקומען צו הילף, און האָט אויסגעבאָרגט די באַנקען 3 מיליאָנען פונט סטערלינג (15 מיליאָנען דאָלאַר). דאָס האָט בערוהיגט דאָס לאַנד און די פּאַניק איז פּאַריבער.

נאָך דעם קריזיס פון יאָהר 1866 איז ווידער געוואָרען לעבעדיג אין דער האַנדעלס־וועלט. אָבער דיזער בעסערער צושטאַנד פון געשעפט האָט אָנגעהאַלטען ניט לאַנג. פון יאָהר 1876 איז די ענגלישע אינדוסטריע נאָך ניט אַרויס פון זומפּ. ניט עס בליהען דאָרט די געשעפטען, ניט זיי שטיר־צען צוזאַמען. עס הערשט דאָרט אַ טויטענדער דרוק. אַלע מערק זיינען איבערפילט מיט וואַרע, וועלכע עס איז ניטאָ וואו אָפּצוזעצען. ענגלאַנד בעזיצט שוין מעהר ניט די מאָנאָפּאָל פיר איהרע פּראָדוקציאָנען. אַמע־ריקאַ און אויך אַנדערע לענדער אין אייראָפּאַ פּראָדוצירען זעהר פיעל, און די ענגלישע פּראָדוקציאָן ווערט פון יאָהר צו יאָהר איינגעשרומפּען.

וועגען דער אינערליכער פּאָליטיק פון ענגלאַנד איז פאַראַן צו זאָגען ווענינ אינטערעסאַנטעס. אין אַלגעמיין צייכענט זיך ענגלאַנד אויס פון אַלע אַנדערע שטאַאטען דערמיט, וואָס איהר געשיכטע איז איבערהויפּט אַ געשיכטע פון פּראָגרעס. די אינערע פרייהייט ענטוויקעלט זיך מעהר און מעהר אָהן אַ שום שטערונג. דאָס פּאָלק בעקומט מעהר און מעהר רעכט, עס מאַכט ניט אויס וועלכע מיניסטעריומס עס שטעהען אָן דער שפּיץ פון דעם לאַנד.

וויכטיגער פון אַלעם איז די פּאַרלאַמענטס־רעפאָרמע, וועלכע האָט זיך שליסליך דערנעהנטערט צו דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט. אין יאָהר 1866 האָט גלאַדסטאָן פאָרגעשלאָגען דעם אונטער־הויז פון פּאַרלאַ־מענט אַ פּראָיעקט צו פערגרעסערן די צאָהל פון די וועהלער דורך פערקלע־נערן דעם צענזוס (די איינקונפט, וואָס גיט איינעם דאָס רעכט צו שטי־מען) פיר די גראַפשאַפטען פון 50 אויף 14 פונט סטערלינג אַ יאָהר, און פיר די שטעדט אויף 7 פונט סטערלינג. דיזעס געזעץ וואָלט געגעבען שטימ־רעכט צו 400,000 פּערזאָנען מעהר ווי פריהער, און צווישען דיזע וואָלטען זיך געפונען 200,000 אַרבייטער. אָבער דיזע רעפאָרמע איז ניט דורכגע־גאַנגען. נאָר דאָס פּאָלק האָט ניט נאָכגעלאָזען. און דאָס נייע מיניס־טעריום האָט געמוזט מיט אַ יאָהר שפּעטער ווידער בעשעפטיגען זיך מיט דיזער רעפאָרמע פון פּאַרלאַמענט. דעם 18טען מערץ 1867 האָט די רע־גירונג אַריינגעבראַכט נאָך אַ מעהר ראַדיקאַלען ביל, ווי דער, וואָס גלאַד־סטאָן האָט אַריינגעבראַכט, און דיזער ביל איז דעם 15טען יולי געוואָרען אַ געזעץ. דיזער ביל האָט געגעבען שטימרעכט זאָגאַר צו אַ פּערזאָן, וואָס האָט ניט קיין אייגענטום, נאָר וואָס האָט געדונגען אַ הויז אויף אַ יאָהר און האָט ערפילט דעם קאָנטראַקט, ד. ה. האָט בעצאָהלט די דירה־געלט פיר אַ יאָהר. דער צענזוס פון לאַנד איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען אויף 12

פונט סטערלינג הכנסה אין אַ יאָהר. מיט דיזער רעפאָרמע איז די ענגלישע קאָנסטיטוציאָן געוואָרען כמעט פאָלשטענדיג דעמאָקראַטיש. דיזער ביל האָט געהאַט פיעלע געגנער, וועלכע האָבען פאָרויסגעזאָגט, דאָס ער וועט ברייננען דעם לאַנד גרויסע צרות, אָבער זייערע פאָרויסזאָגונגען זיינען ניט בעשטעטיגט געוואָרען. אין געגענטייל, זינט דאַן האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע פון מייסטערהאַפטע געזעצען און איינגעפיהרט ביי

גלאַדסטאָן.

זיך נייע זעהר וויכטיגע איינריכטונגען, וועלכע מען קען ניט געפינען אין קיינעם פון די אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ, ווי, צום ביישפיל, דאָס געזעץ פון יאָהר 1895 איבער דאָס געמיינדע=וואַהלרעכט, וועלכעס איז אַ מוסטער פון דעמאָקראַטישע פרינציפּען.

אין יאָהר 1867 האָט די פראַגע וועגען אירלאַנד צוגעצויגען אויף זיך די עפענטליכע מיינונג. די פעניער=פערבינדונג פון אַמעריקאַ

האָט געהאָלפען די בעוואוינער פון דער „גרינער אינזעל" (אירלאַנד) צו גרינדען אַ געהיימען בונד, וועלכער האָט געמאַכט אַלס זיין אויפגאַבע צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען ענגלאַנד און גרינדען אַן אירלענדישע רעפּובּליק. אין אָנפאַנג פון יאָהר 1867 האָבען זיך געמאַכט אין אירלאַנד אויפשטאַנדען אין פערשיידענע ערטער. די אירלענדער האָבען דורך מאָרד בעפרייט פיעלע געפאַנגענע פון פעניער־בונד און זיי האָבען זאָגאַר פעראורזאַכט אַ פולווער־עקספּלאָזיאָן, פון וועלכער עס זיינען אומגעקומען 40 זייטיגע אונשולדיגע מענשען. דורך דיזע פּאָליטיק האָבען די פעניער פערלאָרען יעדע סימפּאַטיע, וועלכע עס האָבען צו זיי געהאַט די ענגלישע ארבייטער, און אַלע האָבען בעגריסט און געהאַלטען פיר רעכט די מאַסרעגלען פון אונטערדריקונג, וואָס ענגלאַנד האָט גענומען געגען אירלאַנד. אָבער דערמיט איז די אירלענדישע פראַגע ניט געלעזט געוואָרען. מען האָט געפאָדערט אַ רעפאָרמע אין דער ענגלישער הערשאַפט איבער אירלאַנד. דעם 26טען יולי 1869 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון ענגלישען פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, לויט וועלכען די אַנגליקאַנישע קירכע האָט אויפגעהערט צו זיין די הערשענדע שטאַאַטס-קירכע אין אירלאַנד. פון די גיטער, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו דער אירלענדישער קירכע, זיינען צוויי דריטעל, לויט דעם נייעם געזעץ, געבליבען פיר איהר, און איין דריטעל איז פערווענדט געוואָרען פיר וואָהלטעטיגע צוועקען.

אָבער אירלאַנד האָט זיך מיט דיזען געזעץ ניט צופרידען געשטעלט, ווייל די הויפּט־אונצופרידענהייט איז געלעגען אין דער פראַגע פון דער לאַנד־פערטיילונג. אום צו בערוהיגען די אונצופרידענע איז אין דעם אונטער־הויז אַריינגעבראַכט געוואָרען אַ ביל, דאָס די רעגירונג זאָל אויפקויפען אין אירלאַנד פיעל גרונד און באָדען און פערטיילען עס צווישען די בויערן, אום צו שאַפען דערמיט אַ קלאַס פון קליינע גרונד־בעזיצער. דיזעס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען אין יאָהר 1870. אָבער אויך דיזעס געזעץ האָט ניט געהאַט די ווירקונג, וועלכע מען האָט פון איהם ערוואַרטעט, ווייל עס איז ניט געווען גענוג אום אַלעמען צופרידען צו שטעלען.

אויך שפּעטער האָט ענגלאַנד געהאַט פיעל צו טאָן מיט דער פראַגע וועגען אירלאַנד. זי האָט זיך נאָך לאַנג בעשעפטיגט מיט דיזער פראַגע. אירלאַנד איז נאָך לאַנג געווען אַ דאָרן אין דעם פלייש פון גרוים בריטאַנניען. די אירלענדער האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן פון ענגלאַנד צו געבען זיי אַ בעזונדערען פּאַרלאַמענט. זיי האָבען אפילו מסכים געווען, דאָס דער פּאַרלאַמענט זאָל זיין אונטערוואָרפען אונטער דער קאָנטראָל פון דער ענגלישעה

רעגירונג. אָבער דיזע פאָדערונג פון די אירלענדער האָט געהאַט זעהר פיעלע געגנער פון אַלע פּאַרטייען אין ענגלאַנד, סײַ פון די קאָנסערוואַטיווע, סײַ פון די ליבעראַלען.

ב. די אויסלענדישע פּאָליטיק פון ענגלאַנד.

אויף די אויסערע פּאָליטיק פון ענגלאַנד האָט פיעל גערינט די אינטערעסען פון דער אינדוסטריעלער קלאַס. ענגלאַנד איז אין יענער צייט געווען הויפּטזעכליך בעמיהט צו גרינדען אין דער גאַנצער וועלט אין פערשיידענע פונקטען מערק אָפּצוזעצען די פּראָדוקטען פון איהרע פאַבריקאַנטען אין פערשיידענע צווייגען: אין באַוועל, מעטאַל, טעפּער־וואַארע און אַנד. דער נוץ, וואָס ענגלאַנד האָט געצויגען פון איהרע קאָלאָניעס, איז אונגעהייער גרויס. די גאַנצע גרויסקייט פון ענגלאַנד איז צו פערדאַנקען דעם פערקעהר, וואָס זי האָט מיט איהרע קאָלאָניעס, פון וועלכע זי בעקומט רויהע מאַטעריאַלען און שיקט זיי צוריק אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען.

די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק האָט ענגלאַנד געטריבען מיט גרויס ענערגיע. פיעלע פון די אייראָפּעאישע מעכטען זיינען זעהר אָפט געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף ענגלאַנד פיר די אַרט און וויזע, ווי זי האָט געטריבען דיזע פּאָליטיק. די אייראָפּעאישע רעגירונגען זיינען געווען שטאַרק אונצופרידען מיט ענגלאַנד פיר איהר האַנדלונג אין גריכענלאַנד. דעם 12טען מערץ 1861 האָט דער פּאַרלאַמענט פון דער יאָנישער רעפּובליק, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון ענגלאַנד, פערלאַנגט די ערלויבניס פון ענגלאַנד צו פעראייניגען זיך מיט גריכענלאַנד. ענגלאַנד האָט עס אָבער ניט ערלויבט און האָט דעם פּאַרלאַמענט צולאָזען, ווייל דאַמאָלס האָט רעגירט אין גריכענלאַנד דער קעניג אָטטאָ, וועלכער איז געווען שטאַרק געניינגט צו פראַנקרייך און צו רוסלאַנד. נאָר נאָך דעם, ווי עס האָט פערנומען דעם גריכישען טראָן דער דענישער פּרינץ, דער ברודער פון דער פּרינצעסין פון וועילס, געאָרג דער 1טער (נאָוועמבער 1863), האָט ענגלאַנד נאָכגעגעבען דעם וואונש פון דער יאָנישער רעפּובליק צו פעראייניגען זיך מיט גריכענלאַנד, און האָט זיך ענטזאַגט פון איהר שוץ־הערשאַפט.

ענגלאַנד האָט בעקומען נאָך מעהר פיינד צווישען די אייראָפּעאישע מעכטען פיר איהר האַלטונג אין דעם שטרייט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען פּרייסען און דענעמאַרק צוליב שלעזוויג־האָלשטיין. ענגלאַנד האָט אַנפאַנגס געפּרובט אָפּשרעקען דייטשלאַנד מיט פערשיידענע מיטלען אום זי

זאָל צורוה לאָזען דענעמארק, אָבער ווען פרייסען צוזאמען מיט עסטרייך האָבען אַפּגענומען שלעזוויג און אַלזען מיט דער מאַכט פון וואַפען, האָט ענגלאַנד פערלאָזען דענעמארק אָהן שום הילף.

זעהר וויכטיג אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון ענגלאַנד איז געווען דער אויפשטאַנד אין אינדיען אין די לעצטע יאָהרען. אין די ערסטע צייטען פון דער עראָבערונג פון אינדיען דורך ענגלאַנד איז די רעגירונג פון דיזער קאָלאָניע געווען אין די הענט פון אַ האַנדעלס־געזעלשאַפט. אָבער ווען די טעריטאָריע, וועלכע די ענגלענדער האָבען פערנומען אין אינדיען, איז געוואָרען אונגעהייער גרויס, איז דיזער סאָרט רעגירונג געוואָרען זעהר אונבעקוועם און ניט גענוג. דערצו האָבען נאָך די ענגלענדער אויסגעאיבט זייער הערשאַפט אין אינדיען זעהר טיראַניש, און האָבען זעהר שלעכט זיך געשטעלט געגען די היימישע זיטען און רעליגיאָן. דיזע בעציהונגען פון די ענגלענדער צו די אינדיער האָט געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד אין יאָהר 1856, ווען ענגלאַנד האָט צוגענומען צו איהר טעריטאָריע אין אינדיען אויך דאָס קעניגרייך אָודע. פון פערשיידענע ערטער זיינען געקומען נאַכריכטען פון מיליטער־אויפשטאַנדען. די איינגעבאָרענע טרופּען פון די אינדיער האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 330,000 מאַן, און נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל סאָלדאַטען האָבען די היימישע פעאָדאַל־פירסטען געהאַט אַלס הויז־טרופען. די אָסט־אינדישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט רעגירט אין אינדיען אין נאָמען פון ענגלאַנד, האָט מעהר ניט געהאַט ווי 20,000 סאָלדאַטען, און די ענגלישע רעגירונג האָט דאָרט געהאַט 30,000 סאָלדאַטען. די אייראָפּעאישע ציוויל־בעפעלקערונג האָט געצעהלט קוים 10,000 מאַן.

הגם די ענגלענדער זיינען געווען פיעל שוואַכער אין קריגס־מאַכט פון די אינדיער האָבען זיי דאָך פאַרטגעזעצט זייער דריקענדע פּאָליטיק און האָבען ניט געוואָלט הערען וואָס מען האָט זיי געוואָרנט פון אַלע זייטען. דער רעזולטאַט פון אַזאַ האַנדלונג איז געווען, דאָס דעם 18טען מאַי 1857 האָט אויסגעבראָכען אין מיראַט אַ בונט צווישען די היימישע סיפּאַהיס, ד. ה. אינדישע סאָלדאַטען. די אייראָפּעאישע אָפיצערען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, און אַלע קאַזארמעס זיינען פערברענט געוואָרען. צו די בונטאָווטשיקעס אין מיראַט זיינען באַלד צוגעשטאַנען די איינוואוינער פון דעהלי, די אַלטע הויפּטשטאָדט פון דעם גרויס־מאָגולאַט. זיי האָבען בערויבט די מיליטערישע קאַסע, אין וועלכער זיי האָבען געפונען איבער 2 מיליאָנען פונט סטערלינג (10 מיליאָנען דאָלאַר), און האָבען פערכאַפּט זעהר פיעל קריגס־מאַטעריאַל. איבעראַל

האָבען די בונטאָווטשיקעס אָנגעמאַכט צווישען די אייראָפּעער שרעקליכע שחיטות, און האָבען ערוועהלט אַלס הערשער פון גאַנץ אינדיען דעם פּרי-הערדיגען גרויס-מאָגול באהאדור.

די בריטישע אָסט-אינדיען האָט דאַמאַלס געשוועבט אין אַ שרעקליכער געפאַהר. דאָס גליק פון ענגלאַנד איז דאַמאַלס געווען, וואָס די איינגעבאָ-רענע פירסטען האָבען זיך ניט געוואָלט בעטייליגען אין דיזען אויפשטאַנד. עס זיינען געווען צווישען די היימישע פירסטען זעהר ווּעניג אויסנאַהמען אין דיזער הינזיכט. עס איז געווען צו לאַנג צו וואַרטען צו בעקומען הילף פון ענגלאַנד. מען האָט זיך געמוזט ענטשליסען אָנצונעהמען דעם קאַמף באַלד און דערשטיקען דעם בונט. דער גענעראַל האַוועלאָקק האָט געשלאָגען דעם אינדישען אָנפיהרער נענא סאהיב, וועלכער האָט אויס ראַכע געלאָזען ערמאָרדען אין קאַנפּור 900 ענגלענדער מיט שרעקלי-כע אכזריות. דער גענעראַל ווילסאָן האָט געשטורמט אויף דעהלי (20טען סעפּטעמבער) און האָט גענומען געפאַנגען דעם גרויס-מאָגול. אין דער זעל-בער צייט האָבען די ענגלענדער דערשטיקט דעם אויפשטאַנד אין לאַהאָרע. דעם 16טען מערץ 1858 איז איינגענומען געוואָרען לאַקנאַו, די הויפטשטאָדט פון אָודע, און גאַנץ אָודע איז בעזעצט געוואָרען מיט מילי-טער. אין דער שלאַכט פון גוואַליאָר האָבען די בונטאָווטשיקעס געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע און האָבען געמוזט זוכען רעטונג אין די הימאַלאַיישע בערג.

די ענגלענדער האָבען גענומען פון די אינדיער שרעקליכע ראַכע. מען האָט אויסגעראָטעט אַלעס, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין די הענט. די יע-ניגע, וואָס האָבען זיך געלאָזט נעהמען געפאַנגען, זיינען געהאַנגען אָדער דערשאָסען געוואָרען. ביז צו ענדע פון יאָהר 1858 איז דער אויפשטאַנד אין גאַנצען דערשטיקט געוואָרען. אָבער אויך נאָכדעם האָט מען לאַנג ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען איינצעלנע פערזאָנען. דער רעזולטאַט פון די-זען אויפשטאַנד איז געווען, דאָס די פערוואַלטונג אין אינדיען איז אַרויס פון דעם רשות פון דער האַנדעלס-געזעלשאַפט און איז אַריבער צו דער קרוין. אויך דער מאַטעריעלער צושטאַנד אין אינדיען איז פיעל געענדערט געוואָרען. מען האָט זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע אַרויסצובריינגען רויהע מאַטעריאַלען. עס זיינען געשיקט געוואָרען נאָך אינדיען ענגלישע קאַפּיטאַלען צו דיזען צוועק. פון דאַמאַלס אָן האָט זיך פערדאָפּעלט דער אַרויספיהר פון רויהע מאַטעריאַלען פון אינדיען נאָך ענגלאַנד. אין יאָהר 1864 האָט דער אַרויספיהר פון רויהע מאַטעריאַלען בעטראָפען 52½ מי-

ליאָנען פונט סטערלינג. די הויפט־גענענשטענדען פון עקספּאָרט זיינען גע־
ווען באוועל, וואָל און רייז. פיעל האָט די ענגלישע רעגירונג געהאָלפען צו
דיזען ערפאָלג מיט די אייזענבאהנען, וואס זי האָט אויסגעבויט אין אינדיען.

איינינע יאהר שפּעטער איז ענטדעקט געוואָרען א שטארקע פערשווע־
רונג צווישען די נעגערן אויף דער אינזעל יאמאיקא (אמעריקא). אָבער
דער שטאטהאלטער ס א י ר און די וויסע פלאנצער האָבען גענומען ענער־
גישע שריט און דער אויפשטאנד איז דערשטיקט געוואָרען. ענגלאנד האָט
זיך בענוצט מיט דיזער לאגע און האָט געמאכט בעשרענקענדע ענדערונגען
אין דער פרייער פערפאססונג פון דיזער אינזעל. אָבער נאָך א גענויער אונ־
טערזוכונג האָט די ענגלישע רעגירונג אויסגעפונען, דאס די נעגערן זיינען



דיוואן־אי־אם מיט וואפען־פלאץ אין דעהלי.

אין דיזען אויפשטאנד ניט געווען שולדיג, נאָר די ענגלענדער האָבען זיי
געצוואונגען דערצו מיט זייער גרויזאמער בעהאנדלונג, וועלכע איז גע־
שעהען מיט דער צושטימונג פון דעם גאָווערנאָר. די ענגלישע רעגירונג
האָט ארונטערגעזעצט דעם גאָווערנאָר פון זיין אמט און האָט איהם גע־
שטעלט אונטער א קלאגע (1865).

אין יאהר 1868 האָט ענגלאנד געפייערט א גרויסען טריאומף. דער
אביסינישער קעניג ט ה ע א ד א ר ו ס האָט געוואָלט גרינדען א גרויסע
אביסינישע מדינה און האָט זיך ערלויבט ארייַנצוואַרפען ענגלישע בעאמ־
טע אין געפענגנים. ענגלאנד האָט געפאָדערט גענוגטואונג, אָבער טהעאָ־
דאָרוס האָט ניט געשענקט ענגלאנד'ס פאָדערונגען קיין אויפמערקזאמקייט.

דאן האט ענגלאנד געשיקט אן עקספעדיציאן נאך דעם רויטען מעער (ים סוף) אונטער דער קאמאנדע פון סער ראבערט נאפיער. עס האט ניט לאנג גענומען און די ענגלענדער האבען געזיגט און האבען געצוואונגען דעם אביסינישען קעניג נאכצוגעבען זייערע פאדערונגען. ביי דער שטורמונג פון דער פעסטונג מאגדאלא האט טהעאדארוס פערלארען זיין לעבען. ענגלאנד האט מיט דיזען פעלדצוג ווידער בעוויזען, דאס זי איז די איינציגע הערשערין איבער די ימים און די לענדער, וואס געפינען זיך ביי די ימים.

אין די אכציגער יאהרען איז ענגלאנד פערוויקעלט געווארען אין א קריג מיט עגיפטען. אין דיזען לאנד האבען די פאשאס געהערשט ווי אבסאלוטע הערשער, זיי האבען אהן רחמנות אויסגעזויגען דאס בלוט פון די איינוואוינער, האבען זיך אנגעאייגענט לאנד און פריוואט־אייגענטום, האבען פערוואנדעלט די בויערן כמעט אין שקלאפען, און האבען אלעס פערשווענדט אויף אוננוציגע זאכען. דיזע שרעקליכע טיראניי האט געפיהרט דערצו, דאס עגיפטען איז געזונקען אין שולדען און אין נויט. דאס איז געווען גענוג אורזאך פיר פרעמדע מעכטען, איבערהויפט פיר ענגלאנד, ארייננצומישען זיך אין די אינערע אנגעלעגענהייטען פון עגיפטען. דער וויצע־קעניג פון עגיפטען, איזמאאיל פאשא, האט אפגעגעבען די אקציעס, וואס ער האט געהאט פון דער קאמפאניע פון דעם סועץ־קאנאל, צו דער ענגלישער רעגירונג, אום צו פערבעסערן זיינע פינאנציעלע אומשטענדען; ער האט זאגאר ערלויבט, דאס ענגלאנד און פראנקרייך זאלען קאנטראלירען זיינע פינאנצען, און האט אויפגענומען אין זיין מיניסטעריום דעם ענגלענדער וויל־סאן און דעם פראנצויז בליניערעס. עס פערשטעהט זיך, דאס די אייראפעער האבען זיך געלאזט וואוילגעהן אין עגיפטען און האבען דארט שטארק פערשפרייט זייער מאכט. זיי האבען פערכאפט די גרעסטע עמטער און קיין זאך האט זיי ניט אפגעהאלטען צו טאן וואס זייער הארץ האט געגלוסט.

אבער דאס עגיפטישע פאלק איז ענדליך ארויס פון געדולד און האט בעשלאסען מאכען אן ענדע צו דער הערשאפט פון די פרעמדע. אין יוני 1882 איז אויסגעבראכען אן אויפשטאנד אין אלעקסאנדריען. אין דיזען אויפשטאנד איז דער ענגלישער קאנסול פערוואונדעט געווארען און פיעלע אייראפעער זיינען ערמארדעט געווארען. די ענגלענדער האבען גלייך גענומען באמבארדירען די שטאדט און האבען זי בעלאגערט. די שטעדט: אבוקיר, דאמיעטטע און קאירא האבען זיך באלד אונטערגעגעבען, און דער

אַנפיהרער פון אויפשטאַנד, אַ ר אַ ב י פּ אַ ש אַ, האָט זיך אונטערגע-געבען. די עגיפּטישע טרופּען האָבען דאַמאָלס געצייגט אַן אונגעוועהנליכע פייגהייט און אונפעהיגקייט. דער קריג האָט גענומען אַ נייע ווענדונג, ווען די סודאַן־פּראָווינצען האָבען זיך אָפּגעריסען פון עגיפּטען און האָבען גע-גרינדעט אַ בעזונדער הערשאַפט אונטער דער לייטונג פון זייער פּראָפעט מ אַ ה ד י. דער פּראָפעט האָט געשלאָגען די ענגלענדער ביי ק אַ ש ג י ל (1883), און דער גענעראל גאָרדאָן איז געווען איינגעשלאָסען אין כאַרטום, וועלכע איז באַלד געפאַלען, נאָך איידער עס זיינען געקומען איהם צו הילף נייע סאָלדאַטען. דאָרט האָט גאָרדאָן מיט זיינע טרופּען געפונען דעם טויט. ענגלאַנד האָט נאָך דיזער מפּלה ניט געזוכט פאָרטצוזעצען דעם קריג און האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס זי האָט קאָנטראָלירט די פינאַנצען פון עגיפּטען. דאָס איז פיר ענגלאַנד געווען כמעט דאָס זעלבע ווי אַן אַב-סאָלוטע הערשאַפט.

די געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא.

איידער מיר טרעטען צו צו די פאקטען פון דער פאליטישער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא, געפינען מיר פיר נעטיג צו ווארפען א בליק אויף יענע איינריכטונג, וועלכע האט א לאנגע צייט געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם לעבען פון דער בעפעלקערונג אין דיזען לאנד. מיר מיינען דערמיט די שקלאפעריי. מיר האבען שוין פריהער געזעהען, דאס דער אפריקאנישער מענשען-האנדעל איז איבערגעטראגען געווארען אין אמעריקא, ווייל די איינגעבארענע אינדיאנער האבען זיך פיר קיין פאל אין דער וועלט ניט געלאזען פערשקלאפען; זיי זיינען געוועזען בערייט אונטערצוגעהן און ניט ווערען קיין שקלאפען. אין 17טען יאהרהונדערט איז דער אריינפיהר פון די נעגערן נאך געוועזען ניט בעדייטענד, אבער אין 18טען יאהרהונדערט איז די צאהל פון שווארצע, וואס מען האט געבראכט נאך אמעריקא, געווארען אונגעהייער גרויס. לויט דעם בעריכט פון ג. באנקראפט האט מען אין די יאהרען פון 1620 ביז 1740 אריינגעפיהרט שווארצע אין אמעריקא ביז 130,000 מאן, און אין די יאהרען פון 1740 ביז 1776 האט מען אריינגעבראכט מענשען-וואארע אין אמעריקא ביז 300,000 מאן. סארטאריוס פאן וואלטערסהאוזען שילדערט מיט זעהר שווארצע פארבען די לאגע פון די שווארצע שקלאפען אין די אמעריקאנישע שטאאטען.

„פון זונען-אויפגאנג ביז עס איז געווארען פינסטער האט ער געמוזט ארבייטען אונטער דער קנוטע אין שטויביגען פעלד אדער אין זומפיגען באדען, און די געזעצליכע רוהע-שטונדען אין זונטאג זיינען איהם געקירצט געווארען דורך הויז-ארבייט. אן עלענדע פעררויכערטע שטוב פון ברעטער, דורך וועלכע עס האט געבלאזען דער נאכט-ווינט, א מיזעראבעלער שטרוי-געלעגער און א שמוציגע קאלדרע צום שוץ פון קעלט, א פאאר טערקישע

וויצען צו שטילען דעם הונגער, האַלב־נאַקעטע קינדער, וועלכע זיינען אונטער קראַנקהייטען און אין טירישער רויהייט אויסגעוואַקסען קראַפטלאָזע אַרבייטער, דער קינדישער צייט־פערטרייב פון די ערוואַקסענע, די רויהע צוזאַמענפאָרונג פון די געשלעכטער דורך דעם ווילען פון דעם הערר, דאָס איז געווען אַ וועלט, וועלכע צו בעזוכען איז פיר אַ קולטור־מענשען פון אייראָפּאַ פיעל שווערער, ווי אַ גאַנג דורך אַ משוגעים־הויז.

„מיט דעם שטייגען פון וואוילשטאַנד בעגעגנען מיר בעסערע זיטען און מענשליכערען געפיהל. אויף די גרויסע גוט געפיהרטע געשעפטען ערשיינט פאַר אונז אַן אַנדער בילד. זעלבסטפערשטענדליך, אפילו דאָ האַנדעלט עס זיך אויך נאָר אום דאָס בילד פון שקלאַפען־צושטאַנד אין נאָרמאַלע צייטען, אין וועלכע די פּראָדוקטען ווערען רעגעלמעסיג אָפּגעזעצט. איז די ערנטע יאָהרען לאַנג געווען שלעכט אָדער ניט גוט צו פערקויפען, איז דער בעזיצער דורך וועלכע עס איז אומשטענדען געוואָרען פעראָרימט, טרעפען מיר אָן אַ שקלאַפען־צושטאַנד, עהנליך צו דעם, וועלכען מיר האָבען געשילדערט.

„געוויס איז אויך אויף די גיטער אין ווירדזשיניאַ און קאַראָלינאַ די לאַגע פון די שקלאַפען, ווען מיר זאָלען זי פערגלייכען מיט דער לאַגע פון דעם היינטיגען אַמעריקאַנישען לוין־אַרבייטער, געווען אַ טרויעריגע, אָבער זי איז פון איין זייט געווען אַ פיעל בעסערע ווי אין די קליינע, ניט גוט געפיהרטע גיטער, און פון דער אַנדערער זייט איז זי געווען ערטרעגליך וועניגסטענס פיר די שקלאַפען, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין דעם לאַנד, וועלכע זיינען געווען צופרידען מיט זעהר וועניג אין לעבען. די אורזאַך פון דער בעסערער בעהאַנדלונג איז, דאָס די הערען האָבען איינגעזעהען, אַז גוטע בעהאַנדלונג פיהרט צו בעסערע עקאָנאָמישע רעזולטאַטען. זיי האָבען געזאָגט צו זיך, דאָס מיט שטאַרקע און וויליגע נעגערן קען מען פּראָדוצירען מעהרער ווי מיט שוואַכע און אונוויליגע. דעריבער האָט מען ניט געפאָדערט פון די שקלאַפען, אַז זיי זאָלען טאָן ערשעפּענדע אַרבייטען... און מען האָט געזעהען צו געבען זיי שפּייז, קליידונג, וואוינונג און פערגניגען, וועלכע זאָלען געבען זייער אַרבייטס־קראַפט די נעטיגע פרישקייט...

„אין דער קאָלאָניאַל־צייט פון נאָרד־אַמעריקאַ האָט נאָך דיזעס סיסטעם ניט דערגרייכט קיין פאָלשטענדיגע וויסענשאַפטליכע אויסבילדונג ווי אין די באַוועל־ און צוקער־פּלאַנטאַציאָנען פון די זידליכע שטאַאַטען אין דער ערסטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, אָבער אויך דאַמאָלס זיינען שוין געווען רעגלען פיר די פערוואַלטונג פון שקלאַפען אין דיזער ריכטונג.

„אין מיטען פון 18טען יאהרהונדערט זיינען אין ווירדזשיניא און קא-ראלינא געוועזן פלאנטאציאנען, אויף וועלכע עס האבען געלעבט 400 נע-גערן. אראפרעכנענדיג די קינדער, די אלטע שוואכע פערזאנען און די הויז-שקלאפען, זיינען דערונטער געווען 100—150 פעלד-ארבייטער; אויף איינ-צעלנע גיטער, וואו די פאמיליען-צאהל איז געווען גרויס, זיינען געווען נאך ווייניגער. וואשינגטאן האט געהאט אויף זיין לאנד-גוט מאונט ווערנאן אונטער זיינע 400 נעגערן נאר 70 אייגענטליכע ארבייט-שקלאפען. וואו די פלאנצער האבען גענומען פיעלע נעגערן פון אפריקא און וועסט-אינדיען, וועלכע זיינען געווען אהן פאמיליען, איז די פעלהעלטניסמעסיגע צאהל פון די ארבייט-שקלאפען געווען גרעסער. פאמיליען אויסצוהאלטען איז אמת געווען טייער, אבער די קינדער פון דער שקלאפין זיינען ווידער געווען שקלא-פען, און די געבארענע אין לאנד און ערצויגענע אויף דער פלאנטאציאן זיי-נען געווען די געהארזאמסטע. מיט דעם שטייגענדען וואוילשטאנד איז די שקלאפען-צוכט (פערמעהרונג פון שקלאפען) אימער בעטריבען געווארען מיט מעהר אייפער".

ווען די אמעריקאנער האבען זיך בעפרייט פון אונטער דעם ענגלישען יאך, האבען זיי באלד איינגעזעהען, דאס זייער עקאנאמישער צושטאנד קען נאר וואקסען און געדייהען, ווען עס וועלען צוקומען צו זיי נייע, פרישע קרעפטען דורך איינוואנדערונג פון אייראפא. מען האט אנגעהויבען צו פראדוצירען אין אמעריקא די זאכען, וואס מען האט פריהער געמוזט בע-ציהען פון ענגלאנד. דיזע פראדוקציאן האט מען ניט געקענט טרייבען מיט נעגערן. דערצו האט מען בעדארפט האבען איידאפּעער. דאס האט גע-פיהרט צו א פערנינפטיגער פאליטיק. דיזע איז בעשטאנען אין דער בע-זייטיגונג פון שקלאפעריי, אום צו שאפען פלאץ פיר די אייראפּעער און ניט מאכען זיי דאס לאנד אפשרעקענד דורך פערשיידענהייטען פון ראסע און שטרייטיגקייטען.

צו דער פראקטישער זייט פון דיזער פאליטיק איז נאך צוגעקומען די אידעאלע זייט פון דער אפשאפונג פון שקלאפעריי. עס איז געווען די צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן, די עפאכע, וועלכע האט געפא-דערט פיר אלע מענשען גלייכהייט, פרייהייט און ברידערליכקייט. ווען מען האט פערדאמט די הערען, וואס האבען געהערשט איבער די אייראפּאישע בויערן, ווי האט מען געקענט דולדען שקלאפעריי אין אמעריקא? די אמע-ריקאנער זעלבסט אין זייער אונאפּהענגיגקייטס-ערקלערונג און אין זייער

קאנסטיטוציאן האבען דאך אויפגעשטעלט דעם פרינציפ, דאס אלע מענשען זיינען בעשאפען געווארען גלייך און זיינען בערעכטיגט צו פרייהייט?

צוערסט האט אפגעשאפט די שקלאפעריי דער שטאאט מאססאטשוזעטס. אין יאהר 1783 האט דער העכסטער געריכט (סופרים קאורט) ערקלערט, דאס לויט דער קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען טאר ניט עקסיסטירען אין לאנד קיין שקלאפעריי. אין יאהר 1790 זיינען שוין אין דיזען שטאאט ניט געווען מעהר קיין שקלאפען. דער צווייטער אין דער רייהע איז געווען דער שטאאט ניו האמפשיר. דא איז אין יאהר 1783 פעסטגעשטעלט געווארען, דאס ווער עס וועט געבארען ווערען נאך דיזען יאהר וועט שוין מעהר ניט גערעכענט ווערען אלס שקלאף. דערצו האט מען פערבאטען אריינצופיהרען פרישע שקלאפען; און מיט דיזען אופן האט דער שענדליכער האנדעל מיט שקלאפען אויפגעהערט. אין די יאהרען פון 1780 ביז 1784 האבען פרייוויליג אפגעשאפען די שקלאפעריי די שטאאטען ווערמאנט, רהאוד אילאנד, קאננעקטיקוט און פעננסילווועניא. דיזע אלע זיינען געווען שטאאטען, אין וועלכע עס זיינען פערהעלטניסמעסיג געווען ווייניג שקלאפען.

עטוואס שפעטער האבען די שטאאטען ניו יארק און ניו דזשערזי נאכגעטאן דעם ביישפיל פון די אויבען־דערמאהנטע שטאאטען. ניו יארק האט בעפרייט איהרע שקלאפען אין יאהר 1799 און ניו דזשערזי אין 1804. דיזע שטאאטען האבען געהאט מעהר שווארצע שקלאפען ווי די פריהער־דערמאהנטע. אין דיזע אלע שטאאטען, וואס מיר האבען דא אויסגערעכענט, איז די בעפרייאונג פון שקלאפען צוגעגאנגען אהן שום שוועריגקייט. די הערען פון די שקלאפען האבען דא קיין גרויסען היזק דערפון ניט געליטען, ווייל די שקלאפען אין דיזע שטאאטען זיינען אין אלגעמיין ניט געווען פיעל און זיי זיינען מעהרסטענס געווען נאר הויז־בעדינטע. אויסער דעם איז מיט דער בעפרייאונג פון שקלאפען אין דיזע שטאאטען מעהרסטענס נאר פערלארען געגאנגען דאס רעכט, וואס די הערען האבען געהאט אויף די קינדער פון די שקלאפען. אויך האט דער הערר פון א שקלאף איהם נאך געקענט פערקויפען אין די זידליכע שטאאטען, וואו דאס שקלאפען־רעכט האט נאך עקסיסטירט. אין יענע שטאאטען זיינען די שווארצע שקלאפען געווען א גרויסער פראצענט פון דער בעפעלקערונג, און האבען געשפילט א זעהר גרויסע ראלע אין עקאנאמישען לעבען. איבערהויפט איז דיזעם אלט־מאדישע ארבייט־סיסטעם, ארבייט דורך שקלאפען, געווארען זעהר וויכטיג אין די זידליכע שטאאטען נאך דעם, ווי דארט זיינען ענטוויקעלט

געוואָרען די באוועל־פלאַנטאַציאָנען, און עס איז פערשוואונדען געוואָרען פון יענע געגענדען ערסט דאַן, ווען דער קאפיטאל פון די נאָרדליכע שטאאַטען איז געוואָרען מעכטיגער פון דעם גרונד־בעזיצטום פון די זידליכע, און דאַן האָט דער שווערד געלעזט דיזע ברענענדע פראגע פון שקלאפען־אייגענטום.

נאָך דעם, ווי די אמעריקאַנער האָבען זיך בעפרייט פון דעם ענגלישען יאָך, האָבען זיי זיך נאָך ניט געפיהלט אמת פריי און גליקליך ווי זיי האָבען געהאָפט. דער ריזען־קאַמף מיט ענגלאַנד האָט צושטערט זעהר פיעל אייגענטום, און נאָך ערגער איז געווען, וואָס די בעפעלקערונג האָט פערלאָרען אין דיזען שטרייט איבער 70,000 שטארקע ארבייטס־פעהיגע מענשען. די רעפובליק האָט ניט געהאַט קיין קרעדיט און אויך קיין בעזונדערעס אָנזעהן און ווערט אין דער וועלט. אָבער דיזע יונגע מדינה האָט אין זיך געהאַט מעהר לעבענס־קראפט ווי די שוואַכע פוילע אייראָפּעאישע שטאאַטען. איהר אויסלענדישע פּאָליטיק איז געווען צו זיין נייטראל צו אַלע אַנדערע מעכטען, זי האָט ניט געזוכט צו מאַכען זיך מעכטיג אויף דעם ים דורך א גרויסע פלאָטע, נאָר זי האָט געזוכט צו שליסען האַנדעלס־טראַקטאַטען מיט אַנדערע פעלקער. די אמעריקאַנער האָבען געצווינגען פיר זיך גרויס נוצען פון דעם גרויסען קריג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט מיט ענגלאַנד, ווייל צוליב איהר נייטראַליטעט איז דער גאַנצער קאָלאָניאַל־האַנדעל פון פראַנקרייך, האָללאַנד און שפּאַניען אָנגעקומען צו איהר. אמעריקא האָט אויך צוגעצווינגען צו זיך א גרויסען טייל פון דעם האַנדעל צווישען אייראָפּאַ און אזיען.

אין יאָהר 1805 האָט ענגלאַנד, פון קנאה צום ערפאָלג פון אמעריקאַנער האַנדעל, געהייסען אונטערזוכען אַלע אמעריקאַנישע שיפען און צונעהמען די וואַארע. דערפאַר האָט דער דאַמאָלסדיגער פרעזידענט דזשעפּערסאָן געאָרדענט, אז מען זאָל ניט אריינלאָזען קיין ענגלישע שיפען אין קיין האפען פון די פעראייניגטע שטאאַטען.

דיזע קריגערייען און ערבּיטערנים פון די ביידע לענדער האָבען געפיהרט דערצו, דאָס אמעריקא האָט דעם 18טען יוני 1812 ערקלערט קריג געגען ענגלאַנד, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אמעריקא האָט געהאַט ניט מעהר ווי 6 קריג־שיפען. אָבער דער קריג איז אויסגעפאַלען זעהר אונגליקליך פיר די פעראייניגטע שטאאַטען, הויפּט זעכליך צוליב דעם, וואָס די אינדיאַנער האָבען אָנגענומען די זייט פון ענגלאַנד. די ענגלענדער האָבען איינגענומען פיעלע האַפען־שטעדט פון די זידליכע שטאאַטען, זיי זיינען

זאָגאר צוגעקומען צו דער הויפּטשטאָדט פון די פעראייניגטע שטאאטען, צו וואשינגטאָן, און האָבען פערברענט די שטאָדט צוזאַמען מיט דעם הויז פון דעם פּרעזידענט. אָבער אין דעם שטרייט אויף׳ן ים איז דער גליק געווען אויף דער זייט פון די אַמעריקאנער. דעם 10טען סעפּטעמבער 1813 האָט דער לייטענאַנט פּ ע ר ר י געצוואונגען אַ סקאדראָן פון 6 ענגלישע שיפען אויף דער ע ר י ־ ע ־ ז ע ע זיך אונטערצוגעבען. דאָס האָט גע-צוואונגען ענגלאַנד, וועלכע איז דאַן אויך געווען פערוויקעלט אין אַ שווע-רען קריג מיט נאַפּאָלעאָן׳ען, צו שליסען שלום אויף גוטע קאָנדיציאָנען פיר די פעראייניגטע שטאאטען (1814).

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט אַמעריקאַ געפיהרט אַ פרידליכע פּאָלי-טיק און איז ניט געווען פערוויקעלט אין קיין מלחמה. אין דיזער רוהיגער צייט האָט זיך שטארק ענטוויקעלט די אינדוסטריע אין די נאָרד־אָסטליכע שטאאטען. עס זיינען ענטשטאַנען אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען און פאַב-ריקען, וועלכע האָבען געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען. די בעפעלקערונג האָט זיך פערשפּרייט מעהר און מעהר נאָך וועסט און האָט אָנגעהויבען בעארביימען גרויסע לאַנד־שטרעקעס. גרויסארטיגע אייזענבאהן־ליניען, גו-טע קאַנאַלען און דאַמפ־שיפען האָבען פעראייניגט די בעפעלקערונג פון אַלע טיילען פון לאַנד. דער ארויספיהר פון אַמעריקאנישע פּראָדוקטען נאָך איי-ראָפּאַ האָט געוואַקסען פון מאָנאַט צום מאָנאַט. מען האָט אָפּגעשאַפט אַלע שטייער און אָפּצאָהלונגען אין לאַנד זעלבסט, ווייל די פינאַנצען זיינען גע-ווען זעהר גינסטיג. אַמעריקאַ האָט געשטרעבט צו בעפרייען זיך פון דעם דרוק פון דער אייראָפּעאישער האַנדעלס־פּאָליטיק, און דעריבער, ווען עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון וועלכען עס איז רייך צו שליסען האַנדעלס־טראַקטאַטען, איז געווען די ערסטע בעוועגונג, וואָס אַמעריקאַ האָט גע-מאַכט — פאָלשטענדיגע פרייהייט פון ביידע זייטען אין פערקעהר.

אָבער אַמעריקאַ האָט געמאַכט אַן אויסנאַהמע פיר זיך און האָט ארויפ-געלעגט אַ הויכען צאָל אויף אויסלענדישע סחורות. געגען דעם האָבען פּראָטעסטירט די זידליכע שטאאטען; זיי האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל אָפּשאַפען יעדען טאריף אויף אויסלענדישע וואארע, אום אויסלענדישע פּראָדוקטען זאָל זיי קאָסטען ביליגער. די זידליכע שטאאטען זיינען אױ-בערהויפּט געווען אַקערבויער און פּלאַנטאַטאָרס. די נאָרדליכע שטאאטען האָבען ניט דערלאָזען אָפּשאַפען דעם טאריף, ווייל זיי, אַלס פאַבריקאַנטען, האָבען אָפּגעזעצט אין די זידליכע שטאאטען פיעלע פון זייערע פּראָדוק-ציאָנען, און מיט דער אָפּשאַפונג פון טאריף וואָלט ענגלאַנד פערקאַפט די-

זען מארק. דיזע געגענזעצטע אינטערעסען האבען געפיהרט צו א שפאל־טונג צווישען די נארדליכע און זידליכע שטאאטען. די אינדוסטריע איז גע־קומען אין קאנפליקט מיט דעם אקערבוי, און די שקלאפען־פראגע האט צו־פלאקערט דיזען קאנפליקט אין אן אפענע מלחמה. די נארדליכע שטאאטען, וועלכע האבען זיך איבערהויפט בעשעפטיגט מיט אינדוסטריע, האבען ניט געהאט נעטיג די שקלאפען צו זייערע געשעפטען, און דעריבער האבען זיי געקענט געזעצליך אפשאפען די שקלאפעריי. די זידליכע שטאאטען, וועלכע האבען זיך איבערהויפט בעשעפטיגט מיט אקערבוי, האבען ניט געקענט אויס־קומען אהן שקלאפען, און דעריבער זיינען זיי געווארען שונאים צו די נארד־ליכע שטאאטען, וואס האבען געשטרעבט צו פערניכטען די שקלאפעריי. דער שטרייט צווישען דיזע צוויי פארטייען איז געווען א שטרייט פיר עקסיס־טענץ. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם: ווער זאל זיין דער הערשער אין לאנד — דער קאפיטאליזם אדער דער אקערבוי. פאליטיש האט זיך דער געגענזאץ צווישען נארד און זיד אויסגעדריקט אין דעם, דאס דער נארד איז געווען פעדעראליסטיש, ד. ה. פיר א צענטראל־מאכט, אום דעם זיד צו בעהערשען, ווערענד די זידליכע אקערבוי־שטאאטען זיינען געווען דעמאקראטען, וועלכע האבען געשטרעבט צו זעלבשטענדיגקייט אין דער פערוואלטונג פון זייערע אינטערעסען.

לאנג האט מען ניט געקענט זאגען בעשטימט, אויף וועלכער זייט עס נייגט זיך די קראפט, ווייל אמאל האבען די נארדליכע שטאאטען בעקומען די אויבערהאנט, און אמאל די זידליכע. אבער מעהר און מעהר האט מען געזעהען, דאס דער זיג נייגט זיך צו דער זייט פון די נארדליכע שטאאטען. עס האט געהאלטען, אז עס זאל צווישען דיביידע פיינדליכע פארטייען אויסברעכען אן אפענער קריג. אבער פיעלע גרויסע קרעפטען האבען זיך געגעבען די מיה צו בעזייטיגען די מלחמה־געפאהר דורך דעם, וואס מען האט געשאפען א נייעם צאל־געזעץ, וועלכעס האט בעפרייט פיעלע וואא־רען פון יעדער אפצאהלונג, און דערמיט איז די שפאלטונג צווישען נארד און זיד פערדעקט געווארען, אבער ניט אין גאנצען בעזייטיגט געווארען.

דער קאנפליקט איז ווידער ארויסגעקומען נאך אין א מעהר פיינד־ליכער פארמע נאך דעם מעקסיקאנישען קריג (1846—1848), וועגען וועל־כען מיר האבען שוין פריהער דערצעהלט. עס האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען סימפטאמען פון א גרויסען בירגער־קריג. די דעמאקראטען, וועלכע האבען מורא געהאט פיר זייער עקסיסטענץ, האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיינע מיטלען אום דעם קאמף צו געווינען. זיי האבען געצוואונגען

די פרייע רעפובליק טעקסאס אריינצוטרעטען אין דעם בונד פון די פער-אייניגטע שטאאטען אלס שקלאפען־שטאאט און האָבען אפּגענומען פון מעק-סיקאָ אונגעהייערע געביטען, אום צו גרינדען אויף זיי שקלאפען־שטאאטען. אין 1854 האָבען זיי דורכגעזעצט דעם „קאנזאס־נעבראסקא־ביל", וועל-כער האָט איבערגעלאָזען צו די טעריטאָריעס דאס רעכט אליין צו ענט-שיידען די פראגע פון שקלאפעריי, און אין קאנזאס האָבען זיי געפיהרט בלוטיגע קריגערייען, אום צו מאכען אן ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציאָן פון קאנזאס צו גונסטען פון שקלאפעריי.

די שפּאנונג איז געוואָרען זעהר גרויס און אונערטרעגליך. דער סע-נאטאָר הענרי קלעי האָט אנגעווענדט פיעל מיה אום צו בערוהיגען די געמיטער, אָבער אומזיסט. ער האָט פאָרגעשלאָגען, דאָס די דעמאָקרא-טען זאָלען צושטימען צו מאכען קאליפאָרניא פיר א פרייען שטאאט אָהן שקלאפען און אפּצושאפען שקלאפעריי אין דעם דיסטריקט קאָלומביא, דער-פאר אָבער זאָל מען האָבען דאס רעכט צו נעהמען ווידער אין בעזיץ ענט-לאָפענע שקלאפען אין פרייע שטאאטען. דאס נעגער־יאגד־געזעץ האָט באלד ווידער אויפגעטרייסעלט די עפענטליכע מיינונג, און אין פיעלע ער-טער איז עס געקומען צו א גוואלדטעטיגען ווידערשטאנד. אין יאָהר 1859 האָט דער קאפּיטאן דזשאָהן בראון געפּאסט א בעשלוס צו אונ-טערדריקען די שקלאפעריי אליין מיט אייגענע קרעפטען. ער צוזאמען מיט אייניגע גענאָסען האָבען איינגענומען די שטאָדט הארפּעס פעררי אין ווירדזשיניא און פערכאפּט דעם ארסענאל פון יענער שטאָדט. אָבער ער האָט לאנג ניט געקענט אנהאלטען זיין פּאָזיציאָן. געגען איהם מיט זיינע 22 גענאָסען זיינען באלד ארויסגעטרעטען 1,500 מאן פון דער מיליץ, און הגם ער האָט זיך העלדיש פערטיידיגט, האָט ער דאָך זיך געמוזט אונטערגעבען נאָך דעם, ווי ער האָט בעקומען פון זיינע געגנער זעקס וואונ-דען, און דעם 2טען דעצעמבער 1859 איז ער געהאנגען געוואָרען. וועה-רענד מען האָט איהם געפיהרט צו דער תליה האָט ער געקוסט א קינד פון א שקלאף, וועלכעס האָט מיט נייגעריגקייט געקוקט, ווי מען האָט איהם געפיהרט הענגען.

דעם 6טען נאָוועמבער 1860 איז אבראהאם לינקאָלן ער-וועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט. דער קריג צווישען די נאָרדליכע און די זידליכע שטאאטען איז יעצט געוואָרען אונפערמיידליך. לינקאָלן איז ער-וועהלט געוואָרען פון די רעפּובליקאנער, די שטארקע געגנער פון שקלא-פעריי. די דעמאָקראטען האָבען גערעכענט די וואהל פון לינקאָלן אלס א

קריגס־ערקלערונג געגען זיי. די זידליכע שטאאטען האבען שוין מעהר ניט געהאט קיין געדולד. זיי האבען זיך אייגענטליך נאך פריהער פאר־ בערייטעט מיט וואפען צום שטרייט. דעם 20טען דעצעמבער 1860 האט דער שטאאט זיד־קאראלינא ערקלערט, דאס ער ענטזאגט זיך פון דער „יוניאן" (בונד פון די פעראייניגטע שטאאטען) און איז זעלבשטענדיג. באלד נאכדעם האט אויך דער שטאאט מיססיססיפפי זיך אפגעריסען פון

לינקאלן.

דער יוניאן, און אין א קורצער צייט האבען זיך אפגעריסען פון דער יוניאן אלע זידליכע שטאאטען, וועלכע האבען געוואלט בעהאלטען דאס רעכט צו האבען שקלאפען, און זיי האבען געמאכט א בעזונדערען בונד, די יוניאן פון די „קאנפעדערירטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא" מיט דזשעפ־ פערסאן דעיוויס אלס פרעזידענט.

די רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט נעהמען ענערגישע שריט און אַרויסגעהן אויף אַ שטרייט געגען דער נייער יוניאָן. זיינען אָבער די זידליכע שטאַאַטען ענדליך אַרויס. דער גענעראַל פון די קאָנפעדערירטע ב אָ ר ע ג אַ ר ד האָט געוואָלט פערכאַפּען דעם פאָרט (פעסטונג) ס ו מ ט ע ר, וועלכער איז געוועזן דער שליסעל צו זיד־קאַראָלינאַ און איז געשטאַנען ביים האַפען ט ש אַ ר ל ס ט אָ ן, עס איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכער קריג, וואָס האָט אַרומגענומען די גרויסע פרוכטבאַרע פעלדער פון דעם גאָלף פון מעקסיקאָ ביז צו די בערג פון פּעננסילוועניאַ, פון אַטלאַנטישען אָקעאַן ביז די פּריירִיעס צו וועסט פון מיססיססיפּפּי, און איז געוועזן גוואַלדיגער און שרעקליכער ווי וועלכער עס איז אַנדערער פריהערדיגער קריג.

דער קאָמאַנדאַנט פון דעם פאָרט סומטער, דער מאַיאָר אַנדערסאָן, האָט געבעטען הילף פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג. דיזע האָט אַרויסגעשיקט אַ קריג־שיף צו העלפען די בעלאַגערטע. אָבער דער פיינד האָט צוריקגעטריבען דאָס שיף דורך קאַנאָנען־שיסען און האָט געצוואונגען די בעלאַגערטע זיך אונטערצוגעבען. באַלד נאָך דיזען זיג האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאָנפעדעראַציאָן אויך די שטאַאַטען: נאָרד קאַראָלינאַ, ווירדזשיניאַ, אַרקאַנזאַס און טעננעססי. אויך די שלאַכט, וואָס דער רעפּובליקאַנישער גענעראַל ס ק אָ ט ט האָט געגעבען דער נייער פעדעראַציאָן ביי דעם קליינעם טייך ב ו ל ל ר אָ ן, איז געוועזן אונגליקליך פיר די נאָרדליכע שטאַאַטען. סקאָטט מיט זיין אַרמעע האָט געמוזט צוריקטרעטען, און דעם פיינד איז געבליבען אַ פרייער וועג צו געהן נאָך וואַשינגטאָן, די הויפּטשטאָדט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען.

דער קאָנגרעס האָט באַלד נאָך דעם שטרייט ביי בולל ראָן בעוויליגט צו שאַפען גלייך אַן אַרמעע פון 500,000 וואָלונטירען (פרייוויליגע) געגען די זידליכע שטאַאַטען, און צו פערמעהרען די רעגולערע אַרמעע ביז 40,000. דער פּרעזידענט פון די זידליכע שטאַאַטען איז געוועזן געצוואונגען צו בעוואַפנען כמעט אַלע ווייסע מענער פון זיינע שטאַאַטען. כמעט די גאַנצע אַמעריקאַנישע נאַציאָן איז געבראַכט געוואָרען אויף'ן קריגס־פּלאַץ. עס איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכער בירגער־קריג, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס אכזריות. דאָס איז ניט געוועזן אַ קריג נאָך דעם מוסטער, ווי עס ווערען געפיהרט מלחמות אין אייראָפּאַ. דאָס איז געוועזן אַ קריג, וואָס דאָס פאָלק זעלבסט האָט געפיהרט אָהן פיהרער און אָהן געוויסע רעגלען. עס האָט איינער דעם אַנדערען צוריסען מיט שרעקליכער רציחה

עס איז פארגעקומען א לאנגע רייהע פון שרעקליכע שלאכטען, און קיין זייט האט ניט געזיגט. דיזע שלאכטען האבען געקאסט אן אונגעהייערע צאהל אפפער. שפעטער זיינען אויסגעוואקסען בעסערע גענעראלען. דאמאלס איז געווארען קלאר, דאס דער זיג וועט זיין אויף דער זייט פון דער יעניגער פארטיי, וועלכע וועט קענען שאפען מעהר געלט און מעהר קריגער. און דיזע איז געוועזן די יוניאן פון די נארדליכע שטאאטען.

די טרופען פוןביידע זייטען האבען זיך דאן געהאלטען אויסגעצייכענט. די ארמעע פון דער נארדליכער יוניאן איז געוועזן בעגייסטערט מיט דער אידעע פון פרייהייט און גלייכהייט פיר אלע מענשען און מיט דעם וואונש צו בלייבען פעראייניגט ווי פריהער אלע שטאאטען צוזאמען. אלע האבען איינגעשטימט, דאס צורייסען דעם בונד פון די שטאאטען איז אן אונגליק פיר דאס אמעריקאנישע פאלק. אבער אויך די זידליכע שטאאטען זיינען געוועזן בעגייסטערט — ניט מיט קיין אידעע, נאר מיט האס צו די נארדליכע שטאאטען. דערצו האבען די זידליכע שטאאטען געהאט טיכטיגע און בעגאבטע פיהרער, וועלכע האבען געפיהרט דעם קאמף נאך א בעשטימטען, איינהייטליכען פלאן.

דאן האט זיך אנגעפאנגען א שטרייט אויף'ן ים. די נארדליכע יוניאן האט געבראכט אין בלאקאדען-צושטאנד די גאנצע ברעג-ליניע פון די זידליכע שטאאטען, וועלכע האט זיך געצויגען אין א לענג פון 700 מייל. דער בלאקאדע-סקאדראן פון דער נארדליכער יוניאן איז געלעגען אין דעם שיפען-וועג פון האמפטאן ראודס און בלאקאדירט דעם האפען פון נארפאלק. די קאנפעדערירטע האבען ארויסגעשיקט א קליינע פלאטע אום צו פערטרייבען דעם פיינד. אין דער פלאטע האט זיך אויסגעצייכענט איין שיף מיט'ן נאמען „מעררימאק", וועלכער איז געוועזן אין גאנצען געפאנצערט און האט געהאט זעהר שווערע און גוטע קאנאנען, און פון פארענט האט דיזעס קריג-שיף געהאט א שטאהלענעם שנאבעל. געגען דיזען שיף האט די נארדליכע יוניאן ארויסגעשיקט דאס שיף „קומבערלאנד", אבער דער מעררימאק האט עס באלד דורכגעבויערט מיט זיין שטאהלענעם שנאבעל און דאס שיף האט באלד געזונקען. אויף'ן אנדערען טאג האט די יוניאן געשיקט אין שלאכט אן אנדער קריג-שיף, דעם „מאניטאר", וועלכער איז געוועזן בעדעקט אין גאנצען מיט אייזערנע פלאטען פון 6 צאל דיק און האט געהאט קאנאנען, וואס האבען געווארפען באמבעס פון 92 קילא געוויכט יעדע. דיזעס שיף האט דעם „מעררימאק" אזוי צושלאגען, דאס ער האט אנגעהויבען זינקען און האט זיך ראש צוריקגעקעהרט צום האפען.

נאָך דיזען גרויסען ערפאָלג האָט דער גענעראַל מאַק קלעללאַן, דער נאָכפאָלגער פון סקאָטט, געוואָלט לאַנדען ביים פאָרט מאָנראָע ניט ווייט פון נאָרפאָלק מיט אַן אַרמעע פון 80,000 מאַן און בעלאַגערן ריטשמאָנד און זי עראָבערן. ער האָט שטאַרק געהאָפט דורכצופיהרען דיזען פלאַן, ווייל ער האָט געזעהען די מעגליכקייט, דאָס צוויי קאָרפוסען וועלען איהם שטיצען פון דער לאַנד־זייט. אָבער די יוניאָן־רעגירונג האָט דיזע צוויי קאָרפוסען גערופען צו בעשיצען די הויפטשטאָדט וואַשינגטאָן געגען דעם אָנפאַל פון די קאָנפעדערירטע. דאָס האָט געצוואונגען דעם גענעראַל מאַק קלעללאַן צוריקצוציהען זיך און ענטזאַגען זיך פון זיין פלאַן. ביי דזשעימס ריווער האָבען זיך די ביידע פיינדליכע אַרמעען בעגעגענט און האָבען אָנגעפאַנגען אַ שטרייט. ניט וועניגער ווי 7 טעג האָט געדויערט דער בלוטיגער קאַמף. 60,000 מאַן זיינען געפאַלען אין דיזער שלאַכט. דער רעזולטאַט פון דיזער שלאַכט איז געווען, דאָס מאַק קלעללאַן האָט בלויז דורך זומפען און וועלדער געקענט צוריקפיהרען זיין אַרמעע צום האַפען און פון דאָרט זיך ווידער איינשיפען. ער האָט יעצט בעקומען די שטעלע פון קאָמאַנדאַנט פון וואַשינגטאָן און די אויבער־קאָמאַנדע איבער די אַרמעע האָט בעקומען גענעראַל האַללעקק.

אויך האַללעקק איז געשלאָגען געוואָרען און ווידער ביים טייכעל בולל ראַן (28טען—30טען אויגוסט). די נאָרדליכע יוניאָן איז ביי זיך געווען שטאַרק געפאַלען און האָט שוין געפלאַנט צו ענטלויפען נאָך ניו יאָרק. אָבער די קאָנפעדערירטע האָבען ניט געוואָלט טרייבען דעם זיג ווייטער, און דאָס האָט צוגעגעבען דער יוניאָן מוט. לינקאָלן האָט איבערגעגעבען די קאָמאַנדע איבער די אַרמעע צו גענעראַל בוירנסאיד און האָט איהם געגעבען אַ בעפעהל צו געהן ווייטער אָנגרייפען די קאָנפעדערירטע. אָבער אויך דיזער גענעראַל האָט געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל ווי די פריהערדיגע פיהרער. ביי פרעדעריקסבורג איז ער דורך שטאַרקע שיסערייען צוריקגעטריבען געוואָרען. צום גליק איז אָנגעקומען די נאַכט און דאָס האָט איהם געראַטעט פון אַ פאָלשטענדיגער פערניכטונג. גליקליכער איז געווען די יוניאָן אין איהרע שטרייטען אין די וועסטליכע געגענדען, וואו עס האָבען קאָמאַנדירט די גענעראַלען גראַנט און בועלל. דאָ האָט זי געהאַט אַ גרויסען זיג ביי מילל ספרינג (19טען יאַנואַר 1862). מיט איניגע וואָכען שפעטער האָט גענעראַל גראַנט איינגענומען דעם פאָרט דאָנעלסאָן, און דערמיט איז דער שטאַאַט קענטוקקי

און אַ טייל פון דעם שטאַאט טעננעססי ווידער געקומען אונטער די הער-שאַפט פון דער יוניאָן.

ביי ניו אָרלעאַנס (אָרלינס) האָט די יוניאָן געהאַט נאָך אַ גרעסערען ערפאָלג. ניו אָרלעאַנס איז געווען דער וויכטיגסטער און שטאַרקסטער שטיץ־פונקט פיר די קאָנפעדערירטע ביים מיססיססיפפי. די שטאָדט ניו אָרלעאַנס זעלבסט איז אפילו ניט געווען בעפעסטיגט, אָבער זי איז דאָך געווען שטאַרק בעשיצט פון די צוויי זעהר שטאַרקע פאָרטען דזשאַקסאָן און סט. פיליפּ, וועלכע האָבען זיך געפונען ניט מעהר ווי 19 מייל ווייט פון איהר. דעיוויד פאַררעגוט האָט ערהאַלטען אַ בעפעהל צו



די „מעררימאַק" צושטערט די „קומבערלאַנד" פון די נאָרד־שטאַאטען.

נעהמען דעם איינגאַנג צו דעם טייך מיססיססיפפי. הגם דאָס באָמבאַרדי-רען אויף די פאָרטען האָט ניט געווירקט, האָט ער זיך דאָך דורכגעשלאָגען און איז אַריין אין דעם מיססיססיפפי. אונטער דעם שוץ פון דער נאַכט האָט ער צובראָכען די שווערע קייט, וועלכע איז געווען פערצויגען פון איין ברעג צום אַנדערען ביים אַ יינפאָהר אין דעם מיססיססיפפי, ניט אַכטענ-דיג דערויף, וואָס די קייט איז געווען בעשיצט מיט 13 קאַנאָנען־שיפען און אַ שווימענדער באַטאַרעע. ביים שיין פון דער לבנה זיינען די שיפען פון דער יוניאָן גערוקט איינס נעבען דעם אַנדערען אַריין אין דעם מיססיססיפפי.

די קאָנפעדערירטע האָבען געדונערט מיט האַרמאַטען און קוגלען, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטען די יוניאָן־שיפען פאָרטצוזעצען זייער וועג. צוויי טעג שפּעטער האָבען זיך די יוניאָן־שיפען אָפּגעשטעלט ביי ניו אָר־לעאַנס פאַר אַנקער. די פלאָטע פון דער קאָנפעדעראַציאָן איז געוואָרען פערניכטעט, די פאָרטען האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, און דעם 1טען מאַי האָט די לאַנד־אַרמעע פון דער יוניאָן אונטער באַטלער בעזעצט ניו אָרלעאַנס.

צו דיזער צייט האָט קיינער פון דיביידע שטרייטענדע ניט געקענט בעהויפּטען, דאָס ער איז דער זיגער. עס איז געווען אויף יעדער זייט גליק און אונגליק. דער האַס צווישען די ביידע פּאַרטייען האָט געשטיגען פון טאָג צו טאָג. אויסער אויף'ן שלאַכטפעלד האָבען די ביידע פּאַרטייען פער־פאָלגט איינע די אַנדערע אויך אויף'ן וועג פון האַנדעל. לינקאָלן האָט פער־באָטען צו האַנדלען מיט דער קאָנפעדעראַציאָן, דעיווים האָט פערבאָטען ארויסצופיהרען צוקער און רייז אין די נאָרדליכע שטאַאַטען, אום זיי זאָלען ליידען מאַנגעל אין לעבענסמיטלען. אויך אין דער שקלאַפען־פראַגע האָט לינקאָלן געטומען ערנסטע שריט. אין מערץ 1862 האָט דער קאָנגרעס ער־קלערט, דאָס די יוניאָן וועט שטיצען יעדען שטאַאַט, וועלכער וועט אָפּ־שאַפען ביי זיך שקלאַפעריי, און די רעגירונג וועט בעצאָהלען דעם שאָדען, וואָס פריוואַט לייט וועלען דערפון ליידען. אין דעם דיסטריקט קאָלומביא, וואו עס געפינט זיך די הויפּטשטאָדט וואַשינגטאָן, האָט די רעגירונג גע־צייגט א גוטען ביישפּיל. אין יוני האָט מען בעפרייט אַלע שקלאַפען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ערטער, וואָס זיינען נאָך ניט אָנערקענט געוואָרען אַלס בעזונדערע שטאַאַטען. דעם 22טען סעפּטעמבער 1862 האָט די יוניאָן ארויסגעלאָזען א פּראָקלאַמאַציאָן, דאָס פון דעם 1טען יאַנואַר 1863 ווערען אַלע שקלאַפען, וועלכע געפינען זיך אין די שטאַאַטען, וואָס בונטעווען זיך געגען דער יוניאָן, אָנערקענט אַלס פרייע בירגער. דער קאָנגרעס האָט לאַנג ניט געוואָלט אונטערשרייבען דיזעס געזעץ, ווייל דאָס האָט צוגענומען יעדע מעגליכקייט צו ענדיגען דעם שטרייט מיט א פרידען. זיי זיינען אָבער גע־ווען געצוואונגען דיזעס צו טאָן, ווייל אין דעם שטרייט זיינען אומגעקומען זעהר פיעלע יונגע מענשען, וואָס זיינען געווען פעהיג צו טראָגען געוועהר און געהן אין מלחמה, און מען האָט געמוזט אויספילען די רייהען פון דער אַרמעע מיט שוואַרצע. די יוניאָן האָט ערוואַרטעט, דאָס די שקלאַפען ווע־לען יעצט מאַכען אין די זידליכע שטאַאַטען אַן אויפשטאַנד און פיעלע ווע־לען צולויפען פון זייערע ערטער און וועלען קומען צו דער יוניאָן. אָבער

דיזע פראקלאמאציאן האט ניט געמאכט אויף די שקלאפען קיין ווירקונג. זיי האבען זיך ניט געבונטעוועט און זיינען ניט צולאפען. די זידליכע פאר-מערם האבען בעהויפטעט, דאס עס איז דעם שקלאף פיעל בעסער איידער דעם פרייען ארבייטער, פאר וועלכען עס שוועבט אימער דער בייזער גייסט פון הונגער.

אין יאהר 1863 האט גענעראל הוקער ערהאלטען די אויבער-קאָ-מאנדע איבער די ארמעע פון דער יוניאן. דיזער גענעראל האט געפונען פיר נעטיג צו פערטרייבען פון זיין פאזיציאן דעם גענעראל לי פון דער זידליכער ארמעע ביי פרעדעריקסבורג. צו דיזען צוועק האט ער איהם אנ-געגריפען ביי טשאנסעללארסוויל (2טען מאי). דער קאמף איז געווען זעהר א ביטערער. דער וואלד האט זיך אנגעצונדען און אלע האבען געמוזט לויפען פון איהם, און די פיעלע פערוואונדעטע זיינען אומ-געקומען אין די פלאמען. הוקער האט פערלארען 20,000 מאן און איז גע-ווען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען. די זידליכע ארמעע האט פערפאלגט די יוניאן-ארמעי און האט זי געצוואונגען אנצופאנגען נאך א מאל דעם שטרייט ביי געטטיסבורג. דריי טעג האט געדויערט דיזע שלאכט. פוןביידע זייטען זיינען געפאלען זעהר פיעלע, אבער ענדליך איז לי בע-זיגט געווארען און ער האט געמוזט צוריקטרעטען (1טען—3טען יולי).

אין דער זעלבער צייט, ווען די שלאכט איז פארגעקומען ביי געטטיס-בורג, איז פארגעקומען אן אנדער שלאכט אין וועסט. די שטאדט וויקס-בורג און פארט הודסאן האבען זיך געמוזט אונטערגעבען צו דער יוניאן. פון דיזע ביידע שטארק בעפעסטיגטע פאזיציאנען איז אפ-געהאנגען די הערשאפט איבער דעם מיססיססיפפי. די טרופען פון דער יוניאן האבען דעריבער אנגעווענדט אלע כוחות זיי צו נעהמען. פאררא-גוט׳ן איז עס געלונגען צו קומען מיט זיין פלאטע צווישען דיזע ביידע פא-זיציאנען, וועלכע האבען זיך איינע די אנדערע געזוכט צו דעקען, און דא-דורך אפצושניידען זייער פערבינדונג און פראוויאנט-צופיהר. אזוי האט ענדליך דער הונגער געצוואונגען די גארניזאנען זיך אונטערצוגעבען. נאך דעם, ווי דער לעצטער פערד און דער לעצטער מוילעזעל איז שוין פער-צעהרט געווארען, האט דער בראווער גענעראל פעמבערטאן דעם 3טען יולי ארויסגעשטעלט די ווייסע פאהן אלס א צייכען, אז ער גיט זיך אונטער, און האט זיך איבערגעגעבען מיט זיינע 31,000 סאלדאטען צו גענעראל גראנט, וועלכער האט געפיהרט די בעלאגערונג פון דער יבשה-זייט. די

יוניאָן האָט געוואונען די גאַנצע מיססיססיפּפּי־ליניע און די קאָנפעדערירטע זיינען אין גאַנצען אָפּגעשניטען געוואָרען פון זייערע וועסטליכע שטאַאַטען.

אָבער די מיה פון דער יוניאָן צו נעהמען די פעסטע שטאָדט טשארלסטאָן, וועלכע זיי האָבען מאָנאַטען־לאַנג בעלאַגערט פון דער וואַסער־זייט און פון דער יבשה, איז געווען אומזיסט. זיי האָבען דיזע פעסטע שטאָדט פיר קיין פאַל ניט געקענט איינגעהמען. אַזוי איז אַוועק דאָס יאָהר 1863 אָהן אַ שום אויסזיכט צו ענדיגען די מלחמה און שליסען ענדליך פרידען. אָבער דער קאָנגרעס האָט געלאָזט וויסען, דאָס ער וועט ניט אָפּלאָזען דעם קריג ביז עס וועט איהם געלינגען צוריקצובריינגען די אַלע שטאַאַטען, וואָס זיינען אָפּגעפאַלען פון דער יוניאָן, און פעראייניגען זיי אין איין נאַציאָן און איין רעגירונג; דאָס כל זמן עס איז נאָך דאָ איין פּערזאָן, וואָס רעוואָלטירט געגען דער יוניאָן, וועט ער ניט אָננעהמען קיין וואַפען־שטילשטאַנד, קיין פרידען און קיין פערמיטלונג, און דאָס ער לאָזט אויסער אַכט אַלע פריהערדיגע פּאַרטיי־בעצייכנונגען און אין דער צייט פון קריג אָנערקענט ער נאָר צוויי פּאַרטייען: „פּאַטריאָטען און פעררעטער“.

אין פריהלינג פון יאָהר 1864 האָט די יוניאָן זיך ווידער גענומען ענערגיש צום קריג, אָבער זי האָט געהאַט וועניג ערפאָלג. די אויבער־קאָמאַנדע איבער די אַרמעע האָט מען איבערגעגעבען צו גענעראַל גראַנט. דעם 8טען אַפּריל איז די אַרמעע אונטער באַנקס אין גאַנצען געשלאָגען געוואָרען ביי קראָסס ראָודס און האָט זיך קוים מיט דעם רעסט צוגעשלעפּט צום מיססיססיפּפּי. אויך די פלאָטיללע אויף׳ן רעד ריוועד אונטער דער לייטונג פון פּאָרטער איז געווען אין אַ קלעגליכען צושטאַנד, זי איז געבליבען שטעקען אין די שנעל־שטראָמען. זי האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט און מען האָט זי געמוזט אָדער צושטערען אָדער איבערלאָזען דעם פיינד. די פלאָטיללע איז אָבער יעצט געווען זעהר נעטיג פיר די אַרמעע אום צו בריינגען צו איהר פּראָוויזיאָן, וועלכע איז איהר געווען זעהר נעטיג, ווייל דער ריקצוג איז שוין בעשלאָסען געוואָרען.

דאַן האָט דער פּאָלקאָווניק בעילי פאָרגעשלאָגען אַ פּלאַן ווי צו רעטען די פלאָטיללע. דער פּלאַן איז קיינעם ניט געפעלען געוואָרען, אַלע האָבען איהם אויסגעלאַכט, אויסער באַנקס און פּאָרטער האָבען איהם אָנגענומען און האָבען בעשלאָסען צו פּרובען איהם דורכפיהרען. דער פּלאַן איז בעשטאַנען אין דעם: דאָס מען זאָל בויען אייניגע וואַסער־דאַמען אום דאָס וואַסער פון די וואַסער־פאַלען אין רעד־ריוועד זאָל זיך אָנזאַמלען און אויפהויבען, און דאַן וועט די פלאָטיללע אין אַ געוויסען פּונקט קענען דורך דעם

וואסער־פאל אריין אין טיפעס וואסער און אוועקשווימען. 3,000 מאן האבען גענומען האקען בוימער אין די וועלדער, און 300 מאן האבען גע- בראכט די בוימער צום ברעג און מען האט אנגעהויבען בויען די דאמען. מיט גרויס אייפער און מוט האט מען געטריבען די ארבייט טאג און נאכט; עס איז זעהר אפט אויסגעקומען די סאלדאטען צו שטעהן ביז די אקסלען אין וואסער; אלע אבער האבען פערשטאנען די וויכטיגקייט פון דעם ער- פאלג און קיינער האט זיך ניט בעקלאגט אויף די שווערע ארבייט. דער דאם איז געוואקסען פון שטונדע צו שטונדע. אין 8 טאג האט מען גע- בראכט די ארבייט אזוי ווייט, דאס פארטער האט בעשלאסען אנצופאנגען דורכפיהרען די פלאטיללע. און עס איז איהם ווירקליך געלונגען דורכצו- פיהרען פיער שיפען. אבער פלוצלינג האט דאס וואסער פערניכטעט די דאמען און די ארבייט איז כמעט אין גאנצען פערניכטעט געווארען. אבער דאס האט בעילי׳ן ניט ענטמוטיגט. אונטערשטיצט פון די סאלדאטען האט ער פון דאס ניי אנגעפאנגען צו בויען דאמען. עס איז איהם אין א קורצער צייט געלונגען אריבערצובריינגען די גאנצע פלאטע אין פאהרבארעס וואס- סער, און ער האט געקענט מאכען זייער ריקצוג מיט ערפאלג.

דער האנדעל פון דער יוניאן האט שטארק געליטען פון די רויב־שיפען פון דער קאנפעדעראציאן. די יוניאן האט אפילו געהאט 671 קריג־שיפען, זיי זיינען אבער ניט געווען גענוג צו בעשיצען אלע זייערע האנדעל־שיפען פון א בעפאל פון די רויב־שיפען. איבערהויפט פלעגען די רויב־שיפען דורכברעכען די בלאקאדע פון דער יוניאן ביי דעם בעי (בוזים) פון מא- בילע, וועלכער איז געווען געשיצט דורך אן אינזעל. דער גרעסטער צו- גאנג איז נאך אויסערדעם אויף דער זייט פון דעם פעסטלאנד געווען גע- שיצט דורך דעם פארט (פעסטונג) מארגאן און אויף דער אינזעל־זייט דורך דעם פארט געינעס. דער בעריהמטער זעע־העלד פ א ר ר א ג ו ט האט זיך גענומען צו עראבערן דיזען רויב־נעסט. מיט א שרעקליכען פייער האט ער בעשאסען די פארטען און ער האט דורכגעדרונגען, הגם איינס פון זיינע שיפען איז געשפרונגען אין די לופט און א צווייטעס האט געקראגען א שאס אין דאמף־קעסעל. אין וועניגער ווי אין דריי שטונדען איז דער קאמף געווען ענטשידען. ביידע פארטען האבען זיך געמוזט אונטערגעבען.

גראנט האט פארגעשלאגען א פלאן, אז ער זאל פיהרען אן ארמעע פון 120,000 מאן געגען ריטשמאנד, און 100,000 מאן זאל מען געבען אונטער דער קאמאנדע פון ש ע ר מ א ן, וועלכער זאל צוקומען אהין איבער די בערג פון ארום דער וועסט־זייט, און געבען דאן מיט פעראייניגטע קרעפ-

טען אַן ענטשיידענדען קלאַפּ דער אַרמעע פון די זידליכע שטאַאַטען. דעם 3טען מאַי האָט גראַנט אָנגעפאַנגען זיין פעלדצוג. אויף זיין מאַרש דורך ספּאָטסילוועניא האָט זיך גענעראַל לי פון דער זידליכער אַרמעע געשטעלט געגען גראַנט'ס אַרמעע ביי אַ וואַלד און האָט איהר פערשפּאַרט דעם וועג. עס איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכע שלאַכט, וועלכע האָט געדויערט דריי טעג. די שלאַכט אין וואַלד האָט געוואונען גראַנט, אָבער די שלאַכט איז ערנייט געוואָרען ביי ספּאָטסילוועניא און זי האָט דאָרט געדויערט פון דעם 10טען ביז דעם 17טען מאַי. ניט וועניגער ווי 25,000 מאַן זיינען געפאַלען אין דיזער שלאַכט. לי איז אָבער אימער צוריקגעטריבען געוואָרען ווייטער און ווייטער. גראַנט איז ענדליך געקומען נאָך פּעטערסבורג (ביי ריטשמאָנד), וואו די זידליכע אַרמעע האָט זיך קאָנצענטרירט, און האָט זי בעלאַגערט נאָך אַלע רעגלען פון דער בעלאַגערונגס-קונסט.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך שערמאַן פון זיין זייט געמאַכט פאָרטשריט. אונטער אונאויפהערליכע קעמפען איז ער דורכגעגאַנגען דאָס פיינדליכע לאַנד ביז ער איז ענדליך געקומען נאָך סאַוואַננאַה. אין פיעלע ערטער איז ער געווען געצוואונגען צו מאַכען בריקען אום אַריבערצופיהרען די אַרמעע איבער טייכען און זאָגאַר צו מאַכען אָפּטמאָל נייע וועגען פיר זיינע סאָלדאַטען. אין סאַוואַננאַה איז ער פערבליבען נאָר אַ געוויסע צייט, וויפיעל ער האָט געהאַט נעטיג אום צו צושטערען אַלע אייזענבאַהנען פון זיד- און נאָרד-קאַראָלינאַ. אין יאַנואַר 1865 איז ער אַוועק נאָך פּעטערס-בורג אום צו פעראייניגען זיך מיט'ן גענעראַל גראַנט. ער האָט איינגע-נומען צוויי פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון די רעבעלען און דעם 26טען מערץ איז ער שוין געווען אין דער הויפּט-קוואַרטיר אום צו נעהמען אַנטייל אין דעם קריגס-ראַט, וועלכער האָט דאַמאָלס פערהאַנדעלט דעם פּלאַן, ווי אַנצופאַנגען יעצט דעם קריג.

דער קריגס-ראַט האָט בעשלאָסען אַנצופאַנגען גלייך אַן אַנגריף אויף פּעטערסבורג און ריטשמאָנד. דעם 2טען אַפּריל האָט די אַרמעע פון דער יוניאָן איינגענומען פּעטערסבורג און איז אַריין אין שטאָדט. די פאָלקען פון די נעגערס האָבען אויך באַלד איינגענומען ריטשמאָנד, אַזוי דאָס דעם 4טען אַפּריל האָט שוין לינקאָלן געקענט נעהמען אין בעזיץ דעם קאַפּיטאָל פון דער הויפּטשטאָדט פון די רעבעלען. דערמיט איז דער ווידערשטאַנד פון דער קאָנפעדעראַציאָן געבראָכען געוואָרען. דעם 9טען אַפּריל האָט זיך לי מיט זיין אַרמעע פון 26,000 מאַן איבערגעגעבען צו גראַנט'ן.

איינינע פאנאטיקער האבען געגלויבט, דאס אויב עס וועט זיי גע-לינגען אפצוראמען פון וועג דעם פיהרער פון דער יוניאן, וועט זיך דורך דעם ענדערן די לאגע. דעם 14טען אפריל האט דער שוישפילער וויל-קעס בוטה דערשאסען דעם פרעזידענט לינקאלן אין טהעאטער, וואו דיזער איז געזעסען אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע. נאך א פערזוך, א מארד־אנגריף אויף דעם שטאאטס־סעקרעטער סיואַרד, איז פערהינ-דערט געווארען.

גענעראל גראנט.

די יוניאן אבער האט זיך ניט דערשראקען פאר דיזע משוגע'נע טאטען. אלע פיהרער פון די זידליכע שטאאטען האבען זיך באלד ערקלערט אונטער-ווארפען אונטער דער יוניאן. דער פרעזידענט פון די זידליכע שטאאטען, דזשעפפערסאן דעיווים, איז געפאנגען געווארען, ווען ער האט געוואלט

ענטלויפען נאָך אייראָפּאַ, און דאַן האָט דער נייער פּרעזידענט פון דער יוניאָן ערקלערט דעם גרויסען קאַמף פיר געענדיגט.

יעצט האָט די יוניאָן געהאַט פאַר זיך די שווערע ארבייט צו רעאָר-גאַניזירען דעם שטאַאַט און פעסטשטעלען איהם אויף די פּרינציפּען פון פריי-הייט און גלייכע רעכטען פיר אַלע איינוואוינער, אָהן אונטערשייד פון קאָ-ליר, ראַסע און רעליגיאָן. די האַנדלונג פון דער יוניאָן מיט די בעזיגטע איז געווען גרויסאַרטיג און שטעהט ביישפּיללאָז אין דער געשיכטע. פון אַלע שולדיגע אין דער ערמאָרדונג און פּייניגונג פון די נאָרדליכע געפאַנ-גענע איז בלויז איין אונמענש מיט'ן נאָמען ווירטץ הינגעריכטעט געוואָרען פיר זיין שרעקליכע גרויזאַמקייט. די יוניאָן האָט ניט געוואָלט געדענקען די בעזיגטע זייערע רציחות, רויבערייען און בראַנדען. דאָס גאַנצע פאָלק האָט געפאָדערט צו נעהמען ראַכע פון די בעזיגטע פיר זייערע מעשים תעתועים אין דער צייט פון קריג. אָבער דער פּרעזידענט האָט דאָס פאָלק בערוהיגט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק וועט איהם דאַנקען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט דערלאָזען צופרידען שטעלען דעם ראַכע-געפיהל.

די אָפּפער, וואָס דיזער בירגער-קריג האָט געקאָסט, זיינען געווען אונ-געהייער. די זידליכע שטאַאַטען האָבען פערלאָרען 200,000 און די נאָרד-ליכע 320,000 סאָלדאַטען. די קריגס-קאָסטען פון דער יוניאָן האָבען בע-טראָפען 2¾ מיליאַרדען, און פון דער קאָנפעדעראַציאָן 6 מיליאַרדען. אָבער אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן האָט דיזער קריג געמאַכט אַן ענטשיי-דענדע ענדערונג. די יוניאָן איז יעצט געשטעלט געוואָרען אויף אַ פיעל שטאַרקערען פונדאַמענט און האָט בעקומען אַן אויסערגעוועהנליכען צו-וואוקס אין אינדוסטריע און אַקערבוי.

אין יאָהר 1868 איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט דער זיגער פון ריטשמאָנד, דער גענעראַל גראַנט. צו זיין ערוועהלונג האָבען פיעל געהאָלפען די נעגערס. אונטער איהם האָבען די נעגערס ערהאַלטען פולע גלייכע רעכטען, פּאָליטישע און בירגערליכע. פיעלע זיינען ניט געווען צו-פרידען מיט זיין אדמיניסטראַציאָן, ווייל אונטער איהם האָט געבליהט די שווינדעל-פּאָליטיק און די בעגינסטיגונג פון פערוואַנדטע. אָבער צוליב זיין רוהם אַלס קריגס-קאָמאַנדיר האָט מען איהם פערצייהעט אַלע זיינע פעהלערן. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, דאָס יעצט איז נעטיג, אַז אויף דעם פּרעזידענטען-שטול זאָל זיצען אַ מאַן, וואָס האָט אַ רעפּוטאַציאָן אַלס אַ גרויסער העלד, ווייל די זידליכע שטאַאַטען זיינען נאָך אַלץ ניט געווען רו-היג. און דעריבער איז ער ערוועהלט געוואָרען אין יאָהר 1872 צו צוויי-

טען מאל אלס פרעזידענט. אבער אין דער צייט פון זיין צווייטען טערמין האט זיך די קארופציאן צווישען זיינע בעאמטע פערברייטעט מעהר און מעהר. אונטערזוכונגען האבען ארויסגעבראכט שרעקליכע בעטרוגען, כאַבאר און שווינדעל צווישען די העכסטע בעאמטע, און דאס האט שרעקליך אויפגערעגט די בעסטע מענשען אין לאנד. פון אלע זייטען האט מען געפאדערט רעפארמע.

נאך גראנט'ן איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט דער רעפובליקאנער רוטהערפארד העיעז (1877—1881). דיזער פרעזידענט האט געמאכט אין דיזער הינזיכט איינינע ענדערונגען צום בעסערן. אבער די רעפארמע פון די עמטער אין אלגעמיין איז איהם ניט געלונגען דורכצופיהרען, ווייל פיעלע פון די איינפלוסרייכע פערזאנען האבען איהם דערין געשטערט. נאך העיעז איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט דזשעימס גארפיעלד. אויף איהם האט מען פיעל געהאפט, דאס ער וועט מאכען אן ענדע צו דעם כאבאר־שווינדעל, וואס האט נאך אלץ געהערשט אין לאנד צווישען די בעאמטע. אבער הגם ער איז ווירקליך געוועזן טריי צו זיינע פליכטען און אן ענערגישער מאן, דאך איז די האפנונג ניט ערפילט געווארען. א טראגישער שיקזאל האט איהם אין איינינע מאנאטען אוועקגעריסען פון זיין אמט. א מאן מיט'ן נאמען גיטא האט איהם אויס ראכע דערפאר, וואס ער האט איהם ניט געוואלט בעשטימען אלס קאנסול, טויטליך פערוואונדעט מיט א רעוואלווער, און ער איז געשטארבען נאך א לאנגען קאמף מיט'ן טויט דעם 19טען סעפט. 1881.

דאס אמט פון פרעזידענט האט דאמאלס פערטראטען דער וויצע־פרעזידענט טשעסטער ארטהור. אבער אויך אונטער זיין רעגירונג האט ניט אויפגעהערט די קארופציאן, די יאגד נאך עמטער, דער שווינדעל מיט פענסיאנען, און די אונמעגליכקייט פון רעפארמע האט געפיהרט דערצו, דאס די רעפובליקאנישע פארטיי האט פערלארען דעם צוטרויען פון פאלק, און די דעמאקראטישע פארטיי האט בעקומען די איבערגעוויכט, ווייל דיזע פארטיי האט שטארק פראטעסטירט געגען דער פערדארבענהייט פון דעם הערשענדען סיסטעם. אויך א טייל פון דער רעפובליקאנישער פארטיי איז געווען געגען דעם רעפובליקאנישען קאנדידאט פיר פרעזידענט, בלעין. דיזער בלעין איז אפילו געווען א מאן מיט גרויסע פעהיגקייטען, אבער ער האט ניט געהאט קיין גוטען נאמען אלס א מאן מיט פעסטע פרינציפען פון גערעכטיגקייט. און דעריבער איז נאך 24 יאהר ווידער צום ערסטען מאל ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט א דעמאקראט, דער

גאָווערנאָר פון ניו יאָרק, גראָווער קליוולאַנד (מערץ 1885 און אין הערבסט פון 1892 איז ער צום צווייטען מאָל ערוועהלט געוואָרען צו דיזען אמט.

עס איז אמת, דאָס אויך אין די פעראייניגטע שטאַאטען געפינען זיך פיעלע פערדאָרבענע און פוילע צושטענדען, אָבער מען מוז צוגעבען, דאָס קיין אנדער שטאַאט ענטהאַלט ניט אין זיך אזוי פיעל לעבען און גיט ניט אזוי פיעל האָפנונג פיר די צוקונפט ווי די פעראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקאַ. די פּאָליטישע פערפאַסונג איז די פרייעסטע אין דער וועלט. די קאָנסטיטוציאָן איז פערפאַסט געוואָרען אין יאָהר 1787, דאָך האָט זי זיך בעוויזען פאַסענד און גוט אין גוטע און אין שלעכטע צייטען, אין קריג און אין פרידען, אין צייטען, ווען די גאַנצע בעפעלקערונג איז בעשטאַנען נאָר פון 3½ מיליאָן איינוואוינער ווי אין די לעצטע צייטען, ווען די בע-פעלקערונג האָט זיך פערמעהרט ביז 100 מיליאָנען מענשען.

צו די פעראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקאַ געהערען 48 שטאַאטען אויסער אייניגע טעריטאָריעס און דעם דיסטריקט פון קאָלומביאַ, וואו עס געפינט זיך די הויפט-שטאָדט (וואַשינגטאָן). דער פרעזידענט איז דער העכסטער בעאַמטער אין לאַנד, ער האָט די עקזעקוטיוו-מאַכט. די געזעצ-געבענדע קערפּערשאַפט, וועלכע בעזיצט די העכסטע מאַכט, איז דער קאָנ-גרעס, וועלכער בעשטעהט פון צוויי הייזער, דעם סענאַט און דעם הויז פון רעפּרעזענטאַנטען. דער סענאַט בעשטעהט פון 96 מיטגלידער, וועלכע פלע-גען פריהער ערוועהלט ווערען פון די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען און ווע-רען יעצט ערוועהלט דורך פאָלקס-אָפּשטימונג. יעדער שטאַאט דאַרף שיקען צוויי סענאַטאָרען, עס מאַכט ניט אויס ווי גרויס דער שטאַאט איז. דאָס רעפּרעזענטאַנטען-הויז בעשטעהט פון מיטגלידער, וועלכע ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאַאט לויט דער צאָהל פון די איינוואוינער, וואָס געפינט זיך אין שטאַאט. די סענאַטאָרען ווערען ערוועהלט אויף 6 יאָהר און די רע-פּרעזענטאַנטען אויף 2 יאָהר.

אַ פאָרשלאַג וועגען אַ נייעם געזעץ מוז האָבען די צושטימונג פון ביידע הייזער, פון די רעפּרעזענטאַנטען און פון סענאַט, און אויסער דעם נאָך די צושטימונג פון פרעזידענט. ווען אָבער דער פרעזידענט גיט ניט זיין הסכמה צו אַ נייעם געזעץ און ער פערלאַנגט מאַנכע ענדערונגען אין דעם פאָרשלאַג, מוז דער פאָרשלאַג מיט די ענדערונגען פון פרעזידענט געשיקט ווערען צוריק אין קאָנגרעס. אָבער ווען צוויי דריטעל שטימען פון דעם קאָנגרעס בעשטעהען אויף דעם פאָרשלאַג אָהן דעם פרעזידענט'ס ענדע-

רונגען, ווערט ער א געזעץ אהן דעם פרעזידענט'ס צושטימונג. דערפון זעהען מיר, דאס דער קאנגרעס פון די פעראייניגטע שטאאטען איז עכט דעמאקראטיש. דורך דיזע פריהייטליכע פערפאסונג האט דער אמעריקא־נישער קאנגרעס א גאנץ אנדערע בעדייטונג ווי די אייראפעאישע פארלא־מענטען. דער קאנגרעס האט אויך צו ענטשיידען פראגען וועגען קריג און פרידען. די געזעצען פון יעדען שטאאט בעזונדער מוזען הארמאנירען מיט די אלגעמיינע געזעצען פון דער יוניאן.

דאס געריכטס־וועזען פון די פעראייניגטע שטאאטען איז אפגעזונ־דערט פון דעם געריכטס־וועזען פון די איינצעלנע שטאאטען, אויך זיינען פיעלע געזעצען ניט אין אלע שטאאטען גלייך. יעדער שטאאט האט זיך זיינע געזעצען, צוגעפאסט צו די געוואוינהייטען און טראדיציאנען פון זיינע איינוואוינער. צוליב דעם זיינען אפט פראצעסען שווער צו פיהרען, זיי ווערען פערצויגען און קאסטען פיעל. א גרויסע ראלע שפילט אין די פעראייניגטע שטאאטען דאס געריכט, וואס דאס פאלק פיהרט דורך אליין, דאס „ל י נ ט ש ־ געריכט", וועלכעס ווערט אפט דורכגעפיהרט אויף דעם פערברעכער גלייך ווי מען כאפט איהם. די מעהרסטע אפפער פון דיזען סארט געריכט זיינען נעגערס.

די ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען איז פאר דעם יעצטיגען וועלט־קריג געווען זעהר אונבעדייטענד. אין דיזער הינזיכט איז אמעריקא געשטאנען פיעל העבער פון אלע אייראפעאישע לענדער. זי האט ניט פערברויכט איהר געלט אויף אן אונניצליכע איינריכטונג, נאר זי האט בע־סער פערוועגדעט איהרע מיליאנען פיר קולטור־צוועקען. אין יאהר 1890 איז די ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען בעשטאנען נאר פון 27,390 מאן. מארין־טרופען האט זי דאמאלס געהאט נאר 2,000 מאן. אויסער דעם זיינען דא אין אמעריקא מיליץ־טרופען, וועלכע ווערען צוזאמענגערו־פען צו געוויסע צייטען פיר קורצע מוסטירונגען און זיינען אונטערוואַרפען אין צייט פון פרידען אונטער די גאווערנארס פון די איינצעלנע שטאאטען. אין צייט פון קריג זיינען אלע וואפען־פיהיגע בירגער פון 18 ביז 45 יאהר פערפליכטעט צו געהן אי שטרייט.

די עקאנאמישע ענטוויקלונג פון דער יוניאן איז געגאנגען זעהר ראש און קרעפטיג. עס איז ניט צו געפינען אין דער וועלט־געשיכטע א גלייכען צו די פעראייניגטע שטאאטען אין דער הינזיכט פון עקאנאמישער ענט־וויקלונג. זי האט כמעט עראבערט די גאנצע וועלט. איהר אונגעהייערע ווירטשאפטליכע קראפט האט פיר די פעראייניגטע שטאאטען געוואונען

אַכטונג און האָט זיי אַוועקגעשטעלט כמעט איבער אַלע קולטור־לענדער פון דער וועלט.

„עס געפינען זיך נאַציאָנען", זאָגט פּר. אָקען, „וועלכע שטעהען הע־כער פון די אַמעריקאַנער אין וויסענשאַפטען, עס זיינען פאַראַן נאַציאָנען, וועלכע שטעהען העכער פון די אַמעריקאַנער אויף דעם געביט פון די שענע קונסטען; עס איז צו געפינען נאַציאָנען, וועלכע האָבען אַ פיעל רייכערע ליטעראַטור ווי די אַמעריקאַנער; פיעלע לענדער פון אייראָפּאַ און אַזיען האָבען גרעסערע אַרמעען און מעכטיגערע פלאָטען; איינינע מדינות, ווי צ. ב. רוסלאַנד האָט גרעסערע שטרעקעס לאַנד, אַנדערע, ווי צ. ב. די ברי־טישע אימפּעריע און כינאַ, האָבען פיעלע מיליאָנען מעהר בעפעלקערונג; די אַלטע קולטור־פעלקער פון אייראָפּאַ שטעהען העכער מיט דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי עס ווערט דאָרט אויסגעאיבט די גערעכטיגקייט, מיט דער מאָראַל פון זייערע בעאַמטע, מיט זייער פּינקטליכער אָרדנונג, מיט דעם, וואָס מאַנכע זאַכען זיינען ביי זיי צייטיגער און מעהר אויסגעבילדעט, — אָבער קיין לאַנד קען זיך ניט גלייכען מיט די פעראייניגטע שטאַאַטען אין זייערווירטשאַפטליכער לייסטונגס־פעהיגקייט אויף אַ גרויסער רייהע פון געביטען, אין שטאַרקער און ענערגישער שטרעבונג, אין דער ריעזענהאַפטער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן און פון דעם פערקעהר, אין דעם גוואַלדי־גען וואוקס פון די שטעדט, אין דער שנעלער אויסברייטונג פון קולטור איבער ווייטע שטרעקעס לאַנד, וועלכע זיינען צום טייל מיט אַ קורצער צייט צו־ריק נאָך געלעגען וויסט, און אין דער אונגעהייערער פערמעהרונג פון דעם נאַציאָנאַל־רייכטום.

דיזער פאַקט וואַרפט זיך אונז אין די אויגען און דרינגט אַריין ניט ווילענדיג אין אונזער גייסט אַזוי באַלד ווי מיר בעטרעטען אין ניו יאָרק דעם אַמעריקאַנישען באָדען און דערזעהען אַרום אונז דאָס גוואַלדיגע לעבען און טרייבען, די בעלעבטע האַפענס מיט די ריזען־שיפען פון אַלע פעלקער, די גוואַלדיגע מאַסען מענשען, וועלכע בעוועגען זיך אין די גאַסען אָדער ציהען זיך אָהן אויפהער אין די גרויסע דאַמפּ־פעררים, וועלכע קרייצען די ברייטע וואַסערן צו אָסט און וועסט, די מיט מענשען און פראַכט בעלאָדענע אייזענבאַהן־צוגען, וועלכע געהען אָפּ כמעט יעדע מינוט פון דער גרויסער מעטראָפּאָל נאָך זיך, וועסט און נאָרד, אָדער קומען אָן אין די וואַקזאַלען, און די האַנדעלס־פּאַלאַצען, וועלכע ציהען זיך אין לאַנגע רייהען. דאָס זעלבע לערנען מיר אויך פון די בעריכטען פון דער בערזע און פון די ריזיגע טעג־

ליכע צייטונגען, וועלכע זיינען אנגעפיקעוועט מיט בעריכטען און מיטטיי-
לונגען פון אלע סארטען".

דעם אונגעהייערען וואוקס פון די פעראייניגטע שטאאטען קען מען
צום בעסטען זעהן פון דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג. אין יאהר
1790 איז די בעפעלקערונג בעשטאנען נאר פון 3,590,000 נפשות; אין
1893 איז די צאהל פון דער בעפעלקערונג דערוואקסען ביז 66,000,000.
לויט דעם לעצטען צענזוס (פאלקס=צעהלונג פון 1910) האבען די פעראיי-
ניגטע שטאאטען קרוב צו 100,000,000 מענשען. די חובות פון לאנד באלד

לינטש=משפט.

נאך דעם בירגער=קריג אין יאהר 1866 זיינען געווען 2,773 מיליאנען דאל-
לארס. אייניגע איירעפעאישע שטאאטסמענער האבען בעטראכט דיזע
סומע פיר א גרויסע לאסט פיר אמעריקא, א לאסט, וועלכע מוז האבען א
שלעכטע ווירקונג אויף דעם עקאנאמישען צושטאנד פון לאנד, אבער די
אמעריקאנער זעלבסט האבען זי גערעכענט פיר א קלייניגקייט, ווייל זיי
האבען גוט פערשטאנען די קרעפטען פון לאנד, וועלכע זיינען אין שטאנד.
זי איבערצוטראגען. און ווירקליך, דער אונגעהייערער חוב איז געווארען קלע-
נער פון יאהר צו יאהר, און הגם מען האט ניט בעלעסטיגט די בעפעלקערונג
מיט קיין נייע שטייערן און אפגאבען, איז דעם ערסטען דעצעמבער פון יאהר

1891 דער חוב פיעל פערקלענערט געווארען און עס איז נאך איבערגעבליבען א חוב פון 585,026,870 דאללארס. אויך דער עקספארט-האנדעל איז גע-וואקסען פון יאהר צו יאהר און האט איבערגעשטיגען דעם אימפארט-האנ-דעל. אין יאהר 1891 איז דער ארויספיהר געווען מעהר פון דעם אריינפיהר מיט 156,774,889 דאללארס.

אויך די נאטירליכע רייכטימער פון לאנד זיינען אונגעווהנליך גרוים. דאס לאנד פערמאגט זעהר פיעלע רייכע מינעס פון גאלד, זילבער, קוועק-זילבער און צין, קעראסין-קוואלען א. אז. וו. אין 14 יאהר צייט, פון 1849 ביז 1863, האט דער אמעריקאנישער באדען ארויסגעגעבען 350 מיליאנען פונט סטערלינג, דאס הייסט מעהר פון העלפט פיעל אין יאהר 1848 האט איירָאפּא צוזאמען מיט אמעריקא פערמאגט פון דיזען עדלען מעטאל. דער זילבער-ארויספיהר פון נעווארא האט אין יאהר 1861 געשטיגען אויף 3 מיליאנען און אין יאהר 1862 אויף 5 מיליאנען דאללארס. אבער די גרעס-טע וויכטיגקייט האט געהאט די פראדוקציאן פון קעראסין. אין יאהר 1864 האט אמעריקא פערקויפט פיר 180 מיליאנען דאללאר קעראסין. דער ווערט פון גרונד-אייגענטום אין די ערטער, וואו עס האבען זיך געפונען די קערא-סין-קוואלען, האט געשטיגען אויף 20,000 מאל פון פריהערדיגען ווערט.

אבער דער וויכטיגסטער שאץ פון דער יוניאן איז דער אקער-באדען. זעהר א גרויסער טייל פון דעם באדען פון די פעראייניגטע שטאאטען איז זעהר גוט פיר אקערבוי. זעהר וועניגע פלעצער אין דער וועלט זיינען אזוי גינסטיג פיר אקערבוי, ווי דער אקער-באדען פון די פעראייניגטע שטאאטען.

זעהר פיעל ווערט אין אמעריקא בעארבייט דער מאאיס (קוקורוזע, טערקישער ווייץ). אין יאהר 1889 האט מען אראפּגענומען פון די פעלדער 2,112,892,000 בושעלס מאאיס, ווייץ אבער האט מען דיזען יאהר אראפּ-גענומען פון די פעלדער נאר 490,560,000 בושעלס.

פיר עקספארט האט ווייץ א גרעסערע בעדייטונג. מאאיס ווערט פער-ברויכט זעהר פיעל פון די אמעריקאנער זעלבסט. אמעריקא פיהרט ארוים ווייץ מעהר פון אלע אנדערע לענדער, וואס בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי, זאגאר מעהר פון רוסלאנד. אין יאהר 1860—61 האט אמעריקא ארויסגע-פיהרט ווייץ פיר 42,573,295 דאללארס, און ווייצען-מעהל פיר 27,534,647 דאללארס; אין יאהר 1890—91 איז ווייץ ארויסגעפיהרט געווארען אויף א סומע פון 51,420,272 דאללארס און מעהל פיר 54,705,616 דאללארס. מיר ווייסען, אז די איירָאפּעאישע אקערבוי-לענדער זיינען שטארק געדריקט געווארען פון דער קאנקורענץ פון אמעריקא. די געטריידע פון אמעריקא

האט פערפלייצט די אלע אייראפעאישע מערק. אין פיעלע אייראפעאישע לענדער זיינען די גוטס-בעזיצער רואינירט געווארען פון דיזער קאנקורענץ און זיינען צוליב דעם געווארען געגנער פון די רעגירונגען, וועלכע זיי האבען פריהער געשטיצט.

באוועל האט אמעריקא אין יאהר 1891 פראדוצירט 8,655,000 באלען, פון וועלכע יעדער האט בעטראפען 440 ענגלישע פונט סטערלינג (2,200 דאללאר). איבערהויפט גיט ארוים זעהר פיעל באוועל דער שטאאט מיסיסיפפי. זעהר בעדייטענד איז אויך די פראדוקציאן פון היי און טאבאק. פיה-צוכט איז איינע פון די הויפט-בעשעפטיגונגען פון די פעראייניגטע

גאלד-גרעבער אין קאליפארניא, וואס קומען אום דורך מאנגעל.

שטאאטען. דיזעס געשעפט ווערט היר געטריבען אין א גרויסען מאסשטאב, ווי אלעס אין אמעריקא. דער אמעריקאנער איז דער ערסטער פיה-צוכטער אין דער וועלט. דער אמעריקאנער האט א בעזונדערע ליבע פיר טיערען און ער בעהאנדעלט לעבעדיגע ברואים מיט גרוים זארגפאלט.

אויך אין דער אינדוסטריע איז דער פארטשריט פון די פעראייניגטע שטאאטען ריזיג גרוים. זיי זיינען אין די מעהרסטע צווייגען פון אינדוסטריע ניט נאר געווארען זעלבשטענדיג, נאר זיי בעטייליגען זיך שוין פיעל אין עקספארט. אין מאשינען-בוי שטעהט אמעריקא אויף דער העכס-

טער שטופע פון פאלקאמענהייט. אין סטראיען שאסען, אייזענבאהנען, בריקען, וואסער=לייטונגען, שיפען און הייזער שטעהט ניט קיין לאנד העבער פון דער יוניאן. אן אייראפעער, וועלכער קומט צום ערסטען מאל אין ניו יארק, קוקט מיט גרויס פערוואונדערונג אויף דעם מערקווירדיגען איסט=ריווער=בריק (ברוקלין=בריק), אויף די צוואנציג=שטאקיגע געביידעס, אויף די וואונדערבארע אייזענבאהן=געביידעס או. ד. גל. מען קען פארויסזאגען, דאס עס שטעהט פאר אייראפא איבערצולעבען שווערע צייטען, דאס דער צענטער פון דער עקאנאמישער מענשליכער טעטיגקייט וועט אין גיכען ווערען אמעריקא. איבערהויפט איז צו פירכטען, דאס די אויפלעבונג פון יאפאן און כינא וועט מאכען אן ענדע צו דער געקינסטעלטער אנגעשטרענגטער לאגע פון אייראפא, און זי וועט געשטעלט ווערען אין אזא צושטאנד, וועלכער עס קומט איהר לויט איהרע נאטירליכע אונבעדייטענדע אוצרות און איהרע ווירקליכע מאטעריעלע קרעפטען.

אויסער די נאטירליכע רייכטימער פון די פעראייניגטע שטאאטען איז דאס פאלק אונגעוועהנליך טיכטיג און בעגאבט. דאס אמעריקאנישע פאלק איז זעהר אינטעליגענט. מיט זיין פראקטישען גייסט, מיט זיין ליבע צו שאפען אימער נייעס, שטעהט דאס אמעריקאנישע פאלק פיעל העכער פון אלע אייראפעאישע פעלקער. די פרייהייט גיט דעם אמעריקאנער קראפט און לוסט צום שאפען. די פרייע ענטוויקלונג פון די קרעפטען פון יעדען איינצעלנעם מענשען אין דיזען לאנד איז דא געשטיגען אזוי הויך, ווי מיר זעהען עס ניט אין קיין לאנד אין דער וועלט. די אמעריקאנישע געזעצגעבונג איז זעהר פארזיכטיג.ניט אנצוגרייפען די פרייהייט פון דער קראפט=ענטוויקלונג פון יעדען אינדיווידואום. אין אייראפא מוז יעדערער טאן ווי עס איז איהם פארגעשריבען לויט זיינע אטעסטאטען און פאטענטען. די פעהיגקייטען פון יעדען איינצעלנעם ווערען ניט גענומען אין אנבעטראכט. אין די פעראייניגטע שטאאטען קען יעדער פעהיגער מענש ערווארטען צו דערלאנגען די העכסטע עמטער. דא פרעגט מען ניט וואס פיר א בילדונג ער האט בעקומען, נאר וואס ער האט געלערנט און וואס ער איז אין שטאנד צו טאן. אין אייראפא מוז יעדער פון זיין פריהעסטער יוגענד בעשטימען פיר זיך א קאריערע, וועלכע עס איז איהם נאכדעם שווער צו ענדערן. גאנץ אנדערס איז עס אין אמעריקא. דא קומט עס זעהר אפט פאר, ווי א מענש געהט איבער פון איין פאך צו אן אנדערען, צו וועלכען ער האט מעהר לוסט און פיהלט זיך פעהיגער, און ווען ער האט אויסדויער פעהלט איהם אויך ניט דער ערפאלג.

מיר ווערען היר ברייננען אייניגע אינטערעסאנטע ביישפּילען. אן אייגענטימער פון א מיהל האט בעקומען א פעהלער, וועלכער האט איהם געמאכט אונפעהיג פארטצוזעצען זיין ארבייט. ער איז אבער געווען א זעהר אינטעליגענטער און ליבליכער מענש, און דערצו האט ער געהאט א מערקווירדיגען טאלאנט צו דער רעדע־קונסט. פריינד האבען איהם צוגע־רעדט, אז ער זאל ווערען א פרעדיגער. אין פערלויף פון א יאהר האט ער זיך ערוואָרבען די נעטיגע ידיעות, וועלכע האבען איהם געפעהלט צו זיין נייער פּראָפעסיאָן, און די טהעאָלאָגישע בילדונג, וועלכע איז פערבונדען מיט דעם אמט פון א גייסטליכען. עס האט ניט לאנג גענומען און ער האט



איסט־ריווער בריק צווישען ניו יאָרק און ברוקלין.

בעקומען א געלעגענהייט איינצואיבען זיך אין דער פּראקטישער ארבייט פון א קירכען־פרעדיגער. ער האט מיט דער צייט געקראָגען אן אנשטעלונג און האט געווירקט מיט ערפאלג צו זיין בעפרידיגונג און צו דער בעפרידי־גונג פון זיין געמיינדע. אן אנדער אמעריקאנער, א יונגער מאן פון א יאהר 17, וועלכער האט געארבייט אויף זיין פאטער'ס פארם, האט זיך פארבע־רייט אין דער שטיל צום עקזאמען פיר א לעהרער אין א שול. ער האט פריהער בלויז געענדיגט א פאלק־שולע. דאך איז ער אין א קורצער צייט געוואָרען א זעהר טיכטיגער שול־לעהרער; נאכדעם האט ער אויך דורכגע־מאכט אן עקזאמען אלס אדוואקאט און ענדליך האט ער בעקומען א שטעלע

פון א פראקוראר אין דעם שטאאט איאווא. דער בעוואוסטער זשעניאלער ערפינדער טהאמאס עדיסאן, האט ניט דורכגעמאכט קיין שולע אויסער די פאלק־שולע, און איז געווען א „ניוס־באי", ד. ה. א צייטונגס־פערקויפער. ביישפילען פון דיזער ארט קען מען ברייננען אהן א צאהל; אזעלכע ביי־שפיעלען בעגעגענט מען, ווען מען בעוועגט זיך אין אמעריקאנישען לעבען, כמעט אויף יעדען שריט. דא וועט איהר זעהן א פיעלפאכען מיליאנער, וועלכער בעשעפטיגט הונדערטער אדער טויזענדער ארבייטער אין זיינע פאבריקען, וועלכער האט מיט איינינע יאהר צוריק אליין געשלעפט א שווערען פאק מיט סחורה און איז געגאנגען פון דארף צו דארף פערקויפען קלייניגקייטען, און האט זיך ארויפגעארבייט מיט זיין ענערגיע און געזונדען פערשטאנד; דארט זעהט איהר א מאן, וועלכער איז מיט איינינע יאהר צוריק געווען אן איינפאכער ארבייטער, וואס האט גערייניגט און געפוצט לאקאמאטיוועו אום צו ערנעהרען זיך, ער איז יעצט דער אייזען־באהן־קעניג. איהר זעהט זעהר אפט א בעריהמטען שטאאטסמאן, וועלכער ווערט גע־שיקט אלס געזאנדטער צו די אייראפעאישע מלוכות, וואס האט אנגע־פאנגען זיין קאריערע אלס דארף־לעהרער; עס איז ניט קיין זעלטענהייט צו זעהן אין אמעריקא א הויכען בעאמטען, וועלכער האט נאך אין אלטער פון 20 יאהר געארבייט אין א פארם. אזעלכע צופעלען, וועלכע גע־הערען אין אמעריקא צו זעהר געוועהנליכע ערשיינונגען, געהערען אין אייראפא טיילס צו די זעלטענהייטען און טיילס צו די אונמעגליכקייטען. דאס אלעס האבען די אמעריקאנער צו פערדאנקען דער וואהרער פרייהייט, וועלכע זיי געניסען.

דיזע פרייע בעוועגונג פון די קרעפטען פון יעדען אינדיווידואום איז געווען די אורזאך פון דעם וויסענשאפטליכען שוואונג און האט געמאכט מעגליך יענע הויכע שאפונגען, וועלכע מען טרעפט אן גראדע אין אמע־ריקא. דיזע פרייהייט האט מיט זיך געבראכט א זעהר ריהרעוודיגעס, גייס־טיגעס לעבען אין פאלק און טרייבט יעדען פארווערטס מיט גרויס קראפט צו וועלען דערגרייכען דאס העכסטע, וואס זיינע פעהיגקייטען גיבען איהם די מעגליכקייט צו דערגרייכען, נים קוקענדיג אויף זיין אפשטאמונג און ווי ער האט בעקומען זיינע קענטניסען, ווען ער האט נאר טיכטיגע קענטנים.

עס איז אמת, דאס די קארופציאן האט זיך שוין איינגעפרעסען אין דער בעפעלקערונג און איבערהויפט אין די בעאמטע; אבער טראץ דער גרויסער מאכט פון פיעלע געלט־מאגנאטען און פראפעסיאנעלע פאליטיקער, טראץ די פאליטישע „רינגען" און מאנכע טיף־איינגעווארצעלטע פערדאר־

בענע אנשויאונגען אפילו אין די בעסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, איז דאך דער קערן פון פאלק, איבערהויפט פון די לאנד-בעוואוינער, א געזונ-טער. לויט אייניגע בעאבאכטער האט שוין די קארופציאן איבערגעשטי-גען איהר העכסטען פונקט און ווערט שוין קלענער. אין די לעצטע פאאר צעהנדליג יאהרען געהען אן שטארקע בעוועגונגען אויסצוראטען די קאררופ-ציאן פון די פאליטישע רינגען און אויפצוקלערען די בעפעלקערונג איבער ריינקייט אין פאליטיק.

אין אלגעמיין האט דער אמעריקאנער אין זיך עטוואס, וואס איז כמעט ווי פרעמד דעם לאנגזאמען אייראפעער. איבערהויפט אין די גרויסע שטעדט פון אמעריקא האט זיך ענטוויקעלט א פיבערהאפטעס ספעקולירען און א ווילדע יאגענים נאך דעם דאללאר. דאך איז עס פאלש צו בעהויפטען, אז דאס גאנצע אמעריקאנישע פאלק איז אנגעגריפען פון דיזער ליידענשאפט. אויף דעם לאנד, אין די פארם-געגענדען, געהט עס צו גאר אנדערס. דארט בעמערקט מען אן אויסערארדענטליכע רוהיגע שאפונגס-טעטיגקייט; אויך אין די קלענערע שטעדט איז זעהר ווייניג צו בעמערקען די ווילדע יאגענים נאך געלט.

אבער דאס איז קיין צוויפעל ניט, דאס אין אלע ספערען פון דער גע-זעלשאפט אין אמעריקא איז צו זעהן א אונגעוועהנליכען גייסט צום שא-פען, צו ארויסברייגגען עטוואס נייעס, אונגעוועהנליכעס, א גייסט; וואס מיר זעהען ניט זיין גלייכען אין אייראפעאישע פעלקער. מיר מוזען אנ-ערקענען, דאס דעם אמעריקאנישען פאלק געהערט אין דיזער הינזיכט, אין דער הינזיכט פון שאפען און ערפינדען, דער ערסטער פלאץ צווישען אלע נאציאנען אין דער וועלט. אמעריקא קען און מעג מיט דער גרעסטער האפ-נונג קוקען און ערווארטען איהר גליקליכע צוקונפט. די צוקונפט געהערט דעם אמעריקאנישען פאלק אליין, אדער צוזאמען מיט די אסט-אזיאטישע פעלקער: יאפאן און כינא!

די אינדיאנער, די פריהערדיגע איינוואוינער פון די פעראייניגטע שטאאטען, ווערען אלע מאל ווייניגער; זיי צוגעהען ווי שנעע אין דער זון פאר דעם פייער פון דער ציוויליזאציאן און דעם אמעריקאנישען אינדוסטריע-לען לעבען. די אונאויפהערליכע קעמפען, וואס זיינען פארגעקומען צווי-שען די ווייסע, וואס האבען זיך בעזעצט אין אמעריקא, און די אור-איינ-וואוינער, די רויטע אינדיאנער, האבען זיי כמעט אין גאנצען פערניכטעט. עס זיינען פון זיי יעצט געבליבען אין לאנד זעהר ווייניגע פעראיינצעלטע שטאמען מיט זייערע מערקווירדיגע קונסטען, שפראכען, אנשויאונגען, גע-

זעלשאַפטליכע אָרדנונגען, מיט זייערע הויפטלינגען, פאָלקס־פערזאַמלונגען און זייערע פערוואַנדטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען. זיי זיינען איבערגע-בליבען אַלס עדות פון אַ פערשוואונדענער עפּאָכע, וועלכע אויך מיר האָבען דורכגעמאַכט, אַלס לעבעדיגער בעוויז פיר די געמיינשאַפטליכע אָפּשטאַ-מונג פון דער מענשהייט, פיר די ענטוויקלונג פון אַלע מענשען־גרופען, וועל-כע האָבען אין בעזונדערע וועלט־טיילען זיך בעוועגט אין פערשיידענע אָבער דאָך איבעראיינשטימענדע וועגען; זיי זיינען אי-ערגעבליבען אַלס שלאַ-גענדער בעוויז דאַפיר, דאָס די געשיכטע פון דער מענשהייט האָט אי-בעראַל געהאַט דעם זעלבען אָנפאַנג, די זעלבע ערפאַהרונגען, דעם זעלבען פאָרטשריט. דאָס לעבען פון דיזע אינדיאַנישע שטאַמען האָט עס אויפ-געקלערט דעם פאָרשער מאָרגאַן איבער די נאַטור פון דער גענטיל־אָרגאַני-זאַציאָן *) און האָט פאַר איהם אויפגעדעקט יענע וויכטיגסטע אינסטיטו-ציאָן, וועלכע האָט וואַהרשיינליך בעגלייטעט די מענשהייט פיעלע טויזענ-דער יאָהרען.

וואָס אָנבעטרעפט די אַמעריקאַנישע אַרבייטער־בעוועגונג איז זי זעהר עהנליך צו דער ענגלישער. די סאָציאַליסטישע אידעאַלען האָבען ניט אין אַמעריקאַ קיין פעסטען באָדען. דער פּראַקטישער אַמעריקאַנישער אַרביי-טער איז מעהר אינטערעסירט אין דעם קאַמף פיר אַ בעסערען לוין איידער אין פּאָליטישע מאַסען־בעוועגונגען. די סאָציאַליסטישע אידעע ווערט דאָרט פערברייטעט פון די רעוואָלוציאָנערען און אונצופרידענע, וועלכע זיינען פערפאָלגט אין אייראָפּאַ און פליהען נאָך אַמעריקאַ, אָבער מעהרסטענס נאָר אונטער דייטשע פעראיינען. דער סאָציאַליזם אין אַמעריקאַ איז הויפט-זעכליך געשטיגען נאָך דעם דורכפאַל פון דעם גרויסען אייזענבאַהן־סטרייק אין 1877. אָבער אויך דאַן איז דער צוואוואוקס פון זיינע אָנהענגער גע-גאַנגען זעהר לאַנגזאַם. אין יאָהר 1883 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקאַ געצעהלט ניט מעהר ווי 2,000 גענאָסען, אונטער וועלכע עס זיינען געווען 1,800 דייטשען.

אין דעם שטאַאַט איללינאָיז האָט זיך געבילדעט אַ זעלבשטענדיגע פּאַרטיי, די „יונאַיטעד לעיבאָר פּאַרטיי", וועלכע איז בעשטאַנען פון מיט-גלידער פון פערשיידענע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען. דיזע פּאַרטיי האָט אָנפאַנגס געהאַט אַ היבשען ערפאָלג און האָט גענדראָהעט דיביידע הער-

---

*) זעה 2טען באַנד, ז. 48—51; 3טען באַנד, ז. 18—20.

שענדע פארטייען אין לאנד, די רעפובליקאנער און דעמאקראטען. אבער באלד האבען זיךביידע פארטייען פעראייניגט צו בעקעמפען די נייע פאר-טיי, און האבען זי אפגעשוואכט. דאס זעלבע איז געווען דער שיקזאל פון עהנליכע פארטייען, וואס האבען זיך געגרינדעט אין אנדערע שטאאטען. דעם גרעסטען ערפאלג האט געהאט די „יונאיטעד לעיבאר פארטי", וואס האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק. די פערשיידענע ארבייטער-ארגאניזא-

א הויפטלינג פון אינדיאנער.

ציאנען פון ניו יארק האבען אויפגעשטעלט אויף זייער קאנווענציאן א פראגראם, אין וועלכען עס האט אונטער אנדערעס געהייסען: „מיר ער-קלערען, דאס דער גרויסער ווערט, וועלכען די אנדערהאלב מיליאנען מענ-שען גיבען דעם גרונד און באדען פון אונזער שטאדט, געהערט על פי יושר צו דער גאנצער געמיינדע; דער צוואוואוקס אין דעם ווערט דארף אלזא

ניט דינען צו בערייכערן איינצעלנע פּערזאָנען און קאָרפּאָראַציאָנען, נאָר דאַרף געהן אין דער פאָרמע פון שטייער אויף די פערבעסערונג און פער־שענערונג פון דער שטאָדט, אויף פערהיטונג פון געזונדהייט, בעקוועמליכ־קייט, ערציהונג און ערהאַלונג פון די בירגער, ווי אויך פיר פערבינדונגס־ליניען לויט די פאָדערונגען פון דער גרויסער מעטראָפּאָל". צוזאַמען מיט דיזען פּראָגראַם האָבען די ארבייטער־פעראיינען ארויסגעשטעלט הענרי דזשאָרדזש אלס קאנדידאט פיר סיטי מעיאָר (בירגערמייסטער) פון ניו יאָרק. ביי די וואהלען האָט ער בעקומען 67,699 שטימען, ווערהענד דער קאנדידאט, וואָס די דעמאָקראטען האָבען ארויסגעשטעלט, האָט בע־קומען 90,000 שטימען. אָבער מיט דיזען רעזולטאט האָט די ארבייטער־פּארטיי דאָך געהאט א גרויסען מאָראלישען זיג. פיעלע אנדערע האָבען איינגעשטימט מיט די אידעען פון הענרי דזשאָרדזש וועגען דער רעפאָרמע פון שטייער פון גרונד־בעזיץ, בעזונדערס פערשיידענע גײסטליכע, דער וויכטיגסטער פון וועלכע איז געווען דער קאטאָלישער דר. עדוארד מק. גלינן. עס האָט זיך זעהר שנעל געבילדעט א גרויסע פּארטיי אונטער דעם נאָמען „די דזשאָרדזש־פּארטיי". אָבער דיזע פּארטיי האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. דעם נעכסטען יאָהר איז זי צופאַלען געוואָרען. אין אָנפאַנג פון יאָהר 1887 זיינען פאָרגעקומען בעראטונגען צווישען די ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען וועגען דער פאָרמע פון א פּראָגראַם פון זייערע פאָדערונגען. דיזע בעראטונגען האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינ־פלוס פון די סאָציאַליסטען, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דזשאָרדזש און זיינע פריינד די קריסטליך־סאָציאַלען האָבען בעשלאָסען ארויסצוטרע־טען געגען זיי. אויף דער שטאַאטס־קאָנווענציאָן אין סיראַקיוז האָבען זיי אויסגעשלאָסען די סאָציאַליסטען פון זייער פּארטיי. 94 דעלעגאַטען האָ־בען געשטימט דאַפיר און 54 דאַגעגען. דזשאָרדזש איז נאָמינירט געוואָ־רען צום אַמט פון שטאַאטס־סעקרעטער, אָבער ביי די וואהלען אין נאָוועמ־בער האָט ער ניט געהאט גענוג שטימען און איז דורכגעפאַלען. דזשאָרדזש איז דאַמאָלס אריבער צו דער דעמאָקראטישער פּארטיי און האָט אָנגעהוי־בען צו אַגיטירען פיר פרייען האַנדעל.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער־פּארטיי, וועלכע איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דזשאָרדזש'ן, האָט זיך אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1887 פער־איינינט מיט דער „פּראָגרעסיווער ארבייטער־פּארטיי" און האָט אויפגע־שטעלט א פּראָגראַם, וואָס האָט געפאָדערט, דאָס „אַלעמען זאָל זיין ער־לויבט צו בענוצען פריי דעם גרונד און באָדען און די ארבייטס־מיטלען

אהן געצאהלט דאפיר צו די לאנדלארדס אדער די מאנאפאליסטען". אבער די פארטיי האט ניט בעקומען פיעלע אנהענגער און איז באלד אויפגעלעזט געווארען.

די סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי איז פיעל פערגרעסערט געווארען דורך די אגיטאציאן פון ליעבקנעכט, אוועלינג און פון פרוי עלעאנאר מארקס־אוועלינג. דער בעסטער בעוויז דערצו איז די גרויסע סומע געלט, וואס אמעריקא האט בייגעשטייערט צום דייטשען וואהל־פאנד אין יאהר 1890. די פארטיי איז אבער ניט געוואקסען העכער צוליב די רייסערייען, וואס זיינען פארגעקומען אין דער פארטיי גופא. דער שטרייט־פונקט איז געווען, ווי אימער פריהער, אויב מען זאל זיך בעטייליגען אין די פאליטישע וואהלען, אדער מען זאל נאר ארגאניזירען געווערקשאפטליך (בויען ארבייטער־יוניאנס). אייניגע האבען גערעכענט, דאס דער אנטייל אין פאליטישע וואהלען איז די בעסטע פראפאגאנדא פיר דעם סאציאליזם, און דעריבער האבען זיי ניט געלעגט קיין געוויכט אויף די פעראייניגונג מיט אלע ארבייטער, ווייל דאס מוז פיהרען צו א קאמפראמיס, און דאס ווילען זיי ניט. איז אבער ארוים געגען זיי די „ניו יארקער פאלקסצייטונג", וועלכע האט געהאט זעהר פיעלע לעזער צווישען די דייטשע סאציאליסטען, און האט געצייגט, דאס די געווערקשאפט איז די נאטירליכע און נעטיגע ארגאניזאציאנס־פארמע פון די ארבייטער און זי איז מיט איהר דיסציפלין די בעסטע שולע פון דעם פראלעטאריאט. די וואהלען האט די „פאלקסצייטונג" בעטראכט אלס א קנאפען פראפאגאנדא־מיטעל, און אלס אויפגאבע פון דער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי האט זי בעטראכט די פערפאלקאמונג פון דער ענגלישער ארבייטער־פרעס און די רעפארמירונג פון די געווערקשאפטען. דיזע זאלען גרינדליך גערייניגט ווערען פון קארופציאן, ערפילט ווערען מיט סאציאליסטישען גייסט און געמאכט ווערען פיר א גרונדלאגע פון א צוקונפטיגער אמעריקאנישער סאציאליסטישער פארטיי.

דיזע פערשיידענהייט פון מיינונגען האבען געפיהרט אין זומער פון 1889 צו א שפאלטונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי, פון וועלכער זי האט זעהר פיעל געליטען. דער צושטאנד פון אלע פאליטישע ארבייטער־ארגאניזאציאנען אין אמעריקא איז אימער געווען א שוואכער. אויך די עקאנאמישע קאמף־ארגאניזאציאנען (טרייד־יוניאניסטישע) זיינען ניט בעזונדערס שטארק. זיי קענען ניט בייקומען דעם מעכטיגען קאפיטאל און קומען ביסלאכווייז צו דער איבערצייגונג, דאס די ארבייטער־קלאס מוז

שטרעבען צו פאליטישער מאכט, אויך צו פערבעסערן די עקאנאמישע לאגע. דאך זיינען דא איניגע ריהמענסווערטע אויסנאהמען, ווי דער פערבאנד פון די לאקאמאטיוון־פיהרער און אייזענבאהן־בעדינטע, פאר וועמעס מאכט דער אמעריקאנישער קאפיטאל האט רעספעקט.

אין אלגעמיין איז די לאגע פון די ארבייטער אין אמעריקא פיעל העכער ווי אין איראפא. דער ארבייטס־לוין איז דארט פיעל בעסער. די ארבייט־שטונדען זיינען וועניגער, און דעריבער האט דער אמעריקאנער ארבייטער מעהר פרייע צייט און מאכט דעריבער א פיעל בעסערען איינדרוק. ער ציינט א הויכע אינטעליגענץ און שטרעבט מעהר נאך בילדונג; דאס גיט איהם די מעגליכקייט צו קומען אין נאהענטער בעריהרונג מיט דער געבילדעטער קלאס, און דא קריגט ער ערמונטערונג צו ווייטערער בילדונג. מיט איין ווארט, אין אמעריקא איז ניט צו בעגעגנען די אייזערנע וואנט, וועלכע שיידט אפ אין איראפא די פערשיידענע קלאסען איינע פון דער אנדערער. עס איז דא ניט צו דערקענען קיין אונטערשייד צווישען ארבייטער און אנדערע בירגער. דאס אמעריקאנישע פאלק איז דעמאקראטיש אין אלע הינזיכטען, גייסטיג און אויסערליך.